STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00920

# GERSHN IN AMERIKE

## Chaver-Paver

•

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Paul Shneyer, Laura Friedman, Hanna & Joel Kaplan*
*in memory of*
*William & Hedy Shneyer*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

כאַווער-פּאַווער

# גרשון אין אַמעריקע

כאווער־פאווער

# גרשון אין אמעריקע

איקוף פאַרלאַג

CHAWER PAWER

# GERSZON W AMERYCE

Copyright © 1963 By Chawer Pawer

All Rights Reserved

*Printed in Poland*

*Wydawnictwo „Idisz Buch"* *Warszawa, Nowogrodzka 5*

RSW „PRASA", Tarczyńska 8. Zam. 4256 — L-70

# איז גרשון שוין טאַקע אין אַמעריקע?

איז שוין גרשון טאַקע אין אַמעריקע? ניין, ער גלויבט זיך נישט. אַט וועט ער זיך באַלד אויפכאַפּן און זיך דערזען ליגן אויף דער שוואַרצער סיראַטענער קאַנאַפּקע ביי טאַטע־מאַמע אין הויז, און ס'וועט אויסקומען, אַז ס'איז בלויז געווען אַ חלום...

ס'האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים אַ ריזיקע פאַנטאַסטישע שטאָט מיט אַ געוואַלדיקן רעש, מיט אַ געוואַלדיקן קנאַקן, מיט אַ בריאַזגן, מיט אַ ברומען, מיט אַ קאָכן. ס'קאָכט, ס'זידט, ס'דונערט. און אויף די גאַסן — מען לויפט, מען יאָגט, ווי פון אַ שריפה, מענטשן, פערד און וועגענער, טראַמווייען און לאַנגע באַנען איבער די דעכער. און די ריזיקע מויערן מיט די טויזנטער פענצטער, שטאָק אויף שטאָק, אָט נאָך אַ קאָפּעטשקע און זיי רירן אָן דעם הימל. און אפשר איז דאָס טאַקע אַ חלום, ער וועט זיך באַלד אויפכאַפּן, און ער איז גאָר ביי טאַטע־מאַמע אין הויז, און ס'וועט אים זיין אַזוי גוט, וואָס ער איז ביי טאַטע־מאַמע אין הויז...

ניין, ס'איז טאַקע נישט קיין חלום, אָבער ס'איז אויך נישט עפּעס, ווי אין דער וואָר. דער געדאַנק איז ווי עפּעס אין דער פינצטער. ער קאָן זיך נישט דערמאָנען, וואָס מיט אַ מינוט פריער איז געשען. מיט אַ מינוט פריער איז ער דאַכט זיך געווען אויף עליס איילאַנד. און דערנאָכדעם איז ער דאַכט זיך געווען אויף אַ שיפל איבערן וואַסער, און איידער וואָס, איידער ווען, איז ער שוין אויף דער גאַס פון ניו־יאָרק. און איידער ער קוקט זיך אום אויף דער גאַס פון ניו־יאָרק, ווי ער פאָרט שוין אויף אַ באַן, וואָס לויפט איבער די דעכער. און איידער וואָס, און איידער ווען, און ער איז שוין אין אַ הויז, וואָס רופט זיך „האַיאַס", וווהין איינער אַ מאַן האָט אים געבראַכט מיט נאָך אַ סך אַנדערע עמיגראַנטן.

און אין „האַיאַס" איז ער גאָר איינגעשלאָפן. זיצנדיק אויף

אַ בענקל, איז ער איינגעשלאָפן. אַמעריקע האָט אים מיד געמאַכט. און ס'דאַכט זיך אים אויס, אין דעם דאָזיקן שלאָף, אַז ער איז נאָך אַלץ אויף דער שיף, און דאָס דונערן און ברומען פון ניו־יאָרק איז גאָר דאָס דונערן און ברומען פון ים, מיט די ריזיקע, קאָכנדיקע, צאָרנדיקע, שווימענדיקע, פינענדיקע בערג מיט וואַסער.

און אָט וועקט מען אים אויף, און מען פירט אים מיט נאָך אַנדערע עמיגראַנטן דורך אַ לאַנגן קאָרידאָר צום ווייטסטן עק, און דאָרטן נידערט מען אַראָפּ אַ פּאָר טרעפּלעך, וואָס פירן אין אַ גרויסן צימער מיט טישלעך אָנגעשטעלט מיט שיסעלעך זופּ און ברויט. דאָס גיט דער „האַיאַס" עסן צו די ערשט־אָנגעקומענע עמיגראַנטן. געבענטשט זאָל זיין דער „האַיאַס" — און נישט גראָדע פאַרן עסן, ווייל גרשון רירט זיך קוים צו צום עסן. נאָר פאַר דעם וואַרעמען הכנסת אורחים. ס'רעדט צו די עמיגראַנטן איינער אַ מאַן מיט זייער אַ שיין און וואַרעם קול. קומט־צו צו דעם אָדער יענעם טישל און זאָגט אַ פּאָר גוטע ווערטער צו די אורחים. צו גרשונען האָט דער דאָזיקער מאַן אויך גערעדט, — און ער האָט גאָרנישט געוווסט, גרשון, אַז דאָס רעדט צו אים דער באַרימטער יידישער שרייבער ד ו ד א י ג נ אַ ט אָ וו, וואָס ער האָט יאָ געוווסט, אַז דאָס רעדט צו אים אַ מענטש, וואָס איז גאָלע טאַטע, אָדער גאָלע ברודער. הייסע שוואַרצע אויגן פאַרמאָגט ער און זיי זענען אי מיט צער, אי מיט גוטסקייט. וואָס אַזוינס האָט ער גערעדט צו אים, געדענקט נישט גרשון. ער געדענקט נאָר זיין קול, און דאָס איז געווען דער עיקר, ס'איז געווען דאָס קול פון אַ טאַטן, פון אַ ברודער...

און אָט ווידער, ווי עפּעס אין אַ חלום: ער גייט דורך דעם לאַנגן האַלב־טונקעלן קאָרידאָר און אויף די ווענט פון ביידע זייטן פּאָרטרעטן פון די גרויסע מענטשן אין אַמעריקע: פון פּרעזידענטן און פון שרייבער, און פון פּאָעטן. און פון אַלע נעמען געדענקט ער בלויז איין נאָמען ל אָ נ ג פ ע ל אָ ו. וואָס גראָדע לאָנגפעלאָו? אפשר דערפאַר ווייל לאָנגפעלאָו מיט דער גרויסער געדיכטער באָרד זעט אויס ווי זיין אַמאָליקער ראש הישיבה אין בעלץ.

אָבער ווו איז זיין שוועסטער רחל, — פאַלט אים שוין איין דאָס האַרץ. ער האָט געקלאַפּט צו איר אַ טעלעגראַמע נאָך פון דער שיף, אַז זי זאָל אים קומען אָפּנעמען פון עלים איילאַנד, און זי איז נישט געקומען. די שוועסטער רחל האָט אים געשיקט די שיפסקאַרטע. די

שוועסטער רחל האָט אים אויך געשיקט פּופּציק דאָלאַר אין מזומן. אַזוי פיל יאָרן אין אַמעריקע, איז זי מסתמא געוואָרן רייך. וויפל יאָרן איז זי שוין טאַקע אין אַמעריקע? אַוועק אין יאָר 1912, און איצט איז שוין דאָס יאָר 1923. אָבער פאַרוואָס טאַקע איז זי נישט געקומען צו דער שיף אים אָפּנעמען, און פאַרוואָס קומט זי נישט איצטער צום „האַיאַס“ אים אָפּנעמען? מען האָט איר דאָך שוין געלאָזט וויסן פון „האַיאַס“ (שפּעטער האָט ער זיך דערוווּסט, אַז זי איז גראָד געפאָרן קיין עלים איילאַנד אים אָפּנעמען, אָבער איינגעשלאָפן געוואָרן אין באַן, און פאַרפאָרן אַזש ביז אין די בראָנקס. זייער מיד פון דער אַרבעט געווען).

און דאָס מיידל פון „האַיאַס“, די סעקרעטאַרשע, איז שוין אַביסל נישט צופרידן מיט גרשונען, וואָס ער קומט צו איר אַלע מאָל און פרעגט זי:

— נו, וואָס שוין דערגרייכט מיין שוועסטער רחל?

דאָס דאָזיקע מיידל פון „האַיאַס“, די סעקרעטאַרשע, דאַרף אָפּזוכן די קרובים פון די עמיגראַנטן, וואָס מען האָט געבראַכט פון דער שיף. רעדט זי אויפן טעלעפאָן, שיקט טעלעגראַמעס און איז געוואַלדיק פאַרנומען. אַ זייער שיינע און שטאַלטנע, דאָס דאָזיקע מיידל, די סעקרעטאַרשע, וואָס הייסט מיס שעכטער, און כ'פרייט שטאַרק גרשונען, וואָס זי איז אַ שיינע און שטאַלטנע, אַבי ער האָט זיך שוין געזאָרגט, אַז אין אַמעריקע זענען נישטאָ קיין שיינע מיידלעך. מען האָט געזאָגט אין בערשאַד, אויך אין בעסאַראַביע, אַז אין אַמעריקע זענען נישטאָ קיין שיינע מיידלעך, אַ סימן, אַ וואָסער מיידל ס'זאָל נישט קומען קיין אַמעריקע, מעג זי זיין נישט אַזאַ שיינע, און אפילו אַן עלטערע, כאַפּט מען זי גלייך אויס. ס'איז אַ דוחק אין מיידלעך אין אַמעריקע.

פאַרוואָס זשע האָט זיין שוועסטער רחל ביז אַהער נאָך נישט חתונה געהאַט? און זי איז גראָדע נישט געווען קיין מיאוסע. אַ יונגע אויך, קוים זעכצן יאָר אַלט געווען, ווען זי האָט זיך אַרויסגעלאָזט קיין אַמעריקע. זי שטייט אים אַזוי קלאָר פאַר די אויגן, די שוועסטער רחל אין יענעם טאָג, ווען זי האָט זיך אַרויסגעלאָזט קיין אַמעריקע. די געלע שטרויענע שליאַפּע מיט די שטרויענע וויינשעלעך, וואָס די מאַמע האָט ספּעציעל געקויפט איר פאַר

אַמעריקע האָט זיך אַזוי שיין געפּאַסט צו אירע כוואַליעגדיקע רויטלעכע האָר מיט דעם געדיכטן לאַנגן צאָפּ.

זי האָט אויסגעקוקט ווי אַ גבירס אַ טאָכטער אין דער שטרוי־ענער געלער שליאַפּע מיט די רויטע ווייגשעלעד, און אין דעם נייעם קאָרימשניעווען קלייד, אויך געקויפט ספּעציעל פאַר אַמעריקע. ס'איז דאָך אָפט נישט געווען קיין סך וואָס צו עסן אין מאיר דעם בלינדנס הויז, און אויסגעוואָקסן איז זי גראַדע אַ געפּאַקטע מיט רויטע באַקן, מיט אַ הויכן בוזעם, מיט הייסע בלויע אויגן, און מיט שטאַרקע שטאַלטנע פיס. און אָט אַזוי, אַ געפּאַקטע, מיט רוי־טע באַקן, מיט הייסע בלויע אויגן, און מיט שטאַרקע שטאַלטנע פיס, איז זי אַרויסגעפאָרן קיין אַמעריקע.

— מיין ברודער גרשון, מיין ברודער גרשון — לויפט אַריין אין גרויס איילעניש צו דער מיס שעכטער אין אָפּיס אַן עלטער מיידל אין ברילן, אין אַ גרינעם מאַנטל מיט אַן אָפּגעקראָכענעם פוטערנעם קאָלנער.

זאָל דאָס מיידל אין ברילן זיין גרשונס שוועסטער רחל? זע נאָר, די הויט אויף זיין שוועסטער רחלס פּנים איז אויפגעגעסן, ווי פון שלעכטער לופט. זע נאָר, אירע רויטלעכע האָר זענען שוין נישט אַזוי רויטלעך און נישט אַזוינע געדיכטע, און זיי שיינען שוין נישט מיט דעם שיינעם גאָלדענעם גלאַנץ, ווי אין בערשאַד... און זע נאָר, אירע פיס זעען אויס ווי געשוואָלן... זע נאָר, איר קול איז ווי עפּעס דין געוואָרן...

און אפשר איז דאָס נישט זיין שוועסטער רחל? און אפשר איז דאָס גאָר אין חלום, און ס'חלומט זיך אים, אַז ער איז שוין אין אַמעריקע, און ס'איז געקומען צולויפן צו אים אַ פרעמד מיידל אין ברילן און זאָגט, אַז זי איז זיין שוועסטער רחל.

אָבער אַז מען קוקט זיך גוט איין אין איר, טוט עפּעס אַ שלאָג פון אירע אויגן, פון איר קול, פון אירע ליפּן, די היימישע רחל, די וואַרעמע גוטע שוועסטער.

— שוועסטער רחל, שוועסטער רחל — טוט זיך גרשון אַ לאָז צו איר און כאַפּט זי אַרום.

— מיין קליין ברודערל גרשון, מיין קליין ברודערל גרשון — צעוויינט זי זיך...

## ס׳וועט אים נאָך זיין גוט אין אַמעריקע

זי ברענגט אים, די שוועסטער רחל, צו אַזאַ מין אַרייַנגאַנג, וואָס פירט אַראָפּ, ווי אין אַ קעלער און זאָגט אים, אַז דאָס רופט מען סאָבוועי. און ווי אַזוי וואָלט מען געזאָגט אין יידיש אויף אַ כאָבוועי? — ווייסט זי נישט. אָבער וואָס דאַרף דאָס אים אַרן? אין סאָבוועי וועלן זיי נעמען אַ טרעין, דאָס הייסט אַ פּאָיעזד, וואָס וועט זיי ברענגען קיין ראָקאָוועי עוועניו סטעישאָן. און ראָקאָוועי עוועניו סטעישאָן איז אין בראָנזוויל, און אין בראָנזוויל וווינט זי טאַקע. און וואָס איז אַן „עוועניו"? אַן „עוועניו" איז אַ גאַס, און „סטעישאָן" איז אַ סטאַנציע...

זי זאָגט אים, אַז זי וועט אים גלייך אָנהויבן לערנען ענגליש, דעריבער רופט זי אָן געוויסע ווערטער אין ענגליש.

— מען דאַרף קענען ענגליש אין אַמעריקע, מיין קליין ברו־דערל.

„מיין קליין ברודערל" רופט זי גרשונען, און איר קליין ברו־דערל איז צוויי מאָל העכער פון איר. אַ לאַנגער, אַ גלייכער מיט אַ מאָגער פּנים. זאָל זי אים רופן „מיין קליין ברודערל". ווען זי איז אָפּגעפאָרן פון בערשאַד, האָט זי אים טאַקע איבערגעלאָזט אַ קליין יינגל, און אַלע יאָרן אין אַמעריקע איז נאָר געזען אַלס אַ קליין יינגל. פּונקט ווי ער האָט זי אַלע יאָרן נאָר געזען אין בערשאַד, אַ ליכטיק געזונט מיידל מיט אַ געדיכטן רויטלעכן צאָפּ האָר, מיט אַ געפּאַקטן בוזעם, מיט שטאַלטנע שטאַרקע פיס.

— און זעסט, אָט וואַרף איך אַריין אין דעם דאָזיקן שפּאַלט אַ ניקל, — און אַ ניקל מיינט פינף סענט, און אַז איך וועל אַריינ־וואַרפן דעם ניקל פאַר דיר, גיט זיך אַ שטופּ און דאָס דאָזיקע הענטל וועט דיך דורכלאָזן... און דאָס רופט זיך „פּלאַטפאָרמע". אָט דאָ וועלן מיר שטיין און וואַרטן אויף אַ טרעין... און לאָז דיך

גישט אַרן, וואָס מענטשן קוקן אויף דיר. מען האָט דאָ ליב צו קוקן אויף אַ גרינגעם. דאָס הייסט, אויף דעם וואָס איז נאָרוואָס אָנגעקומען פון יוראָפּ... און אָט וואַרף איך אַריין אַ פּעני אין דער האָזיקער מאַשין, און ס׳וועט אַרויספאַלן פון זיך אַליין אַ שטיקל טשואינג־גאָם, און וואָס אַזוינס איז טשואינג־גאָם? עס איז אַ זיסע זאַך, וואָס מען דאַרף דאָס קייען, אָבער נישט איינשלינגען... און שרעק זיך נישט, וואָס דו הערסט, ווי ס׳דונערט, דאָס לויפט שוין אָן אונדזער טרעין. האַלט זיך לעבן מיר, אָדער, בעסער — גיב מיר דיין האַנט...

האָט זי אים אַריינגעפירט ביי דער האַנט אין וואַגאָן און אים געזעצט לעבן זיך אויף דער שטרויענער באַנק. גערעדט צו אים און ער האָט קוים געהערט, ווי געוואָרן טויב. אין די אויערן האָט געקלונגען און ס׳האָט געברומט אַ מין מאָדנע ברומעניש. די לופט איז געוואָרן שווער, און דער קאָפּ זייגער, ווי עמעצער וואָלט אים אַריינגענומען אין אַ קלעם, און געקוועטשט און געדריקט...

ער האָט אויך פאַרגעסן, אַז ס׳איז נאָך טאָג, אַז ערשט מיט אַ פּאָר מינוט, איז ער מיט זיין שוועסטער אַראָפּגעגאַנגען פון ליכטיקן אינדרויסן אין דעם האָזיקן אונטער־דער־ערד. ס׳איז דאָ אויסגעקומען די גאַנצע צייט אַז ס׳איז ביינאַכט. מיט די פענצטער פון וואַגאָן לויפט נאָך אַ ביינאַכטיקע פינצטערניש. די מענטשנס פּנימער דאָ אויף די שטרויענע בענק, זענען ביינאַכטיקע פּנימער, מיט אומעטיקע שאָטנס אין דער האַלב־טונקלקייט פון די קליינע לעמפּלעך, וואָס ברענען אונטער דער סטעליע...

און אַז די באַן האָט געהאַלטן אין איין לויפן אונטער דער ערד, האָט גרשונען אויך אָנגעכאַפּט אַ גרויסער אומעט, כמעט אַ פאַרצווייפלונג. ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ס׳וועט שוין אייביק זיין אַזוי, דאָס הייסט, מען וועט שוין אייביק פאָרן אין אַמעריקע אונטער דער ערד, און אייביק וועט שוין זיין נאַכט.

די גוטע שוועסטער האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען זיין שרעק. זיך אָנגעבויגן צו אים און אים אַריינגעשריגן אין אויער:

— נאָך יוטיקאַ עוועניו סטעישאָן פאָרן מיר צוריק אַרויס אין דער ליכטיקייט, דאָרט וועט שוין זיין בראָנזוויל, און דו וועסט דערזען די בראָנזווילער דעכער.

און כאָטש די שוועסטער האָט אים צוגעגרייט, פונדעסטוועגן, ווען די ליכטיקייט האָט געגעבן אַ וואַקס־אויס, איז דאָס געווען, ווי אַ גרויסער נס. מען האָט אים אויסגעלייזט פון דער נאַכט און אים אַריינגעבראַכט צוריק אין טאָג. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אָטעמען אַ מחיה, און די אברים זענען געוואָרן לייכט, און בכלל איז אים געוואָרן גוט...

בראָנזוויל איז אים תיכף געפעלן. ער האָט שוין גלייך דער־זען, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ יידישער שטאָט... גאָלע יידן אומעטום. און רק מען הערט דאָס יידיש לשון... און אויף די קראָמען — וויוועסקעס (שילדן) מיט יידישע אותיות, אפילו אין בערשאַד זענען נישט געווען קיין שילדן מיט יידישע אותיות. עפּעס אַן ארץ־ישראל דאָס בראָנזוויל: בשר כשר, דעליקאַטעסן, מוהל ומסדר קידושין, חדרים, תלמוד־תורות און שולן — און אפילו אַ טערקישע באָד...

און אַז גרשון איז אַ גרינער, ערשט אַראָפּגעקומען פון דער שיף, האָבן שוין אַלע אויף די טראָטואַרן אין בראָנזוויל געוווּסט ס'איז צוליב דער שטרויענער קאָרזינע (רענצל), וואָס גרשון האָט געטראָגן, ס'איז צוליב דעם שוואַרצן קאַשקעט מיטן גרויסן גלינ־צערנעם דאַשעק. ס'איז מסתמא אויך נישט נאָר צוליב זיינע איי־ראָפּעישע בגדים. דער גרינער איז געווען אָנגעשריבן אין זיינע אויגן, אויף זיין פּנים, אין זיין צעטומלטקייט, אין זיין פארלוירנ־קייט, אין דער נישט זיכערקייט פון זיין גאַנג, אין זיין האלטן איין דרייען זיין קאָפּ אין אלע זייטן... פארביי־גייער האָבן זיך אָפּ־געשטעלט, נאָכגעקוקט און געלאכט.

— זאָל דיך נישט אַרן, מיין ברודערל, וואָס מען לאַכט פון דיר. מען האָט פון מיר אויך געלאַכט, ווען איך בין נאָר־וואָס אָנגעקומען אין לאַנד. און פון די וואָס לאַכן איצט, האָט מען אויך געלאַכט, ווען זיי זענען נאָר־וואָס אָנגעקומען אין לאַנד.

* * *

— און דאָס איז דער גרינער? ליבלעך מיט דיין גאַסט — האָט די הויכע געפּאַקטע מיסעס סיגעל אויף אַכט־און־ניינציק סטאַטפאָרד עווענין, אויפגענומען גרשונען מיט אַברייטן שמייכל. גיב אים גלייך איין ביטער־זאַלץ.

און די שוועסטער האָט אים גלייך איינגעגעבן ביטער=זאַלץ,
אַ גרויסע פּאָרציע ביטער=זאַלץ, דערקלערנדיק, אַז ס'איז זייער
נויטיק, ווען מען בייט אַ קלימאַט, אַז אַלע גרינגע וואָס קומען נאָר=
וואָס אָן פון דער שיף נעמען איין אַז אָפּפיר=מיטל.
נאָכדעם האָט זי אים אַריינגעפירט אין איר צימער מיט די
ראָזעווע און גרינע אויסגעפּאָלירטע ווענט. און ווען גרשון איז
אַריינגעקומען אין דעם צימער, האָט ער גלייך דערזען טאַטע
און מאַמען און די גאַנצע משפּחה אויף אַ היימישער פאָטאָ=
גראַפיע, עטלעכע מאָל פאַרגרעסערט, טאַקע אָט יענע פאָטאָ=
גראַפיע — וואָס די גאַנצע משפּחה האָט איינמאָל אַ שבת נאָכ=
מיטאָג גענומען אין בערשאַד ביי כאַלאַ אידאָווסקין אין זיין פאָ=
טאָגראַפיע — און אויף דעם דאָזיקן בילד, איז גרשון אַ יינגל
פון אַ יאָר ניין, אָדער צען, און זיין שוועסטער רחל אַ יונג בליענ=
דיק מיידל פון אַ יאָר פופצן. איצטער איז זי אין ברילן, און איר
פּנים אויסגעבלאַסט פון שאַפּ=לופט, און אירע פיס געשוואָלן...
זי האָט אים אויסגעבעט, די שוועסטער, אַ זויבער ווייס גע=
לעגער. זי האָט אָנגעצונדן דאָס גאַז=אייוועלע, און אַרויסגעגאַנגען,
קיינער זאָל אים נישט שטערן אין שלאָף...
און דאָ איז שוין אין צימער אַריינגעקומען דער פאַרנאַכט,
דער ערשטער אַמעריקאַנער פאַרנאַכט. פון די לעכלעך פון גאַז=
אייוועלע האָבן געשפּרונגען רויטלעך=גרינע שפּיציקע פלעמלעך, און
געשפּריצט אַ ליבע וואַרעמקייט. און די ליבע וואַרעמקייט האָט צו=
גענומען ביי דעם אויסגעמאַטערטן גרשונען די גאַנצע געשפּאַנט=
קייט און אָנגעשטרענגטקייט, די נישט זיכערקייט, און דער וואַרע=
מער ריח פון ברענענדיקן גאַז=אייוועלע איז געווען אָנגענעם צו די
נאָז=לעכער (דער וואַרעמער ריח פון אַ ברענענדיקן גאַז=אייוועלע
האָט אין אַלע ווייטערדיקע יאָרן שטענדיק דערמאָנט גרשונען דעם
ערשטן טאָג אין אַמעריקע, און זיין שוועסטער רחלס געטרייַשאַפט
און גוטסקייט).
אויפן שפּיגל אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט, האָבן זיך צע=
טאַנצט גרינלעכע און רויטלעכע פייערדיקע צונגען. דער שפּיגל האָט
געברענט און געברענט און נישט געוואָרן פאַרברענט... און אַ ווינקל
פון דער סטעליע האָט אויך געברענט און געברענט און ס'איז נישט
געוואָרן פאַרברענט...

און איידער ער איז איינגעשלאָפֿן אין דער שמעקנדיקער וואַ־רעמקייט, און אין דעם פֿאַנטאַסטישן שפּיל פֿון די פֿלאַמען אין שפּיגל, האָט אים דאָס האַרץ געזאָגט, אַז ס׳וועט אים זיין גוט אין אַמעריקע, אַז ס׳וואַרט אויף אים א גרויסע פֿרייד אין דעם נייעם לאַנד...

# דאָס האַרץ זאָל זיין ווילד און פֿריילעך...

די שוועסטער רחל האָט שוין די עלף יאָר אין אַמעריקע זיך נישט אויסגעוויינט אַזוי מחיהדיק, ווי איצט. גרשון האָט איר דערציילט וועגן דער מאַמען, האָט זי געוויינט; וועגן טאַטן, ווידער געוויינט; ווי אַזוי די שטוב קוקט אויס און דער גאַניק, און בכלל ווי בערשאַד קוקט אויס — זי האָט געוויינט...

— די שטוב איז שוין אַלט, דער רויטער דאַך פֿאַרזשאַווערט, אַ סך שויבן אין גלעזערנעם גאַניק אויסגעקלאַפּט, און מען האָט קיין נייע נישט אַריינגעשטעלט. פֿאַרן הויז ליגן נאָך אַלץ קלעצער, דער פּלויט איז שוין צעבראָכן. די מאַמע איז אַ ביסל איינגעהויקערט, אָבער אירע שוואַרצע אויגן זענען נאָך אַלץ שאַרף און פֿינקלדיק. דער טאַטע איז נאָך אַלץ אַ ריז, שפּאַנט זיך גלייך מיט די ברייטע פּלייצעס אין זיין לאַנגער קאַפּאָטע און זיין באָרד איז נאָך אַלץ נישט גרוי.

וואָס די שוועסטער רחל האָט זיך אַזוי נאָכגעפֿרעגט איז וועגן איר כוס, איר פּסחדיקן כוס! ביי מאיר דעם בלינדן אין הויז האָט יעדעס קינד געהאַט אַ באַזונדערן פּסחדיקן כוס, וואָס איז אַ גאַנץ יאָר געלעגן אויפֿן בוידעם פֿאַרבאַהאַלטן צווישן שטרוי און פּסח אַרויסגענומען. איר כוס איז געווען פֿון דיקן גלאָז, מיט גאָלדענע געלע פּאַסיקלעך. יאָ, ס'איז נאָך דאָ איר כוס, און מען שטעלט אים אַלע פּסח צום סדר אַוועק אויפֿן טיש אָנגעגאָסן מיט וויין, אָבער קיינער טרינקט נישט פֿון אים.

וואָס נאָך וויל זי וויסן, זיין שוועסטער רחל. זי וויל וויסן צי די קליינע מיידלעך אין בערשאַד נעמען זיך נאָך אַלץ צוהויף אין אַ ראָד, דרייען זיך און דרייען זיך, און ס'הויבט זיך אַ וואָלקן מיט שטויב. ס'האָט זיך איר פֿאַרשמעקט דער בערשאַדער שטויב אויף דער גאַס. זי דערמאָנט זיך ווי אַזוי אַלס קליין מיידל, האָט זי זיך

מיט אירע חברטעס, זיך האַלטנדיק ביי די הענט געמאַכט אַ ראָד אין מיטן דער גאַס, געדרייט זיך, געדרייט זיך מיט זייערע באָרוועסע פיס, און ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסער וואָלקן מיט שטויב. זי וואָלט געוואָלט כאָטש נאָך איינמאָל אין איר לעבן אַ באָרוועסע זיך צונויפקומען מיט אירע חברטעס, זיך האַלטן ביי די הענט אין אַ ראָד, און ס'זאָל זיך אויפהויבן אַ גרויסער וואָלקן מיט בערשאַדער שטויב, און דאָס האַרץ זאָל זיין ווילד און פרייליך...

וואָס נאָך וויל זי וויסן, זיין שוועסטער רחל? אָ, זי וויל וויסן צי די ווערבעס וואַקסן נאָך לעבן טייך ביי אַנאַסטאַסיעס גאָרטן. זי פלעגט דאָרטן שווימען, ליגן קלאַפטער איבערן וואַסער און זינגען איבערן גאַנצן טייך!

אַ שיין מיידעלע בין איך,
פון גרויסן יחוס שטאַם איך...

יאָ, די ווערבעס וואַקסן נאָך אַלץ לעבן טייך ביי אַנאַסטאַסיעס גאָרטן, און אַנדערע מיידלעך שווימען דאָרטן און זינגען דאָרטן הויך אויף אַ קול איבערן גאַנצן טייך...

וועגן אַ סך זאַכן פרעגט זי זיך נאָך, די שוועסטער רחל. אָבער גישט וועגן דעם וואָס זי וויל אַזוי שטאַרק וויסן. זי שעמט זיך הפּנים. ס'גייט איר אוודאי אוים דאָס חיות צו פרעגן:

— נו, און ווי אַזוי קוקט אוים אַרקע דער משורר? און וואָס טוט ער, אַרקע דער משורר?

אַרקע דער משורר מיט די סאַמעט־וואַרעמע שוואַרצע אייגעלעך, מיט די רויטע בעקעלעך, איז געווען באַריםט פאַר זיין סאָלאָ: „צדיק כתמר יפרח“, וואָס ער האָט געזונגען אין שול. גרשונס שוועסטער רחל מיט אַרקע דעם משורר זענען אַמאָל פאַרקראָכן אין וואַלד און אומגעקערט זיך פון דאָרטן געוואַלדיק צעשראָקענע און צעפלאַמטע.

ניין, זי פרעגט זיך נישט נאָך וועגן אַרקע דעם משורר, נאָר זי צעזינגט זיך:

— צ־ד־י־ק, צ־דיק, כתמר יפרח.

זי מאַכט נאָך פונקט ווי אַרקע דער משורר אין דער בערשאַדער שול. אַזוי פיל יאָרן, און זי געדענקט נאָך און מסתמא אָפּט

מאָל אין אַמעריקע, אין איר מיידלשן צימער, האָט זי געזונגען „צדיק כתמר יפרח“, און איר האַרץ איז איר אויסגעגאַנגען נאָך יענע יאָרן...

יאָ, אַרקע דער משורר האָט חתונה געהאַט פאַר אַ מיידל פון טעפּליק, אַ דיקלעך מיידל און ער אַליין איז געוואָרן אַ קירזשנער, און ער קאָן שוין מער נישט זינגען. ס'האָט זיך אים איבערגעבראָכן די שטימע, און די הויט פון זיין פּנים איז עפּעס מיט ווונדן, מסתמא פון די האַרבע פעלן... ער וועט איר נישט דערציילן ווי געבעבכדיק ס'קוקט איצט אויס אַרקע דער משורר, זאָל ביי איר בלייבן יענער אַרקע דער משורר, מיט דער זילבערהנער סאָפּראַנאָ, מיט די סאַמעט שוואַרצע אייגעלעך, און מיט די רויטע בעקעלעך, וואָס האָט ממש גענומען דאָס היות ביי די יידן אין דער הויכער שול, און ביי די פרויען און מיידלעך, אין דער ווייבערשער אָפּטיילונג, ווען ער האָט געזונגען זיין סאָלאָ, „צדיק כתמר יפרח“. און „צדיק כתמר יפרח“ איז דער טייטש: דער צדיק בליט ווי אַ טייטלבוים, האָט אָבער דער טייטלבוים שוין אָפּגעבליט און קיין פּירות נישט געגעבן. זיין שוועסטער רחל גלייכט ער צו צום טייטלבוים, אַזאַ געפּאַקטע, ליבליקע, זאַפטיקע אַרויסגעגאַנגען פון בערשאַד קיין אַמעריקע... און פאַרוואָס האָט זי טאַקע ביז אַהער נישט חתונה געהאַט? און פון וואָס זענען אירע פּיס געשוואָלן? און פון וואָס זענען אירע אויגן קורצזיכטיק געוואָרן און זי טראָגט ברילן מיט אַזוינע דיקע גלעזלעך?

ער וועט זיך שוין שפּעטער דערוויסן, אַז אירע פּיס זענען געשוואָלן געוואָרן פון אַ שלעכטן שאַפּ. ביי אונטער-קליידער אַרבעט זי. זייער אַ ביליקע „לאַין“, און דאָרטן ווינטער איז דער דיל זייער קאַלט, כאָטש עס ברענט אַ גאַז-אייוועלע; און די בלייענדיקע גאָלדענע הויט פון איר פּנים, איז טאַקע אין זעלביקן שאַפּ אויפגעגעסן געוואָרן פון ווינציק לופט, און פון די טשאַדנדיקע ריחות פון די פּרעסלעך; און אירע אויגן זענען קורצזיכטיק געוואָרן, ווייל אפילו ביי טאָג ברענען דאָרטן לעמפּלעך, אָבער שטאַרק ליכטיק ווערט נישט פון דעם.

שעמט זיך שוין גרשון, וואָס ער האָט געמיינט אין רומעניע, אַז זיין שוועסטער רחל איז רייך געוואָרן אין אַמעריקע. אָבער ווו טאַקע האָט זי גענומען אזוי פיל געלט אים אריבערצוברענגען קיין

אַמעריקע? איז די מעשה אַזוי: אירע זייער אַ געטרייע חברטע, אויך אַ שאָפּ־מיידל, אָבער ביי אַ בעסערער „לאַין“, פּעני הייסט זי, פון גאַליציע, האָט איר אויסגעליען האַלב געלט אויף אים אַרי־בערצובריינגען קיין אַמעריקע.

— איך בין זייער אַ מזלדיקע, מיין קליין ברודערל — באַרימט זי זיך — קיין געלט האָב איך טאַקע נישט אָפּגעשפּאָרט, אָבער דערפאַר האָב איך אָפּגעשפּאָרט אַ סך פריינד אין בראָנזוויל. וועסט שוין שפּעטער אַליין זען. מען רופט מיך שטענדיק אויף „בוירט־דעי־פּאַרטיס“, און אויף בר מצוות, און אויף חתונות, און אויף גיין צוזאַמען אין יידישן טעאַטער... אויף סאַראַטאָגאַ עוועניו האָב איך אַ פריינדינע, און אויף דומאָנט עוועניו נישט איינע נאָר גאַנצע דריי, און אויף האָפּקינסאָן עוועניו, און אויף טשעסטער סטריט, און אויף בערעט סטריט, אומעטום כמעט אויף יעדער גאַס אין בראָנזוויל, האָב איך אַ פריינדינע. ס'קומט אַ פרייטיק פאַרנאַכט, אַ שבת און אַ זונטיק, ווייס איך גאָרנישט וווהין פריער צו גיין.

אָבער צווישן אַלע פריינד, איז פּעני די געטרייסטע און די איבערגעגעבנסטע. אַ צדיקת אַ מיידל, אַ האַרץ פון גאָלד, און אַ בריה איז זי איינע אין דער וועלט. נייט זיך אַליין די שענסטע קליידער. און אַ שיין קול האָט זי, זינגט אַזוי מחיהדיק לידער, אָבער דער עיקר איר גוטסקייט...

אַלע בריוו פון גרשונען פון רומעניע, האָט זי געלייענט צו־זאַמען מיט איר חברטע פּעני, און געוויינט צוזאַמען. פאַרוואָס האָט מען געדאַרפט וויינען? ווייל גרשון, כדי צו רירן דאָס האַרץ פון זיין שוועסטער רחל, זי זאָל אים אַריבערנעמען קיין אַמעריקע, האָט געמאָלן אין זיינע בריוו מיט די שוואַרצסטע פאַרבן, ווי שלעכט ס'איז אים אין רומעניע. אַ בעזשעניעץ (אַ פליכטלינג), און די מאַכט קאָן אים אַרעסטירן יעדע מינוט, און בכלל, וואָס וועט זיין דער תכלית פון אים דאָרטן?... פּעני אַליין האָט זיך אָנגעבאָטן אויסצולייגן האַלב געלט און אַראָפּברענגען גרשונען... פאַרשטייט זיך, אַז דעם ערשטן וויזיט וועלן זיי אָפּשטאַטן ביי איר חברטע פּעני. אויף פאַועל סטריט, וווינט זי...

# זאָלסט שמייכלען, גרשון!...

און ווידער־אַמאָל: איז ער שוין טאַקע אין אַמעריקע? ס'איז ווי איינער, וואָס כאַפּט זיך אויף פון אַ טיפן שלאָף, און ער ווייסט נאָך נישט צי ס'איז די וואָר, צי ער איז נאָך אַלץ אין שלאָף. ער איז נישט דאָ און נישט דאָרטן. דער דאָרטן פונוואַנעט ער איז געקומען, האָט זיך אָפּגעהאַקט, ווי פאַרלוירן געגאַנגען אויפן ים, דער דאָ איז נישט קלאָר, נישט זיכער...

ווען ער גייט אַרויס אינדרויסן, גיט זיך אַ וואָרף אויף אים אַ פרעמדער טומל, פרעמדע קלאַנגען, פרעמדע ריחות, פרעמדע קאָלירן, אפילו די קעלט איז דאָ אַ פרעמדע. ס'איז סוף חודש דעצעמבער און עפּעס אַזאַ דורכנעמענדיקע קעלט אין דעם דאָזיקן לאַנד. ער גייט מיט זיין שוועסטער רחל צו איר הברטע פעני אויף פּאַועל סטריט. דורך פּיטקין עוועניו גייען זיי. ס'איז שבת פאַרנאַכט און אויף פּיטקין עוועניו איז פריילעך, העל באַלויכטענע קראָמען און רעסטאָראַנען, אַ ים מיט שפּאַצירנדיקע, ס'רוב יונגע מענטשן. מען גייט אָנגעטאָן אין שיינע קליידער, און מען לאַכט הויך אויף אַ קול. גרשון איז נאָך נישט קיין טייל פון דער דאָזיקער פריילעכקייט. ער קאָן זיך נאָך נישט מתיחד זיין מיט דער דאָזיקער פריילעכקייט, אָבער ערגעץ קומט אַ געדאַנק און זאָגט אים: „וואַרט אויס, עס וועט קומען אַ טאָג און דו וועסט ווערן אַ גלייכער איינער פון די שפּאַצירנדיקע, וועסט נאָך מסתמא גיין געאָרעמט מיט אַ מיידל אויף דער דאָזיקער פּיטקין עוועניו, ווי ס'רוב פון די בחורים, און דו וועסט לאַכן הויך אויף אַ קול“...

פּיטקין עוועניו, זאָגט אים די שוועסטער רחל, איז די שפּאַצירגאַס אין בראָנזוויל, פונקט ווי למשל די אַפּטייק־גאַס אין בערשאַד. און אַז מען דערמאַנט זיך אין דער אַפּטייק־גאַס אין בערשאַד ווערט רחל אומעטיק־פאַרטראַכט. גרשון ווערט אויך אומעטיק־פאַר=

טראַכט. אויף דער אַפּטייק גאַס האָט רחל געשפּאַצירט איינמאָל מיט אַרקע דעם משורר. און גרשון מיט מרימען דעם שוסטערס מיידל פון באַשטשעוואַטע...

אָבער איר אומעטיקייט האַלט לאַנג נישט אָן. ס'ווערט איר זייער פריילעך. אויף טריט און שריט — ווו מען שטעלט זיך אָפּ מיט אַן „האַוואַריו ראָזע, האָס איז דער גריגער? ליבלעך מיט דיין גאַסט, קום אַריבער מיט אים“. זי איז גליקלעך, זיין שוועסטער רחל, וואָס איר ברודער גרשון זעט איצט באַשיינפערלעך, אַז זי איז זייער רייך און פריינד. „ראָזע“ רופט מען זי האָ אין אַמעריקע, נישט רחל. אָבער גרשונען זאָגט זי, ער זאָל זי רופן רחל, ווי אין דער היים. און נאָך זאָגט זי אים, ער זאָל שמייכלען צו איר חברטע פעני, מחמת זי האָט באַמערקט, אַז ער האָט צו קיינעם פון אירע פריינד נישט קיין שמייכל געטאָן.

— אין אַמעריקע, מיין ברודערל, דאַרף מען שמייכלען, אַז דו שמייכלסט נישט האָ צו קיין מענטשן, מיינען זיי, אַז דו האָסט זיי פיינט. מיין חברטע פעני וועט אויך אַזוי מיינען.

האָט גרשון געשמייכלט צו איר חברטע פעני אויפן פערטן שטאָק אין דעם טענעמענט הויז אויף פּאַועל סטריט. אַן אָפּגעצערטע פעני — און גאָלע אויגן, בלויע וואַרעמע אויגן מיט לאַנגע וויעס. זי האָט אים דערלאַנגט אַ מאָגער אָבער וואַרעם הענטל, אַן אויסגעהאָרעוועטס. זי האָט איינגאַנצן אויסגעקוקט אַן אויסגעהאָרעוועטע. איר שמאָל גאָלדן־הויטיק פּנים — אָפּגעטראָגן, אָפּגעטשיפּעט, אָבער אירע אויגן זענען געווען ליכטיקע, וואַרעמע, האָפענונגספולע, און איר קול — זייער אָנגענעם. האַלב־דייטש און האַלב־יידיש, האָט זי גערעדט מיט גרשונען, אים אַדרעסירט אין דער דריטער פּערזאָן:

— זעצן זיי זיך, הער איינבינדער.

און דער הער איינבינדער פילט זיך זייער שולדיק קעגן דעם דאָזיקן אויסגעצערטן, אויסגעהאָרעוועטן שאַפּ־מיידל, וואָס האָט פון אירע שווערע פאַרהאָרעוועטע געלטער אויסגעליען זיין שוועסטער רחל, כדי אים אַראָפּצוברענגען קיין אַמעריקע. ער וואָלט איר עפּעס געוואָלט זאָגן זייער גוטע און וואַרעמע ווערטער, און ער ווייסט נישט ווי אַזוי. שמייכלט ער צו איר... ער וועט איר

אומקערן ביז אין דער לעצטער פּרוטה. זאָל ער נאָר געפינען אַר־בעט.

מען האָט זי דאָ זייער ליב, זיין שוועסטער רחל. פּענים מו־מע, אַ יונגע פרוי, אָבער אין אַ געלן שייטל, כאַפּט זי אַרום און קושט זיך מיט איר. פּענים פּלימענטשיקע, אַ מיידעלע אַ צאַרטס, מיט צוויי בלאָנדע צעפּלעך פון אַ יאָר זעקס, וויל גאָרנישט אָפּ־טרעטן פון דער טאַנטע ראָזע, און די טאַנטע ראָזע וויל נישט אָפּ־טרעטן פון קינד, קושט זי, האַלט זי און קאָן זיך נישט אָנזעט־טיקן (שפּעטער האָט גרשון געזען, ווי ביי אירע אַנדערע פאַר־הייראַטע חברטעס אין בראָנזוויל, קושט און האַלט די שוועסטער רחל זייערע קינדער און קאָן זיך גאָרנישט אָנזעטיקן. אַן עלטער מיידל פול מיט אַזויפיל מאַמע אין זיך).

דער צימער דאָרטן מיט די גרינגע אומעטיקע ווענט, וואָס דאַרף הייסן דער גאַסט־צימער, איז קאַלט, און ס'שמעקט מיט ליים, און מיט נישט אויסגעלופטערטקייט. ס'איז דאָרטן נישטאָ קיין פענצטער. אויפן ברוינעם פּאָליטורטן טיש, איבערגעדעקט אינגאַנצן מיט אַ גלאָז, שטייט אַ פּרוכטאָווניק מיט וואַקסענע מאַ־ראַנצן און עפּל. אויף דער וואַנט הענגט אַ בילד פון אַן עלטערן יידן אין אַ יאַרמולקע, און מיט אַ גרויסער געדיכטער באָרד. און נאָענט דערביי אַן עלטערע פרוי, אין אַ קאָפּן־טיכל. דערפאַר איז דאָרטן געווען אַ וויקטראָלאַ און זי האָט געשפּילט יאָסעלע ראָ־זענבלאַטס „ומפּני חטאינו". אָבער ס'איז דאָרטן געווען קאַלט און מען איז אַלע אַרייַנגעגאַנגען אין קיך, און אין קיך איז גע־ווען די גאַנצע וואַרעמקייט. אַ גרויסער אייזערנער אויוון האָט גע־גליט, און ס'האָט זיך געקאָכט וואַסער אויף טיי, אין אַ גרינעם בלעכענעם טשייניק. פּענים מומע האָט געבאַקן לאַטקעס לכבוד דעם גרינעם. ס'זענען אָנגעקומען נאָך געסט. אַ יונגער קוזין מיט אַ יונגער קוזינקע און אַן עלטערער בחור, אויך עפּעס פּענים אַ קרוב, געגעסן די באַטעמטע געפּרעגלטע לאַטקעס און געטרונקען פינקל־דיקע ברוינע גלעזער טיי, און ס'איז געווען חי געלעבט. ס'איז געווען אַ מין סעודה לכבוד דעם גרינעם, אַ „פּאַר־טי", דערקלערט מען גרשונען, איז אַ הוליאַנקע, אַ שמחה. אַלץ דאָ ווילן אים לערנען ענגלישע ווערטער: אַ „ווינדאָו" איז אַ פענצ־

מער, און אַ „סילינג“ איז אַ סטעליע, און אַ „פלאָר“ איז אַ פּאָדלאָגע. אַ דיל...

מען שפּילט זיך אויך אין אַזאַ שפּיל, וואָס זיי רופן „פּאָסט=אָפּים“ און וואָס אַזוינס איז די „פּאָסט=אָפּים“=שפּיל? ס'גייט אַרויס אין צווייטן צימער עמעצער פון די בחורים וואָס דאַרף זיין דער „מעיל=מאַן“, דער פּאָסטמאַליאָן. נאָכדעם קלאַפּט ער אָן אין דער טיר. מען פרעגט: „ווער איז דאָס?“ ענטפערט ער: „דער פּאָסטמאַליאָן, אַ בריוו געבראַכט“. פרעגט מען אים: „צו וועמען?“ ענטפערט ער: „צו דער און דער“. פרעגט מען אים ווידער: „מיט וויפל מאַרקעס?“ ענטפערט ער: „מיט צוויי, צי דריי — אָדער אַפילו מיט גאַנצע צען“. גייט אַרויס אַ צערויטלטע די, צו וועלכער דער פּאָסטמאַליאָן האָט אַ בריוו, אין צווייטן צימער. מען פאַרמאַכט די טיר און אין קיך איז ציטערדיק שטיל, פנימער זענען צעפלאַמט, און מען ווינקט זיך איבער באַדייטנספול מיט די אויגן...

די שוועסטער רחל האָט אַריינגעשושקעט גרשונען, אַז ער זאָל אויך ווערן אַ פּאָסטמאַליאָן און אַרויסרופן פעניען. איז ער אויך געוואָרן אַ פּאָסטמאַליאָן, אָנגעקלאַפּט אין דער טיר. „ווער איז דאָס?“ „דער בריוונטרעגער, אַ בריוו“. „צו וועמען?“ „צו דער פריילין פעניען“. „מיט וויפל מאַרקעס?“ „מיט איינער“. צעלאַכט מען זיך, וואָס דער גרינער איז געקומען מיט אַ בריוו בלויז מיט איין מאַרקע. קומט פעני אַריין אין צווייטן צימער מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און דאָס מאָגערע פנים אירס פלאַקערט. און גרשון שטויסט זיך שוין אָן ,אַז אַ בריוו מיט איין מאַרקע מיינט אַ קוש, קומט ער איר אַנטקעגן מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, און רירט צו זיינע ליפּן צו אירע. ער האָט איר געוואָלט געבן בלויז אַ לייכטן קוש. אָבער זי האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, זיך צוגעדריקט צו אים און אין איר צודריקן זיך און אין צוטוליען זיך, ווי זי וואָלט געזאָגט: קום, לייז מיך אויס פון מיין פאַרזעסנקייט, פון מיין עלטער=מיידלשאַפט...

# גאַנץ בראָנזוויל לויפט!...

עפּעס איז גרשונען געווען זייער קאַלט אין אַמעריקע. ווי נאָר ער גייט אַרויס אויף דער גאַס, און גלייך הייבן אים אָן די אברים צו ציטערן, אפילו די ציין. ס׳איז אַזש געווען אַ בזיון פאַר פּעגין און אויך פאַר זיין שוועסטער.

און גראַדע אין רומעניע זענען געווען ערגערע קעלטן, און ער האָט אַזוי נישט געציטערט. און גראַדע האָט אים די שוועסטער געקויפט אַ וואַרעמען געלן מאַנטל, מיט טיפע קעשענעס, און מיט אַזאַ מין גאַרטעלע, פון זעלביקן שטאָף, וואָס דער מאַנטל, זי האָט אים אויך געקויפט אַ ליכטיק=ברוינע שליאַפּע, און אַ נייעם אַנצוג, מיט שטרייפן, טונקל=בלויע און ווייסע שטרייפן. אויף אויסצוצאָלן האָט זי געקויפט די האָזיקע מלבושים. האָט די שוועסטער אים זונטיק ביינאַכט געפירט אויף פּיטקין עוועניו, אין אַ פאָטאָגראַפיע, זיך אַראָפּנעמען ביידע אַ בילד, און שיקן צו טאַטע=מאַמע אין בערשאַד. רחלס געטרייע חברטע איז אויך מיטגעגאַנגען, און זי האָט זיך אויף אַ באַזונדער בילד אויך פאָטאָגראַפירט, צוזאַמען מיט אים און מיט דער שוועסטער.

דערנאָכדעם האָבן זיי אים געפירט אויף טאַימס=סקווער, און מיד איז גרשון... קיינמאָל נאָך נישט געווען אַזוי מיד. פון צופיל קוקן אויף די וווּנדער פון טאַימס=סקווער איז ער מיד.

— קוק, קוק, גרשון — האָבן אים די שוועסטער רחל און אויך איר חברטע פעגי אַלעמאָל געטאָרעט.

אויף אַ וואַנט, אפשר צען שטאָק די הייך, טוט די עלעקטריק כישוף און ווייזט ווי ס׳רויכערט זיך אַ ריזיק טעפּל קאַווע. אַז אמתע פאַרע גייט אויף פונעם טעפּל קאַווע. אויף אַ צווייטער וואַנט אויך פון אַ סך שטאָק די הייך, גייען קעמלען מיט אַראַבער און רויכערן סיגאַרעטן, און דורך דעם עלעקטרישן כישוף קומט

אַרויס אַן אמתער רויך... און דאָ נאָך שפּאַנט אויף ריזיקע שטאָלצן אַ מענטשעלע אין אַ געלן צילינדער־הוט, מיט געמאָלענע פּלאַ־קאַטן אויף זיין ברוסט, און אויף זיין רוקן.

— קוק, קוק, גרשון.

די שוועסטער און אויך פעני האָבן אים געוואָלט געבן אַ נייעם נאָמען, דזשאָהזש, אָדער גערי. יעדער גרינער, האָבן זיי אים געזאָגט, בייט זיין נאָמען, אָבער גרשון האָט זיך נישט געלאָזט.

— קוק, קוק, גרשון.

דאָס האָבן אים די שוועסטער און פעני אַריינגעפירט אין אַן אויטאָמאַט, און געהייסן קוקן, ווי מען וואַרפט אַריין אַ ניקל, און ס'צאַפּט זיך פון דער וואַנט הייסע קאַווע. האָט ער שוין אויף צו להכעיס נישט געוואָלט קוקן, אפילו פאַרמאַכט די אויגן.

אויף דעם, וואָס ער האָט געקוקט, האָט ער שוין במילא נישט געזען...

* * *

מאַגנעטיק איז ער געבליבן איינער אַליין אין שוועסטערס צי־מער מיטן גרויסן שפּיגל, מיט צוויי בעטן, מיט פרעמדע ווענט.

איין וואַנט איז נישט געווען פרעמד. דאָרטן איז געהאַנגען די פאָטאָגראַפיע מיטן טאַטן, מיט דער מאַמען, מיט רחלן אַלס יונג מיידל, מיטן ברודער נחום, מיט זיין ווייב און זיינע קינדער, מיט גרשונען אַליין אַלס קליין יינגל. דאָרטן איז אויך געהאָנגען די פאָטאָגראַפיע פון זייער שוועסטער זיסל מיט איר מאַן, וואָס האָבן געוווינט אין שיקאַגאָ. דאָס גאַנצע מעבל אין צימער איז געווען דער באַלעבאָסטעס, דער מיסעס סיגעלס. אָבער דער גרוי־סער שפּיגל איז געווען רחלס. זי האָט אים געקויפט פאַר איר אייגן געלט. ס'איז טאַקע געווען אַ גוטער שפּיגל פון דיקן געשליפענעם גלאָז. און ער איז נאָך געווען אויפגעהאָנגען אויף אַזאַ אָרט אין צענטער פון צימער, וואָס יעדע וויל האָט מען זיך געמוזט זען. זי ווייסט נישט פאַרוואָס, האָט זי געזאָגט גרשונען, נאָר זי האָט עפּעס ליב אַ הויכן שפּיגל ביי איר אין צימער (אַלע שפּעטערדי־קע יאָרן האָט שוין די שוועסטער געזען ס'זאָל זיין ביי איר אין דער וווינונג אַ גרויסער שפּיגל. אַ מין ליידנשאַפט צו גרויסע שפּיגלען).

און דער בחור, וואָס האָט געקוקט אויף גרשונען אַלע ווײַלע פֿון שפּיגל, איז עפּעס געווען פֿרעמדלעך. גרשון קאָן אים פֿון פֿריער, דעם דאָזיקן בחור אין שפּיגל, מיט פֿאַרחלומטע אויגן, מיט אַ פֿײַנעם קינדערשן שמייכל. איצטער זענען זײַנע אויגן דערשראָקענע, פֿאַרלוירענע, דאָס פּנים, ווי אָפּגעצופּט פֿון אַ שטאַרקן פֿראָסט. און אַזוי טויט־ערנסט, און דער קינבאַקן געוואַלדיק אָנגעשטרענגט, ווי עמעצער וויל אָנפֿאַלן אויף אים..

ער איז טאַקע געווען דערשראָקן, גרשון, און דערשראָקן האָט ער זיך נאָך העט פֿאַרטאָג. ער האָט פּלוצלונג דערפֿילט פֿאַרטאָג, ווי גאַנץ בראָנזוויל לויפֿט, ווי אין בערשאַד ערב אַ פּאָגראָם. דאָס לויפֿעניש האָט אים טאַקע אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף. ער האָט נאָך נישט געוווסט, אַז דאָס לויפֿן די מענטשן אין האַלב־טונקעלן קאַלטן פֿאַרטאָג צו ראַקאַווער עווענױ־סטאַנציע, און צו סוטער עווענױ־סטאַנציע, כאַפּן אַ באַן, וואָס וועט זיי פֿירן קיין מאַנהעטן אין די שעפּער. און דאָ איז נאָך די שוועסטער רחל נישטאָ אין צימער. איר בעט איז ציכטיק פֿאַרבעט, אַקוראַט, ווי זי וואָלט גאָרנישט געשלאָפֿן דאָרטן אַ גאַנצע נאַכט.

ער איז צוגעלאָפֿן צום פֿענצטער אַרויסקוקן, און געזען, ווי פֿרויען, מענער, יונג און אַלט, האַלטן אין איין אַרויסאײַלן פֿון די הײַזער, און מען לאָזט זיך לויפֿן מיט אַזאַ מין פּחד אין האַרצן אַלע אין דער זעלביקער ריכטונג...

* * *

און גרשון, אײנעם אַ פֿאַרטאָג, האָט אויך געאײַלט צווישן אַלע אײַלנדיקע. ער האָט זיך געיאָגט צו ראַקאָווער־סטאַנציע כאַפּן די באַן, וואָס וועט אים פֿירן קיין מאַנהעטן אין אַ שאַפּ, וווּ מען מאַכט „פּעטיקאָוטס“ (אונטערקליידלעך). צוזאַמען מיט זײַן שוועסטער האָט ער געאײַלט אין אַ שרעקלעך קאַלטן פֿינצטערן פֿאַרטאָג...

און אַז מען איז אַרויף אויף דער פּלאַטפֿאָרמע אויף ראַקאָווער עווענױ סטאַנציע, איז דאָרטן געווען אַזוי ענג מיט מענטשן, אַז ס׳איז אַזש גאָרנישט געווען וווּ צו שטיין, און ס׳איז אַזאַ אומרו אויף אים, אַזאַ פֿאַרלוירנקייט... און אין דעם אומרו און פֿאַרלוירנ=

קייט, איז גרשונען געוואָרן מיטאַמאָל זייער גוט. ס'איז עפּעס ווי ליכטיק געוואָרן די וועלט. אין דער ערשטער סעקונדע האָט ער זיך נישט געכאַפּט נאָך פאַרוואָס, אָבער באַלד האָט ער שוין דערזען. ס'איז געווען די גרויסאַרטיקע שיינקייט פון אַ מיידל, מיט הייסע בלויע אויגן ,און אין אַ בלוי היטעלע, וואָס האָט ליכטיק געמאַכט גרשונס וועלט. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף גרשונען מיט פאַרוואונדערונג. וואָס האָט זי געדאַרפט אַ קוק טאָן אויף גרשונען? ס'זענען דען נישט געווען אַ סך אַנדערע בחורים אויף וועמען צו קוקן? און וואָס גאָר מיט פאַרוואונדערונג?

שפּעטער, אין ענגן געפּאַקטן וואַגאָן, האָט זי שוין אויף אים נישט געקוקט. געווען אַריינגעטאָן אין אַ בוך, שטייענדיק גראַדע, מיט איין האַנט זיך אָנהאַלטנדיק אין רימען, זי זאָל נישט פאַלן, און אין דער צווייטער האַנט — דאָס בוך. גרשון האָט יאָ געקוקט אויף איר, און שטאַרק געקוקט. ער האָט צוליב איר ליב באַקומען אַמעריקע, אויב צווישן די, וואָס איילן זיך אין בראָנזוויל, אין די קאַלטע פינצטערע פאַרטאָגן, געפינט זיך אַזאַ גרויסאַרטיקע שיינקייט, איז שוין זייער כדאי צו זיין אין דעם דאָזיקן לאַנד.

(שפּעטער מיט יאָרן, ווען ער האָט געוואָלט אָנכאַפּן דעם ערשטן פאָדים, וואָס האָט אים פאַרבונדן מיט דעם נייעם לאַנד, איז דאָס געווען אָט יענער קאַלטער פאַרטאָג, ס'ערשטע מאָל צו דער אַרבעט אין דעם וואַגאָן פון לעקסינגטאָן עוועניו עקספּרעס, ווען ער האָט מיטאַמאָל דערפילט, אַז זיין האַרץ איז אים שטאַרק געוואָרן, און אַז ער האָט גאָר איצט נישט קיין מורא פאַר קיין שום שווערקייט).

אויף אַ צושניידער ביי אונטערקליידלעך האָט ער זיך געלערנט, און אַ גאַנצן טאָג אין שאַפּ, ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן אין אַ שאַפּ ,און ס'ערשטע מאָל האַלטנדיק אַ שער אין דער האַנט, האָט ער אוודאי געפּטרט אַ סך סחורה. און דער באַלעבאָס, אַ קורצינקער, אַ בייכלדיקער, מיט לאַנגע פּיאות, אָבער אָן אַ באָרד, איז נישט צו שטאַרק צופרידן געווען מיט אים.

אַ גאַנצן טאָג אין דעם דאָזיקן שאָפּ האָט גרשון זיך געווונטשן און געהאָפט, אַז פאַרנאַכט פון דער אַרבעט זאָל ער זי נאָכאַמאָל באַגעגענען אין באַן. פאַרנאַכט פון דער אַרבעט האָט ער

זי נישט באַגעגנט אין באַן, אָבער דערפֿאַר דעם צווייטן פֿאַרטאָג, אויף דער פּלאַטפֿאָרמע — זי איז ווידער דאָ, און ווידער האָט זי אַ קוק געטאָן אויף גרשונען מיט אירע בלויע אויגן אין פֿאַרוווּנ־דערונג.

# ס׳ערשטע מאָל אויף איסט בראָדוועי

ס׳פּאַלט אַ שניי אין אַמעריקע... גרשון שפּאַנט איבער די ווייסע גאַסן און פאַרגעסט זיך, אַז ער איז אין נייעם לאַנד.

דער שניי האָט דעם פרעמדן אינדרויסן געמאַכט היימיש און נאָענט. ער שפּאַנט איצט צו סוטער עוועניו סטעישאָן. דאָרטן וועט ער אַריינוואַרפן אַ ניקל אין שפּאַלט פון אַזאַ מאַשין, און ס׳וועט פריי מאַכן די פאַרצוימונג און וועט אים דורכלאָזן. וועט ער אַרויפלויפן מיט די טרעפּ אויף דער פּלאַטפאָרמע אין דער הויך. ס׳וועט אָנקומען אַ באַן פון דער ריכטונג פון קאַנאַרסי, און די באַן מיט די זעקס אָדער זיבן וואַגאָנען וועט אויסקוקן, ווי אַ מין שלאַנג. אַ ריזיקע שלאַנג... די באַן וועט זיך אָפּשטעלן, די טירן וועלן זיך געבן אַ צעעפן, וועט ער אַריין אין אַ וואַגאָן מיט שטרויענע בענק. ער וועט זיך זעצן ביים פענצטער און אַרויסקוקן, דעם גאַנצן וועג וועט ער אַרויסקוקן דורכן פענצטער...

די באַן וועט לויפן אין דער הויך. לויפן און זיך אָפּשטעלן. אונטן וועלן זיין די גאַסן פון ברוקלין, און די הייזער און די דעכער... אָט אַזוי וועט ער פאָרן אינדערהויך איבער אַ שטיק שטאָט, און וועט אָנקומען צו אַ ריזיקער בריק — די וויליאַמסבורג בריק, וואָס הענגט אין דער לופטן אויף מיליאָנען דראָטן, און די דראָטן וועלן אַרויסקוקן פונדערווייטנס ווי סטרונעס פון אַ האַרפּע, כאָטש פיר מיטן פינגער איבער זיי. און ס׳וועט זיך הערן אַ געשפּיל...
און אַז די באַן וועט אַרויפפאָרן אויף דער ריזיקער בריק, וועט ער דערזען פונדערווייטנס אַ צווייטע ריזיקע בריק, וואָס הענגט אויך אין דער לופטן, די ברוקלינער בריק...

ער וועט אויך דערזען אַ טייך, וואָס זעט אויס פון דער הויך, ווי עפּעס אַ שמאָלער פּאַס מיט וואַסער, און אין טייך וועלן אַרומשווימען באַרזשעס און שיפן... ער וועט אויך זען די וואָלקן-

קראַצערס פון יענער זייט בריק, מיט די טויזנטער פענצטער... דערנאָך וועט די באַן זיך אַראָפּלאָזן אונטער דער ערד, און גלייך אָנקומען צו עסעקס סטריט... אויף עסעקס סטריט זאָל גרשון אַרויפלויפן מיט די טרעפּ אינדרויסן און זיך לאָזן צו דער ריכטונג פון איסט-בראָדוועי און איידער ער וועט נאָך אָנקומען אויף איסט בראָדוועי, וועט ער שוין דערזען פונדערווייטנס די איינציקע הויכע געביידע פון צען שטאָק, מיט אַ שילד אויפן דאַך אין יידיש, וואָס וועט זיך לייענען „פאָרווערטס“.

דאָס האָט אים די שוועסטער אויסגעמאָלן דעם גאַנצן וועג פון סוטער עוועניו סטעישאָן ביז צום „פאָרווערטס“ אויף איסט בראָדוועי. דאָס גייט ער צום „פאָרווערטס“ מיט אַ דערציילונג, די דערציילונג אָנגעשריבן אין משך פון די לעצטע פיר וואָכן אין די נעכט נאָך דער אַרבעט. די דערציילונג הייסט „דאָס מזלדיקע מיידל“ און ס'איז וועגן זיין שוועסטער רחל און איר לעבן אין אַמעריקע.

אין שאַפּ אַלס צושניידער פון אונטערקליידלעך איז גרשונען נישט אַזוי גוט געגאַנגען. די שוועסטער רחל, וואָס האָט געאַרבעט אין זעלבן שאַפּ, האָט נעבעך געליטן פון איר ברודער חרפּות און בושות, די שער האָט נישט געוואָלט פאָלגן גרשונס פינגער זי זאָל גיין ווו מען האָט באַדאַרפט, דאָס הייסט אויף דער אָנגעצייכנטער קרייד-ליניע. און גרשון פאַרמאָגט דאָך אַזוינע לאַנגע און לעבעדיקע פינגער, אָבער צו דער שער זענען זיי גאָרנישט געווען אַזוי לעבעדיק...

און דאָ האָט זיך נאָך דער שאַפּ דערוווּסט, אַז דער גריענער איז אַ שרייבער, און מען האָט שוין מער נישט באַדאַרפט... דאָס האָט די שוועסטער רחל געלאָזט וויסן מיט גרויס שטאָלץ, אַז איר ברודער איז אַ שרייבער. ס'האָט איר שוין נאָכדעם באַנג געטאָן מחמת יעדער איינער, וואָס האָט געהאַט גאָט אין האַרצן האָט חוזק געמאַכט... און דער באָס האָט נאָך פיר וואָכן, איינזעענדיק, אַז קיין בעל-מלאכה וועט שוין פון גרשונען נישט זיין, אים אָפּגעזאָגט מיט די ווערטער: „אַלס צושניידער קוקסטו אויס צו זיין זייער אַ גוטער שרייבער“...

די לאַנדסלייט האָבן געזאָגט, אַז זאָל נאָר גרשון זיך אַריינבאַקומען אין „פאָרווערטס“ וועט אים שוין זיין גוט, ווי די וועלט.

און גראָדע אַרבעט שוין אין „פאָרווערטס“ אַ שרייבער אַ לאַנדסמאַן, ס'הייסט ער שטאַמט גראָדע נישט פון בערשאַד, נאָר פון אַ שטעטל נאָענט דערביי, אָשעראָוויטש הייסט ער. גרשון האָט שוין געלייענט אָשעראָוויטשן און זייער הנאה געהאַט פון זיין בילדלעכקייט און פון זיין זאַפטיקן זינגעוודיקן יידיש...

און אָט איז גרשון אויף עסעקס סטריט און אויף דעלענסי, און אָט איז ער אויף ברום און גרענד סטריט און אומעטום — אחינו בני ישראל וואַרפן זיך אין די אויגן. און די אחינו בני ישראל מאַכן עפעס אַזוי לעבעדיק די גאַסן און דעם גאַנצן אַרום, מיט זייערע זייער לעבעדיקע אויגן, זייערע לעבעדיקע באַוועגונגען, זייערע לעבעדיקע קולות. מען רעדט שוין נישט פון די פעדלערס לעבן זייערע פושקאַרטס, נאָר פון די פשוטע פאַרבייגייער. זיי גייען דאָ מיט אַזוינע וואַכע אברים, מיט אַזאַ געוואַלדיקער רירעוודיקייט, מיט אַזאַ געוואַלדיקער ליידנשאַפטלעכקייט צו זיין אויף דער וועלט... מען שפאַנט אייליק, אַ סך מענער אין שוואַרצע דוירבים, איינגעקוטיעטע אין רעקלעך מיט לייבלעך. די פרויען אין געשטריקטע וואָלענע קאָפלעך, אויך איינגעקוטיעט אין רעקלעך און אין לייבלעך... מען שפאַנט אייליק אין דעם קאַלטן ווייסן שיינענדיקן ווינטער־טאָג און אַ ווייס־בלוילעכער האַמף ציט פון זייערע מיילער, ווי זיי וואָלטן אַלע דיר געריכערט פאַפיראָסן...

און פון דער יידישער איסט־סאַיד און פון די טענעמענט הייזער האָט ער שוין געלייענט אין די ביכער נאָך אין רומעניע, און לויט די ביכער איז דאָס לעבן דאָרט גאָלע חושכדיק און טרויעריק אויף דער יידישער איסט־סאַיד אין ניו־יאָרק... זענען דאָ טאַקע די אָפגעלישעטע קויטיקע ווענט פון די טענעמענט הייזער אין דער ווייסקייט פון שניי טאַקע חושכדיק און טרויעריק, אָבער פון די מענטשן, וואָס איילן זיך איבער די גאַסן, אָטעמט מיט אַזוי פיל בטחון, כוח און אַ גרויסע לוסט צום לעבן...

און אָט איז שוין גרשון אויף איסט בראָדוויי פאַר דער הויכער שטאָלצער „פאָרווערטס“־געביידע. ער באַמערקט, אַז נאָענט דערביי געפינט זיך אויך די רעדאַקציע פון „טאָג“, אָבער אין אַ קליין שמאָל הויז, מיט דריי אָדער פיר גאָרן, און קוקט אויס לגבי די שטאָלצע פאַרריסענע צען שטאָק פון דער „פאָרווערטס“־געביידע זייער נעבעכדיק און אָרעמאַנסקע.

מען דאַרף זיך אויפהייבן צום נייגטן שטאָק, ווו די „פּאָר־ווערטס“־רעדאַקציע געפינט זיך, אין אַזאַ מין זאַך, וואָס הייסט „עלעוועיטאָר“... און דער עלעוועיטאָר־מאַן קוקט אויף גרשונען מיט חוזק. דאָס איז געווען אַ ייִד אין אַ גרויער קעפּקע, דער דאַשיק אַ ביסל אין אַ זייט, מיט אַ קרומען אַקסל, מיט גרינלעכע אַרויסגעקאָטשעטע אויגן, מיט אַן אַפּלאַכבעריש ברייט מויל. אויך זיין קול, אַ הייזעריקלעך קול איז געווען גאַלע חוזק און ער רופט זיך אָן צו גרשונען:

— אַ שרייבערל?

ענטפערט אים גרשון גאָרנישט. מיידט אויס אינגאַנצן צו קוקן אויף אים; דערלעבט קוים דעם נייגטן שטאָק, און ער קומט אַרויס אין אַ קאָרידאָר זויבער און ציכטיק. דערנאָכדעם קומט ער אַריין אין אַ גרויסן צימער, וואָס אָטעמט מיט אַ ליבער וואַרעמקייט, דאָס איז די רעדאַקציע, זעט ער גלייך. מען זיצט ביי די טישן פאַרטיפט אין שרייבן, ביי דער זייט טירן און אויף יעדער טיר איז אָנגעשריבן דער נאָמען פון אַ באַקאַנטן שרייבער, וואָס גרשון קאָן שוין פון לייענען זייערע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס“.

— וועמען דאַרפט איר? — שטעלט אים גלייך אָפּ אַן עלטערער מאַן מיט אַ שאַרף און פאַרשטנדיק פּנים און מיט קאָסאָקע אויגן דורך אַ פענסנע מיט גאָלדענע ראַמען.

— דאָס וויל איך זען דעם רעדאַקטאָר, אייב קאַהאַן.

— איך בין אייב קאַהאַן — טוט יענער אַ מאַך גאַנץ העפלעך.

— געבראַכט אַ דערציילונג.

גרשון האָט זיך גאָרנישט געריכט אויף אַזאַ גליק. גלייך אויפן אָרט האָט אייב קאַהאַן איבערגעלייענט די דערציילונג. דאָס הייסט, ער האָט אים אַריינגעפירט צו זיך אין צימער, אים געבעטן העפלעך זיך זעצן און גלייך גענומען לייענען. געלייענט דווקא מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט און צום סוף געזאָגט:

— זי טויג נישט פאַרן „פאָרווערטס“.

גרשון האָט אפילו נישט געפרעגט פאַרוואָס, זיך אַ לאָז געטאָן צום קאָרידאָר. נישט געוואָלט זיך אַראָפּלאָזן מיטן עלעוועיטאָר, מורא געהאַט פאַרן עלעוועיטאָר־מאַן. יענער וועט אים נאָך פאַרחוזקן ביזן טויט. ער האָט זיך געלאָזט מיט די טרעפּ אַראָפּ. ס'זענען אפשר געווען ביי אַ דריי הונדערט טרעפּ...

## ס׳גייט נישט גרשונען אין אַמעריקע

גרשון לויפט איבער די בראָנזוויל ער גאַסן אין אַ זייער קאַלטן פֿאַרנאַכט און חלשט עסן.

שטענדיק, ווען ס׳איז אים קאַלט און ער איז הונגעריק, קאָן ער שוין נישט גיין פּאַוואָליע, נאָר ער מוז לויפן. אין אַדעם, אַלס ייִנגל, איז ער אויך געלאָפן איבער די גאַסן, ווען ער איז געווען הונגעריק...

ס׳איז אים נישט געגאַנגען אין אַמעריקע מיט אַרבעט. אַנ־דערע גרינע, ווי למשל, זיין בן־עיר, אַלטער ווינטפעלד, דער שיינער שלאַנקער בחור מיט די זייַדענע שוואַרצע שטראַלנדיקע אויגן, וואָס האָט אויך געוווינט אין בראָנזוויל, און אויך ביי אַ שוועסטער, האָט געאַרבעט אין אַ שאַפּ אַלס שטריקער ביי סוועטערס (לייב־לעך), און געמאַכט הרודעס מיט גאָלד. פּרעסער ביי קליידלעך, פּוטערוואַרגער און פֿאַרבער האָבן אויך געמאַכט הרודעס מיט גאָלד, און יעהער גרינער האָט געטרוימט זיך אויסלערנען איינע פון די האָזיקע פֿאַכן.

און ווי אַזוי קומט מען אָן צו אַזאַ פֿאַך? אַ קרוב, צי אַ לאַנדס־מאַן, צי אַ גוטער באַקאַנטער, נעמט דיך אַרויף אין זיין שאַפּ, און אַרבעט שוין מעשים, דער באַס זאָל אים געבן אַ שאַנס. גרשונען האָט קיין איין לאַנדסמאַן און קיין איין גוטער באַקאַנטער נישט געוואָלט אַרויפנעמען אין זיין שאַפּ, און נישט געוואָלט אַרבעטן מעשים. מען האָט פּשוט נישט געגלויבט, אַז ער, אַ געלערנטער און נאָך אַ שרייבער דערצו, וועט זיך אויסטויגן צו אַ מלאכה. מען האָט גאָר געלאַכט פון אים, ווען ער האָט זיך געבעטן מען זאָל אים אַרויפנעמען אין אַ שאַפּ...

— גיי, מאַך זיך נישט נאַריש, וועסט זיך נישט טויגן...

איז ער געוואָרן אַ „טשאַרני ראַבאָטשי“, דאָס הייסט, געטאָן

שווערע און אומקוואַליפיצירטע אַרבעט. מען האָט דעמלט גע־בויט אויף סוטער עוועניו, אין איסט ניו־יאָרק אַ ריזיק מואָווי־הויז וואָס מען האָט דערנאָכדעם גערופן „דהי פּאַלאַס" און דאָרטן האָט ער געאַרבעט. און זיין אַרבעט איז געווען אָנלאָדן און אַרויס־פירן אינדרויסן טאַטשקעס מיט ברוך: זאַמד, שטיינער, שטיקער ציגל, האָלץ און אַלצדינג וואָס פאַלט אָפּ ביים בויען.

דער פאָרמאַן איז געווען אַ דייטשישער בחור מיט טעמפּע גרויע אייגעלעך, מיט עפּעס אַ משונהדיק גרויסער מאָרדע, און האָט גלייך פיינט באַקומען גרשונען בתכלית השנאה. אפשר צוליב דעם, וואָס זיי האָבן זיך נישט געקאָנט צונויפרעדן. גרשון האָט נישט געקענט קיין דייטש, און ענגליש אַוודאי נישט. און אפשר צוליב דעם, וואָס גרשון איז געווען פּיזיש דער היפּוך פון יענעם. יענער אַ בחור מיט אייזערנע הענט, מיט ברייטע ביינער, און גרשון ,אַ שמאָלער, אַן איידעלער. און אפשר ווייל יענער האָט פיינט געהאַט אַ יידן... ער האָט גרשונען נישט געלאָזט זיך אָפּ־רוען אויף אַ סעקונדע. און די טאַטשקע איז געווען אַן אייזערנע, אַן איין־רעדלדיקע, און מען האָט געדאַרפט פאַרמאָגן אַ סך כוח צו פירן זי איבער די אָנגעוואָרפענע ברעטער דאָרטן. אָבער גרשו־נען איז עס געגאַנגען אין לעבן, אַז גראָד ער, דער לערנער, מיט די געפּאַטשקעטע הענטלעך, זאָל זיך קאָנען ספּראַווען מיט דער דאָזיקער שווערער טאַטשקע. נאָר וואָס זשע דען? ער האָט זיך געוואָלט אַ ביסל אָפּרוען פון צייט צו צייט, כאַטש אויף אַ מי־נוט אָדער צוויי, אָבער דער רשע האָט נישט געלאָזט: „קאַם אָן, קאַם אָן", האָט ער געיאָגט. ס'האָט אים, דעם פאָרמאַן, דערנאָכ־דעם באַנג געטאָן, מחמת ער האָט געכאַפּט פּעטש, און נישט פון גרשונען, נאָר פון די יידישע פאַרבער, וואָס האָבן דאָרטן געאַר־בעט, און ער האָט נאָך נישט געקאָנט האָבן קיין טענה צו קיי־נעם פון זיי, מחמת ער האָט נישט געוווּסט פון וואַנעט זיי פליען, די פּעטש. ער כאַפּט אַ פליאַסק אין נאַקן, טוט ער זיך אַ וואָרף, און דער פאַרבער שטייט זיך גאָר מיטן פּנים צו דער וואַנט און שמירט זיך אַזוי ערנסט מיט זיין באַרשט. גייט ער שוין ווייטער, ווידער אַ פליאַסק אין נאַקן, וואַרפט ער זיך ווידער, אָבער יענער, דער צווייטער פאַרבער, אויך מיטן פּנים צו דער וואַנט, און שמירט זיך אַזוי ערנסט מיט זיין באַרשט. און פאַרבער זענען געווען אַרום

אַכט שטיק, האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז די יידן נעמען זיך אָן פאַר אַ „זייעריקן“, און ער האָט שוין געלאָזט גרשונען אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

לויפט ער ,גרשון, פון דער אַרבעט איבער די בראָנזווילער גאַסן אין די קאַלטע פאַרנאַכטן, אַן אויסגעמאַטערטער, אַן אויסגעשעפּטער, אַ פאַרהלשטער פון הונגער... אָבער ס'וועט אים באַלד זיין גוט. ביי דער מיסעס סיגל אין קיך איז אַ מחיה וואַרעם, און אויפן גרויסן אייזערנעם אויוון קאָכן זיך גרויסע טעפּ און שפּרייטן רייצנדיקע ריחות פון לינדזן־זופּ און פון אַ ראָסל־פלייש. און דער טיש איז געגרייט מיט אַ גרויסן טעלער אָנגעשניטענע רעפּטלעך פּאָמפּערניקל־ברויט, און אויף אַ קליין טעלערל אַ שטיקל הערינג מיט פּאָמידאָרן.

די הויכע ברייטע מיסעס סיגל קאָרמעוועט אי גרשונען, אי די שוועסטער מיט פרישטיקס און מיט וועטשערעס פאַר פופצן דאָלאַר אַ וואָך, זי האָט ליב צו דערלאַנגען גרויסע און פולע טעלער, און האָט ליב, אַז מען לאָזט גאָרנישט איבער אין די גרויסע און פולע טעלער. לאָזט טאַקע גרשון נישט איבער אין די גרויסע און פולע טעלער, און בלייבט נאָך אַלץ הונגעריק. און אַז ער לויפט אַרויס אינדרויסן אויפן וועג צו דער נאַכט־שול, קויפט ער זיך ערשט אין קענדי־סטאָר אַ שטיקל שאָקאָלאַד און עסט דאָס גלייך אויף.

און אויף די ביינאַכטיקע בראָנזווילער גאַסן איז איצט ווידער אַן אייגעניש פון בושטעבלעך טויזנטער און טויזנטער, אָבער דאָס איז גאָר אַן אַנדער אייגעניש, ווי אין די פאַרטאָגן צו דער אַרבעט. ס'איז אַ פרייידיקע אייגעניש פון גאָלע יונגע בחורים און מיידלעך, ערשט צוויי, דריי אָדער העכסטנס זעקס חדשים אין לאַנד. פאַרפוצט אין נייע אַמעריקאַנער קליידער, וואָס זייערע אייגענע האָבן זיי געקויפט, ווען זיי זענען נאָר וואָס אָנגעקומען אין לאַנד, איילן זיי זיך איבער די בראָנזווילער גאַסן אין די נאַכט־שולן, רויט־ציגלדיקע ברייטע געביידעס מיט די גרויסע העל־באַלויכטענע פענצטער.

אין אַ וואַרעמען, העל־באַלויכטענעם קלאַס־צימער, מיט אַ גרויסן שוואַרצן טאָוול, מיט וועלט־מאַפּעס אויף די ווענט, מיט דער אַמעריקאַנער פאָן פון אויבן אָן, זיצט גרשון צוזאַמען מיט נאָך גרינע בחורים און מיידלעך אויף שול־בענקלעך אויף וועלבע

ס'זענען געזעסן קינדער דורכן טאָג, נידעריקע שול־בענקלעך, אין גרשון ווייסט נישט וואוהין אַהינצוטאָן זיינע לאַנגע פיס. די לערע־רין לערנט דעם קלאַס די חכמה פון אויסלייגן די ענגלישע ווער־טער: „נאָיט" איז „נאַכט" אין יידיש און לייגט זיך אויס אזוי מאָדנע מיט אַן איבעריקן „דזשי" אינמיטן. סיסטער, וואָס מיינט „שוועסטער", לייגט זיך אויס אַ מחיה, אָן שום איבעריקע בוכ־שטאַבן. אָבער „נאַיף" אַ מעסער, איז גאָר מיט אַן איבעריקן „קעי" פון פאָרנט... און די חברה גרינע אין קלאַס־צימער קומען פון אַ שווערן טאָג אַרבעט אין שאָפּ. מען דערקענט דאָס אין די מידע הענט, וואָס האַלטן די בלייפעדערס, אָבער נישט אין די אויגן, די אויגן בליצן מיטן פייער פון ווילן לערנען, ווילן וויסן...

* * *

און גרשון לויפט ווידער אין אַ ווינטער־נאַכט פון דער אַר־בעט איבער די בראָנזווילער גאַסן, און ס'איז אים איצטער קעלטער ווי שטענדיק. ער האָט פאַרלוירן זיין דזשאַב, און פאַרלוירן האָט ער אים טאַקע צוליב דעם זעלביקן דייטשישן פאָרמאַן. די יידישע פאַרבער האָבן שוין דאָרטן מער נישט געאַרבעט, האָט זיך דער רשע ווידער גענומען גרשונען דערגיין די יאָרן. ס'איז געווען צו־ליב פאַרמאַכן די טיר, אָדער בעסער געזאָגט צוליב נ י ש ט פאַרמאַכן די טיר. ביים אַרויספירן די שווער אָנגעלאָדענע טאַטש־קע האָט דער דייטש געוואָלט, אַז גרשון זאָל תיכף פאַרמאַכן די טיר, כדי ס'זאָל נישט אַריין די קעלט אינעווייניק אין דער געביי־דע. אָבער, ווי אַזוי האָט ער געקאָנט תיכף פאַרמאַכן די טיר, אַז ער האָט געמוזט מיטביידע הענט שטאַרק צוהאַלטן די שווערע טאַטשקע, וואָס האָט זיך געריסן ווי באַרג־אַראָפּ איבער דער ברעט, וואָס איז געווען אויסגעלייגט פון דער הויכער שוועל צום טראָטואַר אונטן... גרשון איז געוואָרן אַזוי אין כעס אויף דעם פאָרמאַן, וואָס פאָדערט אַזאַ אוממעגלעכקייט, אַז ער האָט אים געזאָגט ביין: „פאַרמאַך אַליין די טיר". האָט יענער זיך אָנגעע־הויבן צו זידלען, האָט גרשון געזידלט צוריק. האָט יענער אים אַ

שטוים געטאָן אין ברוסט=קאַסטן, האָט גרשון אים אַ שטוים געטאָן אויף צוריק... .

* * *

לויפט גרשון אין דער ווינטער=נאַכט איבער די בראָנזווילער גאַסן, און עס איז אים קאַלט אין די ביינער, און ס'איז אים שווער אויפן האַרצן... אַמעריקע איז אומברחמנותדיק...

# דאָס גרויסע געווינס...

ווי קאַלט ס'איז דער פֿאַרטאָג אין בראָנזוויל!... און נאָך קעלטער איז גרשונען, וואָס לאָזט זיך איצט צום ערשטן מאָל אויף אַ נייעם דזשאַב.

דער שאַפּ איז טאַקע אין בראָנזוויל, און דאָס איז נישט גוט. וואָלט דער שאַפּ געווען אין מאַנהעטן, וואָלט ער איצט געלאָפן מיט אַלעמען צו ראַקאָוועי עווענין סטאַנציע כאַפּן די באַן. דאָס לויפֿן אין די פֿאַרטאָגן מיט הונדערטער און הונדערטער אַרבעטער צוזאַמען, נעמט צו די פֿאַרלוירנקייט. אחים לצרה, ברידער צו דער צרה. אַחוץ דעם, אויבן, אויף דער פּלאַטפּאָרמע, וואָלט ער מסתמא געטראָפֿן די וווּנדערלעכע שיינקייט מיט די הייסע בלויע אויגן. ער האָט זי אַלע פֿאַרטאָג געטראָפֿן דאָרטן אויבן אויף דער פּלאַטפּאָרמע, ווען ער האָט פֿריער געאַרבעט אין שאַפּ פֿון אונטערקליידלעך אין מאַנהעטן. און אַלע טאָג האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט פֿאַרווּנדערונג...

יאָ, אין בראָנזוויל איז דער שאַפּ, אָט דאָ באַלד אויף סוטער עוועניו. מען וועט אים דאָרטן אויסלערנען, ווי אַזוי צו מאַכן בוטעלקעס, אָדער „באָטנהאָלס“ אין ענגליש. מען קאָן פֿאַרדינען נישט שלעכט ביי אַזאַ מלאכה, האָט אים די שוועסטער געזאָגט... דער באָס פֿון שאַפּ, דער שוועסטער רחלס אַ באַקאַנטער, איז אַן ערשט־געוואָרענער באָס. אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט און חתונה געהאַט פֿאַר אַ מיידל, וואָס האָט אויך אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט, און מען האָט זיך געעפֿנט אַ שאַפּ.

און קאַלט איז אין דעם דאָזיקן שאַפּ, גאָר ווי אין אַ שטאַל! ס'איז טאַקע פֿריער דאָרטן געווען אַ שטאַל, איצט האָט מען אים אַ ביסל איבערגעבויט, אַריינגעשטעלט אַ פּאָר פֿענצטער, געלייגט אַ הילצערנע פּאָדלאָגע, און ס'איז געוואָרן אַ שאַפּ. אַ בייכיקער

משוהונגעגער אויוון גליט רויט אינמיטן שאָפּ, אָבער ס׳איז אַרויס־געוואָרפן, ס׳איז דאָרטן נאָך קעלטער, ווי אינדרויסן. דער ערשט־געוואָרענער באָס, אַ קליינגעוויקסיקער, מיט זייער רירעוודיקע פּליי־צעס, מיט גיך־לויפנדיקע שוואַרצע ענערגישע אייגעלעך, באַטראַכט דעם קאַנדידאַט, האָס הייסט גרשונען, און מען זעט, אַז קיין צו־גיפסטיקן איינדרוק האָט אונדזער בחור אויף אים נישט געמאַכט; גלייך געכאַפּט, אַז ער איז נישט דער שטאָף, פון וועלכן ס׳קומט אַרויס דער גוטער בעל־מלאכה. דער „האָסלער" (אַ פּלייסיקער אַר־בעטער). פונדעסטוועגן האָט ער אים געהייסן זיך זעצן ביי דער מאַשין מיט זייער אַ גרויסער און דיקער נאָדל, און אים גלייך גע־נומען לערנען ווי אַזוי מען מאַכט אַ בוטעלקע. ס׳איז נישט געווען קיין גרויסע חכמה, און גרשון האָט געמיינט, אַז ער קען שוין, האָט גלייך די גרויסע נאָדל אין דער מאַשין געגעבן אַ גיי אַהין, ווי מ׳באַדאַרף נישט, און געפּלאַצט. אָבער דער ערשט־געוואָרענער באָס האָט געדולד, אַרייגעשטעלט אַ נייע נאָדל און אים געהייסן פּרווון נאָך אַמאָל, האָט ער געפּרווט, און ס׳איז געגאַנגען, און ער מאַכט שוין, גרשון, בוטעלקעס...

און געאַרבעט ביי בוטעלקעס האָט גרשון בלויז אַ שעה. אָבער ס׳איז געווען ווי צענדליקער יאָרן, צוליב זיין רייכער פאַנטאַזיע. זיין פאַנטאַזיע האָט אים אויסגעמאָלן, ווי אַזוי ס׳גייען אַוועק יאָרן און יאָרן, צענדליקער יאָרן און ער מאַכט אַלץ בוטעלקעס, צענדליקער טויזנטער בוטעלקעס, מיליאָנען בוטעלקעס...

און דאָ קומט אַריין אין שאָפּ אַ מיידל, אַ קליינגעוויקסיקס, אַ מאָגערס, אַ רויטהאָריקס, אין אַ קורץ פוטערן זשאַקעטל, מיט אַ פאַרפרוירן נעזל, מיט רויטע פון פראָסט הענטלעך, און מיט בלויע פון קעלט ליפּן. זי האָט געבעך פאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט, האָט זיך דער ערשט־געוואָרענער באָס אַרויסגעוואָרפן אויף איר מיט אַזוינע זלזולים, הלמאי זי איז געקומען שפּעט, אַז דאָס מיידל האָט זיך געבעך צעוויינט.

— און אַז מען פאַרשפּעטיקט אַביסל, וואָס דאַרף מען זיך זי־לען? — קאָן גרשון נישט אויסהאַלטן, און מישט זיך אַריין.

— ווער פרעגט דיך, גרינער טו...ס?! שטרעקט אויס יענער אויף גרשונען אַ פּאָר גזלנישע אויגן.

גרשונס ענטפער איז געווען — טראַך, אַ האַסטיקן שטעפּ געטאָן, און די גאָרל האָט ווידער געפּלאַצט...

— נאָדלען וועסטו ביי מיר ברעכן!! — האָט דער ערשט־געוואָרענער באַס זיך געוואָרפן אויף גרשונען מיט די פויסטן...

* * *

נו, איז שוין גרשון אינדרויסן, און ער איז זיך גראָדע מחיה. ער וועט שוין נישט דאַרפן צענדליקער יאָרן זיצן ביי דער מאַשין און מאַכן הונדערט טויזנטער בוטעלקעס, מיליאָנען בוטעלקעס... און דאָ פאַלט נאָך אַ שניי. דער פראָסט האָט אַ ביסל אָפּגעלאָזט... און עפּעס זייער אַ גוטער פּאַרגעפיל כאַפּט אים אַרום, אַז היינט דאַרף טרעפן מיט אים האָט גרויסע גליק... בכלל אין אַ טאָג, ווען עס פאַלט אַ שניי, קומט צו גרשונען אַ ניהאָדיקייט, וואָס נעמט צו די שווערקייט, די אומרואיקייט. די זאָרג, און זאָגט אים צו אַלדאָס גוטס...

און איצטער, אַז ער האָט יאָ אַ פרייען טאָג פאַר זיך, וועט ער פאָרן ווידער אַמאָל אויף איסט־בראָדוועי, און וועט זיך לאָזן ווידער אַמאָל צו דער „פאָרווערטס“־געביידע, אָבער נישט צו דער „פאָרווערטס“־רעדאַקציע, נאָר צום אַרבעטער־רינג אויפן אַכטן שטאָק. דער אַרבעטער־רינג, האָט זיך שוין גרשון דערוווסט, איז אַ גאַנצע מלוכה, מיט קעמפּס, מיט סאַנאַטאָריומס, מיט יידישע שולן, מיט אַ מאָנאַטלעכן זשורנאַל „דער פריינד“, מיט אַ קינדער־זשורנאַל „קינדערלאַנד“...

און ווידער אַמאָל האָט גרשון מזל, דער רעדאַקטאָר פון „קינ־דערלאַנד“, י. א. שטיינבוים, אַ יונגערמאַן, אַ ברונעם מיט פייערדי־קע שוואַרצע אויגן, מיט רויטע זאַפטיקע ליפּן, וואָס קוקן אויס, ווי זיי וואָלטן ערשט טועם געווען עפּעס אַ גאַש, מיט אַ ראָזעווען פּליך, וואָס פּאַסט אים גאָר, אַ שיינענדיקער ענערגישער פּליך, האָט זיך גלייך גענומען לייענען די קינדער־מעשה, וואָס גרשון האָט אים געבראַכט. און ס'איז אַזוי שטיל אין צימער. ס'האַרץ קלאַפּט ביי גרשונען זייער האַסטיק... ער לייענט איבער, שטיינבוים, דאָס מעשהלע, אָבער זאָגט גאָרנישט, טוט אַ בליץ מיט זיינע שוואַרצע

ברענענדיקע אויגן אויפֿן מחבר און נעמט זיך פֿון דאָס ניי איבערלייענען... און בשעת ער לייענט קומט אַריין נאָך אַ יונגערמאַן, און דאָס ערשטע וואָס מען דערזעט אין אים זענען זיינע אויגן, באַברילטע ברוינע אויגן, גרויסע קיילעכדיקע, וואָס שטראַלן מיט תּלמיד־חכם און מיט עפּעס קינדערשער ווייכקייט. דערנאָך דערזעט מען זיין קאָפּ געדיכטע, בלאָנדע געקרייזלטע האָר מיט הויכע שטערן־ווינקלען. נאָכדעם דערזעט מען זיין מויל. עפּעס אַ גוט מויל. פֿאַרוואָס איז דאָס גוט? ווייל ס'שמייכלט גוט. און פֿון מויל קומט אַרויס אַ יום־טובדיק קול, אַ קול וואָס פֿאַרגייט זיך אין באַגייסטערונג. אָבער דער עיקר זענען די באַברילטע פֿינקלדיקע ברוינע אויגן, די קיילעכדיקע וואָס שטראַלן מיט תּלמיד־חכם און מיט קינדערשער ווייכקייט... דאָס איז געווען דער דעמלטיקער בילדונגס־דירעקטאָר פֿון אַרבעטער־רינג, י. ב. ביילין.

ער האָט אויך גענומען לייענען גרשונס קינדער־מעשה. גלייך אויפֿן אָרט געלייענט און אַלעמאָל געוואָרפֿן אַ שטראַלנדיקן בליק אויפֿן מחבר. און אַז ער האָט פֿאַרענדיקט, האָבן ביילין און שטיינבוים זיך איבערגעקוקט, און אין זייער איבערקוקן זיך איז געווען פֿאַרחתמעט דער גורל פֿון גרשונס קינדער־מעשה.

— יאָ, מיר וועלן דרוקן אייער מעשה — רופֿט זיך אָן שטיינבוים מיט זיינע באַטעמטע ליפּן — ברענגט עפּעס נאָך.

— און ווי לאַנג זענט איר אין לאַנד? — האָט ביילין געפֿרעגט מיט זיין ווייל קול —און מיט וואָס באַשעפֿטיקט איר זיך? און בכלל דערציילט עפּעס וועגן זיך...

* * *

און אינדרויסן איז נאָך אַלץ געפֿאַלן דער שניי. און גרשון שפּאַנט אין אַ ווייסער ליכטיקער וועלט. אַלץ איז ליכטיק פֿאַר גרשונען: די טענעמענט הייזער, די מענטשן אויף די טראָטואַרן, די פּאָר ביימלעך אין העסטער פּאַרק, די פּעדלער, די פּושקאַרטס... ער האָט איינגענומען אַמעריקע, גרשון. און ער וועט ערשט איינגעמען... ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן, אַז מען האָט אים געגעבן האָנאָראַר פֿאַר זיין שרייבן. גאַנצע פֿופֿצן דאָלאַר. און ווען י. ב. ביילין האָט געשריבן דעם טשעק אויף פֿופֿצן דאָלאַר, האָט מען געזען, אַז אויף

אים אַליין איז אַ גרויסע פרייד, די פרייד פון באַלוינען אַ יונגן שרייבער, אַן אָנפאַנגער מיט אַ האָנאָראַר...

און שפעטער, אין דער היים, האָט די שוועסטער רחל גע־קוקט אויפן טשעק, אויף איר קליין ברודערל און געשטראַלט. געוויזן דעם טשעק דער מיסעס סיגל, און שפעטער דער חברטע פעני, ביי דער חברטע פעני איז שוין דער טשעק געבליבן. דאָס איז געווען דער ערשטער אָפּצאָל אויף איר חוב פון אויסלייען רחלן צו קויפן אַ שיפס־קאַרטע פאַר איר ברודער גרשונען.

# די אַמאָליקע „פאָרווערטס"־בעלער

אַך, די „פאָרווערטס"־בעלער, די „בויערים־בעלער" און דערנאָך די „פרייהייטס־בעלער", און נאָך און נאָך בעלער, וואָס מען האָט אַמאָל געפּראַוועט אין ניו־יאָרק...

גרשון האָט נאָך פאַרכאַפּט אַ „פאָרווערטס"־באַל. די שוועסטער רחל און איר חברטע פעני האָבן זיך געגרייט צום „פאָרווערטס"־באַל וואָכן און וואָכן פאָרויס. ווי ציגיינערטעס וועלן זיי זיך פאַרשטעלן מיט מאַסקעס אויף די פּנימער. איר חברטע פעגי די נייטאָרין מיט די גאָלדענע הענט, האָט אין די אָוונטן גענייט פון פאַרשידענע קאָלירטע שטאָפן די ציגיינערשע קליידער. די חברטעס זענען איבערגעלעגן איינע ביי דער אַנדערער אין די דאָזיקע אָוונטן און גענייט, און געשטיקעוועט, און געמאָסטן, און געלאַכט, און זיך געקושט, און געטרוימט, און געפאַנטאַזירט וועגן דער גרויסער געשעעניש...

און אין דער נאַכט פון דער גרויסער געשעעניש האָט אויסגעבראָכן אַ ווילער שניי־שטורעם. ס'האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן. דער ווינט האָט געריסן שטיקער. דער שניי האָט געשמיסן אין פּנים אַריין. ס'האָט פאַרפעלט אָטעם, אָבער אַז מ'האָט דערגרייכט ראַקאָוועי עוועניו סטאַנציע, האָבןביידע חברטעס געלאַכט. גרשון האָט אויך געלאַכט. זיך אָנגענומען מיט דער פרייד פון די דאָזיקע צוויי עלטערע שאָף־מיידלעך, וואָס האָבן געטראָגן ציגיינערשע קליידער הינטער זייערע ווינטער־מאַנטלען, און וואָס וועלן אויך אָנטאָן, ווען זיי וועלן קומען צום באַל, גאָלדענע טופליעס, גרינע מאַסקעס, קאָלירטע פאַטשיילעס, פאַטשערקעס און קרעלן, און בראַסלעטן. די אַלע זאַכן ליגן אין אַ שאַכטל, וואָס גרשון טראָגט זיי נאָך...

און אויבן איז די פאַרשנייטע, פאַרווייעטע פלאַטפאָרמע אין דעם דאָזיקן שבת צונאַכטס געפאַקט פונקט ווי אין די פאַרטאָגן צו דער אַרבעט. דאָס איז כמעט טאַקע דער זעלביקער עולם, ווי אין די פאַרטאָגן צו דער אַרבעט, אָבער אין יום-טובדיקע קליידער, מיט שיינענדיקע פנימער... מען לאַכט... דער ווינט אויף דער פלאַטפאָרמע איז נאָך דערקוטשליווער, ווי אונטן אויף דער גאַס, אָבער מען לאַכט... דער שניי שמייסט אין פנים, און שטעכט ווי מיט נאָדלען, אָבער מען לאַכט...

און אין דער ווערעמקייט פון וואַגאָן, אין איבערגעפאַקטן וואַגאָן, האָט מען אוודאי און אוודאי געלאַכט... מען האָט זיך געפילט דאָ אין וואַגאָן, ווי איין גרויסע נאָענטע משפחה... כמעט אַלע דאָ פאָרן צום „פאָרווערטס-באַל“. מען קאָן זען פון די אויסטערלישע קליידער הינטער די ווינטער-מאַנטלען... כמעט אויף יעדער סטאַנציע שטופן זיך אַריין נאָך און נאָך, און אַלע צום „פאָרווערטס-באַל“.

— ס'איז פריילעך אין אַמעריקע — רופט זיך אָן אין דער הויך אַ בחור, אַ ליץ און ס'ווערט אין וואַגאָן אַ גרויסער געלעכטער.

די אַנדערע וואַגאָנען זענען אויך געווען געפאַקט מיט טומלדיקע יום-טובדיקע חברה; און אַז די באַן האָט זיך אָפגעשטעלט ביי אַ געוויסער סטאַנציע זענען אַלע וואַגאָנען געוואָרן כמעט ליידיק. מיט אַ פריילעכן רעש האָט מען זיך געלאָזט מיט די טרעפ אַרויף צום אינדרויסן... און אינדרויסן אויף לעקסינגטאָן-עוועניו, איז דאָס דאַכט זיך געווען, אין ווירבלענדיקן שניי-שטורעם — אַ ים מיט מענטשן, און אַלע איילן זיך צו אַן אַריינגאַנג, ווי אויבן איבערן אָפדעכל מיט ריזיקע לויכטנדיקע אותיות — „פאָרווערטס-באַל“...

און ווען מען האָט זיך קוים אַריינבאַקומען אינעווייניק, איז געווען אַ רעש, ווי כוואַליעס אין ים. פון איין עק ריזיקן זאַל ביזן צווייטן האָבן זיך געמישט טויזנטער און טויזנטער. קיינער איז נישט געשטאַנען אויף איין פלאַץ, נאָר מען האָט זיך געשטופט צים צענטער. און וואָס איז אין צענטער? די פאַרשטעלטע מענטשן זענען אין צענטער, די וואָס ווילן קריגן אַ פריז. אַ פאַרשטעלטער קאַרל מאַרקס איז דאָרטן דאָ, מיט אַלע קליפערלעך, ס'זאָל פעלן אַ האָר. און אַ פאַרשטעלטער טאָלסטאָי, און אַ פאַרשטעלטער

יעקב אַדלער, און אַ יוסף קעסלער, און אַ מיידל ווי די סטאַטוע פֿון פֿרייהייט מיט אַ גרויסן פֿאַקל אין איר האַנט...

און זײַן שוועסטער רחל מיט איר חברטע פּעני? זיי זענען אַרויסגעקומען פֿון פֿרויענשן וואַש־צימער, עכטע ציגײַנערטעס, פֿאַרפֿירערישע ציגײַנערינס, שפּאַנען אַזוי ריטמיש ווי טענצערינס, לאַכן אַזוי רייצנדיק... און גלייך זענען זיי געוואָרן אַרומגערינגלט פֿון אַ כאַפּטע בחורים, אויסגעשטרעקט די הענט און געוואָלט די ציגײַנערטעס זאָלן זיי וואָראָזשען, דאָס הייסט טרעפֿן די צוקונפֿט. לאַכט די שוועסטער און וואָראָזשעט:

— ווערסט פֿאָרן איבער אַ וואַסער און דײַן מזל וועט זיך בײַטן... איך זע צוויי שיינע מיידלעך אין דײַן לעבן, אַ ברונעטקע און אַ בלאָנדינקע... היט זיך פֿאַר דער בלאָנדינקע... כאַ, כאַ...

די שוועסטער רחל האָט געקאָנט זייער שיין טאַנצן. פֿון וואַנעט איז דאָס געקומען צו איר? נאָך פֿון דער היים, געשטאַנען בײַ די פֿענצטער פֿון איצי קלוגמאַנס זאַל, ווען דאָרטן האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ חתונה ,און געקוקט ווי מ׳טאַנצט, דערנאָך אין דער דער היים, אַ שבת בײַטאָג, ווען טאַטע־מאַמע זענען נישט געווען אין דער היים, האָט זי אויסגעטאַנצט מיט אירע חברטעס אַלע טענץ, וואָס זי האָט געזען אויף די חתונות.

דאָ אין אַמעריקע זענען געווען אַנדערע טענץ. אָבער די שוועסטער רחל האָט די אַנדערע טענץ אויך געטאַנצט זייער שיין. מיט אַזאַ פֿרייקייט אין אַלע אירע גלידער. מיט שיינע רייצנדיקע באַוועגונגען. אַלע בחורים האָבן זיך געריסן מיט איר צו טאַנצן. מיט דער צווייטער ציגײַנערטע האָבן זיך אויך אַלע בחורים געריסן טאַנצן. זי האָט אויך געטאַנצט זייער שיין. שפּעטער איז די דאָזיקע פּעני אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן געוואָרן מיט אַ העל־האָריקן בחור אין דיקע אויגן־גלעזער. די שוועסטער רחל האָט זי נישט געזוכט, געווען פֿאַרטאָן אין אירע דערפֿאָלגן.

אַ בחור, נאָך גאָר אַ יונגינקער, מיט ברענענדיקע שוואַרצע אויגן האָט זיך צוגעקלעפּט צו איר. טאַנצן האָט ער נישט געקענט, האָט ער נאָכגעקוקט ווי זי טאַנצט מיט אַנדערע בחורים, און זי נישט אָפּגעלאָזט פֿון אויג. נאָכן טאַנץ איז ער צוגעגאַנגען צו איר, געבעטן בײַ איר, ממש געחלשט, רחל זאָל אַראָפּנעמען די מאַסקע. ער האָט אַפֿילו אויסגעשטרעקט די האַנט, כלומרשט ער וויל זי

אַליין אַראָפּרייסן, אָבער זי האָט אים שטיפעריש אַ פּאַטש געטאָן מיט דער האַנט...

שפּעטער האָט דער דאָזיקער בחור אַרויפגעפירט די שוועסטער רחל אויף דעם באַלקאָן, וווּ דאָרטן זענען געזעסן אַ סך פּאָרלעך, וואָס האָבן זיך מסתמא באַקאַנט דאָ טאַקע אויפן באַל און איצטער געפּרוווט פאַרפעדימען זייער באַקאַנטשאַפט, דורך רעדן איינער צום אַנדערן שיינע רייד, זיך האַלטן ביי די הענט. דער בחור האָט צו זיין שוועסטער רחל אויך גערעדט שיינע רייד, און אויך זי געהאַלטן ביי דער האַנט. און ווידער אַמאָל זיך געבעטן ביי איר זי זאָל אַראָפּנעמען די מאַסקע. אָבער די שוועסטער רחל — איינמאָל ניין...

* * *

שפּעטער, אין סאָבוועי אויפן וועג אַהיים קיין בראָנזוויל, האָט די שוועסטער רחל נאָך אַלץ געטראָגן די גרינע מאַסקע אויף איר פּנים. אויך אין וואַגאָן האָבן זיך צוגעקלעפּט צו איר בחורים, געשטיפט מיט איר, אויסגעשטרעקט די הענט, זי זאָל זיי „וואָראָזשען“ און זי האָט זיי „וואָראָזשעט“, און געלאַכט הויך מיט איר קלינגענדיקן געלעכטער. אַזאַ פרייליכע שוועסטער רחל. זי האָט געקאָנט נאָך אין דער היים אויספייפן מיט אירע ליפּן פאַרשיידענע ניגונים, האָט זי איצט אויסגעפייפט אין וואַגאָן די „גרינע קוזינע“ און „איך בין אַ באָרדער ביי מיין ווייב“ און אַלע האָבן איר געפּאַטשט בראַוואָ...

* * *

און שפּעטער, אין דער היים אויף טאַטפּאָרד עוועניו (אַ געזונט אין דער מיסעס סיגל, זי האָט אָנגעצונדן דאָס גאַז-אייוועלע, איידער זי האָט זיך געלייגט שלאָפן) איז געווען אַ מחיה וואַרעם אין צימער. דאָרטן אין צימער, שוין אָן דער מאַסקע האָט רחלס פּנים באמת געלויכטן, גאָר נישט דאָס עלטערע שאַפּ-מיידל. אַ יונגע רחל, אַ בליענדיקע רחל... זי האָט אַזוי גיך נישט געקאָנט איינשלאָפן, געלעגן אויף איר בעט און זיך דורכגערעדט מיט איר

קליין ברודערל אויפן צווייטן בעט, און גערעדט פון באַל, און פון דעם נאַרישן בחור, וואָס איז איר נאָכגעגאַנגען די גאַנצע נאַכט, און פון איר חברטע פעני, וואָס איז פאַרשוווּנדן געוואָרן...

און אַז די שוועסטער רחל איז יאָ איינגעשלאָפן. איז זי מער נישט אָפּגעשלאָפן, ווי אַ צוויי אָדער דריי שטונדן, מחמת דער אכזריותדיקער וועקזייגער האָט זיך גרילצנדיק צעקוויטשעט...

— אוי — האָט די שוועסטער רחל זיך אויפגעכאַפּט מיט פּחד — ס'איז שוין גאָר טאָג?

יאָ, ס'איז שוין טאָג, אוים ציגיינערטע, צוריק דאָס שאָפּ־מיידל.. גיך, גיך האָט זי אַרויפגעצויגן אויף זיך די קליידער... גיך, גיך זיך געלאָפן וואַשן... גיך, גיך אָפּגעכאַפּט דעם פרישטיק... גיך, גיך אַרויסגעלאָפן אין פראָסטיקן ווייסן אינדרויסן... גיך, גיך זיך אָנגעהויבן יאָגן צו ראַקאָווער עווענױ סטאַנציע...

און ס'איז געראַדע געווען זונטיק, און זונטיק אַרבעט מען נישט געוויינלעך אין די אַנדערע שעפּער. אָבער ביי איר אין שאָפּ — יאָ. עפּעס אַ ספּעציעלע באַשטעלונג האָט איר באָס אַריינגעקראָגן, און מען האָט געדאַרפט וואָס שנעלער אַרויסענדיקן. דערפאַר אָבער האָט מען נישט געאַרבעט שבת. ער איז געווען אַ שומר־שבת, איר באָס...

# דער בראָנזווילער וועקזייגער

אַ וועקזייגער איז דאָס דען געווען? אַ גזלן איז דאָס געווען! שוין געווען פֿאַרזשאַווערט. די שוועסטער רחל האָט אים געקויפֿט מיט יאָרן צוריק פֿאַר פֿינף און זיבעציק סענט. ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט קאַליע ווערן... געקלאַפּט אַ גאַנצע נאַכט, ווי מיט אַ האַמער איבער אַ בלעך...

גוט איז דער שוועסטער רחל. זי שלאָפֿט אַ טויט-מידע. צו אַזאַ זייגער דאַרף מען אַ גאַנצן טאָג זיך גוט אָנהאָרעווען אין שאַפּ, אַרט שוין נישט. גרשון אָבער אַרבעט נישט. קאָן ער נישט שלאָפֿן, ליגט ער אין דער פֿינצטער און טראַכט. אָבער דער גזלן לאָזט דען טראַכטן? דער מעטאַלענער אייביקער טיק-טאַק דערלאַנגט גלייך אין די שלייפֿן...

אָבער דאָס צעקוויטשען זיך פֿאַרטאָג מיט אַזאַ פּלוצימדיקייט איז גאָר געווען אַ דערשרעק. די שוועסטער רחל, שוין צוגעוווינט און מיט נאָך פֿאַרמאַכטע אויגן, טוט אַ לייג אַרויף די האַנט אויפֿן קעפּל, טוט אַ קוועטש און ער ווערט גלייך פֿאַרשטילט. אָבער נאָכדעם ווי ער איז פֿאַרשטילט געוואָרן, ווי ס'קוויטשעט שוין דער וועקזייגער אין דעם שכנהשן הויז פֿון לינקס, און גלייך אין דעם שכנהשן הויז פֿון רעכטס... אומעטום, אין אַלע הייזער פֿון בראָנזוויל, האָבן שוין אין די פֿאַרטאָגן געקוויטשעט די וועקזייגערס...

און אַז מען האָט זיך צוליב וואָס אויפֿצוכאַפּן, שפּרינגט מען גלייך אַראָפּ פֿון בעט, כאַפּט מען אויף זיך אַרויף די קליידער, שלינגט מען איין דעם פֿרישטיק, לאָזט מען זיך מיט די טרעפּ אַראָפּ צו דער גאַס, מישט מען זיך אוים מיט די הונדערטער און הונדערטער, וואָס יאָגן זיך צו דער באַן-סטאַנציע...

האָט אָבער גרשון נישט געהאַט צו וואָס זיך אויסכאַפּן... איינמאָל ניין. וויפל ער האָט נישט געזוכט, איז נישט געגאַנגען — די גאַנצע וועלט האָט דזשאַבס, אָבער נישט ער... איז שוין דאָס בלייבן ליגן אין בעט, נאָכדעם ווי די שוועסטער רחל האָט זיך אַוועקגעיאָגט צו דער אַרבעט, גאָרנישט געווען זים... קיינמאָל אין זיין לעבן האָט ער זיך נישט געפילט אַזוי געפאַלן... גאַנץ בראָנזוויל לויפט צו דער אַרבעט, און ער ליגט אין בעט...

וואָלט אים כאָטש די מיסעס סיגל דערלאַנגט דעם פרישטיק מיט דער זעלביקער וויל-מאַמעשקייט ווי אין די פאַרטאָגן, ווען ער האָט יאָ אַ דזשאַב.. וואָלט זי אים כאָטש אויסגערעדט דאָס האַרץ, דערמוטיקט, געזאָגט: „זאָרג זיך נישט, דער הימל פאַלט נאָך נישט צו דער ערד“. ניין, שווייגט זי... זי איז גאָר דערשראָקן... אין די טעג, ווען ער איז יאָ געלאָפן צו דער אַרבעט, האָט זי אים באַגריסט מיט „אַ גוטן אויפשטאַנד אויף דיר, גרשון, אייל זיך נישט, נישקשה-נישט. אַ טייערער גרעיפּ-פרוכט, זים ווי צוקער. שמיר פוטער אויפן בייגל, זשאַלעווע נישט“... און פאַרנאַכט, ווען ער איז געקומען פון דער אַרבעט איז: „סקאָצל קומט, ברוך הבא. קערסט אוודאי זיין זייער הונגעריק, נישקשה-נישט, וועסט זיך שוין נישט נאַרן מיט מיין סאַפּער“...

שפּעטער אַלס באָרדער אין אַנדערע הייזער זענען די באַלעבאָסטעס אויך געווען דערשראָקן אין אַזוינע טעג, ווען גרשון איז נישט געלאָפן צו דער אַרבעט. אַזאַ אומעט געווען אויף זיי... עפּעס ווי אַ מסוכּנער חולה אין הויז... שפּעטער אַלס באָרדער ביי אַנדערע באַלעבאָסטעס האָט ער שוין געהאַט שׂכל, אפילו אין אַזוינע טעג, ווען ער האָט נישט געהאַט קיין אַרבעט, האָט ער פאַרלאָזט דאָס הויז גלייך פאַרטאָג, איבערגעלעגן ערגעץ אין אַ ביבליאָטעק, פאַרנאַכט געקומען אַהיים ווי אַ גרויסער פאַרדינער...

ביי דער מיסיס סיגל, זיין ערשטער באַלעבאָסטע אין אַמעריקע, האָט ער נאָך נישט געוווסט ווי אַזוי צו פירן זיך. גלייך געקומען אין הויז אַרום צען אָדער עלף אַזייגער, ווען אַלע פּלעצער, וווהין ער איז געגאַנגען זוכן אַרבעט, לויט די מעלדונגען אין „מאָרגן-זשורנאַל“, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פרוכטלאָז... און אין „מאָרגן-זשורנאַל“ אַלע פרימאָרגן איז געווען קאָלום נאָך קאָלום מיט מעל-

דונגען, און אַלע פּרימאָרגן האָט גרשון געקויפט אַ „מאָרגן־זשור־נאַל“ און אַלע פרימאָרגן אויסגעגעבן אומזיסטיקע הוצאות מיט דער באַן. מען האָט פאַרלאַנגט דערפאַרענע באַלמעלאָכעס, איז גרשון געווען נישט דערפאַרן. מען האָט פאַרלאַנגט אַרבעטער, דערפאַרונג נישט נויטיק, זענען געווען צופיל קאַנדידאַטן. מען האָט פאַרלאַנגט שיק־ייִנגלעך אין די אָפיסעס, און גרשון וואָלט שוין אָנגענומען אַלס שיק־ייִנגל — אַבי אַרבעט, האָט מען אים אָבער נישט געוואָלט צונעמען — צו אַלט. מען האָט פאַרלאַנגט מענטשן אין קעלערס, ווי מען האָט סאָרטירט שמאַטעס, וואָלט ער געאַרבעט ביי שמאַטעס, האָט מען דאַרטן געוואָלט ייִדן מיט בערד.

און צווישן זעקס פאַרטאָג און זעקס פארנאכט זענען די גאסן פון בראָנזוויל געווען כמעט לײדיק. אלע לײַטישע מענטשן זענען אוועק אין די שעפּער. זענען געבליבן בלויז די קינדער און די מאַ־מעס. א מלוכה פון מאמעס מיט קינדער דורכן טאָג. ווער זשע איז דער דאָזיגער לאנגער בחור, וואָס שפּאנט ארום אינמיטן העלן טאָג אויף דער גאס אָן תכלית? נישט קיין קרעמער, נישט קיין פּעדלער, נישט קיין אינשורענס־אגענט, נישט קיין קאָלעקטאָר, נישט דער אייז־ און קוילן־מאַן....

און די מיסעס סיגל האָט פיינט, אז עמעצער דרייט זיך ארום אין איר הויז דורכן טאָג. אפילו מיסטער סיגל, איר אייגענער מאַן, דער צווייטער ביי איר, וואָס אַרבעט שוין נישט יאָרן און לעבט פון אָפּגעשפּאָרטע געלטער, פארשווינדט אויך דורכן טאָג. ער פּאָרט אוועק אַלע פרימאָרגן צו זיינע קינדער און אייניקלעך אין די בראָנקס. אָבער אַלע פאַרנאַכט קומט ער אהיים פּינקטלעך אין צייט צו דער וועטשערע. ער איז אויך, ווי א באָרדער, צאָלט זיין זוייב צוועלף דאָלאַר א וואָך און נישט מערער. דורכן טאָג האָט די מיסעס סיגל ליב צו זיין אליין מיט איר קאַץ, א פעטע קאַץ, אַש־גרוי. נאָכדעם ווי די מיסעס סיגל קערט אוים, רוימט דאָס הויז מיט אַלע צימערן, האָט זי ליב צו זעצן זיך אויף דער הוידע־שטול און לייענען פון א דיקן בוך, וואָס זי פארשטייט נישט קיין וואָרט, כאָטש ס'איז אין יידיש. עמעצער א באָרדער, מיט יאָרן צוריק, האָט איבערגעלאָזן דאָס דאָזיקע בוך, וואָס איז געווען די „אנט־שטייונג פון מענטשן“, פון דארווין, איבערזעצט אין יידיש. לייענט זי יעדן טאָג א בלעטל, אָדער צוויי, פירט מיט איר ווייזפינגער אי־

בער יעדן וואָרט, ווי מיט א טייטל, און לייענט הויך אויף א קול, מיט א ניגון, ווי מען לייענט דאָס טייטש־חומש...

(צוריק מיט אן אכט אָדער ניין יאָר, ווען גרשון איז געקומען פון קאַליפאָרניע קיין ניו־יאָרק אויף א באזוך, איז ער אומיסטן אוועק אויף טאַטפאָרד עווענין, וווּ ער האָט אמאָל געוווינט — מיט א פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, האָט ער געטראָפן די מיסעס סיגל שוין זייער אַלט, אָבער אויף דער זעלביקער הוידע־שטול, און מיט דעם זעלביקן בוך פון דאַרווינען...).

אַ פּאָר שעה פאר פּאַרנאַכט נעמט זיך די מיסעס סיגל צוגרייטן וועטשערע. זי האָט ליב די דאָזיקע עבודה. פון א שטעטל קאָדימע אין דער אוקראַינע שטאַמט זי. האָט זי ליב צו קאָכן די מאכלים, ווי אמאָל אין איר שטעטל קאָדימע... אַלע באַלעבאָסטעס איז בראָנזוויל שטייען איצט ביי די אויוונס און קאָכן וועטשערע... אויף די גאסן איז א פריילעכע שפּאַנונג. אָט באַלד. אָט באַלד, קערט זיך אום צוריק די אַרמיי ברויטגעבער... באַנען לויפן איבער דער בריק אויף „לבנון" עווענין איינער נאָך דער אַנדערער מיט די זיך־אומקערנדיקע אַרבעטער. אין די באַלויכטענע פענצטער פון די דורכלויפנדיקע באַנען זעט מען שוין ווי געפּאַקט די וואַגאָנען זע־נען. ביי ראָקאַוועי עווענין סטאַנציע, און ביי נאָך און נאָך סטאַנ־ציעס וואַרטן בראָנזווילער קינדער אויף זייערע טאַטעס, זייערע מאַ־מעס, אויף זייערע ברידער און שוועסטער, וואָס קערן זיך אום פון דער אַרבעט... גרשון וואַרט אויך אויף זיין שוועסטער רחל...

נאָך דעם טשעק פון פופצן דאָלאַר, וואָס גרשון האָט באַקומען פאַר זיין ערשט קינדער־מעשהלע פון י.ב. ביילין, האָט די שוועס־טער רחל געמיינט, אז ס'וועט איר ברודער שוין גיין און גיין.... נו, גייט נישט, אָבער זי רעדט אים נישט אוים. פאַרקערט, זי זעט, ווי ס'איז אים זייער אומעטיק, נעמט זי אים נאָך אין א מואווי צו זען טשאַרלי טשאַפּלין און לאַכן... זי האָט אַזוי ליב צו לאַכן, די שוועס־טער רחל, און האָט אויך ליב, אז אַנדערע לאַכן מיט.

# וואַשינגטאָן עוועניו?...

ווו איז ערגעץ די בראָנקס? און ווו ערגעץ איז וואשינגטאָן עוועניו?

דער ייד פון ציימונגס־געשטעל לעבן ראקאָוועי עוועניו סטאַנ־ציע האָט אים געזאָגט, אז צו די בראָנקס נעמט מיט דער באַן אפשר מער פון א שעה, און אז אָנקומען אויף וואשינגטאָן עוועניו דארף מען ערגעץ בייטן. ווו — ווייסט ער נישט.

— פרעג דעם קאָנדוקטאָר, זאָג אים „וואשינגטאָן עוועניו", וועט ער דיר שוין לאָזן וויסן.

— וואשינגטאָן עוועניו? — פרעגט גרשון דעם קאָנדוקטאָר מיט לייטישקייט און וועלן געפעלן, ווי נאָר ער איז אריין אין וואַ־גאָן.

א גרינער אין אַמעריקע זאָל מען נאָר אָפּגעהיט ווערן, נאָך ערגער פון א מום. דער קאָנדוקטאָר, א קליינגעוווקסיקער, א פעט־לעכער, אין א גרויער אוניפאָרם, וואָס די ארבל פון רעקל זענען צו קורץ אויף אים, ענטפערט אים ווי מען ענטפערט א שטומען, דאָס הייסט, נישט מיטן מויל, נאָר מיט די אויגן און מיט א מאַך מיט דער האנט. און דאָס דארף מיינען, אז „גוט, איך וועל דיך שוין האָבן אינזינען".

שטענדיק, ווען די באַן לויפט אריין אונטער דער ערד, כאפט גרשונען אָן א מין דערשרעק, א מין אומזיכערקייט. און שטענדיק דער באַאומרואיקנדער געדאנק: ווי, למשל, אז די עלעקטריע ווערט קאליע, און מען בלייבט אין דער פינצטער. פון זינט ער איז אין אמעריקע קומען צו אים בכלל אזוינע געדאנקען מיט „טאָ־מערם" און „אפשרם"... אָט האָט אים דער קאָנדוקטאָר צוגעזאָגט אויף שטום־לשון, אז ער וועט אים האָבן אינזינען מכוח וואשינגטאָן עוועניו, אָבער טאָמער האָט ער פארגעסן? גרשון איז דען דער־

איינציקער פּאַסאַזשיר, וואָס פרעגט ביי אים, ווו מען דארף בייטן אויף א צווייטער באן? וואָלט ער כאָטש א קוק געטאָן אויף אים, גרשונען, האָט ער קיין איין מאָל נישט א קוק געטאָן. ווי באלד ער איז פארטיק געוואָרן ביי די אָפּשטעלן, ארייננעלאָזט די פּאסא־זשירן, האָט ער זיך אנידערגעזעצט אין א ווינקל און פארגראָבן דאָס פּנים אין א צייטונג, וואָס ער האָט טאַקע געפונען אויף א באנק און וואָס עמעצער פון די פּאַסאַזשירן האָט איבערגעלאָזט...

מען דארף אים דערמאָנען, טראכט גרשון, און ער גייט צו צו אים, און ווידעראמאָל מיט לייטישקייט, און מיט וועלן געפעלן טוט ער א זאָג:

— וואשינגטאָן עוועניו?

איז ווידעראמאָל דער קאָנדוקטאָר אויף שטום־לשון, טוט א מאך צו אים מיט דער האנט און מיט די אויגן, אז זאָל גרשון זיין רואיק, ער וועט אים האָבן אינזינען... ס'פאַרדריסט בפירוש גרשונען, וואָס יענער צו אים גאָר אויף שטום־לשון און קוקט אויף אים, ווי אויף א בעל־מום, געבער.

אויף פערצנטער גאס באפאלט שוין אונדזער בחור א גרוי־סער פּחד. ער זעט ווי כמעט דער גאנצער וואַגאָן מיט די מענטשן האָט זיך א לאָז געטאָן צו די טירן. איז אפשר דאָ טאַקע די סטאַנ־ציע, ווו מען באדארף בייטן אויף וואשינגטאָן עוועניו, און דער קאָנדוקטאָר האָט פארגעסן אים צו זאָגן.

— וואשינגטאָן עוועניו? דאָס הייסט, דארף מען דאָ אפשר בייטן אויף וואשינגטאָן עוועניו? — טוט גרשון א לויף צום קאָנ־דוקטאָר בשעת יענער האלט אין אַרייננלאָזן נייע פּאסאזשירן....

איז וואָס זשע דארף יענער ווערן אין כעס? ניין איז ניין, אָבער ער שטעלט אָן אויף אים א בייז פּנים, און ווידער אויף שטום־לשון, און גאָר מיט די אויגן, ווייל די הענט זענען בייז אים פארנומען מיט פארשליסן די טירן. טוט יענער א זאָג מיט די אויגן, הייסט דאָס: „זייַ דאָרט אין געהאקטע ווונדן, איך וועל דיר זאָגן, זאָגן"...

און דאָ נאָך אויף פערצנטער גאס ווערט דער וואַגאָן איבער־געפּאקט, מען שטייט קאָפּ אויף קאָפּ. דער קאָנדוקטאָר אליין גייט שוין גישט אריין אין וואַגאָן, נאָר בלייבט שטיין פון יענער זייט טיר, אין פאָדער־ארייננאנג. גייט שוין אויך גרשון ארוים אין פאָ־

דער־אריינגאנג. זאָל ער אים זיין אין די אויגן, אזוי צו זאָגן, וועט ער אפשר נישט פארגעסן. דער קאָנדוקטאָר אָבער וויל נישט קוקן אויף אים, ער זעט שוין, גרשון, אז יענער האָט אים פיינט, און אפשר אויף צו־להכעיס וועט יענער אים שוין נישט זאָגן.

אויף טאימס סקווער ווערט גאָר א בהלה, מען שטופט זיך אין וואגאָן אויף געניזוקט צו הערן. ס'איז זייער א גרויסע סטאנציע, און אפשר דאָ דארף מען גאָר בייטן?

— וואשינגטאָן עוועניו?

— וואשינגטאָן עוועניו? — קרימט זיך דער קאָנדוקטאָר אים נאָך און איז געוואלדיק בייז.

פאָרט מען שוין ווייטער און גרשון קאָן קוים איינשטיין. ער שטייט נאָך אלץ אויף דער פלאַטפאָרמע צו זיין דעם קאָנדוקטאָר אין די אויגן. ער וועט שוין נישט פרעגן, גרשון, אז יענער ווערט אזוי גלייך אָנגעצונדן. ער וועט זיך שוין פארלאָזן אויף זיין חסד... און דאָ גאָר לויפט די באן אָן אן אָפּשטעל פארביי איין ליכטיקע סטאנציע מיט ווייסע ווענט נאָך דער צווייטער, לויפט זי פארביי.... ער האָט נאָך נישט געוווסט, אז דאָס לויפט די באן עקספּרעס... און דאָס וואָס די באן לויפט אזוי שנעל און שטעלט זיך נישט אָפּ שרעקט אים געוואלדיק.... ער פארשטייט דאָס נישט... און דאָ קומט ווידער א „טאָמער" — טאָמער איז גאָר דער מאָטאָרמאַן קראנק געוואָרן און ער קאָן נישט אָפּשטעלן די באַן, און דעריבער לויפט זי אזוי משוגענערווייז?... אָבער דאנקען גאָט, די באן האָט זיך יאָ אָפּגעשטעלט. אויף דער זעקס און אכציקסטער גאס זיך אָפּגע־שטעלט. איז אפשר טאקע דאָ דארף מען בייטן אויף וואשינגטאָן עוועניו? איז פרעגן, האָט ער שוין מורא, נאָר ער קוקט צום קאָנ־דוקטאָר מיט אזוינע אויגן, וואָס פרעגן נאָך מערער פון ווערטער:

— וואשינגטאָן עוועניו?

דרייט יענער אוועק דעם קאָפּ און איז נאָך מער בייז. עפנט די טירן און פארמאכט די טירן, בלייבט שוין נישט איבער אין פאָ־דער־אריינגאנג, נאָר גייט אריין אינעווייניק אין וואגאָן. גייט אים גרשון נאָך און זעצט זיך אנידער אויף דער צווייטער באנק אנט־קעגן אים, און כדי יענער זאָל נישט מיינען, אז ער וועט קוקן אויף אים, פארטיפט זיך גרשון אין א צייטונג — אין א יידישער צייַ־טונג, וואָס עמעצער האָט איבערגעלאָזט אויף דער באנק.

און די צייטונג איז עפּעס גאָר א טשעקאָווע, „פרייהייט" הייסט זי. נאָך נישט געהערט פון אזא צייטונג, קוקט אוים אינ־גאנצן אנדערש פון די יידישע צייטונגען, וואָס גרשונען זענען באַ־קאַנט. און זי לייענט זיך אויך עפּעס אנדערש. יענע צייטונגען נוצן א סך ענגלישע ווערטער, באזונדערס דער „פאָרווערטס", אָבער די דאָזיקע צייטונג — עפּעס ווי זי וואָלט זיך באזונדערס געהיט, אז ס'זאָל נישט אריינפאלן קיין איין ענגליש וואָרט. איינער א משה כיץ שרייבט דאָרטן, און איינער משה אָלגין. אָבער רואיק לייענען די צייטונג קאָן ער שוין נישט. עס בויערט אים אין קאָפּ דער „וואַ־שינגטאָן עוועניו". לייגט ער צונויף די דאָזיקע טשעקאווע צייטונג, די „פרייהייט", באהאלט זי אין דער קעשענע. ער וועט זי שוין ליי־ענען נאָכדעם ווער דער קאָפּ וועט זיין רואיק.

און וואָס דארף גאָר גרשון צו וואשינגטאָן עוועניו? — האָט איר מסתמא געוואָלט פרעגן. געלייענט אין „מאָרגן־זשורנאל" צווישן קאָלום־אנאָנסן, אונטערן קעפּל „קהלשע געזוכט", אז די כנסת ישראל אויף וואשינגטאָן עוועניו, נומער אזוינער און אזוי־נער, זוכט א העברעישן לערער פאר דער תלמוד תורה. מען זאָל זיך מעלדן אין כנסת ישראל, די און די שעה פון טאָג...

און א העברעישער לערער, זאָגט מען, פארדינט פּערציק אָדער פופציק דאָלאר א וואָך. פאַרוואָס זשע זאָל גרשון נישט ווערן קיין העברעישער לערער? ס'איז דאָך זיין פאך נאָך פון דער היים... מען האָט אים אָבער געזאָגט, אז א גרינעם נעמט אזוי גערן נישט צו פאר א לערער, מחמת די אמעריקאנער קינדער, גרויסע שקצים, מאכן חוזק פון א גרינעם לערער. גרשון אָבער גלויבט נישט, אז די קינדער וועלן מאכן פון אים חוזק. ער ווייסט דאָך אזוי גוט ווי אזוי אָנצוגיין מיט קינדער. קינדער האָבן אים דאָך ליב...

יאָ, דער קאָנדוקטאָר קוקט נישט אויף אים. און דאָ פאלט שוין אָן א כעס אויף גרשונען קעגן יענעם. איז דאָס דען נישט זיין פליכט אלס קאָנדוקטאָר צו ווייזן די פּאסאזשירן וווּ מען דארף בייטן אויף אָן אנדער באַן?

— וואשינגטאָן עוועניו? — פרעגט אים שוין גרשון נישט מיט לייטישקייט און נישט מיט ווען געפעלן, נאָר מיט זעלבסט־ווירדע.

— דזשיזוס קראיסט! (יעזוס דער געקרייציקטער) — טוט יענער א רוף אויס מיט פארצווייפלונג, און ווי ער כאפט אים נישט אָן ביי די אַקסלען און טוט אים נישט א וואָרף ארויס פון וואַגאָן כמעט מיט א היסטעריש קול:

— וואשינגטאָן עוועניו, וואשינגטאָן עוועניו....

ס'איז נישט געווען די סטאנציע, וו מען דארף בייטן אויף וואשינגטאָן עוועניו. דאָס האָט זיך גרשון גלייך דערוווסט, ווען ער האָט זיך דערפרעגט ביי אן עלטערן יידן מיט א באָרד, וואָס איז געשטאַנען אויף דער פלאַטפאָרמע און האָט אויך געוואַרט אויף א באַן... דער קאָנדוקטאָר האָט אים פשוט מער נישט געקאָנט ארי־בערטראָגן, און אים ארויסגעוואָרפן....

# העברעישע לערער...

מען האָט גערעדט: בראָנקס, בראָנקס — און אָט איז גרשון אין די בראָנקס. אַן אנדער טומל דאָרטן, אַן אנדערער ריח דאָרטן, אפילו אַן אנדערע קעלט. די קעלט איז דאָ טרוקענער, ווי אין בראָנזוויל. ס׳איז דאָ בארג ארויף און בארג אראָפּ. און די הייזער, אייניקע אפילו מער ווי זעקס שטאָק, זענען א ביסל נייער, ווי אין בראָנזוויל, און מען באגעגנט דאָ נישט אזוי פיל יידן אין לאנגע קאַפּאָטעס און אין באָרד און פיאות. אָבער עס איז א יידישע שטאָט: שולן, תלמוד־תורהס, כשרע בוטשער־שעפּער (כשרע יאטקע־קראָמען)....

און אָט איז אויך „א שלום־עליכם פאָלקס־שול“. גרשון קוקט אריין דורכן פענצטער. וואָס זשע זעט ער דאָרטן? ליידיקע שול־בענקלעך, א גרויסן טאָוול, אויף דער וואנט א בילד פון שלום־עליכם און א בילד פון י.ל. פּרץ.... נישט ווייט איז טאקע די „כנסת ישראל“, וואָס האָט געמאָלדן אין „מאָרגן־זשורנאַל“, אז זי דארף האָבן א העברעישן לערער. קוקט אויס די כנסת ישראל כמעט ווי א שול אין דער אלטער היים, מיט הויכע קאָלירטע פענצטער, מיט א גרינעם בלעכענעם דאַך, קיילעכדיק ווי א יאַרמולקע, מיט א גע־לער שטארקער דעמבענער טיר, מיט א מגן דוד, און אין מגן דוד איז אָנגעשריבן: „לישועתד קויתי ה׳“ (צו דיין הילף האָב איך געהאָפט, גאָט)... געווען געמאָלדן אין דער צייטונג, אז מען זאָל קומען ארום פיר אזייגער בייטאָג, און דאָ איז ערשט געווען דריי, אָבער גרשון איז שוין נישט געווען דער ערשטער, געטראָפן ביי דער פארמאכטער דעמבענער טיר נאָך צוויי קאַנדידאַטן, און די דאָזיקע צוויי קאנדידאַטן האָבן געקוקט אויפן נייעם קאנדידאַט, דאָס הייסט אויף גרשונען, מיט זייער נישט קיין פריינדלעכע אויגן. א נייער קאָנקורענט....

איינער פון זיי איז געווען א מיטליאָריקער מיט ווייכע בלויע אויגן דורך ברילן, אין א הארטן שווארצן קאַפּעליוש, א מין דויר־בי. מען האָט גלייך דערקענט, אז זיינע האָר זענען געווען געפארב־טע אויף שווארץ. מחמת דעם איז גרשונען באפאלן אן אומעט. ער האָט זיך גלייך פאָרגעשטעלט, ווי ער, גרשון, איז אויך אין די מיטעלע יאָרן, און זיינע האָר זענען געוואָרן גרוי, און ער זוכט א שטעלע אלס לערער, און ער פארבט זיך די האָר אויף שווארץ, כדי מען זאָל מיינען אז ער איז נאָך יונג.

דער צווייטער איז געווען א שטארקער בחור, מיט א פעסטן אין זיכערן קוק אין זיינע שטאָל־גרויע אויגן, מיט זייער קרעפטי־קע פלייצעס. ער האָט געקוקט סיי אויף גרשונען און סיי אויף דעם מיטליאָריקן מיט די געפארבטע האָר פון אויבן אראָפּ (שפּעטער האָט גרשון שוין פארשטאנען, וואָס יענער האָט זיך געפילט אזוי תקיפדיק, ער האָט געקענט זייער גוט רעדן ענגליש, שוין געווען אין אמעריקע יאָרן און יאָרן).

מען איז נישט געשטאנען אויף איין אָרט, ס'איז געווען זייער קאָלט אין די בראָנקס. מען איז געגאַנגען אַהין און צוריק איבערן בלאָק, נישט אלע דריי צוזאמען, נאָר יעדער איינער באזונדער. מען האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט איינער צום אנדערן — דריי שונאים... דערנאָך איז צוגעקומען נאָך איינער, און די פרי־ערדיקע דריי, וואָס האָבן זיך פיינט געהאט, האָבן זיך אין איין אויגנבליק פאראייניקט, און געווענדעט זייער פאראייניקטע שנאה צום נייעם קאנדידאט. דער נייער קאנדידאַט, דווקא א יונגער, אָבער מיט א ברענענדיק שווארץ בערדל, מיט לאכנדיקע ברוינע שמאָלע אויגן....

ארום פיר אזייגער איז אָנגעלאָפן דער פרעזידענט פון דער תלמוד תורה, אן אויסגעפּוצטער, א שיינער ייד פון א יאָר פער־ציק, א ברונעט מיט א צוגעשוירן בערדל. ער האָט גאָר קיין צייט נישט, האָט ער געזאָגט, ער האָט א קראַם פון מענער־קליידער אויף פּראָספּעקט עוועניו. זיך קוים אָפּגעריסן פון קראָם. ער איילט זיך א געוואלד.

דערוויילע האָבן אָנגעהויבן זיך צו ווייזן די תלמידים. די ער־שטע צוויי־דריי האָבן זיך נאָך אויפגעפירט שטיל און לייטיש, אָבער אז זיי זענען געוואָרן גרעסער אין צאָל, האָט זיך שוין די סטעליע

געהויבן. יידישע בראָנקסער ייִנגלעך, צווישן אַכט און צען, מיט גאָר נישט קיין דרך ארץ נישט צום פרעזידענט און נישט צו די פיר קאַנדידאַטן — לערער. און דאָ איז נאָך אריינגעפאָרן גלייך אין קלאַס-צימער, אויף זיינע שטאָלענע רעדלעך (ראָלער סקעיטס) א צעשויבערט בחורל פון א יאָר ניין.

— אָט — מאַכט דער פרעזידענט — דאָס איז דער קלאַס, וועלכער פון אייך ס'וועט צומבעסטן קאָנען האלטן דיסציפּלין, דער קריגט די שטעלע.

דער קלאַס-צימער איז געווען אין דער פרויענשער אָפּטיילונג, דאָס הייסט אונטערן פאָרהאַנג, וואָס האָט אָפּגעטיילט פון דער מענערשער זייט. דער ערשטער אויפן פייער איז געווען דער מיטליאָריקער מיט די געפארבטע האָר. ער האָט א פּאטש געטאָן מיט די הענט און אויסגערופן אין יידיש צו די קינדער, וואָס זענען געווען צעשפּרייט איבערן צימער מיט רעש און מיט קולות:

— זיך זעצן, שקצים!

אָבער די „שקצים“ האָבן זיך אפילו נישט אומגעקוקט. דער אויף די „ראָלער סקעיטס“, דאָס הייסט אויף די שטאָלענע רעדלעך, האָט זיך געלאָזט פאָרן ארום און ארום די שול-בענקלעך. און די חברה זענען נאָכגעלאָפן מיט גרויס שמחה.

— איצטער איר — מאכט דער פרעזידענט מיט א כיטרע שמייכעלע צו דעם יונגנמאַן מיטן בערדל, און מיט די פריילעכע אויגן — לאָמיר זען, וואָס איר קאָנט מיט זיי.

וואָס האָט יענער געקאָנט טאָן מיט זיי? (יענער איז אויך געווען א גרינער). דאָס איינציקע, וואָס ער האָט געקאָנט טאָן מיט זיי, איז אויסרופן אין יידיש מיט א פריילעך קול:

— נו, קינדער, זעצט זיך, מיר וועלן זיך נעמען צו דער מלאכה.

עטלעכע קינדער האָבן זיך גראדע יאָ געזעצט. ס'איז זיי הפּנים געפעלן געוואָרן די פריילעכקייט זיינע. די איבעריקע אָבער זענען בשעת מעשה געווען געוואלדיק פארטאָן אין דער קונץ, וואָס דאָס ייִנגל אויף די רעדלעך האָט פאר זיי באוויזן, ווי ער קאָן אָנבויגן די קני, און כמעט זיצנדיק פאָרן אויף זיינע רעדלעך.

— נו, איצטער וועלן מיר זען, וואָס איר קאָנט טאָן? — האָט זיך דער פרעזידענט געווענדעט מיט דעם זעלביקן כיטרען

שמייכעלע צו דעם יונגנמאַן, וואָס האָט זיך געהאַלטן אזוי תקיפ־דיק ביי זיך.

יענער אָן איבעריקע הכנות, איז גלייך צו מיט שטארקייט צו דעם בחור'ל אויף די רעדלעך, אויסגעשטרעקט א באפעלערישן פינגער צו אים און א זאָג געטאָן אין ענגליש, שטיל, אָבער מיט דער שטילקייט, וואָס דערשרעקט:

— טו גלייך אוים דיינע „ראָלער־סקעיטס“!

דאָס בחור'ל, אקוראט ווי מען וואָלט אים דערלאנגט מיט א שטעקן איבערן קאָפּ, און אָן שום טענות, האָט זיך גענומען אָפּשפּיליען די רימענס פון זיינע רעדלעך.

— זעצט זיך — האָט יענער ווידער א זאָג געטאָן אין ענג־ליש מיט א באפעלעריש קול צו דער פריטשמעליעטער חברה...

און אַלע האָבן זיך געזעצט, ווי די קאָטינקעס, און געקוקט מיט דרך ארץ אויף זייער מייסטער. און דער מייסטער האָט גע־האַלטן פאר זיי א דרשה. און פארשטייט זיך, אויך אויף ענגליש. גרשון האָט נישט פארשטאנען, וואָס ער האָט געזאָגט, אָבער ער האָט זיך שוין געקאָנט משער זיין, אז דאָס לאָזט ער זיי וויסן, אז מיט אים מאכט מען נישט קיין פוילע שטיק...

יענער האָט טאקע געקראָגן די שטעלע...

אויפן וועג צוריק האָט גרשון געזען דורכן לויכטנדיקן פענצ־טער אין דער שלום־עליכם פאָלקס־שול יינגלעך און מיידלעך זיצן אויף די בענקלעך. ס'האָט זיך אים שטאַרק פארגלוסט אריינצו־גיין אינעווייניק, און זען ווי מען לערנט. אָנגעקלאפּט אין דער טיר. האָט אים געעפנט א ווירדיקער יונגערמאַן מיט א פּאָר סאַ־מעט־שווארצע אויגן, און סאמעט־שווארצע געדיכטע האָר, אין אן אויסגעפּרעסטן בלויען אַנצוג, אין א זייבער־ווייס העמד, מיט א קמיץ־שניפּסעלע. ער האָט געפרעגט, וואָס גרשון וויל, און גרשון האָט אים געזאָגט, אז ער וויל זען, ווי מען לערנט דאָ אין דער שול.

— מיטן גרעסטן כבוד...

ארום אַכצן קינדער געווען אין קלאַס, די עלטסטע זענען מסתמא מערער פון אכט יאָר נישט אלט געווען. ס'האָט זיך גע־פילט דרך ארץ פון קלאַס און אויך ליבשאפט צום לערער, כאָטש־בי ער האָט צו זיי גערעדט בלויז אין יידיש. זיי האָבן גאָר אליין

געקאָנט רעדן יידיש, און לייענען יידיש. גרשון האָט דאָס שוין געזען, ווען דער לערער האָט ארויסגערופן ווענמען פון די קינדער צו לייענען פון טעקסט־בוך...

גרשון וואָלט זיך מחיה געווען, ווען ער קאָן אויך זיין א לע־רער אין אזא שול, רעדן מיט די קינדער יידיש, און זיי דערציילן זיינע מעשהלעך אין יידיש... און ווי איבערראשט גרשון איז גע־וואָרן ווען דער לערער האָט א נעם געטאָן פון זיין טיש דעם זשורנאל „קינדער־לאנד" און אָנגעהויבן פאָרצולייענען פאר די קינדער טאקע גרשונס מעשהלע, טאקע דאָס מעשהלע, וואָס ער האָט מיט א צייט פריער געבראכט שטיינבוימען און ביילינען, די רעדאַקטאָרן פון „קינדער־לאנד". ס'איז געווען די מעשה וועגן ציגעלע־מיגעלע, און די קינדער האָבן הארציק געלאכט פון אזא ציגעלע, וואָס הייסט „ציגעלע־מיגעלע". זיי האָבן זיך בכלל גע־פרייט מיטן מעשהלע. גרשון האָט גישט געזאָגט דעם לערער, אז גרשון איז דער מחבר פון אָט דעם מעשהלע, זיך געשעמט... ס'איז נישט געווען נויטיק צו זאָגן, מחמת דאָס איז איצט נישט געווען דער עיקר. דער עיקר איז געווען די אויפגעשיינטע פני־מער פון די קינדער...

* * *

געקומען איז ער אהיים אזא פריילעכער, אז די מיסעס סיגל איז אויך געוואָרן פריילעך, געמיינט, אז ער האָט שוין געפונען א דזשאָב.

# נאָכאַמאָל מרים

און מרים? גרשון האָט אָפּט געטראַכט פון איר אין אמעריקע. און איינמאָל א ביינאכט האָט זיך אים געחלומט א חלום, און אין חלום האָט זיך איבערגעחזרט דאָס, וואָס ער האָט אמאָל אַלס זעכצן־יאָריק יינגל ווירקלעך איבערגעלעבט.

ס'האָט זיך אים געחלומט, ווי ס'איז א זומער פאַרטאָג אין בערשאַד, און ער איז איינער אליין אין טייך. ער קוקט אריין דורך די שפּאַלטן אין די ברעטער אין דער פרויענשער קופּאַלניע (באָד־פּלאַץ). און ער זעט מרימען דעם שוסטערס מיידל פון כאַטשעשוואַטע אין איר כישופדיקער נאַקעטקייט אריינגיין אין וואַסער... און ס'גייט אויף אין אים אַן אומבאַשרייבלעכע פרייד פון גאָטס וווּנדערלעכן באַשאַף פון דער פרוי. און אז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט נישט נאָר זיין האַרץ געקלאַפּט ווי מיט האַמערס, נאָר די גאַנצע נאַכט האָט געקלאַפּט ווי מיט האַמערס... און אפילו נאָכדעם, ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אז דאָס איז גאָר דער וועקזייגער, וואָס קלאַפּט אזוי ווי מיט האַמערס, האָט ער זיך אָבער נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַפרייען פון דער אויסדאַכטעניש, אַז די נאַכט אַליין טיאָכקעט פון גרויס בענקשאַפט נאָך יענעם זומער־פרימאָרגן ביי דער פרויענשער קופּאַלניע.

ער טרינקט זיך, גרשון. נישט אין בערשאַדער טייך, נאָר זיין טייך פון אמעריקאַנער לעבן. שוין געהאַט א שטעלע אויף א פּאָר טעג אין א תלמוד תורה אויף פּענסילווייניע עוועניו, אין איסט ניו יאָרק. א לערער איז געוואָרן קראַנק, האָט ער אים פאַרביטן. דאָס האָט אים די „אגודת המורים“ (פאַרבאַנד פון לערער) געשיקט אהין. ער האָט אָנגעהויבן צו גיין, גרשון, אין אגודת המורים וואָס אויף פינפטער עוועניו אין מאַנהעטן. דער סעקרעטאַר, איינער עמנואל, א שוואַרץ־חנעוודיקער יונגערמאַן, מיט דינע

ברוינע וואַנצעלעך, און מיט זייער א רירעוודיק און וואַך פּנים, האָט אים פארשריבן אויפן צעטל פון די מורים (לערער), וואָס זוכן א שטעלע. איז אָבער דאָס צעטל געווען זייער א לאַנגס און גרשון איז געווען סאמע אונטן, לויט דער ריי.

ער האָט נאָכגעפּאָלגט די מודעות (באַקאַנטמאַכונגען) אין „מאָרגן־זשורנאַל" אין קאָלום פון „קהלשעם", ווו מען זוכט לע־רער, שמשים, חזנים, מוהלים און בעל־קוראס... אַך, ווען ער קאָן אויך זיין א חזן אין א שול, וואָלט ער זיך שוין גאָרנישט געזאָרגט. אין די מערסטע מודעות, ווו מען האָט פאַרלאַנגט א העברעישן לערער, האָט ער אויך געדאַרפט זיין א חזן און א מוהל...

און ער איז ווידער געפאָרן איינמאָל א טאָג אין די בראָנקס, לויט א מודעה אין „מאָרגן־זשורנאַל", און דאָס מאָל ערגעץ לעבן דער הונדערט און אכציקסטער גאַס... און ס'איז ווידער אמאָל גאָרנישט געוואָרן, מחמת מען האָט געזוכט א לערער אן אויס־געגרינטן....

און ווי ער שפּאַנט אזוי צוריק צו דער באַן־סטאַציע, און ווי ער גייט אָפּ אזוי א בלאָק, און ס'שטעלט זיך אים ממש אָפּ דאָס הארץ. ער קאָן שווערן, אז דאָס איז מרים. זי שטייט אָנגעשפּאַרט אין א וואַנט פון אן אַפּאַרטמענט־הויז און לעבן איר — א קינ־דער וועגעלע מיט אן אויפגעשטעלטער בויד... און אפשר איז דאָס גישט מרים, נאָר א בראָנקסער מאַמע, וואָס שטייט לעבן דער וואַנט און היט איר שלאָפנדיק קינד אין וועגעלע. ער האָט שוין געזען, גרשון, אויך אין בראָנזוויל אין די גרעסטע פרעסט, ווי די יונגע מאַמעס שטייען אינדרויסן היטן זייערע קינדער פאַרוויקלט אין א סך קאָלדרעס, וואָס שלאָפן מיט רויטע בעקעלעך אין זייערע וועגעלעך....

און די יונגע מאַמע, וואָס ס'דאַכט זיך אים אויס, אז ס'איז מרים, האָט דערזען ווי א בחור קוקט אויף איר, און אירע וואַרע־מע ברוינע אויגן זענען פריער גרויסע געוואָרן מיט דערשרעק און דערנאָכדעם ווי מיט פרייד און ווי מיט צער, פּונקט אזוי ווי פריער מיט יאָרן אויפן פעלד פון בוריקעס אין כאַשטשעוואַטע, ווען גרשון האָט זי אָנגעטראָפן מיט איר שטום ברודערל.

יאָ, ס'איז מרים דעם שוסטערס מיידל פון כאַשטשעוואַטע, וואָס ער האָט זי געזען ס'ערשטע מאָל אין איר כישופדיקער יונ־

גער מיידלשער נאַקעטקייט, אין דער בערשאַדער קופּאַלניע...
ס'איז די כלה זיינע, וואָס מען האָט זיך געשווירן איינער דעם אַנ־
דערן אייביקע ליבע אין אַ זומער פאַרנאַכט, אונטער אַ כאַשטשע־
וואַטער אויסגעשטערנטן הימל... ס'האָט אים פאַרשמעקט דער
ריח פון איר מויל, וואָס איז געווען ווי דער ריח פון פּאָזשימקעס
(סטראָבערים)...

מען האָט גאָרנישט געקאָנט איצט ארויסרעדן קיין וואָרט,
נאָר מען האָט געקוקט איינער אויפן אנדערן. און אין דעם קוקן
איינער אויפן אנדערן האָט מען זיך געזען אויפן נאַיוואָראָנער
וואָקזאַל אין אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט אין די טעג פון אָקטאָ־
בער; מען האָט זיך געזען אין בערשאַד אין אַ שבת פאַרנאַכט,
ווען ס'איז געפאַלן אַ שניי, און זיי האָבן געשפּאַצירט אינגאַנצן ווייס
פון שניי, זיי האָבן גערעדט וועגן ליטעראַטור און וועגן אַנדערע
געהויבענע ענינים, און זיך געזען אַלס חתן־כלה מיט דער דער־
וואַרטונג, אַז מען וועט זיך נעמען און גיין צוזאַמען אין לעבן...

— מיין זונדעלע — האָט זי איבערגעבראָכן די שטילקייט
— סימאָר הייסט ער, נאָך מיין טאַטן שמחה עליו השלום...

און אַז זי האָט שוין אָנגעהויבן צו רעדן וועגן איר סימאָרל,
האָט זי זיך שוין נישט געקאָנט אָפּשטעלן. זי האָט אים געמוזט
דערציילן, אַז ער זאָגט שוין „פּאַפּאַ“ און „מאַמאַ“, און „פייער“...
ערשט אַן עלף חדשים אַלט... און דאָס וואָס ער קען שוין זאָגן
מאַמאַ, פּאַפּאַ און פייער, איז ביי איר זייער וויכטיק. איר ברו־
דערל איז דאָך געווען אַ שטומער, און זי האָט מורא געהאַט, אַז
טאָמער, חס וחלילה, גייט דאָס איבער בירושה... אָבער דאַנקען
גאָט...

ער עסט גאַנץ גוט, קיין עין הרע, קיין בייז אויג, און זי מוז
אים דערציילן, וואָס ער עסט, איר סימאָרל. אַ גאַנצע גלאָז מאַ־
ראַנצן־זאַפט טרינקט ער אויס יעדן טאָג, און קאַשקעלעך אין
אַ סך פּוטער קאָכט זי אים...

און גרשון פאַרשטייט גאַנץ גוט, וואָס זי רעכנט אויס, מיט
אַלע איינצלהייטן דאָס, וואָס איר סימאָרל עסט. מחמת זי און
און איר שטום ברודערל האָבן דאָס נישט געגעסן אַלס פּיצלעך
און אויך אפילו נישט אַלס דערוואַקסענע. און וועגן מאַראַנצן?

ווער האָט דאָס אָנגעזען א מאראנץ אין כאשטשעוואטע? סיידן גבירים.

און לאָזן גאָר שלאָפן א קינד אינדרויסן אויפן פראָסט? וו האָט מען דאָס געהערט אין כאשטשעוואטע? די דאָקטוירים זאָגן, אז ס'איז זייער געזונט. ווי א בערעלע קוקט איר סימאָרל אויס אין זיין וועגעלע. אין א האָריקן וואָלענעם אנצוגל פון איין שטיק איז ער אָנגעטאָן. אפילו דאָס האָריקע וואָלענע היטעלע איז א טייל פון אנצוג. איינגעוויקלט אין דריי קאָלדרעס שלאָפט זיך דאָס אין פראָסט, און די בעקעלעך בליען אים... זי אליין איז אויך זייער וואַרעם אָנגעטאָן, אין א טייערן ברוינעם מאַנטל, מיט א פוטערנעם קאָלנער, אויף די פיס וואַרעמע שניי־שיך, און אויפן קאָפּ א קאָטיקאָווע היטעלע.

ס'האָט זיך געשמאַק צעגענעצט דאָס סימאָרל, און די מאַמע האָט גלייך געמאכט: „טפו, טפו, קיין עין הרע, קיין בייז אויג"... ס'האָט געעפנט די אייגעלעך, דאָס סימאָרל, און ס'פארמאָגט אזוינע גרויע אייגעלעך, ווי ביי זיין טאטן דעם סטאָליאר, וואָס הייסט אויך גרשון, ס'פארמאָגט אויך א צעפּלעטשט נעזל, אויך ווי ביים טאטן... און אונדזער גרשונען אַרט דאָס, וואָס ס'איז אזוי געראָטן אין טאטן...

זי מוז אים ווייזן איר אַפּאַרטמענט. גלייך אויפן ערשטן שטאָק וווינט זי. און אז מען עפנט נאָר די טיר, גיט א יאָג א ליבע שמעקנדיקע וואַרעמקייט... ס'איז „סטים־היט" (פארע־היץ...) זי טוט א קוועטש א קנעפּל און ס'צעשיינט זיך דאָס עלעקטרישע לעמפּל וואָס באַלייכט א קאָרידאָר מיט ראָזעווע געפארבטע ווענט... זי לאָזט ברענען דאָס ליכט אין קאָרידאָר, אומעטום לאָזט זי ברענען די ליכט, אין קיך, אין גאסט־צימער, אין וואשצימער... זאָל שיינען מיט דער גאָלדענער שיין פון עלעקטריע איר גאנצער אפּארטמענט פאַר גרשונען....

גרשון, וואָס איז אמאָל געווען אין דער אָרעמער כאַטע אין כאשטשעוואטע, ווו זי האָט געוווינט אמאָל מיט איר שטום ברודערל, די נאקעטע כאַטע מיט דער ערדענער פּאָדלאָגע, מיט די בייכיקע ווענט, מיט דער נידעריקער סטעליע, מיט די אָרעמע טאַבורעטקעס, מיט דעם פארוויכערטן לעמפּל אויפן הינקנדיקן

טיש, זאָל איצטער זען די גאָלדענע ליכט אין איר וווינונג מיט דעם טייערן מעבל....

אומעטום פירט זי אים, גרשונען, אפילו אין וואַש־צימער. ער מוז זען איר גאַז־אויוון, און דעם אייז־קאַסטן... ער מוז אויך זען די וואַנע אין וואַש־צימער...

זי דאַרף אָפּבאָדן איר סימאָרלען, און אויב גרשון וויל מעג ער שטיין און צוקוקן, ווי זי באָדט איר סימאָרלען... איז גרשון געשטאַנען און זיך צוגעקוקט, ווי זי באָדט איר סימאָרלען, די יונגע מאַמע מיט די הייסע באַקן. שטענדיק זענען זיי ביי איר די באַקן געווען הייס, און איצטער נאָך הייסער... אַ מאַמע מיט געדיכטע סאַמעט ברוינע האָר און פייערדיקע באַקן... אָבער דער עיקר אירע אויגן, ווי די אויגן פון זיין שוועסטער חנה רבקהס. און זיי לייכטן, אירע אויגן, מיט דער גרויסער מאַמעשער ליבשאַפט צו איר נאַקעטן סימאָרל, וואָס וואַרפט מיט די פּולכינקע פיסלעך און הענטלעך אין דעם וואַרעמען שמעקנדיקן וואַסער פון דער וואַנע....

# גרשון שלאָפט אין סאָבוועי

ס'איז נישט געווען גוט דער מיסעס סיגלען מיט גרשונען. א באָרדער, וואָס ארבעט נישט איז א שרעק אין הויז... זי האָט אים געזאָגט זייער שטרענג, איינמאָל א טאָג, אז אָדער=אָדער: אָדער ער זאָל איר באצאָלן דעם חוב, דאָס הייסט די צוואנציק דאָלאר, וואָס ער קומט איר פאר צוויי וואָכן עסן און שלאָפן, אָדער ער זאָל זיך ארויסקלייבן מיט זיינע וועשטשעס (זאכן). די שוועסטער רחל האָט שוין געווינט ערגעץ אנדערש. זי האָט געווינט אויף בערעט סטריט ביי איר חברטע קלאַרע, וואָס איז געוואָרן אן אלמנה מיט א פּיצל קינד.

יענעם פארנאכט, נאָך א טאָג פרוכטלאָזער דזשאַב=זוכעניש, האָט גרשון גאָר איינגאנצן זיך נישט אומגעקערט אהיים. ווו זשע האָט ער גענעכטיקט? אין בראָנקס=עקספּרעס. דער בראָנקס=עקספּרעס גייט פון ניו לאטס אין איסט ניו יאָרק ביז דער הונדערט און אכציקסטער גאַס, אין די בראָנקס. פון ניו לאטס ביז יוטיקא עוועניו לויפט ער אין דער הויך, אין יוטיקא עוועניו גייט ער ארײַן אונטער דער ערד ביז דער הונדערט ניין און פערציקסטער. פון דער הונדערט ניין און פערציקסטער גאס לויפט ער ווידער אין דער הויך, ביז דער לעצטער סטאַנציע, דאָס הייסט ביז דער הונדערט און אכציקסטער גאס...

א גאַנצע נאַכט איז שוין גרשון געפאָרן אַהין און צוריק פון ניו=לאטס ביז דער הונדערט און אכציקסטער און פון דער הונדערט און אכציקסטער ביז ניו לאטס. אין אָנהייב פון אָוונט איז ער געפאָרן מיט יונגע בחורים און מיידלעך, סטודענטן הפנים, מחמת זיי האָבן געהאלטן אין זייערע הענט ביכער און העפטן, און אייניקע האָבן ארייַנגעקוקט אין די ביכער און געמאכט נאָטיצן. שפּעט אין דער נאכט האָט ער אייניקע פון זיי ווידער געזען אין זיין וואגאָן

מיט די ביכער און העפטן אין זייערע הענט. דאָס הפּנים האָבן זיי זיך אומגעקערט פון די קאָלעדזשעס אין מאַנהעטן. מיט עפּעס א נייער קלוגשאַפט אין זייערע אויגן האָבן זיי זיך אומגעקערט... זעקס אַזייגער פאַרטאָג, האָט ער א פּאָר פון זיי ווידער געזען אין זיין וואַגאָן, שוין אָנגעטאָן אין וואָכעדיקע קליידער, מיט בינטלעך אונטער זייערע אָרעמס, מסתמא זייערע אָנבייסן, און אין זייערע אויגן סימנים פון שטיקער נישט דערשלאָפענעם שלאָף...

אין אָנהייב אָוונט איז גרשון אויך געפאָרן מיט פאַרפּוצטע יונגע פּאָרלעך, וואָס האָבן פאַרשמעקט דעם וואַגאָן מיט גוטע פּאַר־פומען, און באַיום־טובט דעם וואַגאָן מיט מיידלשע מעלאָדישע רייצנדיקע געלעכטערס. דאָס זענען זיי געפאָרן אין די טאַנץ־זאַלן, אָדער אין די טעאַטערס....

דער וואַגאָן פון ניו לאָטס ביז דער הונדערט און אכציקסטער גאַס אהין און צוריק האָט גרשונען דערציילט א מעשה פון דעם לעבן בייַנאַכט אין דער ריזיקער שטאָט. דערציילט, ווי די נייגעריקע אַמביציעזע יוגנט פון אָרעמע היימען, נאָך א שווערן טאָג אַרבעט ציט זיך פון בראָנזוויל אין די בראָנקס קיין מאַנהעטן שטודירן בײַנאַכט אין די קאָלעדזשעס. זיי וועלן מסתמא אַמאָל ווערן דאָקטוי־רים, לאָיערס, אינזשינירן...

אויך דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי בחורים נעמען אויס זיי־ערע מיידלעך, מסתמא טויזנטער און טויזנטער יונגע פּאָרלעך איז אַלע באַנען אומעטום, וואָס פאָרן פון בראָנזוויל, פון בראַיטאָן, פון באָראָ פּאַרק, פון בראָנקס, פון הארלעם אויף טאַימס סקווער, צי גאָר אויף א צווייטער עוועניו, אין די טעאַטערס און אין די אַמוזיר־פּלעצער... די דאָזיקע פּאָרלעך זיצן אין די וואַגאָנען, צוגעטוליעט איינער צום אנדערן, און מען קוקט זיך אין די אויגן מיט טייער־קייט און מיט ליבע... שפּעטער אין דער נאַכט אויף די סטופּס פון בראָנזוויל און בראָנקס, הארלעם און בראַיטאָן, וועט מען זיך האַלזן ארומגענומען און זיך ליובן און קושן...

דער וואַגאָן האָט אויך דערציילט וועגן רייכע לעב־יונגען, וואָס פאַלן אַריין אין וואַגאָן אויף טאַימס סקווער, פאָרן אָפּ א פּאָר סטאַציעס און גייען אַרויס; לעב־יונגען אין פראַקן און אין צילינ־דערס, און פון זייערע מיילער ריחות פון ליקער; לעב־יונגען מיט

זייערע באגלייטערינס, אין זיידנס און פוטערס, וואונדערלעכע שיינע מיידלעך, און שמעקן ווי דער פרילינג.

דער וואגאָן האָט אים אויך דערציילט פון מענטשן, וואָס אַרבעטן ביינאכט, און קערן זיך אום פארטאָג פון דער אַרבעט, אזוינע מידע און צעבראָכענע...

דער וואגאָן האָט אים אויך דערציילט וועגן אזוינע מענטשן, וואָס האָבן נישט קיין דאך איבערן קאָפּ, און פאר א ניקל פאָרן זיי אהין און צוריק, אהין און צוריס מיטן בראָנקסער עקספּרעס...

א גאַנצע נאַכט איז שוין גרשון געפאָרן פאר א ניקל אהין און צוריק, פון ניו לאטס ביז דער הונדערט און אכציקסטער און צוריק. ער האָט זיך אויסגעקליבן א פּלאץ אין א ווינקל, ווו ער האָט געקאָנט אָנשפּארן דעם רוקן און זיין קאָפּ אין שטרויענעם ווענטל פון דער באנק. שלאָפן האָט ער געקאָנט נאָר ווען די באן האָט געהאלטן אין לויפן, האָט די באן זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך גרשון אויך אָפּגעשטעלט, דאָס הייסט, זיין שלאָף האָט זיך אָפּגעשטעלט. שפּעטער אין דער נאכט האָט ער שוין אויך געקאָנט שלאָפן אויף די אָפּשטעלן, אָבער נישט אויף דער לעצטער סטאנציע. אויף ניו לאַטס צי אויף דער הונדערט און אכציקסטער גאַס האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט אָנגיין מיטן שלאָף, מחמת די אבסאָלוטע ליידיקייט פון וואַגאָן, און מחמת אויך דער קעלט. אז די באן לויפט ארבעט דער אפּאראט, וואָס גיט היץ צו די וואַגאָנען. אויף דער לעצטער סטאנציע שטעלט זיך אָפּ די היץ... און דאָ שטייען נאָך די טירן אָפן...

און גרשון האָט נאָך קיינמאָל נישט אזוי געבענקט נאָך מענטשן, ווי אין אַבסאָלוט ליידיקן וואַגאָן, שפּעט אין דער נאַכט אויף א לעצטער סטאנציע, ווען אלע זענען ארויס און ער איז אייגער אליין, און אפילו דער קאָנדוקטאָר איז פארשוונדן.... דערפאר אָבער אין א פולן וואגאָן מיט מענטשן, האָט זיך געשלאָפן אזוי זיס, אזוי זיכער, ס'איז אפילו געווען עקסטאַז. א סך מאָל דורך דער נאַכט איז געווען עקסטאַז, באזונדערס ווען אויף דער באַנק איז געווען ענג. מען האָט זיך צונויפגעשטופּט, און ס'איז געווען א מחיה ווארעם צווישן די צונויפגעשטופּטע מענטשן. און יעדעס מאָל אייַדער ער איז איינגעשלאָפן, איז ווי די מאמע וואָלט אים געקושט אין די אויגן, און ווי זי וואָלט צוגענומען די גאנצע שווערקייט זיי-

נע, און אלע אברים זענען געוואָרן אויסגעלייזט, און ער טונקט זיך אָפּ אין אזא מין ווילקייט און נחת... קיינמאָל אין זיין לעבן איז נאָך נישט געווען אזוי זיס און טייער יעדער שטיקל שלאָף, וואָס ער האָט געקאָנט ארייננכאַפּן אין וואַגאָן פון בראָנקס-עקספּרעס, ווען דער קאָנדוקטאָר זאָל אים נאָר געווען צורו לאָזן. יענער האָט נישט געקאָנט פארליידן, וואָס אלע גייען ארוים אויף דער לעצטער סטאַנציע און נאָר גרשון בלייבט.

— ס'איז דאָ נישט קיין האָטעל — האָט ער געוואָרטשעט.

דערפאר אָבער שפּעט אין דער נאַכט איז דער נייער קאָנדוקטאָר, א דארינקער אזא, זשוואַווינקער געווען פריינדלעך צו אים, פארשטאנען, אז דאָס איז א היימלאָזער, און האָט נישט ווו איבערצונעכטיקן. אים אפילו אויף דער הונדערט און אכציקסטער גאַס געבראכט הייסע קאַווע אין א פּאַפּירענעם טעפּעלע.

— טרינק, ס'וועט דיך דערווארעמען.

און גרשון האָט געטרונקען און ס'איז אים געוואָרן ווארעם אי פון דער הייסער קאַווע, אי פון דער מענטשלעכער גוטסקייט.... א שאָד נאָר וואָס דער קאָנדוקטאָר איז ארום איינס אזייגער פארשוונדן געוואָרן. פארשווונדן געוואָרן צוזאמען מיטן בראָנקסער עקספּרעס. געזאָגט גרשונען אויף דער סטאַנציע פון דער הונדערט און אכציקסטער גאס, אז ער זאָל ארויסגיין, מחמת דער עקספּרעס פאָרט אוועק אויף א זייטיקער ליניע און וועט דאָרטן שטיין ביז זעקס אזייגער פארטאָג. איז גרשון ארוים אויף דער ווינטיקער קאַלטער פּלאַטפאָרמע און געזען ווי דער עקספּרעס האָט זיך פארנומען אויף א זייטיקער ליניע, און דאָרטן זענען אלע פענצטער אין די וואַגאָנען אויסגעלאָשן געוואָרן און אויך געגאנגען שלאָפן...

דערנאָכדעם נאָך א לאנג ווארטן, אַן איבערגעפרוירענער דורך און דורך, איז אָנגעקומען אן אנדער באַן פון בלויז דריי אָדער פיר וואַגאָנען, א לאָקאַלע, און זיך געשלעפּט אפשר דריי שעה קיין בראָנזוויל. אָבער ס'איז נאָך געווען בעסער, מחמת מען האָט געקאָנט לענגער שלאָפן... א סך פּאַסאַזשירן זענען אין דער דאָזיקער לאָקאַל-באַן געשלאָפן... ווער זענען אָט די מענטשן, וואָס שלעפן זיך אזוי שפּעט ביינאכט מיט דער באַן? ער ווייסט נישט... אָבער ווען א יונגער בחור, א פארפּוצטער קומט אריין ערגעץ אויף א סטאַנציע אין די בראָנקס אין דער לאָקאַל-באַן מיט גליקלעכע

אויגן און מיט א פנים פון א פארליבטן טראכט מען, אז אפשר האָט ער אָפּגעפּירט אהיים אזוי שפּעט אין דער נאַכט זיין כלה, אָדער דאָס מיידל וואָס דארף ווערן זיין כלה, און איצטער קערט ער זיך אום אהיים מיט דעם טעם פון אירע זיסע קושן אויף זיינע ליפּן....

א לאנגע, לאנגע נאכט איז די דאָזיקע נאכט געווען אין גרשונס לעבן... און דעם פארטאָג קאָן ער גאָרנישט פארגעסן... דעם זעקס אזייגער פארטאָג, ווען די באַן האָט ווידער אָנגעהויבן לויפן עקספּרעס, ווען דער וואגאָן איז אָנגעפּאקט געוואָרן מיט מענטשן וואָס פאָרן צו דער אַרבעט אין די שעפּער... די דאָזיקע ארבעטער האָבן געבראכט מיט זיך פון זייערע היימען א גרויסן כוח. גרשון האָט דערפילט דעם כוח ביי זיך אויך, און זיין הארץ איז געוואָרן שטארק, שטארקער ווי ווען עס איז פריער, אן אומדערקלערבארע קראפט האָט זיך צעיאָגט אין זיינע נישט אויסגעשלאָפענע אברים... מען דארף עפּעס טאָן כדי זיך אָנהאלטן אין לעבן... מען דארף זיך ערגעץ איינגראָבן, איינוואָרצלען....

# אַן אַנדערע אַמעריקע...

און גרשון איז אין א לאַנד פון גאָלע שניי און פון גאָלע בערג. און אז די זון שיינט נאָך, טוען אזש די אויגן וויי... ס'איז גאָר אַן אַנדערע אמעריקע, ווי אין ניו יאָרק. ער איז אין שטעטל ליווינגס־טאָן מענאָר, אין די קעטסקיל־בערג.

ווי אזוי קומט ער אהין?

נאָך א נאַכט ארומפאָרן אין סאָבוועי פון בראָנזוויל אין די בראָנקס, אַהין און צוריק, איז ער געלאָפן צו דער „אגודת המורים" (לערער פארבאנד) אויף פינפטער עוועניו. דאָרטן אין ווארט־זאַל איז געווען א מחיה ווארעם. דאָרטן איז אויך געווען דער „הדואר" און אנדערע העברעישע זשורנאַלן, האָט ער דערווייל ארייַנגעקוקט אין זיי. אין צווייטן צימער איז געזעסן דער סעקרעטאר עמנואל, מיט א פּאָר אנדערע מיטגלידער פון פארבאנד, און אָפּגעהאלטן א מיטינג. האָט גרשון דערווייל געווארט אין פּאָדערצימער. און אזוי ווארטנדיק, ווי ס'קומט אריין אן עלטערער ייד אין א קאַראַ־קולענער קוטשמע, אין א שווארצן מאנטל מיט א גרויסן פוטערנעם קאָלנער, איןברילן מיט דיקע גלעזלעך, דורך וועלכע ס'האָבן ארויסגעקוקט שווארצע שפּילקע־אייגעלעך און מיט א גוטן שמייכל אויף זיינע דינע בלאסע ליפּן. ער דארף, זאָגט ער גרשונען, צום סעקרעטאר פון אגודת המורים. ער קומט פון ליווינגסטאָן מענאַר אין די קעטסקילס, און וויל א לערער פאר די קינדער דאָרטן. מען וועט צאָלן פופציק דאָלאר א וואָך.

האָט גרשון גלייך פארשטאנען, אז ווען דער דאָזיקער ייד וועט ארייַנגיין צום סעקרעטאר, וועט יענער אים רעקאָמענדירן א לערער, וואָס איז דער ערשטער אויפן צעטל לויט דער ריי, אָבער נישט גרשונען. דארף מען טאָן אלצדינג וואָס מען קאָן, אז דער ייד זאָל

זיך נישט זען מיטן סעקרעטאר, דארף מען אויך טאָן אַלצדינג וואָס מען קאָן צו רעקאָמענדירן זיך אַליין...

— איז וואָס־זשע דארפט איר זיך זען מיטן סעקרעטאר, אז דאָ שטייט פאר אייך דער לערער, וואָס איר באַדארפט... א תּלמיד פון דער באַרימטער אדעסער ישיבה, געווען א לערער אין קעשע־ניעוו... איך האָב ליב קינדער, און קינדער האָבן מיך ליב.

אַראָנסאָן האָט געהייסן דער ייִד אין דער קוטשמע, פון די קעטסקילס, און גרשון איז אים גלייך געפעלן, באַזונדערס, וואָס ער איז געווען א תּלמיד פון דער אָדעסער ישיבה. ער, אַראָנסאָן אַליין, איז דאָך אויך אַן אָדעסער. שוין פופציק יאָר פון אָדעס.

— איי, אָדעס, — האָט ער זיך פארבענקט — די פּאָמידאָרן... די גרויסע רויטע פּאָמידאָרן.... ווי זעט מען דאָס אזוינע פּאָמידאָרן אין אמעריקע?!

און פון די אָדעסער פּאָמידאָרן האָט גרשון אויך געקאָנט זייער שיין רעדן. ער האָט דאָך בלויז געלעבט אויף פּאָמידאָרן. געווען זייער וואָלוול פּאָמידאָרן אין אָדעס. מיט ברויט האָט ער זיי געגעסן.

— ס'אָדעסער ברויט — האָט זיך דער אַלטער אַראָנסאָן ווי־דער פארבענקט — ווי זעט מען דאָס אזא ברויט אין אמעריקע?!

יאָ, גרשון איז אים געפעלן. איז וואָס־זשע דארף ער זיך שוין זען מיטן סעקרעטאר פון „אגודת המורים“? ער האָט פאר זיך אזא גוטן לערער, און איינעם וואָס קאָן אזוי שיין רעדן פון אָדעס. מען דארף אים נאָר פארהערן. און ווער וועט אים פארהערן? אין בראָנזוויל וווינט איינער א לייב מעלצער, אַן אמעריקאנער־געבוי־רענער בחור, וואָס האָט פארענדיקט אויף רב אין רבי יצחק אלחנן ישיבה. אָבער קיין רב איז ער נישט געוואָרן, דערפאר האָט ער אויפגעעפנט אין ליווינגסטאָן מענאָר א זומער־האָטעל, כשר למה־דרין מן המהדרין, דאָס הייסט אזוי כשר, אז כשרער קאָן שוין נישט זיין....

אויסגעלאָזט האָט זיך אָבער, אז נישט דער דאָזיקער לייב מעלצער האָט פארהערט גרשונען, נאָר גרשון האָט יענעם פאר־הערט. דער דאָזיקער לייב מעלצער פון א יאָר אכט און צוואַנציק, מיט זייער פינקלדיקע ברוינע אויגן, מיט א לענגלעך אַסקעטיש פּנים, אין א שווארצער יארמולקע אויפן שפּיץ קאָפּ, אָבער א געגאָלטער,

האָט ווי עפּעס געוואָלט, אַז אַ לערנער פון אייראָפּע, און נאָך אַ תלמיד פון דער בארימטער אָדעסער ישיבה, זאָל פארהערן אים, דעם לערנער פון אמעריקע, העברעיש רעדן. האָט גרשון גלייך דער־שמעקט, אַז יענער קאָן נישט אזוי גוט, דעריבער האָט ער טאקע גערעדט צו אים נאָר אין העברעיש פּליסיק און גיך, און יענער איז אים קוים נאָכגעלאָפן...

* * *

איז גרשון אין אַ לאַנד פון גאָלע שניי און פון גאָלע בערג, אין גאָר אַן אנדער אמעריקע, געמיינט שוין אין ניו יאָרק, אַז די טבע פון אמעריקאנער מענטשן איז נאָר זיך צו איילן... דאָ אין ליווינג־סטאָן מענאָר איילט מען זיך נישט. ס'איז במילא נישטאָ דאָ וואָס צו איילן זיך. אַ הויפּט־גאַס מיט עטלעכע קראָמען, אַ דריי־פיר זיי־טיקע גאַסן, און דאָס איז דאָס גאַנצע שטעטל. ארום און ארום בערג מיט וועלדלעך, און די בערג מיט די וועלדלעך זענען ווייס פון שניי. די גאַסן זענען אויך ווייס פון שניי, עפּעס אַן אייביקער ווינטער...

די ערשטע נעכט האָט גרשון גאָרנישט נישט געקאָנט שלאָפן צו־ליב דער אַבסאָלוטער שטילקייט. אזוי שטיל ווי אין אַ מיל נאָכדעם. וואָס די מאשינען האָבן זיך געשטעלט... אַ פּאָר מאָל דורך דער נאַכט לויפט דורך אַ באַן, וואָס צערודערט די אבסאָלוטע שטילקייט מיט אַ ריטמישן טראַ־טאַ־טאַ און מיט אַ גיכן גלאָן־גלאָן פון דעם לאָקאָמאָטיוו־גלאָק...

די יידן דאָ, אַ דריי צענדליק משפחות, לעבן דאָ פון זומער. דאָס הייסט, ווען די האָטעלן עפענען זיך, און ס'קומען די זומער־געסט. און האָטעלן ארום דעם שטעטל זענען דאָ זייער אַ סך, זיי שטייען איצט מיט פארשנייטע דעכער, פארקלאַפּטע, פארלאָזענע. אויפן בארגיקן וועג, אַ מייל ארוים פון שטעטל, שטייט אַ פארם־הויז, וווּ דאָרטן, זאָגן די יידן, איז אַ סברא, וועלן וווינען אום זו־מער לייוויק און אָפּאַטאָשו מיט זייערע משפחות. גרשון קאָן זיך שוין נישט דערוואַרטן אויפן זומער. אָבער דערווייל איז אים דאָ זייער גוט. נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן איז אים אזוי גוט נישט געווען: די גוטע פרישע מאָלצייטן, די קעזן, די סמעטענעס, די אייער. היינט דאָס שמעקנדיקע זויבערע בעט מיטן מאַטראַץ, וואָס טוט

א שפּרונג, ווען מען לייגט זיך אויף דעם. קיינמאָל אין זיין לעבן נאָך נישט געשלאָפן אויף אזא מאטראַץ...

און דאָס לערנען מיט די קינדער איז כמעט א פאַרווײַלונג. גרשון בענקט אזש נאָך די קינדער א גאַנצן טאָג. זיי קומען ערשט פון זייער ענגלישער שול אין דער יידישער שול ארום פיר אזייגער בייטאָג. זיי קומען מיט חשק און ווילן זיך לערנען, און באַזונדערס האָבן זיי ליב, ווען גרשון דערציילט זיי מעשיות. ער איז זיך מחיה מיט די דריי־פיר שעה, וואָס ער לערנט מיט די קינדער.

קומט אָבער דער אָוונט, ווערט געוואַלדיק אומעטיק. מען לייגט זיך זייער פרי שלאָפן אין ליווינגסטאָן מענאָר. א ווייסער ביינאַכט אין דרויסן, און די בערג פון דער ווייטנס זענען זילבערדיק־בלוי אין דער שיין פון דער לבנה. און שטיל איז די וועלט ארום, און דער יונגער גרשון איז געוואַלדיק אומרואיק... און אלע יידישע ביכער, וואָס מען האָט נאָך געקאָנט געפינען אין ליווינגסטאָן מענאָר, האָט ער שוין איבערגעלייענט. ביי א פּאָר יידן, איינער א געוועזענער אנארכיסט, א צווייטער, א געוועזענער סאָציאַליסט, האָבן זיך גע־פינען אזוינע ביכער, ווי לעאָן קאָברינס שריפטן, ליבינס עטלעכע בענד, דזשעק לאָנדאָנס: „דער אייזערנער קנאַפּל“, געאָרג בראַנ־דעסעס שריפטן, די אמעריקאַנער געשיכטע אין יידיש, א פּאָר איינגעבונדענע יאָרגענג: „די צוקונפט“...

אָבער אז גרשון איז געוואָרן א רעזשיסאָר, איז שוין געוואָרן פריילעכער. יאָ, א רעזשיסאָר איז ער געוואָרן, און אויך אן אַק־טיאָר. יידן בענקען נאָך טעאַטער. און ווער דען, אז נישט זייער לע־רער זאָל פאַר זיי שאַפן טעאַטער? און ווער דען, אויב נישט שלום עליכם זאָל געבן שטאָף אויף צו שפּילן טעאַטער?... די רעפּעטיציעס אליין, וואָס האָבן געדויערט ארום פיר וואָכן, זענען שוין געווען א יום־טוב פאַר די יידן דאָרטן. אין די קאַלטע ווינטער־נעכט, אין א הויז פול מיט ליכטיקייט און וואַרעמקייט, ביי איינעם פון די בעַ־לי־בתים, האָט מען געמאַכט די רעפּעטיציעס, און געגעסן געבראָ־טענע קאַרטאָפליעס מיט הערינג און געטרונקען שמעקנדיקע טיי און געלאַכט פון שלום־עליכמס ווערטלעך. צו שלום־עליכמס זאַכן דאַרף מען גאָר נישט קאָנען זיין אן אַקטיאָר. מען דאַרף נאָר קלאָר ארויס־זאָגן די ווערטער, און ס'איז שוין טעאַטער...

א „גט“ האָט מען געשפּילט. און דער פינף און זיבעציק־יאָריקער אראָנסאָן, ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן אן אקטיאָר, האָט געשפּילט דעם רב, און גרשונס עלטסטע תלמידה, די פּערצן־יאָריקע לילי, האָט געשפּילט דאָס יונגע ווייבל, און גרשון אליין האָט געשפּילט דעם מאן אירן... און א יידישער לערער האָרף דאָך אויך קאָנען זיין א דיריגענט, ווייל וואָס פאר א פּנים וועט דאָס האָבן א טעאטער־אָוונט אָן לידער? איז שוין געוואָרן א כאָר אויך, פון די קינדער איז געוואָרן דער כאָר, און מען האָט געזונגען: „אויפן פּריפּעטשאָק ברענט א פייערל“ און „זונטיק בולבעס, מאָנטיק בולבעס“.

ווי אזוי איז ארויסגעקומען דער אָוונט? פרעגט ביי די יידן אין ליווינגסטאָן מענאָר, אויב זיי ווינען נאָך דאָרטן זינט יענער צייט.... און דאָס איז שוין א מעשה מיט א דריי אָדער פיר און דרייסיק יאָר צוריק....

# ס׳איז דערמלט געווען פרילינג...

די יידן אין ליווינגסטאָן מענאָר האָבן זיך שטארק איבערגע־נומען און זיך ממש געיחוסט, וואָס ביי זיי אין שטעטל זומערן ליי־וויק מיט אָפּאטאָשון. דאָס הייסט, נישט אין שטעטל גופא, נאָר א מייל אָדער צוויי ארויס פון שטעטל. ס׳איז אפילו געווען גוט פאר די האָטעל־ביזנעס. געווען א סך אזוינע זומער־געסט, וואָס האָבן אויסגעקליבן ליווינגסטאָן מענאָר פאר זייער וואקאציע טאָקע צו־ליב אָט די צוויי שרייבער.

און גרשון איז ממש דאָס חיות אויסגעגאנגען צו זען זיי אין בלוט און אין פלייש. געוואַרט זיי זאָלן אַמאָל אראָפּקומען אין שטעטל גופא. וועט ער זיך פאָרשטעלן פאר זיי. זענען זיי אָבער קיינמאָל נישט אראָפּגעקומען, נאָר אדעלע און סערע, אָפּאטאָשום און לייוויקס פרויען. די שלאנקע, גאָלד־האָריקע אדעלע מיט די הייסע בלויע אויגן, און מיט דעם שטענדיק רייצנדן ליבן שמייכל אויף אירע זייער לעבעדיקע פרישע ליפּן. סערע, לייוויקס פרוי, א קליינינקע, א פּולכלעכע, א ווייכע, מיט קיילעכדיקע גרינלעכע אויגן, גיכע אויגן, שטיפערישע אויגן און ווייסגדיקע אויגן, מיט איר קול פון געלעכטער, פון שטיפערישן געלעכטער, א געלעכטער, וואָס איז זיך צעפאלן הילכיק און פריידיק...

מען טאָר נישט זיין קיין פּחדן. מען דארף זיך אָננעמען מיט מוט, ארויפשפאנען דעם בארג און זיך פאָרשטעלן פאר זיי. איז גרשון נישט געווען קיין פּחדן, זיך אָנגענומען מיט מוט, און איינ־מאָל א שבת בייטאָג ארויפגעשפּאנט דעם בארג. אויף די לאָנקעס ביי די זייטן פון וועג דערוייל געקליבן די זיס־שמעקנדיקע פילאָ־ניצעס (סטראָבערים — אזויפיל פילאָניצעס געוואקסן אויף הפקר, און קיינער קוקט זיך נישט אום אויף זיי. אין בערשאד וואָלטן שוין די פויערטעס זיי צונויפגעקליבן, זיי ארויפגעסילעט אויף שטרוי־

ערלעד, און פארקויפט אויפן מארק — א גראָשן א שטרויעלע).
א געבענטשט לאנד אַמעריקע!

יאָ, איינמאָל א שבת ביינאַג האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און ארויפגעשפּאנט דעם בארג. ס'איז נישט געווען אזא הויכער בארג. זייער פארם־הויז איז געשטאנען סאמעביים וועג — דער וועג, וואָס האָט געפירט ווייטער צו די גרויסע האָטעלן... און באגעגנט האָבן אים צוויי קליינע בחורימלעך, דודל אָפּאטאָשו און דניאל לייוויק. און דאָס דודל פון א יאָר זעקס אָדער זיבן דעמלט, איז געווען אזוי חנעוודיק, אז מען האָט אים געוואָלט איינשלינגען. ער איז געווען שמאָל, לאָוקע, א פּנים ווי א קאמעאָ, די אייגעלעך שווארץ־פינקלדיקע, באטראכטנדיקע, באנעמענדיקע, אָבער דער עיקר דאָס שמייכעלע אויף זיינע ליפּן, דער מאמעס שמייכעלע. דעם טאטנס לאנגער שפּיצעכיקער קאָפּ, און דער מאמעס שפּילעוודיקער שמייכל. דניאל איז אויך געווען אזוי חנעוודיק, אז מען האָט אים געוואָלט איינשלינגען. דער מאמעס אויגן, זייער לעבעדיקע, זייער וואכע, אָבער דער עיקר זיין קול, א היתוך־הדיבור, גאָר ווי ביי אַן אקטיאָר, אזוי קלאָר, שארף, פול און זאפטיק האָט ער ארויסגערעדט יעדעס וואָרט.

די צוויי בחורימלעך, געווינט הפּנים צו פרעמדע מענטשן, וואָס קומען צו זייערע טאטעס, זענען זיי גלייך געוואָרן היימיש מיט גרשונען. איינער האָט אים אָנגענומען ביי דער רעכטער האנט, א צווייטער ביי דער לינקער האנט, און האָט אים געפירט צום גאַניק, אונטערן הויז... און אויפן גרויסן גאַניק, אויף צוויי הויכע שטולן, זענען געזעסן די צוויי בעל־רבֿרם... אין ערשטן אויגנבליק האָט זיך אָפּאטאָשו געוויזן צו גרשונס אויגן בלויז קאָפּ־און־שטערן. אזא הויכער שטערן און אזא היפשער שפּיציקער קאָפּ; און לייוויק, בלויז — ברעמען, געלבלעך־ווייסע ברעמען, אָנגעכמורעטע ברעמען... זיי האָבן גרשונען נישט געזען אָנקומען מיט די קינדער. ביידע זענען געזעסן אַן רעקלעך, אין צעבראסטעטע אויבער־העמדער, און יעדער איינער האָט געשוויגן פאר זיך. אָפּאטאָשו האָט פריילעך געשוויגן, מיט א מין הנאה געשוויגן. לייוויק האָט אומעטיק געשוויגן, מיט א מין פיינלעכקייט געשוויגן. גרשון האָט געוווּסט, אז לייוויק איז געווען פארשיקט אין סיביר אויף קאטאָרגע, און האָט דאָרטן זייער שווער געליטן, און גרשונס הארץ איז אויסגעגאנגען

צו אים. ער האָט פאַרטייטשט יענעמס אומעטיק און פּײַנלעך
שווייגן מיט זיינע סיבירער איבערלעבונגען.

— טאַטע, אַ יונגערמאַן איז געקומען צו אונדז — האָט דניאל
קלאָר און שאַרף אויסגעשריגן אין יידיש.

— דאַכט זיך אַ שרייבער — האָט דאָס שטיפערישע דודל
אויך אויסגעשריגן אין יידיש.

גרשון האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר זיי. האָט אַפּאַטאָשו אים
געגעבן אַ נעם דורך מיט זיינע גלאַנציקע און קלוגע אויגן, אים גע-
געבן שלום-עליכם און געשענקט אַ שמייכל. האָט לייוויק אַ בליץ
געטאָן מיט זיינע שטרענגע בלויע אויגן, אים געגעבן שלום-עליכם,
און אים אויך געשענקט אַ שמייכל. איז אַפּאַטאָשוס שמייכל נישט
געווען אַזוי איבערראַשנדיק מחמת ער איז פריער אויך געווען
אַ שמייכלענדיקער. אָבער לייוויקס שמייכל איז געווען זייער איבער-
ראַשנדיק. אַזאַ אומעטיקער פּיינלעכער שווייגער זאָל קאָנען אַזוי
ליב אַ שמייכל טאָן. ס'גאַנצע מאָגער שטרענג פּנים און זיינע ווייט-
פאַרטאָגענע בלויע אויגן זענען אויפגעלויכטן געוואָרן אין אַ קוועלנ-
דיקער ליכטיקייט. ס'איז געווען ווי אַ מין כישוף. מען האָט אים
גלייך געקאָנט ליב באַקומען פאַר אַזאַ שמייכל. גלייך אָבער און
דער כישוף האָט זיך אָפּגעטאָן און ער איז שוין ווידער פאַרזונקען
געוואָרן אין זיין אומעטיקן פּיינלעכן שווייגן, מיט צוגעפּרעסטע די-
נע ליפּן, מיט אָנגעכמורעטע ווייס-געלבלעכע ברעמען. ער איז אפילו
נישט געווען נייגעריק צום גאַסט. ער האָט שוין נישט געזען דעם
גאַסט. נישט אַזוי אַפּאַטאָשו — אַפּאַטאָשו איז געבליבן וואַך און
נייגעריק צו גרשונען: געשמועסט מיט אים. אים אויסגעפרעגט.

גרשונען איז עפּעס ווי געגאַנגען אין לעבן אַריין, אַז לייוויק זאָל
אייך זיין נייגעריק און וואַך צו אים. דער עיקר האָט ער געוואָלט
נאָך אַמאָל אַרויסרופן אין אים דעם וואונדערלעכן צעלויכטענעם
שמייכל. ער האָט אָנגעהויבן זיך צו שפּילן מיט די ביידע בחורימ-
לעך אויפן גאַניק, זיי געוויזן אַ קונץ מיט אַ פּעני, וואָס פאַרשווינדט
אונטער זייערע נעזער. אַפּאַטאָשו האָט גלייך האַרציק זיך צע-
שמייכלט. לייוויקן האָט גענומען לאַנג. אָבער סוף-כל-סוף האָט ער
זיך ווידער צעשטראַלט און צעלויכטן, ווי די זון וואָלט זיך מיטא-
מאָל אַרויסגעריסן דורך וואָלקנס אין אַ כמורנעם טאָג..

* * *

ס'האָט שטאַרק געצויגן גרשונען צו דעם דאָזיקן פאָרם־הויז אויפן בערגל. כמעט יעדן פאַרנאַכט נאָכן לערנען האָט ער עולה־רגל געווען אַהינצו. און כאָטשבי סיי אַפּאַטאָשו, און סיי לייוויק האָבן ווייניק אכט געלייגט אויף אים, אָבער דערפאַר האָט ער געקאָנט נאַשן פון זייער שרייבערישער תורה. אַ'יפן אויבערשטן טרעפּל פון גאַניק איז גרשון געווײנלעך געזעסן, און זיי אויף די וויג־שטולן, און צווישן לאַנגע איבעררייסן פון שווייגן האָבן זיי זיך צעשמועסט פון צייט צו צייט וועגן ענינים פון ליטעראַטור, און גרשונס אויערן האָבן גלייך קולט געווען (אַריינגעזאַפּט) אין זיך זייערע רייד.

גאָר לעבעדיק אויף דער דאָזיקער פאָרם איז געוואָרן, ווען אין אַ סוף וואָך פלעגט אָנקומען צו־גאַסט פון ניו־יאָרק גלאַנץ־לעיעלעס. סיי לייוויק און אַפּאַטאָשו, סיי אַדעלע און סערע, און סיי דוד און דניאל זענען באַזונדערס אויפגעלעבט געוואָרן מיט זיין קומען. גרשון געדענקט שוין נישט קלאָר ווי גלאַנץ האָט דעמלט אויסגעקוקט, אָבער וואָס ער געדענקט יאָ איז זיין סענסיטיוו־ברייטלעך מויל, זיין פאַרריסענע, פאַרעקשנטע און פּילבאַרע גאָמבע, זיינע וואַך־שטראַלנדיקע בלווילעכע, אָדער גרינלעכע אויגן, זיינע אַשיקע האָר מיט אַ ראָזעווער שיטערקייט אינמיטן.

און ווידעראַמאָל איז גרשון געזעסן אויף די טרעפּ פון גאַניק און איינגעזאַפּט אין זיך ליטעראַרישע תורה. ער האָט שוין געזען, אַז דער דאָזיקער גלאַנץ־לעיעלעס איז געווען אויסגעקאָכט אין דער וועלט־ליטעראַטור און אין אירע פאַרשיידענע שטרעמונגען. סיי אַפּאַטאָשו, סיי לייוויק האָבן זיך צוגעהערט צו אים זייער אויפגעלעבטע און סטימולירטע... פאַר גרשונען איז דאָס טרעפּל אויפן גאַניק געווען ווי אַ באַנק ערגעץ אין אַ קלאַס־צימער אין אַן אוני־ווערסיטעט.

גרשון האָט זיך געפרייט, וואָס גלייך מיט זיינע ערשטע טריט אַלס שרייבער, איז אים באַשערט צו פאַרוואָרפן ווערן אין ליווינג־סטאָן מענאָר, און ס'איז אים באַשערט זיך צו טרעפן מיט שריי־בער פון גאָר אַ הויכער מדרגה...

ס'איז געווען פרילינג אין די קעטסקילס... ס'איז דעמלט געווען פרילינג אין גרשונס האַרצן... ס'איז דעמלט געווען פרילינג אין דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע...

## גרשון — אַ קעלנער אין די קעטסקילס

גרשון איז געוואָרן אַ קעלנער אין די קעטסקילס. די קינדער־שול, צוליב די זומער־מאָנאַטן, האָט זיך געשלאָסן. די האָטעלן ארום ליווינגסטאָן מענאָר זענען געוואָרן פול מיט זומער־געסט. ס'איז געווען אַ דוחק אין קעלנערס... און דער האָטעל, וו גרשון האָט געקעלנערט, איז געווען כמעט דער גרעסטער אין יענער געגנט. גאַנצע פיר שטאָק האָט ער פארמאָגט, געמאָלן פונדרויסן אין גרין, אין ווייס און אין ראָז, מיט אַ ריזיקער ווערראַנדע. און איבער דער גאַנצער לענג פון דער ריזיקער ווערראַנדע זענען געווען צעשטעלט הוי־דע־שטולן, און פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, אחוץ די מאָלצייטן, האָבן די זומערניקעס זיך געהאלטן אויף זיי אין איין הוידען און זיך דערציילן מעשיות.

— זאָלסט רק שמייכלען צו די געסט, אפילו אויב זיי באַליידיקן דיך — האָט גרשונען אָנגעזאָגט די מיטליאָריקע באַלעבאָסטע, די מיסעס ביין, אַ קורצינקע, אַ פּולבלעכע, אַ ווייבע, אַ קלאָר־הויטיקע מיט פינקלדיקע קארשן־אויגן.

זי אליין, די מיסעס ביין, האָט זייער שיין געקאָנט שמייכלען צו די געסט. אינדערפרי, בייטאָג און אפילו אינמיטן דער נאַכט. איר מאַן, דעם מיסטער ביין, אַ מאָגענער, אַ הויכער, אַ פארכמורעטער בטבע, האָט זי נישט געלאָזט זיך מישן מיט די געסט, צוליב דעם וואָס ער האָט נישט געקאָנט שמייכלען צו זיי. ער האָט זיך גאָרנישט געטאָרט ווייזן אין עס־צימער, און נישט אויף דער ווערראַנדע, און אין ערגעץ נישט, וו געסט קומען זיך צונויף. זיין אָרט איז געווען אין קיך, וו ער האָט געהאָלפן אויסטיילן די פּאָרציעס אין די טעלערס, אָדער אינדרויסן אונטער דער קיך, וו ער האָט געהאָלפן אויסלאָדן די קאסטנס שפּייז פון די טראָקס....

די ערשטע פראגע טאקע, וואָס די באַלעבאָסטע האָט געפרעגט גרשונגען איז געווען, צי קאָן ער שמייכלען? האָט גרשון גלייך צו איר א שיינעם שמייכל געטאָן, און די מיסעס ביין האָט זיך דערפרייט. אָבער דער שיינער שמייכל, וואָס ער האָט געטאָן צו איר, איז געווען צוליב אירע פינקלדיקע קארשן־אויגן און צוליב אירע אנדערע ווייבלעכע חנען, און אויך צוליב דעם, ווייל זי האָט זייער שיין געשמייכלט צו אים. צו די געסט אָבער, האָט זיך ארויסגעוויזן, האָט גרשון נישט געקאָנט שמייכלען. ניי שמייכל צו זיי, אז ער איז שטענדיק געווען מיד, אז ער האָט געמוזט ארבעטן זעכצן, און ערב דעם פערטן יולי, אפילו אכצן שעה א מעת־לעת.

דריי וועיטערס זענען זיי געווען, און יעדער אייגער האָט געדארפט באדינען צען טישן, ווו ביי יעדן טיש זענען געזעסן זעקס געסט. דאָס הייסט, גרשון האָט געדארפט קאָרמענען זעכציק מיילער. דאָס דערלאנגען דאָס עסן איז נאָך געווען צו דערליידן, אָבער דאָס גרייטן די טישן איז גאָר געווען א שטראָף פון זיין ליבן גאָמען. ער האָט געדארפט צו יעדן מאָלצייט פארשפרייטן נייע טישטעכער אויף צען טישן, אויסשטעלן זעכציק גרויסע טעלער אויף צען טישן, ארייגלייגן די קליינע טעלערלעך אין די גרויסע טעלער, אויסלייגן ביי יעדן טעלער איין מעסער, איין גרויסן לעפל מיט פיר קליינע לעפעלעך, איין גרויסן גאָפל מיט איין קליין גאָפעלע. צוליב וואָס אזויפיל לעפעלעך? א לעפעלע פארן גרעיפ־פרוכט צי פארן קענטעלאָפ, א לעפעלע פאר דעם קאָמפּאָט, א לעפעלע פארן אייזקרעם, א לעפעלע פאר דער גלאָז טיי. דאכט זיך אז ס'איז נאָך געווען א פינפט לעפעלע פאר נאָך עפּעס א זאך. הייגט די גלעזער. זעכציק גלעזער האָט מען געדארפט אויסשטעלן אויף די צען טישן און א גרויסן גראפין מיט וואסער אויף יעדן טיש. אָבער די הויפּט־צרה זענען געווען די סערוועטלעך. יעדעס סערוועטל האָט מען געדארפט אויסקניימשן אזוי, ס'זאָל זיך באקומען ווי א בלום און דאָס קונציק ארייגשטעקן אין דער גלאָז. אחוץ דעם האָט מען געדארפט אויסשטעלן די זעלצערלעך, די פעפערלעך, די פלעשעלעך מיט בוימל, די קעטשאפּס, די טעפּעלעך מיט כריין... איז גיי שמייכל צו זיי... גיי שמייכל צו זיי, אז בשעת ער האָרעוועט אזוי, זיצן דאָרט די געסט אין ווילטאָג אויף דער ווערא נדע און רק זיי הוידען זיך, אָדער גאָר מען שפּילט אין קאָרטן...

די גרעסטע צרה אָבער פֿון אַלע צרות זענען געווען די טאָפּל=
פּאַרציעניקעס. לויף צוליב זיי אין קיך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל,
און דאָ האָט נאָך דער מיסטער בײַן, וואָס האָט אויסגעטיילט די
פּאַרציעס, נישט געוואָלט געבן נאָך אַ פּאַרציע...

— אָבזשאָרניקעס, חזירים! — האָט ער געשריגן — טאָפּל=
ווייטיקן וועל איך זיי געבן.

און גרשון האַלט אין איין לויפֿן אין קיך און צוריק מיט די
שווערע טאַצן, און די שווערע טאַצן דאַרף מען נאָך טראָגן אַזוי,
לאָווקערהייט, גראַציעז, און דערלאַנגען דאַרף מען איידל, זיך היטן
נישט אָפּגיסן קיינעם... און בײַ פּרישטיק: דעם אַ לויז איי; דעם
— אַ האַרט איי; דעם אַ מיטל=לויז איי. דעם — גאָר אַ געפּרעגלט
איי. און בײַם אויסטיילן די פּאַרציעס עוף: דעם — אַ ווייסן חלק;
דעם — אַ מיטל=חלק; דעם — אַ הינטער=חלק. איז גיי שמייכל
צו זיי....

דאָס דערלאַנגען אַזויפֿיל עסן איז גאָר בײַ גרשונען געווען אַן
עבֿירה קעגן דער נאַטור. מען האָט געמוזט נאָך יעדן מאָלצייט
אַרויסוואַרפֿן אין די אָפּפאַל=קאַנען אָנגעהויבענע הלהלעד, נישט=
דערעסענע גרעיפּ=פֿרוכט, נישט=דערגריזשעטע שטיקלעך עוף, נישט=
דערזופּטע טעלער זופּ; נישט =דערטרונקענע גלעזער קאַווע. אינ=
דערהיים דער פֿויער, אַז ער האָט געגעסן אַ שטיקל ברויט, האָט ער
געהאַלטן די האַנט לעבן מויל, כּדי די ברעקלעך זאָלן דאָרט אַרײַנ=
פֿאַלן, און די ברעקלעך נאָכדעם אַרײַנוואַרפֿן אין מויל אַרײַן...

די שבֿירות פֿאַר אַ וועיטער זענען געווען כמעט גאָרנישט. דער
עיקר האָט מען זיך געהאָדעוועט אויף די „טיפּס“. דאָס הייסט
טרינק=געלט, ווי מען רופֿט דאָס אין אייראָפּע. און דערפֿאַר טאַקע
האָט מען געדאַרפֿט שמייכלען צו די געסט. וואָס פֿריינדלעכער מען
האָט געשמייכלט, אַלץ אַ גרעסערן טיפּ האָט מען געקאָנט דער=
וואַרטן... אָבער גיי שמייכל, אַז ער האָט זיי גאָר פֿיינט, די געסט,
אַז זיי זענען גאָר זיינע שונאים.. און דאָ וויל ער שלאָפֿן. ער חלשט
שלאָפֿן. ער קאָן בלויז אַרײַנכאַפּן אַ פֿיר אָדער פֿינף שעה שלאָף.
און דאָ איז די לופֿט אין די בערג אַזאַ פֿרישע, אַזאַ שטאַרקע, אַזאַ
שאַרפֿע... מען רירט זיך נאָר צו מיטן קאָפּ צום קישן, און מען
ווייסט שוין נישט, וווּ מען איז אויף דער וועלט. און אַז דער באַלע=

באָס, דער מיסטער ביין, וועקט אינדערפרי ארום זעקס אזייגער, מיינט מען, אז מען איז בלויז אָפּגעשלאָפן איין מינוט...

דעם אָוונט ערב דעם פּערטן יולי איז גרשון געגאַנגען שלאָפן ארום צוויי אזייגער ביינאַכט, זיך בשום אופן נישט געקאָנט אופּ־אָ־רען מיט גרייטן די טישן ביז צוויי אזייגער ביינאַכט. און גע־שלאָפן איז ער אויפן בוידעם. אַלע אַרבעטער זענען געשלאָפן אויפן בוידעם. אָבער ס'האָט דאָרטן געשמעקט אויפן בוידעם מיט אַלע גוטע ריחות פון די קעטסקיל־בערג, וואָס האָבן זיך אריינגעזאַפּט דורך די שפּאַלטן פון די ברעטער... אין אָנטאָן איז גרשון געפאַלן אייפן מאַטראַץ, נישט אויסגעטאַן אפילו אויסצוטאָן דעם צווייטן שוך... און איידער וואָס־ווען, מען שלעפּט אים שוין ביי א פוס. ווער שלעפּט אים ביי א פוס? דער מיסטער ביין:

— שטיי־אויף, שטיי־אויף, ס'איז שוין נאָך זעקס אזייגער.

ס'ווילט זיך אָבער אזוי שטאַרק שלאָפן, אז גרשון איז גרייט אוועקצוגעבן א גאַנצע מלוכה... און ער האָט טאַקע אוועקגעגעבן א גאַנצע מלוכה, דאָס הייסט, זיין שטעלע.

— ס'טייטש — האָט דער מיסטער ביין כמעט געוויינט — ווי קאָנסטו מיר אָפּטאָן אזא זאַך, נאָך אין פּערטן יולי?!

אָבער גרשון ענטפערט אים נישט, פאַלט צוריק אויפן מאַט־ראַץ, און ער איז שוין נישטאָ... יענער אָבער שטייט נישט אָפּ. מאָ־רעט, טאָרעט, רייסט ווידער ביים פוס, כאַפּט זיך גרשון ווידער אויף:

— הא, וואָס?

— אויפשטיין, נאָך זעקס אזייגער, דער פּערטער יולי...

— שלאָפן — ברומט גרשון — כ'וויל שלאָפן.

— איך וועל דיך אָפּזאָגן!

— זאָג אָפּ...

דערנאָכדעם האָט אים אויך געריסן די מיסעס ביין, ווען דער מיסטער ביין האָט איר אָנגעזאָגט די טרויעריקע בשורה, און זי איז געלאָפן מיט גרוים אַליארם וועקן גרשונען... אָבער זי האָט אויך גאָרנישט געקאָנט דערגרייכן...

און גרשון איז געשלאָפן מיט אזא פאַרגעסנהייט.. און ער וואָלט נאָך געקאָנט שלאָפן און שלאָפן, ווען נישט די בייטאָגיקע

זון, וואָס האָט אָנגעהייצט דעם בלעך פון דאַך, און ס'איז געוואָרן שטיקנדיק אויפן בוידעם...

יאָ, מען האָט אים אָפּגעזאָגט. און דערפאַר האָט זיך גרשון איינגעגעבאַפּט אַזאַ פרישער, אַזאַ קרעפטיקער, אַזש ס'האָט זיך אים געוואָלט זינגען... און שפּעטער, ווען ער איז אַראָפּגעגאַנגען אַן אָפּ־געוואַשענער, אַן אָפּגעגאָלטער, אויף דער וועראַנדע, האָט ער אַזוי ליבלעך געשמייכלט צו די געסט, אַז זיי האָבן זיך אַזש געחידושט. שוין געמיינט, אַז גרשון קאָן גאָרנישט שמייכלען, און דאָ שמייכלט ער צו זיי אַזוי שיין...

## דער גרעסטער ווונדער אויף דער וועלט...

אלעמען אין בראַנזוויל איז געווען היים און דושנע. אין יענעם שבת פארנאכט איז אָבער גרשונען געווען נאָך הייסער און דושנער, ווייל ערשט מיט א פּאָר שעה צוריק איז ער געקומען אין אן אוי־טאָמאָביל פון דער שטארקנדיקער קילער לופט אין די קעטסקילס, און איז אריינגעפאלן, ווי אין אן אָנגעהייצטער באָד.

די שוועסטער רחל, וואָס האָט געוווינט ביי איר חברטע קלא־ רא, דער יונגער אלמנה, אויף בערעט סטריט, האָט פּשוט נישט געהאט קיין כוחות זיך מיט אים צו פרייען. קוים־קוים א שמייכל געטאָן צו אים און אים געפרעגט. צי ער וויל אפשר עסן. ניין, עסן האָט ער נישט געוואָלט, נאָר עפּעס א קאלטן טרונק. האָט זי אים געפירט צו סעמס קענדי־סטאָר (צוקערקע־קראָם) אויפן ראָג. אין די שמאָלע קענדי־סטאָר אויפן ראָג איז געווען איבערגעפּאקט מיט דורשטיקע, אלע האָבן געוואָלט דעם קאלטן טרונק...

סעם, דער באלעבאָס פון קענדי־סטאָר, זייער א בלאסער, זייער אן אויסגעמאטערטער, מיט פלאכע פיס, אין א שמוציקן ווייסן פארטעך, זיין פרוי א פולע, א צעשוואָלענע מיט געשוואָ־ לענע פיס, אויך אין א שמוציקן ווייסן פארטעך, האָבן זיך גאָר־ נישט געקאָנט צערייסן... איז טאַקע געוואָרן א ביסל קילער פון דער שטאַרק קאַלטער שיפּענדיקער סאָדע־וואסער מיטן ווייניקן ווײנשל־סיראָפּ. אָבער גלייך באלד נאָכן אויסטרינקען איז געוואָרן אפילו הייסער...

איז מען געזעסן אלע אינדרויסן אויפן סטופּ ביים הויז און ארויסגעקוקט אויפן גוטן ווינטעלע. איבערן גאנצן בלאָק אויף בע־ רעט סטריט איז מען געזעסן אויף די סטופּס אין דער פארנער נאכט, האלב אויסגעטאָנענע, און ארויסגעקוקט אויפן גוטן ווינ־ טעלע...

איז דאָס גוטע ווינטעלע נישט געקומען, אָבער דערפאַר איז געקומען צו דער שוועסטער רחל א גליקלעכער געדאנק — קוני=אײלאנד. מאָרגן, מירצעשעם, זאָל מען פאָרן קיין קוני=אײלאנד... פון דעם געדאנק אליין איז שוין אלעמען געוואָרן א ביסל קילער... די שוועסטער רחל וועט אויך טאָן א מצווה דערבײ און די מצווה וועט זײן, וואָס זי וועט ווײזן איר גרינעם ברודער דעם באַרימטן קוני=אײלאנד... נאָר וואָס=זשע דען? זי דארף אויך מיטנעמען איר חברטע פעגין מיטן חתן. איז זי דעריבער אוועק צו דער קענדי=סטאָר, אָפּרופן די קענדי=סטאָר אויף פאועל סטריט: פון דער קענדי=סטאָר אויף פאועל סטריט וועט מען שיקן א שליח צו פעגין אין הויז, און איר לאָזן וויסן, אז מען וויל זי אויפן טעלעפאָן...

און אז איר חברטע פעגי האָט שוין א חתן, האָט די שוועסטער אים געשריבן נאָך אין די קעטסקילס. ניומא רופט מען איר חתן, און ער אַרבעט ביי פוטערוואַרג. געפּאקט האָט זי אים, דאָס הייסט, זי האָט זיך געלאָזט פאקן פון אים, טאקע אויפן „פאָר=ווערטס“=באל, ווו זי איז געווען פארשטעלט אלס ציגיינערין... א פיינער בחור, דער דאָזיקער ניומא. אָבער די מעשה איז אָבער, האָט אים די שוועסטער איצט דערציילט, אז איר חברטע פעגי האָט נישט פון וואָס צו רעדן מיט איר חתן, ווען זיי בלייבן אליין. דערפאר מארקירט זי אוים שטענדיק, אז ס'זאָלן זיין נאָך מענטשן דערביי, ווען ער קומט צו איר, דעריבער מוז זי, רחל, אָפט באַגלייטן דאָס פאָרל אויף די שפאצירן, און אין טעאטער...

* * *

אויף מאָרגן איז געווען נאָך הייסער. ארום ניין אזייגער אינדערפרי האָט שוין געברענט און געבראָטן אין בראָנזוויל... גרשון, די שוועסטער רחל, די חברטע קלארא מיט איר צוויי=יאָריקן פייעלע (פון פייגעלע), האָבן זיך געלאָזט מיט א גרויסן קאָשיק פול=געפאקט מיט עסנווארג קיין קוני=אײלאנד. פון יעדן בלאָק כמעט, גאנצע משפחותווייז מיט קאָשיקעס פול=געפאקט מיט עסנווארג, האָבן זיך געלאָזט קיין קוני=אײלאנד. ס'איז געווען א יציאת בראָנזוויל...

די לאנגע פלאטפארמע אינדערהויך, אויף סאראטאוא עוועי־גיו סטאנציע, איז געווען געפאקט פון איין עק ביזן אנדערן... אין דער באן, וואס איז אנגעלאפן, זענען אלע וואגאנען געווען אי־בערפולט נאך פון די פריערדיקע סטאנציעס. דער קאנדוקטאר האט אפילו נישט געעפנט די טירן.. אין דער צווייטער, און אין דער דריטער באן, האט מען אויך נישט געקאנט אריין. ערשט אין דער פערטער האט רחל מיט איריקע זיך קוים אריינגעשטופט... און כאטשבי ס'איז געווען אזוי ענג, אז די שטייענדיקע זענען ממש געלעגן איינער אויפן אנדערן; (פאר דער חברטע קלארע מיט איר פייעלע האט גלייך איינער א פיינער בחור אפגעטראטן א פלאץ), און כאטשבי די קליידער זענען געווארן אויסגעווייקט פון שוויס, אבער מען איז גארנישט צערייצט און אנ־געשטויסן איינער אויפן אנדערן. דאס זענען געווען אחים לצרה, ברידער און שוועסטער צו דער צרה, אבער אויך ברידער און שוועסטער צו דער גרויסער ישועה, וואס וועט קומען צום סוף פון דער רייזע. כמעט אלע אין דער דאזיקער באן זענען געפארן קיין קוני־איילאנד. איז דאס אויסגעקומען, ווי איין משפחה, א ליידנדיקע משפחה, אבער מיט גרויסע האפענונגען...

* * *

פארנאכט האבן די צייטונגען געשריבן, אז ס'איז געווען

א מיליאן מענטשן יענעם זונטיק אין קוני־איילאנד. גרשון האט געמיינט, אז ס'איז געווען מערער — אפשר צוויי מיליאן. נישט אויף דער גאס אין קוני־איילאנד, אויפן וועג צום ים; און נישט אויפן ריזיקן ברעטער־גאנג פון אויבן; און נישט אויפן זאמד־ברעג לעבן ים, האט מען געקאנט מאכן גאנצע טריט. מען האט נאר געקאנט מאכן האלבע טריט. מען האט זיך געדארפט רוקן, איינער הינטער דעם אנדערנס פלייצעס זיך רוקן...

וויפל יידן זענען ארויסגעגאנגען פון מצרים? ביי א ששים רבוא, דאס הייסט, ביי א זעקס הונדערט טויזנט איז באשטאנען דאס גאנצע פאלק ישראל אין דער מדבר. דא אין קוני־איילאנד ביים ברעג פון ים איז געווען א צוויי מאל גרעסערער פאלק, דאס פאלק פון די מענעמענט־הייזער... אנשטאט ביידלעך, האט מען דא אויפ־

געשטעלט אויפן זאמד קאָלירטע זאָנטשיקעס. און אייניקע — טאַקע ביידלעך אויך...

און דער ריזיקער אטלאנטיק האָט דאָך גערוישט מיט זיינע כוואליעס. אָבער מען האָט כמעט נישט געהערט דעם ריזיקן אטלאַנטיק, וואָס האָט גערוישט מיט זיינע כוואליעס, סיידן מען איז געשטאַנען נאָענט צום וואסער. דאָס רוישן פון דער מיליאָניקער מאסע האָט פארטויבט דעם אטלאנטיק... פון די אלע וווּנדוירים, וואָס גרשון האָט געזען אין קוני־איילאנד: די ריזיקע רעדער, וואָס האָבן זיך געדרייט אין דער לופטן, די טראסקענדיקע וואגאָנדלעך אויף די אייזערנע רעלסן אין דער שווינדלערישער הויך, זענען כמעט גאָר קיין ווונדער נישט געווען אין פארגלייך מיט דעם גרעסטן ווונדער אין דער וועלט — דער ווונדער פון דערזען א ריזיקן ים, נישט פון וואסער, נאָר פון מענטשן...

און מענטשן פילן דאָך אן אָנגעהעריקייט צו א משפּחה, צו א שטאָט, צו א פאָלק. דאָ האָט גרשון, זיצנדיק אין דעם זאמד ביים ברעג ים, געפילט אן אָנגעהעריקייט צו די אלע הונדערטער טויזנטער, כאָטשבי זיי האָבן געשטאַמט פון פארשידענע פעלקער... עס איז געווען שבת אחים יחדיו: דאָס זיצן פון ברידער און שוועסטער צוזאמען, געגלעט פון די קילע און אָפּפרישנדיקע געזאלצענע ווינטעלעך.... מען איז נישט נאָר געזעסן צוזאמען, מען איז אויך געשפּרינגען אין וואסער צוזאמען, און אין דעם קאלטן שניידנדיקן וואסער האָט מען געשריען און געקוויטשעט צוזאמען פון ווילדער הנאה... גרשון איז אויך ארייננעשפּרונגען אין דעם קאלטן שניידנדיקן וואסער, און אויך געשריען און געקוויטשעט מיט אלעמען פון ווילדער הנאה. און אז ער איז ארויסגעגאנגען פון וואסער, האָט ער ליב געשמייכלט צו יעדן איינעם אויפן ברעג. און יעדער איינער אויפן ברעג האָט געשמייכלט צו אים.. יעדער אייגער, וואָס איז ארויסגעגאנגען פון וואסער, האָט ליב געשמייכלט צו יעדן איינעם...

די הברטע פעני מיט איר התן ניומא, וואָס מען האָט באַגעגנט אין קוני־איילאנד אויף אן אָפּגערעדט אָרט, זענען געלעגן אין זאמד אונטער א קאָלירטן שירעם, און זייערעביידע קערפּערס זענען געווען בלאס, ווי שטעקעלעך, וואָס מען האָט אָפּגעשיילט פון זיי די קאָרע. זי האָט מורא געהאט, פעני, אז זי וועט נישט האָבן פון וואָס צו רעדן מיט איר התן ביים ברעג ים, איז דעריבער געזעסן די חבר=

טע לעבן זיי, און זי האָט געערדט צו רחלען, און געלאַכט, גאָרנישט אויפגעהערט צו לאַכן...

דער חתן ניומא, מיט אויסגעקראָכענע האָר פון פאָרנט אויפן קאָפּ, אָבער געדיכט באוואָקסן אויף דער ברוסט, אויף די הענט, אויף די פיס, האָט געוויזן קונצן פאַר זיין כלה פּעני. ער האָט זיך געשטעלט אויף זיינע הענט אין דעם זאמד און געגאנגען אויף זיי, ווי מען גייט אויף פיס, און די כלה פּעני האָט געלאכט און גע-ל-א-כט....

שפּעטער, פאַרנאַכט-צו, איז מען געגאנגען שפּאַצירן אויבן איבערן פינף-מייליקן ברעטער-גאנג שווארץ פון מענטשן... און די ריזיקע זיך-דרייענדיקע ראָד אויבן אין דער הויך האָט זיך אָנגעצונדן מיט טויזנטער ליכט, און פון דאָרטן, פון דער זיך דרייענדיקער ראָד זייער הויך אין דער לופטן האָבן יונגע מיידלעך געשריען, מען האָט נישט געהערט קיין גאנצע געשרייען, נאָר שטיקער אָפּגעריסענע געשרייען, און ס'איז אויסגעקומען, ווי זיי פאַלן, די שטיקער געשרייען, פון הויכן הימל... געשרייען פון פיינלעכער הנאה... און אָנגעצונדן האָבן זיך אויך די טויערן פון לונא-פּאַרק מיט טויזנטער און טויזנטער ליכט... א פאַנטאַסטישע וועלט... אויפן זאמד זענען שוין ווייניק מענטשן געבליבן. יונגוואַרג האָט דאָרטן אָנגעצונדן פייערן, און געטאנצט ארום די פייערן... און דער ים מיטן אָנקומען פון דער נאכט האָט זיך געוואָרפן אויפן ברעג מיט קאָכנדיקע כוואַליעס... און אין גרשונס הארץ א פרייד, וואָס ער איז אין אַמעריקע. ער, דער בחור פון קליינעם שטעטל, איז איצט דער בירגער פון דער גרעסטער שטאָט אויף דער וועלט.. ס'מאַכט גרויס זיין הארץ, זאָל ער נאָר דאָ שלאָגן וואָרצלען...

## בראָנזווילער פּייזאַן

פון זינט גרשון איז אין אמעריקע, האָט ער זיך נאָך נישט אָפּ־געשפּאָרט אפילו קיין איין חבר. און גרשון אָן א חבר איז ווי א מענטש מיט איין האַנט. גרשונס מזל איז געווען צו האָבן א פריי־לעכן חבר פון קינדערוויז אָן, דער חבר פוליע, און מיט אים האָט ער זיך געגעבן אָנגעלאכט אלע יאָרן ביז אמעריקע. זיין חבר פוליע איז געווען אין שיקאַגאָ, האָט מען זיך געשריבן בריוו און געלאכט אין די בריוו. מיט א חבר טאָר מען נישט זיין אומעטיק אפילו אין די בריוו. זייער אָפט האָט מען זיך געשריבן בריוו אין די גרינגע יאָרן. ס'האָט זיך אָפּגעזוכט איינער אזא בריוו פון יענע צייטן, וו גרשון האָט אים באַשריבן בראָנזוויל.

„ס'איז אזוי לייכט ארויסצורעדן „בראָנזוויל". יידן מיינען, אז ס'איז טאקע א יידישער נאָמען. איינער א ייד א תושב האָט דאָס אויסגעטייטשט פאר מיר אזוי: ווען בראָנזוויל איז נאָך געווען א פוסטע געגנט, האָט דאָרטן געוווינט א יידישע פרוי אן אלמנה, וואָס האָט געהאט א פארם, און זי איז געווען פון זוויל. דאָס הייסט פון דער שטאָט זוויל, און האָט געהייסן ברײנע. איז פון ברײנע געוואָרן בראָן, און זוויל איז דאָך זוויל.

אז א בראָנקסער ייד, אָדער א האַרלעמער, וויל אָפּלאַכן פון די היגע יידן, רופט מען זיי „בראָנזווילער ציגן". ס'הייסט כלומרשט, אז אויף די בראָנזווילער גאסן קאָן מען אָנטרעפן ציגן. האָב איך טאקע אָנגעטראָפן א ציג אינמיטן דאָגלאַס סטריט. ס'האָט זיך ארויסגע־וויזן, אז איינער א ייד, אן אַסטמעניק אויף דאָגלאַס סטריט, האָט געהאט א ציג ביי זיך הינטערן הויז, אין הויף, צוגעבונדן צו א בוים, האָט די ציג זיך אויסגעריסן און איז ארויף אינמיטן דער גאַס. קאָנסט דאָך די טבע פון יידישע ציגן. איך האָב געזען נאָך א ציג צוגעבונדן צו א פעסטן בוים אין אן אנדער הויף, טאקע אויף דער

זעלביקער דאָגלאַס סטריט. בכלל אויף דאָגלאַס סטריט איז היימיש יידישלעך. די הייזער מיט די פידאַשיקעס דערמאָנען אזוי שטארק אין די הייזער מיט די פידאשיקעס אין בערשאד, באזונדערס אין די פארנאכטן, ווען יידן מיט בערד זיצן אין די יארמולקעס אויף זייערע פידאַשיקעס און כאַפּן פרישע לופט.

און מיינסטו ס'איז דאָרטן נישטאָ קיין יידישע באָד פונקט ווי אינדערהיים? יאָ, ס'איז דאָרטן דאָ. איך אַליין האָב שוין געהאַט הנאה פון דער באָד אין א פריוויט־פארנאכט, זיך געפארעט אויף דער אייבערשטער באנק מיט נאָך יידן, וואָס האָבן געשריען מיט גרויס גבורה: „דאַוואַי פּאַרו!“ (גיב פּאַרע). די דאָזיקע היימישע באָד אויף הערצל סטריט... יאָ, הערצל סטריט, א נאָמען נאָך דר. הערצל הפנים. ס'איז דאָ דאָרטן גאָר א גאס מיט א יידישן נאָמען, לבנה עוועניו רופט מען זי. מיינסטו, אז אויף דער דאָזיקער גאס אין די ביינאכטן קאָן מען זען די לבנה? ניין, ס'איז גראדע א גאס, ווו איבער דער גאנצער לענג אין אויסגעלייגט אויף הויכע שטאָלע־נע זיילן א בריק מיט רעלסן, אויף וועלכע ס'לויפט די „ניו לאטס עוועניו באַן“, און אויף לבנה עוועניו איז אפילו בייטאָג האלב פינצ־טער....

נאָך אן אָרט מיט יידישן נאָמען איז דער „קיצל־פּארק“, ס'גע־פינט זיך אויפן סוף פון פיטקין עוועניו בארג־אראָפּ, מיט א פּאָר אלייען, מיט עטלעכע פארדארטע ביימלעך, און אין די אָוונטן איז דאָרטן געפּאקט מיט יונגנט פון ביידע מינים. יאָ, „קיצל־פּארק“ רופט מען דאָס.

אין די פריוויט־פארנאכטן אין בראָנזוויל וועסטו דורך א סך פענצטער זען ברענען די פרומע שבתדיקע ליכט, פונקט ווי אין בערשאַד, און וועסט אויך זען יידן אין קאַפּאָטעס און אין הדרת־פּנימדיקע אויסגעפוצטע בערד לאָזן זיך מיט זייערע שבתדיקע אויסגעפוצטע יינגלעך אין די שולן מקבל־שבת זיין.

און אז דו ווילסט הערן אן אוקראַינישן יידיש, אָדער א פּוי־לישן יידיש, אָדער א גאַליציאַנער יידיש, אָדער גאָר אַ ליטווישן יידיש, זאָלסטו גיין אויף בעלמאָנט עוועניו. בעלמאָנט עוועניו איז די גאס פון פּושקארטס און פון קראָמען אלערליי. יעדער טאָג איז דאָרטן ווי אויף א יאריד. די טראָטוארן קאָן מען זיך גאָרנישט דורכשטופּן. און ליארעמט מען דאָרטן ביז אין הימל

אריין און קויפן קאָנסטו דאָרטן אויף די פּושקאַרטס, צי אין די קראָמען, אַלץ וואָס דיין יידישער מאָגן גלוסט: דאַרע קישקע, סטרולקעס, כאַלווע, שאַנישאָק (זון־קערלעך), טערקישע ניסלעך, הייסע קנישעס, קנאָבל, הערינגס אַלערליי, זויערע אוגערקעס, געזיי־ערטע פּאָמידאָרן... און ערב יעדן יום־טוב—אַלע גוטע יידישע מאכן... פּירים — פּלאָדן, מאַקע אַזאַ פּלאָדן, ווי אין בערשאַד, און חלות מיט זאַפּראַן, וואָס קוקן אויס אינעווייניק געל...

א פילו א שמאָט־משוגענעם האָבן מיר אין בראָנזוויל. משה הייסט ער. ער זעט שטענדיק אויס, ווי ער וואָלט געגעכטיקט אין א פעסל פון אַש: אַש, שטויב, ברודיקייט אפילו אויף זיין שטענדיק־באַוואָקסן פּנים. מיט א זעקל טראָגט ער זיך שטענדיק אום, און ווער ווייסט, וואָס אַזוינס ער האָט אין זיין זעקל. ער האָט ליב ארומצושפּאַנען מיט זיין זעקל אויף די פּלייצעס איבער פּיטקין עוועניו, זיך אָפּשטעלן פּלוצלונג אינמיטן טראָטואַר און זיך ביטער צעוויינען.

— משה, וואָס וויינסטו?

— גאַז ברענען זאָל אַמעריקע, איך וועל בעסער פאָרן קיין פּי־לאַדעלפיע.

און א „שבת־גוי" איז אויך דאָ אין בראָנזוויל. דער איירישער קוילן־און־אייז־מאַן, מיט רויטלעכע האָר, מיט לוסטיקע גרויע אויגן, מיט פרייַלעכע ליפּן, פאָרט ארום מיט א פערד־און וואָגן און שרייט אין יידיש:

— ווייבעלעך... קוילן. קויפט גיכער, ווערט אייך נישט זיין קאַלט.

און אום זומער:

— אייז, אייז, קאַלט, א מחיה...

און שבת אינדערפרי זענען שוין דאָ געוויסע הייזער, וווּ ער הייצט איין די אויוונס און טוט אנדערע זאכן, וואָס ווערן נישט גע־טאָן אום שבת...

און טאָמער ווילסטו טרינקען טיי פון א קופּערנעם סאַמאָוואַר און פאַרבייסן מיט קאָרזשיקעס (פּלעצעלעך), קאָנסטו דאָס טאָן אין אָדעסער רעסטאָראַן, מאַקע אויף מיין בלאָק, אויף טאַטפּאַרד עוועניו. אויף טרעפּלעך ארויפצוגיין געפינט זיך דער אָדעסער רע־סטאָראַן. די באַלעבאָסטע, א יאָדערדיקע, א קלאָר־הויטיקע, שטענ־דיק א פאַרפלאַמטע, איז מאַקע אליין אַן אָדעסער...

און אויב ס'פארבענקט זיך דיר אמאָל נאָך די סאַמאָראָדנע חסידישע ניגונים איז דאָ א רבי, א גוטער ייד אויף הערצל=סטריט, דער סטרים=שטער, צי דער סטריער אוז פרייטיק=צונאכטס אין אונטערשטן גאָרן ביי א לאנגן געדעקטן טיש זיצן בראָנזווילער יידן, און אויבן=אָן דער גוטער ייד אין שטריימל, מיט האלב=פארמאכטע אויגן, שאָקלט זיך און זאָגט תורה. און אז מ'פארענדיקט די תורה הויבן אָן די יידן זינגען די חסידישע ניגונים, וואָס פארכאַפּן דאָס הארץ...

און א ספר=תורה טראָגן אויף דער גאס אונטער א חופה האָב איך שוין אויך געזען. אויף סאראטאָגא עוועניו האָב איך דאָס געזען. קלעזמער האָבן געשפּילט, ווי צו א חתונה, און יידן אין בערד און אין קאַפּאָטעס, און פרויען אין שייטלעך און אין חתונה=קליידער האָבן געטאנצט אינמיטן דער גאס, ארום דער חופה מיט דער ספר=תורה...

און דו קאָנסט אַמאָל דורכגיין אַ גאַס, און פּלוצלונג דערהערסטו פון אַ חדר אין אַן אונטערשטן גאָרן:

— זאָג זשע, יינגעלע, קאָמעץ אלף אָ; זאָג זשע נאָכאַמאָל, און טאַקע נאָכאַמאָל...

און פּונקט ווי יעדעס יידיש שטעטל ענדיקט זיך דאָרטן, ווו די פעלדער הייבן זיך אָן, אַזוי ענדיקט זיך אויך בראָנזוויל... עטלעכע בלאָק נאָך לבנה עוועניו, ווו בראָנזוויל ענדיקט זיך, און די פעלדער הייבן זיך אָן... ס'זענען דאָס אייגנטלעך נישט קיין באַארבעטע פעלדער, נאָר אַ פּוסטע שטרעקע, באַוואַקסן מיט ווילדע גראָז. יידן פון די נאָענטע בלאָקס, אין אַ הייסן זומערדיקן שבת=ביינאַכט, קומען אַהין, טוען זיך אויס די קאַפּאָטעס, צעלייגן זיך אויף די גראָז און האָבן הנאה פון שבת=רו. נישט ווייט איז אַ האָספּיטאַל פון עטלעכע שטאָק, און נאָך ווייטער די איינציקע פאַרם, די לעצטע פאַרם אין בראָנזוויל...

איך האָב געזען אַ ציג האָרטן אויף דער פאַרם, און איך האָב געקאָנט שווערן, אַז דאָס איז אַ בערשאַדער ציג... ווען זי האָט מיך דערזען האָט זי געמאַכט צו מיר: מ=ע=ע — עפּעס אַזאַ בענקענדיקן מ=ע=ע, אַז ס'האָט מיך אַזש פאַרכאַפּט ביים האַרצן“...

# גרשון איז שיכור...

אין אַ הייסן זומער בײַטאָג איז גוט צו פֿאָרן מיט דער אונטערערדישער באַן. ס'איז דאָרטן קיל. קיין סך פּאַסאַזשירן געפֿינען זיך נישט דעמלט אין די וואַגאָנען, און דאָ דרייען זיך נאָך אונטער דער סטעליע עלעקטרישע פֿעכערס, און מאַכן אָן קילע ווינטלעך. און אויף דער שטרוי=באַקלאַפּטער באַנק איז ווייך צו זיצן און אַז מען טראַכט נאָך וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך איצט דאָרטן אויבן, אין דער גרויסער היץ איבער דער ערד, ווו מענטשן אויף די גאַסן בראָטן זיך, ווי אין גיהנום, ווערט נאָך קילער...

גרשון פֿאָרט איצט קיין וואַשינגטאָן עוועניו און דאַרף זיך שוין נישט נאָכפֿרעגן בײַם קאָנדוקטאָר. ער ווייסט שוין אַליין, ווו מען דאַרף בײַטן אויף וואַשינגטאָן עוועניו. מען דאַרף בײַטן אויף דער הונדערט און נײַן און פֿערציקסטער גאַס. דאָרטן גייט מען מיט די טרעפּ אַרויף אינדערהייך אויף דער פּלאַטפֿאָרמע, ווו עס לויפֿט דער אָראַנזש=געפֿאַרבטער דריטע=עוועניו עלעוועיטער...

יאָ, גרשון פֿאָרט קיין וואַשינגטאָן עוועניו צום שלום=עליכם פֿאָלקס=אינסטיטוט, צו דער רעדאַקציע פֿון „קינדער=זשורנאַל“: „קינדערלאַנד“, אַרויסגעגעבן פֿון „אַרבעטער=רינג“, און ווו דאָרטן האָט גרשון אָפּגעדרוקט זײַנע ערשטע מעשהלעך, איז אונטערגעגאַנגען. איצטער וויל ער פּרוּוון זײַן מזל אין „קינדער=זשורנאַל“, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן פֿון די שלום=עליכם פֿאָלקס=שולן, ווו דער רעדאַקטאָר איז שמואל ניגער אַליין.

און ווידעראַמאָל האָט אונדזער בחור מזל, און נישט מיט שמואל ניגערן, דאָס איז געקומען שפּעטער, נאָר מיט איינעם אַ זעלטענעם מענטשן, יהושע קאַמינסקי, דער געהילפֿס=רעדאַקטאָר, אַ מענטש מיט אַ געוואַלדיקער התלהבות צו דער קינדער=ליטעראַטור. ער האָט ממש געבעטלט בײַ יידישע שרײַבער קינדער=מעשיות און קינדער=לידלעך פֿאַרן „קינדער=זשורנאַל“. און אַ סך יידישע

שרייבער, וואָס ס'איז זיי קיינמאָל נישט געלעגן אין זינען צו שרייבן פאַר קינדער האָבן געשאַפֿן וווּנדערלעכע מעשהלעך און לידער פאַר דעם יונגוואַרג. אַדאַנק יהושע קאַמינסקין... נישט קיין ווּקסיקער. אָבער גאָלע רירעוודיקייט, און אַ געוואַלדיקע לעבעדיקייט און אויס־דרוקפֿולקייט אין זיין שוגקל־ברוין מאָגער פּנים, אין זיין הנעוודיקן פֿילבאַרן קינבאַקן, אין זיינע גליענדיקע זיידענע ברוינע אויגן, שמאָ־לע דאַכט זיך... אין זיין היפּשער קודלע געקרייזלטע שוואַרצע האָר, און אין זיינע פֿילבאַרע ליפּן, וואָס האָבן געקאָנט זייער ליבלעך שמייכלען.

אין זיינע אויגן, זייער וואַרעמע, האָבן באַזונדער געשטראַלט ווען ער האָט אַריינגעפּאַקט פאַר זיין „קינדער־זשורנאַל" אַ גוטע קינדער־מעשה, אָדער אַ גוט קינדער־ליד, און געשמייכלט האָבן זיינע פֿילבאַרע ליפּן מיט גרוים ליבלעכקייט, און געשטראַלט האָבן זיינע זיידענע ברוינע אויגן מיט פיל וואַרעמקייט צו גרשונען, ווען ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט פאַר אים און געזאָגט, אַז ער האָט זיך געדרוקט אין „קינדערלאַנד" אונטער דעם און דעם נאָמען... יענער האָט ממש אויסגעכאַפּט פון גרשונס הענט דאָס קינדער־מעשהלע, וואָס ער האָט געבראַכט, און זיך גלייך גענומען לייענען...

און דאָ קומט אַריין אַ יונגער בחור, שיין ווי אַ בן־מלך, וואָלט גרשונס מאַמע געזאָגט, שיין מיט זיינע בלויע פּערלמוטער־נע אויגן, מיט זיין פולן, קלאָרן און קײלעכדיקן פּנים, מיט זיין הויכן שטאַרקן שטערן, מיט זיינע געדיכטע קאַשטאַנאָווע האָר, וואָס אַ בחורש פֿאַרשייט לאָקנדל איז אַראָפּגעהאָנגען אויף זיין שטערן...

— באַקענט זיך מיט משה שיפֿרים — האָט זים געזאָגט יהושע קאַמינסקי.

גרשון האָט שוין געהערט פון משה שיפֿרים, און שוין געלייענט זיין קליין ביכעלע לידער „רְחמה", און געקוקט מיט פֿאַרערונג אויף דעם האָזיקן פּאָעט, שיין ווי אַ בן־מלך. משה שיפֿרים האָט געדרוקט קינדער־לידער אין „קינדער־זשורנאַל". קיין האָנאָראַר האָט מען אים אין „קינדער־זשורנאַל" נישט געצאָלט. דערפֿאַר האָט יהושע קאַמינסקי אים געצאָלט מיט לויב־ווערטער, און מיט אַזאַ „האָנאָראַר" קאָן מען דאַכט זיך אָפּקויפֿן די ווערק פון די גרעסטע שרייבער. יהושע קאַמינסקי האָט גרשונען געצאָלט פאַר

זיין מעשהלע אויך מיטן זעלביקן „האָנאָראַר“ און גאָרנישט געזשאַלעוועט...

זענען סיי גרשון און סיי משה שיפּרים אַרויסגעגאַנגען פון „קינדער־זשורנאַל“־אַפּיס מיט פולע קעשענעס אינספּיראַציע, וואָס קאַמינסקי האָט מיט דער פולער האַנט זיי באַצאָלט אַלס „האָנאָראַר“, און אינדרויסן האָט משה שיפּרים איינגעלאַדן גרשונען פאַר אַ שפּאַציר אין באָטאַנישן גאָרטן.

און גרשון האָט גאָרנישט געוווּסט, אַז ס'איז דאָ אין די בראָנקס אַ באָטאַנישער גאָרטן, און אַז מען קאָן פאָרן אַהין גלייך מיטן דריטן עוועניו עלעוועיטער... ער האָט בכלל נאָך נישט געוווּסט, וואָס פאַר אַ שיינע מערקווירדיקייטן די בראָנקס פאַרמאָגט... און אַז משה שיפּרים האָט אים געבראַכט אַהין, איז אונדזער בחור גלייך פאַרכישופט געוואָרן נישט נאָר פון די עקזאָטישע ריחות פון די בלומען. נאָר אויך פון זייערע עקזאָטישע קאָלירן... ער האָט דאָך, גרשון, געזען זייער שיינע בלומען ביי יורעוויטשן אין פאַרק אין בערשאַד. אָבער אין באָטאַנישן גאָרטן אין די בראָנקס האָט ער געזען גאַנצע פעלדער מיט אַזוינע בלומען, וואָס סיי די פאָרם, סיי די קאָלירן, סיי די ריחות האָבן זיך אים אפילו נישט געחלומט.

יאָ, גרשון איז געווען שיכור אין באָטאַנישן גאָרטן, נישט באַזויפן, ווי ווען מען פאַלט פון די פיס, נאָר אַזוי שיכור, ווי ווען ס'ווילט זיך זינגען מיט קראַפט און מיט פרייד, וואָס דאָס לעבן איז גאָלע טוב...

און דאָ נאָך ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן, אַז ער שפּאַצירט מיט אַ שרייבער, ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן, און ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן, ווי אַ קאָלעגע שרייבער לייענט אים פאָר פון זיינע שאַפונגען. צוויי לידער האָט אים משה שיפּרים פאָרגעלייענט, און גרשון האָט אים פאָרגעלייענט זיינע אַ דערציילונג, איז שיפּרים געווען באַגייסטערט פאַר גרשונס דערציילונג, און גרשון איז געווען באַגייסטערט פאַר שיפּריסעס לידער... שפּעטער האָט אים שיפּרים דערציילט וועגן דער קאַפע „איירָאָפּע“, וואָס געפינט זיך אויף איסט־בראָדוועי נישט ווייט פון „פאָרווערטס“, וווּ יידישע שרייבער פאַרזאַמלען זיך, אויך אים דערציילט וועגן קאַפע „ראָיאַל“ אויף צווייטער עוועניו... ס'האָט גרשונען גענומען לאַנג, ביז ער האָט געוואַגט אַריינצוקומען אין קאַפע „ראָיאַל“, און אָנגעטראָפן אַלע

די, וואָס האָבן געשאַפן די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, און דאָרטן אין די קאַפייען האָט ער שוין געזען, אַז משה שיפרים איז בישט געווען דער איינציקער, וואָס האָט פאַרשיינט מיט זיין שיין־בחורשאַפט. ס'זענען געווען אַ סך אַזוינע שיין־געשטאַלטיקע. שטראַלנדיקע יידישע דיכטער, סיי צווישן די עלטערע, סיי צווישן די יונגע.

משה שיפרים האָט גערעדט וועגן דער יונגער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע און זי פאַרגליכן צו די עקזאָטישע בלומען אין באָטאַנישן גאָרטן.

— קוקט — האָט ער געזאָגט — מען האָט זיי איבערגעפלאַנצט, די בלומען, פון אַ פרעמדער ווייטער ערד, און זעט, ווי זיי האָבן זיך פרעכטיק צעבליט... אַזוי אויך מיט די יידישע שרייבער, כמעט אַלע אַריבערגעפלאַנצטע פון אַנדערע לענדער... איר וועט זיך אויך דאָ צעבליען — האָט ער געשטראַלט צו גרשונען — מיט גוטע ריחות און שיינע קאָלירן.

אַזוי פיל יאָרן אַוועק פון יענעם בייטאָג אין באָטאַנישן גאָרטן... און אַז גרשון דערמאָנט זיך איצט אין יענעם בייטאָג, קומען ממש די עקזאָטישע פאַרפומען צו זיינע נאָז־לעכער, צעשפילן זיך ממש די טויזנטער פאַרבן אין זיינע אויגן, און ער ווערט פאַרשיכורט בלויז פון דערמאָנען זיך אין דעם... ס'האָט דעמלט געשמעקט די גאַנצע וועלט, ס'איז אויפגעגאַנגען אין אים דעמלט אַן אומבאַשרייבלעכע פרייד. די פרייד וואָס ער איז אַ יידישער שרייבער, און וואָס ער שפּאַצירט מיט אַ קאָלעגע, וואָס האָט שוין אַרויסגעגעבן אַ בוך און וואָס לייענט אים פאָר זיינע שאַפונגען, און וואָס רעדט צו אים אַזוינע געהויבענע רייד...

און בכלל, ווען גרשון דערמאָנט זיך אין יענע טעג פון דער יונגער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, שמעקט צו אים, ווי די בלומען אין באָטאַנישן גאָרטן יענעם בייטאָג...

# גרשון אין בויבעריק

גרשון האָט שוין נישט געהאַט דעם מזל מיט לייבוש לערער, דעם דירעקטאָר פון קעמפּ „בויבעריק", ווי מיט יהושע קאַמינסקין, דעם פּראָוואַלטער פון „קינדער־זשורנאַל". דער ענטוזיאַסטישער יהושע קאַמינסקי איז טאַקע געווען דער, וואָס האָט געבראַכט גרשונען אין קעמפּ „בויבעריק", ס'האָט אויסגעפעלט אַ קאַנסעלאָר.

גרשון געדענקט אַזוי גוט אָט יענעם פאַרנאַכט, ווען ער איז אַרייַנגעפאָרן איבער אַ שטויביקן שליאַך אין דער טעריטאָריע פון קעמפּ „בויבעריק". פון זייער אַ קאָכנדיק הייסן און שטיקנדיקן ניו יאָרק איז ער געקומען. און דאָ אין דעם פרייען, ווייטן אַרום פון דער לאַנדשאַפט איז אַזוי שטיל, קיל, שמעקנדיק, פרידלעך און באַרויִקנדיק. דער מערב ברענט אין אַ שלל פון קאָלירן און ביי די זייטן פון שליאַך שפּאַצירן זיך געמיטלעך דערוואַקסענע קעמפּער, טאַטעס און מאַמעס, וואָס זענען געקומען געוויר ווערן וועגן זייערע קינדער. אין ניקערס און גאָלף־זאָקן שפּאַצירן זיי מיט דעם אָפּשיין פון דער פאַרגייענדיקער זון אויף זייערע פּנימער, מאַכן פרייִלעך מיט די הענט צו יהושע קאַמינסקין אין אויטאָמאָביל און קוקן מיט נייגעריקייט אויפן פרעמדן, שעמעוודיקן, דאַרן בחור ביי זיין זייט.

אַרייַנגעפאָרן אין קעמפּ גופא, האָט גרשונען באַגעגנט אַ פרייַלעכער טומל פון קינדער און געדיכטע מחנות בושעווענדיקע מאָסקיטאָס (קאָמאַרן). זיי האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אונדזער בחור, די בייסנדיקע זשוזשענדיקע בריאהלעך, מיט גרוים גדולה. ס'האָט אים אויך באַגעגנט אַ פאַרמאַטערטער לייבוש לערער און גלייך דורכגענומען דעם יונגן שעמעוודיקן גרשונען מיט זיינע שטרענגע ברוינע אויגן. און גרשון איז אים מסתמא נישט געפעלן

פון ערשטן אויגנבליק. און געפעלן האָט אים גרשון נישט געקאָנט מכּמה טעמים. קודם כּל האָט יענער גלייך דערשמעקט מסתּמא, אַז דער נייער קאַנסעלאָר איז אַ גרינער, און דעריבער נישט זיכער מיט זיך. צווייטנס, האָט אונדזער בחור מסתּמא נישט אויסגעקוקט פון די שמייכלענדיקע, פון איינעם וואָס פאַרמאָגט אַ סבר פּנים יפות, דאָס הייסט אַ פּנים אין גוטן געמיט, און בכלל האָט לייבוש לערער מסתּמא געהאַט זיינע סימנים, ווי אַזוי צו דערקענען צי דער קאַנסעלאָר וועט זיך טויגן אָדער נישט. און אפשר האָט זיך דעם סופער־פילבאַרן גרשונען בלויז אויסגעדאַכט, אַז ער איז נישט גע־פעלן געוואָרן. אָבער דער שאָדן איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרן. און דער שאָדן איז געווען, וואָס אונדזער בחור אין לייבוש לערערס אָנוועזנהייט איז געווען שטענדיק דערשראָקן, און אַ דערשראָקענער מענטש זעט שוין נישט אויס געראָטן...

דערפאַר האָט אים אָבער באַגעגנט דער צווייטער ברודער, ליפּע לערער, דער דעמאָלטיקער פאַרוואַלטער פון קעמפּ, מיט וואַ־רעמער פריינדלעכקייט, און אים געפירט אין קיך עסן וועטשערע. פאַרוואָס אין קיך? ווייל די עס־צימערן זענען שוין געווען צוגע־ראַמטע. דער דאָזיקער ליפּע לערער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין גאָר אַ טייערער בחור, גרשון האָט דאָס שוין געזען שפּעטער אין קעמפּ „בויבעריק", און נאָך שפּעטער, ווען ער איז געוואָרן דער פאַרוואַלטער פון „קינדער־זשורנאַל".

היינט צו טאָג זענען מסתּמא דאָ אין קעמפּ „בויבעריק" מאָ־דערנע באַנגאַלער, אָבער דעמאָלט זענען אַלע געשלאָפן איןביידלעך. און ווי ס'האָט זיך געשלאָפן אין די דאָזיקע ביידלעך, וואָס האָבן געשמעקט מיט זומער און מיט די אַלע גוטע בשמימדיקע ריחות פון די גראָזן, ביימער און בלומען... און געשלאָפן איז גרשון יענע נאַכט מיט איין שלונג. אוועקגעלייגט אין דער פינצטער דעם קאָפּ אויפן קישן, און פּלוצלונג, דאַכט זיך בלויז אַ מינוט האָט גענומען, און ס'רייסט שוין די אויגן די זון, וואָס שיינט אַריין אין ביידל... און אין דרויסן זינגט שוין דער שיינער ליכטיקער פרימאָרגן מיט די פעלדער אַרום, מיטן טייך, מיטן וועלדל, מיט די ווייסע פאַרם־הייזער, מיט די געלעכטערס פון די קינדער, וואָס לויפן מיט האַנ־טוכער און ציין־בערשטלעך צו דעם אָפענעם וואַש־צימער אונטער אַן אָפּדאַך, וואָס איז באַשטאַנען פון צענדליקער קראַנען...

ס'איז דעמלט געווען דער אָנהייב פון דער גאָלדענער עפּאָכע פון יידיש אין אַמעריקע, אַ גרויס־שעפערישע פיאָנערישע צייט: מען האָט פאַרפלאַנצט שולן, זשורנאַלן, צייטונגען, טעאַטערס, כאָרן, קעמפּס און פאַרזייט יידיש. „קעמפּ בויבעריק“, „קעמפּ קינדערלאַנד“, אַרבעטער־רינג־קעמפּ, „ניט געדאַיגעט“, שפּעטער קעמפּ „גן־עדן“, „אונדזער קעמפּ“ און נאָך און נאָך זענען אויסגעוואַקסן אין יענעם פעריאָד.

ס'איז דעמלט, דאַכט זיך, געווען דאָס ערשטע יאָר פון קעמפּ „בויבעריק“. דער גלעזערנער גאַניק פונעם פאַרם־הויז איז געווען דער עס־צימער פאַר דערוואַקסענע... דער קינדערשער עס־צימער איז געווען אינדרויסן אונטער אַן אָפּדאַך... אויבן, אויפן בערגל זענען געלעגן אויסגעשפּרייט דיביידלעך פאַר די ייִנגלעך. אין אַ זייט, הינטערן וואַש־צימער — די ביידלעך פאַר די מיידלעך. ביי דעם אַריינגאַנג פון דער מיידלשער טעריטאָריע איז געווען אַ שילד: „נאָו מענס לענד“. מיינען מיינט דאָס „קיינעמס לאַנד“. אָבער דאָ האָט דאָס געמיינט: „נישט קיין לאַנד פאַר מענער“. אַמעריקאַנער געבוירענע מיידלעך, האָט גרשון געטראַכט, רייצן זיך מיט די ייִנגלעך אויף אַזאַ שיינעם שפּילעוודיקן אופן.

ווייטער אַ ביסל פון דעם הויז מיט דעם גלעזערנעם גאַניק אויף יענער זייט שליאַך איז געווען דער טייך. גראדע אַ גרויסער טייך, אָבער זייער אַ קליין שטיקל פלאַץ אָפּגעצוימט פאַר באָדן זיך. און דאָס אָפּגעצוימטע קליינע שטיקל פלאַץ איז געווען פול מיט וואַסער־פלאַנצן. אָבער דערפאַר האָט מען געקאָנט שפּילן זיך איבער דער גאַנצער לענג, און קיין שום טייך אין אַמעריקע, אחוץ דער טייך אין „קינדערלאַנד“, האָט נישט געהערט אַזוי־פיל יידישע רייד און יידישע פאָלקס־לידער. און איבער קיין שום טייך אין אַמעריקע, אחוץ אפשר אין „קינדערלאַנד“, האָבן אַזוי־פיל יידישע שרייבער זיך נישט געשיפט. מען האָט געזונגען איבערן גאַנצן טייך, מען האָט געלאַכט איבערן גאַנצן טייך...

לעבן וואַש־צימער אונטער אַן אָפּדעכל איז געווען דער גלאָק. לייבוש לערער אַליין איז אָפט געווען דער גלאָקן־קלינגער, און געוועקט די קינדער פון שלאָף, אָדער געמאָלדן, אַז ס'איז שוין צייט זיך שלאָפן לייגן. ער האָט דאָס געטאָן מיט אַזאַ מינע, אַקוראַט.

ווי קיינער אחוץ אים, דער דירעקטאָר, קאָן אַזוי שיין נישט קלינ=
גען אין גלאָק. ער האָט טאַקע זייער שיין געקלונגען אין גלאָק...

זיין שיין קלינגען אין גלאָק האָט ביי גרשונען מכפּר געווען
די געוואַלדיקע שטרענגקייט אין אים. גרשון האָט דערזען אין אים
דעם יינגל, וואָס איז זיך מחיה צו טאָן אַזאַ זאַך. נישט איין יינגל
אין קעמפּ האָט אים מסתמא מקנא געווען. זיינע שמאָל=געשני=
טענע ברוינע אויגן האָבן געקאָנט קוקן מיט אַ געוואַלדיקער
שטרענגקייט, זיי האָבן אויך געקאָנט קוקן מיט בייסיקן חוזק, כמעט
מיט אַ פאַרניכטנדיקן חוזק. זיי האָבן אויך אָבער געקאָנט קוקן
מיט וואַרעמער פאַרשטענדלעכקייט, זיין קול — אויטאָריטעטנע,
געדיכט, שטאַרק=מענעריש, פול מיט מעטאַל. אָפט האָבן זיך דורכ=
געוואָרפן טענער ווי מען זעגט אויף אַ זעג, דאָס אויטאָריטעטנע
קול פון אַ קפּדן...

גרשון איז בלויז געווען אַ וואָך אין קעמפּ און לייבוש לערער
האָט אים אַוועקגעשיקט. די דאָזיקע וואָך איז געווען די רייכסטע
אין איינדרוקן... דער פּאָעט מנחם איז געווען יענע וואָך אין קעמפּ,
און אויך קלמן מרמר. אַז מען זעט אַ מלך, דאַרף מען אַ ברכה
מאַכן, זאָגט זיך ערגעץ אין די הייליקע ספרים, און לויט גרשונען,
וואָלט מען גיכער געדאַרפט אַריינשטעלן, נישט ווען מען דערזעט
אַ מלכות, נאָר ווען מען דערזעט אַזאַ שיינעם פּאָעט, ווי מנחם,
אָדער אַזאַ ליכטיקן תלמיד חכם, ווי קלמן מרמר...

אין דער דאָזיקער וואָך האָט גרשון פאַרבונדן אַ פריינדשאַפט
מיט דעם פּיאַניסט איזראַעל שלייען, אַ פריינדשאַפט אויף יאָרן
און יאָרן... אַ בחור מיט אַ פּנים געשניצט אַזוי ווייך, אַזוי דעלי=
קאַט. מיט שוואַרצע אויגן, אַזוי קלוג, און מיט שטענדיק אַזוינע
וויציקע פּייערלעך, מיט אַ שטערן אַזוי אימפּאָנירנדיק, און מיט
אַ פּאַטלע שוואַרצע האָר, אַזוי געדיכט, אַזוי לעבעדיק, אַז מען
האָט כמעט נישט באַמערקט זיין היפּשן האָרב, און זיינע די=
נע פיס...

אויך האָט גרשון געהערט ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן, ווי
מען רעדט יידיש מיט אַזאַ שיינקייט, אַקוראַט, ווי מען וואָלט אויס=
געקושט יעדעס וואָרט. סאָניאַ גורסקאַיאַ, די בינע=קינסטלערין,
איז געווען אין קעמפּ. און זי האָט דאָס גערעדט יידיש, ווי זי
וואָלט געבענטשט און אויסגעקושט יעדעס וואָרט. און אַז זי האָט

נאָך גערעדט יידיש אויפן טייך, דאָס הייסט שיפנדיק זיך אויף א שיפל, איז אויסגעקומען, ווי יעדעס וואָרט ביי איר קומט אַרויס לויטער, אויסגעטובלט...

יאָ, גרשון איז אָפּגעווען בלויז אַ וואָך אין קעמפּ בוי̈בעריק און מען האָט אים אָפּגעזאָגט. דער גוטער ליפּע לערער מיט די ווייך־בלוילעכע אויגן, און מיט דעם גוטן שמייכל אויף זיינע פיין־געשניצטע ליפּן, האָט אים אַריינגערופן אין אָפיס און אויסגע־שריבן אַ טשעק. גרשון האָט גיך געכאַפּט דעם טשעק און איז אַרויס. פאַרוואָס „גיך געכאַפּט"? ווייל דער טשעק איז געווען מערער, ווייל ס'איז אים געקומען, כמעט צוויי מאָל אַזויפיל מע־רער. מסתמא האָט דער דאָזיקער ליפּע לערער געמאַכט אַ טעות, האָט ער געטראַכט. אָבער דער געוויסן האָט נישט געלאָזט רוען. סטייטש, ס'איז דאָך אַ קעמפּ געבויט פון אידעאַליסטן, און קיין סך געלט אויפצוהאַלטן אַ קעמפּ איז נישטאָ, און מענטשן קומען פון שטאָט אַרויסצוהעלפן אין דער אַרבעט, און נעמען גאָרנישט קיין באַצאָלט.

— איר האָט געמאַכט אַ טעות — איז גרשון צוריק אַריין אין אָפיס.

— ניין. מיר האָבן נישט געמאַכט קיין טעות — לאַכן ליפּעס בלוילעכע אויגן מיט ווילקייט — פאַרגוצט דאָס געזונטערהייט.

איז גרשון צוריקגעפאָרן אין הייסן שטיקנדיקן ניו יאָרק, און ס'איז אים נאָכגעפאָרן די גאַנצע צייט ליפּע לערערס גוטסקייט...

# שטרויענע קאַפּעליושן

ער זעט שוין, אַז אין אַמעריקע, ווי באַלד נאָר ס'קומט דער זומער, טוען זיך אָן אַלע בחורים ווייס־געלע שטרויענע שליאַפּעס. און אין בראָנזוויל איז גאָר אַ בזיון זיך צו ווייזן אום זומער אויף דער גאַס נישט אין קיין שטרויענער שליאַפּע, מען וועט זאָגן — אַ גרינער.

גרשון האָט זיך אויך געקויפט אַ שטרויענע שליאַפּע און ס'איז טאַקע געווען אַ פאַרגעניגן, אַזוי גרינג, אַז מען פילט זי ממש נישט אויפן קאָפּ. אין די איצטיקע יאָרן, איז שוין נישט קיין מאָדע אום זומער די דאָזיקע שטרויענע שליאַפּעס. די מערסטע טראָגן בכלל גאָרנישט אויפן קאָפּ, אָבער דעמלט, ווען ס'איז געקומען דער זומער האָבן זיך צעבליט די בראָנזווילער גאַסן מיט שטרויענע קאַפּעליושן. אויף פּיטקין עוועניו, די הויפּט־שפּאַציר־גאַס, דאָרטן איז געווען אַ שטראָמיקער טייך פון קעפּ אין שטרויענע שליאַפּעס.

ווי ער געדענקט זיי אַזוי גוט, די שטרויענע שליאַפּעס, גרשון. און ווי זיי ליגן אים אויך גוט אין טעם. און זיי ליגן אים אַזוי גוט אין טעם, ווייל ווען ער איז געקומען פון קעמפּ בויבעריק, איז ער גלייך אַריינגעפאַלן אין אַ שאַפּ, וו מען מאַכט טאַקע אָט די דאָזיקע זאַכן. אויף לאַפּאַיעט סטריט, נישט ווייט פון וואַנאַמעיקערס ריזיקן דעפּאַרטאַמענט סטאָר, איז געווען דער דאָזיקער שאַפּ. אַכצן דאָלאַר אַ וואָך האָט מען געצאָלט און די גאַנצע עובדא איז געווען שטיין פאַר אַן אָנגעצונדענעם גאַז־אייוועלע און מיט דער האַנט האַלטן אין איין דרייען אַ קאַפּעליוש אַנטקעגן די פלאַמען, כדי די שטרוי ביי די זוימען זאָל זיך אָנבלאָזן פון דער היץ, און ס'זאָל אויסקוקן געדיכט און מאַסיוו. ביי אַ פּערצן יונגע חברה זענען זיי

געווען, און געשטאַנען פאַר אַ לאַנגן טיש, זיבן חברה פון יעדער זייט און געהאַלטן אין איין דרייען די קאַפּעליושן פאַר די פלאַמען פון די גאַז=אייוועלעך.

פאַרטאָג, ווען מען האָט נאָך אָנגעהויבן די אַרבעט, איז נאָך געווען פרייליך צווישן די דאָזיקע פערצן יונגע חברה. אַ וויץ האָט זיך געהערט, אויך אַ לידל. ביסלעכווייז איז מען פאַרטשאַדיעט געוואָרן פון די גאַז=אייוועלעך, פנימער זענען געוואָרן זייער בלאַס, אויגן זענען פאַרנעפּלט געוואָרן און ס'איז געוואָרן אַזוי שטיל, נאָר די פּיאָלעטעווע צישנדיקע פלעמלעך פון די אייוועלעך האָבן זיך געהערט.

דער בחור טשאַרלי אָבער, מיט פאַרנעפּלטע שוואַרצע אויגן, מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ שוואַרצע שטעכיקע האָר, מיט קרומע, ווי צו=להכעיסדיקע ציין, ער האָט פון צייט צו צייט נישט געלאָזט מען זאָל אַריינפאַלן אינגאַנצן אין דער דאָזיקער פאַרטשאַדיעטער פאַרגעסנקייט. ער האָט גערעדט ניבול=פה (אומאָנשטענדיקע רייד), האָט אַלעמאָל אויסגעטראַכט באַזונדערע שאַרלאַטאַנסקע ווערטער, און זיי אויסגערופן פאַר אַלעמען צו הערן. אַזאַ אָפּענעם און געוואַגטן ניבול=פה ווען פרויענשן קערפּער האָט גרשון נאָך קיינמאָל נישט געהערט און אי אויף ענגליש און אי אין יידיש, דאָך האָט אַ ביסל אויפגעוועקט די פאַרחלשטע געהירן.

דער בחור סאול, מיט דער האָרבאַטער לאַנגער נאָז, מיט די גרויסע פייכטע ברוינע אויגן, מיט די שוואַרצע געקרייזלטע האָר, האָט אויך פון צייט צו צייט אויפגעוועקט דעם עולם דורך זיין פרעגן אַלעמאָל: „ווי אַזוי זאָגט מען אויף ענגליש דאָס“. אַ טאַר=נאָפּאָלער, ערשט זעקס וואָכן פון לאַנד, און ער האָט געוואָלט וואָס גיכער זיך אויסלערנען ענגליש, און דאָ אין שאָפּ. די אַנדערע בחורים, ווער אַ יאָר, ווער צוויי, ווער מערער אין לאַנד, זענען געווען זייער צופרידן אים באַרייכערן זיין ווערטער=פאַרמעגן אין ענגליש.

שפּעט נאָכמיטאָג איז שוין אויך טשאַרלי פאַרשוויגן געוואָרן מיט זיין ניבול=פה, זיך שוין נישט אָפּגערופן מיט קיין וואָרט. נישט געקוקט. קיינער האָט נישט געקוקט אויף קיינעם. מען האָט אין דער פאַרטשאַדיעטקייט גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז עמעצער

שטייט לעבן דיר, און טוט די זעלביקע אַרבעט, ווי דו... דער גרינער סאָול איז אויך פֿאַרשוויגן געוואָרן. שוין מערער נישט געפֿרעגט אַלעמאָל: — „ווי אַזוי זאָגט מען דאָס וואָרט אויף ענגליש“?

גרשון האָט אָבער געוווּסט, אַז יעדער איינער אין דער דאָזיקער פֿאַרהלשטער שטילקייט טוט עפּעס אין זיין געדאַנק, כדי זיך צו ראַטעווען. עפּעס געפֿינט שוין יעדער איינער עפּעס אַ פֿריידיקן פּונקט אין זיין לעבן. און איצטער טראַכט ער פֿון אים, און דאָס מאַכט לייכטער איבערצוטראָגן די דאָזיקע קאַטאָרזשנע אַרבעט. גרשון אַליין אין דער דאָזיקער פֿאַרטשאַדיעטקייט, האָט געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן אַ הייזל אין וואַלד, וואָס ער האָט איינמאָל געזען, אַלס ייִנגל. ס׳איז געווען אום ווינטער. דאָס הייזל איז געווען איינגאַנצן באַדעקט מיט שניי. דאָרטן האָט געוווינט אַן אַלט פֿאָרפֿאָלק. ער האָט אַלץ געהאַלטן אין אַרומשפּילן זיך אין זיין געדאַנק מיט דעם דאָזיקן הייזל אין וואַלד, און אַזוי פֿון זיך אַליין איז געבוירן געוואָרן אַ מעשה פֿאַר קינדער אין גראַמען, וועגן דעם זיידן און באָבע פֿריידן, וואָס „האָבן געוווינט אין וואַלד, און ס׳איז זיי געווען זייער קאַלט..“

אָט אַזוי ביז אַרום זעקס אַזייגער פֿאַרנאַכט האָט מען געדרייט קאַפּעליושן אין דער דאָזיקער לופֿטלאָזער, פֿאַרסמטער היץ. דערפֿאַר אָבער, ווען מען האָט אַוועקגעלייגט די אַרבעט און אַרויס אינדרויסן — וואָס פֿאַר אַן עקסטאַז!... די הייסטע טעג זענען דעמלט געשטאַנען און זעקס אַזייגער איז נאָך געווען גענוג הייס און גענוג שטיקנדיק. אָבער פֿאַר גרשונען איז אויסגעקומען דער אינדרויסן, ווי ער וואָלט פּלוצלונג אַריין אין אַ דערפֿרישנדיקן קילן טייך.

גרשון האָט נאָך געהאַט מזל: קודם כּל, איז זיין דירה (און ווידער אַמאָל האָט ער געוווינט ביי דער מיסעס סיגל אויף טאַטפֿאָרד עוועניו) געווען נישט ווייט פֿון די שטאָטישע שאַוערס (שפּריץ-בעדער) אויף פּיטקין עוועניו. און צווייטנס, וואָס אין הויף ביי דער מיסעס סיגל האָט געוואַקסן אַ בוים מיט געדיכטע צווייגן. איז גרשון געגאַנגען אַלע פֿאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט צו דער שטאָטישער שפּריץ-באָד אויף פּיטקין עוועניו. פֿאַר צוויי פּעניס, האָט מען געגעבן אַ רינעם האַנטעך מיט זייער אַ דאַר שטיקל זייף, און אַריינגעלאָזט אין איינעם פֿון די שמאָלע קעמערלעך

מיטן שאוער. און שאוער איז דאָך דער טײַטש אויף ענגליש אַ רעגן, און דער נאַקעטער קערפּער האָט טאַקע געפֿילט, ווי אין אַ רעגן, אַ שנײַדנדיקער קאַלטער רעגן, מען האָט אַזש געקוויטשעט פֿון נחת.. און ווען מען זאָל בשעת מעשה געווען פֿאָטאָגראַפֿירן גרשונען אין אַ קעמערל אונטערן שאוער, וואָלט מען מסתּמא געזען אַ געוואַלדיק צעשײַנטן, צעלויכטענעם, צעזונגענעם גרשון; לעבן זאָל אַמעריקע, לעבן זאָל בראָנזוויל, פֿאַר צוויי פּענים אַזאַ אומבאַשרײַבלעכער גליק...

אויף פּיטקין עוועניו אין די פֿאַרנאַכטן, האָט דאָס געמעגט זײַן אין גאָר די הייסטע פֿאַרנאַכטן, דאָס יונגוואַרג האָט געשפּאַצירט מיט גרויס אַפּעטיט. גרשון איז אויך געגאַנגען שפּאַצירן אויף פּיטקין עוועניו. אָבער די שטרויענע שליאַפּעס אויף די בחורישע קעפּ האָבן אים פֿאַרשטערט די הנאה. ער האָט שוין נישט געקאָנט קוקן אויף זיי אָן דעם ס'זאָל נישט קומען צו אים דער ריח פֿון טשאַד. באַזונדערס די גאָר נײַאינקע, ס'האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָס זענען טאַקע זײַנע, דאָס הייסט, די וואָס ער האָט געדרייט פֿאַר די פֿלאַמען פֿון גאַז־אײַוועלע...

יאָ, די שטרויענע שליאַפּעס, ווי ער געדענקט זיי, גרשון, אַזוי גוט פֿון יענע יאָרן, ווי זיי ליגן אים אַזוי גוט אין טעם... און ווי ער געדענקט אויך אַזוי גוט יענעם פֿאַרנאַכט אין בראָנזוויל, זייער אַ קילער פֿאַרנאַכט איז דאָס געווען. ס'האָט שוין געשמעקט מיט אויס זומער, מיט אָנהייב האַרבסט, אָבער אויף פּיטקין עוועניו האָבן די בחורים נאָך אַלץ געשפּאַצירט אין די שטרויענע שליאַפּעס. ס'איז נאָך אַלץ צוגעגאַנגען, ווי יעדן אָוונט אין משך פֿון די פֿאַרגאַנגענע זומער־חדשים, און מען האָט זיך גאָרנישט געריכט אויפֿן פּאָגראָם (אָבער שרעקט זיך נישט. ס'איז נישט געווען קיין פּאָגראָם, וואָס איז אַסאָציאירט מיט שלאָגן ייִדן, ס'איז געווען אַ פּאָגראָם אויף — די שטרויענע קאַפּעליושן...).

ווי אַזוי האָט זיך דאָס אָנגעהויבן? צוויי ייִדישע בחורים, לויטן אויסקוק אַמעריקאַנער געבוירענע, האָבן אינמיטן טראָטואַר פֿון פּיטקין עוועניו זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגענומען פֿון זייערע קעפּ די שטרויענע קאַפּעליושן, און גלייך צעבראָכן אויף זייערע קני. זיי האָבן זיך אָבער נישט באַגנוגנט מיט זייערע אייגענע, אַראָפּגעכאַפּט אויך פֿון פֿרעמדע בחורימשע קעפּ, און זיי אויך

צעבראָכן. דערנאָכדעם האָבן די, ביי וועמען מען האָט צעבראָכן, אַראָפּגעכאַפּט פון אַנדערע קעפּ און אויך צעבראָכן, און דערנאָכדעם איז געוואָרן אַ צעברעכעניש איבער גאַנץ פּיטקין עוועניו. מען האָט געבראָכן און מען האָט געלאַכט... די ערשטע פּאָר מינוט האָט גרשון נישט פאַרשטאַנען, ס'איז עפּעס אויסגעקומען, ווי כוליגאַנעם וואָלטן זיך אַריינגעריסן אין שפּאַציר, אָבער זעענדיק, ווי אַלע לאַכן, און ווי יעדער נעמט אָן גוטמוטיק, ווען אַ צווייטער ברעכט אים זיין קאַפּעליוש, האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער מנהג פון לאַנד, און סוף זומער ברעכט מען איינער ביים אַנדערן די שטרויענע קאַפּעליושן... איינגיכן זענען די טראָטואַרן געוואָרן פאַרזייט מיט הרוגים אָן אַ שיעור, דאָס הייסט מיט די צעבראָכענע שטרויענע קאַפּעליושן...

גרשון האָט נישט געלאָזט עמעצן אַנדערש אַראָפּכאַפּן פון זיין קאָפּ זיין שטרויענעם קאַפּעליוש און אים צעברעכן. ער האָט דאָס אַליין געטאָן. מיט שאָדן־פרייד האָט ער דאָס געטאָן. אויף פּיץ פּיצלעך אים געבראָכן, און זיך גאָרנישט געקאָנט זעטיקן...

# דאָס מיידל מיט די בלויע אויגן

אין קיין שום צייט פון יאָר גייט אין בראָנזוויל נישט אויף די זון מיט אַזאַ בענקשאַפט, ווי אין האַרבסט. און אפשר האָט זיך גרשונען בלויז אויסגעדאַכט אַזוי, ווייל די בענקשאַפט איז גאָר געלעגן אין אים אַליין. ס'איז געווען אַ בענקשאַפט נאָך די לעצטע גאָלדענע טעג פון יאָר, וואָס ער וועט שוין נישט זען, מחמת ער האָט דעמלט געאַרבעט אין אַ שאַפּ.

גרשון איז געוואָרן אַ פּרעסער אין אַ שאַפּ פון קינדער־הייזקעם. ניומא, פּענים חתן, האָט אים אַרויסגענומען און אים געלערנט די מלאכה, און דער שאַפּ איז געווען גאָר נישט פון די געהויבענע. ער האָט זיך געפונען אין אַן אַלטער אָפּגעפּאָרענער געביידע אויפן דריטן שטאָק אויף דער אַכצנטער גאַס לעבן זעקסטער עוועניו. אַ פּאָר פענצטער זענען האָרטן גראַדע געווען, אָבער אויף זיי איז געלעגן דער שטויב פון צענדליקער יאָרן. דער שטויב האָט זיך שוין פון לאַנג איינגעזאַפּט אין גלאָז און איז געוואָרן אַ טייל פון גלאָז. און אפילו ווען דאָס גלאָז זאָל זיין ריין, וואָלט אויך נישט קיין ליכטיקייט אַריינגעדרונגען, מחמת גלייך דערביי אַנטקעגן האָט זיך געהויבן די אָפּגעקראָכענע וואַנט פון אַ צווייטער געביידע. נאַקעטע עלעקטרישע לעמפּלעך האָבן געברענט אַ גאַנצן טאָג און אויך אין זיי האָט זיך איינגעגלידערט דער שטויב. און כאָטש דער שאַפּ איז געווען אויפן דריטן שטאָק, איז ביי גרשונען אויסגעקומען, אַז ער אַרבעט אונטער דער ערד. די אַרבעטער האָבן זיך געזען איינער דעם אַנדערן אַ גאַנצן טאָג אין אַ נישט־נאַטירלעכער ליכט, און אַז מען איז אַרויסגעגאַנגען ביי טאָג אינדרויסן כאַפּן אַ ביים, האָט מען ווי זיך נישט דערקענט, גאָר אַנדערע פּנימער.

דערפאַר האָט גרשון אַריינגעכאַפּט זייער אַ סך ליכטיקייט

פון די ראָז־גאָלדענע האַרבסטיקע פּאַרטאַגן אין בראַנזוויל, בשעת ער איז געלאָפן צו דער אַרבעט. ווער פון די בראַנזווילער געדענקט די זון־אויפגאַנגען אין די האַרבסטיקע פּאַרטאַגן, וואָס מען האָט געזען אויבן אויף די פּלאַטפאָרמעס פון די סטאַנציעס, בשעת מען האָט געוואַרט אויף אַ באַן, וואָס האָט געדאַרפט אַוועקכאַפּן אין די שעפּער פון מאַנהעטן? גרשון געדענקט זיי זייער גוט. דאָרטן אויבן אויף דער פּלאַטפאָרמע, איידער די באַן איז אָנגעלאָפן, האָט ער גוט אַריינגענומען אין געדאַנק די גאָלדענע לויטערקייט אין מזרח, און שפּעטער אין פינצטערן שאַפּ, פירנדיק מיטן פּרעסל איבער די קינדער־הייזקעס, האָט ער געחלומט פון דער דאָזיקער גאָלדענער לויטערקייט. ער האָט אויך געחלומט פון דעם מיידל מיט די הייסע בלויע אויגן. ער האָט זי שוין שטענדיק געטראָפן אין די פּאַרטאַגן אויבן אויף דער פּלאַטפאָרמע פון ראָקאַוועי עווע־ניו סטאַנציע. ער האָט זי דאָרטן געטראָפן ס׳ערשטע מאָל פון זיין גיין אַרבעטן אין אַמעריקע. ער האָט זי נאָכדעם געטראָפן דאָרטן יעדעס מאָל, ווען ער האָט געאַרבעט אין אַ שאַפּ אין מאַנהעטן און געוואַרט אויף דער פּלאַטפאָרמע אויף אַ באַן... און כמעט שטענדיק האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים מיט פאַרוואונדערונג. מאָקע בלויז איין קוק... אינעווייניק אין וואַגאָן איז שוין נישט גע־זען. שטענדיק האָט זי געהאַט אַ ביכל מיט זיך, און שטענדיק אַריינגעקוקט אין ביכל, אפילו ווען זי האָט נישט געהאַט וווּ צו זיצן אין איבערגעפּאַקטן וואַגאָן, און אַזוי שטייענדיק, זיך אָנ־הענגענדיק מיט איין האַנט אין דעם רימען פון אויבן, אַלץ אַריינ־געקוקט אין ביכל.

אין די דאָזיקע וווּנדערלעכע האַרבסטיקע פּאַרטאַגן אויף דער פּלאַטפאָרמע, וואַרטנדיק אויף אַ באַן, פּונקט ווי גרשון, זענען אירע שיינע בלויע אויגן געווען פאַרטראַכט מיט פיל בענקשאַפט צום מזרח, און זי האָט הפנים אויך אַריינגענומען אין זיך די ראָז־גאָלדיקע לויטערקייט פון דעם טאָג, וואָס האָט געהאַלטן אין גע־בוירן ווערן...

און גרשון, אויב ער איז אָנגעלאָפן פאַר איר, האָט שוין דורכגעלאָזט אַ באַן, אָדער צוויי ביז זי וועט אָנקומען, און אפשר אויב זי איז אָנגעקומען פריער, האָט זי אויך דורכגעלאָזט אַ באַן אָדער צוויי, ביז ער וועט זיך באַווייזן...

אין יענע האַרבסטיקע פּאַרטאָגן איז זי אַליין נאָר געווען, ווי דער זון־אויפגאַנג, אַ צעלויכטענע, אַ צעשטראַלטע. און ער האָט שוין אויך אַריינגענומען אין זיין געדאַנק פון איר צעלויכטנקייט אין צעשטראַלטקייט, כדי ס'זאָל אים קלעקן אויף אַ גאַנצן טאָג אין דעם פינצטערן שאַפּ פרעסנדיק די קינדער־הייזקעס...

און איינמאָל אין אַ פּאַרטאָג, אין אַ באַזונדערן פרעכטיקן פּאַרטאָג, ווען אין אַ טייך פון גאָלער גין־גאָלדענער לויטערקייט אין מזרח, האָט אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן די זון, האָט ער איר צום ערשטן מאָל געזאָגט אַ גוט מאָרגן. און זי, אָפּגיסנדיק אים מיט דער הייסקייט פון אירע בלויע אויגן, האָט אים צוריק באַגריסט מיט אַ גוט מאָרגן. טאַקע אין יידיש „גוט מאָרגן" האָט ער געזאָגט, און זי האָט אים אויך געענטפערט אין יידיש.

און שפּעטער, אין וואַגאָן, האָט ער זי געפרעגט, וואָס פאַר אַ בוך זי לייענט. און זי האָט אים געענטפערט, אַז ס'איז אַ בוך פון אַ באַרימטן ענגלישן שרייבער, סאָמערסעט מאָהעם, און דאָס בוך הייסט „אָוו יומען באָנדעדזש". אָבער וואָס ס'מיינט אין יידיש „יומען באָנדעדזש" קאָן זי אים נישט דערקלערן (און דאָס ערשטע בוך אין ענגליש, וואָס גרשון האָט שפּעטער געלייענט, ווען ער האָט שוין געקענט לייענען אין דער האַזיקער שפּראַך, איז טאַקע געווען „אָוו יומען באָנדעדזש" פון סאָמערסעט מאָהעם...) אויך האָט זי אים געזאָגט, אַז זי הייסט איווא, און אַז זי אַרבעט אויף קאַנעל סטריט אין אַ לאָיערס אָפיס, אַלס סעקרעטאַרשע. שוין צוויי יאָר, אַז זי אַרבעט דאָרטן. און זי וואָלט אים מסתמא נאָך זאַכן דערציילט, און גרשון איר, אָבער אינעווייניק אין וואַגאָן קאָן מען שוין נישט רעדן, ווייל מען הערט שוין במילא נישט, וואָס דער צווייטער רעדט צוליב דעם בריאַזגען פון די רעדער, און נאָך ווען די באַן טוט זיך אַ טראָג אַריין אונטער דער ערד, דאָרטן ווערט מען גאָר טויב...

און ער האָט זי אויך אַרומגענומען, גרשון, און נישט איינמאָל. דאָס אַרומנעמען איז טאַקע געווען נישט צוליבן אַרומנעמען, נאָר ווען דער וואַגאָן האָט זיך שטאַרק אַ טרייסל געטאָן און אַלע שטייענדיקע האָבן פאַרלוירן דעם גלייכגעוויכט און אָנגעהויבן צו פאַלן איינער אויפן אַנדערן... און זי האָט זיך געלאָזט אַרומנעמען

און געבליבן אין זיין אַרומגעמען לענגער, ווי מען האָט באַדאַרפט, האָט זיך אים אויסגעדאַכט...

אויף קאַנעל סטריט איז זי אַרויס פון וואַגאָן און געוואָרפן דעם לעצטן בליק אויף אים מיט אַ צוזאָג פון פריינדשאַפט אין אירע צעלויכטענע בלויע אויגן...

און ס'האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן אַ פריינדשאַפט, דערווייל בלויז אויבן אויף דער פּלאַטפאָרמע פון ראקאַווער עווענו סטאַנציע; דערווייל בלויז פאָרן מיט איר צוזאַמען אין וואַגאָן זייט ביי זייט, און ער שטענדיק גרייט מיט זיין האַנט זי אַרומנעמען, און זי נישט לאָזן פאַלן, ווען די באַן האָט זיך אַ טרייסל געטאָן... „אַ גוט מאָרגן, גרשון“ — האָט זי אים אַלע פאַרטאָג באַגריסט אין יידיש... זי, כאָטש אַן אַמעריקאַנער געבוירענע, האָט גערעדט גאַנץ פליסיק יידיש, אַ ליטווישן יידיש האָט זי גערעדט, ווייל אירע עלטערן האָבן ביידע געשטאַמט פון דער ליטע...

* * *

שפּעטער מיט יאָרן און גרשון האָט שוין נישט געוווינט אין בראָנזוויל, געוווינט אין מאַנהעטן, איז ער געקומען קיין בראָנזוויל פאַרצולייענען זיינע מעשיות אין אַ געוויסן אַרבעטער-קלוב. די נאַכט האָט ער געגעכטיקט ביי אַ חבר, און פאַרטאָג זיך אויפגעכאַפּט, ווייל ער האָט געוואָלט לויפן צו ראקאַווער סטאַנציע מיט אַלעמען צוזאַמען, פּונקט ווי אַמאָל אין יענע יאָרן... ס'איז אויך געווען אַ לויטערער הארבסטיקער פאַרטאָג, און ער איז געלאָפן גיך, גיך, פּונקט ווי אַמאָל, פּונקט ווי ער קאָן נאָך פאַרשפּעטיקן דאָס ווונדערלעך שיינע מיידל מיט די הייסע בלויע אויגן... און דאָרטן אויבן, פּונקט ווי אַמאָל איז די פּלאַטפאָרמע געווען ענג פון מענטשן, און וואַרטנדיק אויף אַ באַן, זענען די אויגן פון פיל געווען פאַרטראָגן צום הימל אין מזרח, און גרשון אויך צווישן זיי, פאַרטראָגן צום מזרח, וווּ אַ טייך פון רויטן פליסיקן גאָלד איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער, און דאָרטן איז די זון אויפגעגאַנגען מיט אַזאַ בענקשאַפט פאַר גרשונען... דאָס מיידל

מיט די וווּנדערלעכע בלויע אויגן אין שוין דעמלט, פאַרשטייט זיך, נישט געווען אויף דער פּלאַטפאָרמע...

אַנדערע בחורים וועלן זיך דערמאָנען אין פאַרכישופטע זומערדיקע לבנה-נעכט ערגעץ אין אַ פּאַרק, בשעת זיי האָבן געשפּילט ליבע. גרשון וועט זיך דערמאָנען אין לויטערע האַרבסטיקע פאַרטאָגן אויבן אויף דער פּלאַטפאָרמע פון ראַקאָווע עווענױ-סטאַנציע...

# יום=כיפור אין בראָנזוויל

יום=כיפור פאַרטאָג איז אַוודאי קיינער אין בראָנזוויל נישט געשלאָפן צו דער אַרבעט. יום=כיפור פאַרטאָג האָט אין קיין שום הויז אין בראָנזוויל נישט געשריגן קיין וועק=זייגער. יום=כיפור פאַרטאָג איז געווען אַזוי שטיל אין בראָנזוויל, אַז גרשון האָט אַזש נישט געקאָנט שלאָפן, נאָר שטילער, ווי אין די זונטיקדיקע פאַרטאָגן...

אין די זונטיקדיקע פאַרטאָגן קאָן מען נאָך הערן, ווי ס'פאָרט פאַרביי אַ טראָק אָדער אַן אויטאָמאָביל. יום=כיפור פאַרטאָג — נישט קיין טראָק, נישט קיין אויטאָמאָביל. די גאַס האָט זיך ווי פאַרטאַיעט, ווי אפילו מורא געהאַט אַ הויכן רעד צו טאָן... שוין נעכטן פאַרנאַכט צו כל נדרי איז זעלטן ווען פאַרבייגעפאָרן אַן אויטאָמאָביל איבער אַ בראָנזווילער גאַס. די בראָנזווילער טעקסים, וואָס האַלטן זיך געווייגלעך אויף פיטקין עוועניו זענען פאַרשוואונדן געוואָרן. פיטקין עוועניו אַליין וואָס אפילו אום שבת זענען דאָרטן בראַדע אָפן אַ סך קראָמען און רעסטאָראַנען, זענען שוין פון נעכטן פאַרנאַכט געווען אויסגעלאָשן אומעטום...

גרשון איז נעכטן פאַרנאַכט געווען אין דער טאַטפאָרד עוועניו שול צו כל נדרי. ס'האָט אים פאַרבענקט נאָך דער כל=נדרי=נאַכט אין בערשאַד, אָבער אַריינקומענדיק אין שול איז די בענקשאַפט געוואָרן נאָך גרעסער. דאָ אין דער טאַטפאָרד עוועניו שול האָבן אויפן באַלעמער אויך געברענט גרויסע דיקע וואַקסענע ליכט, און אַ סך יידן זענען דאָ אויך געווען אָנגעטאָן אין ווייסע קיטלען. אָבער ס'האָט גרשונען אויסגעפעלט הירשקע דער רויטער, דער חזן, דער שליח ציבור פון אַלטן בית המדרש אין דערהיים. ווען ער, דער רויטער הירשקע, האָט אַ זאָג געטאָן כל נדרי מיט זיין פרום אָבער שטאַרק קול, האָבן זיך ממש די טויערן פון

הימל געעפֿנט און איבערן גאַנצן בית המדרש מיט יידן איז דורכ־געגאַנגען אַ הייליקער ציטער. אַליין אַ גרויסער אָרעמאַן, האָט ער שוין צום רבונו של עולם אחוץ די טענות פֿון קהל, געהאַט זיינע אייגענע, זיינע פּערזענלעכע. דאָ אין טאַטפּאָרד עוועניו שול האָט געדאַוונט אַ באַרימטער חזן מיט אַ סך משוררים, וואָס האָט זיך געלאָזט זייער גוט באַצאָלן און געזונגען דעם כל נדרי, ווי ער וואָלט אָפּגעגעבן קאָנצערט... דאָ האָט גרשונען אויך אויסגעפּעלט דער הויכער מאַטע זיינער אין ווייסן קיטל, דער אַלטער ירושה־טלית איבערגעדרעקט איבער זיין קאָפּ, וואָס ביי כל נדרי נאַכט, ביי דעם גאַנצן טאָג יום כיפּור, האָט ער זיך זעלטן ווען עס איז אַנידערגעזעצט, נאָר געשטאַנען אויף זיינע פּיס מיטן מחזור אין די הענט.

* * *

אָבער וואָס אַזוינס טוט די לויטערע האַרבסטיקע זון צו די בראָנזווילער הייזער? נאָר אַ כישוף. אפילו דער שטויב אויף זיי ווערט גאָלד, אפילו די פּלעקן, די קויטיקייטן, די אָפּגעקראָכנקייטן אויף די ווענט פֿון רעגן, פֿון שניי, פֿון אַלטקייט — גאָלע גאָלד... און אויב אַ הויז איז פֿון רויטן ציגל, שטראַלט דאָס מיט שבעתים אורה, זיבן מאָל ליכטיקייט...

בראָנזוויל איז גרשונען געוואָרן טייער יענעם האַרבסטיקן לוי־טערן טאָג, אין טאָג פֿון יום כיפּור, ווען ער האָט אַרומגעשפּאַצירט איבער די בראָנזווילער גאַסן, וואָס די גיינגאָלדענע זון האָט זיי אָפּ־געטאָן אַ כישוף... זיי זענען אָבער געווען פּאַרלאָזט, די בראָנזווי־לער גאַסן. אַלע דערוואַקסענע זענען אין די שולן. נאָר משה דער משוגענער איז נישט אין שול. אַ קויטיקער, אַן אויסגעמורזשעטער, שפּאַנט ער מיט זיין זעקל שמאַטעס אויף די פּלייצעס, איינער אַליין איבער פּיטקין עוועניו, און שטעלט זיך נישט אָפּ, כדי זיך צעווייגען און אויסשרייען: „ברענען זאָל אַמעריקע, כ׳וועל בעסער אַוועקפֿאָרן קיין פֿילאַדעלפֿיע“. ס׳איז פּשוט דערפֿאַר, ווייל ס׳זענען נישטאָ קיין מענטשן אויף פּיטקין עוועניו, האָט ער שוין נישט פֿאַר וועמען צו וויינען און צו קלאָגן...

און אַזוי פיל שולן אין בראָנזוויל, כמעט אויף יעדע צוויי בלאָק אַ שול, דאָס הייסט אַ צייטווייליקע שול, בלויז אום ראש השנה און אום יום כיפור, ערגעץ אין אַ קראָם, אָדער אין אַ פּריוואַט הויז. אָבער ס'זענען אויך דאָ אַ סך פון די שטענדיקע שולן, און לעבן איינער מיט אַזאַ שול אויף הערצל סטריט, איז געווען אַ גרויסע סומאַטאָכע. אַ פרוי אין דער ווייבערשער אָפּטיילונג האָט געחלשט, מסתמא פון פאַסטן, און מען האָט זי אַרויסגעטראָגן אינדרויסן, און ס'האָט זיך גלייך געפונען צווישן די האַווגער אַ דאָקטער, מיטן טלית אויף די פּלייצעס, האָט ער זיך אָנגעבויגן איבער איר און געטאַפּט איר פּולס... גרשונס מאַמע פלעגט אויך חלשן. כמעט אַלע יום כיפור. שפּעט אין טאָג איז גרשונס טאַטע און גרשון אַליין געווען אומרואיק. זיי האָבן דערוואַרט, אַז ס'וועט געשען פּונקט ווי פאַראַיאָרן, פאַרצוויי־יאָרן, פאַרדריי־יאָרן, אַלע פריערדיקע יאָרן. און ס'איז טאַקע געשען: שפּעט יום כיפור אין טאָג, ווי מען שרייט פון דער ווייבערשער שול: „געוואַלד, יידן , שרה מאירס חלשט“. און דער הויכער טאַטע מיט גרשונען זענען גלייך געלאָפן צו דער ווייבערשער שול, אַרויסגעטראָגן אינדרויסן די אויסגעדאַרטע זייער בלאַסע געחלשטע מאַמע, און איר געלן פּאַרוק. דער טאַטע האָט איר געגעבן שמעקן פון אַ פלעשעלע מיט טראָפּנס, וואָס מען האָט גערופן „חלשות־טראָפּנס“, און פון די דאָזיקע שאַרפע חלשות־טראָפּנס האָט אפילו אַ טויטער זיך געקאָנט אויפכאַפּן... דאָ אין בראָנזוויל האָט דער דאָקטער מיטן טלית דער פאַרחלשטער פרוי נישט געגעבן שמעקן פון אַ פלעשעלע מיט טראָפּנס, ער האָט נאָר אַרויסגערופן אַן אַמבולאַנס...

און אַז גרשון וועט אָנטרעפן יענעם יום כיפור בייטאָג איוואַן, דאָס מיידל מיט די הייסע בלויע אויגן, האָט ער זיך אוודאי נישט געריכט. אויף אַ גאַניק אין האָפּקינסאָן עוועניו האָט ער זי דערזען אַ צעשטראַלטע אין דער האַרבסטיקער גאָלדענער זון.

— גרשון — האָט זי אויסגערופן — כ'האָב זיך גאָרנישט געריכט.

אָט דאָ וווינט זי טאַקע אויף האָפּקינסאָן עוועניו. טאַטע־מאַמע און דער ברודער זענען אין שול, און זי איז געבליבן איינע אַליין. ס'איז איר אי אומעטיק, און זי איז שטאַרק הונגעריק, ווייל זי פאַסט. געגעבן דאָס וואָרט דער פרומער מאַמען, און דעם

פֿרומען טאַטן אַז זי וועט פֿאַסטן. רירט זי זיך שוין נישט צו צום אײַז־קאַסטן, וואָס איז פֿול אָנגעפּאַקט מיט פֿערטלער עוף, מיט געקאָכטן קרויט, מיט ווײַנטרויבן און מיט „וואָטער־מעלאָן“.

גרשון פֿאַסט אויך, נישט ווײַל ער האָט עמעצן געגעבן דאָס וואָרט, אַז ער וועט פֿאַסטן, נאָר אין בראָנזוויל איז גאָר אין ערגעץ נישטאָ דעם טאָג אַ רעסטאָראַן, אָדער אַ קאַפֿעטעריע, וווּ צו כאַפּן אַ ביים. אַלע עס־פּלעצער זענען הײַנט צוגעשלאָסן. און געבליבן פֿון דער מיסטעם סיגלס אײַז־קאַסטן, וואָס איז אויך אָנגעפּאַקט מיט כל טוב, ווײַל ער נישט... זי וועט במילא דערקענען...

סאַמע אויבן אָן אויף דער וואַנט אין בעסטן צימער הענגען די בילדער פֿון איוואס זיידע און באָבע פֿון דער ליטע, דער מאַמעס עלטערן. זייער אַן אויסגעהאַרטער איז דער זיידע, אָבער מיט זייער אַ לאַנגער און געדיכטער באָרד, זייער אַן אויסגעדאַרטע איז אויך די באָבע...

אין אַ סך בראָנזווילער ייִדישע הײַזער, אויך אין בראָנקסער. אין האַרלעמער, האָט גרשון שפּעטער געזען סאַמע אויבן אָן אויף דער וואַנט אין בעסטן צימער די פֿיל פֿאַרגרעסערטע פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער פֿון די אייראָפּעיִשע טאַטעס און מאַמעס,און די טאַטעס, כמעט אַלע אין יאַרמולקעס, און כמעט אַלע מיט געדיכטע בערד, און די מאַמעס — כמעט אַלע אין קאָפּ־טיכלעך, אָדער פּאַרוקן... (הײַנטיקע צײַטן הענגען שוין נישט די בילדער פֿון די אבות אין בעסטן צימער אויבן אָן אויף דער וואַנט. מע! האָט זיי אַראָפּגענומען פֿון אויבן אָן און זיי פֿאַרלייגט ערגעץ אין די שופֿלאָדן...).

יאָ ס'הענגען אויף דער וואַנט די פֿיל מאָל פֿאַרגרעסערטע פֿאָטאָגראַפֿישע בילדער פֿון איוואס זיידע און באָבע, און אַז מען האָל וועלן דערקענען, אַז פֿון אָט די דאָזיקע שטאַמט אָט האָט ליכטיק, אַטלעטיש געבויטע מיידל, מיט די זיידענע האָניק־קאָליר האָר, מיט די לוסטיקע בלויע אויגן, וואָלט מען נישט דערקענט... מען וואָלט אויך נישט דערקענט פֿון איוואס טאַטע און מאַמע, וואָס גרשון האָט שפּעטער געטראָפֿן, אַז פֿון זיי שטאַמט די דאָזיקע שטאַלטנע זאַפֿטיקע טאָכטער. ביידע קליין־געוואוקסיקע, איוואס טאַטע און מאַמע, ביידע אויסגעדאַרטע!...

איוואַ האָט זיך געפּרייט, וואָס גרשון איז דאָ מיט איר און העלפט איר פאַסטן. זי האָט אים טאַקע אַזוי געזאָגט...

וויפל שעהן זענען זיי ביידע שפּעטער געזעסן אויפן גאַניק? אַ סך שעהן, ליכטיקע גאָלדענע שעהן, ביז די אָוונטיקע שאָטנס זענען אָנגעקומען, ביז ס'האָבן זיך באוויזן די אויסגעמאַטערטע, אויסגעבלאַסטע יידן פון די שולן. ביז ס'האָבן זיך אויך באוויזן אירע אויסגעדאַרטע קליין־געוואוקסיקע טאַטע און מאַמע, מיט איר ברודער, אָבער דער ברודער — אַזאַ הויכער, אַזאַ פּעמפּיק!...

# דער טייערסטער האָנאָראַר...

אַז מען וויל זען די שיינע בראָנזווילער יידישע טעכטער זאָל מען גיין אויף פּיטקין עוועניו אין אַ זונטיק פאַרנאַכט. גרשון ווייסט נישט, ווי אַזוי איצטער, אָבער אין יענע יאָרן אין די זונטיק-פאַרנאַכטן אויף פּיטקין עוועניו — די שענסטע בבנות בראָנזוויל (צווישן די טעכטער פון בראָנזוויל). מערסטנס ברונעטע, פולבלעכע, מיט אויגן, ווי טונקל-ברוינע פלוימען אין דער זון, מיט געדיכטע זייער לעבעדיקע גלאַנציקע שוואַרצע האָר, מיט סאַמעטהויטיקע שטאַלטנע העלדזער, מיט ליכטיקע מעלאָדישע געלעכטערס. אַ סך זענען געווען שוין אַמעריקאַנער געבוירענע, אָבער נאָך מערער זענען געווען ערשט-געקומענע, און דעריבער האָט נאָך די יידישע שפּראַך געקלונגען אַזוי היימיש, ווי אין בערשאַד אויף אַ שפּאַציר.

אין יענע יאָרן אין די זונטיק-פאַרנאַכטן, ווען גרשון איז געווען עלנט, האָט ער זיך אָנגעטאָן אין זיינע יום-טובדיקע בגדים און געגאַנגען אויף פּיטקין עוועניו קוקן אויף די שיינע בנות בראָנזוויל (בראָנזווילער טעכטער). בלויז אויף איין זייט פּיטקין-עוועניו אויף דעם טראָטואַר, האָט זיך גערודערט דער גאַנצער שפּאַציר, אפשר דערפאַר, וואָס אויף דער דאָזיקער זייט האָבן זיך געפונען די פאַרפּוצטע שויפענצטער פון די רייכע קראָמען און די גרויסע רעסטאָראַנען און קאַפעטעריעס. און כמעט שטענדיק האָט זיך אַריינגעפּלאָנטערט צווישן די שפּאַצירנדיקע דער קויטיקער ברודיקער משה דער משוגענער מיטן זעקל אויף זיינע פּלייצעס, און געוויינט הויך אויף אַ קול, אַז „ברענען זאָל אַמעריקע — ער וועט בעסער פאָרן קיין פילאַדעלפיע“.

גרשון, אין זיינע איינזאַמע זונטיקס, האָט שטאַרק מקנא געווען די דאָזיקע בחורים אויף פּיטקין עוועניו, וואָס זענען געגאַנגען

געאָרעמט מיט שײנע מײדלעך. איצטער האָרף מען א י ם גאָר מקנא זײן, מחמת ער גײט איצט געאָרעמט, האַלט זיך, מיט דער שענסטער צװישן די בראָנזװילער טעכטער. די שװעסטער האָט אים גראָדע געװאָרנט, ער זאָל זיך נישט אַרײַנלאָזן מיט דער איװאַן, מחמת זי איז אַן אַמעריקאַנער געבױרענע און ער איז אַ „יוראָפּי־ שער" און נאָך אַ גרינער. און צװישן אַן אַמעריקאַנער געבױרענער און אַ „יוראָפּישן" ליגט כמעט אַזאַ תהום (אָפּגרונט), װי למשל אין בערשאַד צװישן אַ גבירישער טאָכטער און אַן אָרעמאַנסקע זונדל. אחוץ דעם האָט זי אים געזאָגט:

— דו ביסט אָרעם און דאַרפסט איר געבן אַ „גוד טאַים", דאָס הײסט, דו דאַרפסט זי אַרױסנעמען אין די רעסטאָראַנען און אין די מוװיס, און אין די טעאַטערס, און דו דאַרפסט צאָלן פֿאַר איר, און דו דאַרפסט געבן די װעיטערס שײנע טיפּס, און דער עיקר דעם דאַימאָנד רינג, מוזט איר קױפֿן אַ דאַימאָנד רינג, און אַ לײטישער דאַימאָנד רינג קאָסט אפשר פֿינף הונדערט דאָלאַר, און דו מאַכסט קוים אַכצן דאָלאַר אַ װאָך... אָבער דער עיקר, װאָס זאָגן אירע עלטערן?

װאָס אירע עלטערן זאָגן? גרשון װײסט שױן גאַנץ גוט, װאָס אירע עלטערן זאָגן. ער איז שױן אַ פּאָר מאָל געװען בײ איר אין הױז און אירע טאַטע און מאַמע זענען גאָרנישט פֿרײַנדלעך צו אים. דאָס ברודערל אײַק, אַ ברודערל פֿון אַ יאָר אַכצן, אַ זעקס־ פּוסיקער און אַ צװײ הונדערט פּונטיקער, אומעטום פּעמפּעקװאַ־ טע. „דאָס קינד" רופֿט אים די מאַמע, די קלײנינקע מאַמע, מיטן געקאָרטשעטן מאָגערן פּנים. מיט די זײער לעבעדיקע שװאַרצע אײגעלעך, װאָס נאָר זי שטאָפּט אים, און יענער לאָזט זיך שטאָפּן, און אַזאַ פֿרײד אויף דער מאַמעס פּנים, װען „דאָס קינד" שלינגט מיט אַזאַ אַפּעטיט פֿון די פֿולע טעלער. די שכינה שײנט אויף איר...

דער טאַטע איז אויך קלײן געװוקסיק, און אַ גרױסער הוס־ טער, פֿאַרקײַכט זיך אַזש. אַ טאַטע מיט אַן אָפּגעצערט פּנים, און מיט בלױע מידע אױגן, און מיט זײער אַ געדיכטער און שטאַרק רויטלעכער באָרד. אָט דער דאָזיקער מאָגערער טאַטע מיטן שלעכטן הוסט, איז גאָר אײנער פֿון די בעסטע פּרעסער פֿון פֿרױ־ ען־קלײדער אין פֿאַך. פֿאַרדינט גאַנץ גוט. אַלע יאָרן פֿאַרדינט גאַנץ גוט. און אַלע יאָרן האָט שױן די מאַמע געהאַט פֿון װאָס

צו שטאָפּן אירע צוויי קינדער... און אפשר וואָלטן טאַטע און מאַמע אויך נישט געווען אַזוי קליינגעוויקסיק און מאָגער, ווען זיי וואָלטן האָרטן אין דער ליטע געווען געטרונקען אַלע פּרימאָרגן די גרויסע גלעזער מילך, ווי זייערע קינדער אין אַמעריקע; און עסן פרישע בולקעלעך באַשמירט מיט אַ סך פּוטער אַלע פּרימאָרגן, און מיטנעמען אין חדר גרויסע סענדוויטשעס פון געהאַקטע אייער מיט שמאַלץ, און עפּל און באַרן, ווי זייערע קינדער אין אַמעריקע. אָבער הער עיקר די פליישן און פישן, די באָרשטשן און קאַשעס פאַר וועטשערע...

זיי האָבן אויסגעהאָדעוועט אַזאַ ליכטיקע שיינע טאָכטער, אַן אַמעריקאַנער געבוירענע, און דאָ דער רוח־ווייסט־ווער, אַ גרינגער און אַ קליינער פאַרדינער זאָל קומען און זי אַוועקנעמען... אפילו צו קיין גלאָז טיי לאַדט מען אים נישט איין. אפילו זעצן זיך פאַרבעט מען אים נישט. מען קוקט גאָרנישט אויף אים, ווי ער וואָלט געווען לופט. אָבער דערפאַר שיינען צו אים איוואס הייסע בלויע אויגן, און ס'רויטלען זיך אירע באַקן מיט שמחה צו אים...

שפּאַצירט ער איצטער מיט איר אויף פּיטקין עוועניו געאָרעמט. די האַרבסטיקע זון פאַרגייט אין פלאַמען אויף אַלע פענצטער פון די קראָמען און אויף אלע שפּאַצירנדיקע... גרשון האָט אָפּגעמאַכט מיט זיין שוועסטער, אַז זי זאָל אים און איוואַן בלומרשט צופעליק באַגעגענען אויף פּיטקין עוועניו, און זאָל זי אַליין זען מיט וואָס פאַר אַ טייער מיידל איר קליין ברודערל גרשון האָט געהאט דאָס גליק זיך צו באַקענען.

— אוי, גרשון! — האָט די שוועסטער רחל אויסגעשריגן בלומרשט זייער איבערראַשט — זיך גאָרנישט גערעכט דיך צו טרעפן אויף פּיטקין עוועניו.

— דאָס איז מיין שוועסטער רחל — האָט גרשון זיך גערויטלט — און דאָס איז איוואַ, באַקאַנט זיך.

און די שוועסטער רחל ווייסט נישט פון קיין חכמות, גלייך אַרויסגעוויזן איר באַגייסטערונג, זיך אפילו געכאַפּט קושן מיט איוואַן.

— אוי, וואָס פאַר אַ שיינע דו ביסט, קיין עין הרע, קיין בייז אויג, דו שיינסט דאָך ווי די זון.

איוואַן איז גאָרנישט געווען דערווידער רחלס קושעניש אין אירע ליבּ־געזאַנגען, זי האָט געשמייכלט צו איר גאָר ווארעם, און יי גאָרנישט געוואָלט אָפּלאָזן, ווען יענע האָט געזאָגט אַז זי דאַרף נייטיק גיין אויף א געבורטסטאָג־פּאַרטי צו אירער א פריינדינע אויף טשעסטער סטריט...

* * *

גרשון איז שוין אַמאָל, אַמאָל געגאַנגען שפּאַצירן מיט אַ וואונ־דערלעך שיין מיידל, אַ שבת פארנאַכט. דאָס איז געווען מיט מרימען און זיין שטעקל בערושאַד. אָבער העמלט זענען אַלע זיינע קליידער אויף אים געווען אויסגעליענע. אפילו די שטיוול. זיין חבר בנימין משיק האָט זיי אים אויסגעליען. דאָ אין בראָנזוויל האָט אים שוין קיינער נישט געדאַרפט אויסלייען נישט קיין קליידער, נישט קיין שטיוול. דאָ איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַ שווארצן אָנצוג מיט קאָריטשנעווע פּאַסן, דאָס רעקל פאַרשפּיליעט בלויז אויף איין קנעפּל, די ברוינע שיך מיט שמאָלע נעזער, און אין כמעט אַ נייעם ברוינעם קאַפּעליוש, אַ הויכער שלאַנקער בחור, אַן עלעגאַנטער קאַוואַליער...

און רעדן מיט איר איז אויך דאָ פונוואָס. זי איז אָנגעלייענט אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור. זי דערציילט אים וועגן אַזוינע שרייבער, ווי יודזשין אָ'נעל, פלאָיד דעל, שערווּוד ענדערסאָן, טע־אָדאָר דרייזער, סינקלער לואיס, אפּטאָן סינקלער... גרשון פאַר־צייכנט זיי אין זיין געדאַנק. ווען ער וועט זיך גוט אויסלערנען ענגליש, וועט ער אומבאַדינגט זיי נעמען לייענען. ער, ווידער, דער־ציילט איר וועגן שלום־עליכם, פּרץ, מענדעלע, אַש און רייזען. ער דערציילט איר וועגן נאָך אַ יידישן שרייבער... דאָס איז געווען אין קעמסקיל פּאַרק, אָדער „קיצל־פּאַרק", ווי מען רופט אים אין בראָנזוויל, און כאָטש דער האָרבסטיקער אָוונט איז שוין געווען גאַנץ קיל, איז דאָרטן כמעט יעדע באַנק געווען פאַרנומען פון פּאָר־לעך. און ווידעראַמאָל האָט זיך געהערט דאָרטן זייער היימיש די יידישע שפּראַך. האָט מען שוין פאַרשטאַנען, אַז די פּאָרלעך זע־נען גרינע...

(שפּעטער מיט יאָרן, אַ סך יאָרן, איז גרשון, איינמאָל אין אַ האַרבסטיקן פֿאַרנאַכט, געגאַנגען אין דעם דאָזיקן פּאַרקל זוכן די שפּורן פֿון זיינע ערשטע יאָרן אין בראָנזוויל, זענען דאָרטן אויף די בענק אַוודאי אויך געזעסן פֿאַרליבטע פּאָרלעך, אָבער די יידישע שפּראַך האָט זיך שוין נישט געהערט).

יאָ, גרשון האָט איוואַן דערציילט וועגן נאָך אַ יידישן שרייבער. ס'ערשטע מאָל פֿון זייער באַקאַנטשאַפֿט, אַז גרשון האָט זיך מודה געווען פֿאַר איר, אַז ער איז אַ שרייבער. ער האָט איר דערציילט אויסנווייניק איינע פֿון זיינע מעשהלעך, און זי האָט אַזוי שטאַרק געלאַכט, אַז גרשונען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ס'איז פֿון חוזק. ניין, זי האָט נישט געלאַכט פֿון חוזק, מחמת, ווען ער האָט פֿאַר־ענדיקט, האָט זי אים געגעבן האָנאָראַר, דעם טייערסטן האָנאָראַר געגעבן!

אַמאָל מיט יאָרן צוריק איז גרשון געזעסן אויף אַ כאַשטשע־וואַטער פּריזבע אונטער אַ כאַשטשעוואַטן אויסגעשטערנטן הימל און זיך געקושט מיט אַ וווּנדערלעכער כאַשטשעוואַטער מיידל, מרים. איצטער איז ער געזעסן אויף אַ באַנק אין אַ בראָנזווילער פּאַרקל, אונטער אַן אויסגעשטערנטן בראָנזווילער הימל, און זיך געקושט מיט אַ וווּנדערלעכער בראָנזווילער מיידל...

# איזוואַ פּאָרט אַוועק...

גרשון האָט זיך אַוודאי נישט געריכט, אַז דאָס זעט ער מיט איזוואַן אויבן אויף דער פּלאַטפאָרמע פון ראַקאַוועי עוועניו סטאַנציע דעם לעצטן לויטערן האַרבסטיקן זון־אויפגאַנג. עס איז נישט נאָר געווען דער לעצטער לויטערער האַרבסטיקער זון־אויפגאַנג, נאָר אויך ס'לעצטע מאָל, וואָס איזוואַ האָט זיך באַוויזן אויף דער פּלאַטפאָרמע.

מ'האָט שוין געפילט אין די ביינער, אַז דער ווינטער קומט, כאָטש ס'זענען נאָך געשטאַנען ליבע וואַרעמע טעג. ווי באַלד די זון איז פאַרגאַנגען, אַזוי גלייך האָט אָנגעהויבן צו ציען אַן עסנדיקע קעלט. אָבער אין די פאַרטאָגן — צוריק די צעשטראַלנדיקע פרייד... און אין יענעם פאַרטאָג, וואָס גרשון האָט זיך נישט געפרייד, איז דער לעצטער, איז גאָר געווען אַ פּראַכטיקייט שבפּראַכטיקייט, אַ לויטערקייט שבלויטערקייט אין מזרחדיקן הימל, און ער און איזוואַ האָבן געקוקט איינער אויפן אַנדערן מיט פרייליכן וווּנדער, און געגלויבט, אַז אייביק, אייביק וועט לויכטן זייער גליק...

פאַרנאַכט־צו האָבן אָנגעהויבן ציען וואָלקנס, זייער גערדיכטע, בלייערנע אַזוינע און זיך אָנגעהורבעוועט איינער אויפן אַנדערן... שפּעט אין דער נאַכט האָט אַ ווילדער ווינט אָנגעהויבן הוליען, געיאָגט פּאַפּירן איבער דער גאַס, געריסן שילדן איבער די קראָמען און געטרייסלט די פענצטער... דערנאָכדעם האָט אָנגעהויבן צו גיסן, און צו גיסן... פאַרטאָג האָט אויפגעהערט, אָבער אַרויסלויפנדיק אין דרויסן האָט גלייך געטאָן אַ נעם דורך אַן עסנדיקע קעלט... פאַרקוטעטע און אָנגעפּעלצטע זענען מענטשן געלאָפן צו דער אַרבעט אין ערשטן ווינטערדיקן פאַרטאָג... אויבן אויף דער פּלאַטפאָרמע האָט שוין גרשון נישט געזען אַ גאָלדענעם זון־אויפ=

גאַנג און אויך נישט זיין גאָלדענע ליבשאַפט מיט די צוויי הייסע בלויע אויגן... אומזיסט האָט ער געוואַרט, אומזיסט... אומזיסט דורכגעלאָזט עטלעכע באַנען... ער האָט טאַקע פאַרשפּעטיקט צו דער אַרבעט.

און ביי דער אַרבעט דאָרטן אין שאָפּ, ביים טשאַדענדיקן פּרעסל, האָט ער שוין פון אינדערפרי אָן געהאַלטן אין איין קוקן אויפן זייגער, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט לעבן אָפּיס, און קיינמאָל איז נישט געווען אַזוי זינלאָז צו פירן מיט דעם הייסן שוואַרצן פּרעסל איבער די קינדער־הייזקעס... און קיינמאָל האָט גרשון נאָך נישט אַזוי פיינט געהאַט קינדערשע הייזקעס ווי אין יענעם טאָג... און מען האָט נאָך יענעם טאָג געפּרעסט קינדער־הייזקעס פון אַ מין טונקל־גרינעם געוואַנט, און ס'איז אַזש געוואָרן נישט גוט פון דעם דאָזיקן זייער נישט־אָנציענדיקן קאָליר, און קיינמאָל האָבן די גראָבע וויצן, וואָס דער מיטליאָריקער אָפּערעיטאָר באַרני מיטן קרומען האַלדז האָט געהאַלטן אין איין שיקן אויפן חשבון פון פלאָרענס דער פינישערין, אַן עלטער מיידל מיט שטענדיק פינטלדיקע אויגן, אַזוי נישט דערעסן גרשונען ווי יענעם טאָג.

פאַרנאַכט־צו ביי דער מיסעס סיגל, האָט ער קוים פאַרזוכט די וועטשערע און גלייך געלאָפן צו איוואַן אויף האָפּקינסאָן עוועניו, געקלונגען און געקלונגען, און קיין שאָרך דאָרטן אינעווייניק. האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז אַ גרויסער אומגליק איז געשען אין דעם דאָזיקן הויז.

יאָ, אַ גרויסער אומגליק איז געשען — אַזוי האָט אים דערציילט די שכנה פון דער צווייטער וווינונג. מיט איוואַס טאַטן איז געשען דער אומגליק. נעכטן ביינאַכט האָט ער באַקומען אַ בלוט־שטורץ אין די לונגען. אין אַן אַמבולאַנס האָט מען אים אינדערגיך אַוועקגעפירט צום האָספּיטאַל. איצט זענען אַלע דאָרטן אין האָספּיטאַל.

— אַז ער איז מסוכן קראַנק, האָבן מיר שוין געוווּסט פון לאַנג — האָט זיך די שכנה אים פאַרטרויט — אַלע ביינאַכט הערן מיר, איך און מיין מאַן, ווי ער הוסט און הוסט, און קאָן גאָר נישט אויפהערן...

די מאַמע אַליין האָט גאָר פאַרבעטן גרשונען אין הויז, ווען זי מיט ביידע קינדער האָבן זיך אומגעקערט פון האָספּיטאַל און אים געטראָפן וואַרטן אויף זיי אינדרויסן. געמאַכט טיי, דערלאַנגט קיכעלעך און אים גאָרנישט געוואָלט אָפּלאָזן. וואָס ווילט ער זיך? זאָל ער נאָך זיצן אַ ביסל. דער ברודער, שטענדיק אומפרייַנדלעך, האָט זיך אויך איצט געקלעפּט צו אים. ס'איז אפשר דערפאַר, וואָס גרשון האָט געקאָנט זייער שיין טרייסטן מענטשן, וואָס נויטיקן זיך אין אַ טרייסט. אַמאָליקע יאָרן, האָט ער געזאָגט, וואָלט אפשר נישט געווען גוט. מען האָט אַזוי ווייניק געוווסט וועגן דער דאָזיקער קראַנקהייט. איצטער ווייסן שוין די דאָקטוירים זייער אַ סך, מען היילט איצט מיט גוטער נאָרונג, מיט געזונטער בערגיקער לופט, און נאָך און נאָך האָט ער צו זיי גערעדט אַזוינע רייד, וואָס האָבן געגעבן האָפענונג.

אין זייער שלעכטע שעפּער געאַרבעט איר מאַן, האָט זיך די מאַמע געקלאָגט. מען האָט געקאָנט אומקומען אין די שעפּער, אָן לופט, אומריין, און דער שטויב איז געקראָכן צו איר מאַן אין די לונגען. דאָס איז געווען איידער די יוניאָן איז געוואָרן. מען האָט דעמאָלט געאַרבעט צען און צוועלף שעה אַ טאָג... און פּונקט דעמאָלט, ווען זי האָט געהאַלטן אין טראָגן מיט איר חיהלען, ווי ער איז דאָס ערשטע מאָל פאַרשלאָפט געוואָרן אויף די לונגען. אָבער מיט אויבערשטנס הילף איבערגעקומען. דאָס צווייטע מאָל, מיט אַ צען יאָר שפּעטער, ווידעראַמאָל, אָבער מיטן אויבערשטנס הילף נאָכאַמאָל איבערגעקומען... וואָלט ער אָבער נישט געווען אַזאַ עקשן... וועלט אים נאָר אַ ביסל לייכטער, לויפט ער גלייך אין שאַפּ און פּאָרעט ווידער מיט דער נשמה... און צו די צרות (פאַר אַנדערע אַרבעטער וואָלט דאָס גאָר געווען אַ גליק), שלאָגט מען זיך איבער אים... זייער אַ גוטער בעל מלאכה... קיינמאָל נישט געוווסט קיין דאגות פון קריגן אַ הושאַב...

יענעם אָוונט האָט זיך איר רק געוואָלט רעדן און רעדן. און אירע קינדער זאָלן אויך הערן. זי האָט דערציילט וועגן איר און איר מאַנס קינדהייט אין זייער געבורטס־שטעטל אין דער ליטע. ווי אַזוי אויף שבת האָט מען געקויפט אַ פּאָר קלייניטשיקע חלהלעך, און זיי געשניטן אין דינע רעפטלעך און געטיילט די קינדער, ווי מען טיילט לעקעך. און שוואַרץ ברויט איז אויך נישט שטענדיק

געווען געניג. די וואָד איבערגעקומען מיט הערינג און קאַרטאָפליעס. ביי גרשונס טאַטע און מאַמע אין הויז איז דאָך אויך נישט געווען קיין גרויסע זעט, אָבער אין פאַרגלייך מיט איר הויז אין דער ליטע איז דאָס גאָר געווען אַ גביריש הויז. באַזונדערס ווען דער זומער איז געקומען מיט די גרינסן און פרוכטן בזול (ביליק). ביי זיי אָבער אין דער ליטע איז גאָרנישט געווען אַזאַ זול אויף גרינסן און פרוכטן, און ס'האָבן גאָרנישט געוואַקסן דאָרטן אַזויפיל פאַרשיידענע פרוכטן ווי אין דער אוקראַינע.

איוואַס מאַמע האָט אַלעמאָל געוואָרפן בליקן צו דעם פיל מאָל פאַרגרעסערטן פאָטאָגראַפישן בילד פון איר טאַטע און מאַמע אויף דער וואַנט. שוין אַ פאַרגעלט בילד, שוין אַן אָפּגעבליאַקעוועט בילד, און אויסגעקוקט ווי אַ שטיק אַלטערטום... איר טאַטע און מאַמע זענען שוין פון לאַנג אויף דער אמתער וועלט. זייער אָפּשיין איז געבליבן אויף דעם האָזיקן בילד. אַ טאַטע אין אַ שוואַרצער יאַרמולקע, מיט אַ געדיכטער שוואַרצער באָרד, אין דער לאַנגער קאַפּאָטע, אין שטיוול.

די מאַמע זיצט לעבן אים אין אַ געבלימלט קאָפּן=טיכל, אין אַ מין אַלטמאָדיש קאַפטל מיט טאַשמעס אויף די שולטערן. אַן איינגעשרומפּענע מאַמע. דער טאַטע זיצט מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט עפּעס געטאָן אַ גרויסע נאַרישקייט, מיט דעם וואָס ער לאָזט זיך אָפּפאָטאָגראַפירן. די מאַמע, איר פּנים ווי אַ מומיע, נאָר אין די קליינע שוואַרצע אייגעלעך, טרויעריקע, פייגעלעכע, אַ פאַרעקשנטקייט צום לעבן...

* * *

און דערנאָכדעם איז איוואַ מיט איר טאַטן, מיט איר מאַמען, מיט איר ברודער אָפּגעפאָרן קיין דענווער. זיי האָבן דאָרטן אין דענווער אַ פאַרמעגלעכן אָנקל, וואָס האָט צוגעזאָגט איינאָרדענען די משפּחה, ווייל דער טאַטע וועט זיך היילן אין דאָרטיקן סאַנאַטאָריום. מען האָט זיך געשריבן בריוו איינער דעם אַנדערן. זי האָט אים געשריבן אין ענגליש און ער איר — אין יידיש. ער האָט זיך געקויפט אַן ענגליש=יידישן ווערטערבוך, כדי גוט צו פאַרשטיין אירע בריוו, און ער האָט זיך אויסגעלערנט אַ סך ענג=

לישע ווערטער — ווערטער וואָס מיינען ליבע, בענקשאַפט, פאַרלאַנג, פאַרצערטקייט און אומעטיקע שטימונג... איר טאַטע האָט זיך געהיילט אין סאַנאַטאָריום און ס'איז אים געוואָרן אַלץ בעסער. זי אַליין האָט געפונען אַ שטעלע אַלס סעקרעטאַרשע, און ווידער ביי אַ לאָיער אין אָפיס. דער ברודער האָט אויך געפונען אַ שטעלע, טאַקע ביים פאַרמעגלעכן אָנקל אין זיין דעפאַרטמענטסטאָר...

אָבער וואָס ווייטער זענען די בריוו פון איר געוואָרן זעלטענער און דערנאָכדעם אינגאַנצן אויפגעהערט צו קומען...

# אַ זונטיק אין בראָנזוויל

...און אַז דער וועקזייגער הייבט אָן צו שרייען, ווען דער ווינטער־פּאַרטאָג איז נאָך פינצטער, כאַפּט זיך גרשון אויף אוודאי אין גרויס צעטומלעניש. נאָכדעם אָבער, ווען ער שטילט איין דעם זייגער, פאַלט ער צוריק אויפן קישן, אַריינכאַפּן נאָך אַ צוויי, דריי מינוט שלאָף. און די דאָזיקע צוויי, דריי מינוט שלאָף זענען גאָר די זיסטע פון דער גאַנצער נאַכט. אַזאַ מתיקות אין די ביינער, ס'גייט אַזש אויס דאָס חיות פון מתיקות... אַך, וואָלט ער געשלאָפן, ווען מען לאָזט אים... ס'איז גאָר נישטאָ קיין גרעסערער לוקסוס אין דער וועלט... זאָל נאָר קומען דער בעסטער טאָג פון דער וואָך...

און דער בעסטער טאָג פון דער וואָך, דאָס איז דאָך זונטיק. ער כאַפּט זיך דעמלט גראַדע אויף גאָר פאַרפרי, פונקט ווי אַלע פאַרטאָגן אין דער וואָך, כאָטש דער וועקזייגער איז דאָ גאָרנישט שולדיק. ער טוט אפילו נישט קיין פּיפּס. פון געוווינהייט אָבער כאַפּט זיך גרשון אויף מיט דער זעלביקער צעטומלעניש, ווי אַלע פאַרטאָגן אין דער וואָך. דערפאַר אָבער, אַז ס'טוט אַ בליץ אין מוח, אַז הייַנט איז זונטיק, און מען דאַרף נישט אויפשטיין, קומט אַ יום־טוב אין אַלע ביינער. אַך, וועט ער איצטער שלאָפן. ער וועט שלאָפן, און שלאָפן, און נאָך אַמאָל שלאָפן...

און אין דעם בעסטן טאָג פון דער וואָך איז דער בעסטער פּלאַץ צו פאַרברענגען אַ שעה אָדער צוויי אין באַרבער־שאָפּ, וווּ אינדרויסן פאַרן גרויסן פענצטער האַלט זיך אין איין דרייען אַ סלופּטשיקל געפאַרבט אין רויטע, בלויע און ווייסע שטרייפן. דער באַרבער־שאָפּ איז טאַקע באַלד אויפן ראָג פון טאַטפּאָרדעוועניו. און כאָטש ער האָט זיך שוין אויסגעלערנט אַליין זיך גאָלן מיט אַן אויטאָמאַטישער גאָל־מאַשינקע, נאָך אין ליווינגסטאָן מע־

נאָר אין די קעטסקילס, אָבער אין דעם דאָזיקן ליבן רו-טאָג, פאַר אַ קוואָדער און פינף סענט אַ טיפּ, פאַרגינט ער זיך דעם לוקסוס ליגן צעלייגט אין דעם באַקוועמען באַרבער-שטול און איבערגעבן זיין פנים דעם העפלעכן און שמייכלענדיקן סעם, דעם שערער. אַרום אַ שעה אָדער צוויי דאַרף מען פאַרברענגען אין דעם דאָזיקן פּלאַץ און וואַרטן ביז ס'קומט דיין ריי. צווישן צען און צוועלף אַזייגער ביי טאָג אַ זונטיק, זענען אַלע די דאָזיקע פּלעצער אין בראָנזוויל, פאַר וועלכע ס'דרייען זיך די געשטרייפטע סלופּטשיקלעך פון רויט, בלוי און ווייס, געפּאַקט מיט מענער, וואָס האָבן געאַרבעט אַ גאַנצע וואָך אין די שעפּער, און איצטער ווילן זיי זיך איבערגעבן דעם לוקסוס, ליגן צעלייגט אין גרויס נחת אין באַרבער-שטולן, און זיך לאָזן אָפּפרישן און שענער מאַכן...

און דאָס וואַרטן פאַר גרשונען אין אַ געפּאַקטן באַרבער-שאָפּ, אַ שעה אָדער צוויי, איז גאָרנישט לאַנגווייליק. ס'איז דאָ וואַרעם, ס'שמעקט מיט גוטע ריחות פון פאַרשידענע זייפן און פּערפומירטן אַלקאָהאָל. אָבער דער עיקר די שמועסן צווישן די וואַרטנדיקע. און מען שמועסט דאָ פון די לעצטע סענסאַציאָנעלע נייעסן אין די יידישע צייטונגען, אויך פון יידישן טעאַטער. איי, דער דאָזיקער לודוויג זאַץ! מען קאָן זיך גאָרנישט אָפּלויבן פון אים. אָט מאַכט ער אייך שטאַרק לאַכן און גלייך אין דער צווייטער מינוט, שטאַרק וויינען. און דער דאָזיקער אהרן לעבעדיעוו, דער טריפּהנער ליטוואַק, איז גאָר אַ מזיק אַן עקטאָר. זיין טאַנצן, ס'ברענט דאָך אים פון אונטער די פיס, זיין זינגען, ער מאַכט דאָך פאַרגעסן אַלע דאגות... און, נו, די מאַלי פּיקאָן, וואָס שפּילט די ראָלן פון ייִנגלעך, דאָס איז גאָר אַ וווּנדער אין דער וועלט... דאָ אין באַרבער-שאָפּ קאָן מען אויך אַריינקוקן אין הומאָריסטישן וואָכנבלאַט, דער „קונדס“, אויב ער איז נאָר נישט פאַרנומען פון אַן אַנדער וואַרטנדיקן. און אין „קונדס“ באַקאַנט מען זיך מיט אַזוינע טייערע שרייבער, ווי „דער לעבעדיקער“, משה נאַדיר, יאָסל קאָטלער, א. וואָלינער און נאָך און נאָך.

אָפּגעגאָלט, אָפּגעפרישט, באַשמעקט, פאַרקעמט, גייט אַרויס גרשון פון באַרבער-שאָפּ אין ווינטערדיקן, כמורנעם אינדרויסן, און ס'כאַפּט אים גלייך אַרום אַ גרויסער אומעט. ער האָט נישט קיין איין חבר אין בראָנזוויל. די שוועסטער רחל, ווייסט ער, איז

נישטאָ אינדערהיים. זי איז ערגעץ ביי אַ חברטע. און איצטער זינגט ער, אַז זי איז טאַקע אַ מזלדיקע, פאַרמאָגט אַזוי פיל חברטעס אין בראָנזוויל. אויף יעדער גאַס כמעט האָט זי אַ חברטע.

גרשון לאָזט זיך שפּאַצירן איבער די גאַסן. צו זען, וואָס מען די יידן אין בראָנזוויל אין א זונטיק ביינאַכט. אויף פּיטקין־עוועניו זענען די רעסטאָראַנען און קאַפעטעריעס געפּאַקט מיט אַ באַזונדערן סאָרט עסער. ס'רוב בחורים, וואָס האָבן נישט קיין משפּחה, וווינען ביי אַ „מיסעס" אין אַ צימער, ווו מען האָט זיך אָנגעדונגען אַן קעסט. און אפשר האָבן זיי יאָ קעסט, נאָר אין די זונטיקס וויל מען זיך פאַרגינען עסן אין אַ רעסטאָראַן. אָפּגעגאָלטע, באַשמעקטע, אויסגעפּוצטע, מיט שייגע קאָלירטע שניפּסן, אין די יום־טובדיקע בגדים, גייען זיך די דאָזיקע בחורים אין בראָנזוויל, וואָס האָבן נישט קיין משפּחות, און האָבן אפשר נישט קיין חברים, פּונקט ווי גרשון, עסן אין אַ רעסטאָראַן...

און אין די זונטיקע גאַסן, אין די דעליקאַטעסן־קראָמען, איז ווי אויף אַ יאַריד. בראָנזווילער יידן קויפן איין דאָס געזאַלצנס, דאָס געפּעפּערטס, דאָס געזייערטס, אַלס פאַרשפּייז צו זייערע זונטיקדיקע וועטשערעס. און אפשר ריכט מען זיך אויף געסט.

יאָ, ס'קומען טאַקע אָן געסט קיין בראָנזוויל. ביי סאַראַטאָגע עוועניו סטאַנציע און ביי ראַקאַוועי עוועניו סטאַנציע זעט גרשון אָנקומען גאַנצע משפּחות. דאָס קומט מען פון דער בראָנקס, פון האַרלעם און פון מאַנהעטן צו גאַסט, צו קרובים, צו לאַנדסלייט. אַ סך טראָגן זיך מיט שאַכטלען, מסתמא מתנות צו אַ געבוירטס־טאָג, צו אַ חתונה, צו אַ בר־מצווה, אָדער גלאַט אַזוי צו אַ שמחהלע...

און כמעט פון אַלע פענצטער טראָגט זיך צו גרשונען דאָס שפּילן פון וויקטראָלעס (פון ראַדיאָס האָט מען נאָך דעמלט נישט געוווּסט, אויפן טעלעוויזיאָן אוודאי און אוודאי נישט). און כמעט אין אַלע היימען, די וויקטראָלעס, אָדער זיי שפּילן יאָסעלע ראָ־זענבלאַטס „ומפּני חטאינו", אָדער לודוויג זאַץ, „איך וויל נישט גיין אין חדר", אָדער מאָלי פּיקאָנס לידעלע פון „יאַנקעלע".

ביי די פאָטאָגראַפישע סטודיאָס, וואָס זענען אַלע כמעט אויף פּיטקין־עוועניו — באַרפּוצטע חתן־כלה, מיט טאַטעס און מאַמעס, שוועסטערלעך און ברידערלעך, גייען זיך פאָטאָגראַפירן.

און נישט נאָר חתן־כלה, נלאַט אַזוי מיידלעך און בחורים, ערשט אָנגעקומענע מיט דער שיף, גייען זיך פאָטאָגראַפירן, כדי שיקן אַהיים אין די שטעטלעך פון יענער זייט ים זייערע פאָטאָגראַפיעס. גרשון מיט זיין שוועסטער רחל האָבן זיך אויך פאָטאָגראַפירט. גלייך נאָכדעם, ווי ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, און געשיקט צו די עלטערן קיין בערשאַד זייער פאָטאָגראַפיע...

ביי די מואווי־הייזער — אַ סך צעהיצטע, צעקאָכטע יינגלעך און מיידלעך. מען לאָזט איצט אַריין קינדער פאַר פינף סענט. ווייזן ווייזט מען איצט בילדער מיט „קאַובאָיס" אויף פערד, וואָס שיסן, און כאַפּן די קעגנער מיט פלינק־געוואָרפענע פאַרשלייפטע שטריק...

אין יידישן טעאַטער אויף האָפּקינסאָן עוועניו שפּילט מען איצט א „מאַטינע", מיט אהרן לעבעדיעוו אַלס דער „שטערן" איז א פּיעסע, ווו ער וועט זיך ווייזן אַלס א פאָזשאַרני קאָמאַנד־ניק", אַ פייערלעשער אין אַן אוניפאָרם, אין ענג צוגעפּאַסטע שטי־וועלעך וועט ער זיך ווייזן, און טאַנצן א קאָזאַטשקע... א לאַנגע רייע בחורים און מיידלעך וואַרטן פאַר דער קאַסע. דאָס נעמען אַריים די חתנים זייערע כלות, אָדער צוקונפטיקע כלות אין יידישן טעַ־אַטער, ווו מען וועט זיך גוט אָנלאַכן, און אויך זיך האַרציק אויסוויינען...

צו די בראָנזווילער שולן און די קלויזן ציט מען זיך אויך, נישט גראַדע אין די מאַסן, אָבער היפּשע גרופּעס יידן, וואָס אַר־בעטן אַ גאַנצע וואָך אין שאַפּ, און צו זייערע גרויסע זינד, אפילו אום שבת. קומט מען איצט אין די שולן און אין די קלויזן לער־נען אַ בלאַט גמרא, אָדער אַ פּרק משניות...יאָ, ס'טראָגט דאָ און דאָרטן פון אַ שול דער דורות־לאַנגער פאַרבענקטער זיסער ניגון פון תנו רבנן... און אונדזערע רבנים האָבן אונדז געלערנט...

און צו די ביליאַרד־זאַלן, להבדיל, אָפּגעשיידט מיט טויזנט טויזנטער אָפּשיידונגען, ציט זיך אויך אַן עולם, אַ סך גרעסער ווי אין די שולן. די אַמעריקאַנער געבוירענע סידנים, ליאָס, הערים און אייבס ציען זיך אין די דאָזיקע פּלעצער, צו שפּילן ביליאַרד ביי די לאַנגע גרין־אויסגעבעטע טישן... אין די זייטיקע צימערן, ווו־הין מען לאָזט נישט אַריין יעדן איינעם, גייט אָן אַן אַנדערע שפּיל,

די אַזאַרטנע שפּיל אין קרעפּס, די ביינדלעך מיט די פּינטעלעך, זיבן פּינטעלעך געווינען, און עלף פּינטעלעך געווינען אויך...

אָבער אומגעריכט פּאַר גרשונען איז דער בראָנזווילער לעיבאָר לייסעאום. אַ גרויסע פֿאַרזאַמלונג פֿון אַרבעטער-רינג מיטגלידער איז דאָרט פֿאָרגעקומען, און איצטער זעט ער, ווי מען שטראָמט פֿון דאָרטן אַרויס. הונדערטער און הונדערטער, און די הונדערטער און הונדערטער קאָכן זיך אויך אינדרויסן... ס'איז גוט צו וויסן, אַז ס'איז דאָ אין בראָנזוויל אַ לעיבאָר לייסעאום...

אָבער נאָך אומגעריכטער איז פֿאַר גרשונען דער יידישער אַרבעטער-קלוב אויף פּיטקין-עוועניו נישט ווייט פֿון די באַן-רעלסן. אויפֿן פֿענצטער הענגט אַ מודעה אין יידיש, אין גרויסע פֿעטע אותיות, וואָס לייענט זיך: קומט הערן היינט אָוונט דעם באַרימטן פּאָעט, משה לייב האַלפּערין, וואָס וועט האַלטן אַ לעקציע: „גראָבע רייד אין דער פּאָעזיע". איינטריט פֿינף און צוואַנציק סענט...

# דער גאַסן־פּויקער

אויף טרעפּ דאַרף מען אַרויפגיין אַהינצו צו דעם יידישן אַר־בעטער־קלוב אין בראָנזוויל. און קומען קומט מען אַריין אין אַ היפּשן זאַל. גלייך ביי דער טיר דער בופעט, דאָס הייסט דער טיש, וווּ מען פאַרקויפט גלעזער טיי מיט לימענע און מיט קיכלעך, און אויך סענדוויטשעס. דאָס געלט גייט פאַר אויפ־האַלטן דעם קלוב. ביי דער זייט לעבן דער וואַנט — אַ לאַנגער שמאָלער טיש מיט בענק, און אינמיטן אַ סך בענקלעך, און אויבן אַזאַ מין קליינע פּלאַטפאָרמע. דאָס איז דער גאַנצער יידישער אַרבעטער־קלוב.

גרשון האָט זיך געפעדערט, און איז אָנגעקומען אַהינצו מיט אַ צוויי שעה פריער, כדי צו פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ. געווען זיכער, אַז ס'וועלן קומען אַזויפיל מענטשן, אַז ס'וועט שוין מערער נישט קאָנען אַריינגעמען. אָבער ס'זענען געווען נאָר אַזוינע חכמים, ווי ער, און דער קלוב איז שוין געווען כמעט פול... אַזוי פיל יונגע חברה דאָרטן, און אַלע כמעט אין זעלביקן עלטער, ווי גרשון, און אַלע כמעט אַ יאָר צוויי אין לאַנד, אָדער גאָר ערשטאַריבערגעקו־מענע; און כמעט אַלע אַזוי ווי גרשון, האָבן זיך מסתמא געפילט עלנט אין בראָנזוויל און געזוכט חברים...

מען טרינקט טיי, מען פאַרבייסט מיט קיכלעך, און מען טאַנצט אפילו. איינער א בחור אויף א מאַנדאָלינע, שפּילט א וואַלס, און פאָרלעך דרייען זיך... און צו באַקענען זיך איינער מיטן אַנ־דערן נעמט גאָרנישט קיין סך: אַ שמייכל, אַ פריינדלעך וואָרט, און מען קען זיך שוין איינער מיט דעם אַנדערן. די לעבעדיקסטע חברה, וואָס גרשון האָט ווען עס איז געזען זיך פאַרזאַמלען אויף איין פּלאַץ...

און אַט קומט ער אַריין... אַ הויכער, שלאַנקער מאַן אין אַ גרינגלעבער קעפּקע, און אין אַ כאַקי=מאַנטל. ס'ווערט מיטאַמאָל זייער שטיל... אַ יראת=הכבודיקע שטילקייט... ס'ערשטע וואָס מען דערזעט — זיינע בליצנדיקע בלויע אויגן דורך די ברילן... ווילדע פייערלעך יאָגן זיך פון די אויגן=ווינקלען, שלאָגן זיך אָן אין די גלעזער און צעבליצן זיי מיט אַ שאַרפער ליכט. מען דערזעט אויך גלייך זיינע וועלפישע ליפּן, ווי ער אַליין זאָגט אויף זיך. תאוותדיקע דיקלעכע ליפּן, זייער באַוועגלעכע און זייער אויסדריקלעכע. ער טוט אויס די קעפּקע און מען דערזעט אַ לענגלעכן קאָפּ מיט בלוילעןגרויע האָר. ס'פּנים אויך לענגלעך, מיט רויטלעכע באַקן, עפּעס אַ בייזער מענטש. איין שמייכל זאָל ער כאָטש געבן. ער האָט געגעבן דעם שמייכל, נאָכדעם, ווי אַ פּולינקע, פּוכלינקע מיידל מיט בלאָנדע לאָקן האָט דעקלאַמירט, איידער די לעקציע האָט זיך אָנגעהויבן, זיין „גאַסן=פּויקער“.

גראָבע רייד אין דער פּאָעזיע איז געווען די טעמע פון זיין לעקציע, און ער האָט זיך געבייזערט און זיין קול האָט געדרימזשעט פּונקט ווי די טאַצן פון זיין גאַסן=פּויקער. פאַרוואָס האָט דער דאָזיקער מענטש אַזויפיל ביטערקייט און פאַרדראָס, האָט זיך גרשון געוווּנדערט.

פאַרדאַמט זאָל ער זיין דער פראַזן=דרעשער,
דער גאָט פאַרשאָלטענער אינטעליגענט,
ער האָט צוויי פּאַסקודנע ווייסע הענט,
וואָס ווילן נישט אַרבעטן, דרייט ער מיט זיי,
דאָס אייביקע גראָבע=פינגער געדריי...

דאָס האָט משה לייב האַלפּערין ציטירט אין זיין לעקציע פון זיינס אַן אייגן ליד. און וואָס האָט ער געוואָלט אַרויסברענגען אין זיין לעקציע! ס'איז גרשונען נישט געווען קלאָר, און ס'איז מסתמא נישט געווען קלאָר די פּאָר הונדערט פאַרזאַמלטע, אָבער ער האָט געמאַכט דאָס האַרץ קלאַפּן, שטאַרק. מען איז געווען פאַרכאַפּט פון זיין צאָרן, פון זיין פייער...

גרשון וויל אים באַנעמען, שטרענגט אָן זיינע אויערן, גראָבט זיך אין אים איין מיט זיינע אויגן. ער באַנעמט אים נישט... און אפשר באַנעמט ער אים יאָ. אויב ער זאָל פאַרגלייכן דעם דאָזיקן משה לייב האַלפּערן מיט זיין „גאַסן=פּויקער“. ער איז גאָר אַליין

דער „גאַסן־פּויקער", אין אַלע זיינע לידער, וואָס גרשון האָט גע־לייענט דעמלט אין דער „פרייהייט", איז ווי ער פּייקט. אַז די פּויק זאָל פּלאַצן...

פּויק איך, אַז די פּויק זאָל פּלאַצן,
און איך דזשינדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד אַרום,
דזשין, דזשין, בום, בום,
דזשין, דזשין, בום...

קנייפּ איך אַ שטיקל ברויט פון טאַש,
און איך זשליאָקע פון דער פלאַש,
ברענט דאָס בלוט און ריינט דער שוויים.
פּויק איך, אַז די פּויק זאָל פּלאַצן,
און איך דשזינדזשע אין די טאַצן,
און איך דריי זיך רונד אַרום,
דזשין, דזשין, בום.

אָט אַזוי זיך דורכגעריסן,
דורכגעריסן, דורכגעריסן,
מיטן קאָפּ, ווי דורך אַ וואַנט,
דורך שטעג און וועג און לאַנד,
מיט די ציין געהאַקט דעם שטיין.
האק דעם שטיין און בלייב אַליין.
הונט און שלעפּער, לומפּ און ווינט,
הפקר, הפקר דורך דער פרעמד,
האָב איך נישט קיין ראָק, קיין העמד,
האָב איך נישט קיין ווייב, קיין קינד,
פּויק איך, אַז די פּויק זאָל פּלאַצן...

און די גאַנצע צייט, וואָס משה לייב האַלפּערן האָט גערעדט. און אין זיינע „גראָבע רייד", וואָס ער האָט געלאָזט פאַלן, און אין זיין אַוועקשטעלן זיך אין אַ פּאָזע „ווערמען אַרט דאָס", האָט גרשון דק געזען דעם גאַסן־פּויקער, וואָס מאַכט זיך פאַר אַ געוואַלדיקן

פאַרהאַרטעוועטן יונג, הפקר, פריי, אָבער אין אמתן איז ער נישט פאַרהאַרטעוועט, נישט הפקר, נישט פריי, און ס'איז נאָך אויף אים אַ רחמנות, און ער קאָן גאָר אַ זאָג טאָן אין אַן אַנדער ליד:

ווער קאָן די שיינקייט פון דעם ים פאַרשטיין,
ווער קאָן די שיין פון דיינע אויגן זען,
נאָר איך טרוים פון דיר, נאָר איך טראַכט פון דיר,
פון דיר מיין לעבן, דו מיין הארץ אין מיר.
דו, דו אומרו מיינער, דו...

און דאָס דאָזיקע ליד האָט אַ בחור מיט אַ זילבערנעם טענאָר געזונגען נאָך זיין לעקציע, און געפאַנגען אונדז אַלעמען, און גע־מאַכט אונדזערע הערצער קלאַפּן מיט ליבע און באַוווּנדערונג צו אים, און מיר האָבן מוחל געווען זיינע „גראָבע רייד" און זיין ביי־זערן זיך אויף דער וועלט.

און צווישן דער חברה אין זאַל יענעם אָוונט פון קליינע שטעט־לעך פון יענער זייט ים, צי זיי האָבן יאָ פאַרשטאַנען משה לייבס לעקציע, צי נישט — אָבער מען איז געווען געוואַלדיק דערהויבן. מען זעט אַזאַ באַרימטן פּאָעט אין בלוט און אין פלייש — און אַלץ איז דאָס מעגלעך געוואָרן, ווייל מען איז איצט אין אַמעריקע, דאָס לאַנד פון די גרויסע וווּנדער...

פופצן דאָלאַר פאַר דער לעקציע, האָט גרשון געזען, ווי מען האָט משה לייבן דערנאָכדעם באַצאָלט, און משה לייב האָט אַ כאַפּ געטאָן די געלט־פּאַפּירלעך מיט אַ מין פאַרשעמקייט נישט ציילנ־דיק, זיי גלייך אַריינגעלאָזט אין דער הויזן־קעשענע...

מ'איז אים נאָכגעגאַנגען באַגלייטן צו סאַבוועי סטאַנציע. אַרום אַ צוואַנציק חברה זענען אים נאָכגעגאַנגען, און ער האָט גע־שפּאַנט צווישן דער חברה שווין קיין בייזער. פאַרקערט, אַזאַ ווייכער, אַזאַ מילדער און געשמייכלט מיט וואַרעמקייט...

ס'איז געווען אַ קאַלטער ווינטער־אָוונט, און משה לייב האָט געכאַפּט אַ ציטער אין זיין כאַקענעם מאַנטל.

— ס'איז זייער קאַלט ביי אייך אין בראָנזוויל — האָט ער אַ זאָג געטאָן כלומרשט מיט אַ שפּאַסיק קול.

די חברה, זיינע חסידים, האָבן געטראָגן וואַרעמע מאַנטלען, און נישט איינער, ווען ער שעמט זיך נישט, וואָלט אַראָפּגענומען זיין מאַנטל פון זיך, און אים אָנגעטאָן אויף משה לייבן...

ביי סאַטער עווענין סטאַנציע האָט מען אים נישט אָפּגעלאָזט, נאָר אַרויסגעשפּאַנט מיט אים די טרעפּ. ער האָט אַריינגעוואָרפן אַ ניקל אין שפּאַלט פון דער מאַשין, געטאָן אַ שטופּ די פּאַרצוימונג און דורכגעגאַנגען. ער איז אָבער נישט אַרויסגעלאָפן ווייטער מיט דער טרעפּ צו דער פּלאַטפאָרמע אויבן, געשטאַנען מיט זיינע באַגלייטער. זיי פון דער זייט פּאַרצוימונג, ער — פון יענער זייט פּאַרצוימונג. אַרום אַ צוואַנציק חברה זענען געשטאַנען, געקוקט אויף אים, ווי חסידים אויף אַ רבין, ער האָט געשמייכלט און געזאָגט:

— כ'לעבן איר דאַרפט נישט וואַרטן.

חברה האָבן אָבער יאָ געוואַרט, ביז ס'האָט זיך דערהערט דאָס דונערן פון דער אָנקומענדיקער באַן...

* * *

און גרשון האָט זיך דעמלט געווונטשן, אַז ס'זאָל אַמאָל קומען אַ צייט, און ער וועט אויך ווערן אַן אָנערקענטער שרייבער, און ער זאָל ערגעץ געבן אַ לעקציע, און נאָך דער לעקציע זאָל מען אים אָפּפירן צו דער באַן, ווי מען האָט אָפּגעפירט משה לייב האַלפּערן. אָבער ביז גרשון איז געוואָרן אַן אָנערקענטער שרייבער, זענען אַוועק אַ סך יאָרן, און אויף די לעקציעס וואָס ער האָט געגעבן, איז שוין דער עולם נישט באַשטאַנען פון אַזוינע יונגע הייסע חברה, ס'איז שוין געווען אַן עולם פון מיטליאָריקע און עלטערע, מערער עלטערע, ווי מיטליאָריקע...

# חברשאַפט...

גיב מיר חברשאַפט, אָדער טויט, זאָגט זיך ערגעץ אין די הייליקע ספרים.

די שווערסטע טעג פאַר גרשונען אין בראָנזוויל זענען געווען, ווען ער איז אומגעגאַנגען אָן חברשאַפט. און די חברשאַפט איז גאָר געקומען אַזוי לייכט. טאַקע אויף משה לייב האַלפּערנס לעקציע אין אַרבעטער קולטור־קלוב איז געקומען די חברשאַפט. אַ בחור האָט דאָרטן געשמייכלט צו אים, און גרשון האָט געשמייכלט אויף צוריק, און באַלד האָט מען זיך צערעדט, און באַלד האָט יעדער איינער געזאָגט זיין נאָמען, און פון אַ וועלכן לאַנד מען קומט. און ביי וואָס מען אַרבעט.

דוד האָט ער געהייסן, דער בחור, אַ גיבורדיקער בעסאַראַבער בחור, גראָדע נישט אַזאַ הויכער, אָבער זיינע ברייטע פּלייצעס, זיין הויכער ברוסט־קאַסטן, זיין געזונט רויט פּנים, זיינע פינקלדיקע ברוינע אויגן, זיינע געדיכטע שוואַרצע, זיך כוואַליענדיקע האָר, זיין פעסטער שטערן, אַלץ איז געווען אָנגעגאָסן מיט גבורה.

יאָ, דוד האָט ער געהייסן, געאַרבעט אין אַ דרוקעריי, געשריבן לידער אינדערשטיל, און די לידער פאָרגעלייענט פאַר גרשונען, און גרשון האָט אים פאָרגעלייענט זיינע מעשהלעך, און ביידע האָבן געחלומט צו ווערן אָנערקענטע שרייבער ביי יידן...

און דאָ קומט אַריין איטקע. ווער איז איטקע? אַ בראָנזווילער געבוירענע, וואָס האָט גערעדט יידיש ווי אַ וואַסער מיט אַלע העברעיזמען און סלאַוויציזמען. ליב געהאַט האָט זי צו זאָגן „וושאָסטאַקי“, אַנשטאָט „פונדעסטוועגן“. זייער חנעוודיק געקאָרטשעט מיטן נעזל, ווען זי האָט געשמייכלט, אויסגעקוקט ווי אַ ציגיינערקע מיט איר מאַטעווען פּנים, מיט די בליצנדיקע שטיפערישע

שוואַרצע אויגן, מיט די סאַמעט־שוואַרצע געקרויזלטע האָר, אַ מאָגערס, אַ בויגעוודיקס, אַ לייכטגריקס.

די דאָזיקע איטקע האָט געגעבן אַ היים, אַזוי צו זאָגן, סיי דודן, סיי גרשונען, סיי אַנדערע בחורים און מיידלעך, אַ היים זיך צונויפצוקומען, זינגען לידער, שפּיל אין פאַנדעס, אַרגומענטירן וועגן ליטעראַטור און וועגן „איזמען", עסן קאַרטאָפליעס מיט הערינג און פאַרטרינקען מיט טיי פון אַן אמתן סאַמאָוואַר...

און ס'זענען געווען אַזוינע קאַלטע ווינטער־טעג אין בראָנז־וויל! אינדרויסן דער ווינט האָט דאָך ממש געקאָנט אַוועקטראָגן, און ביי איטקען איז אויך נישט געווען צו וואַרעם אין דעם צימער מיט דער וויקטראָלאַ, מיט די פּיל קאָלירטע אויסגענייטע קי־שעלעך, אָבער ס'איז געווען וואַרעם פון דער חברשאַפט...

איטקעס טאַטע און מאַמע האָבן זיך כמעט נישט אָנגעזען, זיך פאַרשטופּט ערגעץ אין דער קיך, און געלאָזט פריי דאָס הויז פאַר דער טאָכטער און אירע חברים. און וואָס האָט דער דאָזיקער איטקען, דער אַמעריקאַנער געבוירענער, געצויגן צו גרינע בחו־רים? מסתמא, דאָס מאַמעשע אין איר. אַמעריקאַנער געבוירענע בחורים זענען נישט אַזוי עלנט און בענקענדיק ווי די דאָזיקע גרינע.

אך, חברשאַפט, נאָך בעסער פון דעם טייערסטן ווייַן! ס'מאַכט פרייַלעך דעם מענטשנס האַרץ, אויך שטאַרקער, און די דאָזיקע חברשאַפט האָט אויך געפירט צו חתונות. דוד האָט מיט דער צייט חתונה געהאַט פאַר איטקען, אַ צווייטער האָט חתונה געהאַט פאַר אַן אַנדער מיידל. געווען אַ היפשע גרופּע בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן זיך באַגעגנט ביי איטקען אין הויז, און אַ סך בחורים האָבן חתונה געהאַט מיט דער צייט פאַר די מייד־לעך פון דער זעלביקער גרופּע.

אָבער איידער מען האָט חתונה געהאַט, זענען דאָס געווען אַ פּאָר זומערס און ווינטערס פון אַן ענג־געשמידטער גרופּע מיט שטאַרקער צוגעבונדנקייט. מ'איז געגאַנגען צוזאַמען אויף בעלער, אויף ליטעראַרישע אָוונטן, אויף פּיקניקס אין די פּאַרקן, אויף שיף־עקסקורסיעס איבערן האָדסאָן, מען האָט זיך געליען געלט אין אַ נויט, מען איז זיך געגאַנגען מבקר־חולה זיין און אַזוינע חברשאַפטן צווישן גאַנצע גרופּעס זענען געווען אַ סך אין בראָנזוויל.

און פֿון זיך אַליין, אָן אַ פּאָרויס־געפּלאַנטקייט, האָבן זיך געשאַפֿן די דאָזיקע חברשאַפֿטן צווישן די גרינע, וואָס האָבן געגעבן מערער כּוח און זיכערקייט אין דעם נייעם לאַנד, ווי אַפֿילו אייגענע און קרובֿים.

איטקעס גרופּע איז געווען אַן אידעאַליסטישע. חבֿרה, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט דעם שענסטן און בעסטן אין דער יידישער ליטעראַטור און אין טעאַטער. חבֿרה, וואָס האָבן געהאָלפֿן בויען שפּעטער יידישע שולן, געזאַנג־פֿאַריינען, יוניאָנס און אָרדנס, געהאָלפֿן יידישע שרייבער אַרויסצוגעבן זייערע ביכער.

און גרשון וועט קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן דעם אָוונט, ווען די גאַנצע גרופּע איז געגאַנגען צו קלמן מרמרס אַ לעקציע אין לעיבאָר ליי‎סעאום. און אַ גרופּע, קומענדיק צו אַ לעקציע, אָדער צו אַ קאָנצערט, האָט שוין געזען, אַז מען זאָל אַלע זיצן צוזאַמען. אַרום אַ טויזנט מענטשן זענען געווען דערמלט אויף דער לעקציע. טויזנט יונגטלעכע פֿון בראָנזוויל. דער גרויסער עולם אַליין מיט צעפּלאַמטע פּנימער און צעפּלאַקערטע אויגן איז שוין געווען אַ געוואַלדיקע דערהויבונג. ס'איז געווען אַ זונטיק. מען איז געקומען יום־טובֿדיק פֿאַרפּוצטע פֿון אומעטיקע היימען אין בראָנזוויל, אַ סך עלנטע „באָרדערס" ערגעץ אין אַן אומעטיקן „בעד־רום" (שלאָף־צימער). מ'איז געקומען מיט אומזיכערקייט אין די גלידער, וואָס גרינע האָבן נישט געקאָנט פּטור ווערן פֿון איר באַר יאָרן און יאָרן... מען איז אויך געקומען פֿון אַ פֿינצטערן קאַלטן אינדרויסן, און דאָ אַזאַ וואַרעמקייט, אַזאַ ליכטיקייט, און נאָך ליכטיקער ווי די פֿיל לאָמפּן אויף די ווענט און אונטער דער סטעליע, שיינען יונגע פּנימער... און די שענסטע זאַך פֿון פּראָגראַם איז גאָר דאָס באַקענען זיך איינער מיטן אַנדערן, קוקן איינער אויפֿן אַנדערן, בחורים קוקן אויף מיידלעך, מיידלעך אויף בחורים, הערצער קלאַפּן שטאַרק, בלוטן רינען היים. אַזאַ פֿייערלעכקייט, אַזאַ פֿייערלעכקייט, ס'פֿאַרשיכּורט ממש... און וואָס מיר די אומעטיקע „בעד־רומס"? און וואָס מיר די שרעק פֿאַר מאָרגן? מ'פֿילט זיך שטאַרק דאָ...

און שפּעטער מיט אַ סך, אַ סך יאָרן, ס'רובֿ שוין זיידעס און באָבעס, און פֿון גאָר באַקוועמע היימען און צעזייט און צעשפּרייט אין גישט־יידישע געגנטן, האָבן ליב געהאַט כאָטש איינמאָל צי

צוויי מאָל אַ יאָר גיין עפּעס אויף אַזאַ אונטערנעמונג, ווו מאַסן ייִדן, אַמאָליקע גרינע קומען זיך צונויף, און איבערלעבן נאָך אַמאָל אַט יענע דערהויבונג און פֿייערלעכקייט... און שפּעטער מיט אַ סך יאָרן, אויף די דאָזיקע מאַסן־אונטערנעמונגען איז אויך דער עיקר פֿון פּראָגראַם דאָס צונויפֿקומען זיך, דאָס באַגריסן זיך, דאָס שמועסן איינער מיטן אַנדערן.

יאָ, יענעם אָוונט אין בראָנזוווילער לעיבאָר לייסעאום. טויזנט יונגע חברה האָבן געטאָן אַן אַפּלאָדיר, איז דאָס ממש געווען ווי דונערן אין פֿרילינג. אַפּלאָדירט האָט מען קלמן מרמרן, וואָס איז אַרויפֿגעקומען אויף דער בינע. אַ מענטש פֿון קליינעם וווּקס און נאָך מיט אַן איינגעבויגענער פּלייצע. פֿילט זיך ווי פֿאַרלוירן אויף דער רחבותדיקער בינע, אַנטקעגן אַ טויזנטקעפּיקן עולם. מיט אַ פֿאַרטראַג זייַנע לויטער־לויכטנדיקע שפּיצעדיקע ברוינע אויגן צו דער סטעליע, טוט זיך אַ גלעט זיין הויכן שטערן, דעם שטערן פֿון אַ תנאי, און הייבט אָן רעדן. ער רעדט אַ מאָדנעם ליטווישן ייִדיש, אָבער דאָס קול איז ליריש־ווייל און טאַטעש־וואַרעם. ער רעדט דווקא אין דער שטיל, ווי ער וואָלט געשעפּטשעט, אָבער אומעטום הערט מען אים, אַפֿילו אין דער לעצטער ריי. אפשר דערפֿאַר הערט מען אים אומעטום, ווייל מען וויל אים אַזוי שטאַרק הערן, און די אויערן ווערן געוואַלדיק אָפֿן, און מען טוט זיך נישט קיין ריר, און מען האַלט אַזש איין דעם אָטעם.

די טעמע איז געווען „דער זין פֿון לעבן". און קלמן מרמר האָט בכיוון (בעקיוון) אויסגעקליבן די דאָזיקע טעמע. ער האָט אין זיין גוטסקייט, אין זיין חכמה פֿאַרשטאַנען, אַז די עמיגראַנטישע חברה צו וועלכער ער רעדט, זענען אַ סך פֿון זיי פֿאַרצווייפֿלט. פֿאַרלוירן. מען קאָן זיך נאָך נישט צופּאַסן צום נייעם לאַנד. די אַרבעט אין די שעפּער פֿאַלט זייער שווער, מען איז עלנט, מען ווערט אויך מעלאַנכאָליש. זוכן זיי אוודאי דעם זין פֿון לעבן. דערציילט ער זיי איצט, קלמן מרמר, דעם זין פֿון לעבן. און דער זין פֿון לעבן איז אַרבעט, שעפֿערישקייט, חברשאַפֿט, דאָס צונויפֿקומען זיך צוזאַמען, דאָס פֿאַרברענגען צוזאַמען, טאָן עפּעס פֿאַר דער מענטשהייט צוזאַמען...

און נאָך דער לעקציע איז מען געגאַנגען צו איטקען אין הויז עסן הערינג מיט קאַרטאָפֿליעס, און טרינקען טיי פֿון מעשענעם

סאַמאָוואַר. אויף קאָלירטע קישעלעך אויסגעלייגט אויפן דיל איז מען געזעסן און אַרומגערעדט קלמן מרמרס לעקציע, און יעדער איינער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט לעבן מיט דעם זינען, וואָס קלמן מרמר האָט געלערנט... מען האָט אויך גערעדט דעמלט, אַז ס'וואָלט געווען אַזוי גוט, ווען די דאָזיקע גרופּע, וואָס ס'זאָל נישט טרעפן שפּעטער אין לעבן, אָבער מען זאָל זיין צוזאַמען...

אַזוי פיל יאָרן זענען אַוועק פון זינט יענעם אָוונט, און ווען גרשון טוט אַ טראַכט וועגן די בחורים און מיידלעך פון יענער גרופּע, ווייסט ער אַפילו נישט, אַחוץ פון אַ פּאָר, ווו זיי זענען ערגעץ, און ווי אַזוי איז זייער לעבן געגאַנגען...

# די „פרייהייט"-בעלער...

ס'איז געווען, ווי אין תנ"ך — די ריזיקע „פאָרווערטס", „שנאָרער", „בויערן" און שפעטער — „פרייהייט"-בעלער.

אין תנ"ך ווערט אָנגעדייטעט, אַז איינמאָל אַ יאָר האָט די יוגנט פון ארץ-ישראל זיך פאַרזאַמלט אין די וויינגערטנער פון געוויסע טיילן פון לאַנד, און אַרויסגעגאַנגען אין טאַנץ... איינמאָל אַ יאָר האָט זיך אויך די יידישע יוגנט פון גרויס ניו יאָרק זיך פאַרזאַמלט און אַרויסגעגאַנגען אין טאַנץ. נישט אין קיין וויינגערטנער, ווי אין די ביבלישע צייטן, נאָר אין די ריזיקע זאַלן פון מאַנהעטן, וואָס נעמען אַריין פופצן און צוואַנציק טויזנט מענטשן, און אַ סך מאָל האָט געטראָפן, אַז דאָס מיידל מיט וועלכער דער בחור האָט געטאַנצט ס'ערשטע מאָל אין זיין לעבן אויף די דאָזיקע בעלער, איז געווען זיין צוקונפטיקע פרוי. שפעטער מיט יאָרן האָבן די בעלער אויפגעהערט. ס'איז שוין נישט געלעגן אין זינען, די אַלע וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אין טאַנץ אויף די בעלער, זענען שוין געווען טאַטעס און מאַמעס און געטראָגן דעם עול פון משפחה. קיין פרישע יידישע יוגנט פון יענער זייט ים איז נישט צוגעקומען. און זיי האָבן אויפגעהערט, די דאָזיקע „פאָרווערטס", „שנאָרער", „בויערן" און „פרייהייטס"-בעלער. פון זיך אַליין זיך אָפגעהאַקט, און געוואָרן אַ קאַפיטל פון דער געשיכטע צום באַזעצן זיך פון יידישע אימיגראַנטן אין ניו יאָרק.

פון בראָנזוויל איז באַן נאָך באַן אַ געוויסן שבת אָוונט געווען געפאַקט מיט פריילעכער חברה, וואָס האָבן זיך געלאָזט קיין מאַנהעטן צום „פרייהייט"-באַל. און אויב אין די וואַגאָנען זענען געווען אויך פאַסאַזשירן פון אַנדערע פעלקער, האָט די דאָזיקע פריילעכע חברה, וואָס האָט גערעדט יידיש הויך אויף אַ קול, און געזונגען יידישע לידער, אויסגעקוקט צו זיין ווי עפעס אַ באַזונדערער שבט.

גרשון איז אויך געווען פריילעך. ער האָט געראַדע פאַרלוירן זיין דזשאַב, דאָס הייסט דער שאַפּ, וווּ ער האָט געאַרבעט, האָט זיך פאַרמאַכט, און אפשר טאַקע דערפאַר איז ער געווען פריילעך, מחמת דאָס פרעסן קינדער-הייזקעס אַ גאַנצן טאָג, אַ גאַנצן טאָג, האָט אים פאַרטשאַדיעט דעם קאָפּ און אויסגעזויגן פון אים ווי אַ ביסעלע חיות... אין אָוונט ביי זיך אויף דער קוואַרטיר האָט ער זיך בשום אופן נישט געקאָנט נעמען צו דער פען, און ביי גרשונען נישט שרייבן, איז ווי נישט לעבן.

יאָ, ער האָט פאַרלוירן זיין דזשאַב, איי, וואָס וועט זיין מאָרגן? מאָרגן זאָל זיך גאָט זאָרגן. ביי אַ פינף און זיבעציק דאָלאַר האָט ער אָפּגעשפּאָרט, איצטער וועט ער שוין שרייבן און שרייבן און נאָך אַמאָל שרייבן. אַזוי פיל וווּנדערלעכע טעמעס פאַר קינדער-מעשיות האָבן זיך אָנגעזאַמלט ביי אים אין געדאַנק.

ער איז פריילעך, גרשון, וואָס ער איז אין אַמעריקע, אין דעם דאָזיקן ווונדערלעכן לאַנד, וווּ די יידישע ליטעראַטור בליט, ווי אַ בוים ביי אַ קוואַל וואַסער... דער ייד פון דער קליידער-קראָם איך מאַטפאָרד עוועניו, אַ צוגעלאָזענער מענטש, מיט וועמען גרשון כאַפּט אַמאָל אַ שמועס, גלויבט גאָרנישט אין דער צוקונפט פון יידיש אין אַמעריקע. דער קוואַל, זאָגט ער, וועט אויסטריקענען... אָבער אַזאַ לעבעדיקער קוואַל, ווי די דאָזיקע בראָנזווילער חברה אינטער אין באַז, אין די טויזנטער און טויזנטער, וואָס ער האָט דערנאָכדעם באַגעגנט אויפן „פרייהייט"-באַל, און די צענדליקער טויזנטער, וואָס גייען אין יידישן טעאַטער, לייענען יידישע צייטונגען און זשורנאַלן — ווי אַזוי קאָן אַזאַ קוואַל אויסטריקענען?

דער ייד פון דער קליידער-קראָם, וואָס האָט געראַדע גאָר ליב אַריינצוקוקן אין אַ יידישער צייטונג, אין אַ יידיש בוך, האָט גרשונען געראָטן זיך אויסלערנען גוט ענגליש און ווערן אַן ענגלישער שרייבער. ס'איז מערער תכלית. אָבער, אַז מען איז פאַרליבט, זוכט מען דען תכלית? גרשון איז פאַרליבט אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָך פון זינט ער האָט געלייענט שלום-עליכמען, און ערשט דאָ אין נייעם לאַנד, לייענענדיק די יידישע שרייבער, וואָס זענען אויפגעקומען אויפן אַמעריקאַנער באָדן, איז די ליבע געוואָרן נאָך שטאַרקער. ס'איז דאָך אַזאַ פרייד פון יידן, ווען מען נעמט אַ מאַני לייבן, אַ שטייגער, ווי ער מאַכט דאָס מוזיק פון יעדן וואָרט. מאַני

ליב האָט זיך טאַקע געדרוקט אין דער „פרייהייט". די בעסטע יידישע שרייבער אין אַמעריקע האָבן זיך געדרוקט אין דער „פריי־הייט": אברהם רייזען, לייוויק, משה נאַדיר, איזיק ראבאָי, מנחם, דוד בערגעלסאָן, משה ליב האַלפּערן — און נאָך אַנדערע. ביי גרשונען איז געווען אַ טרוים זיך אויך דרוקן אין דער „פרייהייט" צווישן אזוינע גרויסאַרטיקע שרייבער. און גיי וויים, אַז יענעם אַוונט אויפן „פרייהייט"־באַל וועט זיין טרוים פאַרווירקלעכט ווערן!

* * *

און ווען מען איז נאָר אַריין צום „פרייהייט"־באַל האָט גלייך געגעבן אַ זעץ אַ גרויסע היץ און אַ פאַרטומלבנדיקער רעש, נאָר ווי די כוואַליעס ביים ים, וואָס קלאַפּן אויפן ברעג. צוויי טויזנט, און אפשר דריי טויזנט פּאָרלעך האָבן געהאַלטן אין טאַנצן איבערן דרייזיקן זאַל צו דער מוזיק פון אַ גרויסן אָרקעסטער. און די, וואָס האָבן נישט געטאַנצט האָבן געהאַלטן אין איין שטופּן זיך און דרייען זיך און מישן זיך. דאָ, פּונקט ווי אויפן „פאָרווערטס"־באַל, האָט גרשון האָט געזען מיט אַ יאָר פריער, האָט מען זיך אויך גע־האַלטן אין שטופּן צום צענטער, וו דאַרטן לעבן דער פּלאַטפאָר־מע, וו די מוזיקער זענען געזעסן, האָבן זיך פאַרזאַמלט אַלע פאַר־שטעלטע מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט געווינען דעם פּרייז פאַר דער אָריגינעלסטער מאַסקע. דאָ איז איינער געווען פאַרשטעלט אַלס אייב קאהאן און אַ גרויסער עולם האָט זיך פאַרזאַמלט אַרום אים און געלאַכט. אויף זיין פּלייצע איז געווען אויסגעמאָלן אַ „פאָר־ווערטס" מיטן „בינטל בריף". דאָ איז איינער אויך געווען פאַר־שטעלט אַלס דניאל דעליאָן, און אַ דריטער אַלס יעקב גאָרדין...

די בעסטע זאַך ביים „פרייהייט"־באַל איז אַרויפגיין אויף דעם באַלקאָן און פון דאָרטן קוקן אַראָפּ און זען דעם װונדער פון פופצן, אָדער אפשר גאַנצע צוואַנציק טויזנט יידישע חברה... אַ סך יינגערע מענטשן, ווי אויפן „פאָרווערטס"־באַל. אַלע כמעט אין דעם זעל־ביקן עלטער, ווי גרשון אַליין, דאָס הייסט, אין די אָנהייב צוואַנצי־קער, און אַלע כמעט ערשט אַ יאָר צי צוויי אָדער דריי אין לאַנד.

גרשון האָט דאָ באַגעגנט אַ שיפס־ברודער און אַ שיפס־שוועסטער, אין מען האָט זיך אַרומגעכאַפּט, און מען האָט זיך דערציילט נסים וועגן זייער לעבן אין נייעם לאַנד. די שיפס־שוועסטער איז געווען אַ גאַליציאַנער מיידל, אַ דינע, אַ גראַציעזע, מיט רויטלעכע האָר. יוכבד האָט זי געהייסן. אויף דער שיף איז זי גרשונען געשטאַנען אין די נויטן, ווען ער איז געווען קראַנק פון ים. זי האָט אים דערקוויקט מיט רעפטלעך מאַראַנצן, אים אויסגעבעט פון קאָלדרעס אַ געלעגער אויפן דעק, אים געגלעט דעם שטערן מיט איר ווייכער גוטער האַנט. דאָ, אויפן „פרייהייט"־באַל, האָט זי געוואָלט מיט אים טאַנצן, אָבער גרשון, צו זיין גרויסן פאַרדראָס, האָט נישט געקאָנט טאַנצן. האָט זי שוין געטאַנצט מיט עמעצן אַנדערש. ער האָט זי געזען פון צייט צו צייט צווישן די טאַנצנדיקע מיט אַ בחור, וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אויסערגעוויינלעך געדיכטע קודלע שוואַרצע האָר און אַ ציגיינעריש פנים, און ביר־ברוינע אויגן. שפּעטער מיט יאָרן האָט גרשון באַגעגנט די רויטלעכע יוכבד מיט דעם ציגיינערשן בחור אין קעמפּ „קינדערלאַנד". אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר אַכט האָבן זיי געהאַט אין קינדער־קעמפּ... אָט אַזוי פון אַרויסגיין אין טאַנץ אויפן „פרייהייט"־באַל איז אַרויסגעקומען דער שידוך.

און צווישן עולם זענען אויך דאָ די שרייבער פון דער „פרייהייט". חברה שטופּן זיך צו זיי. און אָט איז משה כץ, און זיינע פעליעטאָנען און אַרטיקלען האָט גרשון זייער ליב צו לייענען, אַזאַ חנעוודיקער שמייכל, טרעפלעכע סאַטירע, טיפע געדאַנקלעכקייט אין זיין שרייבן. אַ פעסט געבויטער, היפּש אין די פּלייצעס, היפּש אַרום און אַרום, אַ מאַסיוו אויסגעקנאָטן פנים מיט אַ פולבלעכער הומאָריסטישער נאָז... און וויפל איז ער דען דעמלט אַלט געווען? אינגאַנצן עטלעכע און דרייסיק יאָר, אָבער ער האָט שוין פאַרמאָגט אַ היפּשן פליך, אַ שמייכלענדיקן פליך. ווי אַזוי קאָן דען אַ פליך שמייכלען? אפשר דערפאַר, וואָס ס'האָט געשלאָגן פון אים מיט אַ געוואַלדיקער וויטאַליטעט, האָט זיך שוין אויסגעוויזן, אַז דער פליך זיינער שטראַלט אויך און שמייכלט. ס'איז אַ שטאַרקע פיגור, וואָס אָטעמט מיט זיכערקייט און מיט באַרואיקנדיקייט. ער נעמט זיך נישט איבער, אָבער ער לאָזט זיך אויך נישט אַראָפּ. ס'קוקט חכמה פון זיינע זייער לעבעדיקע, זייער ווייכע גרויע אויגן. ס'קוקט אויך אַרויס פון זיי אַ מין לייכטע אָפּלאַכערישקייט. אָט אַזוי האָבן

זיינע אויגן געקוקט צו גרשונען, ווען ער איז פּלוצלונג געוואָרן זייער געוואַגט און זיך פאַרגעשטעלט פאַר אים אַלס אַ שרייבער פון קינ-דער-מעשהלעך, וואָס האָט זיך שוין געדרוקט אין די קינדער-זשור-נאַלן.

— וואָס-זשע שווייגט איר? — צעשפּריצן זיך זיינע שטראַלנ-דיקע גרויע אויגן אי מיט אָפּלאַכערישקייט, אי מיט ערנסטער באַ-ציונג — ברענגט עפּעס א זאך..

און ס'איז באַשערט געווען גרשונען, אַז משה כּץ זאָל ווערן זיין ליטעראַרישער טאַטע, וואָס האָט אים אָפּט געשטראָפט, נאָך אָפטער דערמוטיקט, געשריבן וועגן זיין שאַפן, און געהאַלטן אַ וואַך אויג איבער אים...

# די ערשטע „פרייהייט״־שרייבער

כאָטש גרשון האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז די רעדאַקציע פון דער „פרייהייט״ זאָל זיין אַזאַ רייכער בנין, ווי דער „פאָרווערטס״, פונדעסטוועגן איז ער ווי אָפּגענאַרט געוואָרן. ס׳איז געווען אַ טרויעריקע אָפּגעלאָזענע געביידע פון אַרום פיר שטאָק אויף קאַנאַל סטריט, וואָס פאַסט זיך גיכער פאַר די אָרעמע שעפּער, מאַקע אין אַזאַ אָפּגעקראָכענער, אומעטיקער געביידע איז געווען דער שאַפּ פון קינדער־הייזקעס, וווּ גרשון האָט פריער געאַרבעט.

די הילצערנע טרעפּ האָבן געקרעכצט, ווען אונדזער בחור האָט זיך געהויבן איבער זיי. יעדע טרעפּ שוין פון לאַנג אַן איינגעבויגן, שוין אָפּגעדינט איר צייט. און די לופט אין הויזטרעפּ־וועג איז געווען פאַרלעגערט מסתמא פון יאָרן און יאָרן. ס׳האָט אַזש געריסן אין האַלדז... שטאָק נאָך שטאָק האָט זיך גרשון געהויבן ביז ער איז אָנגעקומען צו אַ טיר באַשלאָגן מיט בלעך. און אַז מען האָט אַן עפן געטאָן די דאָזיקע טיר, האָט געגעבן אַ זעץ אַ פאַרטויבנדיקער געקלימפּער פון מאַשינען, און אַ גרויסע היץ, און אַ פאַרשאַדנדיקער ריח פון בליי. אַ גרויסע דרוקעריי דאָרטן געווען מיט צענדליקער מאַשינען און אַלע מאַשינען זענען געגאַנגען. און אין דער פאַרשטויבטער ליכט פון עלעקטרישע לעמפּלעך, האָבן אויסגעבלאַסטע מענטשן אין פאַרפאַטשקעטע טונקל־בלויע פאַרטעכער זיך געפּאָרעט ביי די מאַשינען. קיינער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף גרשונען. ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלע מענטשן זענען דאָ פאַרשאַדיעט, ווייסן נישט, וווּ זיי זענען אויף דער וועלט, און דאָס וואָס זיי מאַכן מיט די הענט איז שוין פון זיך אַליין...

וווּ זשע איז דאָ ערגעץ די רעדאַקציע פון דער „פרייהייט״? אונטער אַ וואַנט פון ברעטער, וואָס צוימט אָפּ אַן עק פון דער דרוּ־

קעריי, דאָרטן איז די רעדאַקציע פון דער „פרייהייט“. ווו זשע איז דאָ משה אָלגין, דער רעדאַקטאָר פון דער „פרייהייט“? מען זעט נאָר זיין פלייצע, אַ קאָנצענטרירטע פלייצע. מיטן פנים צום איינציקן פענצטער, וואָס קוקט אַרויס אין אַ שמוציקן הויף, זיצט ער פאַר אַ טיש אָנגעבויגן און שרייבט. גיך, גיך שרייבט ער. און ווו איז דאָ ערגעץ משה כץ? מען זעט אויך בלויז זיין פלייצע. זיצט ביי דער זייט פאַר אַ טיש ביי דער וואַסערדיקער ליכט פון אַן עלעקטריש לעמפל, וואָס הענגט פון דער סטעליע, און שרייבט אויך. ביי די אַלע מיטאַרבעטער פאַר די טישן זעט מען בלויז די פלייצעס. קאָנצענטרירטע פלייצעס. בלויז ביי איינעם מיט אַ ליולקע אין מויל זעט מען אויך דעם פראָפיל, און בלויז דער דאָזיקער האַלט נישט קיין פען אין דער האַנט, ווי אַלע אַנדערע, נאָר ער זיצט איבער אַ שרייב־מאַשינקע און טראַכט. דער איינער האָט זיך גרשון נאָכדעם דערוווסט איז געווען נפתלי בוכוואַלד, פון וועמען אים איז געווען באַשערט אַזוי פיל צו לערנען וועגן דראַמע, אַ צייט אַפילו אַריינגעגאַנגען צו בוכוואַלדן אין הויז אין די זונטיק־פרימאָרגנס און יענער, ווי אַ רבי מיט אַ תלמיד, האָט מיט אים געקנעלט וועגן דער הכמה און קונסט פון טעאַטער. אַוודאי געווען נאָך יונג דעמלט, נ. בוכוואַלד. אָבער אַ פליך האָט שוין געשיינט אַ היפשער אייף זיין קאָפ, דערפאַר אָבער איז זיין גנעלע וואָנצע געווען אַ שטאַרקע, אַ געדיכטע, אַ מענערשע, אַזוי צו זאָגן. אין אַ כאַקיהעמדל געווען אָנגעטאָן מיט אַ שוואַרצן שניפס, די באַקן ביי אים פאַרפלאַמט, און די שמאָלע אויגן האָבן שאַרף געשיינט דורך די שאַרפע ברילן..

און אָט איז קלמן מרמר. אין אַ ווינקל זיצט ער פאַרן טיש און שרייבט. מען זעט אויך בלויז זיין פלייצע, אַ שוואַכע פלייצע אַן איינגעבויגענע. ס׳איז די פלייצע פון אַ תנאי, וואָס זיצט יומם ולילה איבערגעבויגן איבער די ספרים, און רק ער לערנט, רק ער גריבלט זיך און רק ער פאָרשט, און דעריבער איז זי שוואַך געוואָרן, איינגעבויגן געוואָרן.

און אָט דערזעט גרשון דעם פראָפיל פון נאָך איינעם, וואָס האָט אויפגעהערט שרייבן מיט זיין זייער דיקער און זייער גרויסער פאונטעין־פען, אָפגעקערט דאָס פנים אין אַ זייט און זיך פאַרטראַכט. עפעס זייער אַ לאַנגע נאָז פאַרמאָגט דער דאָזיקער איינער.

און די נאָז דאַכט זיך גרשונען אויס, ווי זי שעמט זיך, וואָס זי איז אַזוי לאַנג. דאָס איז געווען שכנא עפּשטיין, מיט די זייער געדיכטע העל־ברוינע ברעמען, מיט די הויכע שטערן־ווינקלען, מיט די קרייזלדיקע ברוינע האָר, מיט די באַברילטע שטאַרנדיקע ביר־אויגן...

און דאָ איילט אַריין אַ יונגערמאַן, אַ פינקלדיקער יונגערמאַן, וואָס ממש ס'שיסט פון אים מיט ענערגיע. ער איז ווי אָנגעלאָדן מיט זייער אַ סך עלעקטריציטעט. אַ מיטלגעוויקסיקער יונגערמאַן, וואָס זיין קערפּער מיט גוטער פּראָפּאָרציע פּילט אויס זייער גוט זיין בלויען געפּרעסטן אָנצוג אָן שום שניידערשע צוגעבעטקייטן. אַ שטאַרקן האַלדז פאַרמאָגט דער דאָזיקער פינקלדיקער יונגער־מאַן, שטאַרקע פּלייצעס, שוואַרצע האָר מיט זייער אַ לעבעדיקן סאַמעטן אָפּגלאַנץ, באַברילטע קיילעכדיקע שוואַרצע אויגן, און נאָר זיי פינקלען, און נאָר זיי פינקלען. די הויט פון זיין פּנים ברוין ווי אַ נוס. דאָס איז געווען פּסח נאָוויק, ווי גרשון האָט זיך דערנאָכדעם דערוווּסט.

און ווער נאָך איז דאָרטן געזעסן יענעם טאָג? ער געדענקט שוין נישט, גרשון. אפשר דער בלאָנדער, עלעגאַנטער יונגער אַל־מאַזאָוו? און אפשר אויך דער קלוג־שמייכלענדער גוח־לבריותדי־קער פּסח יודיטש?

און ביי גרשונען אין געדאַנק האָט זיך אָפּגעשטעלט די דאָ־זיקע סצענע אין דער רעדאַקציע פון דער „פרייהייט“, ווי אַ געמעל אויף אַ וואַנט, וואָס מען מאָלט אויס אין אַ שטאָט־געביידע צום אָנדענק פון אַ געוויסער פאַרגאַנגענער עפּאָכע. אין זיין געדאַנק זעט גרשון די ערשטע מיטאַרבעטער פון דער „פרייהייט“, אַ סך בלויז מיט זייערע פּלייצעס, אַ פּאָר מיט זייערע פּראָפילן, וואָס זיצן פאַר די טישן אַזוי ערנסט, אַזוי טיף־פאַרטאָן אין דעם שמאָלן שטיקל צימער, מיט די אָפּגעקראָכענע ווענט, מיט דער געדיכטער שטויבי־קער לופט, זייער אָרעם־באַצאָלטע, אָבער שרייבער מיט אַן אידע־אַל. יאָ, ווי אַ געמעל אויף אַ וואַנט, וואָס באַמאָלט געוויסע וויכ־טיקע עפּאָכעס, זעט גרשון די דאָזיקע סצענע פון די ערשטע מיט־אַרבעטער פון דער „פרייהייט“ פון וועלכע קלמן מרמר, משה אָל־גין, שכנא עפּשטיין, נ. בוכוואַלד, משה כץ, זענען שוין אָפּגעשיידט פון אונדז, די לעבעדיקע...

מיט אַ קינדער־מעשהלע אין בוזעם־קעשענע איז גרשון אַריינ־געגאַנגען אין דער רעדאַקציע פֿון דער „פֿרייהייט“. אָבער קיינער האָט אים נישט באַמערקט. ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער וואָלט דאָרטן געקאָנט אָפּשטיין אַ גאַנצן טאָג און קיינער וואָלט אים גישט באַמערקט. אַלע אַזוי אריינגעטאָן אין זייער שרייבן. און דער פּינקלדיקער יונגערמאַן, וואָס האָט שפּעטער זיך אַרויסגעוויזן צו זיין פּסח נאָוויק, האָט אים אויך נישט באַמערקט, זיך אנידער־געזעצט פֿאַרן טיש, אַרויסגענומען אַ פֿאונטעין־פּען, און גרשון האָט שוין בלויז געזען זיין פּלייצע, וואָס האָט גוט אויסגעפּילט זיין רעקל פֿון אַ בלויען געוואַנט. בלויז פּלייצעס און פּלייצעס, שטאַרק־קאָנצענטרירטע פּלייצעס. און גרשון שטייט דאָ ווי אַן אי־בעריקער. אין אַזאַ פֿאַל טוט מען אַ הוסט, האָט גרשון אַ הוסט געטאָן, און נישט איינמאָל, אוגטער משה כצם פּעסטער טאַטע־שער פּלייצע האָט ער אַ הוסט געטאָן. יענער האָט זיך אומגעקוקט, דערקענט דעם פֿאַרשוין, אַ שטראַל געטאָן צו אים מיט זיינע זייער לעבעדיקע און קלוגע גרויע אויגן. און זיך אָנגערופֿן עפּעס אין דער שטיל צו אָלגינען.

און פֿון אָלגינען האָט גרשון געהערט נאָך אין בעסאַראַביע, און דאָ אין אַמעריקע אוודאי און אוודאי. ער איז אויפֿגעקומען אין די מעשיות, וואָס האָט זיך דערציילט פֿון אים, אַלס אַ מענטש מיט גאונות אין אַלץ, וואָס ער טוט. דאָ אַלס שרייבער, דאָ אַלס מאַסן־רעדנער, דאָ אַלס לעקטאָר.

שטייט איצט גרשון פֿאַרן גאון, און דער גאון איז מיד, בלאַס און פֿאַרזאָרגט. אָבער ס'נעמט נישט לאַנג און ס'גיט עפּעס אַ קוועל אין דעם דאָזיקן מענטשן. אַ מין זעלטענער לעבנס־כוח גיט אַ קוועל, און ער איז אינגאַנצן קוועלנדיק. ס'קוועלן זיינע בלויע צעבליצטע אויגן אונטער די פּענסנע, ס'קוועלט זיין פּנים מיט אַ וואַרעמקייט, ממש, וואָס מען פּילט זי, ס'קוועלט זיין קול און ס'צעכוואַליעט זיך און ס'צעגיסט זיך.

גרשון האָט באַמערקט, אַז אָלגין טראָגט אַן אויסערגעוויינלעכן שיינעם קראַוואַט. די פֿאַרבן דערמאָגנען אין די קאָלירטע בלעטלעך אויף האַרבסטיקע ביימער (אַ שוואַכקייט צו שיינע קראַוואַטן האָט יענער געהאַט אַלע זיינע יאָרן). ער האָט זיך אַנטשולדיקט, אָלגין,

פֿאַרוואָס ער בעט נישט גרשונען זעצן. ס'איז נישט געווען קיין איבעריק בענקל. ער האָט זיך אויך אויפֿגעשטעלט צוליב דעם.

אָלגין האָט בלעטער געטאָן דאָס מעשהלע, וואָס גרשון האָט אים דערלאַנגט, געזאָגט, אַז ער זאָל דאָס איבערלאָזן, ער וועט שוין ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַריינקוקן און טאָן צו דעם רעכט. ער האָט אויך באַמערקט דערביי, אויף אַ פֿריינדלעכן אופֿן, אַז די האַנטשריפֿט איז נישט אַזוי אַי־אַי־אַי, אַז ס'וועט זיין אַ רחמנות אויף די זעצער, זיי וועלן זיך די אויגן ארויסנעמען, און זאָל ער, גרשון, פֿון היינט אָן און ווייטער אַכטונג געבן אויף זיין האַנטשריפֿט. ס'וועט זיין אַ גוטער פּרווו אין זעלבסט־דיסציפּלין...

מ. אָלגין האָט, ווייזט אויס, גלייך תופֿס געווען אונדזער בחור, אַז יענער איז גאָרנישט קיין גאָענטער מהותן מיט מעטאָדישקייט און דיסציפּלינירטקייט.

# ערשטער האָנאָראַר פון דער „פרייהייט“

ס׳ברענט דער פראָסט גאָר אויף אַ גרויסן אופן, אָבער גרשונען איז וואַרעם. ס׳וואַרעמט אים די פרייד: ער גייט איצט אין דער „פרייהייט“ נאָך האָנאָראַר. אָלגין אַליין האָט געזאָגט, אַז זאָל ער קימען שבת אין הער רעדאַקציע, וועט ער אים געבן אַ צעטעלע צום פאַרוואַלטער, יענער זאָל אים געבן אַ צענערל. קומען קומט שוין גרשונען פינף צענערלעך פאַר פינף מעשהלעך. אָבער אַז ס׳איז אַזוי ענג דער „פרייהייט“ אין געלט... דאָס מאָל וועט שוין אָלגין זיך סטאַרען מען זאָל אים כאָטש געבן אַ צענערל.

ער זעט שוין, גרשון, אַז ער וואַקסט אַ שרייבער ביי ייִדן. אומעטום מאָנט מען ביי אים מעשהלעך: אין דער „פרייהייט“ און אין דעם „קינדער־זשורנאַל“. מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, ווען דער זייער רירעוודיקער און חנעוודיקער יהושע קאַמינסקי פון „קינדער־זשורנאַל“ האָט זיך גענויטיקט אין אַ חנוכה־מעשהלע, איז ער גאָר געפאַלן אויף אַזאַ המצאה: גענומען גרשונען אַהיים צו זיך און דאָרטן האָט זיין פרוי, אַ שטאַלטנע, אַ הויכע מיט ווייכע בלויע, מאַמעשע אויגן, ווען קאַמינסקי האָט טאַקע צערטלעך גערופן: „מאַמעלע“, אָפּגעבאַקן מילכיקע בלינצעס. גרשון האָט גאָר קיינמאָל אין זיין לעבן נישט פאַרזוכט אַזוינע געשמאַקע מילכיקע בלינצעס. זיי זענען נישט געוואָרן אין מויל פון זיך אַליין. מען האָט זיי גאָרנישט געדאַרפט קייען. דערנאָך האָט אים קאַמינסקי אַריינגעפירט אין צווייטן צימער, און אים געזאָגט, אַז ער וועט אים דאָ איבערלאָזן און פאַרשליסן די טיר, ביז ער וועט נישט אָנשרייבן פאַרן „קינדער־זשורנאַל“ אַ חנוכה־מעשהלע. אַ פאַרשפּאַרטער, אַ געצוווּנגענער כלומרשט, אָבער אַ דערהויבענער און אינספּירירטער, האָט גרשון אָנגעשריבן דאָרטן דאָס חנוכה־מעשהלע „אַ שיסעלע מיט בוימל“, וואָס איז גאָרנישט אַריין אין „קינדער־

זשורנאַל“. ער געדענקט שוין נישט די סיבה, אָבער דערפֿאַר איז דאָס אַריין אין איינעם פֿון זיינע צוויי בענד קינדער־מעשׂהלעך, און אויך אין אַ טעקסט־בוך פֿאַר די יידישע קינדער־שולן — און אויך אין אַן ענגלישער אַנטאַלאָגיע, וואָס דער „פּרדס“ (פּאַרדעס)־פֿאַרלאַג האָט שפּעטער מיט יאָרן אַרויסגעגעבן (הגם זייער נישט געראָטן איבערגעזעצט).

יאָ, גרשונס געשעפֿטן אַלס יידישער שרייבער גייען זייער גוט, אָבער דער ייד פֿון דער קליידער־קראָם פֿאַר מענער, אויף טאַטפּאַרד עוועניו — בערנאַרד גראָספעלד איז זיין נאָמען — האַלט אין איין גיסן אויף אים קאַלטע וואַסער. דער דאָזיקער בערנאַרד גראָספעלד, אַן אָפּגעהיטער, אַ ציכטיקער, שטענדיק אָנגעטאָן, ווי צו אַ קאָנטעסט פֿון בעסט־געקליידעטן מאַן, און וואָס אַליין האָט ער גאָר ליב געהאַט אַריינצוקוקן אין אַ יידיש בוך, און פֿאַרמאָגט ביי זיך אין הויז אַ פֿיינע ביבליאָטעק, האָט פּשוט אָפּגעחוזקט פֿון גרשונס שרייבערישע דערפֿאָלגן. ער האָט אים נביאות געזאָגט, גרשונען, אַז ער וועט זיך אָפּשפּאָרן פֿון זיין שרייבן אַ פֿיינעם אַלטער.

— איך קאָן דיך שוין זען — האָבן זיינע גרויסע ברוינע אויגן ווי געחוזקט, ווי געטרויערט, — אַ קבצן שבקבצן, וועסט שטענדיק זוכן אַ הלוואהלע, אָפּפּאַסטן אַ טאָג וועט ביי דיר זיין אַ געוויינלעכע זאַך, און דער מאָגן וועט ביי דיר זיין, ווי ביי יענעם תּנאי אין דער גמרא, ווי הייסט ער דאָרטן, וואָס ווען ער איז געגאַנגען אין בית־הכּסא, זאָלסט מיר מוחל זיין, האָט מען אַפֿילו אין גרעסטן יאַריד געהערט זיינע געוואַלדן, ווייל ער האָט מסתּמא געהאַט דעם ריכטיקן אַלסער...

יאָ, ס'קנאַקט דער אמתער פֿראָסט, אָבער גרשונען איז וואַרעם. ס'וואַרעמט אים די פֿרייד: ער גייט איצט אין דער „פֿרייהייט“ אָפּנעמען דעם האָנאָראַר, אַ גאַנץ צענערל. ס'איז שבת אין דער רעדאַקציע — ממש מען צערייסט זיך, מען דאַרף אַרויסגעבן דעם זונטיק־נומער. אָלגין איז איצט גאָרנישט אין קיין קוועלנדיקער שטימונג. ס'פֿילט זיך אַ נערוועזקייט אין אים. גרשון האָט איצט מורא צו גיין צו אים. אָבער אָלגין, אויפֿשטייענדיק פֿון זיין בענקל, און זיך לאָזנדיק אין דער דרוקעריי, האָט באַמערקט אונדזער בחור, זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— א, יאָ, אַ צעטעלע מען זאָל אייך געבן אַ צענערל.

* * *

אַ שאָד געווען, געדאַרפט דאָס צעטעלע באַהאַלטן און דאָס אָפּהיטן אַלס אַ זכר (זעיכער). ווייל גרשון האָט דאָך במילא נישט געקראָגן דאָס צענערל. דאָס הייסט, געקראָגן האָט ער דאָס יאָ, אָבער לאָמיר נישט פאַרלויפן דעם וועג... יאָ, געווען געדאַרפט דאָס צעטעלע באַהאַלטן. ס'וואָלט איצט געווען אַ היסטאָריש צעטעלע... און וואָס פאַר אַ ווונדערלעכע האַנטשריפט דער דאָזיקער אָלגין האָט פאַרמאָגט. יעדער אות האָט ממש געזונגען. די וואָס קאָנען דערקענען כאַראַקטער־שטריכן לויט איינעמס האַנטשריפט, וואָלטן מסתמא געקאָנט דערקענען אָלגינס כוח פון זעלטענער גוטער קאָאָרדינירונג און שאַרפער עמפּינדלעכקייט.

מיטן צעטעלע אין דער האַנט האָט גרשון געאײַלט צו קריסטי סטריט, ווו ס'האָט זיך געפונען די פאַרוואַלטונג פון דער „פרײַהייט", און אויפן וועג דערוויילע זיך געאַמפּערט מיט זיך אַליין בנוגע דעם צענערל: צי זאָל ער אָפּגעבן די גאַנצע הלוואה וואָס ער האָט געמאַכט ביי גראָספעלדן, דאָס הייסט, דאָס גאַנצע צענערל, צי זאָל ער אים געבן בלויז אַ פינפערל, און דאָס 2־טע פינפערל געבן דער מיסעס סיגל על חשבון ה'רענט (דירה־געלט), צי זאָל ער אפשר גאָר איינגאַנצן נישט אָפּצאָלן קיין חובות איצט, נאָר דאָס האַלטן אויף זיינע טאָג־טעגלעכע באַדערפעניש, ווען ער גישט דאַרפן אָנקומען צו זיין שוועסטער רחל, וועמען ער איז שולדיק אַזויפיל געלט... און אפשר גאָר זיך קויפן אַ פאָר הענטשקעס. ס'גלוסט זיך אים זייער אַ פאָר הענטשקעס. נאָך אין בערשאַד מקנא געווען בחורים וואָס טראָגן הענטשקעס...

און דער דעמלטיקער פאַרוואַלטער פון דער „פרייהייט", זייער אַ פולער און זייער אַ קיילעכדיקער, האָט אַ קוק געטאָן אויף גרשונען, ווי אויף אַ שונא, ווען יענער האָט אים דערלאַנגט דאָס צעטעלע, אָבער ער האָט נעבעך געמוזט אָנשרייבן אַ טשעק. וואָלט גרשון געווען געטאָן זייער־קלוג דעמלט, ווען ער זאָל זיך געווען מיטן טשעק גלייך אַרויסגעלאָזט אינדרויסן — איז אָבער זיין נייגעריקייט... ער זעט עפּעס, ווי ס'קומען אַלע וויל אַריין מענטשן,

אַ סך מענטשן און לאָזן זיך אין גרויסן צימער, וואָס איז אַ מין זאַל. וויל גרשון וויסן, וואָס אַזוינס לאָזט מען זיך אַהינצו און ער גייט אויך אַריין אַהין. דערוויסט ער זיך גלייך, אַז באַלד דאַרף פאָרקומען אַ מיטינג פון די „פרייהייט"־טוער און שטיצער. וואָלט ער דעמלט אויך געוועז געטאָן זייער קלוג, ווען ער גייט גלייך אַוועק — איז ווידער אַמאָל די נייגעריקייט... ס'ווילט זיך וויסן, וואָס אַזוינס פאַראַ מיטינג אין אַ שבת נאָכמיטאָג, און בכלל זיך צוקוקן, ווי אַזוי אַ מיטינג וועגן דער „פרייהייט" גייט צו...

און אָט עפנט דער פאָרזיצער דעם מיטינג. און דער פאָרזיצער איז דער זעלבער, זייער קיילעכדיקער און זייער פולער פאַרוואַלטער. ס'איז גאָר אַן „עמווירדזשענסי מיטינג", אַ נויט־געפאַר־מיטינג. די „פרייהייט" האַלט זייער שמאָל, פשוט ביים פאַרמאַכן זיך. מען מוז זי גלייך ראַטעווען. גלייך אויפן אָרט דאַרף מען שאַפן געלט...

און די מענטשן אויפן מיטינג זענען גאָלע אַרבעטער, שווערע אַרבעטער, מען קאָן שוין דערקענען לויט זייערע פנימער, לויט זייערע הענט, לויט זייער הולך. אָבער מען גיט. מען נעמט אַרויס פון די קעשענעס די באַרימטע שכירות־קאָנווערטלעך, וואָס מען פלעגט דעמלט, און אפשר איצטער אויך, אַרויסגעבן אין די שעפער פאַר אַ וואָך אַרבעט. מען טיילט אָפּ פון די שכירות־קאָנווערטלעך, דער — אַ פינפערל, דער — אַ צענערל, און דער — אַ גאַנצן צוואַנציקער, אַ א פאָר גאָר — דאָס גאַנצע קאָנווערטל מיט די שכירות...

פילט זיך שוין אונדזער בחור אַזוי פאַרשעמט, וואָס גראָדע איצטער אין דער נויט־געפאַר פאַר דער „פרייהייט" האָט ער אַרויסגעריסן אַ בלוטיק צענערל, און ער האָט שוין איצט גוט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער פאַרוואַלטער האָט אויף אים אַ קוק געטאָן, ווי אויף אַ שונא. ער איז טאַקע אַ שונא... אַ פאָלקס־שונא...

* *

און איר שטויסט זיך שוין אָן מסתמא אַליין, וואָס גרשון האָט געטאָן... געלאָזט האָט זיך אונדזער בחור אַהיים קיין בראָנזוויל, ווי אַזוי ער איז געקומען, דאָס הייסט, נקי, ליידיק... און כדי צו

פאַרגיטיקן זיך, האָט ער קומענדיק אַהיים, זיך געזעצט פאַרן טיש און אָנגעשריבן אַ נייע מעשה. געבראַכט זי צו אָלגינען, און ער האָט ווידער צוגעזאָגט אַ צענערל האָנאָראַר, און ווידער איז דאָס געבליבן בלויז צוגעזאָגט... און אָט אַזוי צענדליקער און צענדליקער מעשיות, און אפשר גאָר הונדערטער און הונדערטער, מען וואָלט אַמאָל געדאַרפט מאַכן אַ חשבון...

# דער אַראָמאַט פון יידישן וואָרט...

פּאַרטאָג... דער וועקזייגער רייסט אויף פון שלאָף... אַ פּחד אין האַרצן... נישטאָ קיין דזשאַב... ס'איז אַזוי קאַלט אינדרויסן... ער לויפט מיט אַלעמען גלייך, גרשון, אין דעם פינצטערן פאַרטאָג צו דער באַן. אויפן וועג קויפט ער אַ „מאָרגן זשורנאַל“. אין וואַגאָן שלינגען די אויגן די קאָלומס מיט די דריבנע אותיותלעך אין אָפּטיילונג פון „אַרבעטער פאַרלאַנגט“... און שטענדיק פאַרלאַנגט מען נישט אים. ווען ער זאָל זיין דער איינציקער, וואָס יאַוועט זיך אַלס קאַנדידאַט אויף אַ דזשאַב, וואָלט מען בלי שום ברירה אים פאַרלאַנגט. שטענדיק אָבער אויף איין דזשאַב — ממש צענדליקער קאַנדידאַטן...

דער אינדרויסן איז קאַלט, כמורנע, שטויביק, ברודיק. טראַסקענדיק, בריאַזגענדיק, אייליק שמייאיק... דער אינדרויסן איז אַ צעמישונג, אַ צעטומלעניש...

דער ברוינער מאַנטל מיטן פּאַסיק אַרום דער טאַליע, וואָס די שוועסטער האָט אים געקויפט, ווען ער איז נאָר אָנגעקומען קיין אַמעריקע — איז שוין געווען אָפּגעריבן; דער ברוינער קאַפּעליוש, דער ערשטער קאַפּעליוש, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיין לעבן — צעקנייטשט, איינגעפאַלן; די ברוינע שיך מיט די שמאָלע לאַנגע נעזער זענען שוין געווען אָפּגעטראָגן, אָפּגעשיילט... און דאָ אויף קאַנעל סטריט נישט ווייט פון דער באַוערי לעבן אַ קליידער־קראָם איז שטענדיק געשטאַנען איינער אַ פּאַרשוין מיט אַ גראָבער נאָז געדיכט באַשפּרענקלט מיט רויטע ווייַנפּערלעך, מיט אַ ברייט מויל, וואָס שטענדיק לאַכט עס, מיט צעשויבערטע שוואַרצע ברעמען, געדיכט ווי בערשטלעך, און האָט גרשונען רק געוואָלט כאַפּן. דאָס ערשטע מאָל, ווען אונדזער בחור האָט זיך נישט געריכט אויף דעם, האָט ער אים טאַקע געכאַפּט ביי דער טאַליע, אים געכאַפּט און

אים אָנגעהויבן צו שלעפּן צו דער טיר פון דער קראָם. ס'איז פאַר־געקומען אַזוי פּלוצלונג, אַז גרשון האָט זיך אַזש דערשראָקן. נישט קיקנדיק אויף דעם וואָס זיין קול איז געווען גראַדע גוטמוטיק, און זיין ברייט מויל האָט נישט אויפגעהערט ליבלעך צו לאַכן. דאָס האָט דער פאַרשוין מיט דער גראָבער נאָז אים געוואָלט באַגליקן מיט אַ גוטן גייעם מאַנטל שפּאָט־ביליק. אָבער צוליב וואָס דאַרף ער אים שלעפּן, ממש מיט געוואַלט געשלעפּט. אונדזער בחור האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון זיינע שטאַרקע הענט...

און גראָד איז אויסגעקומען גרשונען פאַרבייגיין דעם דאָזיקן פאַרשוין לעבן דער קליידער־קראָם אויף קאַנעל סטריט כמעט יעדן טאָג, און כמעט יעדן טאָג האָט אים יענער געוואָלט כאַפּן... ס'איז שוין, וויזט אויס, געווען נישט צוליב פאַרקויפן אַ מאַנטל, נאָר פשוט זיך אַ ביסעלע אָנלאַכן פון דער אָרעם־געקליידעטן גרשונען...

צוליב וואָס זשע האָט ער געדאַרפט גיין אויף דעם בלאָק, ער האָט דאָך אים געקאָנט אויסמיידן? איז דאָס אָבער צוליב דער פעדלערקע מיט די האָט־דאָגס נישט ווייט פון דער קליידער־קראָם. אַ האָט־דאָג (אַ פראַנקפורטל) אריינגעשטעקט צווישן אַ צעשפּאָל־טענעם שמאָלן און לענגלעכן זעמל און נאָך באַלייגט מיט אַ סך זויערקרויט, האָט געקאָסט דאָ אויף קאַנעל סטריט אַ ניקל. פאַר וואָכן איז דאָס געווען זיין איינציקער מיטאָג אין יענער אַרבעטס־לאָזער צייט. דעם האָט־דאָג מיט אַ סך זויערקרויט האָט ער אויפ־געגעסן טאַקע אויף דער גאַס אין פראָסט; און ס'איז גאַרנישט גע־ווען אַזוי שלעכט. די איינציקע זאַך, וואָס ס'האָט געוואַלדיק פאַר־שאַרפט דעם אַפּעטיט און ס'האָט זיך ערשט דערנאָכדעם געוואָלט עסן און עסן... דערפאַר אָבער האָט ער פאַרביסן מיט דער יידישער ליטעראַטור אין דער ביבליאָטעק אויף איסט־בראָדוויי, טאַקע נישט ווייט פון „פאָרווערטס“...

און ס'איז נאָך אַ מחיה וואָרעם דאָרטן אויך, און אַז מען קומט אַריין פון שטאַרק קאַלטן אינדרויסן, גיבן אַזש אַ ציטער די צונעפּדוירענע ביינער פון פרייד... און — אַזוי פיל פּאָליצעס מיט יידישע ביכער, כמעט העכער אַ האַלבן זאַל, וואָס איז אָנגעשטעלט מיט פּאָליצעס יידישע ביכער, און גרשון האָט דאָך געהאַט אַ משוּ־גהדיקע גלוסטונג צום לייענען נאָך פון קינדהייט אָן. אַלס אַ ייִנגל, ווען ס'איז נאָך נישט געווען נחום באַנאָמאַלסקים ביבליאָטעק אין

בערשאַד, האָט ער איבערגעלייענט עטלעכע מאָל דער מאַמעס צאינה וראינה, און דאָס עברי־טייטש, וואָס איז געווען אויף דער צווייטער העלפט פון בלעטל אין די אַמאָליקע געגנ פסוקים, „שוואַר בע" האָט מען זיי דאַכט זיך גערופן (עשרים וארבע), איידער נאָך דער רבי האָט מיט אים געלערנט יהושע בן נון, שופטים, שמואל א', שמואל ב', מלכים, האָט שוין אונדזער בחור זיך באַקאַנט מיט אַלע די אַלע טוואונגען אין די פסוקים, לייענענדיק דעם עברי־טייטש.

און אַז ס'האָט זיך אויפגעעפנט נחום באַגאַמאָלסקים ביבליאָ־טעק איז אוודאי געווען אַ גרויסער גליק. אָבער ס'האָט נישט גע־נומען לאַנג און ס'איז געוואָרן אוים גרויסער גליק. גרשון האָט פשוט איינגיכן אויסגעלייענט אַלע יידישע ביכער אין נחום באַגאַ־מאָלסקים ביבליאָטעק, געווען נישט מערער אַ פינף און זיבעציק אָדער הונדערט יידישע ביכער. דאָ קומט ער קיין אַמעריקע אין דער ביבליאָטעק אויף איסט־בראָדוועי און אַזאַ רייכקייט דאָ פון דער יידישער ליטעראַטור, און אַזויפיל שרייבער, פון וועלכע ער האָט נאָך ביז אַהער נישט געהערט. פון קאָבריינען, פ. ליבינען, פון ראַבאָיען, פון משה נאַדירן, פון ברוך גלאַזמאַנען, און פון נאָך און נאָך שרייבער, וואָס זענען אויפגעקומען אויף דעם אַמעריקאַנער באָדן פון די „יונגע" און פון די „אינזיכיסטן" און פון אַלע אַנדערע יידישע פּאָעטן, וואָס האָבן געגעבן אַ וואַקס אוים אין אַמעריקע ערשטע פאַר די לעצטע צען, פופצן יאָר, האָט ער אוודאי נאָך נישט געהערט.

און ס'איז נאָך געבליבן גרשונען ביז היינט צו טאָג דער טעם פון יענע טעג אין דער יידישער אָפּטיילונג פון דער ביבליאָטעק אויף איסט בראָדוועי. ער עפנט אַ בוך פון אַ מאני לייב, למשל, און ס'הייבט אָן צו שמעקן דאָס יידישע וואָרט מיט די זעלטענע טייערע ריחות, הייבט אָן זינגען דאָס יידישע וואָרט מיט וואונדער־לעכע כישופדיקע קלאַנגען:

בלימעלעך, קרענצעלעך מאָלט אויף די שויבן דער פראָסט,
און אין דעם קוימען, דער ווינט אַזוי וואָיענדיק בלאָזט, —
גוט איז אונדז ביים פרייַלעכן פייער אין הויז!
ביזקל דער נאַפּט אין דעם שטילינקן לעמפּל גייט אויס,

ביזקל דער זייגער טוט ברוגזלעך שעפּטשענען: — „שפּעט“,
צייט שוין צו ליגן אין וויכן, וואַרעמען בעט“.

ווען איך ביים וואַיענדיקן בלאָזן פון ווינט
מעשהלעך, לידעלעך זינגען, דערציילן מיין קינד.
אין אַזאַ נאַכט האָט אין וועג זיך געלאָזט אַ ייד,
אונטערן אָרעם אַ פּעקל. טויט הונגעריק, מיד....

. . . . . . . . . . . . . . . . .

איז דען נאָר פון מאַני לייבס אַ בוך האָט אָנגעהויבן שמעקן
דאָס יידישע וואָרט מיט די זעלטנסטע טייערסטע ריחות, און ס'האָט
אָנגעהויבן צו זינגען מיט די וואונדערלעכסטע כישופדיקע קלאַנגען?
פון אַ סך, אַ סך דיכטער און פּאָעזיע און אין פּראָזע, וואָס זענען
אויפגעקומען אויפן אַמעריקאַנער באָדן, און וועמענס ביכער גרשון
האָט איצטער געלייענט אין דער ביבליאָטעק אויף איסט בראָ-
דוועי...

און אָט אַזוי יעדן טאָג כמעט, ווי נאָך אַ דזשאָב זוכענישן אָן
רעזולטאַטן, אַז דער וועג האָט געפירט צו דער ביבליאָטעק אויף
איסט בראָדוועי. און אויב גרשון אָן אַ דזשאָב, און אין אָפּגעריי-
בענע קליידער האָט זיך געפילט געפאַלן ביי זיך, נישטיק און קליין,
איז דאָס געווען בלויז ביז ער איז דערגאַנגען צו דער ביבליאָ-
טעק אויף איסט בראָדוועי, ביז ער איז אַריין אינעווייניק...

אינעווייניק האָט ער צוריק דערפילט דעם אייגענעם כוח, דעם
גלויבן אין זיך. אינעווייניק האָט גרשון געטרוימט וועגן דער צייט,
ווען זיין אייגענער פאַרפאַסטער בוך וועט פאַרנעמען אַ פּלאַץ ער-
גערץ אויף אַ פּאָליצע צווישן אַנדערע ביכער... איז דען דאָ אויף דער
וועלט אַ גרעסערער גליק, ווי צו זיין אַ שרייבער, פאַרפאַסן ביכער,
און מענטשן זאָלן קומען און לייענען דיינע ביכער, און ווערן דער-
הויבן פון דיינע שאַפונגען? אי, וואָס מען האָט אַ חוץ אַ „האַט-
דאָג“ מיט זויער קרויט נישט געהאַט קיין אַנדער זאַך אין מויל?
איז מען דאָך יונג און די גלוסטונג צו ביכער שטאַרקט נאָך אַרי-
בער דעם הונגער, און ער זעטיקט זיך מיט די ווערק פון די וווּנ-

דערלעבע יידישע שרייבער, וואָס גרשון וועט אפשר מיט דער צייט ווערן אַ קאָלעגע צו זיי, איינער פון דער משפּחה...

וואָס מען דאַרף נאָך טאָן, איז זיך אָננעמען מיט מוט און אַריינגיין אין „קאַפּע אייראָפּע“, ווו כמעט אַלע, וועמענס ווערק ער לייענט דאָ אין דער ביבליאָטעק, קומען זיך צונויף...

ער וועט דאָס אפשר טאָן אין איינעם פון די טעג...

# ס׳ערשטע מאָל אין „קאַפע איראָפּע“

פאַר דער שרייבערשער וועלט, אַז מען האָט געזאָגט: „איסט בראָדוועי“, האָט מען געמיינט בלויז צוויי בלאָק. דער בלאָק וווּ ס׳האָבן זיך געפונען די רעדאַקציעס פון די יידישע צייטונגען, און דער צווייטער בלאָק, וווּ ס׳האָט זיך געפונען די „קאַפע איראָפּע“... אַרום און אַרום האָט זיך געהויבן און געוויגט, געקאָכט און געזידט די פּיל־פעלקערדיקע איסט־סאַיד, מיט די הושבדיקע טענעמענט־הייזער, מיט די טויזנט שטריק אין דער הויך איבער די הויפן, באַהאָנגענע מיט וועש אויף זיך צו טריקענען; די איסט־סאַיד מיט די פושקאַרטס, געשטעלן, וועגענער, טראַמוואַיען, טראָקס און אויטאָמאָבילן, און מיט דעם גערייד, געשרייען, געוויינען, געלעכטערס אויף צענדליקער שפּראַכן... דאָ, אויף איסט־בראָדוועי, האָט אויך געקאָכט און געזידט, אָבער צווישן די פאַרבייגייער האָט מען אויך געקענט זען דורכשפּאַנען אַזוינע מענטשן, וואָס האָבן גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט דער האַוועניש און שמייעניש פון דעם אַרום... פריער מיט יאָרן, האָט מען דאָ געזען דורכשפּאַנען אַזוינע געשטאַלטן, וואָס זענען שוין אַריין אין דער געשיכטע: אַ שלום־עליכם, אַ יעקב גאָרדין, אַ מאָריס ראָזענפעלד, אַ באָראָכאָוו, אַ פּי־ליפּ קראַנץ. איצט, אין גרשונס צייטן, האָט מען געזען דורכשפּאַנען אַ גייעם דור יידישע שרייבער און דענקער, וואָס האָבן אין דער שטיינערדיקער ערד פון ניו יאָרק פאַרפלאַנצט ממש אַ גאַנצן וואַלד פון דער יידישער ליטעראַטור.

ווי אַזוי וועלן שפּעטער די היסטאָריקער אָנרופן די דאָזיקע עפּאָכע? ווער ווייסט? וועט גרשונען אויך זיין באַשערט צו פאַר־פלאַנצן עפּעס אַ שטאַרקן בוים אין וואַלד פון דער יידישער ליטע־ראַטור? ווער ווייסט?

* * *

און אַט קומט צו אונדזער בחור אין איינעם אַ ווינטערדיקן כמורנעם טאָג צו די טרעפּ פון „קאַפע אייראָפּע“. אייזערנע טרעפּ, ברודיקע טרעפּ, אַ רויטלעך באַמאָלן גרויס פענצטער מיט יידישע אותיות: „קאַפע אייראָפּע“ קוקט פון ערשטן שטאָק צום אינדרויסן מיט די אָפּגעקראָכענע, אָפּגעלישעטע הייזער. „קאַפע אייראָפּע“ געפינט זיך אויך אין אַן אָפּגעקראָכן, אָפּגעלישעט הויז, אַ רויט-ציגלדיק הויז.

ס'ערשטע מאָל, ווי גרשון וואַגט אַרייננגיין אין דעם דאָזיקן אָרט, וו ס'פאַרזאַמלען זיך די סופרים (סאָפרים — שרייבער) פון יידישן פאָלק אין אַמעריקע...

ער עפנט די טיר.. פאַוואָליע עפנט ער זי. ס'גיט אַ יאָג אויף אים אַ היץ און אַ טומל... די קאַפע איז פול, אַלע טישלעך זענען באַזעצט. ביי יעדן טישל אַמפּערט מען זיך. און כאָטש מען איז אַלע פאַרטאָן אין אַמפּערן זיך, פונדעסטוועגן באַמערקט מען דעם ערשט-אַריינגעקומענעם, מען טוט וואַרפן בליקן צו אים, פרעגנ-דיקע בליקן. מען נעמט אים דורך און דורך: ווער איז דער דאָזי-קער פאַרשוין? אפשר דער המשך? דאָס הייסט אַן אָנפאַנגער שרייבער, וואָס וועט ווערט זיין צו ציען ווייטער דעם פאָדים פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע? אָדער אפשר גלאַט אַזוי אַ נייגעריקער?... די דאָזיקע בליקן — ווי זיי שטעכן גרשונען. ער האָט שוין חרטה אויף דעם גאַנצן עסק. אַ גליק, וואָס ער באַ-מערקט סאַמע אין צווייטן עק פון דער קאַפע אַ ליידיק טישל, און ער אײַלט אַוועק אַהין.

(אין יענע יאָרן איז נישט געווען קיין נייעס, ווען מיטאַמאָל האָט זיך געעפנט די טיר פון „קאַפע אייראָפּע“ און ס'האָט זיך באַוויזן אַ ניי פּנים, אַ יונג פּנים, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַן אָנפאַנגער-שרייבער און מיט דער צייט געוואָרן איינער פון המשך).

דער ווײַטער איז צוגעגאַנגען צו זיין טישל, אַ מידער און בלאַסער ווײַטער. און אַ ווײַטער דאַרף דאָך שמייכלען — און יענער האָט נישט געקאָנט שמייכלען, דערפאַר האָט ער געקאָנט

קוקן אויף אייך מיט געבעט אין זיינע שוואַרצע אויגן, און ווי זיי האָבן געזאָגט, זיינע אויגן: „איר וועט מיר מוחל זיין, וואָס איך שמייכל נישט. אויסגעמאַטערט שטאַרק, אָבער מיין האַרץ איז גוט צו אייך“.

גרשון האָט באַשטעלט ביי אים אַ גלאָז טיי מיט קיכלעך. ער וואָלט אפשר באַשטעלט אַ וואָגיקערן מאָלצייט, אָבער לאָ עליכם, נישט געווען גענוג מינץ. מיט דער צייט, ווען ער איז געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער אין דעם פּלאַן, האָט ער אויסגעפונען, אַז מען קאָן דאָ עסן אויף באָרג. די באַלעבאָסטע, פרוי גאָלוביצקאַ, האָט געבאָרגט יעדן איינעם שרייבער. זי האָט נאָר פאַרשריבן דעם חוב אין אַ דיקן העפט. ווען די קאַפּע האָט זיך פאַרמאַכט איז איר געבליבן דער דאָזיקער דיקער העפט אינגאַנצן פאַרשריבן מיט נישט אָפּגעצאָלטע געבאָרגטע מאָלציייטן, וואָס האָבן באַטראָפן ווער ווייסט וויפל הונדערטער. עלטערע שרייבער, די איינגעפונדעוועטע, וואָס האָבן געאַרבעט אין די צייטונגען, האָבן נישט געדאַרפט ביי איר באָרגן. געבאָרגט האָבן ס'רוב די אָנפאַנגער שרייבער. און כאָטש ווען אַן אָנפאַנגער איז צום ערשטן מאָל אַריינגעקומען, און זי האָט שוין געוווסט פון דערפאַרונג, אַז דאָ קומט אַריין אַ נייער באָרגער, פונדעסטוועגן האָט זי אים מיט אַזויפיל וואַרעמקייט אויפגענומען, געשמייכלט צו אים מיט אירע גליענדיקע, קלוגע און טרויעריקע שוואַרצע אויגן, און מיט אירע שעמעוודיקע אויסגעבלייכטע ליפּן. אָט אַזוי האָט זי טאַקע אויך געשמייכלט צו גרשונען, און האָט אַוודאי אין אים דערקענט זייער שנעל לויט זיין הולך, לויט זיין מאָגערקייט, לויט זיינע הונגעריקע אויגן, אַז דער דאָזיקער בחור וועט שוין מסתמא זיין אַ וואַזשנער באָרגער... און ס'איז טאַקע אַזוי געווען...

און זיצנדיק אַזוי ביים טישל לעבן זיין גלאָז טיי און קיכלעך, אַ פרעמדער און אַ ווייטער צו די אַלע מענטשן דאָ ביי די אַנדערע טישלעך, האָט זיך אונדזער גרשון אַוודאי נישט געריכט, אַז ס'וועט צו אים צוגיין אַ געשטאַלט, און ס'וועט אויסקומען, ווי למשל, אברהם אבינו פון חומש זאָל צו אים צוגיין. די דאָזיקע געשטאַלט האָט אויך געהייסן אברהם און גרשון האָט אים געקאָנט אָנרופן: „אבינו“ — אונדזער פאָטער, איינער פון די אבות פון דער יידי-

שער ליטעראַטור... יאָ, א ב ר ה ם  ר י י ז ע ן איז צו אים צוגעגאַנגען... און זיין בילד האָט דאָך גרשון נישט איינמאָל געזען סיי אויף די לשנה טובה קאַרטלעך, סיי אין רייזענס ביכער, און זיינע לידער „הוליעט, הוליעט" און „מאי קא משמע לן" האָט ער דאָך נישט איינמאָל געזונגען. און זיינע דערציילונגען האָט ער דאָך נישט איינמאָל געלייענט אויף די קלעצער פאַר זיין טאַטנס הויז, ווען ער איז געווען אַ יינגל, און שטענדיק נאָכן לייענען איז געבליבן אַ וואונדערלעכער געפיל, אַ געפיל, וואָס מאַכט דעם מענטשן צו טראַכטן דערהויבנדיקע מחשבות... וואָלט גרשון זיך אַמאָל געריכט אין בערשאַד, אַז ער וועט רעדן צו אברהם רייזענען, ווי איין מענטש רעדט צום צווייטן? אויף די לשנה טובה קאַרטלעך האָט ער אויסגעזען אַזוי יונג, בליצנדיק. איצטער האָט ער שוין נישט אויסגעקוקט אַזוי יונג, אָבער נאָך אַלץ בליצנדיק. אַ שלאַנקער, מאַגערער, ברוין-הויטיקער אברהם רייזען, מיט איינגעפאַלענע באַקן, מיט שמאָלע אָבער זייער אינטענסיווע שוואַרצע פייערלעך אין זיינע אויגן. אויגן, וואָס זאָגן אי רחמים (דערבאַרעמונג), אי חכמה, אי נייגעריקייט, גוטע נייגעריקייט. געווען נייגעריק, ווער אַזוינער איז גרשון, וואָס איז נאָר-וואָס אַריינגעקומען אין קאַפע. אויך האָט ער פאַרשטאַנען מיט זיין גוטער מענטשלעכער פאַרשטענדיקייט, אַז דער דאָזיקער ערשט אַריינגעקומענער, וואָס איז אפשר אַן אָנגעהענגער-שרייבער, דאַרף זיך פילן זייער שלעכט, איינער אליין ביי אַ טישל, איז ער צוגעגאַנגען צו אים אָפּגעבן שלום, און אויב אַפילו ער איז נישט קיין אָנפאַנגער שרייבער, איז דאָך סיי ווי סיי אַ מצווה אָפּגעבן אַ יידן שלום עליכם...

אברהם רייזען האָט גרשונען געפרעגט, ווער ער איז, פון וועלכן לאַנד ער קומט, געזאָגט אז ער האָט שוין געלייענט גרשונס מעשיות און: — גוט, גוט!

ס'איז אונדזער בחור געוואָרן זייער וואַרעם. ס'איז אויסגעקומען, ווי אַברהם רייזען האָט אים ערשט געזאלבט פאַר אַ שרייבער, און אים אַריינגענומען אין דער געמיינשאַפט פון אַלע דאָ אין קאַפע איראָפּע...

אברהם רייזען איז אַוועק צו אַן אַנדער טישל און ביי גרשונען האָט לאַנג, לאַנג שטאַרק געקלאַפּט דאָס האַרץ...

און ווער איז דער? און ווער איז יענער? גרשון קען דאָ קיינעם נישט אַ חוץ אברהם רייזען, אָבער ער פילט, אַז דאָס דאַרפֿן זיין זייער טאַלאַנטפֿולע שרייבער. מען דערקענט דאָס לויט דעם פֿייער אין די אויגן, לויט די זייער לעבעדיקע און אויסדרוקספֿולע פּנימער... און אַזוי פֿיל יונגע מענטשן דאָ און כמעט אַלע שטראַלנדיקע, און כמעט אַלע צעשיינט מיט ליכטיקייט און שיינקייט פֿון טאַלאַנט — פּרינצן פֿון דער יידישער ליטעראַטור...

# די גאָר יונגינקע שרייבער...

ואלו שמות — און דאָס זענען די נעמען פון די גאָר יונגינקע שרייבער, וואָס גרשון האָט באַגעגנט אין יענע יאָרן אין קאַפּע איי־ראָפּע, אויף איסט־בראָדוועי, אַלע כמעט ערשט־אַריבערגעקומענע:

אבא שטאָלצענבערג, מאיר שטיקער, אברהם טאַבאַטשניק, משה שטאַרקמאַן, קלמן הייזלער, נח סיגאַלאָווסקי, חיים פעט... און אפשר זענען געווען נאָך און גרשון געדענקט זיי נישט.

ער געדענקט אָבער נאָך אַ גרופּע גאָר יונגינקע שרייבער, אָבער שוין ווען די קאַפּע אייראָפּע האָט זיך אַריבערגעקליבן אויף דרייצנטער גאַס לעבן צווייטער עוועניו, און דאָס איז אַ צווייטער קאַפּיטל...

י־ע־ע־מ־ו־ד, הפּאָעט אבא שטאָלצענבערג...

און אַז גרשון רופט אַרויס דעם פּאָעט אבא שטאָלצענבערג, טוט אים אַ שלאָג אין האַרצן... ער איז אַוועק פון דער וועלט... עטוואָס נידעריקער פון מיטלוווּקס, אַ ברייטלעכער, אַ שווער־רי־יעוודיקער מיט שטראַלנדיקע פאַרגאַפטע בלויע־גרוילעכע אויגן. אַריינגעקומען איז ער ס'ערשטע מאָל אין קאַפּע אייראָפּע אין עפּעס אַן אייראָפּעיש פעלצל און געלאָפן צום ווייטסטן ווינקל, ווו ס'זענען געווען ליידיקע טישלעך... אַ פּאָעט פון גאָטס געשאַנק, דאָס דאָזיקע אָרעמע בחורל פון גאַליציע.

און מ'האָט דעמלט געזאָגט „אבא שטאָלצענבערג", האָט מען שוין אויך געזאָגט „מאיר שטיקער". זיי זענען געגאַנגען שטענ־דיק צוזאַמען, די דאָזיקע צוויי פּאָעטן, געשריבן בשותפות אַ פּאָע־מע און דעביוטירט מיט איר אין „יונג קוזניע". מאיר שטיקער, אויך פון גאַליציע, שטענדיק אַ ציכטיקער, אַן אָפּגעהיטער, אַ שיין פּאַרקעמטער, אַ שלאַנקער מיט לאַכנדיקע פייכטלעכע ברוינע אויגן... די פּאָעמע, וואָס זיי האָבן בשותפות אָנגעשריבן, „שמייסנ־

דיקע ווינטן" האָט זי, דאַכט זיך, געהייסן, האָט גלייך געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די עלטערע שרייבער אין קאַפּע אייראָפּע. גרשון געדענקט, ווי ראובן אייזלאַנד האָט זיי צוגערופן צו זיין טישל און זיי געזאָגט אַ סך לויב־ווערטער...

און י־ע־ע־מ־ו־ד דער פּאָעט און ליטעראַטור־קריטיקער אברהם טאַבאַטשניק.

און אַז גרשון רופט איצט אַרויס אַברהם טאַבאַטשניק, גיבן גלייך אַ קום־אָן זכרונות און בענקשאַפטן. ס'גיבן אַ קום־אָן אַזוי פיל פרימאָרגנס אין אויטאָמאַט, וואָס אויף דער פערצנטער גאַס, אַזוי פיל ביימאָגן אין קאַפּע אייראָפּע, אַזוי פיל אָוונטן אין קאַפּע ראָיאַל, אַזוי פיל שפּעט־צונאַכטסן אויף די טראָטואַרן פון דער פערצנטער גאַס און אויף די שטיינער פון יוניאָן סקווער; ס'קומען־אָן לאַנגע שפּאַצירן פון דער פערצנטער גאַס צו דער יידישער איסט־סאַיד, צו טאַימס־סקווער, צו האַרלעם... און וועגן וואָס האָט מען גערעדט? הלוואי וואָלט דאָס גרשון אַריינגעשריבן, וואָרט ביי וואָרט, פון וואָס מען האָט גערעדט, וואָלט זיך באַקומען דאָס גרויסטע בוך וועגן צוויי יונגע יידישע שרייבער אין ניו יאָרק, זייערע שטרעבונגען, זייערע האָפענונגען, זייערע גריבלענישן, זייערע ספקותן, זייערע פאַרליבענישן, זייערע פאַרגלויבענישן, זייערע קריגענישן און דער עיקר דער גוטער טעם פון חברשאַפט...

אברהם טאַבאַטשניק — אַ מיטלוווקסיקער, אַ קרעפּטיקער, אַ געפּאַקטער אין די פּלייצעס, אַ רירעווודיקער. פרעמדע מענטשן אויף דער גאַס האָבן אים אָפט אָנגענומען פאַרן באַרימטן אַקטיאָר עדוואַרד רזשעי ראָבינסאָן. ס'איז טאַקע געווען אַן ענלעכקייט אין דער אויסדרוקפולקייט פון זיינע ברענענדיקע טינט־שוואַרצע אויגן, אין די קאַפּריזנע קרומלעכע ברעמען, אין ליידנשאַפטלעכן מויל...

ער איז יענע יאָרן געווען פאַרליבט אין זישע לאַנדוי, אין מאַני לייבן און אין דעם יונגן אבא שטאָלצענבערגן. ער האָט געקענט זייערע לידער אויף אויסנווייניק... ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק לידער פון אַ סך פּאָעטן, יידישע און נישט־יידישע... ווי שיין ער האָט געקאָנט פאָרלייענען לידער... ווי שיין ער האָט געקאָנט שרייבן וועגן לידער... ווי שיין ער האָט בכלל געקאָנט רעדן וועגן ליטעראַטור סיי בעל־פּה, סיי בעל־פּען... אַזאַ כוח הדיבור... און אין די אַלע פרימאָרגנס, ביימאָגן, אָוונטן, שפּעטצו־נאַכטסן

און אין די לאַנגע שפּאַצירן האָט אָפּט אברהם טאַבאַטשניק, אַן עקזאַלטירטער, פאַרגעלייענט פּאַר גרשונען לידער, אויסגעטייטשט לידער. מיט אַלע זיינע פינף חושים האָט ער געקאָנט דערשפירן אַ ליד. ער האָט געזען אַ ליד, געהערט אַ ליד, געשמעקט אַ ליד, געטאַפּט אַ ליד, און טועם געווען אַ ליד...

און יעמוד משה שטאַרקמאַן, טאַקע אַ שטאַרקער מיט אַ קרעפּטיקער שטימע, אַ הויכער בחור מיט ביסטרע ברוינע אויגן, אַן אַגרעסיווער, כלומרשט אַ ציניקער. אָנגעהויבן מיט קליינע דערציילונגען און איבערגעגאַנגען צו ליטעראַטור־פאָרשונג, צו רעדאַקטאָרשאַפט, צו אַן אַנטאַלאָגיע־צונויפשטעלער. ער איז געווען, דאַכט זיך, דער יעניקער, וואָס האָט באַצייכנט די גרופּע יונגע שרייבער, וואָס זענען געקומען קיין אַמעריקע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה מיט דעם נאָמען „המשכניקעס“.

און יעמוד דער אויסגעבלאַסטער פּאָעט, וואָס האָט דאַכט זיך געאַרבעט אַלס שטעפּער אין אַ קליידער־שאַפּ, קלמן הייזלער, מיט די שעמעוודיקע, לאַכנדיקע, פייכטלעך גלאַנציקע, גרויסע ברוינע אויגן. זיינע ליפּן אויך שעמעוודיקע, לאַכנדיקע, און זיין קול אַ שטילס, אַ באַשיידנס. זיך געיאָוועט אין קאַפּע אייראָפּע בלויז אין די שבתים, און געלאָפן צו אַ ליידיקן טיש אין ווייטסטן ווינקל...

און יעמוד דער הויכער, דער ביינערדיקער נח סיגאַלאָווסקי. געוווינט אין נוארק, געווען אַ סטאָליער און זיך אויך געיאָוועט בלויז אין די שבתים אין קאַפּע אייראָפּע. נח סיגאַלאָווסקי מיט דעם תמימותדיקן פּנים, מיט די שבת־קודשדיקע ליכטיקע ברוינע אויגן, מיט די ברייטע פּלייצעס, מיט די סטאָליערישע שווערע הענט. געשריבן דערציילונגען וועגן דאָרפישן לעבן אין דער אוקראַינע — דערציילונגען, וואָס האָבן געשמעקט מיט אַלע גוטע ריחות פון גאָרטן, פעלד, וואַלד און טייך...

און אהרון, אהרון חביב, ווי מען זאָגט, חיים פּעט מיטן לענגלעכן, שמאָלן אַסקעטישן פּנים, מיט די ליבלעכע ליפּן, מיט די וואַרעמע ברוינע אויגן, וואָס אי זיי זענען פאַרטראָגן, אי זיי שמייכלען, און זיי ברענען און ברענען... געאַרבעט ביי לעדערנע בייטלען, געשטאַמט פון גראָדנער גובערניע, געשריבן דערציילונגען מיט אַ זעלטענער פרישקייט, לירישקייט און מאָלערישקייט...

* * *

און אומעטום — ווי מען לייענט זיך פאַר איינער דעם אַנ־דערן, ווי נאָר מען האָט געפּאַקט איינער דעם אַנדערן האָט מען זיך פאַרגעלייענט: אין קאַפע איראַפּע, אויף די טרעפּ פון קאַפע איראַפּע, אין פּאַרקל נאָענט דערביי, אָדער גאָר צוגעשפּאַרט צו אַ וואַנט, אָדער אַ גאַסן־לאָמפּ.. אין בוזעם־קעשענע איז שוין שטענ־דיק געלעגן אַ פריש אָנגעשריבענע דערציילונג, אָדער אַ ליד, און ס'האָט זיך אַזוי געוואָלט וואָס גיכער לייענען פאַר אַ חבר־שריי־בער, און זאָל ער זאָגן מבינות. און מען האָט נישט געקאָנט וואַרטן, געכאַפּט דעם חבר שרייבער אויף דער גאַס, האָט מען פאַרגעלייענט אויף דער גאַס...

דאָ אַרום איילן זיך מענטשן אויף דער קאָכנדיקער רווישיקער איסט בראָדוועי, צי אויף דער צווייטער עוועניו, צי אויף דער פערצנטער גאַס, און דאָ אינמיטן דער קאָכעניש און איילעניש — צוויי יונגע יידישע שרייבער און מען לייענט זיך איינער דעם אַנ־דערן פאַר... גרשון געדענקט נאָך אַזוי קלאָר די דריבנע שמאָלע בלעטלעך מיט דער פילבאַרער האַנטשריפט פון חיים פעט... אַפילו אויף די טרעפּ פון באָרדוואָק, נישט ווייט פון סי־געיט, האָט אים חיים פעט פאַרגעלייענט...

* * *

און אַז גרשון דערמאָנט זיך איצט אין זיי קומט אָן אַ וואַרעמ־קייט נישט נאָר צו די, מיט וועלכע ער האָט זיך געחברט, נאָר אויך צו די, מיט וועלכע ער האָט גאָרנישט געלעבט בשלום.

* * *

ס'איז נאָך דעמלט געווען דער פרילינג פון דער יידישער לי־טעראַטור אין אַמעריקע. און די דאָזיקע חברה זענען נאָך געווען יונג ווי דער פרילינג... די לויכטנדיקע חברה מיט אייפערדיקע שרייבערישע פייערלעך אין זייערע אויגן... די לויכטנדיקע חברה פון יענע יאָרן אין קאַפע איראַפּע אויף איסט־בראָדוועי...

# פנימער אין קאַפע „אייראָפּע"...

גרשון וועט זיך מודה זיין, אַז די ערשטע טעג אין קאַפע אייראָפּע האָט ער מיטגענומען אַהין באַנד צוויי פון דער אַנטאָלאָגיע „פינף הונדערט יאָר יידישע פּאָעזיע" צונויפגעשטעלט פון מ. באַסין. די דאָזיקע אַנטאָלאָגיע האָט ער טאַקע געליען ביי דעם גראָספעלדן, דעם באַלעבאָס פון דער קראָם פאַר מענער-קליידער אויף טאָמפּאָרד עוועניו. דער זעלביקער גראָספעלד, וואָס האָט ביי יעדער געלעגנהייט אָפּגערעדט גרשונען פון ווערן אַ יידישער שרייבער, האָט גאָר פאַרמאָגט ביי זיך אין הויז אַ היפּש ביסל ביכער אין יידיש און פון די ערשט-ארויסגעקומענע.

ביים לעצטן טישל, געוויינטלעך, איז גרשון געזעסן אין קאַפע אייראָפּע די ערשטע צייט, און אָפטמאָל איינער אַליין, אָבער ס'האָט אים נישט אויסגעמאַכט, פאַרקערט, ס'איז גאָר געווען בעסער, מען קאָן גאָך לאַכן פון אים זעענדיק וואָס ער טוט. און וואָס טוט ער? אַזוי ווי ער קען זיי נישט דאָ די אַלע שרייבער, און וויל שטאַרק ויסן, ווער זיי זענען, און וואָס אַזוינס זיי שרייבן, און פרעגן שעמט ער זיך — דאַרף ער גאָר עפענען די אַנטאָלאָגיע און זוכן צווישן די בילדער. אמת, נישט אַלע אין קאַפע אייראָפּע זענען דאָ אין דער אַנטאָלאָגיע, אָבער אַ שפּאָר ביסל זענען דאָרטן יאָ פאַראַן.

איז ווער-זשע איז דער דאָזיקער קיילעכדיקער, געפּאַקטער, מ'קאָן זאָגן אַ פעטלעכער מיט דעם וואונדערלעכן שיינעם קאָפּ בלאָנדע געקרייזלטע האָר, וואָס קוקט אויס ווי דער קאָפּ פון אַ גריכישן מיטאָלאָגישן גאָט; און מיט די ווייכע בלויע אויגן, וואָס שטראַלן מיט אַ מידער קלוגשאַפט און אַ מידער פאַרחלומטקייט?... מישט גרשון די אַנטאָלאָגיע און געפינט אים. דאָס איז דאָך זישע לאַנדוי! ער ווערט פאָרגעשטעלט אין דער אַנטאָלאָגיע: „איינער פון די אָריגינעלסטע יונגע דיכטער אין אַמעריקע... און זינט 1910 איז

ער געוואָרן איינער פון די פּרעטענדענטן אויף אַ גאַנץ נייעם טאָן אין דער יידישער פּאָעזיע“.

אין דער פינצטער זענען דיינע אויגן שענער,
אין דער פינצטער זענען דיינע הענטלעך קלענער.
אין דער פינצטער מאַך=זשע דיינע אויגן צו,
אין דער פינצטער ווייכער, צאַרטער, בויגזאַמער ביסטו.

יאָ, ס'איז זישאַ לאַנדוי, דער דאָזיקער דיקלעכער, מיטן פולן ראָזעווען פּנים מיט דער מידער קלוגשאַפט און דער מידער פאַר=הלומקייט אין זיינע גרויסע בלויע אויגן. ער עסט. זייער שנעל עסט ער און זיין הויכער שטערן שוויצט. עסט און רעדט. אָבער זייער שטיל רעדט ער, קוים וואָס מען הערט אים אפּנים, ווייל די ביי זיין טישל בויגן די אויערן צו אים...

און ווער איז דער מיט די פּייכטלעכע גלאַנציקע שוואַרצע אויגן, מיט דעם הויכן שפּיציקן שטערן און שפּיציקן קאָפּ, מיט די טיפע קנייטשן אַרום די מויל=ווינקלען, מיט דער היפּשער נאָז און מיט די שיטערע ציין? ער זיצט לעבן זישאַ לאַנדוין, הערט זיך שטאַרק=צו צו יענעמס רייד און שמייכלט ווויל. ער איז אויך פאַ=ראַן אין דער אַנטאָלאָגיע. און הייסן הייסט ער ראובן אייזלאַנד. ער ווערט פאַרגעשטעלט דאָרטן אַלס „שרייבער אין אַ מאָדערנעם טאָן.“ זיינע סאָציאַלע לידער אַלס אַזעלכע זענען גאַנץ ניי אין דער יידישער פּאָעזיע. שטיל און אָן וועלכער נישט אייגנזייטיקער צוגע=פּאַרבטקייט מאָלט ער דאָס לעבן...“

דורך דעם פענצטער קוקט אַריין צו מיר אַ טריבער מאָרגן,
מיד, נישט אויסגעשלאָפן גייט אַרום די פרוי.
די פאַנטאָפל קלאַפּן וואָכעדיק און גרוי.
פון די ווענט און ווינקלען קריכן וואָכנדיקע זאָרגן.

האָסטו דיר דיין פרישטיק, אין פּאַפּירן זעקל
ליגן ברויט און עפּל. נעם זיי מיט.
זיי נאָר שטילער, וועק די קינדער ניט.
און אָט וואַרט. זע, מאַך צורעכט דיין רעקל...

יאָ, דאָס איז ראובן אייזלאַנד. און נישט איינמאָל איז גרשון אין לויף פון די יאָרן געזעסן ביי זיין טישל אין קאַפע אייראָפּע, צי אין קאַפע ראָיאַל און אים געהערט רעדן וועגן פּאָעזיע און וועגן דער גרופּע „יונגע“. אייזלאַנד האָט אויך געהאַט אַ טבע צו רעדן שטיל.

און ווער איז דער ביי זישאַ לאַנדוים טישל אָנגעטאָן ווי אין אַ בורקע, אין עפּעס אַזאַ אָפּגעטראָגענעם גרינלעכנעם מאַנטל? אַלע דאָ זיצן אָן די מאַנטלען, אָבער ער דווקא אין זיין מאַנטל, וואָס זעט אויס ווי אַ בורקע. זיין קאָפּ איז אויסגעקראָכן, בלויז אַ פּאָר העלע האָר זענען געבליבן, אַ בלייכער קאָפּ. ס'פעלט אים אַ צאָן פונפאָרנט, אָבער ער שמייכלט אַזוי ליבלעך מיט דעם פעלנ־דיקן צאָן. זיינע אויגן קאָן גרשון נישט באַשטימען, וואָס פאַר אַ קאָליר זיי זענען, צי בלוילעך, צי גרוילעך, צי פּורפּור־בלוי, אָבער זיי לויכטן מיט אַ מין לויטערער תמימותדיקייט, און מיט האַרצי־קער פאַרגאַפּטקייט. ער איז פאַרגאַפּט אַפּנים פון זישאַ לאַנדוים רייד.

איז ווער־זשע איז ער? גרשון קאָן אים נישט געפינען אין דער אַנטאָלאָגיע. דאָס הייסט, עפּעס אַ בילד אַ ביסל ענלעך צו אָט־דעם איז יאָ דאָרטן פאַראַן, אונטערן נאָמען א. מ. דילאָן:

אויף וועמענס מזל קלאָגט אַזוי דער רעגן?
אויף מיינעם אפשר קלאָגט אַזוי דער רעגן?
אָדער אויפן מזל פון אַ בלינדן הויקער,
וואָס שלעפּט זיך ערגעץ אויף פאַרשטויבטע וועגן?
צי אפשר אויפן הונט, דער גלגול פון די וועגן?
אויף וועמענס מזל קלאָגט אַזוי דער רעגן?

יאָ, ס'איז אברהם משה דילאָן. ער איז אפשר דעמלט אַלט געווען אַ יאָר צוויי־דריי און פערציק, אָבער מיט דער נשמה פון אַ יינגל, אַן ענטוזיאַסטיש יינגל, כאָטשבי ער האָט געשריבן אַזוינע יתומדיקע לידער. שפּעטער האָט גרשון זיך דערוווּסט, אַז דער דאָ־זיקער א. מ. דילאָן איז אָפּט געזעסן ביי די טישלעך אַ הונגעריקער רשעת אַנדערע האָבן געגעסן. אָבער ביי אים איז נישט געווען דער עיקר דאָס עסן, דער עיקר וואָס ער איז אַ געזאַלבטער פּאָעט, אין

גרויסע אָנערקענטע דיכטער געמען אים אַריין אין קאָן, און דער גרוי־סער קריטיקער בעל מחשבות האָט געשריבן וועגן אים, און ער פאַר־פעלט נישט קיין אָפּערע אין מאַנהעטן אָפּערע־הויז און קיין איין קאָנצערט אין קאַרנעגי־האָל. ווי אַזוי לאָזט מען אים אריין דאָרטן, ער איז דאָך אַזאַ ביטערער קבצן? ס'איז אַ סוד.

און ווער איז דער מיט די געדיכטע וואָנצעס און מיט דעם אומעטיקן פּנים און רק ער שווייגט. די גרויע, עטוואָס אַרויסגע־שטאַרטשעטע אויגן — ווי זיי שטייען שטיל. ס'ווייזט זיך גרשונגען אוים, אַז ער פינטלט גאָר קיינמאָל נישט מיט די אויגן. ער פאַר־מאָגט גאָרנישט אין זיך דעם גלאַנץ פון א פּאָעט, א וואָכנדיקער, אַ צוריקגעצויגענער. אָבער מען טוט אַ מיש די אַנטאָלאָגיע, און נאָך וואָס פאַר אַ פּאָעט. יוסף ראָלניק הייסט ער:

ווייס איז די ערד און געפרוירן;
עס ציט זיך דער וועג ווי אַ שנור;
אַן איינציקער פלעק אין דער ווייטקייט.
פאַר וויאָרסטן ווייט פויזעט אַ פור.

בלוי איז די לופט און דער הימל;
אַן איינציקער פלעק אויף דאָס בלאָ;
פון שניי האָט זיך פּלוצלונג דערהויבן
אין לופט אַ גראָ־שוואַרצע קראָ.

און אָט איז אַריינגעקומען אַ בחור אַ גיבור. ער איז גראָדע פעטלעך, אָבער ס'פילט זיך אין אים דער גרויסער גיבור. זיינע אויגן זענען אַזוי בלוי, אַזוי הייס, אַזוי וואַך, אַזוי פריילעך, מיט אַ ראָזעווע אויסגעפּאַשעט פּנים, און מיט אַ כוואַליענדיקער זייער געדיכטער בלאָנדער קודלע האָר. אַזאַ צוגעלאָזענער בחור. בלייבט גאָרנישט זיצן ביי איין טיש, נאָר אָט זיצט ער ביי דעם טיש, אָט ביי יענעם, קלאַפּט מענטשן איבער די פּלייצעס, מען האָט אים ליב דאָ. ווער־זשע איז ער? און דער אַנטאָלאָגיע זאָגט זיך, אַז דאָס איז ז. ווײַנפּער, אָדער זישע ווײַנפּערלעך, אויך זאָגט זיך דאָרטן, אַז „ז. ווײַנפּער איז אַ גאַנץ יונגער דיכטער אויף וועלכן מען לייגט גוטע האָפענונגען“.

און פונקט ווי פון אים אַליין אָטעמט מיט פרישקייט, מיט לעבנס־פרייד־לעכקייט, אַזוי אויך פון זיין ליד „אוקראַינע“:

אַ דאָרף. באַזונדערס ליגן זיך די כאַטקעס דאָ און דאָרטן.
אַ קלויסטער שטייט אינמיטן פון גרויסן, גרינעם גאָרטן.
די זון גייט אויף און אויפן קלויסטער שפּיגלען זיך די שטראַלן.
און פון די גרוי מיט מאָך באַדעקטע שטאַלן,
די שקצים מיט די בייטשן אין די הענט — כמעט נאָך קינדער,
צעפירן אין די טשערעדעס די פעטע שאָף און רינדער.
דו גייסט פאַרביי און שטויביק גרויע זענען דיינע קליידער.
אַ פויער גריסט דיך, באַלד אַ צווייטער און אַזוי כסדר.
עס קומט אַ גויע מיט אַ קריגל פרישע וואַסער דיר אַנטקעגן.
באַגריסט דיך גוטמוטיק און נעמט דיך פרעגן —
וווהין דו גייסט, און אויב דו ווילסט זיך אויסרוען, דו מידער —
אין שטוב איז ברויט גענוג פאַראַן און אַלע זענען ברידער!...

# דאָס לאַנד פון די יידישע שרייבער...

דאָס לאַנד פון די יידישע שרייבער אין אַמעריקע איז אין פיזישן שטח געווען די גרויס, ווי דער אינעווייניק פון קאַפע איי־ראָפּע, דאָס הייסט, ביי אַ צוואַנציק פוס די ברייט און אַ פערציק פוס די לענג. האָסטו נאָר א שטופּ געטאָן די טיר און אַרויס אינ־דרויסן, און דו ביסט שוין אויף יענער זייט גרענעץ, אין אַ פרעמד לאַנד.

גרשון האָט זיך איינמאָל צוגעקוקט, ווי אברהם רייזען האָט אַרויסגעשפּאַנט פון קאַפע איירָאָפּע. אויף די טרעפּ איז ער נאָך געווען צעשיינט, צערויטלט, צעיום־טובט, ווי אַ מחותן, וואָס איז ערשט געווען אויף אַ חתונה, געגעסן לעקער, געטרונקען בראָנפן און געטאַנצט מיט דער כלה. אָבער וואָס ווייטער פון קאַפע איי־ראָפּע, אַלץ אומעטיקער איז ער געוואָרן. ער האָט דווקא געפּרו־בירט שמייכלען צו די פאַרבייגייער, אפשר זענען צווישן די פאַר־בייגייער פאַראַן דאָ אַזוינע, וואָס ווייסן, אַז ער איז אברהם רייזען, דער מחבר פון „קירכן־גלאָקן“, „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן“, „מאי קא משמע לן“, אָבער קיינער פון די פאַרבייגייער האָט נישט געוווסט, אַז ער איז אברהם רייזען, און דער מחבר פון דעם און דעם... די פאַרבייגייער האָבן געקוקט אויף אים מיט אַ מין פאַר־דאַכט, נישט געוווסט, פאַרוואָס ער שמייכלט צו זיי און פאַרוואָס קוקט ער אויס אַזוי אַנדעריש ווי אַלע מענטשן אַרום.

אין אינעווייניק אין קאַפע איירָאָפּע, אין דעם לאַנד פון די שרייבער האָט ער מיט זיין לויכטנדיקער שלאַנקער מאָגערער אָנ־ווינזנהייט, באַשיינט און באַשטראַלט אַלע פאַרזאַמלטע. ביי זיין טישל האָט מען צערוקט די בענקלעך. צו זיין טישל האָט מען אָפט צוגעשטעלט נאָך אַ טישל... און גאָר יונגינקע שרייבער האָבן זיך געצויגן צו אים. ביי זיין טישל איז געווען די גרעסטע ישיבה. מען

האָט דאָרטן געטייטשט, געפּירושט, געפּילפּולט, און אַלץ וועגן אַ ליד, אַ דערציילונג, זיינע מאָגערע איינגעפאַלענע באַקן האָבן זיך גערויטלט, זיינע שוואַרצע אויגן האָבן געבליצט, און זיין קול איז זיך פאַרגאַנגען אין ווילקייט. יעדן איינעם אָנפאַנגער־שרייבער האָט ער געטיילט ווילקייט, און אַז אָנפאַנגער־שרייבער האָט זיך גאָרנישט געריכט, אַז דער גרויסער אברהם רייזען האָט געלייענט זיינס אַ ליד, אָדער דערציילונג, וואָס האָט זיך ערשט געדרוקט אין אַ טעגלעכער צייטונג, אָדער אין אַ זשורנאַל. יאָ, ער האָט געלייענט, און אַז מען האָט זיך צוגעזעצט צו זיין טיש האָט ער גלייך אַ זאָג געטאָן:

— געלייענט אייער... גוט, גוט, זייער גוט. כּאַטשבי אין דער און דער שורה... אָבער גוט, גוט, זייער גוט...

יאָ, ווי אַ ישיבה געווען זיין טיש. אָבער אַנדערע טישלעך זענען אויך געווען, ווי ישיבות. אַ סך רבים געווען אין קאַפע איי־ראָפּע, און יעדער רבי האָט זיך געפּראַוועט אַ באַזונדער טיש. איז אַריינגעקומען זישאָ לאַנדוי, האָבן זיך אַרום זיין טיש געזעצט אַלע די, וואָס זענען געווען פון דער גרופּע „יונגע", און ער איז געווען זייער רבי. איז זישא לאַנדוי נישט געווען אין קאַפע איי־ראָפּע, איז ראובן אייזלאַנד געווען דער רבי. די „אינזיכיסטן" האָבן אויך געהאַט זייער טישל מיט זיין רבין. געווײנלעך איז דאָס געווען יעקב גלאַטשטיין, אָדער י. לעיעלעס. צו אָט־דעם טישל האָבן זיך געצויגן נישט נאָר די „אינזיכיסטן", אויך אַנדערע, ווי אַ שטייגער למשל, גרשון אַליין.

ז. וויינפּער און ב. י. ביאַלאָסטאָצקי זענען אויך געווען רבים, און אַרום זייער טישל האָבן זיך גרופּירט אַלע די שרייבער, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער „פעדער", און דערנאָכדעם אין „אויפקום". ז. וויינפּערס טישל איז געווען אַ פרייליכער טישל. ער איז געווען אַ פאַרכאַפּנדיקער מעשה־דערציילער, געקאָנט אָפּ־מאָלן אַ מענטשן, ווי אַזוי ער שטייט און גייט. נישט איינמאָל האָט גרשון געטראַכט, אַז ז. וויינפּער, מיט זיין זייער לעבעדיק און באַוועגלעכער פּנים, וואָלט אפשר אויך געווען אַ גרויסער אַקטיאָר.

די גאָר יונגינקע שרייבער, די אָנפאַנגער, וואָס פּונקט אַזוי ווי גרשון זענען געקומען קיין אַמעריקע מיט דער לעצטער גרויסער

עמיגראַציע, האָבן די ערשטע פּאָר יאָר נישט געהאַט קיין אייגן טישל, נאָר זיך צוגעזעצט צו אַנדערע טישלעך, אָבער מיט דער צייט האָבן זיי זיך אָנגעהויבן גרופּירן אַרום אַ באַזונדער טישל, און דער פּאָעט טאַבאַטשניק איז געווען זייער רבי. צו דעם דאָזיקן טישל האָט אויך ליב געהאַט זיך זעצן נתן פּ. שערמאַן, וואָס האָט אָנגעהויבן אַלס עסייאיסט און גלייך אויפגעהערט; דער שיין-גע-שטאַלטיקער בחור משה דוכאָווני, וואָס איז גראד דעמלט נישט געווען קיין שרייבער, נאָר דאָס געוואָרן העט שפּעטער; אויך אב-רהם משה דילאָן, גאָר פון די „קלאַסיקער" אַזוי צו זאָגן, אָבער ייער ליב געהאַט צו זיצן ביי דעם טישל פון די גאָר יונגיקע; און נאָר וואונדערלעך איז געווען, וואָס ל. שאַפּיראָ, דער גאָר באַרימ-טער ל. שאַפּיראָ, ווען ער איז געקומען פון לאָס אַנדזשעלעס, האָט שטענדיק ליב געהאַט צו זיצן גראָד ביי דעם דאָזיקן טישל, און ליב געהאַט זיך צו אַמפּערן מיט דעם שאַרף-צונגיקן א. טאַבאַטשניק.

אָבער ס׳זענען געווען אַ סך שרייבער, וואָס האָבן זיך נישט צוגעבונדן צו קיין שום באַזונדער טישל, נאָר ווו ס׳איז געווען אַ ליידיק בענקל האָט מען זיך אַוועקגעזעצט, ווי למשל, א. תלוש, אַ גיבור אין-דער-נידער, זייער אַ פּולער, אַ שווער-וואָגיקער און אָנגעראָפּטשעט מיט גבורה, אויסערגעוויינלעכע ברייטע פּלייצעס באַרמאָגט, און זייער אַ הויכן ברוסט-קאַסטן, און כוואַליענדיקע געדיכטע העל-ברוינע האָר, און גאָר פריינדלעכע קוועלנדיקע ברוינע אויגן, און אַ גאָר פריינדלעכן קול. ליב געהאַט אַ׳ן עס צו טאָן, אַ טרינק צו טאָן, אַ זינג צו טאָן און „דושאַ נאַ ראַספּאַשקו", דאָס הייסט, מיט אַ ברייטער נשמה... למשל, יונה ביימאָוויטש, מיט די זאָרגפּעליק פּאַרקעמטע פּאָר האָר אויף זיין נאַקעטן בלאַסן שאַרבן, מיט דעם ברייטלעכן שמייכלענדיקן מויל, שטענדיק אַ געטער, אַ ציכטיקער. ליב געהאַט מען זאָל אים טאַפּן זיינע געזונטע אָרעם-מוסקולן, אָדער זיך לאָזן אַ קוועטש טאָן פון זיין האַנט. גרשון האָט אים שטענדיק צוליב געטאָן, געטאַפּט זיינע מוסקולן, זיך גע-לאָזט קוועטשן די האַנט, איבערגעטריבן זיך געקאָרטשעט פון ווייטיק, און יענעם האָט געוואַלדיק הנאה געטאָן... אויך, למשל, א. י. קרעפּליאַק מיט די שטענדיק פלאַמענדיקע באַקן, מיט דעם אָנגעשטרענגטן רויטלעכן האַלדז, מיט די זייער פינקלדיקע ברוינע אויגן, מיט אַ קול וואָס האָט כלומרשט געקלונגען בייזלעך, אָבער

גרשון און אַ סך אַנדערע שרייבער האָבן געוווסט, וואָס פאַר אַ ווילער מענטש דאָס איז.

און דניאל פערסקי, דער אייביקער חתן צו דער כלה לשון קודש, איז געווען דער איינאונאיינציקער העברעישער שרייבער, וואָס איז געווען גאָר אַן אָפטער גאַסט אין קאַפע איראָפע. דניאל פערסקי מיט די בלויע שטענדיק וואַנדערנדיקע, און שטענדיק גאַפנדיקע אויגן דורך פענסנע מיט גאָלדענע רעמלעך, מיט דעם שטייפיקן קמץ-שניפסעלע אויף זיין, דאַכט זיך, שטייפיק בלוי זיידענעם אויבערהעמד; מיט די שטענדיק, דאַכט זיך, ווייסער פודרע אויף זיינע ערשט געגאָלטע באַקן, מיט אַ באַזונדער קול אַזאַ, אַ ווייכס, אַן אינטימס... און דניאל פערסקי האָט געשפילט פאַר אַ צייט אַ באַזונדערע ראָל אין גרשונס לעבן, אַלס שרייבער, ווי עס וועט זיך דערציילן שפעטער...

* * *

יאָ, דאָס לאַנד פון די יידישע שרייבער אין אַמעריקע איז אין פיזישן שטח געווען די גרויס, ווי דער אינעווייניק פון קאַפע איראָפע, דאָס הייסט, אַ צוואַנציק פוס די ברייט, און אַ פערציק פוס די לענג. האָסטו נאָר אַ שטופ געטאָן די טיר און דו ביסט שוין אויף יענער זייט גרענעץ. און אויף יענער זייט גרענעץ האָט געקלאַפט און געטומלט אַ פרעמדע וועלט... גלייך אין גרויסן פענצטער פון קאַפע איראָפע האָט געקלאַפט און געטומלט די פרעמדע וועלט...

## ליטעראַטור און מאָלצייטן אין קאַפע „איראָפּע"...

צוליב קאַפע אייראָפּע האָט שוין גרשון נישט אַזוי שטאַרק געזוכט אַרבעט אין די שעפּער, יעדן טאָג האָט אים געצויגן אַהין. אַ מין לײדנשאַפט.

גייענדיק אויף אַן אַדרעס, ווו מען פאַרלאַנגט אַרבעט לויט אַן אַנאָנס אין „מאָרגן זשורנאַל", האָט אונדזער בחור זיך געוווּנטשן מען זאָל אים נישט ווילן. וואָס־זשע איז ער געגאַנגען אויפן אָנגעוויזענעם אַדרעס? און וואָס האָט ער נאָך אויסגעגעבן אַן אומזיסטיקן ניקל אויף באַן־הוצאות? איז דאָס געווען צוליב זיין געוויסן. זאָל ער וויזן זיין געוויסן, אַז ער טוט אַלצדינג, וואָס ער קאָן צו געפינען עפּעס אַרבעט... און אַז ס'האָט זיך געטראָפן איין טאָג און מען האָט אים יאָ געוואָלט, ווי למשל, אין אַ קעלער פון אַ דעפּאַרטמענט־סטאָר אויף פערצנטער גאַס, ווו מען האָט גע־דאַרפט פּאַקעווען שאַכטלעך מיט סחורה, איז דאָס געווען ממש אַ טראַגעדיע, נעבעך געמוזט אָננעמען דעם דזשאַב, געפּאַקעוועט און געפּאַקעוועט, און נאָכאַמאָל געפּאַקעוועט, גאַנצע טעג, און גע־בענקט נאָך דער קאַפע אייראָפּע. ווי דער יונגער הלל פון דער גמרא צו דער ישיבה, ווו מען האָט געלערנט תורה...

פאַר גרשונען איז קאַפע אייראָפּע אויך געווען אַ ישיבה, אַן אוניווערסיטעט. אַלע טאָג דאַרטן איז אים צוגעקומען וויסן. נישט נאָר אין דער לערע וועגן ליטעראַטור, נאָר וועגן אַלע זיבן קונסטן. אַלע טאָג זיך געלערנט פון די רייד, וואָס שרייבער האָבן גערעדט ביי די טישלעך; פון די אַמפּערייען, וואָס מען האָט זיך געאַמפּערט ביי די טישלעך; פון דער אומברחמנותדיקער קריטיק, וואָס מען האָט זיך געקריטיקירט איינער דעם אַנדערן ביי די טישלעך; פון די באַגייסטערונגען, וואָס מען האָט זיך איינער דעם אַנדערן באַ־

גייסטערט ביי די טישלעך, באַגייסטערונגען וועגן ביכער, וואָס מען האָט געלייענט, וועגן מוזיק, וואָס מען האָט געהערט, וועגן מאָלע־רייען, וואָס מען האָט געזען...

דאָרטן האָט גרשון געלערנט וועגן די פאַרשידענע שולן, טענ־דענצן, ריכטונגען, שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור און אַלע אַנדערע קונסטן. און דער עיקר, וואָס ער האָט געלערנט איז געווען ווי אַזוי מען דאַרף שרייבן, ווי אַזוי צו באַנוצן דאָס וואָרט אין שרייבן. איי, דאָס וואָרט! פונקט ווי אַ מוזיקער איז זייער פּילבאַר צום טאָן, אַזוי איז מען דאָרטן געווען זייער פּילבאַר צום וואָרט. מען האָט געקאָנט זיך אָפּקריגן ביי די טישלעך וועגן איין וואָרט שעהן און שעהן...

באַדאי הונגערן — און זיין אין קאַפע אייראָפּע! און הונגערן אין אַ פּלאַץ, וווּ אַנדערע וואָס האָבן ביד (בעיאַד) און עסן גע־שמאַקע מאכלים, איז דער גרעסטער נסיון אויף דער וועלט... דאָס איז געווען איידער גרשון האָט זיך אויסגעלערנט באָרגן. ס׳האָט אים גענומען אַ היפּשע צייט ביז ער האָט זיך אויסגעלערנט באָרגן...

אָבער דער עיקר איז דאָרטן נישט געווען דאָס עסן, נאָר דאָס רעדן ביים עסן. הלוואי וואָלט איינגעפאַלן גרשונען צו פאַר־צייכענען אין העפטן די אַלע רייד, וואָס מען האָט דאָרטן גערעדט ביי די טישלעך; סיי די קלוגשאַפטן, סיי די נאַרישקייטן; די אַלע אַמפּערייען, וואָס מען האָט זיך דאָרטן געאַמפּערט; די וווּנדער־לעכע מעשיות, וואָס מען האָט זיך דאָרטן דערציילט; די שאַרפע אומבּרחמנותדיקע קריטיקן, וואָס מען האָט זיך געקריטיקירט; די שאלות און תשובות, וואָס מען האָט זיך דאָרטן געגעבן וועגן אַ געוויסן ליד, אָדער דערציילונג. הלוואי וואָלט גרשון דאָס פאַר־צייכנט, און ס׳וואָלטן זיך דערנאָכדעם אָנגעקליבן אין עטלעכע בענ־דער, און ס׳וואָלט זיך מסתמא געלייענט, ווי ס׳לייענט זיך אין דער גמרא: אמר אָפּאַטאָשו, ווען מען האָט גערעדט וועגן דעם און דעם ליטעראַרישן ענין; אמר אברהם רייזען; אמר צביון, אמר יעקב גלאַטשטיין, אָדער אברהם טאַבאַטשניק, אָדער ראובן אייזלאַנד, אָדער זוני מאָוד, אָדער הערמאַן גאָלד און אַזוי ווייטער און ווייטער...

יאָ, גרשון איז געזעסן אַ הונגעריקער ביי די טישלעך, אָבער אָפּטמאָל גאָר נישט געפילט דעם הונגער, אַזוי פאַרצויגן געווען פון די דברי תורה וועגן ליטעראַטור...

און דער קלאַסישער מאָלצייט אין דער קאַפע אייראָפּע איז באַשטאַנען פון זעקס געריכטן, וואָס האָט געקאָסט פינף און זעכ-ציק סענט, און אַ „טיפּ" פון צען סענט דעם מידן, בלאָסן, לעבּ-לעך-שמייכלענדיקן וועיטער, צוזאַמען פינף און זיבעציק סענט. דער ערשטער געריכט איז געווען אַ האַלבער גרעיפּ-פרוכט, אָדער אויב זומער — אַ האַלבער קענטעלאָפּ. דער צווייטער — אַ שטיקל הערינג מיט אַ פּאָר רעפּטלעך פּאָמידאָרן, דער דריטער — אַ זופּ פון לאָקשן, צי פון קאַשע, אָדער מאַנדלען, אָדער גריץ, אָדער גאָר באַרשטש. דער פערטער — ראָסל-פלייש מיט קאַרטאָפּלקעלעך, מיט געקאָכטע פלוימען, און פאַרשטייט זיך מיט אַ באַזונדער טע-לערל, ווו עס איז געלעגן אַ געזייערטע אוגערקעלע, אָדער אַ גע-זייערטער פּאָמידאָר. דער פינפטער — קאָמפּאָט פון געקאָכטע פלוימען. דער זעקסטער — קיכעלעך מיט טיי אָדער מיט קאַווע.

און גרשון האָט געקענט האַרט אַ שרייבער, וואָס ער וויל נישט דערמאָנען זיין נאָמען, ווייל ער וועט זיך אפשר שעמען, כאָטש ס'איז נישטאָ פאַר וואָס זיך צו שעמען. דער דאָזיקער שריי-בער האָט צעטיילט זיין מאָלצייט אויף דריי חלקים. ער האָט גע-טאָן אַזוי: אַרום צוועלף אַזייגער בייטאָג האָט ער זיך געהייסן דערלאַנגען דעם גרעיפּ-פרוכט, דערנאָכדעם דאָס שטיקל הערינג מיט די רעפּטלעך פּאָמידאָרן, אָדער גאָר אַ טעלערל מיט געהאַקטע לעבער, וואָס ער האָט געגעסן מיט אַ סך ברויט. דאָס איבעריקע פון פינף און זעכציק סענטיקן מאָלצייט, האָט ער געזאָגט, וועט ער עסן שפּעטער. און דער שפּעטער איז געווען מיט אַ דריי שעה. דערווייל האָט ער זיך צוגעזעצט ביי אַ טישל, ווו מען האָט זיך געאַמפּערט וועגן אַ ליד און אויך אָנטיילגענומען אין די אַמפּע-רייען און זיך פאַרבראַכט די צייט... אַרום דריי אַזייגער האָט ער געהייסן דעם וועיטער זיך דערלאַנגען די זופּ, דערנאָכדעם דעם ראָסל-פלייש און ווידער געגעסן מיט אַ סך ברויט. דאָס איבעריקע האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעלאָזט אויף שפּעטער און פאַרבראַכט די צייט ווידער אין אַמפּערייען... אַרום פינף אָדער זעקס אַזייגער האָט ער זיך שוין געהייסן דערלאַנגען דעם קאָמפּאָט, די קיכעלעך

מיט דער טיי, און אויפגעגעסן יעדעם קרישקעלע, און אויסגעזופּט יעדעם טראָפּקעלע, דערנאָכדעם געבעטן ביי עמעצן אַ פּאַפּיראָס און פאַררויכערט מיט גרויס הנאה...

יאָ, אַזוי האָט ער געטאָן, דער דאָזיקער שרייבער. און ס'איז נישט געווען הערמאַן גאָלד, וואָס האָט זיך אַלע יאָרן פאָרשטעלט פאַר אַ טשודאַק און פאַר אַ שנאָרער און פאַר אַ קאַרגן, און שטענדיק אָן אַ היטל, שטענדיק מיט אַ קאָפּ נישט־פאַרקעמטע צעשויבערטע שטעכיקע האַרטע ברוינלעכע האָר, שטענדיק אין דעם זעלביקן ברודיקן רעקל, סיי זומער, סיי ווינטער, שטענדיק מיט עפּעס אַ בענדל אָנשטאָט אַ שניפּס. ער האָט דעמלט נאָך נישט געטראָגן קיין באָרד, געווען גלאַט אַזוי אַ באַוואָקסענער. ניין, ס'איז נישט געווען הערמאַן גאָלד מיט די גיכע, פאָרשנדיקע, לאַכנדיקע לצנישע־וואַט־ברוינלעכע אויגן...

און ס'איז נישט געווען דער בלינדער מינץ מיט זיין אייביקן פּירער וויינרייך. דער בלינדער מינץ, וואָס אַפילו זיין פּולבלעך לויז און געקנייטשט פּנים איז געווען בלינד. אַפילו זיין בלאַסער שטערן, און אַפילו זיינע האָר, ליכטיק ברוינע אַזוינע, גראָד־כוואַליעדיקע, אַבער דאָך האָבן זיי ערגעץ אויסגעזען בלינד, די האָר. ניין, ס'איז נישט געווען דער בלינדער מינץ, וואָס ווען נאָר ער איז אַריינגעפירט געוואָרן פון זיין שטענדיקן פּירער וויינרייכן אין קאַפע, האָט ער גלייך אויסגערופן מיט זיין נישט מענלעך קול:

— אברהם רייזען איז דאָ? האלאָ, אברהם רייזען.

נאָר ביי אברהם רייזענס טישל האָט ער זיך געוואָלט זעצן. אין זיך טאַקע געזעצט, און אָפּגעזעסן שעהן און שעהן, בשעת זיין שטענדיקער פּירער וויינרייך האָט דערווייל געשפּילט שאָך ביי אַ טישל אין דעם צווייטן עק פון דער קאַפע...

און דער פרוי גאָלוביצקי, דער באַלעבאָסטע פון קאַפע איירָאָפּע — איר אַרט נישט, וואָס דער געוויסער שרייבער קלינגערט זיך און מאַכט פון איין מאָלצייט דריי. זי ווייסט, אַז ער איז אָרעם. יאַל אים זיין צו געזונט. די פרוי גאָלוביצקי מיט די גליענדיקע ברויעריק־קלוגע שוואַרצע אויגן, און מיט דעם שטענדיקן שמייכל אויף אירע בלאַסע ליפּן און מיט דעם פּנים ווי פאַרברענט, אָבער נישט פון זון און נישט פון ווינט, נאָר פון שווערן יאָך פון לעבן און פון איר אַלמנהשאַפט, — יענע אַז זי פאָרעט זיך נישט אין

דער קיך שטייט זי לעבן דער קאַסע, קוקט אויף די שרייבער ביי די טישלעך, און איר האַרץ ווערט גרויס. זי האָט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור ביי זיך אין פּלאַץ. זי האָט געלייענט די שאַפונגען פון די מערסטע פון די האָזיקע שרייבער. געלייענט זיי נאָך אין דער אַלטער היים, און נישט געחלומט מסתמא, אַז זיי וועלן אַלע זיצן אונטער איר דאַך. זי לייענט זיי אויך איצט אין אַמעריקע...

און אפשר שרייבט זי גאָר אַליין אין דער שטיל. זי האָט דאָך אַ ברודער, וואָס איז אויך אַ שרייבער, אַן אָנגעזעענער שרייבער, באַקאַנט אַלס דער „לעבעדיקער". ער קומט טאַקע אָפט אַהער אַריין, און איר פּנים לייכט אינגאַנצן אויף צו דעם שיינדלינג פון איר משפחה...

# גרשון שרייבט אין העברעיש...

איידער גרשון קוקט זיך אום — און ער שרייבט שוין אין העברעיש. דאָס האָט דניאל פערסקי, דער חתן הלשון קודש, געפירט דערצו. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס פון דעם, וואָס גרשון האָט מיט אים אין קאַפע אייראָפע גערעדט העברעיש. און קיין גרעסערע טובה האָט מען פערסקין גאָרנישט געקאָנט טאָן. ממש אַ נייע הויט איז אַרויף אויף אים, אָנגעהויבן זיך רויטלען, אָנגעהויבן פריידיק בליצן מיט זיינע בלויע וואַנדערנדיקע און פאַרגאַפטע אויגן. יום־טובדיק איז געוואָרן זיין קול.

דעם אמת געזאָגט, איז די העברעישע שפּראַך אויך אַמאָל געווען גרשונס געליבטע. פאַרליבט האָט ער זיך אין איר פון יהודה שטיינבערגס כרעסטאָמאַטיע ביי פיני שאַיעס אין חדר, זיך געקוויקט דאָרט מיט ביאַליקס שירים און דוד פרישמאַנס און טשערניכאָווסקיס שירים. קיין ביכער אין יידיש זענען נישט געווען קיין סך אין בערשאד, איידער ס'האָט זיך געעפנט באָגאָמאָלסקיס ביבליאָטעק. ביי פיני שאַיעס אין דער ביכער־שאַפע איז אויך געווען דער „התועה בדרכי החיים“ פון פּרץ סמאָלענסקין, און „אהבת ציון“ פון אברהמם מאפו און אלטע נומערן „המליץ“ און „השחר“. גרשון האָט זיך אויסגעלערנט לייענען העברעיש ווי אַ וואַסער. דערנאָכדעם ביי יאַנקל ליפמאַן אין חדר האָט מען כמעט נאָר גערעדט העברעיש, און אין דער אָדעסער ישיבה אוודאי און אוודאי. און דאָ איז נאָך געווען דניאל פערסקי אַליין דער עורך (רעדאַקטאָר) פון „העדן“ (האָעידען), דער העברעישער זשורנאַל פאַר קינדער. און דאָ נאָך האָט דניאל פערסקי אַזוי שיין און איבערצייגנדיק צוגערעדט גרשונען ער זאָל אָנשרייבן פאַר זיין זשורנאַל אַ קינדער־מעשהלע אין העב-

רעיש... און דאָ האָט נאָך דער „העדן“ געצאָלט צען סענט אַ שורה, און גרשון איז ממש רייך געוואָרן.

און אַז גרשון האָט זיך גענומען שרייבן אַ קינדער־מעשהלע אין העברעיש איז עפּעס געגאַנגען אַזוי לייכט פּונקט ווי אין יידיש טאַקע מיט דעם זעלביקן ריטם ווי אין יידיש. ער ווייסט איצט נישט ווי אַזוי, אָבער דעמלט האָט זיך ממש געזונגען. אַ שאָד, וואָס ס׳זענען אים פאַרלוירן געגאַנגען אַלע נומערן „העדן“. ער וואָלט איצט אַזוי געוואָלט אַ קוק טאָן און זען, ווי אַזוי לייענען זיך איצט זיינע העברעישע מעשהלעך.

און ווער האָט אַרויסגעגעבן דעם „העדן“? און ווער האָט געצאָלט דעם רייכן האָנאָראַר? די וווּנדערלעכע איידעלע און שיינע בת־שבע גראָבעלסקי האָט אַרויסגעגעבן דעם „העדן“ און געצאָלט דעם רייכן האָנאָראַר. אַן אַמעריקאַנער געבוירענע, און אַ תלמידה אין איר יוגנט פון דעם זעלביקן דניאל פּערסקי. און דער לערער דניאל פּערסקי האָט שוין מסתמא איינגעפּלאַנצט אין זיין שיינער תלמידה אַ טיפע ליבשאַפט צו העברעיש. און ווען זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַ פאַרמעגלעכן פאַבריקאַנט פון לייב־לעך, דאַכט זיך, האָט מסתמא דער לערער איר איינגערעדט צו ווערן די מאַמע פון אַ קינדער־זשורנאַל אין העברעיש...

גרשון האָט זיך שוין באַקאַנט מיט אַ סך גאַסן אין בראָנז־וויל, אין מאַנהעטן און אין די בראָנקס, אָבער אַזאַ גאַס ווי וועסט ענד עוועניו האָט ער נאָך נישט געזען. דאָרטן האָט געוווינט די מעצענאַטין פון העברעיש, בת־שבע גראָבעלסקי. אַ גאַס פון גאָלע ריזיקע אויסגעפּוצטע פּילשטאָקיקע אַפּאַרטמענט־הייזער, מיט קאָלירטע חופּות פאַר יעדן אַריינגאַנג, מיט אוניפאָרמירטע שווייצאַרן ביי די טירן. און דאָ איז נאָך געווען אַ גאָלדענער האַרבסט־טאָג, און גרשונען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַפילו די זון גיט דאָ מער גאָלד, ווי אויף די אָרעמערע גאַסן. מענטשן האָבן זיך דאָ נישט געאיילט איבער די טראָטואַרן, בכלל ווייניק מענטשן געווען. אין דעם רוישיקן, רוישיקן ניו יאָרק אַזאַ שטילע גאַס, און ביידע זייטן באַשטעלט מיט מעכטיקע און שטאָלצע ריזיקע אַפּאַר־טמענט־הייזער, און אַלע פענצטער שעמערירן אין גאָלד, אין אַ שפּע פון גאָלד...

דער אויסגעבלאַסטער אוניפאָרמירטער מיטליאָריקער עלע־וועיטאָר־מאַן האָט געקוקט אויף גרשונען מיט פאַרדאַכט, זיך עפּעס גאָרנישט געגלויבט, אַז דער דאָזיקער אָרעם־אָנגעטאָנענער און מאָגערער בחור דאַרף טאַקע באמת אויפן פערצנטן שטאָק צו דער רייכער פרוי גראָבעלסקי. ווען ער האָט אים אַרויסגעלאָזט פון עלעגאַנטן עלעוועיטאָר אויפן פערצנטן שטאָק האָט ער גע־לאָזט די טיר פון עלעוועיטאָר אָפן און אויסגעוואַרט צו זען, צי מען לאָזט גרשונען אַריין אינעווייניק. ערשט ווען מען האָט אים יאָ אַריינגעלאָזט, האָט ער פאַרהאַקט די טיר פון עלעוועיטאָר און זיך געלאָזט אַראָפּ.

דאָס האָט די פרוי גראָבעלסקי איינגעלאַדן צו זיך אין הוי־זיר מיטאַרבעטער גרשון, זיך באַקענען מיט אים און אים דער־מוטיקן אין זיין שרייבן. ס'זענען געווען נאָך געסט, איינער אַ דאָק־טאָר פון פסיכאָלאָגיע, מיט זייער שאַרף־פינקלדיקע שוואַרצע אויגן, און איינע אַ פרוי זייער אַ פולע, אַ צעשפרייטע, אָבער זייער רייך אָנגעטאָן און באַהאָנגען מיט אַ סך צירונג. די יונגע בת־שבע גראָבעלסקי אַליין איז ווי פון עפּעס אַ מאָלעריי פון פראַנצויזישן מאָלער מאָנעי: אַזוינע וואַרעמע ברוינע מאַנדל־אויגן מיט אַ שיינעם טרויער אין זיי, אַזאַ סאַמעט־ווייכער האַלדז, אַזוינע וווּנדערלעך־שיינע געשניצטע פינגער. אָבער פאַרוואָס אַזאַ טרויער אויף איר? כאָטש זי האָט ליב געשמייכלט צו די געסט, און כאָטש אירע צוויי קינדערלעך, אַ ייִנגעלע מיט אַ מיידעלע, האָבן אויסגעקוקט אַזוי געראָטן (זי איז מיט עטלעכע יאָר שפּע־טער זייער יונג געשטאָרבן).

העברעיִש האָבן די געסט גערעדט, סיי דער דאָקטאָר פון פסיכאָלאָגיע, סיי די זייער פולע, צעשפרייטע פרוי באַהאָנגען מיט צירונג, סיי די וווּנדערלעכע שיינע בת־שבע גראָבעלסקי. און גרשון, וואָס האָט אַזוי פליסיק געקאָנט רעדן העברעיִש, איז דאָ אין דעם הויז געוואָרן גאָר שטאַמלדיק. בכלל זיך נישט געפילט צו באַקוועם. ס'איז געווען צוליב דעם שניי־ווייסן טעפּיך אין צי־מער. ער האָט באַמערקט, ווי זיינע שיך האָבן איבערגעלאָזט אַ פּאָר שטויביקע שפּורן אויף דעם שניי־ווייסן טעפּיך, און ער האָט זיך געזאָרגט.

בת־שבע גראָבעלסקי האָט געבעטן גרשונען, ער זאָל אָנ־

שרייבן עפּעס אַ שפּיל פאַר דעם „עדן“, און גרשון האָט איר אוודאי צוגעזאָגט... און ווי ס'האָט זיך דעמולט געשריבן, צי אין יידיש, צי אין העברעיש. מען האָט זיך אַנידערגעזעצט ביים טיש און ס'האָט זיך גענאָסן... אַ שפּיל אין צוויי סצענעס מיטן נאָמען „הקיטנים הקטנים“, דאָס הייסט, די „קליינע קעמפּניקעס“, האָט גרשון אָנגעשריבן. די ערשטע קאָפּיע איז גראַדע געווען אין דריי סצענעס. און גרשון וועט זיך מודה זיין, אַז די דריטע סצענע האָט ער פּשוט אָנגעשריבן ס'זאָל זיין מערער שורות, און לויט צען סענט אַ שורה, וואָס דער „עדן“ האָט געצאָלט, וואָלט דאָס אויסגעמאַכט אַ היפּשע סומע. אָבער אַז ער האָט איבערגעלייענט די ערשטע קאָפּיע, האָט ער געזען, אַז די דריטע סצענע איז פּשוט צוגעטשעפּעט מיט זייער שוואַכע פּעדימער; אַז אָן דער דריטער סצענע, וואָלט דער שפּיל צוגעקומען אַ סך געזונט, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ גרויסער געראַנגל צווישן יצר הרע און יצר טוב. מען האָט איינער פון אַנדערן געריסן שטיקער.

— צערייס די דריטע סצענע — מאָנט דער יצר טוב.

— זיי נישט קיין אידיאָט — הוזקט דער יצר הרע.

— ביסט אַליין אַן אידיאָט — בייזערט זיך דער יצר טוב.

— ס'איז נאָך פערציק דאָלאַר.

— דער אמתער שרייבער שרייבט נישט פאַר קיין געלט.

— מען דאַרף דאָך לעבן!

— גייט מען אין שאָפּ אַרבעטן.

— אָבער אַזאַ לייכט פאַרדינסטל. ביסט כאָטש אַ מבין וויפל מאָלצייטן וואָלסט געקאָנט עסן?

— לאָז זיך נישט איינרעדן. וועסט אָנהייבן צו פאַלן, וועסטו פאַלן און פאַלן. וועסט נאָך שרייבן שונד־ראָמאַנען אויך.

פאַר שונד־ראָמאַנען האָט זיך גרשון געשראָקן. די מעשה איז, וואָס ער האָט שוין נישט איינמאָל געטראַכט אָנצושרייבן אַ שונד־ראָמאַן און זיך פאַרלייכטערן דאָס שווערע לעבן, און פאַרשטייט זיך, אַז דער יצר טוב האָט אים אַלעמאָל געראַטעוועט. הכלל, דער בחור האָט צעריסן די דריטע סצענע אויף פּיץ־פּיצלעך און זיך געזאָגט: כאשר אבדתי אבדתי, דאָס הייסט, אַ קבצן בין איך געווען, און אַ קבצן וועל איך שוין מסתמא בלייבן...

און דאָ דערוויל — צוליב אַ וועלכער סיבה, געדענקט נישט

גרשון — און הניאל פערסקי איז שוין געוואָרן אויס עורך (רעדאַק־טאָר) און זיין אָרט האָט פאַרנומען י. ה. בערקאָוויטש, דער באַרימ־טער העברעישער שרייבער. די שפּיל איז אים גראָדע געפעלן, אָבער ער האָט געזאָגט, אז מען דאַרף דאָ און דאָרטן קירצן, וועט זי ווערן נאָך שטאַרקער. הכלל, ער האָט זי געקירצט, און אַזויפיל שורות זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן, און דאָס האָט געמיינט, אַזויפיל צען סענט שטיק...

יאָ, קיין גביר איז שוין אונדזער בחור נישט געוואָרן פון דער שפּיל....

# גרשון און לאה קאַפּילאָוויטש

גרשון האָט געמיינט, אַז ער איז דער איינציקער שרייבער, וואָס גיט זיך אָפּ בלויז מיט קינדער־מעשיות. איינגיכן אָבער האָט ער זיך דערוווסט, אַז ווען ער איז נאָך געווען אַ חדר־ייִנגל האָט אין אַמעריקע געלעבט אַ וואונדערלעכער שרייבער פון קינדער־מעשיות, לעאָן עלבע. נישט באַשערט געווען מיט אים זיך טרעפן. אין קאַפּע אייראָפּע האָט אים גרשון קיינמאָל נישט געזען. ער האָט געוווינט ערגעץ אויסער ניו יאָרק, אַ קראַנקער, און איז איינגיכן אַוועק פון דער וועלט.

אויך האָט גרשון, ביז ער איז געקומען אין קאַפּע אייראָפּע, נישט געוווסט וועגן לאה קאַפּילאָוויטש האָפּמאַן. טאַקע אין דער ביבליאָטעק אויף איסט בראָדוויי האָט ער זיך באַקאַנט מיט אירע קינדער־לידער. אַזוי צופעליק איז אים אַריינגעפאַלן אין די הענט אַריין איר בוך קינדער־לידער, און פון ערשטן בלעטל — גאָר אַ כּישוף. ווי זי האָט געקאָנט רעדן צו קינדער!! און ווען זי זאָל געווען אָנשרייבן אין איר לעבן נאָר דאָס ליד: „דעם זיידנס טאַבאַק־פּושקע", וואָלט איר שוין געקומען צו זיצן אויף דער זעלביקער באַנק אין גן־עדן צוזאַמען מיט אַלע וויכטיקע יידישע שרייבער. ס׳איז גאָר נישט געווען קיין אונטערנעמונג פון אַ יידישער שול, ווו אַ קינד זאָל נישט געווען דעקלאַמירן „דעם זיידנס טאַבאַק־פּושקע". ס׳איז גאָרנישט געווען קיין טעקסט־בוך פאַר קינדער, ווו מען זאָל נישט געווען אַריינגענומען איר „זיידנס טאַבאַק־פּושקע".

און אַז לאה פאַרמאָגט ווייכע בלויע אויגן, האָט גרשון נאָך נישט געוווסט; און אַז זי איז אַ קליינינקע, אַ ריטמישע מיט אַ צאַרט קול, וואָס איז אי פון אַ קינד, אי פון אַ פרוי, האָט ער אויך נישט געוווסט; און אַז זי שפּאַנט מיט שטילע טריט און האָט אַזוי מורא פאַרן לעבן און אַז אַלע יאָרן בענקט זי נאָכן באַשערטן, וואָס ווערט זי אויסלייזן פון איר מורא, האָט ער אויך נישט געוווסט...

און אַז אונדזער בחור האָט זיך אָנגעהויבן נאָכבּרעגן וועגן איר, האָט ער זיך דערוווסט, אַז נישט נאָר איז זי אַ זעלטענע שרייבערין, נאָר אויך אַ זעלטענע פאָרלייענערין פון אירע אייגענע קינדער=לידער; און אַז זי איז אַ „שטערן" אויף אַלע לאָקאַלע אונטערנעמונגען, און לאָקאַלע אונטערנעמונגען איבער גרויס ניו=יאָרק אין יענע יאָרן זענען געווען ממש אין די הונדערטער. אין די שבת=צונאַכטן, אין די זונטיק=צונאַכטן, יידישע שולן פון אַרבעטער=רינג, פון שלום=עליכם פאָלקס=אינסטיטוט, פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער=פאַרבאַנד, אין מאַנהעטן, בראָנקס, וויליאַמסבורג, בראָנזוויל, איסט ניו=יאָרק, בראַיטאָן, קוני אײַלאַנד האָבן געפּראַוועט שמחהלעך, און אומעטום האָט מען געוואָלט די באַרימטע שרייבערין פאַר קינדער, לאה קאָפּילאָוויטש האָפמאַן, וואָס קוקט גאָר אַליין אויס ווי אַ קינד...

נישט געהאַט קיין מזל, גרשון, זי הערן פאָרלייענען. געזאָלט האָט זי אַפילו אַרויסטרעטן אין בראָנזווילער אַרבעטער=קלוב אַ געוויסן שבת=אָוונט. און אַלע האָבן זיך אַוודאי גערייכט אויף איר, און גרשון אַוודאי און אַוודאי. אָבער פּונקט ווען דער אָוונט האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פון איר, אַז ליידער ליגט זי גאָר אין בעט אַ פאַרקילטע און קאָן נישט קומען.

פאַרוואָס זעט זי נישט גרשון אין קאַפּע אייראָפּע? ער זעט דאָך אַנדערע פרויען=שרייבערינס. ער זעט אָפט די דערציילערין רחל לוריאַ, מיט די עכט=יידישע שיינע שוואַרצע אויגן, אַ קליינינקע, אַ קיילעכדיקע, אַ פּיקאַנטע, אַ קלוגע, אַ לעבעדיקע. ס'קומט אויך אַריין אין קאַפּע אייראָפּע די זייער פולע, זייער שטרענגע פּאָעטעסע אַנאַ מאַרגאָלין. מיט ראובן אײַזלאַנד קומט זי געוויינלעך אַריין. מען זעט אויך פון צייט צו צייט די פּאָעטעסע ציליאַ דראַפּקין, אויך אַ פולע, מיט דער הייסער אַפריקע אין אירע זייער גרויסע שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, אין אירע דיקע ליפּן; אין איר טונקל=הויטיקן פּנים. ס'באַווייזט זיך אויך אַמאָל די זייער יונגינקע פּאָעטעסע מלכה לי, וואָס אַי זי ברענט, אַי זי שעמט זיך. עס ברענען און שעמען זיך אירע גרויסע ברוינע ליידנשאַפטלעכע אויגן; עס ברענען און שעמען זיך אירע שטענדיק פלאַמענדיקע באַקן, און איר קול, ווי ס'וואָלט געוואָלט לעשן דאָס פייער — קיל, גלעטנדיק... ס'האָט אויך אַריינגעשוועבט פון צייט צו צייט מיט איר מאַן פּרץ

הירשביין די שטענדיק פאַרפּוצטע אסתר שומיאַטשער מיט דער שיינקייט פון עפּעס אַ מאָנגאָלישער פּרינצעסין, געקליידט אין שוואַרצן און אין ווייסן, און אין אַ סך שלייערן. אָבער נאָר לאה קאַפּילאָוויטש קומט נישט אַריין אין קאַפּע אייראָפּע... עמעצער האָט געזאָגט גרשונען, אַז לאה, נאָך אַלע גליקן, איז אַ שווערע אַרבעטערין אין אַ מילינערי=שאָפּ.

אָבער אָט איז זי איינמאָל אַ שבת פאַרנאַכט אַריינגעקומען, אין אַ בלויען האָריקן ווייכן פּאַלטאָלעכל, אין אַ וואָלן היטעלע מיט צאַצקעדיקע קאָלירן... אַריינגעקומען מיט שטילע טריט, אַ מיט מורא, אַ מיט אַ שמייכל. ווי אַ פּשוט מיידעלע פון דער גאַס האָט זי אויסגעזען, ווי זייער אַ יונג מיידל האָט זי אויסגעזען, און זי איז שוין דעמלט געווען אַרום אַ דרייסיק יאָר אַלט.

און פון זינט דעמלט אָן האָבן זיך שוין לאה מיט גרשונען אָפט באַגעגנט. זי האָט אים געלייענט אירע נייע אָנגעשריבענע לידער, און ער איר — זיינע נייע אָנגעשריבענע מעשהלעך. און נישט איינמאָל אים איינגעלאַדן צו זיך אין צימער, און נישט איינמאָל געטאַנצט פאַר אים, זיך אַרומגעוויקלט אין אַזוינע קאָלירטע שטאָפן און געטאַנצט פאַר אים. און נאָכן טאַנצן האָט זי געציטערט נישט פון מידקייט, נאָר עפּעס פון אַן אומדערקלערבאַרער מורא. אַרום אַ דרייסיק איז זי דעמלט אַלט געווען, און האָט אויסגעקוקט ווי אַ קינד=מיידל, און ווען זי האָט געטאַנצט, האָט זי אַוודאי אויסגעקוקט ווי אַ קינד=מיידעלע.

און שפּעטער מיט עטלעכע יאָר, אין אַ זומער, זי איז שוין מסתמא אַלט געווען אַ יאָר פערציק, האָט זי גרשון געזען אין מאָודס זומעריי, אַן אויפזעערין איבער קליינע קינדער און איז זי געווען דאָרטן, אויף איר מאָגער קליין פּנים דאָ און דאָרטן — קנייטשן. צווישן אירע אַש=ברוינע האָר האָט שוין דאָ און דאָרט אַרויסגעזילבערט זיך אַ גרויע האָר, אָבער זי האָט נאָך אַלץ אויסגעקוקט ווי אַ קינד... און אַז זי האָט זיך געשפּילט מיט די קינדער אויפן גראָז, האָט זי אַוודאי אויסגעקוקט ווי אַ קינד.

מיט יאָרן שפּעטער האָט זי גרשון ווידער געטראָפן. ס'איז שוין געווען אין לאָס אַנדזשעלעס. זי האָט נאָך אַלץ שווער געאַרבעט אין אַ שאָפּ, צווישן אירע אַש=ברוינע האָר — שוין אַ סך גרוי. ב'מאָגער קליין פּנים שטאַרק געקנייטשט, גערונצלט, די ליפּן פאַר=

טריקנט, אָבער נאָך אַלץ א קינדערשע הנעוודיקייט ארום איר. און ווידער אַמאָל האָט זי געטאַנצט פאַר גרשונען אין איר צימער. און ווען זי האָט געטאַנצט פאַר אים האָט זי אַוודאי אויסגעקוקט, ווי אַ קינד.

און ווען זי איז קראַנק געוואָרן אויף אַן אומהיילבאַרער קראַנקהייט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, האָט זי גרשון ווידער געזען. אין איר גאָרטן געזען. זי האָט אַלע יאָרן געבענקט נאָך אַן אייגן ווינקל, נישט זיין קיין באַהעדרין ביי יענעם... האָט זי זיך דער־שלאָגן צו אַן אייגן ווינקל נאָך מיט אַ גאָרטן, און מיט פּרוכט־ביי־מער. זי האָט אַזוי ליב געהאַט איר גאָרטן מיט די פּרוכט־ביימער. געווען אַ וועגעטאַריערין — און דאָ קאָן זי רייסן פרישע גרינסן פון איר גאָרטן און פרישע פּרוכטן פון אירע ביימער.

אויף איר קאָפּ — דאָס זעלביקע וואָלענע היטעלע מיט די צאַצקעדיקע קאָלירן, וואָס גרשון האָט זי געזען מיט יאָרן און יאָרן צוריק ארייננקומען אין קאַפּע אייראָפּע... ס׳איז געווען פאַרנאַכט... די פאַרגייענדיקע זון האָט געשטראַלט אויף איר אויסגעמאַטערטן פּנים, און זי איז שוין געווען באַלד פאַרביי, אָבער נאָך אַלץ דער קינדערשער חן אין איר, באַזונדער אין איר קול. זי איז דעמאָלט געווען פול מיט האָפענונגען. זי האָט געהאָפט אַרויסצוגעבן אירע נאָך נישט געדרוקטע ווערק אין אַ נייעם בוך... זי האָט פאַרגע־לייענט פאַר גרשונען דעמאָלט אירע לידער, און אויך אַ פּאָר דער־ציילונגען.

מיט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז שוין געוואָרן אויס לאה קא־פּילאָוויטש האָפמאַן, וואָס איז געקומען צו דער יידישער קינדער־ליטעראַטור פּונקט דעמאָלט, ווען מען האָט זיך אַזוי שטאַרק גע־נויטיקט אין איר; פּונקט דעמאָלט, ווען מען האָט געהאַלטן אַזוי אין איין עפענען יידישע שולן אין אַמעריקע; פּונקט דעמאָלט, ווען עס האָבן געהאַלטן אין דערשיינען קינדער־זשורנאַלן און טעקסט־בי־כער פאַר די שולן...

* * *

יאָ, אין אַ שבת־פאַרנאַכט האָט גרשון ס׳ערשטע מאָל גע־טראָפן לאה קאַפּילאָוויטש האָפמאַן אין קאַפּע אייראָפּע... אירע אויגן — אַזוי וייך־בלוי, און איר קול אי פון א קינד, אי פון אַ פרוי — אי מיט מורא, אי מיט אַ שמייכל...

# גיי פאַרשטיי הערמאַן גאָלדן...

גיי פאַרשטיי הערמאַן גאָלדן! דער דאָזיקער הערמאַן גאָלד, דער צעשויבערטער, דער צעבראָסטעטער, דער זייער קאַרגער, וואָס האָט געבאַפּט אין קאַפּע אייראָפּע פון די טעלער מיט די שמוציקע פינגער, וואָס האָט געשנאָרעט פּענים — ער האָט גראָדע נישט איינמאָל אַרייננגערוקט גרשונען אין דער האַנט אַריין פינף און זיבעציק סענט, דער פּרייז פון אַ מאָלצייט אין קאַפּע אייראָפּע און אים געזאָגט אין דער שטיל מיט אַ ווונק פון די אויגן, ווי איינער מאַכט עפּעס אַ פאַרשווערונג:

— זאָג נישט די באָיעס.

און בשעת גרשון האָט געגעסן דעם מאָלצייט פאַר הערמאַן גאָלדס פינף און זיבעציק סענט, האָט יענער דערווייל געכאַפּט ביי אַנדערע שרייבער פון טעלער מיט זיינע שמוציקע פינגער, געשנאָרעט פּענים, און געמאַכט זיך פאַר אַן אָנשיקעניש. זייער ווייניק שרייבער האָבן אים אָנגעטריבן פון זייערע טישלעך. ס'רוב האָט אים געדולדעט. ביי איינציקע איז ער גאָר געווען ניחא. ער האָט שוין גוט געוווסט ביי וועלכע שרייבער ער איז ניחא און ביי זייערע טישלעך ערשט געבושעוועט גאָר אויף אַ גרויסן אופן. געוווסט האָט ער, אַז אברהם רייזען האָט אים גערן, האָט ער שוין גוט גע־בושעוועט ביי זיין טישל. אויך געוווסט, אַז יעקב גלאַטשטיין, אַלעף קאַץ, זוני מאוד און יאָסל קאָטלער, א. טאַבאַטשניק האָבן אים אויך גערן, איז ער ערשט די אַלע דערגאַנגען די יאָרן.

ער, הערמאַן גאָלד, אַריינשמייענדיק איינמאָל אין קאַפּע איי־ראָפּע, האָט דערזען אייב קאַהאַנען מיט סטעלא אדלער זיצן ביי אַ טישל, איז ער גלייך צוגעלאָפן מיט אַ געשריי:

— העי, באָיעלע, גיב אַ פּעני.

דאָס באָיעלע, דאָס הייסט, אייב קאהאַן איז א געהויבענער שטימונג העמלט, און ווייסנדיק אַפּנים ווער דער פּאַרשוין איז, האָט זיך צעשמייכלט און אים דערלאַנגט אַ גאַנצן דאָלאַר, ווי אונדזער הערמאַן גאָלד האָט זיך פאַרשעמט. האָט גראָדע צוגענומען דעם דאָלאַר, אָבער שוין נישט געווען דאָס די גאַנצע צייט. גרשון האָט פּשוט געפילט, ווי ביי יענעם שמאַרצן די באַקן פון בושה, אים קיינמאָל נישט געזען אַזוי־אָ... ווען אייב קאהאַן גיט אים א פּעני, וואָלט ער אים נישט פאַרשעמט, אָבער אַ גאַנצן דאָלאַר... איז גוי־זשע פאַרשטיי אים...

גיי פאַרשטיי אים, אַז ער האָט זיך גאָר קיינמאָל נישט גע־קויפט קיין היטל אויף זיין קאָפּ. אין די גרויסע רעגנס, ער לויפט איבער פערצנטער גאַס אָן אַ היטל און זיינע שטאַרקע ווי דראָט האָר זענען דורכגענעצט. אין דער שטאַרקסטער זאַווערוכע, ווי דער בחור לויפט איבער פערצנטער גאַס מיט אַ הוילן קאָפּ, ווייס פון שניי, און לאַכט... איז גיי פאַרשטיי אים, אַז אַ היטל קאַרגט ער זיך צו קויפן, — און גרשונען האָט ער אַריינגעשטעקט אין דער האַנט אַריין גאַנצע צען דאָלאַר, ווען יענער האָט זיך געקלאָגט פאַר אים, אַז ער האָט נישט אויף קיין רענט.

און גרשון האָט נאָך נישט געוווסט, אַז הערמאַן גאָלד האָט א שלום, דאָס הייסט, א זונדעלע פון א יאָר ניין, אָדער צען. הערמאַן גאָלד האָט גרשונען איינמאָל געפירט אויף אַ לאַנגער נסיעה מיטן סאָבוועי ערגעץ אין בענסענהורסט, דאכט זיך, און אים געבראַכט אין א געסל ערגעץ פון פּריוואַטע הייזקעס מיט גערטנדלעך פון פאָרנט. ער האָט אויך פאַרמאָגט אַ פּריוואַטע הייזקע, אַ צוויי־שטאָקיקס. און אַז ער איז מיט אים אַריינגעגאַנגען אינעווייניק, האָט מען גלייך דערזען ביכער. אומעטום ביכער: אין פאָדער־צימער ביכער און ביכער, ממש פון דיל ביז אין דער סטעליע, אין גאַסט־צימער ווידער אַמאָל ביכער און ביכער, אין קיך נאָכאַמאָל ביכער, און אויבן, אויפן צווייטן שטאָק אין שלאָף־צימער ווידעראַמאָל ביכער (ער האָט טאַקע געהאַנדלט מיט ביכער, מיט זעלטענע ביכער, אַנטיק־ביכער. הערמאַן גאָלד האָט גרשונען איינמאָל געוויזן אַ בריוועלע פון פּרע־זידענט ווילסאָן, געשריבן מיט זיין אייגענער האַנט. דער פּרעזידענט פרעגט זיך אָן ביי אים, צי ער האָט נישט ביי זיך אַזאַ און אַזאַ בוך...).

הערמאַן גאָלד האָט גרשונען פאַרגעשטעלט פאַר זיין פרוי, אַ קיילעכדיקע און זייער אַ פולע, מיט באַקן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין גליען, ווי זי וואָלט שטענדיק געשטאַנען פאַר אַ ברענענדיקן אויוון, מיט אַ געלעכטערל אין אירע העל-ברוינע אויגן, און דער געלעכטער איז גאָר געווען פון פאַרלוירנקייט...

ער האָט אים אויך פאַרגעשטעלט פאַר זיין שלומל, און דאָס שלומל איז אַ בלאַס, מאָגער יינגעלע, מיט שיטערע צייגדלעך, מיט אַ קלוג שמייכעלע אויף זיינע דינע ליפעלעך, און אַז דער טאַטע צעגייט זיך ממש פון ליבשאַפט נאָך אָט-דעם שלומל, דעם דאָזן שפּראָצלינג האָט מען געקאָנט זען פון דער אויפגעלויכטנקייט אין זיינע גיכע אייגעלעך, און פון דעם ווי ער האָט כלומרשט אָנגעשריִען אויף אים.

— פויער דו, פאַרשטאָפּטער קאָפּ.

און פויער האָט ער אים גערופן, און „פאַרשטאָפּטער קאָפּ“, ווייל יענער האָט געטאָן אַלצדינג, וואָס ער האָט געקאָנט זיך אויסדרייען פון צו לערנען יידיש און העברעיש, און ער האָט גראָדע נישט געהאַט קיין פאַרשטאָפּטן קאָפּ. גרשון איז אַ צייט געווען זיין לערער, ווייסט ער. און זיין ווילן זיך אויסדרייען פון לערנען יידיש און העברעיש, איז געווען א טייל פון קידער-ווידער, וואָס ער האָט געפירט קעגן זיין טאַטן, פון דעם אייביקן פאַרדראָס, וואָס ער האָט געטראָגן אין זיין האַרצן קעגן זיין טאַטן. און פאַרוואָס אַזאַ קידער-ווידערקייט קעגן זיין טאַטן, וואָס האָט אים אַזוי ליב? אפשר דערפאַר, וואָס דאָס זונדעלע האָט נישט געוואָלט ליידן, וואָס זיין טאַטע איז אַזוי אַנדערש פון אַלע אַנדערע טאַטעס אויפן בלאָק; אַ טאַטע, וואָס גייט שענדלעך אָנגעטאָן, יאָרן און יאָרן אין די זעלבע אַלטע ברודיקע קליידער, מיט אַ בענדל אָנשטאָט אַ שניפּס, טראָגט קיינמאָל נישט קיין מאַנטל, פאַרקעמט זיך קיינמאָל נישט די האָר, נאָר גייט אום אַ צעשויבערטער, אַ צעפּאַטלטער, פוצט זיך קיינמאָל נישט די שיך, און דערנאָכדעם, ווען דער טאַטע האָט זיך נאָך פאַרלאָזט אַ באָרד, און די באָרד קיינמאָל נישט געקעמט, האָט ער שוין גאָר אויסגעזען, ווי אַ ווילדער מענטש („זולו“ האָט אים משה-יונה הײמאָוויטש גערופן). א טאַטע, וואָס מאַכט זיך משוגע פאַר מענטשן אין די אויגן, וואָס גייט נישט אויף דער גאַס, נאָר ער לויפט. אַ טאַטע, וואָס אחוץ

זונטיקס איז ער קיינמאָל נישטאָ אינדערהיים, קומט פֿאַרנאַכט צו לויפֿן אין הויז, עסט אָפּ זייער שנעל דעם מאָלצייט (געוויינלעך איז דאָס בעבעלעך, ליב געהאַט בעבעלעך דאָס לעבן) און אַנטלויפֿט, קערט זיך אום אַהיים ערשט צוויי אַזייגער ביינאַכט. דאָס אַנטלויפֿט ער שטענדיק אין קאַפֿע „ראָיאַל“, אַלע אָוונט, אַלע אָוונט, אַחוץ אין די זונטיקס. א טאַטע, וואָס דעקט זיך צו מיט אַ מאַטראַץ אָנשטאָט אַ קאָלדרע. גרשון איז איינמאָל געקומען אַ זונטיק אינדערפֿרי צו אים אין הויז, אַרויף אויבן אין זיין שלאָפֿצימער, איז ער זיך געלעגן ווי אַ מלכות צוגעדעקט מיט אַ דינער קאָלדרע, און איבער דער דינער קאָלדרע — אַ מאַטראַץ.

ווען דער באָרד, וואָס ער האָט זיך פֿאַרלאָזט, האָט ער איינמאָל גרשונען דערקלערט, אַז ס׳איז צוליב זיין שלוימל. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט זיך נישט אָפּשערן די באָרד, ביז דאָס זונדל וועט זיך גוט אויסלערנען יידיש און העברעיש. אָבער דאָס שלומל איז אויך געווען אַן עקשן, און הערמאַן גאָלד האָט זיך שוין קיינמאָל נישט אָפּגעשוירן די באָרד... און געצאָלט האָט ער גרשונען פֿאַרן לערנען מיט זיין שלומען גאַנצע פֿינף דאָלאַר אַ לעקציע, און אים נאָך צוגעזאָגט אַ באָנוס פֿון צוויי הונדערט דאָלאַר, אויב דאָס זונדעלע וועט עפּעס דערגרייכן. אין „דערגרייכן“ האָט ביי אים געמיינט, אַז יענער זאָל קאָנען אַ פּרשה חומש מיט רש״י, און רעדן פֿליסיק יידיש. און גרשונען האָט דאָס שלומל ליב געהאַט, און גראַדע זיך געלערנט גוט, דאָס הייסט, ווען דער טאַטע איז נישט געווען דערביי. איז אָבער נאָר דער טאַטע געווען דערביי, איז עפּעס דער גאַנצער חשק ביי אים אַוועק, געשטאַמלט און געהיקעט און זיך געמאַכט, ווי ער האָט טאַקע אַ פֿאַרשטאָפּטן קאָפּ...

און דינר טאַטע אַליין פּונקט ווי זיין זונדל. ווען ס׳איז קיינער נישט געווען דערביי, געבליבן אויג אויף אויג מיט גרשונען, איז געווען אַזאַ רואיקייט אויף אים, מיט חכמה גערעדט וועגן אַ ליטעראַטור-ענין. ס׳קול זיינס איז געווען אַזוי אָנגענעם, מילד, אָבער וויבאַלד נאָר — צווישן מענטשן — ווי ער ווילדעוועט שוין, בושעוועט, רעדט פֿאַרדרייט, און זיין קול אַזוי אומאָנגענעם...

לאַמעד שאַפּיראָ האָט דערציילט גרשונען, אַז הערמאַן גאָלד האָט געוואָלט שיקן צוואַנציק טויזנט דאָלאַר מען זאָל עפֿענען אין

לאָס אַנדזשעלעס אַ ביבליאָטעק פֿון בלויז יידישע ביכער און ער, לאַמער שאַפּיראָ, זאָל זיין דער ביבליאָטעקער.

מאַטעס דייטש האָט דערציילט גרשונען, אַז הערמאַן גאָלד, אַרום אַ האַלב יאָר פֿאַר זיין טויט, האָט אים געשריבן אַ בריוו און געזאָגט, אַזוי ווי ער האָט געהערט, אַז יענער קלייבט זיך אַרויס־געבן אַ זשורנאַל, וועט ער אים פֿינאַנסירן... איז, גיי פֿאַרשטיי הערמאַן גאָלדן...

# גרשון איז היינט פריילעך...

פאַרוואָס איז גרשון היינט אַזוי פריילעך? אָן אַ פאַרוואָס — און ס'איז אים פריילעך.

שוין דעם דריטן טאָג, אַז ער איז איינער פון דער גרויסער אַרמיי שניי־ראָמער אין בראָנזוויל, פאַר פופציק סענט אַ שטונדע... ס'איז אים גאָרנישט קאַלט, פאַרקערט, ס'איז אים גאָר הייס. די לופט איז אַזוי פריש און ס'אָטעמט זיך אַזוי טיף. זיין עובדא איז צו שאַרן דעם שניי, אָדער בעסער געזאָגט, שטופן דעם שניי מיט אַזאַ גרויסער הראבליע צום אונמיטן פון דער גאַס. און אַז ס'זאַמלט זיך אָן אַ גרויסער באַרג, קומט צופאָרן אַ טראָק און אַלע שניי־ראָמער מיט לאָפּעטעס וואַרפן אַריין דעם שניי אין טראָק. מען האָט נאָך העמלט נישט גענוצט די גרויסע מאַשינען — בולדאָזערס, וואָס קאָנען אין איין מינוט מאַכן פון גרעסטן באַרג — אַ גאָרנישט. די שניי־ראָמער, איטאַליענישע, פוילישע, נעגערישע, יידישע, רעקרוטירט פון דער אַרמיי אַרבעטלאָזע, בעטן אוודאי גאָט, ס'זאָל פאַלן יעדע נאַכט אַ שניי, און גאָט פאַרנעמט זייער געבעט און יעדע נאַכט פאַלט א שניי און אויף צומאָרגנס איז די וועלט ווידער אַזוי בלענדנדיק ווייס...

דעם דריטן טאָג אינדערפרי איז אַרויס אַ געוואַלדיק צע־שיינטע זון, די אויגן טוען אַוש ווי פון קוקן, און — אפשר דער־פאַר איז גרשונען אַזוי פריילעך? זיינע חברים שניי־ראָמער זענען גאָרנישט אַזוי פריילעך פון דער געוואַלדיק־צעשיינטער זון. פאַר־קערט, זיי זענען גאָר אומעטיק. האָט מיינט, אַז ס'שטעלט זיך אַ גוטער וועטער און היינט איז מסתמא דער לעצטער טאָג פון שניי־ראָמען, און מאָרגן וועלן זיי ווערן צוריק אַרבעטלאָז. גרשונען איז געבליבן אין זכרון נישט נאָר זייער אויסקוק, נאָר אַפילו זייער ריח. ס'האָט זיך געטראָגן פון זייערע אָפּגעטראָגענע אויסגעריבענע

קלײדער דער קאַליע ריח פֿון אָרעמקייט. פֿון די וואָקלענדלער פּאַרע אין דער קאַלטער לופֿט, וואָס האָט זיך אַרויסגעלאָזט פֿון זייערע מײַלער, האָט זיך אויך געטראָגן דער קאַליע ריח פֿון אָרעמקייט. אַזוי פֿיל נישט געגאָלטע, ברודיקע פּנימער מיט אָנגעבלאָזענע גע־פֿרוירענע הענט, מיט צעקאַרבטע אונטערטעניקע העלדזער, און אין די אויגן גאָרנישט קיין פֿיצעלע האָפֿענונג, אויגן פֿון געשלאָ־גענע, געפֿאַלענע אויף אייביק. און דער יונגער צעשײַנטער גרשון צווישן זיי, ווי עפּעס אײנער, וואָס האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ שנײַ־ראָמער. זיי האָבן טאַקע געקוקט אויף אים מיט חשד, און זיי האָבן גאָרנישט געוווּסט, אַז ער נויטיקט זיך אין דעם דאָזיקן פֿאַר־דינסט פּונקט ווי זיי...

אָבער פֿאַרוואָס איז ער היינט אַזוי פֿריילעך? זאָל דאָס זײַן דער שנײַ צעלויכטן מיט טויזנטער זונען? זאָל דאָס זײַן, וואָס פֿאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט, וועט ער לויפֿן אין קאַפֿע אײַראָפּע, און ער וועט עסן דאָרטן אַ פֿולן מאָלצײַט נישט געבאָרגטער־הייט?... אָבער די אַלע גוטע זאַכן קאָנען נאָך אַלץ נישט דער־קלערן זײַן ממש עקסטאַטישע פֿריילעכקייט. ניין, גאָר אַ באַזונ־דערער גליק דערוואַרט אים היינט. ער ווייסט נישט וואָס אַזוינס וועט זײַן דער גליק, אָבער ער שפּירט דאָס אין אַלע זײַנע אבֿרים...

אַ סך אַזוינע טעג אין יענע יאָרן זענען געקומען צו גרשונען, ווי ער שטייט אויף אינדערפֿרי און דווקא ווען ער איז אַ נויטבאַ־דערפֿטיקער, אָבער ס'צעזינגט זיך אַ פֿרייד אין אַלע זײַנע אבֿרים, און ער ווייסט נישט פֿאַרוואָס... און געוויינלעך טרעפֿט טאַקע עפּעס וווּנדערלעכס צו אים אין אַזוינע טעג... דעם אמת געזאָגט, יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך געלאָזט אין קאַפֿע אײַראָפּע, האָט ער זיך גערעכנט אויף אַ שטיקל פֿרייד. יעדעס מאָל האָט ער זיך גערעכנט, אַז עמעצער פֿון די שרײַבער וועט אים צורופֿן און אים זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן זײַנס אַ מעשׂהלע, ערשט געדרוקט אין דער „פֿריי־הייט“, צי אין „קינדער זשורנאַל“...

יאָ, שטענדיק אין קאַפֿע אײַראָפּע איז גרשונען צוגעפֿאַלן עפּעס אַ נײַ שטיקל פֿרייד. צי דאָס איז געווען זיך באַקענען מיט נאָך אַ שרײַבער פֿון די גאָר אָנערקענטע, און זיצן בײַ זײַן טיש; צי דאָס איז געווען גאָר אַ נײַער חבֿר, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן צווישן די יונגע שרײַבער; צי דאָס איז גאָר געווען, הערן עפּעס אַ

חידוש, אַ געהויבענעם אינספּירירנדיקן געדאַנק וועגן דער קונסט פון שרייבן, ערגעץ ביי אַ טישל; צי דאָס איז גאָר געווען אַן אומ־רערוואַרטע איינלאַדונג פון אַ יאָסל קאָטלער, למשל, אין גריניטש ווילעדזש צו אַ מסיבה פון אַמעריקאַנער פּאָעטן און קינסטלער...

* * *

ער איז גאָרנישט מיד, גרשון, פון אַ גאַנצן טאָג שאַרן שניי. ער איז נאָר הונגעריק, זייער שטאַרק הונגעריק, אָבער ער וועט שוין אָפּעסן אין קאַפע אייראָפּע דעם אמתן מאָלצייט, מיט אַלע זעקס געריכטן... איידער נאָך ער עסט פילט ער שוין אין מויל דעם טעם פון העם פלאַנקן־פלייש, איינגעטונקן אין כריין, פון דער פע־טער יויך מיט קאַשע, פון דעם קיכעלע באַשאָטן מיט מאָן...

אין קאַפע אייראָפּע איז איצט איבערגעפּאַקט. ס'איז שבת, און שבת קומען זיך צונויף אַ סך ייִדישע שרייבער פון אַלע עקן ניו־יאָרק, און אַפילו פון די הערבייאיקע שטעטלעך, ווי נוארק, פּע־טערסאָן און אָפטמאָל אויך פון פילאַדעלפיע... און ווי ער קומט נאָר אַריין אין קאַפע אייראָפּע, ווי יהושע קאַמינסקי באַגעגנט אים אַ גליקלעכער:

— מ'האָט וועגן אייך געשריבן.

— ווו?! ווער?! ווען?!

יאָ, ער זעט דאָס שוואַרץ אויף ווייס: אין „טאָג“ האָט בן ציון גאָלדבערג געשריבן וועגן גרשונען אין זיין ליטעראַרישן קאָ־לום, וואָס ער האָט יענע יאָרן אָנגעפירט איינמאָל אַ וואָך. אמת טאַקע, די גוטע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן גרשונס אַ מעשהלע געדרוקט אין „קינדער זשורנאַל“, האָבן פאַרנומען בלויז דריי, אָדער פיר שורות, אָבער די דאָזיקע דריי אָדער פיר שורות האָבן אונדזער בחור ממש פאַרשיכורט...

יאָ, בן ציון גאָלדבערג איז געווען דער ערשטער צווישן די ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס האָט זיך אָפּגערופן זייער וואַרעם וועגן גרשונס שרייבן. און אָט זיצט ער טאַקע, בן ציון גאָלדבערג, ביי אַ טישל און שמועסט געמיטלעך מיט לעאָן קאָברין. אונדזער בחור האָט שוין נישט איינמאָל געזען בן ציון גאָלדבערגן אין קאַפע אייראָפּע ביי אַ טישל און זיך פאַרקוקט אויף אים. ס'האָט

שטענדיק געשמעקט פון אים מיט אַ פרישער ציכטיקייט און זויבערקייט. גרשון געדענקט אים עפעס שטענדיק אין אַ פריש־אויסגעפרעסטן בלויען שעוויאָטענעם אַנצוג. אין אַ פריש אויסגעפרעסט שניי־ווייס העמד מיט אַ שוואַרץ קמיץ־שניפסעלע ביים קאָלנער... אַ שיינער מאַנספערשוין וואָלט מען געזאָגט אויף אים. די ווייכע שוואַרצע האָר זיינע האָבן אָפגעשלאָגן מיט אַ וואַרעמען סאַמעטענעם גלאַנץ. די אויגן זיינע דורך גאָלד־באַראמטע ברילן — צוויי קלוגע שטיקער ליכטנדע ברוינקייטן. אויף זיין קיילעכדיקן מאַטאָוון פנים — אַ ווילמוטיקער שמייכל...

גרשון האָט געפילט, אַז מען וואָלט באַדאַרפט צוגיין צו זיין טישל און אים באַדאַנקען, אָבער אַז ער איז אַ ביסל אַ שעמעוודיקער אומהיזער בחור. אָבער בן ציון גאָלדבערג האָט אים אַליין צוגערופן. יהושע קאַמינסקי, וואָס איז געזעסן ביי גאָלדבערגס טישל האָט אים מסתמא אָנגעוויזן אויף גרשונען.

* * *

און יענעם אָוונט אַרויסגייענדיק פון קאַפע אייראָפע איז געווען אַזאַ מונטערנדיקער, שמעקנדיקער פראָסט און דער הימל אַזאַ קלאָר אויסגעשטערנטער. גרשונען איז געווען וואַרעם און דאָס האַרץ איז געווען שטאַרק. וואָס מיר אַלעקסאַנדער מוקדון, אָדער די גרויסע פירער פון דער וועלט, ער וואָלט זיך מיט קיינעם פון זיי נישט געביטן...

# קאָרענער לעקעך

ווען גרשון דערמאָנט זיך אין די ליטעראַרישע שמחות יענע יאָרן אין ניו-יאָרק קומט-אָן צו זיינע נאָזלעכער דער אַפּעטיטנער ריח פון קאָרענעם לעקעך... ביי גרשונען וועקן זיך בכלל אויף די זכרונות פון די פאַרגאַנגענע יאָרן דורך ריח. ווען ער דערשמעקן קען ריח פון פּילניוצעס, „טראָבערים“, וועט אָנקומען דער טעם פון די קושן, וואָס ער האָט זיך געקושט מיט מרימען דעם שוסטערס מיידל אין אַן אויסגעשטערנטער זומערדיקער לבנה-נאַכט אין כאשטשעוואַטע... וועט אָנקומען צו אים דער ריח פון געלע באַרן, וועט ער דערמאָנען זיך אין טעם פון חברשאַפט מיט פּוליען. זיי זענען, ער און פּוליען, ביידע געפאָרן אַ זומער פאַרנאַכט אויף אַ פּויערשער פור און געגעסן זאַפטיקע געלע באַרן, און דער הימל האָט דעמאלט געברענט אין טויזנטער שאַטירונגען פון רויט, פּורפּור און תּכלת...

און וועגן דעם ריח פון אַפּעטיטנעם קאָרענעם לעקעך — עפּעס אויף אַ סך קולטורעלע שמחהלעך, וואָס גרשונען איז אויסגעקומען צו זיין יענע יאָרן, איז צווישן אַלע אַנדערע גוטע זאַכן פון כּיבוד, כּמעט שטענדיק סערווירט געוואָרן דער ברוינער לעקעך, וואָס מען האָט גערופן אין בערשאַד קאָרענער לעקעך...

* * *

און אויף איסט-בראָדוויי איז דעמאלט געווען דער ייִדישער לערער-סעמינאַר און די נשמה פון לערער-סעמינאַר איז דעמאלט געווען דער שמאָלער, שלאַנקער מאַט-הויטיקער, ליב-שמייכלענדיקער, טאַקטישער פאַרוואַלטער פּנחס גינגאָלד, מיט די קלוגע שמאָל-געשניטענע מאַגנעטישע ברוינע אויגן; די נשמה פון לע-

רער־סעמינאַר איז אויך געווען דער דירעקטאָר יהודה קויפמאַן, דער גרויסער יידישער געלערנטער מיט דעם ציכטיקן פנים מיט אַ מין אויסשטראַלנדיקער קלוגער ערלעכער ליכטיקייט און זייגע בלויע אויגן. דער באַליבטער לערער איז דעמלט געווען דער קוועלנדיקער, ענטוזיאַסטישער באַטעמענדיקער חיים שויס, וואָס האָט געלערנט יידישע געשיכטע.

און וועגן דעם דירעקטאָר יהודה קויפמאַן מוז גרשון זיך אומקערן צו זייגע קינדער־יאָרן אין בערשאַד. איינמאָל אַ זומער איז אָנגעקומען פון באַלטע קיין בערשאַד יהודה קויפמאַן מיט זיין יונגער פרוי אויף אַ באַזוך צו זיין זיידן אברהם האָן. יהודה קויפמאַן איז שוין דעמלט געווען גרויס באַרימט, און די אינטעליגענץ פון בערשאַד האָט געמאַכט אַן אָוונט לכבוד אים ביי אידל ריכטער אין זאַל. דער ניין־יאָריקער גרשון האָט אזוי געוואָלט גיין הערן דעם דאָזיקן באַרימטן געלערנטן יהודה קויפמאַן, וואָס מען האָט געזאָגט אַז ער וועט רעדן גאָלע לשון קודש, אָבער אונדזער בחורל האָט נישט געהאַט קיין געלט אויף אַ בילעט... דאָס האָט אים דאָך נישט אָפּגעשטעלט, ער איז געקראָכן דורך אַ פענצטער. האָט אָבער באַמערקט איינער פון די מאַכערס פון אָוונט און אים אַרויסגעוואָרפן צוריק אינדרויסן... גרשון האָט טאַקע דעמלט נישט געהערט יהודה קויפמאַן רעדן גאָלע לשון קודש...

און אָט איצט מיט יאָרן שפּעטער טרעפט ער יהודה קויפמאַן אויף אַ פּורים־אָוונט אין יידישן לערער־סעמינאַר. גרשונס חבר, פּוליע, אַ סטודענט פון יידישן לערער־סעמינאַר, האָט אים מיטגענומען. קוקט גרשון אויף דעם דאָזיקן יהודה קויפמאַן און ס'ווילט זיך אים אַזוי שטאַרק צוגיין צו זיין לאַנדסמאַן, אים אָפּגעבן שלום עליכם, אַ רעד טאָן צו אים, זיך קרובן מיט אים. אָבער יענער איז געווען פאַרנומען מיט די חשובע געסט, וואָס זענען געזעסן ביים הויפּט־טיש און געפירט מיט זיי געהויבענע געשפּרעכן. און ביים הויפּט־טיש זענען געזעסן אַלע לערער פון סעמינאַר: חיים שויס, יהודה יאַפע, לייביש לערער און איינגעלאַדענע געסט קינסטלער, וועגן וועלכע ס'וועט שפּעטער גערעדט ווערן.

און געווען איז די אוידיטאָריע געפּאַקט מיט יונגע ליכטיקע האָפּערדיקע פּנימער, יונג אַזוי ווי גרשון, דאָס הייסט, דריי אָדער פיר און צוואַנציק יאָר אלט. מערסטע האָבן געאַרבעט אין די שע־

פער און אין די אָוונטן שטודירט די חכמה פון לערעריי. זיי האָבן זיך געגרייט צו זיין לערער אין די יידישע שולן אין אַמעריקע. דאָס זענען געווען חברה, וואָס זייערע אָרעמע לעבנס אין די בלאָטיקע קליינע שטעטלעך פון יענער זייט ים איז באַלויכטן געוואָרן פון די ווערק פון י. ל. פרץ, מענדעלע, שלום-עליכם, אברהם רייזען און אַנדערע. און דאָ ביים הויפּט-טיש יענעם אָוונט איז געזעסן איינער פון די, וואָס האָבן באַלויכטן זייער אָרעם לעבן דאָרטן פון יענער זייט ים. ס'איז געזעסן דער שלאַנקער, יום-טוב-שמייכלענדיקער אברהם רייזען, האָבן אַלע אויגן אים שוין נישט אָפּגעלאָזט... ס'איז נאָך געזעסן ביים הויפּט-טיש יענעם אָוונט א חשובער גאַסט: דער גאָר-באַרימטער וואונדערלעכער אויסטייטשער פון דעם יידישן ליד חיים קאָטיליאַנסקי. און געהערט האָט גרשון פון חיים קאָטיליאַנסקי, ווי באַלד נאָר ער איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע. אַזאַ זינגער, האָט מען זיך דערציילט, איז נאָך נישט געווען ביי יידן. עפּעס ברענגט ער אַן עולם מיט זיין זינגען צו אַזאַ עקסטאַז, אַז מען וויל אים נאָר טראָגן אויף די הענט...

און מען האָט אים יענעם אָוונט טאַקע געוואָלט טראָגן אויף די הענט. אברהם רייזען האָט זיך געוואָרפן קושן מיט אים. גרשון האָט אים אויך געוואָלט קושן. מען קאָן גאָרנישט דערקלערן, פאַר-וואָס ער האָט אַזוי פאַרכאַפּט דעם עולם. אַזאַ זינגער ווערט נאָר געבוירן איינמאָל אין אַ דור. און דער דור אין וועלכן ער איז גע-בוירן געוואָרן, האָט אים זייער נויטיק געדאַרפט האָבן. ער איז געקומען אין אַ צייט, ווען מען האָט אָנגעהויבן צו אַנטדעקן די אוצרות פון יידישן קולטורעלן פאָלקס-לעבן... ווי ער האָט יענעם אָוונט געזונגען!...

יאָ, חיים קאָטיליאַנסקי האָט געזונגען און געמאַכט ציטערן אַלעמענס הערצער און איז באַגריסט געוואָרן מיט אַ שטורמישן אויסברוך פון קלאַפּערייען... און די וואָס האָבן זיך געפונען נאָענט לעבן אים, האָבן אים פשוט אַרומגעכאַפּט קושן...

יהודה קויפמאַן איז אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע מיט זיין לויטערן זילבערן קול, אָבער נישט אין לשון קודש, נאָר אין פשוטן יידיש. גערעדט האָט ער וועגן פּורים אי ערנסט, אי שפּאַסיק, זיך אָפּגעשטעלט אויף שושנת יעקב צהלה ושמחה, וואָס מען זינגט אין יידישע הייזער אום פּורים און געמאַכט פון דעם א טיפע דרשה...

און פֿאַרשטייט זיך, אַז מען האָט אברהם רייזענען אויך אַרויסגערופֿן, און ווי נאָר ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט, אברהם רייזען, אַזוי האָבן זיך אויפֿגעשטעלט אַלע, אַלע, צווישן עולם... אַזאַ ליבע צו אברהם רייזענען, אַזאַ וואַרעמקייט, אַזאַ פֿאַרערונג...

און נאָך אברהם רייזענען האָט דער פֿאָרזיצער פֿון אָוונט פּנחס גינגאָלד נאָך עמעצן אַרויסגערופֿן, און דעם, וואָס מען האָט אַרויסגערופֿן, האָט זיך בשום אופֿן נישט געריכט... ער האָט אַפֿילו נישט געגלייבט, אַז דאָס מיינט מען אים... זיין חבר פּוליע האָט אים געדאַרפֿט אַ שטופּ טאָן ער זאָל זיך לאָזן צו דער בינע... און ס'האָט זיך אַזוי נישט געוואָלט זיך לאָזן צו דער בינע אונטער אַזויפֿיל הונדערטער אויגן... נאָר דער פֿאָרזיצער האָט געוואָלט, אַז גרשון זאָל דערציילן פֿאַרן עולם איינע פֿון זיינע קינדער־מעשיות... אַז ער איז גאָר קיינמאָל אין זיין לעבן נישט אַרויסגעטראָטן פֿאַר אַן עולם און נאָך וואָס פֿאַר אַן עולם!... ווען מען וואַרפֿט אים אַרויס דורכן פֿענצטער, ווי מען האָט אים אַרויסגעוואָרפֿן אַלס יינגל פֿון אידל ריכטערס זאַל, ווען ער איז אַריינגעקראָכן אָן אַ בילעט צום ליטעראַרישן אָוונט, ווו יהודה קופּמאַן האָט געדאַרפֿט אַרויסטרעטן, וואָלט מען אים געטאָן די גרעסטע טובה... אָבער מען האָט אים איצט נישט אַרויסגעוואָרפֿן דורכן פֿענצטער. פֿאַרקערט. מען האָט גאָר געקלאַפּט מיט די הענט אים צו געבן קוראַזש...

און ווען גרשון איז אַרויף אויף דער בינע, האָט ער זיך דערפֿילט אַזוי עלנט און איינזאַם, און ס'האָט אים אַזוי געקלאַפּט דאָס האַרץ פֿון מורא... אַ קליינע בינע פֿון עטלעכע פֿוס איז דאָס געווען, און אונדזער בחור האָט זיך אויסגעדאַכט עפּעס ווי אַ גרויסער מדבר... און גרשון האָט דערמלט געטאָן אַ מאָדנע זאַך. ס'איז געשטאַנען אויפֿן טישל, וואָס אויף דער בינע אַ בוקעט בלומען, האָט ער זיך אָנגעבויגן צום בוקעט בלומען און אַ שמעק געטאָן, און פֿון דעם האָזיקן שמעק האָט ער באַקומען אַ סך כוח און מוט, זיך אַנידערגעשטעלט פֿאַרן עולם און אָנגעהויבן:

„דער זיידע און די באָבע פֿריידע. ס'איז אַמאָל געווען אַ זיידע און אַ באָבע פֿריידע, זענען זיי געווען זייער אַלט, איז געקומען דער ווינטער, איז זיי געוואָרן זייער קאַלט... רופֿט זיך אָן די באָבע פֿריידע: ווייסטו וואָס, זיידע, אַז ס'איז אונדז קאַלט, גיי־זשע אין

וואַלד, קלייב אָן שפּענדעלעך, וועלן מיר זיך דערוואַרעמען אונדזערע ביינדעלעך — — — — — —".

* * *

מען האָט גרשונען אויך שטאַרק אַפּלאָדירט. ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן, וואָס מען האָט אים אַפּלאָדירט... און יהודה קויפמאַן האָט אים געדריקט די האַנט, און אַז גרשון האָט אים נאָך געזאָגט, אַז ער איז פון בערשאַד, און געוווינט פונקט אַנטקעגן דעם הויז, וווּ זיין זיידע אברהם האָט געוווינט, האָט ער אים ממש געוואָלט אַרומכאַפּן...

יאָ, גרשון האָט דערנאָכדעם געגעסן קאָרעגעם לעקעך, און דער טעם איז אים נאָך געבליבן ביז היינט צו טאָג...

# פרילינג אויף צווייטער עוועניו

ווי אַזוי האָט געהייסן דער ייִדישער קונסט־צענטער אויף צוועלפטער גאַס לעבן פערטער עוועניו? ער געדענקט שוין נישט, גרשון, און ווער ס׳זענען געווען די גרינדער, געדענקט ער שוין אויך נישט. וואָס ער געדענקט יאָ איז, אַז ס׳האָט געזאָלט זיין אַ מקום אַזאַ, ווו ס׳זאָלן זיך צונויפקומען אונטער איין דאַך ייִדישע מאָלער, ייִדישע שרייבער, ייִדישע מוזיקער, דורכפירן אויסשטעלונגען פון מאָלעריי און אָוונטן פון פּאָעזיע און לעקציעס וועגן די פאַרשיידענע קונסטן.

אַ שטאָק נידעריקער צי אַ שטאָק העכער אין דעם זעלביקן הויז, איז געווען די ערשטע סטודיע פון דעם שפּעטער באַרימט־געוואָרענעם „ארטעף“. און אָפט האָבן זיך פון דער דאָזיקער סטודיע געטראָגן קולות פונקט ווי פון אַן אַלטמאָדישן חדר. דאָס האָט יעקב מעסטל, דער ערשטער דראַמע־לערער און אויך דער ערשטער רעזשיסאָר פון דער דאָזיקער גרופּע איינגעהערט מיט זיי, ווי אַ מלמד מיט זיינע תלמידים, ווי אַזוי אַרויסצורעדן קלאָר און דייטלעך אַ קלאַנג...

און פון אַלע מאָלעריי־אויסשטעלונגען אין יענעם פּלאַץ איז גרשונען געבליבן אין זכרון אַן אייל־פּאָרטרעט פון דעם האָרבאַטן פּיאַניסט איזראַעל שלייען, געמאָלן פון זיין ברודער דעם מאָלער און שפּעטערדיקן סקולפּטאָר משאַרלס שלייען. און איזראַעל שלייען איז דאַך דערנאָכדעם געוואָרן גרשונס אומצעשיידבאַרער חבר פאַר פיל יאָרן, אָבער ווען ער וויל זיך איצט דערמאָנען אין זיין געשטאַלט, געדענקט ער אים בלויז ווי ער האָט אויסגעקוקט אויפן פּאָרטרעט פון יענער אויסשטעלונג, באַזונדערס זיינע אויגן און זיינע פינגער. אַזוינע אויגן קאָנען נאָר שייך זיין ביי אַ האָרבאַטן, וואָס וויל באַצווינגען דעם מענטשן מען זאָל נישט זען

דעם מוט אין אים, מען זאָל נאָר זען דאָס שיינע, וואָס ער האָט צו געבן דער וועלט. און ער האָט פֿאַרמאָגט אַ סך שיינס צו געבן דער וועלט. אַ מייסטער פּיאַנאָ־שפּילער געווען, אַ שאַרפֿזיניקער מיטשמועסער, אַ פֿרייליכער וויצן־דערציילער, אַ גרויסער מבֿין אויף מאָלערײַ, טאַנצן און אַנדערע קונסטן. יאָ, ווי דער דאָזיקער האָרבאַטינקער מיט די שטעקעלעך־הענטלעך־און־פֿיסלעך איז געווען פֿאַרליבט אין טאַנצן! ער האָט אַזוי שיין געקאָנט רעדן וועגן טאַנצן. שעהן און שעהן געקאָנט רעדן וועגן טאַנצן (נישט פֿאַרפֿעלט קיין איין וויכטיקע טאַנץ־פֿאָרשטעלונג אין ניו יאָרק און אָפֿט אויך מיטגענומען גרשונען). אָט די אַלע זאַכן האָבן זײַנע קליינע זייער גליענדיקע און זייער לעבעדיקע אויגן דערציילט אויפֿן פּאָרטרעט... און זײַנע פֿינגער? דאָס זענען געווען פֿינגער, וואָס האָבן גערעדט. דינע פֿינגער, עטוואָס צעקרומטע, זייער פֿילבאַרע, פֿאַרבענקטע און פֿאַרחלשטע... גרשון געדענקט, ווי זהבֿי מאָיר איז געשטאַנען פֿאַר דעם דאָזיקן פּאָרטרעט אַ היפּשע צייט און נישט געקאָנט אַראָפּנעמען די אויגן פֿון אָט די דאָזיקע פֿינגער...

דאָס איז געווען בײַ גרשונען און מסתּמא בײַ אַ סך באַזוכער אין דעם דאָזיקן ייִדישן קונסט־צענטער, דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן אויף אַ מאָלערײַ־אויסשטעלונג. דאָרטן איז בײַ אים פֿאַרחייט געוואָרן דאָס קערנדל פֿון ליבשאַפֿט צו מאָלערײַ און ער איז שוין דערנאָכדעם געגאַנגען צו אַ סך אויסשטעלונגען אין די גאַלערייען און אין די מוזעומס, און אָפֿטמאָל אין דער באַגלייטונג פֿון זײַן חבֿר איזראַעל שלייען, וואָס האָט אַזוי שיין געקאָנט רעדן פֿון מאָלערײַ...

די איצט באַרימטע סאָיער ברידער זענען אויך געווען פֿאַרטראָטן אויף דער דאָזיקער אויסשטעלונג. כּמעט אָנפֿאַנגער זענען זיי נאָך דעמאָלט געווען, אָבער מבֿינים האָבן שוין גערעדט, אַז די דאָזיקע ברידערלעך וועלן מיט דער צײַט שײַנען זייער גרויס... און די דאָזיקע סאָיער ברידערלעך זענען גאָר געווען אַזוינע שעמעוודיקע, נחבא אל הכּלימניקעס...

ס'געדענקט זיך אויך זייער קלאָר פֿון דעם דאָזיקן צענטער דעם יונגיונקן חיים גראָס. זייער ווינציק מענטשן האָבן אים דעמאָלט געקענט אַלס קינסטלער, די וואָס האָבן אים יאָ געקענט, איז עס

געוועזן צוליבן זכות פון זיין ברודער דעם יידישן פּאָעט, נפתלי גראָס. און זיין ברודער, דער יידישער פּאָעט נפתלי גראָס, איז דאָך געווען פון די פייערדיקע שיינע ברונעטן, אָבער דאָס ברודערל זיינס, חיים גראָס, האָט ממש אים פאַרטונקלט מיט זיין שיין=געשטאַלטיקייט: אַ געדיכטן קוטשעראַוועו שוואַרצן קאָפּ האָר, ווי עפּעס ביי אַ גריכישן אָפּגאָט. זיי האָבן געברענט, זיינע האָר, מיט יוטאַליטעט און קרעפּטיקייט. זיינע אויגן, ווי ס'זינגט זיך ערגעץ אין אַ פאָלקס=ליד: „שוואַרצע אויגן — פלאַקער=פייער" — זיי האָבן טאַקע באמת געפלאַקערט, ס'האָט ממש געשלאָגן אַ היץ פון זיי. אַ הויכער בחור, מאַסיוו אויסגעקנאָטן מיט אַ קאָפּ פון אַן אַפּאָלאָ און מיט שיינער בויגעוודיקייט אין זיינע גלידער, און מיט אַ פּאָר אויגן, וואָס פלאַקערן אי מיט יוגנט, אי מיט דער געוואַלדיקער בענקשאַפט נאָך קינסטלערישער דערלייזונג. ער האָט געהאַט אויף דער אויסשטעלונג סקולפּטורן פון האַליץ, געשטאַלטן פון צירק=אַקראָבאַטן, וואָס שטייען איינער דעם אַנדערן אויפן קאָפּ. יאָסל קאָטלער, געדענקט גרשון, האָט זיך גאָר געקוויקט מיט זיי...

און אין דעם דאָזיקן יידישן קונסט=צענטער, איז גרשון, און מסתמא אַ סך פון די באַזוכער, געווען ס'ערשטע מאָל אויף אַן אָוונט געווידמעט איינגאַנצן צו פּאָעזיע. ער געדענקט, גרשון, צוויי אָוונטן אַזוינע: איין אָוונט מיטן פּאָעט מנחם, און אַ צווייטן אָוונט מיטן יונגינקן פּאָעט חיים קרול. מנחם האָט פאָרגעלייענט זיין „זיינוול רימער", און דער עולם איז גאָרנישט מיד געוואָרן אים צו הערן. ס'איז געווען צוליב זיין קול. מוזיק איז געווען זיין קול, ווי מען שפּילט אויף אַ האַרמאָשקע. ס'איז אויך געווען צוליב זיין שיינער געשטאַלט. אַ מאַן געבענטשט אי מיט טאַלאַנט אי מיט שיינער מאַנסבילשקייט. ס'זענען געווען צווישן עולם אַ סך יונגע מיידלעך, און פאַר זיי דער אָוונט פון יידישער פּאָעזיע מיט אַזאַ שיינעם יידישן פּאָעט מסתמא געווען גאָר אַ געהויבענער יום=טוב.

אויף דעם אָוונט מיטן גאָר יונגן פּאָעט חיים קרול, איז דאָס האַרץ פון עולם אויסגעגאַנגען צו דעם דאָזיקן בחור מיט דעם הייליקן תמימותדיקן פּנים, אַ פּנים עפּעס פון אַ צדיק, אַ קראַנקן צדיק. שוין דעמלט האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווייזן אין אים סימנים פון זיין קראַנקהייט, וואָס האָט אים שפּעטער צוגעשמידט צום בעט

פאַר יאָרן און יאָרן... אַ סך פון עולם האָבן אויך געוווסט, אַז ער האָט געשפּילט אַ ליבע אין זיין געבורטס־שטאָט מיט אַ מיידל, וואָס האָט דאַכט זיך געהייסן סורטשע, אָדער אפשר גאָר כאַיטשע, און די ליבע האָט זיך אויסגעלאָזט אומגליקלעך פאַר אים. פון זייגע לידער האָט מען דאָס געוווסט. ער איז געזעסן, חיים קרול, פאַרן טיש מיטן ביכל אין די הענט, אַ בלאַסער, חיים קרול, מיט אַ הויכן שטערן, וואָס האָט אויסגעזען נאָך העכער צוליב די שיטערע האָר אויף זיין שפּיצעדיקן קאָפּ. ער האָט געלייענט מיט א שוואַך קול איין ליד נאָכן אַנדערן און זיך נישט אָפּגעשטעלט אַפילו פאַר אַפּלאָדיסמענטן. גרשון געדענקט, ווי ווען חיים קרול האָט פאַרענדיקט לייענען, האָט די פּאָעטעסע, שרה קינדמאַן, אים אַ קוש געטאָן אין זיין הויכן בלאַסן שטערן. דאָס האָבן אים מסתמא אַ סך מיידלעך צווישן עולם געוואָלט א קוש טאָן, און זי, שרה קינדמאַן, ווי זי איז געווען זייער שליחטע...

ס'איז געווען אַ פּרייטיק אָוונט, דער דאָזיקער אָוונט פון ייִדישער פּאָעזיע מיט חיים קרול. פאַרוואָס געדענקט גראַדע גרשון, אַז ס'איז געווען א פרייטיק אָוונט? צוליב דער גאָלדן=האָריקער, בלוי=אויגיקער, שטאַלטפּוסיקער, ריטמיש=קערפּערדיקער מיידל פון העגרי סטריט, צי פון טשערי סטריט, וואָס משה דובאָווני, אַליין זייער אַ שטאַלטנער בחור, האָט זי געבראַכט צום דאָזיקן אָוונט. זי איז געווען אַ שומרת שבת, אַן אָפּהיטערין פון שבת. זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט פאָרן אום שבת, ווען משה דובאָווני האָט זי געוואָלט אָפּפירן אהיים אויף אַ טראַמוויי, ער האָט שוין געמוזט גיין מיט איר צופוס פון דער צוועלפטער גאַס אין פערטער עוועניו ביז צו העגרי סטריט, אָדער טשערי סטריט. גרשון וואָלט אַפילו זיך נישט אָפּגעזאָגט צו גיין מיט איר צופוס אַפילו ביז צו די בראָנקס און נאָך ווייטער...

ס'איז דעמלט געווען אין אָנהייב פרילינג. גרשון האָט אַ ביסל באַגלייט משה דובאָווניץ מיט זיין פרומער גאָלדן=האָריקער מיידל ביז צו דער צווייטער עוועניו. ער וואָלט זיי ביידן באַגלייט אַפילו נאָך ווייטער, אָבער ער האָט גלייך דערשמעקט, אַז ער איז אן איבעריקער ראָד צום וואָגן, און זיך געזעגנט מיט זיי...

יאָ, ס'איז געווען אָנהייב פרילינג, און אַפילו אויף צווייטער עוועניו האָבן פאַרבלאָנדזשעט שמעקנדיקע ווינטלעך, געקומען

אַהער פון צענטראַל־פּאַרק אין אָנהייב בלי, און אפשר גאָר פון די פּאָליסעידס אויף יענער זייט טייך האָדסאָן... און אויף דער צווייטער עוועניו, אויף די טראָטואַרן פון ביידע זייטן גאַס, אַזויפיל יידן, ממש אין די טויזנטער. דאָס איז מען געגאַנגען אהיים פון די דריי יידישע טעאַטערס, וואָס האָבן זיך געפונען אויף צווייטער עוועניו (שפּעטער איז צוגעקומען אַ פערטער — מאָרים שוואַרץ קונסט־טעאַטער לעבן צוועלפטער גאַס). מען איז אויך געגאַנגען פון לאַנדסמאַנשאַפט־מיטינגען, און פון אַרבעטער־רינג־מיטינגען, און פון קולטור־קלובן־מיטינגען. א סך מיטינג־זאַלן זענען דעמלט געווען אויף צווייטער עוועניו און אין די זייטיקע גאַסן...

יאָ, אַזוי פיל יידן אויף צווייטער עוועניו, ממש אין די טויזנטער... און ס'איז געווען אָנהייב פרילינג... און גרשון — איינער אליין, און ס'בענקט זיך...

# העלאָ, יאָסל!...

יאָסל קאָטלער איז זייער יונג אַוועק פון דער וועלט, דערהרגעט געוואָרן פון אַ טראָק אויפן וועג קיין קאַליפאָרניע. און יאָסל קאָטלער קומט אָפט גרשונען צו חלום און טרייסט אים, אַז ער זאָל זיך אַזוי נישט ערגערן. און ערגערן ערגערט זיך גרשון, וואָס גראָדע פאַר יאָסלס זיך לאָזן קיין קאַליפאָרניע האָט ער זיך צעקריגט מיט אים. אַלע יאָרן געווען געקניפּט און געבונדן און מיטאַמאָל — ברוגז.

גרשון וועט זיך מודה זיין, אַז הויפּטזעכלעך איז דאָך ער אַליין געווען שולדיק אין דעם ברוגז... און גרשון האָט דאָך יאָסלען ליב געהאַט דאָס לעבן! און ווער האָט אים דען נישט ליב געהאַט ס׳לעבן? אַלע אין קאַפע אייראָפּע און אין קאַפע „ראָיאַל“, און אויף דער צווייטער עווענו, און אויף דער פערצנטער גאַס, און אין גרעניטש ווילעדזש, און אַלע וואָס האָבן געלייענט זיינע מעשהלעך אין דער „פרייהייט“, און אַלע וואָס האָבן געזען זיינע און זונ־מאָודס מאָדיקאָטן (מאריאָנעטן).

די פעדלער אויף אָרטשאַרד־סטריט האָבן אים אויך ליב געהאַט ס׳לעבן. יאָסל פלעגט זיך אָפּשטעלן דאָ און דאָרטן פאַר אַ פושקאַרט, און ס׳איז שוין געווען געלעכטער...

און קינדער האָבן אים גאָר ליב געהאַט. די קינדער אין די יידישע שולן. וואָס פאַר אַ קינד, וואָס האָט זיך געלערנט אין די יידישע שולן האָט דען נישט געקאָנט אויף אויסווייניק זיין לידל:

> וועז קינדער טרינקען מילך פון אַ גרויסער גלאָז,
> וואַקסן זיי געזונט מיט אַ שיינער נאָז.
> ווען קינדער טרינקען מילך פון אַ קליינער גלעזל,
> וואַקסן זיי מיט אַ קלענער נעזל.

נאָר ווען קינדער טרינקען נישט קיין מילך פון אַ
גרויסער גלאָז

און נישט פון קיין קליינער גלעזל,
וואַקסן זיי גרין ווי אַ גרעזל
און זיי בלייבן אַ־ב־ס־אָ־ל־ו־ט אָן אַ נעזל.

אויך די יונגוואַרג פון דעם ווילנער געטאָ אין די שווידער־לעכסטע טעג פון די נאַציס האָבן אים אויך ליב געהאַט. דר. מאַרק דוואָרזשעצקי אין זיין אויסשעפּלעכן בוך וועגן דעם ווילנער געטאָ, דערציילט דאָרטן ווי די יונגוואַרג האָט ליב געהאַט אָפט צו דעק־לאַמירן יאָסל קאָטלערס: „מאַריאָן אויפן קאַנאָן“.

הייגט, ליבע מאַריאָן, טרעפן מיר זיך אויפן קאַנאָן.
נאָר איידער וואָס ווען, נעם די שער,
שער אָפּ דיינע צעפּ, טו אָן דעם מאַנטל מיט די
סאָלדאַטסקע קנעפּ,
גיב אַ קוש און נעם אַרום, כאַפּ אָן די ביקס און קום.
פאַרנעם דיין פּלאַץ אין דער ערשטער ריי
אין דער רויטער אַרמיי.
אויף דער קאַנאָנע ע׳מירזיך באַגעגענען.
אונטער דער קאַנאָנע ע׳מירזיך געזעגענען.

. . . . . . . .

און ווען דו געפינסט מיך אין שלאַכט אויפן שניי,
א טויטן פאַרדעקט מיט אַ ביסעלע היי,
זאָלסט נישט מאַכן קיין ווייבערישן געשריי
און אַן אַנדערן נעמען פון דער רויטער אַרמיי,
ווען איך וועל שוין זיין טויט אַזוי ריכטיק,
וועל איך זיכער נישט זיין אויף דיר איפערזיכטיק.

. . . . . . . .

און יונגע מיידלעך האָבן אים אויך ליב געהאַט, און מיטליאָ־ריקע פרויען, און עלטערע פרויען. אַז ער האָט געשמייכלט צו אַ מיטליאָריקער, אָדער עלטערער פרוי, איז עס געווען מיט דעם זעלביקן חן, מיט דער זעלבער שטיפערישקייט און מיט דער זעל־ביקער מאַנצבילישקייט, ווי צו אַ יונג מיידל.

און ווען ער איז געווען צווישן מענטשן אַזאַ פריילעכער, האָט מען זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז יאָסל קאָן אויך זיין אַן אומעטיקער. אַן אומעטיקער איז ער געווען, ווען ער איז געבליבן מיט זיך אַליין, און דעריבער האָט ער שוין געזען, אַז ער זאָל זיין צווישן מענטשן. און דעריבער איז ער איבערגעבליבן אין די קאַפייען ביז גאָר שפעט אין דער נאַכט. און ערשט דעמלט האָט זיך אים נישט געגלוסט גיין איינער אַליין אין זיין בחורשן צימער, און אָפט האָט ער איינגעלאַדן אַ חבר צו נעכטיקן ביי אים, און נישט איינמאָל האָט גרשון גענעכטיקט ביי אים און מען האָט גערעדט און גערעדט ביז די שויבן זענען געוואָרן בלאַס מיטן פאַרטאָג...

דער היפשער, קרעפטיק געבויטער יאָסל מיט די שמאָל־געשניטענע גרוילעכע סאַטיר־אויגן, מיט דעם באַוועגלעכן שפיציקן שטערן און באַוועגלעכע ווייכע אויערן, און מיט דעם פאַרריסענעם־אַרויף געקרייזטן ברוין־האָריקן קאָפ, מיט דער שטענדיקער נאָז, מיט די שטיפערישע דינע ליפן און מיט די שיטערע נישט אַזוינע געזונטע ציין, ער האָט זיך זייער יונג געמוזט אַרויסנעמען אַלע ציין, און זיך בלויז איבערגעלאָזט איין צאָן. און אַז מען האָט אים געפרעגט פאַרוואָס, האָט ער געזאָגט: „אויף צאָן־ווייטיק“.

און אָנגעהויבן האָט זיך זייער לאַנגיאָריקע פריינדשאַפט אין קאַפע אייראָפע. ס'איז געווען פאַרנאַכט. כמעט אַלע ביי די טישלעך האָבן געשמאַק געקייעט, אָבער נישט גרשון און נישט יאָסל. ס'איז נאָך אַלץ געווען אין דער צייט, ווען גרשון האָט זיך נאָך נישט אויסגעלערנט באָרגן, און יאָסל איז שוין געווען צופיל אַן אָנגעבאָרגטער.

גרשון איז געווען אומעטיק, אָבער נישט יאָסל. יאָסל האָט גאָר געלאַכט און געזאָגט צו גרשונען:

— וואָס אַ שטייגער אַזוינס פאַר אַ מאַכל, וואָלסטו געוואָלט? זאָג, וואָס דיין האַרץ גלוסט, וועט דיר געגעבן ווערן.

— אַ זאַפטיקן סטייק — האָט גרשון זיך צעלאַכט, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס וויל אים יענער פריילעך מאַכן.

— מיט פרענטש־פראַיד?

— מיט פרענטש־פראַיד... — האָט גרשון געענטפערט.

— מיט אַ געזייערט אוגערקעלע?

— מיט אַ געזייערט אוגערקעלע.

— איין מינוט.

און גלייך האָט ער אויסגעמאָלן אויפן גלאַנציקן ווייסן מאַרמאָר פון טישל אַן אַפּעטיט־רייצנדיקן סטעיק, מיט פרענטש־פראַיד, און מיט אַ געזייערט אוגערקעלע.

— זיך אָנגעגעסן? — האָט יאָסל אין אַ ווײַלע אַרום געפרעגט.

— אָנגעגעסן.

— איצטער ווילסטו מסתמא אַ גלאָז ביר? — האָט ער אָנגעהויבן צו באַוועגן מיטן שטערן (ער האָט געקאָנט אַזאַ קונץ, און זיין שטערן האָט אָנגעהויבן גיין אַרויף און אַראָפּ, און אויך זיינע אויערן).

— יאָ, איך וואָלט געוואָלט אַ גלאָז ביר.

— איין מינוט — און ער האָט אָפּגעווישט מיט אַ פּאַפּירענער סערוועטקע דעם אויסגעמאָלענעם סטעיק אויף דעם גלאַנציקווייסן מאַרמאָר פון טישל, און אויסגעמאָלן מיט זיין דיקן בלייַשטיפט אַ הויכע דיקע גלאָז מיט שוימענדיקן ביר.

— לחיים — לאַכט יאָסל.

— לחיים — לאַכט גרשון.

אָבער פון מאכלים אויסגעמאָלן, ווי פריי צום לעבן, מיט אַ בלייַשטיפט, ווערט מען פון זיי נישט זאַט. און יאָסל האָט געזאָגט:

— ווי היינט איז מיטוואָך און מיר וועלן נאָך אַריינפּאַקעווען אַן אמתן סטעיק, מיט אמת פרענטש־פראַיד, און מיט אמתן ביר, צי גאָר מיט וויין. דו קום נאָר מיט מיר.

איז גרשון געגאַנגען מיט אים. צו צווייטער וועניו געגאַנגען. ס'איז געווען אָנהייב נאַכט מיט אַ פראָסט נישט צו קיין שטאַרקן. אָבער די לופט איז געווען שטאַרק און דאָס לעבן אויף די איסט־סאַידער גאַסן איז געווען שטאַרק. די שפּייז־קראָמען זענען געווען פול מיט קונים, און לעבן די פושקארטס מיט ברענענדיקע סטור־קאַטשעס — אויך אַ סך קונים... און אַלע רעסטאָראַנען זענען געווען פול מיט עסערס... און די איסט־סאַיד האָט גערוישט, און געשוימט, און געברומט...

און ס'איז דאַכט זיך נאָך נישטאָ אַזאַ פּאָפּולערער מענטש אויף צווייטער וועניו, ווי יאָסל. אויף יעדן טריט, ווי ס'שטעלן אים אָפּ שיינענדיקע פּנימער:

— העליאָ, יאָסל! וואָס מאַכסטו, יאָסל? כאַ, כאַ, יאָסל.

און אינעווייניק אין דעם באַרימטן מאָסקאָוויטשעם רעסטאָראַן, וואָס איז געווען פּונקט אַנטקעגן דער קאַפּע ראָיאַל אין אַן אונטערשטן עטאַזש, אַ סך מענטשן ביי די טישלעך, און ווידער אַמאָל:

— העליאָ, יאָסל! וואָס מאַכסטו, יאָסל? כאַ, כאַ, יאָסל.

— איך מאַך גוט — האָבן יאָסלס אויגן זיך צעשיינט צו איינעם אַ געזונטן הויכן מאַן מיט געדיכטע העל־ברוינע וואָנצעס — און איך וועל מאַכן נאָך בעסער ווען איך וועל אָפּעסן אַ זאַפּטיקן סטעיק מיט פרענטש־פּראַיד.

האָט יענער, וואָס איז געווען דער באַרימטער שרייבער קאָנראַד בערקאָוויטש, זיך האַרציק צעלאַכט, ווייל ער האָט גלייך פאַרשטאַנען די אָנצוהערעניש, און גלייך באַשטעלט ביים ווייטער אַ סטעיק פאַר יאָסלען. אָבער יאָסל האָט דאָך געבראַכט אַן אורח, און זיין אורח וויל אויך אַ סטעיק מיט פרענטש־פּראַיד. ער האָט טאַקע אַזוי געזאָגט צו בערקאָוויטשן:

— אָט דער (ציַיגנדיק אויף גרשונען) איז מיין אורח.

האָט בערקאָוויטש זיך נאָך שטאַרקער צעלאַכט און באַשטעלט ביים ווייטער אַ סטעיק אויך פאַר גרשונען.

אין קעשעניעוו האָט מען געזונגען אַ לידל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַזוי:

וו ביזטו געוועזן,
ווען דאָס געלט איז געווען
און דאָס לעבן איז געווען צוקער ז־י־ס...

אָפּטמאָל ווילט זיך גרשונען זינגען דאָס דאָזיקע קעשעניעווער לידל. אָבער עטוואָס אַנדערש:

וו ביזטו געוועזן,
ווען קיין געלט איז נישט געווען,
נאָר דאָס לעבן איז געווען אַזוי צוקער ז־י־ס...

# אָלמער פּאַרק

צי כ'איז נאָך דאָ דער אָלמער פּאַרק אין ברוקלין? מסתמא איז ער נאָך דאָ, אָבער ס'קומען זיך שוין נישט צונויף אין אַ זומערדיקן זונטיק טויזנטער און טויזנטער ייִדישע חברה פון אַלע עקן ניו יאָרק און מען הוליעט, און מען טאַנצט און מען גייט אַ קאַראָהאָד... דאָס האָט די צייטונג, די „פרייהייט“ הערגעפירט עטלעכע זומערן בסדר די האַזיקע מאַסן־פּיקניקס אין אָלמער פּאַרק. אַז מען וועט מיישן די אַלטע בלעטער פון דער „פרייהייט“ פון יענע זומערס, וועט מען זיכער זיך אָנשטויסן אויף ריזיקע אַנאָנסן, וואָס רופן אַלע לייענער צו פאַרברענגען אַ זונטיק אין אָלמער פּאַרק.

* * *

און אין הייסן זונטיק אינדערפרי האָבן שוין ביים בראָנזווילער אַרבעטער־קלוב אויף פּיטקין עוועניו זיך געטומלט פריילעכע יונגע בחורים און מיידלעך. דאָס האָט מען געוואַרט אויף דעם אָנקומען פון ספּעציעלע באָסעס, וואָס וועלן אָפּפירן צום אָלמער פּאַרק... אַ סך פון די בחורים און מיידלעך, אין געקעסטלטע ניקערס און אין גאָלף־זאָקן. ס'ערשטע מאָל מסתמא אין זייער לעבן אין דער האָזיקער טראַכט, וואָס מאַכט זיי אויסקוקן ווי אמתע אַמעריקאַנער... די שוועסטער רחל, וואָס האָט באַגלייט גרשונען צום אַרבעטער־קלוב אויף פּיטקין עוועניו, האָט זיך געשעמט מיט איר ניקערלאָזן ברודער. און דאָס נעמט זיך פון דעם—האָט זי אים געמוסרט—וואָס האָט זיך אים פאַרגלוסט צו זיין אַ שרייבער. וואָלט ער געאַרבעט אין אַ שאָפּ אַלס פּרעסער, צי אָפּערייטאָר, צי אַן אַנדער גוטן פאַך, וואָלט ער האָך אויך איצט געקאָנט טראָגן געקעסטלטע ניקערס און גאָלף־זאָקן, און וואָלט אויך אויסגעקוקט, ווי אַן אמתער אַמעריקאַ־

נער... און אויב שוין יאָ אַ שרייבער, איז כאָטש אין „פאָרווערטס“ און נישט אין דער אָרעמער „פרייהייט“, וואָס מען דאַרף איר נאָך אַליין צוצאָלן... דערפאַר אָבער האָט זי אָנגעקוואָלן, וואָס אַלע קענען אים דאָ פון אַרבעטער-קלוב, און אַלע לויפן זיך באַגריסן מיט אים, און אַלע ווילן אים האָבן אין זייער כנופיא. איר לעבנס-פילאָזאָפיע איז דאָך, אַז אַ סך פריינד איז בעסער, ווי רייך זיין אין געלט. און דאָ האָט זי שוין געזען, אַז ער האָט גאָר אַ סך פריינד...

צוויי ליידיקע אומעטיקע באָסעס זענען אָנגעקומען, גרויע, פאַרשטויבטע מיט אָפּגעבליאַקעוועטע ברוינע לעדערנע זיץ-פלעצער. אָבער ס׳האָט נישט גענומען קיין מינוט און זיי זענען ביידע אָנגעפילט געוואָרן דורך און דורך, און די צוויי באָסעס זענען שוין געוואָרן זייער פריילעכע. פריילעכע מיט דער רוסישער יידישער יוגנט.

גרשון, ווען ער איז אַריין אין באָס, האָט ער געטשאַטשקעוועט זיך זעצן לעבן אַ מיידל, וואָס האָט אים שטאַרק פאַרכאַפּט, אַ מיידל מיט גאָלדענע האָר און מיט ברוינע אויגן, וואָס האָט געהייסן שושנה און גערעדט העברעיש ווי אַ וואַסער... ס׳האָט זיך געיאָגט נאָך אַ בחור מיט דער זעלביקער כוונה, וואָס גרשונס, דאָס הייסט פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ לעבן דער דאָזיקער שושנה, אַ בחור מיט פאַרזשאַווערטע הענט, און אַ פאַרזשאַווערטן האַלדז, און מאָנגאָלישע אויגן. אָבער גרשון איז פון אַלע יאָרן אַ פלינקער, און אים איז געלונגען זיך זעצן לעבן איר...

איז גרשון געזעסן לעבן שושנהן און אַפילו נישט געפילט, ווי די צייט איז פאַרלאָפן. איידער וואָס, און איידער ווען, איז מען שוין לעבן אָלמער פּאַרק. ער האָט גערעדט העברעיש מיט שושנהן און אַפילו זיך באַרימט פאַר איר, אַז ער האָט שוין אָפּגעדרוקט אין העברעיש עטלעכע מעשהלעך פאַר קינדער און אַ שפּיל. האָט דאָס טאַקע געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק אויף שושנהן, און אירע שיינע ברוינע אויגן האָבן געקוקט אויף אים מיט באַוואונדערונג.

* * *

און אין אָלמער פּאַרק, דאָרטן הונדערטער און הונדערטער חברה צעשאָטן איבער אַלע וועגן און אומוועגן... הונדערטער און הונדערטער חברה, וואָס האָבן אַ גאַנצע וואָך געאַרבעט אין די הייסע

פאַרשפּיקטע שעפער, דאָ אין אָלמער פּאַרק, ווי מען וואָלט געלאָזט די זאַסטאַווקעס אין פרילינג, דאָס הייסט, די שליוזן פון אַ טייך. מען פּלייצט און מען פּאַרפּלייצט, מען רוישט און מען רעשט. מען געוואַלדעוועט און מען געווילדעוועט. אַזאַ יונגע פרייד האַלט אין איין שרייען...

גרשון האָט אויך געדרוישט און געריעשט, געבאָרעט זיך מיט דער חברה צו ווייזן פאַר שושנהן, ווי שטאַרק ער איז, און גרשון ווי דאַר ער איז געווען מיט די מאָגערע פיס, איז גאָר געווען אַ גוטער באָרעץ. נאָך אין בערשאַד האָט ער אַרויסגעוויזן וווּנדער אין ראַנגלען זיך מיט דער חברה. מסתמא געירשנט פון זיין טאַטן דעם גיבור, געזונטע ביינער... ז. וויינפּערס אַ יונגער ברודער, מיט אַ ווילדן קאָפּ העלע האָר, וואָס ער האָט אַרומגעבונדן מיט אַ טערקישער שאַרפּע, כדי די האָר זאָלן זיך נישט צעפליען, האָט זיך אויך געבאָרעט מיט גרשונען, און גרשון האָט אים גלייך צעלייגט. ז. וויינפּערס ברודער, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן אַלס שרייבער פון דערציילונגען אונטערן נאָמען אָוועגמאַל, איז געווען זייער אַ שטאַרקער בחור, מיט ביסטרע גרוילעכע אויגן, מיט אַ שטאַרקער ברוסט, מיט מעכטיקע פּלייצעס, ער איז דאַכט זיך ערשט געהאַט געקומען קיין אַמעריקע פון ארץ-ישראל, וווּ ער איז געווען אַ חלוץ...

דערפאַר אָבער האָט דער בחור מיט דעם פאַרזשאַווערטן האַלדז און די שווערע פאַרזשאַווערטע הענט, וואָס האָט געהאַלטן אין איין קוקן אין באָס אויף שושנהן, צעלייגט גרשונען כמעט אין איין אויגנבליק, אים אָנגעכאַפּט מיט זיינע אייזערנע הענט, אים אַ קוועטש געטאָן צו זיין ברוסט, און גרשון איז גלייך געבליבן אָן כוחות...

יאָ, געזונטע יאַטן זענען געווען דעמלט אין אָלמער פּאַרק. צוויי צי דריי יאָר אין לאַנד און דער שאָפּ האָט נאָך נישט אַרויסגעזויגן דעם כוח פון די ביינער, און אומפאַרשעמט יונג איז מען דאָך דעמלט אויך געווען. און אַלע כמעט אומפאַרהייראַטע, אָבער ס'וועט נישט נעמען לאַנג, מען וועט הייראַטן. טאַקע אויף די דאָזיקע מאַסן-פּיקניקס אין אָלמער פּאַרק, אָדער אויף אַ „פרייהייט"-שיף-עקסקורסיע איבערן האָדסאָן, דורכגעפירט כמעט יעדן זומער יענע יאָרן, וועלן אַ סך געפינען זייערע באַשערטע... דערווייל באַ=

רעט מען זיך, מען קלעטערט אויף די ביימער, מען פריינדלט זיך, מען קאַוואַליערעוועט...

גרשון האָט זיך אויך געפריינדלט, געקאַוואַליערעוועט פאַר דער האָזיקער גאָלדן-האָריקער, ברוין-אויגיקער מיידל מיטן ווונדערלעכן נאָמען שושנה, וואָס ווען זי רעדט העברעיש, פאַרשמעקט מיט שיר השירים... אַ סך בחורים, גרשונס חברים פון בראָנזווילער קלוב, האָבן געוואָלט זיך מיט איר באַקענען, און זיי האָבן זיך טאַקע באַקענט, אָבער גרשון האָט שוין געזען, אַז זיי זאָלן זיך נישט צופיל באַקענען... ער האָט זי פשוט אַוועקגענומען פון זיי מיט עפעס אַן אויסרייד... אָבער דער בחור מיט די פאַרזשאַווערטע הענט און פאַרזשעווערטן האַלדז, דער איינציקער אין אָלמער פאַרק, וואָס האָט צעלייגט גרשונען — ער וואַקסט אויס אומעטום, ווו מען האָט אים נישט פאַרזייט... פונדערווייטנס קוקט ער אויף איר און זיינע קרומע מאָנגאָלישע אויגן בלישטשען אַי מיט חידוש, אַי מיט אַ האָפנונגסלאָזער בענקשאַפט...

# איבערן האָרסאָן

ס׳געדענקט זיך עפּעס אַזוי קלאָר יענער שבת אינדערפרי ווען גרשון מיט זיין חבר פּוליע זענען געגאַנגען אויף בעלמאָנט עווענ׳יו קויפן גיקערס און גאָלף־זאָקן. די ערשטע פּאָר גיקערס און גאָלף־זאָקן אין זייער לעבן אין אַמעריקע... גרשון האָט שוין פון לאַנג אויסגעפונען אַ קעלער אַזאַ אויף דער פּושקאַרט־גאַס אין בראָנזוויל, אויף בעלמאָנט עווענ׳יו, וווּ מען האָט געקאָנט קריגן די דאָזיקע זאַכן ביליק. אָבער ער האָט זיך פּשוט געשעמט זיך פאַרפּוצן אין זיי. און דער בחור האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף זיך מיט די אויגן פון בערשאַד. מען וואָלט דאָך אַזוי שטאַרק געלאַכט אין בערשאַד פון אַ דערוואַקסענעם בחור, וואָס טוט זיך פּלוצלינג אָן אין קורצע הייזקעס און אין לאַנגע זאָקן, ווי אַ קאָמעדיאַנט... און צו באַגיין אַן עבירה איז לייכטער אינצווייען — דאָס הייסט, מיט זיין חבר פּוליען. ס׳איז גראָד נישט קיין עבירה ממש, נאָר עפּעס אַ זאַך אויסער דער אָרדענונג פאַר בחורימלעך, דערצויגן אַלע יאָרן מיט אַנדערע באַגריפן פון קליידונג...

האָט גרשון געקוקט אויף פּוליען און געלאַכט, און פּוליע האָט געקוקט אויף גרשונען און געלאַכט. דער קליינגעוויקסיקער פּוליע אין די געקעסטלטע גרוי־בלוילעכע גיקערס און אין די געקעסטלטע גרין־רויטלעכע זאָקן האָט אויסגעקוקט נאָך קלענער, און דער לאַנגער און דאַרער גרשון איז אין די געקעסטלטע ברוין־געלבלעכע גיקערס און אין די געקעסטלטע שוואַרץ־רויטלעכע זאָקן, האָט אויסגעקוקט נאָך לענגער און נאָך דאַרער. טאַקע גאָר ווי צוויי קאָמעדיאַנטן אויסגעקוקט... אָבער זאָל זיין ווי קאָמעדיאַנטן אַבי ס׳איז פרייליך אויפן האַרצן. און פרייליך אויפן האַרצן איז פון דעם, וואָס ביידע וועלן זיך היינט לאָזן אויף אַ שיף איבערן האָרסאָן מיט דער „פרייהייט“עקסקורסיע אין קעמפּ „ניטגעדאיגעט“...

וואָס פאַר אַ ווּנדערלעכער נאָמען איז „ניט־געדאַיגעט“! מען מוט אַ לאַך, ווען מען רעדט דאָס בלויז אויס... איצטער־אָ איז „ניט־געדאַיגעט“ אַ טייל פון די אַמאָליקע פאַרשוווּנדענע יאָרן, ווען דאָס האַרץ איז געווען ווילד און פריילעך...

און נאָך איידער מען איז אָנגעקומען אין קעמפּ „ניט־געדאַיגעט“, דאָס הייסט, ווען מען איז בלויז אָנגעקומען אויף דער שיף, איז שוין דאָס האַרץ געווען ווילד און פריילעך... און ווען מען זאָל זיך געווען בלויז דורכפאָרן אויף דער שיף און נישט אָנקומען אין קעמפּ „ניט־געדאַיגעט“, וואָלט אויך געווען דיינו...

אַזאַ הייסער, פאַרנער, שטיקנדיקער שבת נאָכמיטאָג געווען אין ניו יאָרק, טאַקע נאָר ווי ס'קאָן טרעפן דאָרטן אין סוף חודש יולי... טאַקע נאָר, ווי אַ קאַלך־אויוון וואָלט געאָטעמט איבער דער שטאָט... ווען מען איז אָבער נאָר אַרויף אויף דער שיף, איז שוין געוואָרן אַ ביסל קילער...

און אויף דער שיף — הונדערטער און הונדערטער חברה... אויף אַלע דעקן זענען די חברה. זיי האַלטן זיך דען אין אויף איין פלאַץ? מען לויפט אַרויף און אַראָפּ, מען וויל באַטראַכטן יעדעס פיצעלע אויף דער האָזיקער עקסקורסיע־שיף מיט דער ריזיקער בלישטשענדיקער קופּערנער ראָד, וואָס האַלט זיך אין איין דרייען אין דער מאַשין־אָפּטיילונג... ס'שפּילט דער שיף־אָרקעסטער. דער פריילעכער געטומל פון דער חברה פאַרטויבט דעם שיף־אָרקעסטער. און ווידער אי מען הוליעט אי מען טאַנצט און מען גייט אַ קאַראַהאָד...

און ווער קאָן די פרייד פון דער דאָזיקער ווילדער חברה באַשרייבן, וואָס ערשט האָבן זיי געאָטעמט די פאַרטשאַדיענדיקע ריחות פון שאַפּ, און איצט אָטעמען זיי קילנדיקע לינדע ווינטלעך פון וואַסער, פאַרפומירט מיט די ריחות פון וועלדער און פעלדער אויף ביידע זייטן האָדסאָן...

און ווער קאָן די שיינקייט פון גרינעם האָדסאָן באַשרייבן, ווען די שיף קומט אָן האָרטן, וו אויף איין זייט ברעג גיבן פלוצונג אַ דערשיין די הויכע באַוואַלדערטע בערג, וואָס רופן זיך „בער־מאונטעינס“, און אויפן צווייטן זייט ברעג — שטעטלעך מיט ווייסע הייזער און גרינע פעלדער, און בלויע האָריזאָנטן...

און פּוליע, גראָד פאַרביישווימענדיק די הויכע בערג, וואָס פאַרכאַפּן דאָס האַרץ מיט זייער באַוואַלדערטער מאַיעסטעטישקייט, הייבט גאָר אָן צו ברומען דעם אומעטיקן ניגון פון אַ ליד וואָס מען האָט געזונגען אין בערשאַד, ווען איינדרויסן איז געווען אַ בלאָטע און אויפן האַרצן איז געווען חושך... וואָס האָט צו טאָן אַזאַ אומעטיקער ניגון, וואָס מען קאָן ממש פון אים וויינען, מיט אַזאַ ליכטיקייט, אַזאַ פרישקייט, אַזאַ שמעקנדיקייט, אַזאַ פרייקייט? ס'האָט שוין אפשר יאָ צו טאָן. דאָס ברומט זיך אונטער פּוליע דעם דאָזיקן ניגון, וואָס דערמאָנט אים אין אָרעמקייט, אין אומעטיקייט, אין אויסגאַנגסלאָזיקייט, כדי בעסער הנאה צו האָבן פון דער האָזיקער רייכקייט און פרייִלעכקייט.

און שושנה, די גאָלדן־האָריקע ברוין־אויגיקע מיט דעם איידעלן זוניקן פּנים איז אויך געווען אויף דער שיף, און גרשון איז געזעסן פון איין זייט, און פּוליע פון דער צווייטער זייט. און ביידע האָבן געוואָלט געווינען איר האַרץ... און דער בחור מיט דעם פאַרזשאַווערטן האַלדז און פאַרזשאַווערטע הענט, וואָס האָט צעלייגט גרשונען אין אָלמער־פּאַרק אויף דעם „פרייהייט“־מאָסן־פּיקניק, איז אויך געווען אויף דער שיף, און אויפן זעלבן דעק און געקוקט פון דער ווייטנס אויף איר, ווי אויפן גרעסטן וואונדער פון דער וועלט... אין משך פון דער רייזע איבערן טייך, האָט ער זיך גערוקט אויף זיין בענקל אינטשעסוויז, און אַז מען איז אָנגעקומען שוין כמעט פאַר „גימנעזיום“, איז ער שוין געזעסן גאָר נאָענט צו שושנהן, און האָט אַפילו געוואָגט אַ רעד טאָן צו איר:

— איך בין אויך אַן האָסינער. איר קענט מיך נישט, אָבער איך קען אייך יאָ.

און ער הייבט איר אָן צו דערמאָנען, ווי אין די זומער־נעכט האָט זי געשפּילט אין איר הויז אויף דער פּיאַנאָ, און ער האָט זיך אונטערגעהערט איינדרויסן. ער האָט איר דערמאָנט, אַז זי פלעגט זיך הוידען אויף אַ הוידעלע אַלס קינד צווישן די ביימער אין זייער געדיכטן גאָרטן, און ער איז געשטאַנען פון יענער זייט שטאַכעטן און געקוקט, ווי זי הוידעט זיך... און ער קאָן, דער דאָזיקער בחור, וואָס רופט זיך יאַנקל, איר טאַטנס גאָרטן, ווי זיינע צען פינגער. ער דערמאָנט שושנהן אויס, וואָס פאַר אַ פרוכט־ביימער זענען דאָרטן גע־

וואקסן... ער געדענקט אַפילו די צוויי פערד, פון איר טאַטנס פּאַטאָן, איינער אַ סיווער, און איינער אַ קאַשטאַן... ער געדענקט אַפילו ווי שושנה מיט אירע שוועסטערלעך מיט קאָלירטע זאָנטיקלעך זענען אַרויסגעפאָרן אין די זומער=טעג אויף דעם דאָזיקן פּאַטאָן, ערגעץ אויף אַ שפּאַציר.

און שושנה, אַז זי פרייט זיך, וואָס ער דערציילט וועגן זייער גאָרטן אין האַיסין, וועגן זייער הויז, וועגן איר פּיאַנאָ שפּילן, וועגן דעם פּאַטאָן מיט די צוויי פערד, און זי שרעקט זיך פאַר דעם דאָזיקן בחור... גרשונען דאַכט זיך אויס, אַז די צאַרטע שושנה שרעקט זיך פאַר איר לאַנדסמאַן, ווייל ער קוקט אויס אַזוי אומהיימלעך. אַ בחור מיט שוואַרצע האַרטע שטעכיקע האָר, וואָס שטייען אויף זיין קאָפּ פונקט, ווי אַ בערשטל, מיט קרומלעכע שיטערע וואָנציעס, מיט קרומלעכע שיטערע ברעמען איבער זיינע שמאָלע מאָנגאָלישע אויגן, אָבער דער עיקר זיין פאַרזשאַווערטער האַלדז און פאַרזשאַווערטע העמד... און פאַרזשאַווערט קוקן זיי אויס, האָט זיך גרשון גאָכדעם העוווסט, ווייל ער אַרבעט ביי מאַשינען. אַ מעכאַניק ביי מאַשינען, און אַ גוטער מעכאַניק און פאַרדינט זייער היפּש, הלוואי אַז אויך גרשונען אַז אויף פוליען געזאָגט געוואָרן....

* * *

און דאָ קומט שוין אָן „ניטגעדאיגעט“, מען דערזעט דעם גאַנצן קעמפּ, ווי אויף דער לאַדאָניע, ווען די שיף איז אפשר אַ האַלבן מייל ווייט פון איר אָפּשטעל... די ווייסעביידלעך פון קעמפּ „ניטגעדאיגעט“ דערזעט מען אויפן באַרג, וואָס קוקט אראָפּ צום האָרסאָן, אויף וועלכע ס׳שיפט זיך איצט די שיף מיט די הונדערטער יידישע חברה פון דער „פרייהייט“=עקסקורסיע... און אַלע הונדערטער יידישע חברה לויפן איצט צו דער זייט פון שיף, פון וועלכער מען האָט דערזען דעם קעמפּ „ניטגעדאיגעט“ אויפן באַרג... און דער שיף=אָרקעסטער, ווי ער וואָלט זיך אויך דערפרייט, וואָס מען קומט שוין באַלד אָן אין קעמפּ „ניטגעדאיגעט“, שפּילט אויף אַ פריילעכן מאַרש... און חברה בלויז עטלעכע שעה אויף דער זון, און זייערע פּנימער שוין צוגעברוינט, און זייערע אויגן שיינען אַזוי קלאָר...

אָבער גרשונען איז אומעטיק. דער דאָזיקער יאַנקל, דער זזאיסינער בחור, האָט אים אַריינגעוואָרפֿן אין אַן אומעטיקייט. ער האָט דערזען אין אים גאָר אפשר זיך אַליין, וואָס איז אויסגעגאַנגען נאָך דער גרויסער שיינהייט, זשעניאַ שאַראַפּאַן אין בערשאד... ער איז דאָך אויך געשטאַנען אונטער אירע פענצטער אין די זומער־פֿאַרנאַכטן, ווען זי האָט געשפּילט אויף דער פּיאַנאָ... ער איז דאָך אויך געשטאַנען אונטער די שטאַכעטן (פּאַרקאַן) און געקוקט, ווי זי הוידעט זיך מיט אירע חברטעס אויף דער הוידעלקע אין זייער גאָרטן...

# אין קעמפּ „ניטגעדאַיגעט"

דער קעמפּ „ניטגעדאיגעט" האָט זיך צעלייגט באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ און אין טאָל... באַרג אַרויף צווישן די ביימער — די ווייסע געצעלטן... באַרג אַראָפּ — דער אויטאָמאָביל־שליאַך, וואָס פירט אין די נאָענטע שטעטלעך, און אין טאָל צווישן גרינעם גראָז — דער גרויסער ברעטערנער עסצימער, ווייטער אַ ביסל — די ספּאָרט־פּלעצער, נאָך ווייטער — דאָס הילצערן הויז מיטן אָפיס, מיט די וועשערייען און מיט דער ביבליאָטעק.

* * *

און כדי אַ בחור זאָל אויסזען ווי אַן אמתער ניטגעדאיגעטניק, דאַרף ער זיין אינגאַנצן פאַרברענט פון דער זון, טראָגן אַ גרויסן צעפלאָכטענעם שטרויענעם קאַפּעליוש אויפן קאָפּ און אַ סוקעוואַטן שטעקן אין די הענט, דאַרף זיין אָנגעטאָן אין קורצע הייזקעס און אין אַ צעבראַסטעטן העמד און אומגיין באָרוועס. צוליב וואָס דאַרף מען אַ סוקעוואַטן שטעקן? מען דאַרף אים נישט, נאָר עפּעס קומט דאָס אויס דאָרפיש.

פוליע און גרשון הגם נאָך נישט פאַרברענט פון דער זון, אַבער זיי האָבן זיך פאַרשאַפט סוקעוואַטע שטעקנס גלייך ווען זיי זענען אָנגעקומען, און אויך צעפלאָכטענע שטרויענע קאַפּעליושן, און זיי האָבן זיך אויסגעטאָן באָרוועס און זיך גאָר מחיה געווען... ס'האָט דערמאָנט אין די יינגל־יאָרן, ווען מען האָט געטראָטן אין די זומער־טעג אין וואַרעמען בערשאַדער שטויב.

אַן אמתער ניטגעדאיגעטניק קאָן זיך באַרימען, אַז ער איז שיין אַרויפגעקראָכן אויפן הויכן באַרג ביקאָן, נישט ווייט, וו אויפן שפּיץ האָט זיך געפונען אַ גרויסער האָטעל, דאַכט זיך אַ סאַנאַ־

טאָריום פאַר גייסטיק־קראַנקע, און איבערן רוקן פון באַרג האָבן זיך אויטאָמאַטיש געצויגן צוויי טראַמוואַיעלעך, איינס אַראָפּ און איינס אַרויף. גרשון און פוליע, שושנה און יאַנקל האָבן זיך אויך גלייך גענומען קריכן אויפן באַרג ביקאָן. אָבער די איידעלע שושנה איז גלייך מיד געוואָרן און מען האָט זי געמוזט טראָגן צוריק צום קעמפּ. פון די הענט געמאַכט אַ בענקעלע און מען האָט זי גע־טראָגן... און ס'איז געווען ליב די משא...

(און אַז מען דערמאָנט זיך אין הויכן באַרג ביקאָן, גיט זיך גלייך אַ שטעל אין זכרון דער גרויסער רוסישער פּאָעט וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, וואָס איז געקראָכן אויפן זעלביקן באַרג מיט אַ גרופּע ניטגעדאַיגעטניקעס און גרשון איז אויך געווען צווישן זיי. דאָס איז געווען אַ צווייטן זומער).

און דער קעמפּ „ניטגעדאַיגעט“ — ווי ער וואָלט מחייב געווען יעדן איינעם, וואָס קומט אַהער ער זאָל זיך נישט דאגהן, און מען פאָלגט טאַקע און מען דאגהט זיך נישט. באַרג־אַרויף צווישן די ווייסע געצעלטן ליגן חברה אויף קאָלדרעס האַלב־נאַקעט, ברענען זיך אויף דער זון און ס'איז נישט־געדאַגהט... אונטן אין טאָל שפּילן חברה באָל, ברעכן זיך אויף אייזערנע שטאַנגען און אויף די טראַפּעזעס און ס'איז ווידער נישט־געדאגהט... איבערן אויטאָ־מאָביל־שליאַך שפּאַצירן פּאָרלעך און זיי אַוודאי דאגהן זיך נישט... און אומעטום איבערן קעמפּ הערן זיך לידער און די לידער זענען אויך פול מיט נישט־געדאגהט:

האָב איך מיר אַן אַלטן דאַים...
און דער דאַים איז אויך נישט מיין...
לאָמיר אַלע פריילעך זיין,
קומט מיט מיר אין שענק אַריין,
טרינקען בראָנפן, טרינקען וויין...

און ערגעץ פון צווישן די ביידלעך זינגען מיידלעך מיט אַ געוויסער פאַרשייטקייט:

שמעון, שמעון,
ווען וועסטו קומען,
ווען וועסטו קומען,
ווען וועסטו זיין...

אָבער נאָך פרייליכער, כמעט פאַרשייט קלינגט אָט דאָס ליד:

די מאַמע קאָכט וואַרעניקעס
און איך בין גאָר פליישיק.
דערזע איך א שיין מיידעלע,
באַקום איך צו איר חשק.
טאַ־ראַ־ראַ, טי־ראַ־ראַם...

מיר געפעלט דאָס מיידעלע
און מיין מאַמע אינדערמיט.
איך האָב ליב דאָס מיידעלע,
מיין מאַמע וויל זי ניט...
טאַ־טאַ־ראַ, טי־טאַ־ראַם...

שיין איז דאָס מיידעלע
ווי די גאַנצע וועלט,
נאָר איין חסרון האָט זי,
זי האָט דאָך ניט קיין געלט...

מיט פרייליכע קוויטשערייען זינגט מען אָט דאָס לידעלע און מען לאַכט...

די פרייליכע יונגע געלעכטערס הערן זיך פון אומעטום אין בערן גרויסן שטח פון קעמפּ... זיי הערן זיך פון דער באַוואַלדער־טער באַרגיקייט אויבן; זיי הערן זיך ווייט איבערן שליאַך, וו די פּאָרלעך גייען שפּאַצירן...

* * *

און אין אָוונט די אַלע חברה, וואָס האָבן אַזוי הפקרדיק־פריי־לעך גישט־געדאַגהעוועט, זענען אין דער אויסגעשטערנטער גרינ־לעכער פינצטערניש פון דער נאַכט געוואָרן אַזוי סטאַטעטשנע און זיך געטוליעט גרופּעס צוזאַמען. מען האָט זיך געגויטיקט איינער אין דעם אַנדערנס וואַרעמקייט, נאָענטקייט. מען איז געוואָרן אַזוי ווי קליינע קינדער אין דער נאַכט. גרשון דערמאָנט זיך אין די ליכ־

טיקע זומער־פאַרנאַכטן אין בערשאַד, ווו ער מיט זיינע חברים אויף דער טאָרהאָוויצע האָבן זיך געשפּילט, און אַז ס'איז געוואָרן פינצטער איז דער גאַנצער חשק פון שפּילן זיך אַוועק. מען האָט זיך אַלע חברה צעזעצט אויף די קלעצער לעבן גרשונס הויז, זיך גע־טוליעט איינער צום אַנדערן און זיך דערציילט מעשיות וועגן בת מלכהס און בן מלכס... יאָ, די גאַנצע נישט־געדאַנגהטקייט איז אַוועק ווען די נאַכט איז געקומען. מען איז געזעסן גרופּעסוויז לעבן די ביידלעך, געקוקט אויף די שטערן, זיך דערציילט מעשיות אָדער געזונגען לידער. און די לידער זענען שוין געווען גאָר אנדערע — טרויעריקע, ראָמאַנטישע.

אין קעמפּ ניטגעדאַיגעט ביינאַכט, האָט גרשון געהערט ס'ערשטע זינגען זישע לאַנדוים ליד:

אין דער פינצטער — זענען דיינע אויגן שענער.
אין דער פינצטער — זענען דיינע הענטלעך קלענער.
אין דער פינצטער — ווייט פון דיר מיט שטילער רו,
אין דער פינצטער — ווייכער, בויגזאַמער ביסטו...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין דער פינצטער איז דיין פּנים מילדער, מילדער.
אין דער פינצטער קלאַפּט דיין האַרץ אַלץ ווילדער.
אין דער פינצטער רופסטו מיך, כ'וויים נישט ווו...

אויך האָט גרשון געהערט זינגען ס'ערשטע מאָל ז. וויינ־פערס ליד:

טויבן שטייען אויף מיין פענצטער,
ווייסע טויבן צוויי...
עפּענען וועל איך דאָס פענצטער,
עפּענען פאַר זיי...

אויך האָט גרשון ס'ערשטע מאָל געהערט דאָרטן זינגען לייזיקס:

לייג דיין קאָפּ אויף מיינע קני,
גוט אַזוי צו ליגן.
קינדער שלאָפן איין אַליין,
גרויסע דאַרף מען וויגן.

אַ ליד וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער דעמלט אין „ניטגע־דאיגעט” און מען האָט דערנאָך עס שוין געזונגען אומעטום אין אַלע אַנדערע יידישע קעמפּס און אויף אַלע עקסקורסיעס, איז געווען:

טום באַלאַ, טום באַלאַ, טום באַלאַלאַיקע...

---

מיידל, מיידל, כ'וועל ביי דיר פרעגן,
וואָס קאָן וואַקסן, וואַקסן אָן רעגן?
וואָס קאָן ברענען און נישט אויפהערן?
וואָס קאָן בענקען, וויינען אָן טרערן?
נאַרישער בחור, וואָס דאַרפסטו פרעגן.
אַ שטיין קאָן וואַקסן, וואַקסן אָן רעגן,
ליבע קאָן ברענען און נישט אויפהערן,
אַ האַרץ קאָן בענקען און וויינען אָן טרערן...
טום באַלאַ, טום באַלאַ, טום באַלאַלאַיקע...

און די גאָלדנהאָריקע, ברוינאויגיקע שושנה האָט טאַקע גע־זייגט הערנדיק דאָס דאָזיקע ליד. און געוויינט האָט זי גראָד מיט טרערן, און נישט גרשון און נישט פוליע און נישט יאַנקל, איר האַיסינער לאַנדסמאַן, האָבן געוווסט פאַרוואָס זי וויינט...

אויפן צווייטן טאָג מיט דער שיף צוריק קיין ניו־יאָרק, האָט שושנה דערציילט גרשונען וועגן דעם גימנאַזיסט סאַשאַ פון האַי־סין, וואָס איז אַוועק מיט דער רויטער אַרמיי שלאָגן דעניקינען און געפאַלן אויפן שלאַכט־פעלד... און זי קאָן אים שוין נישט פאַר־געסן, און דערפאַר האָט זי געוויינט, ווען מען האָט געזונגען דאָס דאָזיקע ליד, און באַזונדערס פון די לעצטע צוויי שורות:

ליבע קאָן ברענען און נישט אויפהערן,
אַ האַרץ קאָן בענקען, וויינען אָן טרערן...

# דער ליבער יום־טוב קודש גייט אַוועק...

נאָך נישט גענוג זיך אָנגעדאַגהט מיט קעמפּ „ניטגעדאַיגעט“ און מען דאַרף שוין פאָרן צוריק קיין ניו יאָרק. ס'איז ווי אַרויסגעטריבן פון גן־עדן. די זעלביקע ווייסע שיף, וואָס האָט געבראַכט קיין „ניטגעדאַיגעט“ פירט די חברה פון דער „פרייהייט“־עקסקורסיע צוריק קיין ניו יאָרק.

און ס'איז נישט נאָר צוריק קיין ניו יאָרק, צום בראָטנדיקן ניו יאָרק, ס'איז צוריק צום מאַטערנדיקן שאַפּ. אַלע די דאָזיקע חברה איצט אויף דער ווייסער שיף איבערן ווינטלדיקן קילנדיקן האָדסאָן וועלן מאָרגן זיין פאַרשפּאַרט אין די שטיקנדיקע טשאַדיענדיקע שעפּער... אָבער ס'געדויערט דאָך גאַנצע פיר שעה ביז די שיף קומט אָן קיין ניו יאָרק, וועט מען אין די פיר שעה גאָרנישט טראַכטן פון שעפּער, גאָרנישט זיך זאָרגן. און די דאָזיקע פיר שעה אויף דער יום־טובדיקער ווייסער שיף, זאָל גאָר זיין נישט געדאַגהט... און חברה דאָ אויף דער שיף זינגען אַלע פריילעכע לידער, וואָס זיי האָבן זיך אויסגעלערנט אין „ניטגעדאַיגעט“.

(וויפל טויזנטער און טויזנטער חברה זענען געפאָרן אויף דער דאָזיקער ווייסער שיף איבערן האָדסאָן, פילע זומערס צום קעמפּ „ניטגעדאַיגעט“ און צוריק?... און דען נאָר צום קעמפּ „ניטגעדאַיגעט“? און צום קעמפּ „קינדער־לאַנד“, „אונדזער קעמפּ“ קעמפּ „בוביבעריק“, און נאָך, און נאָך קעמפּס און די שענסטע נאַטור־ווינקלען פון ניו־יאָרקער שטאַט... אַ סך פון די דאָזיקע פאָרער זענען שוין איצט זיידעס און באָבעס און די ווייסע שיף איבערן האָדסאָן איז מסתמא אַ ווייטער חלום פון די יונגע יאָרן אין אַמעריקע...)

און אויפן וועג צוריק קיין ניו יאָרק, אויפן געפּאַקטן דעק, האָט שושנה אין העברעיש דערציילט גרשונען איר טרויעריקע מעשה. יאַנקל דער האיסינער בחור מיטן פאַרזשאַווערטן האַלדז און די מאָג־

גאַלישע אײַנגלעך, איז געזעסן דערבײַ. ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען קיין וואָרט העברעיִש (ער קאָן קוים לייענען ייִדיש. צו צען יאָר איז ער שוין געוואָרן אַ לערן-ייִנגל בײַ אַ שלאָסער אין האַיִסין). ער איז אָבער נישט אָפּגעטראָטן. בײַ אים, צוליב איר קול, דאָס סאַמעטגלענצנדיק קול, איז שוין געווען כדאַי צו זיצן, אויב אַפֿילו ער האָט נישט פֿאַרשטאַנען קיין וואָרט. און זי האָט אומיסטן גערעדט העברעיִש, כּדי דער האָזיקער האַיִסינער לאַנדסמאַן אירער, וואָס גייט איר נאָך אומעטום, וואָס וויל איר פֿאַרלייפֿן אַלע וועגן, וואָס וויל זי באַדינען ממש ווי אַ קנעכט, זאָל נישט פֿאַרשטיין. פּוליע איז גראָדע נישט געווען דערבײַ. פּוליע, וואָס האָט געהאַט אַ שיינעם האַרציקן טענאָר, איז געווען אַרומגערינגלט אינמיטן דעם דעק פֿון אַן עולם חברה, און געזונגען די אַלע לידלעך, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט אין „נימגעהאַינגעט“.

און אַז מען זיצט אַזוי אויף דער שיף אינמיטן דעק צווישן די געזאַנגען, פֿרײַלעכע קולות, דאָס שפּילן פֿון אָרקעסטער, פֿילט מען אַפֿילו נישט, אַז די שיף שווימט. מען מיינט גאָר, אַז דער ברעג אַנטקעגן שווימט. דאָס קליינע אינזעלע אינמיטן האָדסאָן מיטן מיטלאַלטערלעכן שלאָס און טורעמס שווימט... דער באַרג מיט אַ פֿאַרפּלאָנטערטן וואַלד אויפֿן שפּיץ, וואָס הייסט „שטורעם-קעניג“, שווימט... דער בלויער הימל שווימט...

און שושנה, אין איר שיר-השירימדיקן העברעיִש, דערציילט וועגן איר ליבע צו סאַשאַן, דעם געפֿאַלענעם רויטאַרמייער — די ליבע וואָס טוט ברענען און ברענען אין איר האַרצן, און קאָן גאָרנישט אויפֿהערן... זי דערציילט אויך וועגן איר טאַטן דעם גרויסן גביר אין האַיִסין, וואָס האָט אין די פּאָגראָמען פֿאַרלוירן אַלצדינג, זיך קוים געראַטעוועט קיין אַמעריקע מיט די דרײַ טעכטער (די מאַמע און אַ פֿערטע טאָכטער, שולמית, זענען געשטאָרבן אין אוקראַינע פֿון פֿלעקן-טיפֿוס). און דאָ אין אַמעריקע האָבן דעם טאַטן אָפּגענומען די פֿיס, און ער איז שוין יאָרן און יאָרן אַן אינוואַליד... זי האָט אים אויך דערציילט וועגן איר עלטסטער שוועסטער נעמי, אַ מיידל שוין גאָר אין די יאָרן, וואָס איז פֿאַרוועלקט געוואָרן דאָ אין אַמעריקע. „הזאת היא נעמי?!“ און דאָס איז נעמי?! טאַקע מיט די ווערטער האָט אַ לאַנדסמאַן, דערזעענדיק איר עלטסטע שוועסטער, זיך אָנגערופֿן צו איר טאַטן, אָט דאָס איז נעמי? די

גרויסע אָנצינדיקע שיינהייט?! גוט כאָטש, וואָס איר מיטעלע שוועסטער הדסה איז גליקלעך פֿאַרהייראַט און וווינט אין באָסטאָן... און זי אַליין טויג זיך עפּעס נישט פֿאַר אַמעריקע, האָט זי זיך געקלאָגט. ווען זי טראַכט, ווען זי וועט דאַרפֿן מאָרגן גיין אין שאַפּ אַרבעטן, ווילט זיך איר נישט לעבן...

און איר לאַנדסמאַן יאַנקל, דאָס אָרעם בחורל פֿון האיסין, וואָס פֿאַרשטייט נישט קיין וואָרט העברעיש, הערט זיך צו צו איר מעלאָדיש קול אַ פֿאַרצויבערטער און מיינט גאָר, אַז זי דעקלאַמירט עפּעס אַ שיינע פּאָעמע...

* * *

ניו יאָרק קומט אָן, און ס'פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם... אַזאַ ריזיקע, מעכטיקע שטאָט האָט זיך אַנידערגעשטעלט אויפֿן ברעג פֿון האָדסאָן... כמאַרעס טויערן... דאָס זענען דען טויערן? דאָס זענען גיגאַנטישע שלאַנקע פֿעלזן, ווו מען האָט אויסגעהאַקט טויזנטער פֿענצטערלעך... און די טויזנטער און טויזנטער פֿענצטערלעך אין זונען-פֿאַרגאַנג שיסן איצטער מיט טויזנטער בליצנדיקע שפּיזן... אין יעדן פֿענצטער איז איצט עפּעס אַ שריפֿה...

ס'ציט צו דער האָזיקער ריזיקער שטאָט, כאָטשבי ס'יאָגט אַ חמימה אויפֿן האָדסאָן פֿון אירע טויזנטער אָנגעהייצטע אַספֿאַלטענע גאַסן, פֿון אירע צענדליקער טויזנטער אָנגעפּאַרטע שטיינערנע טויערן... ס'ווילט זיך וואָס גיכער צושווימען צום ברעג און אײַנגעשלונגען ווערן צווישן די מיליאָנען אײַנוווינער...

די שיף איז צוגעשוווּמען צום ברעג, און די חברה האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן איבערגעוואָרפֿענעם בריקל אויף דעם אָנגעגליטן אַספֿאַלט פֿון ניו יאָרק... און פֿון דער גרויסער ברידערשאַפֿט און שוועסטערשאַפֿט פֿריער אין קעמפּ „גוט געדאַיגעט" און דערנאָכדעם אויף דער שיף, זענען געוואָרן אָפּגעריסענע אבֿרים און אײַנגעשלונגען געוואָרן צווישן די מיליאָנען אײַנוווינער... עס האָט גרשונען ממש פֿאַרקלעמט ביים האַרצן, וואָס פֿון דער גרויסער פֿרײַלעכער, זינגענדיקער חבֿרשאַפֿט איז געוואָרן אויס. יעדער אײנער מיט זײַנע דאגות איז געלאָפֿן צו די סאָבוועיס, עלעוועיטאָרס, טראַמווייען, און צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן, ווו ניו יאָרק האָט אָן עק....

ס'האָט אים, גרשונען, אויך פֿאַרקלעמט האָס האַרץ אויף שושנהן. זי איז געווען אַזוי מיד, אַזוי בלאַס, און דאָ איז זי אַריינגעפֿאַלן אין אָנגעהייצטן ניו יאָרק, און דאָ דאַרף זי זיך נאָך שלעפּן אין שטיקנדיקן סאָבוועי ביז בראָנזוויל אויף פֿאַוועל־סטריט. אַ טעקסי קיין בראָנזוויל דאַרף קאָסטן אפֿשר דריי אָדער פֿיר דאָלאַר. און ווער קאָן זיך דאָס פֿאַרגינען? יאַנקל דער האיסינער, אַ מעכאַניק ביי מאַשינען, זייער אַ גוטער פֿאַרדינער קאָן זיך אָבער יאָ פֿאַרגינען. ער וועט נישט דערלאָזן דעם האיסינער גרויסן גבירם אַ מאָבטער, די אײדעלע פּרינצעסין, וואָס איז שטענדיק געפֿאָרן אין טאַמגם פֿאַעטאָנען מיט אַ זיידן זאָנטיקל, זיך שלעפּן אין אַזאַ שטיקעניש מיט דער סאָבוועי קיין בראָנזוויל.

— ט־ע־ק־ס־י! — האָט ער אַ רוף געטאָן מיט העלדישקייט...

און די טעקסי האָט זיך געלאָזט צו דער וויליאַמסבורגער בריק דורך דער איסט־סאיד, און די גאַנצע איסט־סאיד איז געזעסן אינדרויסן, אין דער דאָזיקער פֿאַרנער, שטיקנדיקער נאַכט... גאַנצע פֿעלקער זענען געזעסן אינדרויסן אויף דער איסט־סאיד און אַרויסגעקוקט אויפֿן רחמימדיקן קילן ווינטעלע...

אויף דער ריזיקער וויליאַמסבורגער בריק — אַן אויסגוס פֿון מענטשן... מען זיצט אויף די בענק, מען שטייט ביי די פּאַרעפּעטס... אַ געזאַנג טראָגט זיך... האָרטן איז די יוגנט פֿון דער איסט־סאיד. אַ יוגנט, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין קאָכיקן קעסל פֿון ניו יאָרק — איז ביי זיי אַזאַ זומער־נאַכט אויף דעם דאָזיקן האַשיקן, מיט מיליאָנען לעמפּעלעך באַלויכטענעם הענגענדיקן ריז, ווי אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט, וואָס זיי וועלן לאַנג געדענקען אין זייערע שפּעטערדיקע יאָרן און בענקען נאָך איר...

מאָרגן פֿאַרטאָג וועט די געוועזענע גרויס־גבֿירישע טאָכטער לויפֿן אין שאַפּ צוען פֿאַרסטריגעס, און זי איז גאָר אַזאַ שוואַכע, קוים וואָס זי אָטעמט איצט. מיט האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן זיצט זי אין דער טעקסי, און איר שיינער גאָלדענער קאָפּ כמעט ווי רוט אויף איר לאַנדסמאַנס אַקסל...

און גרשון האָט געטראַכט, און דער סוף וועט זיין און זי וועט חתונה האָבן פֿאַר אים, דעם בחור מיט די פֿאַרזשאַווערטע הענט... ער וועט איר קויפֿן אַ פּיאַנאָ און וועלן זי זאָל שפּילן אויף איר אַלע

שטיקעלעך, וואָס זי האָט געשפּילט אין האַיסין מייהלווייז אין די זומער=פאַרנאַכטן, ווען ער איז געשטאַנען אונטערן פלויט און אָרע=מאַנסקע בחורל און זיך צוגעהערט... יאָ, זי וועט שפּילן די אַלטע שטיקעלעך אויף דער פּיאַנאָ און ס'וועט איר פאַרשמעקן איר רייכע יונגט, מיט די ריחות פון די בלומען און ביימער אין איר טאַטנס גאָרטן...

# אײַנגעמאַכץ

ס'איז אַ שבת פֿאַרנאַכט און כמעט פֿון אַלע הײַזער אין בראָנזוויל הערן זיך פּאַנאָגראַפֿן, און כמעט אַלע פּאַנאָגראַפֿן שפּילן לידער אין ייִדיש... און ס'מאַכט זיך אָפֿט, ווען דו גייסט אויף אַ בלאָק און אין אַלע הײַזער אין בלאָק שפּילן די פּאַנאָגראַפֿן דאָס זעלביקע ליד... גייסט פֿאַרבײַ אַ הויז און דורכן פֿענצטער דערטראָגט זיך: „איך וויל נישט גיין אין חדר“, געזונגען פֿון לודוויג זאַץ... גייסט פֿאַרבײַ אַ צווייט הויז און ווידער אַמאָל „איך וויל נישט גיין אין כ=יי=ד=ע=ר“... אַ דריט הויז, אַ פֿערט הויז, אַ פֿינפֿט הויז — אַלץ „איך וויל נישט...“

יאָ, ס'איז אַ שבת פֿאַרנאַכט, אַלע הײַזער אין בראָנזוויל זינגען ייִדיש... און אַלע „סטופּס“, גאַניקעס און פֿיראַשיקעס אין בראָנז=וויל רעדן ייִדיש... נאָר איבער דער אויסגעפּוצטער פּיטקין עוועניו — די שפּאַצירנדיקע יוגנט איבט זיך שוין די צינגער אויף ענגליש. מען איז שוין עטלעכע יאָר אין לאַנד, מען איז שוין געגאַנגען אַזוי פֿיל אָוונטן אין נאַכט=שול און זיך געלערנט די שפּראַך פֿון דער מדינה... און מען רעדט אויף פּיטקין עוועניו איינער צום אַנדערן די שפּראַך פֿון דער מדינה מיט אַן איבערלעבן שטאָלץ, מיט דער פֿרייד פֿון דערגרייכונג.

אָבער מיינט נישט, אַז גאַנץ פּיטקין עוועניו רעדט ענגליש, ס'הערט זיך נאָך זייער גוט דאָס ייִדיש היימישע לשון פֿון חברה ערשט=אָריבערגעקומענע. ס'הערט זיך אויך אַפֿילו ווי מען רעדט העברעיש... יאָ, מען רעדט העברעיש, אָבער בלויז צוויי פֿרויען — שושנה מיט איר שוועסטער — „הזאת נעמי“. זיי גייען שפּאַצירן, ביידע שוועסטער, אויף פּיטקין עוועניו און רעדן העברעיש הויך אויף אַ קול. שושנה האָט פֿאָרגעשטעלט פֿאַר פּוליען און גרשונען איר שוועסטער נעמין, און די שוועסטער נעמי האָט געזאָגט:

— נעים מאוד לדעת אתכם (זייער אָנגענעם אייך צו קענען. אין רוסיש וואָלט זי מסתמא געזאָגט: „אָטשיען פּריאַטנאַ פּאָזנאַקאָמיטסיאַ איז וואַמי“, וואָס האָט מיינט דאָס זעלבע...).

נעמים שוואַרצע האָר דאָ און דאָרטן, שוין גרוילעך, זענען געשוירן, ווי ביי אַ יינגל, ווי די מאָדע יענע יאָרן, אָבער מסתמא נישט אַזוי צוליב דער מאָדע, ווי צוליב דעם זי זאָל אויסקוקן אַ ביסל יינגער. קוקט זי אָבער נישט אויס אַ ביסל יינגער...

נעמי האָט זיך זייער דערפרייט מיט פּוליען און גרשונען. שושנה האָט איר מסתמא דערציילט וועגן זיי, און דאָ באַגעגנט מען זיך אַזוי פּלוצלונג, אויף פּיטקין עווענו...

און נעמי מיט די קורץ־געשוירענע גרוילעכע האָר און מיט די פאַרפּודערטע עלטער־קנייטשעלעך אַרום אירע שיינע ברוינע אויגן האָט פאַרכאַפּט דעם גאַנצן געשפּרעך. זי לאָזט כמעט קיינעם נישט אויסרעדן קיין וואָרט. וועגן דער העברעישער ליטעראַטור רעדט זי און וועגן דער רוסישער. און זי קען דיר גוט די רוסישע און העברעישע ליטעראַטור. און גלייך אויפן אָרט אויף פּיטקין עווענו, דעקלאַמירט זי אָפּ ביאַליקס אַ ליד, פּושקינס אַ ליד. און דעקלאַמירט זי זייער שיין. פאַרמאָגט פּערלדיקע ווייסע ציין, אָבער בלוטלאָזע ליפּן, די אַמאָליקע האיסינער שיינהייט...

* * *

בראַנזוויל, וואָס איז יענע יאָרן געווען אַ שטאָט מערסטנס פון איינשטאָקיקע און צוויישטאָקיקע ווינונגען, האָט אויך פאַרמאָגט דאָ און דאָרטן טענעמענט־הייזער. די אָפּגעקראָכענע חושבדיקע טענעמענט־הייזער, נישט ערגער, ווי אויף דער איסט־סאַיד. אויף פּאָוועל סטריט האָבן זיך געפונען די אָפּגעלאָזנסטע טענעמענט־הייזער, און אין איינעם פון זיי, אויפן פערטן שטאָק האָבן געוווינט די צוויי האיסינער שיינהייטן מיט זייער טאַטן דעם געוועזענעם גרויסן גביר.

און זיי זענען אַרויפגעגאַנגען אויפן פערטן שטאָק, די צוויי שוועסטער מיט פּוליען, גרשונען און יאַנקלען. יאַנקלען האָט מען געטראָגן, ווען מען האָט זיך אומגעקערט פון שפּאַציר אויף פּיטקין־עווענו מיט אַ גרויסן בוקעט בלומען. ס'האָט געשמעקט פון בוקעט מיט זייער גוטע ריחות. פון יאַנקלען האָט אויך געשמעקט מיט זייער גוטע ריחות. דער באַרבער האָט אויף אים אַרויפגע־

גאָסן אפשר אַ גאַנץ פלעשל אָדעקאָלאָן און מיט אַנדערע שמעקנדיקע וואַסערלעך. זיינע שטעכיקע שוואַרצע האָר האָבן געגלאַנצט מיט פעטקייט. אין אַ טייערן בלויען שעוויאָטענעם אַנצוג איז ער געווען אָנגעטאָן, און אין אַ זיידן ווייס העמד, מיט אַ שניפס וואָס האָט אויך זיך געהאַט די קאָלירן פון דער אַמעריקאַנער פאָן, פאַרשפיליעט מיט אַ קליין דימענט־שפילקעלע. ער האָט זיך רייך אויסגעפוצט. דער זון פון דעם אָרעמאַנסקע טאַנדעטנעם שניידער לכבוד זיין לאַנדסמאַן דעם גרויסן האיסינער גביר. אָבער דער גרויסער האיסינער גביר קוקט איצט אויס זייער נעבעכדיק. אַן אָרעמאַנסקע חניפה אין זיינע אַרויסגעשטאַרטשעטע שוואַרצע אויגן. דאָס קוקן זיי מיט חניפה צו זיינע טעכטער און צו די געסט. שוין אַ פינף, זעקס יאָר, אַז ער קאָן קיין טריט נישט מאַכן אויף זיינע פאַראַליזירטע פיס. ער מוז כסדר זיצן, און דאָס האָט אָפּגענומען פון אים ווי אַ סימן פון זיינער אַמאָליקער תקיפות... ווען מען שערט אַרום זיין צעוואַקסענע גרוילעכע באָרד, וואָלט ער נישט אויסגעזען אזוי אָפּגעלאָזן דער אַמאָליקער גרויסער גביר...

מיט זיין האיסינער לאַנדסמאַן יאַנקלען האָט ער זיך גאָר נישט דערפרייט, כאָטש יענער האָט געבראַכט אַזאַ שיינעם בוקעט בלומען אין שטוב, און כאָטש יענער איז געווען אויסגעפוצט אַזוי רייך. דערפרייט האָט ער זיך מיט גרשונען און פוליען, מחמת ער האָט געקאָנט צו זיי רעדן העברעיש. דערפרייט האָט ער מיט זיי אויך צוליב דעם, ווייל זיי זענען פון בערשאַד. אָ, ער קען בערשאַד גאַנץ גוט. נישט איינמאָל געווען דאָרטן צוליב זיינע מסחרים. געהאַנדלט מיטן בערשאַדער זאַוואָד, און מיט דער בערשאַדער מיל, און מאיר האַלפּערין, דער גרעסטער בערשאַדער גביר, פלעגט ביי אים לייען געלט... ער וויל רעדן און רעדן וועגן זיין אַמאָליקער נגידישקייט און תקיפעשקייט, אָבער זיין עלטסטע טאָכטער נעמי לאָזט אים נישט רעדן. זי לאָזט קיינעם נישט רעדן, זי אַליין וויל רעדן — און רעדט, און רעדט...

און ער דערשמעקט גלייך, גרשון, אַז נעמי און איר טאַטע קאָנען זיך נישט פאַרלייַדן איינער דעם אַנדערן. פון די זייטיקע קוקעלעך, וואָס זי דערלאַנגט אים בשעת ער וויל פאַרכאַפּן דעם געשפרעך, און וואָס ער דערלאַנגט איר בשעת זי וויל פאַרכאַפּן דעם געשפרעך. ער איז אויסגעהונגערט נאָך מענטשן, אַ פאַר=

שפּאַטער אין הויז שוין אַזוי פיל יאָרן, און בפרט נאָך אַזוינע, וואָס געדענקען זיין גרויסקייט פון האיסין...

און די ווענט אין דער דירה זענען פאַרשימלט־גרין, און די סטעליע ברודיק־ראָזעווע, און דער קאַמאָד אָפּגעבליאַקעוועט ברוין. אומעטום אַזאַ הילפלאָזע אָפּגעלאָזנקייט. זיי זענען גאָרנישט קיין באַלעבאָסטעס די האָזיקע צוויי שיינע טעכטער. „אַז זיי זענען געווען געוווינט צו משרתים און דינסטן" — האָט יאַנקל נאָכדעם אינדרויסן זיך אָנגענומען פאַר זיינע לאַנדס־מיידלעך — „אַז קיינער פון זיי האָט נישט אַריינגעלייגט קיין פינגער אין קאַלט וואַסער, און האָ דאַרפן זיי נאָך ביידע אַרבעטן אין שאַפּ". און אין שאַפּ, שטעלט זיך יאַנקל פאָר, זענען זיי אויך נישט מסתמא קיין גרויסע אויפטועריגס.

— נעמי, כבדי את האורחים הנכבדים במרקחת של דובדבנים (זיי מכבד די חשובע געסט מיט ווינשל־איינגעמאַכץ) — האָט דער פאָטער זיך אָנגערופן מעשה בעל־הבית און שטוב.

— אַ, יאָ — האָט זיך נעמי אַ כאַפּ געטאָן, אַ שמייכל געטאָן צו די געסט, אָבער געוואָרפן אַן אומצופרידענעם בליק צום טאַטן.

און אז מען האָט דערלאַנגט די חשובע געסט ווינשל־איינגעמאַכץ אין גלעזערנע טעלערלעך, האָט מען דעם טאַטן, פאַרשטייט זיך, אויך דערלאַנגט. און דער טאַטע האָט געגעסן דעם ווינשל־איינגעמאַכץ אי מיטן מויל, אי מיט די אויגן. אַזאַ פרייד געווען אויף אים.

גרשון האָט שוין נישט געקאָנט הנאה האָבן פון זיין חלק איינגעמאַכץ, זיך גלייך פאָרגעשטעלט, ווי ער, גרשון, איז אויך אַ געוועזענער גביר, און אויך אַלט, און אויך אַן אינוואַליד, און האָט אויך טעכטער, און די טעכטער קאָנען אים שוין נישט פאַרליידן, און האָ בענקט זיך אויף דער עלטער נאָך אַ ביסעלע זיס, איינגעמאַכץ, און די טעכטער ווילן נישט געבן קיין איינגעמאַכץ...

— קומט נאָך אַמאָל און וואָס אָפטער — האָט זיך דער אַלטער געבעטן ממש מיט רחמים, ווען די בחורים האָבן זיך געזעגנט...

* * *

און יאַנקל האָט טאַקע חתונה געהאַט פאַר שושנהן... שפּעטער מיט יאָרן האָט גרשון זיי ביידן באַגעגנט אויף אַ מאָלעריי־אויס־

שטעלונג. יאַנקל האָט אויסגעקוקט מיד און פאַרשלאָפן, אָבער זי, שושנה — פריש ווי אַ בליענדע רויז, אַ ביסל פולער געוואָרן. אַ גרויסע מבינטע געווען אין מאָלערייען. גערעדט צו גרשונען וועגן סעזאַנען, און וועגן מאַנע, און וועגן פּיקאַסאָן...

# דוד איגנאַטאָוו

פון וואָסזשע האָט גרשון דערווייל געמאַכט אַ לעבן? פאַרשיידענע מלאכות געטאָן. אַפילו געווען אַן אַגענט פון „בוד אָוו גאַלעהזיש“ (דער בוד פון וויסן). האָם האָט דער געטרייער יהושע קאַמינסקי, וואָס איז אַליין געווען אַן אַגענט פון דעם דאָזיקן בוך, אים נאַראַיעט. אָבער קיין מזל־ברכה איז נישט געווען. גרשון האָט זיך פשוט נישט אויסגעטויגט צו זיין אַ „סעילסמאַן“ און גיין פון הויז צו הויז, קלינגען אין די טירן, און צורעדן די טאַטעס און די מאַמעס, זיי זאָלן קויפן פאַר זייערע קינדער דעם „בוך פון וויסן“, וואָס איז גאַנצע צוואַנציק בענד, און מען קאָן דאָרטן לערנען אַלע חכמות פון דער וועלט.

דערנאָכדעם איז געקומען דוד איגנאַטאָוו און אויך עפעס געטאָן, גרשון זאָל עפעס פאַרדינען. און ווי קומט גרשון צו דוד איגנאַטאָוו? אין קאַפע אייראָפע האָט מען אים קיינמאָל נישט געזען. אַליין האָט ער געאַרבעט אין „האיאם“, געווען פארנומען אַ גאַנצן טאָג, און אין אָוונט מסתמא געווען פאַרנומען מיט זיין משפחה און מיט זיין שרייבן.

גרשון האָט געהערט, אַז דער דאָזיקער דוד איגנאַטאָוו איז אַ מענטש מיט אַ גרויס האַרץ, צו קאָלעגן שרייבער איז ער אַ געטרייער חבר, און צו יונגע אָנפאַנגער איז ער אַ טאַטע. איז וווּזשע קאָן מען אים טרעפן? מען האָט געזאָגט, אַז פון איינס ביז צוויי נאָכמיטאָג קומט ער עסן זיין מאָלצייט אין אַ געוויסן רעסטאָראַן אויף יוני ווירסיטי פלעיס, אָדער גאָר אין אויטאָמאַט־רעסטאָראַן אויף בראָדוועי, לעבן דער אַכטער גאַס. ס'קומען אַהין אויך דעמלט זיינע חברים שרייבער און אַנדערע קינסטלער און מען עסט צוזאַמען און מען שמועסט צוזאַמען וועגן עניינים פון ליטעראַטור...

איז ער געגאַנגען גרשון. מיט יאָסל קאָטלערן געגאַנגען. אין אויטאָמאַט אויף בראָדוועי לעבן דער 8־טער גאַס האָבן זיי אים נישט געטראָפן, אָבער אין דער קאַפעטעריע אויף יוניווירסיטי פּלעיס האָבן זיי אים יאָ געטראָפן. און ווען גרשון האָט זיך באַקאַנט מיט אים, האָט ער זיך גלייך דערמאָנט, אַז ער האָט אים שוין איינמאָל געזען. און געזען האָט ער אים גלייך דעם טאָג, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע. און טאַקע אין „האיאס“ אים געזען און ער האָט אַזוי וואַרעם גערעדט צו אים, גרשונען, און די אַנדערע אימיגראַנטן, וואָס מען האָט ערשט אַריבערגעבראַכט פון עלים איילאַנד. אַ מענטש אַזאַ, וואָס אַז ער גיט אָפּ שלום עליכם, דערפילט מען גלייך זייער אַ וואַרעמע און שטאַרקנדיקע האַנט; אַ מענטש, וואָס ס׳שלאָגט פון אים מיט א סך וויטאַליטעט, וואָס איז מאַגנעטיש. ער קוקט גאָרנישט גלייך צו דיר מיט זיינע שטאַרקע פינקלדיקע שוואַרצע אויגן, ווען ער רעדט צו דיר, קוקט גאָר דאַכט זיך אין א זייט, אָבער די גוטע פייערלעך אין זיי טרעפן דיך און ציען דיך צו צו אים. אַ מענטש מיט אַ ברענענדיקן שויבער שוואַרצע האָר. אַ נישט געהאָרכזאַמער שויבער האָר, און מיט פולע, באַטעמענדיקע ליפּן, און מיט אַ קול פון טרייסט, און מיט אַ הויכן שייגעם שטערן, וואָס קנייטשט זיך פון מינדסטן וואָרט, וואָס דו רעדסט אַרויס צו אים. און פון זיין מאַטעווער הויט אויפן פּנים שלאָגט אַ סאַמעטקייט, און אַליין איז ער סאָליד און ברייטביינערדיק. פרויען האָבן זיך מסתמא אויך געצויגן צו אים.

אַרום זיין טיש זענען געזעסן דער מאָלער יהודה טאָפּל, דער קראַנקער פּאַרטאַיעטער פּאָעט חיים קרול, דער זייער הויכער אַטלעטישער ש. דייקסעל. דוד איגנאַטאָוו האָט גרשונען געזעצט לעבן זיך, אַרויפגעלייגט אַ וואַרעמע שטאַרקנדיקע האַנט אויף זיין אַקסל און אים געזאָגט, אַז ער האָט געלייענט זיינע קינדער־מעשהלעך, און זיך פאַרגעשטעלט, אַז דער מחבר פון זיי איז שוין אַ באַיאָרטער מענטש, און דאָ דערזעט ער פאַר זיך אַ יונגן בחור, כמעט אַ צוציק.

און פאַרוואָס דאַרף אַ מחבר פון קינדער־מעשהלעך זיין שוין אַ באַיאָרטער מענטש? ווייל א יונגער שרייבער טראַכט נאָך נישט פון דערציילן מעשהלעך צו קינדער, ערשט אַז מען קומט אין די יאָרן, מען האָט אייגענע קינדער און אפשר אויך אייניקלעך, און

יענע בעטן זיך מעשהלעך ביי זייער טאַטן צי ביי זייער זיידן, טראַכט מען אויס פאַר זיי מעשהלעך...

און דוד איגנאַטאָוו האָט געהאָלפן יונגע שרייבער צו געפינען עפּעס באַשעפטיקונג. דעם קראַנקן חיים קרול האָט ער טאַקע באַזאָרגט ביי זיך אין „האיאס“ מיט זייער אַ לייכטער אַרבעט. חיים קרולס עובדא איז געווען זיצן פאַר אַ טישל אין פּאָדער־זאַל פון „האיאס“ און יעדן נייעם אַריינגעקומענעם דירעקטירן צו דעם אָפּיס, אָדער צו דער פּערזאָן, אין וועלכער יענער נויטיקט זיך.

גרשונען האָט ער אויך גלייך באַזאָרגט מיט אַ שטיקל פּרנסה. זאָל גרשון לערנען זיין זון דניאלן יידיש און העברעיש. אָבער פון איין לעקציע קאָן מען דאָך קיין סך נישט מאַכן, האָט שוין דוד איגנאַטאָוו געזען, אַז אַנדערע יידישע שרייבער זאָלן אויך איינלאַדן גרשונען צו לערנען מיט זייערע קינדער. און גרשון האָט געלערנט מיט י. ב. ביאלאָסטאָצקיס מיידעלע, וואָס ער געדענקט נאָך אירע אויגן, טיף שוואַרצע אויגן און גרויסע אַזוינע. דאָס גאַנצע פּנימל איז געווען גאָלע אויגן. ער האָט אויך געלערנט ב. לאַפּינס מיידעלע, וואָס ער געדענקט בלויז אירע בעקעלעך, שטענדיק רויטע בעקעלעך. ער האָט אויך געלערנט מיט מלך עפּשטיינס צוויי מיידעלעך, די עלטערע אַ שרעקעוודיקע און די יינגערע, אַ לאַכנדיקע. אויך מיט זישאַ לאַנדויס אַ מיידעלע, אַ גאָלדן־הויטיקע, אַ גאָלדן־האָריקע, איר קול ווי אַ פלייט. אויך אברהם רייזענס שיינדעלע, די גאָר פּילבאַרע שיינדעלע מיט די זיך שטענדיק חידושדיקע שוואַרצע אויגן. אויך עמנואל פאַקס, אַ חבר פון דודל אָפּאַטאָשו. עמנואל פאַקס — אַ רויט־האָריקער, אַ ברוין־אויגיקער, אַ טייער בחורל. ס'איז אויסגעקומען, אַז גרשון איז געוואָרן אויסשליסלעך דער לערער פון די קינדער פון יידישע שרייבער... הכלל, ס'האָט אים אָנגעהויבן צו גיין פון אַלע זייטן...

ביי דוד איגנאַטאָוון האָט שוין גרשון געמוזט נאָכן לערנען מיט דניאלן אויך בלייבן צו דער פרייטיק־צונאַכטיקער סעודה... דאַכט זיך לעבן עוועניו „הושעי“ אין ברוקלין אין אַ פּריוואַטער הייזקע האָט דוד איגנאַטאָוו געוווינט. און אַז גרשון האָט אַ קוועטש געטאָן דאָס קנעפּל, האָט אים געעפנט די טיר זיין שיינע פרוי מיט די גאָלדענע האָר, מיט די פינקלדיקע ברוינע אויגן און מיט דעם ליבלעכן שמייכל. זי האָט קיין וואָרט יידיש נישט געקאָנט. האָט טעב־

טערל, אַ מיידעלע פון אַ יאָר פיר, מיט דער מאַמעס האָר און מיט דער מאַמעס אויגן, האָט אויך נישט געקאָנט קיין וואָרט יידיש, און נישט אָפּגעטראָטן אויף קיין מינוט די גאַנצע צייט, ווען גרשון האָט געלערנט מיט דניאלן. און דניאל אַליין אינגאַנצן געראָטן אין טאַטן. אַ בחורל מיט אַ שויבער שוואַרצע ווילדע האָר, מיט ברענענדיקע שוואַרצע אויגן, און מיט אַ מויל פון איינעם אַ קידער-ווידערניק, האָט זיך זייער געוואָלט לערנען יידיש. דער עיקר וואָס ער האָט געוואָלט איז צו קאָנען לייענען דעם טאַטנס וווּנדער-מעשׂיות, און אינגיכן טאַקע האָט ער געקאָנט לייענען דעם טאַטנס וווּנדער-מעשׂיות...

אין גאַסט-צימער האָט גרשון געלערנט מיט דניאלן. און אין גאַסט-צימער האָט געהערשט אַ מין הייליקייט, אַ הייליקייט וואָס האָט אַרויסגעהרונגען פון די סימבאָלישע מאָלערייען אויף די ווענט, אויף די בלומען-טעפּ, אויף די שאַלן און טיכער צעהאָנגען איבער די בענקלעך און אויף דער גרויסער שוואַרצער פּיאַנאָ. די צוויי לייכטער מיט די שבת-ליכט זענען אויך געווען באַמאָלן. און אויב גרשון מאַכט נישט קיין טעות זענען די אַלע מאָלערייען געווען פון אברהם וואָלקאָוויטש, מאַקס וועבער, קאָפּמאַן און טאָפּל און אַלץ אויף די טעמעס פון דוד איגנאַטאָווס וווּנדער-מעשׂיות.

און אַז דער אָוונט איז צוגעפאַלן, און אַז איגנאַטאָוו איז געקומען פון זיין אַרבעט אין „האיאס“, זיך אַרומגעוואַשן, אַרומגעגאָלט, אָנגעטאָן יום-טובדיקע קליידער, האָט מען געמאַכט שבת אין הויז. די בלאָנד-האָריקע, גאָלדן-הויטיקע, ברוין-אויגיקע שיינע פרוי זיינע, האָט אָנגעצונדן די שבת-ליכט, און זיך גלייך געזעצט צו דער פּיאַנאָ שפּילן פאַר דער משפּחה און פאַרן לערער אויסצוגן פון בעטהאָווען און שאָפּען, און אַלץ לכבוד שבת...

און דער לערער גרשון איז שוין אַלע פרייטיק-צונאַכטס געווען אַן אורח צום טיש. קיין פיש, יויך, מיט לאָקשן האָט מען אין דעם הויז נישט דערלאַנגט צום טיש. זיי זענען געווען וועגעטאַריער, איגנאַטאָוו מיט זיין משפּחה. אָבער די אַלע געריכטן פון פּראָטוס, נאָטוס און פאַרשיידענע גרינצייגן זענען ביי גרשונען געווען ליבער פון די געשמאַקסטע שבתדיקע פיש.

און פאַרלאָזנדיק דאָס הויז און אַרויסגייענדיק אויף דער גאַס, איז טאַקע געווען מקודש לחול, פון הייליקייט צום אינדערוואָכן.

אַזאַ אומגעהויערע ומבאַנקייט אויף אַלע גאַסן. ס׳איז געווען טאַקע פּונקט ווי אין איינער פון איגנאַטאָווס וואונדער־מעשיות, ווי אַ געוויסער צדיק מאַכט אַ קרייז אַרום זיך, מיט זיין הייליקן שטעקן, און אין דעם דאָזיקן געהייליקטן קרייז, קאָן ער שוין ביישטיין קעגן דער טו־מאה און זינדיקייט... דוד איגנאַטאָווס הויז — אַ געהייליקטער קרייז אינמיטן עפּעס אַ גרויסן מחבר פון וולגאַרער וואַכנדיקייט...

# איבער די שולן אין ניו־יאָרק

ערב די ימים־נוראים (די פאָרכטיקע טעג), האָט דוד איגנאַטאָוו צוגעשאַרט גרשונען אַ זייטיק פאַרדינסטל — אים געשיקט מיט „פאָוסטערס" פון „היאַס", זיי צו הענגען איבער אַלע שולן אין גרויסן ניו יאָרק. די „פאָוסטערס" האָבן אַפּעלירט צו די יידן בני רחמנים אין די ימים נוראים, זיי זאָלן מנדר זיין געלט פאַר „היאַס", וואָס איז אַזאַ גרויסע הילף צו די יידישע אימיגראַנטן איבער דער גאַנצער וועלט. די „פאָוסטערס" זענען געווען אין קאָלירן, און אינמיטן איז געווען אויסגעמאָלן אַן עלטערער ייד מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס און מיט אַ וואַנדער־שטעקן, און קוקט אַ הילפלאָזער צו די שטורעמדיקע וואַסערן פון ים.

ס'איז געווען די אמתע אַרבעט. מען האָט געדאַרפט זיך טראָגן מיט אַ היפּשן פּעקל „פאָוסטערס" און זיך לאָזן מיט די סאָבוועיס אומעטום, ווו יידישע שולן געפינען זיך, זיי אויסהענגען און דערנאָך קומען צוריק נאָך פרישע „פאָוסטערס".

און ווו געפינען זיך די יידישע שולן אין גרויסן ניו יאָרק? ווו געפינען זיי זיך דען נישט? אויף דער איסט־סאַיד און אויף דער וועסט־סאַיד, אין האַרלעם און אין די בראָנקס, אין וויליאַמסבורג און אין בראָנזוויל, אין בראַיטאָן און אין קוני־אייլאַנד... אומעטום... געקומען יידן אין ניו־יאָרק, נאָך נישט אָפּגעווען אַ פּאָר חדשים אין נייעם לאַנד און מען האָט זיך שוין ווי עס איז געקליגט און אויפגעעפנט אַ שול.

ס'איז פאַר גרשונען געווען מעט ווי אַ קולטור־היסטאָרישע עקספּעדיציע. אים האָבן געוואַלדיק אינטערעסירט די נעמען פון די פאַרשיידענע שולן. פאַרלוירן געגאַנגען ביי גרשונען האָט לאַנגע צעטל מיט די פאַרשיידענע נעמען פון די שולן, וואָס ער האָט געהאַלטן צווישן זיינע פּאַפּירן אַ לאַנגע צייט... אַ סך שולן האָבן זיך

גערופֿן מיט די נעמען פֿון די שטעטלעך אין אוקראַינע, פּוילן, גאַליציע, רומעניע. „בית הכּנסת אנשי פֿון דעם און דעם שטעטל“ אָדער „בית הכּנסת הבּני דעם און דעם שטעטל“.

אַזאַ אויפֿשריפֿט אויף אַ שול האָט אונדזער בחור זייער גערירט. אין אַזאַ נאָמען איז געווען גרויס בענקשאַפֿט צום שטעטל, פֿון וועלכן מען איז געקומען. די נאָר־וואָס אַריבערגעקומענע האָבן זיך געוואָלט טוליען איינער צום אַנדערן אין נייעם לאַנד, זיין צוזאַמען אין די שעהן פֿון זייער געבעט, רעדן איינער צום אַנדערן ווי אַזוי מען האָט גערעדט אין זייער שטעטל מיט אַלע אידיאָמאַטישקייטן און זינגעוודיקייטן... דאָס איז געווען אין אָנהייב מיט יאָרן און יאָרן צוריק. דערנאָך האָבן זיך די אנשי־בני פֿון דעם און דעם שטעטל זיך צעזייט און צעשפּרייט, ווו ניו־יאָרק האָט אַן עק, און אין שולכל אויפֿן נאָמען פֿון זייער שטעטל האָבן שוין אַנדערע יידן געדאַוונט. אפֿשר אום ראש־השנה און אום יום־כּיפּור זענען לאַנדסלייט געקומען פֿון ווייטערע געגנטן דאַוונען אין דעם „אנשי בני“ פֿון זייער שטעטל, און אפֿשר אַפֿילו גלאַט אַזוי אין אַ וואָכיקן פֿאַרנאַכט האָט זיך פֿאַרבענקט און מען איז געקומען... און אפֿשר האָט מען נאָך דאָרטן געטראָפֿן אַ פּאָר פֿון די קדמונים, די אַמאָליקע, וואָס זענען שוין געבליבן וווינען דאָרטן, ווו זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט בשעת מען איז נאָר־וואָס געקומען קיין אַמעריקע...

און אין די האָזיקע געבעט־הייזער, וואָס האָבן זיך געגרינדעט פֿון די „אנשי בני...“ האָט מען שוין געזען, אַז עפּעס אַ זאַך זאָל דערמאָנען אין דער קלויז צי אין דער שול פֿון זייער שטעטל: אפֿשר דער פּרוכת, אפֿשר דער באַלעמער, און אפֿשר דער כּיור (האַנט־פֿאַס).... דער נוסח פֿון דאַוונען איז דאָך אַוודאי געווען דער זעלביקער...

און ס'זענען געווען אַזוינע שולכלעך אויך מיט נעמען פֿון שטעטלעך אין דער אַלטער היים, אָבער נישט גראָד לאַנדסלייט זענען געקומען אַהין דאַוונען, נאָר „אנשי שלומנו“, דאָס הייסט, חסידים פֿון אַ געוויסן רבין דאָרטן פֿון יענער זייט ים. און אין אַזאַ שולכל האָט מען געפּראַוועט שלוש סעודות שבת פֿאַרנאַכט, איבערגעזאָגט דעם רבינס תורה, און געזונגען דעם רבינס ניגון אין די שעהן צווישן טאָג און נאַכט, און אין זייער זינגען איז גע-

ווען נישט אַזוי די בענקשאַפט נאָך זייער רבין, ווי נאָך זייער אַמאָליקן לעבן...

און אפנים אין די ערשטע יאָרן, ווען ייִדן האָבן אָנגעהויבן קומען קיין אַמעריקע, זענען די מערסטע שולכלעך געווען פון „אנשי בני"... שפּעטער, ווען מען האָט זיך צעזייט און צעשפּרייט אין אַלע עקן פון ניו־יאָרק, האָבן אָנגעהויבן אויפקומען די שולן אין גרויסע בנינים, וואָס האָבן זיך שוין גערופן מיט אַלגעמיינע סימבאָלישע נעמען, ווי „עץ החיים" (דער בוים פון לעבן), „שערי תפילה" (די טויערן פון געבעט), „שערי שמים פתח" (עפן די טויערן פון הימל), און אויך אַזאַ נאָמען ווי „לכו נרננה לה'" (קומט לאָמיר זינגען צו גאָט).

אַזוי פיל פאַרשיידענע נעמען פון שולן האָט גרשון דערמלט אָנגעטראָפן, בשעת ער האָט אויסגעהאַנגען די „האַוּאַס"־פּאָוס־טערס", און אַזוי פיל פאַרשיידנאַרטיקייטן אין דער פאָרמע פון די געביידעס. די סימבאָלן פון די „עשרת הדברות", אָדער דער „מגן־דוד", אָדער די „מנורה" זענען שוין אומעטום געווען אויס־געקריצט איבער דער טיר, צי אויף אַ פענצטער...

אין די גרעסערע שולן האָט גרשון זעלטן געטראָפן אויף זיין עקספּעדיציע, אַז עמעצער זאָל זיצן איבער דער גמרא און לערנען אין אַן אינמיטן בייטאָג. זיי זענען גאָר געווען געשלאָסן, און ס'איז אָנגעקומען אונדזער בחור זייער שווער צו געפינען ערגעץ דעם שמש ער זאָל עפענען די טיר, כדי צו קאָנען אויפהענגען אינעווי־ניק אין פאָליש דעם „האַוּאַס"־„פּאָוסטער".

אין די קליינע שולכלעך איז געווען אַ מחיה, שטענדיק אָפן, שטענדיק האָט זיך שוין עמעצער געפונען אינעווייניק, צי אַ ייִד אַ לערנער איבער דער גמרא, צי גאָר אַ רבי מיט תלמידים. אין איינעם אַזאַ שולכל אין די בראָנקס, געדענקט גרשון, ווי ער איז גאָר איינגעשלאָפן, מיד פון אַרומלויפן איבער ווו־בראָנקס־האָט־אַן־עק; מיד אויך פון דער גרויסער היץ, און אינעווייניק אין שולכל איז געווען האַלב־טונקל, קיל און היימיש. אינדרויסן האָט גע־בריאַזגעט און געקנאַקט דאָס אַמעריקאַנער שרייענדיק און הריג־געניק לעבן, און דאָ אינעווייניק, טאַקע ווי אין אַ מקום קדוש, אַן אָרעמען פאַרצייטיקן מקום קדוש, ווו דאָס קול פון תורה הערט

קיינמאָל נישט אויף. אַן עלטערער ייִד מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד האָט זיך געשאָקלט איבער אַ גמרא און צוגעזונגען דעם דורותדיקן אַלט־באַקאַנטן ניגון.

גרשון האָט זיך אין דעם שולכל אַנידערגעזעצט אָפּרוען און ער האָט זיך פֿאַרגעסן, אַוועק אין דער פֿאַרגאַנגענהייט. ס'האָט זיך גאָר אים אויסגעדאַכט, אַז האָס ער אַליין שאָקלט זיך איבער דער גמרא און זינגט זיך צו. ער איז האָד אַמאָל געווען אַ ישיבה־בחור... און דערנאָך איז ער גאָר איינגעשלאָפֿן, און פֿאַרגעסן אינגאַנצן, אַז ער איז אין אַמעריקע. אַ פּופֿצן אָדער צוואַנציק מינוט איז ער אַזוי אָפּגעשלאָפֿן, אָבער שוין לאַנג, לאַנג, אַז ס'האָט זיך נישט געשלאָפֿן אַזוי זיס... אפֿשר אין דער קינדהייט... און אַז ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט אים אַזוי באַנג געטאָן. וואָס ס'האָט אים באַנג געטאָן, איז אים נישט געווען קלאָר, נאָר ס'האָט געגאָגט און געגאָגט...

יאָ, מען האַרף ווייטער זיך לאָזן מיטן שווערן פּעקל „האָיאָס“ — „פּאָוסטערס“. און די בראָנקס איז אַזוי ריזיק, און אומעטום ערגעץ — אַ שול אָדער אַ שולכל אָדער גאָר אַ האַלב־שולכל. און אַ האַלב־שולכל איז ביי גרשונען געווען, דאָס פּריוואַטע שולכל, דאָס הייסט, ס'האָט געהערט צו אַ געוויסן גוטן ייִדן, אָדער רב, אין די הינטערשטע צימערן האָט דאָס דער גוטער ייִד, אָדער דער רב געוווינט מיט זיין משפּחה, און אין פֿאָדערשטן צימער איז געוואָרן דאָס שולכל מיטן ארון־הקודש, מיט דעם שולחן... אין אַזאַ האַלב־שולכל איז אויך געווען אָפּטמאָל אַ חדר, אַ רבי איז געזעסן און געלערנט מיט די קינדער, אַ רבי מיט אַ באָרד און פּיאות, אָן אַ קאַפּאָטע, אין אַ יאַרמולקע, פּונקט ווי אין דער אַלטער היים. און אַז דער רבי איז געווען אַ שטאַרקער ייִד מיט אַ שטאַרק קול, זענען גראָד די בראָנקסער, צי די האַרלעמער, צי די וויליאַמסבורגער סעמעלעך, מעקסעלעך געזעסן סטאַטעטשנע און שטיל נאָכגעזונגען דעם רבין: „ויאמר“ און ער האָט געזאָגט, „ה'“ גאָט, „למשה“ צו משהן... אָבער אַז דער רבי איז געווען אַ חלוש, אַ ייִד מיט אַ צעטראַסקעט קול, זענען די סעמעלעך און מעקסעלעך געשפּרונגען איבער די בענק, געקראָכן אויף די גלייכע ווענט מיט קולות ביז אין דער סטעליע...

ווידער אין אן אַנדער האַלב=שולעכל, ערגעץ אין האַרלעם, האָט גרשון אָנגעטראָפֿן אַ יונג בחורל פֿון אַ יאָר אַכצן אין אַ יאַרמולקע און אין פּיאות, שטייענדיק פֿאַר אַ סטענדער איבער א גמרא און שאָקלענדיק זיך פֿרום, און צווינגענדיק זיך אזוי זיס מיט דעם גמרא=ניגון. עד היום איז גרשונען פֿאַרבליבן אין זכרון דאָס דאָזיקע בילד פֿון דעם איין און איינציקן אַמעריקאַנער געבוירן יידיש בחורל, אפשר איבער גאַנץ האַרלעם, וואָס לערנט אין דער גמרא אַ שיעור פֿאַר זיך...

# דאָס געבורט פֿון אַ ייִדישן בוך

ידי וועלט צו באַשאַפֿן איז, דאַכט זיך, דעם כביכול נישט אָנגעקומען אַזוי שווער, ווי יהושע קאַמינסקין צו באַשאַפֿן גרשונס צוויי בענד קינדער־מעשׂהלעך... ס׳האָט געוואָלט הייסן, אַז דער שלום־עליכם־פֿאָלקס־אינסטיטוט נעמט זיך אונטער אַרויסצוגעבן אָט די צוויי בענד, און אַז זיי זענען אַרויס איז טאַקע געווען פֿאַרצייכנט אויפֿן שער־בלאַט: „אַרויסגעגעבן פֿון שלום־עליכם פֿאָלקס־אינסטיטוט". אָבער למען האמת, וואָלט געווען געהאַרפֿט זיין פֿאַרצייכנט: „אַרויסגעגעבן מיט דער ליבשאַפֿט און עקשנות פֿון יהושע קאַמינסקי".

אָנגעהויבן האָט יהושע קאַמינסקי מיט דעם, וואָס ער האָט זיך גענומען איינשמועסן די פֿירער פֿון שלום־עליכם פֿאָלקס־אינסטיטוט, אַז מען האַרף אַרויסגעבן אין אַ בוך־פֿאָרם גרשונס קינדער־מעשׂיות... איי, גרשון איז נאָך גאָר אַ יונגער שרייבער... און ווער קאָן אים צווישן ברייטן עולם... זאָל נאָך גרשון וואַרטן אַ פּאָר יאָר, וועט ווערן בעסער באַקאַנט, און דעמלט — אפֿשר... אָבער יהושע קאַמינסקי וויל שוין... און נאָך איידער דער שלום־עליכם פֿאָלקס־אינסטיטוט האָט געזאָגט יאָ, האָט ער שוין אָנגעהויבן צו קלייבן די מעשׂהלעך פֿאַרן בוך. ער האָט כמעט אַלע גרשונס מעשׂהלעך געקענט אויף אויסנווייניק, און אַ סך מעשׂהלעך האָט ער גאָר געהאָלפֿן גרשונען שאַפֿן, דאָס הייסט, אינספּירירט, סוגעסטירט... אַ סך מעשׂהלעך זענען ביי גרשונען געווען פֿריער בלויז טעמעס, וואָס האָבן זיך ביי אים געבאָמבלט אין מוח, און נאָכדעם ווי ער האָט דערציילט קאַמינסקין די טעמע און יענעם איז געפֿעלן, ערשט דעמלט האָט זיי גרשון אָנגעשריבן...

יאָ, יהושע קאַמינסקי וויל ש ו י ן. איז אפֿשר צוליב אָפּטשעפּען זיך פֿון אים, דעם עקשן, און דעם צודרינגלעכן, האָט מען

אים געזאָגט: „טאָ גיב אַרויס", און געמיינט האָט מען מיט דעם: „קיין געלט איז דאָך נישטאָ, ווילסט אַרויסגעבן, טאָ גיב אַרויס, אויב דו קאָנסט"...

האָט שוין יהושע קאַמינסקי איבערגעשפּרונגען די ערשטע פאַרצווייפלונג... איצטער איז טאַקע די פראַגע, ווו מען נעמט דאָס געלט?... און ער האָט זיך נאָך פאַרנומען גאַנץ רייך. יעדע מעשה זאָל האָבן אַמווייניקסטנס צוויי צייכענונגען, און דער ערשטער אות פון יעדער מעשה זאָל זיך אויך אָנהייבן מיט אַ צייכענונג; און דאָס פּאַפּיר זאָל זיין מן המובחר (פון דעם געקליבנסטן); און דער איינבונד אויך פון דעם געקליבנסטן; און דער אילוסטראַטאָר זאָל זיין איינער פון די גרעסטע...

ווו האָט טאַקע קאַמינסקי גענומען דאָס געלט? זענען אין ניו יאָרק געווען דעמלט טייערע חברה, ס'רוב אַרבעטער-מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ ליבשאַפט צום יידישן בוך, און וואָס האָבן געוואָלט זיין שותפים אין באַשאַפן אַזאַ בוך. איז וויפל-זשע האָט אַן אַרבעטער-מענטש געקאָנט אַנטלייען? אַ פינף און צוואַנציקער, אָדער העכסטנס אַ פופציקער... און אַנטלייען האָבן זיי געקאָנט נישט אויף לאַנג... און אויסגעצאָלט נאָכדעם די חובות האָט קאַמינסקי יעדן איינעם... אָבער ווו האָט ער גענומען אויף אומקערן די חובות? — ווייסט נישט גרשון נאָך ביז היינט צו טאָג, מחמת די צוויי בענד קינדער-מעשהלעך, נאָכדעם ווי זיי זענען אַרויס, האָבן זיך טאַקע גוט פאַרקויפט, אָבער אָפּגענומען צוריק, וויפל זיי האָבן געקאָסט האָט מען קיינמאָל נישט. און דאָ האָט נאָך געטראָפן אַן אומגליק און ס'האָט אויסגעבראָכן אַ פייער אין דעם פּלאַץ, ווו די ביכער זענען געלעגן, און אַ סך הונדערטער בענד זענען פאַרסמאַליעט געוואָרן...

יאָ, האָט שוין קאַמינסקי געלט, אָבער נישט אַזויפיל געלט אויך צו באַצאָלן אַ מאָלער, און נאָך איינעם פון די בעסטע מאָלער אין ניו יאָרק, און געוואָרפן האָט קאַמינסקי אַן אויג אויף אהרן גודעלמאַן. און אהרן גודעלמאַן איז גאָר געווען פאַרנומען מיט זיינע סקולפּטורן, און דאָ ווייסט ער, אַז קיין געלט-באַלוינונג וועט אויך נישט זיין. ס'הייסט אָפּגעזאָגט האָט ער גראָד נישט. אָבער אַז ער וועט האָבן צייט — איז מהיכא תיתי. אָבער נישט פון יהושע קאַמינסקין דרייט מען זיך אַרויס. ער איז אָפט געלאָפן צו גודעלמאַ-

גען אין סטודיאָ מיט טענות — היתכן? אויך אָפּט מיטגענומען גרשונען ער זאָל אויך מאַכן גוואַלדן. די סטודיאָ איז, דאַכט זיך, געווען אויף פערצנטער גאַס אַנטקעגן יוניאָן־סקווער, אָדער אפשר גאָר אין אַ זייטיקער גאַס. אָבער נישט ווייט פון יוניאָן־סקווער. גרשון איז נאָך קיינמאָל נישט געווען ביי אַ סקולפּטאָר אין אַ סטודיאָ און דאָס אַליין איז געווען אַ דערהויבונג. ביי גרשונען איז אַ סקולפּטאָר פאַררעכנט פאַר אַ בישופמאַכער. מען נעמט אַ שטיק ליים, אָדער אַ שטיק שטיין, מען טוט עם אָפּ עפּעס אַ כישוף און ס'רעדט צום מענטשן, זינגט צום מענטשן, שטראַלט צום מענטשן, וויינט, לאַכט, האָט געדאַנק און אַן אינערלעך לעבן. און אהרן גודעלמאַן אַליין האָט גאָר אויסגעקוקט ווי אַ שטיק סקולפּטור: אַ לענגלעך בלאַס פּנים, מיט אויפגעהויבענע שטאַרקע באַקן־מוסקולן, מיט קיילעכדיקע שטאַרנדיקע אויגן. אַ קלוגער אומבאַוועגלעכער שטאַרנדיקער בליק האָט אַרויסגעקוקט פון זיי. אַליין — אַ הויכער, אַ ביינערדיקער מיט עפּעס אַזוינע שטאַרקע הענט פון אַ שטיין־האַקער, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך געוואַלדיק פילבאַרע. בלויז ווען ער צעשמייכלט זיך פאַרלירט זיין פּנים דעם אָנבליק פון אומבאַוועגלעכקייט. גרשון האָט ביי אים אין סטודיאָ געזען די סקולפּטור פון משה נאַדיר און זיך גאַרנישט געקאָנט אָפּרייסן. אהרן גודעלמאַן האָט טאַקע ווי אָפּגעטאָן אַ כישוף דעם שטיין און געמאַכט פון אים אַרויסוואַקסן אַ מענטשן, וואָס איז אי חכם, אי נאַר, אי סנאָב, אי ליץ, און נאָך און נאָך ספּעציפישע משה נאַדירשע אייגנשאַפטן.

אין דער האָזיקער סטודיאָ האָט גרשון אויך געשעפּט אינספּי־ראַציע פאַר זיין אייגן לעבן אַלס קינסטלער. ער האָט דאָ געזען, ווי שווער ס'קומט אָן אהרן גודעלמאַן מיט זיין פרוי צו עקזיסטירן. זיי באַנוגענען זיך מיט דעם מינימום פון די באַקוועמלעכקייטן אין לעבן. זיי הונגערן האָבן זיך צוביסלעך אין דער האָזיקער סטודיאָ. זיי פרירן האָבן זיך אויך צוביסלעך אין דער דאָזיקער סטודיאָ. אָבער דאָס איז ביי זיי אַ ביי־זאַך. דער עיקר איז דאָס שאַפן, דאָס אַרויס־רופן פון ליים און פון שטיין געשטאַלטן און פיגורן, וואָס זאָלן אָנ־רעגן צו שעפערישע געדאַנקען און טואונגען.

יאָ, אהרן גודעלמאַן האָט געמוזט מאַכן די ציכענונגען צו גרשונס צוויי בענד קינדער־מעשהלעך. קאַמינסקי האָט זיי ביי אים אַרויסגעצויגן איינס נאָך איינס און גלייך אויפן אָרט אים באַצאָלט

מיט זיין באַוווּסטן „האָנאָראַר“, דאָס הייסט, מיט לויב־געזאַנגען, קאָמפּלימענטן, באַגייסטערונגען...

דעם דרוקער האָט קאַמינסקי אָבער נישט געקאָנט צאָלן מיט אָט דעם סאָרט האָנאָראַר. יענער האָט געוואָלט ממשותדיקס, דעם האַרטן מזומן. האָט אים קאַמינסקי פון צייט צו צייט געגעבן אַ ביסל געלט, אָבער ס'רוב — צוזאָגן... און האָ איז נאָך געווען אין אָנהייב האַרבסט, אין די הויכע־פייוער הדשים, און קאַמינסקי האָט געהאַט אַ הויכע־פייוער, אַ אַסטמע, אַ די היץ פון דער דרוקעריי. און דער שווערער ריח פון בליי איז נישט גוט נישט פאַר הויכע־פייוער און נישט פאַר אַסטמע. האָט ער גענאָסן, געהוסט, געטרערט, געשטיקט זיך, נישט געקאָנט כאַפּן דעם אָטעם, און איבערגעלעגן דאָרטן, געמאַכט קאָרעקטורן, געהיט, אַז קיין גרייזן זאָלן זיך נישט אַריינכאַפּן, געזען, אַז דאָס בוך זאָל זיין שיין אויסגעשטעלט...

און גרשון וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן איינעם א שבת, אַ הייסער שבתדיקער האַרבסט־טאָג. קאַמינסקי האָט אים מיטגענומען צו דער געביידע, וואו אויפן אַכטן שטאָק האָט מען געבונדן דאָס בוך. דער עלעוועיטאָר איז אָבער קאַליע געוואָרן, און דער הויכע־פייוער און די אַסטמע איז ביי אים געווען אין סאַמע רעכטן בליען. אָבער ער האָט געגעבן אַ שאָס אַרויף מיט אַזאַ פלינקייט און רירעוודיקייט אַלע אַכט שטאָק, און גרשון, אַ סך יינגער פון אים, האָט אים קוים נאָכגעקלעטערט...

(די ליבשאַפט אַרויסצוגעבן יידישע ביכער האָט יהושע קאַמינסקי אויך איבערגעגעבן צו זיינע צוויי זין, שאול און פרץ. ביידע האָבן שפּעטער מיט יאָרן געהאַט אַ גרויסע פּאָטאָרטאַל־דרוקעריי, דאַכט זיך אויף דער איין און צוואַנציקסטער גאַס לעבן ערשטער עוועניו. אוזן די דאָזיקע צוויי געראָטענע זין, האָבן פונקט ווי דער טאַטע אויך זיך עוסק געווען מיט גרשונס אַ בוך קינדער־מעשיות. „וואָוויק“ האָט געהייסן דאָס בוך. זיי האָבן אין אים אַריינגעלייגט זייער ליבשאַפט, קענטעניש, פאַנטאַזיע).

גרשון האָט ערשט אַרויסגענומען פון דער שאַפע אָט די דאָזיקע צוויי בענד קינדער־מעשהלעך זיינע מיט די טאָוולען. זיי זענען שוין באַלד אַכט און צוואַנציק יאָר אַלט. האָט ער געמישט די בלעטלעך, און פון יעדן בלעטל איז אַרויסגעשפּרונגען דער קליינעוווקסיקער, רירעוודיקער, דינאַמישער יהושע קאַמינסקי...

# ווי אַ בוים אין פֿעלד...

גרשון דאַרף גאָר אַ טראַכט טאָן פֿון זיין געבורטס=שטעטל בערשאַד, שפּאַנענדיק איבער אַ ניו=יאָרקער גאַס און גלייך קומט דאָס אויס, ווי אַ חלום. אָדער זיין איצטיק לעבן אין אַמעריקע קומט אויס, ווי אַ חלום, אָדער גאָר זיין לעבן אין בערשאַד, ווי אַ חלום...

שפּאַנענדיק איבער אַ ניו=יאָרקער גאַס, למשל, איבער טאַימס סקווער, וויל ער זיך זען, ווי ער שפּאַנט אין בערשאַד אויף דער מאַרק=גאַס, קומט אָפּט אויס, אַז גרשון איז גאָר קיינמאָל נישט אָפּגעפֿאָרן פֿון בערשאַד און שפּאַנט נאָך אַלץ באותו שעה אויף דער מאַרק=גאַס, און דער גרשון איצט אויף טאַימס סקווער, איז אַן אַנדער גרשון. צוויי גרשונס, איינער — אין בערשאַד, דער צווייטער אין ניו=יאָרק.

און אָט זיצט איצטער דער ניו=יאָרקער גרשון אין אַ פֿאַרנאַכט מיט זיין חבר יאָסל קאָטלער אויף אַ באַנק אויף יוניאָן=סקווער. ס'איז אָנהויב האַרבסט. די זון איז ערשט פֿאַרגאַנגען און איבערגעלאָזט אַ שטיק גאָלדיקייט אויפֿן בלויען הימל צווישן די ריזיקע מויערן ווייט ערגעץ אין די אויבערשטע גאַסן פֿון מאַנהעטן. און גרשונען איז אומעטיק. ער דאַרף מאָרגן אָפּפֿאָרן קיין ספּרינגפֿילד, מאַסאַטשוזעטס, אַלס אַ לערער אין דער דאָרטיקער אַרבעטער=רינגשול, און ס'ווילט זיך אַזוי נישט פֿאַרלאָזן דאָס פֿאַרכאַפּנדיקע באַרוישנדיקע ניו=יאָרק, די שטאָט פֿון גרויסע צוזאָגן... און דאָ אין אַ פֿיר אָדער זעקס וואָכן אַרום דאַרפֿן דערשיינען גרשונס צוויי בענד קינדער=מעשהלעך. ער וואָלט אַזוי געוואָלט זיין אין ניו יאָרק דעם טאָג און אָפּנעמען דעם צווילינג מיט זיינע הענט.

און זיצנדיק אַזוי מיט זיין חבר יאָסל אויף אַ באַנק אויף יוניאָן=סקווער דערזעט ער דעם אַנדערן גרשונען אַ פֿאַרטרוימט און אַ פֿאַרבענקט בחורל זיצן אין בערשאַד אויף די קלעצער לעבן זיין

טאַטנס הויז אויך אין אַזאַ פאַרנאַכט אין אָנהויב האַרבסט... און
דער גרשון אויף די קלעצער לעבן זיין טאַטנס הויז קוקט איצט אויף
דעם גרשונען אויף דער באַנק אין יוניאָן=סקווער, קוקט און קוקט
און וווּנדערט זיך, צי דערקענט ער אים כאָטש?

יאָסל קאָטלער זאָגט, אַז ס׳קומען צו אים אַמאָל אויך אַזוינע
עלנטע געדאַנקען. ווען ער איז געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר פינף אָדער
זעקס, איז זיין מאַמע, אַן אַלמנה, געפאָרן אין נאָענטן שטעטל, ווו
מען האָט איר גערעדט אַ שידוך. איז דער קליינער יאָסל נאָכגעלאָפן
דעם וואָגן און געשריגן: „מאַמע, מאַמע, נעם מיך אויך מיט“. די
מאַמע האָט אים נישט מיטגענומען, און דער וואָגן האָט אַוועקגע=
יאָגט און דער קליינער יאָסל האָט זיך געוואָרפן אויף דער ערד און
ביטער געוויינט... דאַכט זיך איצט אויס דעם גרויסן יאָסלען, אַז
דאָס קליינע יאָסעלע, וואָס איז נאָכגעלאָפן דעם וואָגן איז נישט גע=
ווען ער, נאָר עפּעס אַ קינד פון זיין שטעטל, אַ יתומל...

יאָ, גרשונען ווילט זיך זייער נישט אַוועקפאָרן פון ניו יאָרק.
יאָסל קאָטלער טרייסט אים, זאָגט אים, אַז ניו יאָרק וועט נישט
אַנטלויפן און קאַפע אייראָפּע אויך נישט, און דערווייל וועט גרשון
זיך אַ ביסל אויסקלייִדן, באַשוכן און טאַקע עסן צו דער זאַט, און
טאַקע דאָרט אָנשרייבן אַ סך גוטע זאַכן. אויך וועט אים יאָסל מיט=
געבן אַ בריוועלע צו איינער אַ היהלע, וואָס וווינט אין ספּרינגפילד,
מאַסאַטשוזעטס. אַך, היהלע, היהלע! יאָסל קאָן גאָרנישט אויפ=
הערן רעדן פון איר... איר געלעכטער — און נאָך צווישן די ביימער.
ער וועט מוזן, זאָגט ער, אָנשרייבן אַ מעשהלע וועגן אַ מיידלס גע=
לעכטער צווישן די ביימער. די ביימער אַליין האָבן אויך געלאַכט
מיט איר. און ער האָט גאָרנישט געוואָלט זי זאָל לאַכן אַזוי הויך. אַז זי
וויל שוין יאָ לאַכן, זאָל זי לאַכן אין דער שטיל. ער האָט איר גע=
זאָגט, אַז די גאַנצע מאָודס זומעריי וועט נאָך דערהערן... אָבער ניין
— זי לאַכט און אַזוי הילכיק... אַ גרויסע גדולה אויף איר... וואָלט
ער זי אָנגעטראָפן אין האַרבסט, זאָגט ער, וואָלט ער פאַר איר
חתונה געהאַט כדת משה וישראל. שטענדיק ווען ס׳קומט דער
האַרבסט מיט די קאַלטע און אומעטיקע טעג ווילט זיך אים חתונה
האָבן. אַ גאַנץ יאָר שרעקט ער זיך גאָר פאַר אַזאַ געדאַנק. אַפילו
אין שלאָף, ווען ס׳חלומט זיך אים אַמאָל, אַז ער האָט חתונה גע=

האָט, כאַפּט ער זיך אויף אין אַ קאַלטן שווייס... אָבער אין האַרבסט וואָלט ער געגאַנגען צו דער חופּה ווי אַ קאָטינקע...

* * *

גרשון האָט שוין לאַנג זיך נישט געקויפט קיין ניי שטיקל בגד. דאָס איינציקע שטיקל נייע בגד איז זיין גרויער קאַפּעליוש. י. ב. ביילין, דער דעמלטיקער בילדונגס־דירעקטאָר פון אַרבעטער־רינג, וואָס האָט באַשטימט גרשונען פאַר דער לערער־שטעלע אין ספּרינגפילד, האָט אים אויסגעליען געלט אויף אַ נייעם קאַפּעליוש. ס'וועט נישט זיין שיין, האָט ער געזאָגט, קומען קיין ספּרינגפילד אין אַ צעקנייטשטן אָפּגעקראָכענעם קאַפּעליוש.

איז גרשון געקומען קיין ספּרינגפילד אין אַ נייעם קאַפּעליוש, וואָס איז געזעסן אַזוי שטייף און פרעמד אויף זיין קאָפּ, דערפאַר האָט דאָס אים צוגעגעבן חשיבות... ס'זענען נישט אַוועק קיין פאָר וואָכן און ער האָט זיך אויך געקויפט אַ נייעם גאַרניטער מיט אויבער־העמדער, מיט אַלע אַנדערע זאַכן... ס'איז ביי גרשונען פאַרבליבן אַ פאָטאָגראַפיש בילד פון יענעם ווינטער אין ספּרינגפילד... קוקנדיק אויף דעם דאָזיקן בילד גלויבט זיך נישט, אַז דאָס איז טאַקע ער. ער קוקט דאָך אויס ווי אַ קראַסאַוועץ. קיין סימן נישט פון מאָגערקייט (די באַלעבאָסטע האָט אים גוט געפּאַשעט), דאָס פּנים אויסגעפילט. די ברוינע מאָנגאָלישע אויגן זייַנע בליצן מיט יונגן כוח און בטחון. דער שטערן אַ שטאָלצער. דער עיקר — דער קאָפּ האָר, אַזאַ געדיכטער קאָפּ ברוינע ווייכע האָר. דער עיקר אויך די באַרבאַטנע שוואַרצע וואָנצעלעך, וואָס ער האָט זיך פאַרלאָזט. אין ספּרינגפילד זענען זיי אים אויסגעוואַקסן גאַנץ געדיכט. דאָס האָט אים יאָסל קאָטלער געעצהעט — וואָנצעלעך זיך פאַרלאָזן, וועט דאָס אים מאַכן אויסקוקן סעריאָזנער, אָן וואָנצעס איז זיין פּנים זייער ייִנגליש...

יאָ, ס'איז גאָרנישט ער, אָט דער בחור אויף דער ספּרינגפילדער פאָטאָגראַפיע. איצטער איז אים דער קאָפּ נאַקעט. טאַקע נאָך נישט אינגאַנצן, אָבער היפּשלעך. איצטער — טיפע קנייטשן אַרום זיין מויל און אויף זיין שטערן. איצט — בייטלעך אַרום זיינע אויגן, איצט ווען ער פאַרלאָזט זיך וואָנצעלעך, וואָלטן זיי גאָר געווען גרוי. די האָר אויפן קאָפּ זענען טאַקע איצט נאָך נישט גרוי,

אַ חוץ ביי די שלייפֿן, אָבער די וואָנצעס וואָלטן געווען אינגאַנצן גרוי. איצט זענען זיינע פּלייצעס סוטולעוואַטע, אָבער דעמלט — אַ יונגער גלייכער בוים...

יאָ, ער איז געווען, גרשון, פֿריש און יונג אין ספּרינגפֿילד. אַ סך בחורים און מיידלעך דאָרטן ערשט אַריבערגעקומענע, אַ יאָר, אָדער צוויי אין לאַנד, זענען געווען פֿריש און יונג. מען האָט געגרינדעט אַ קולטור=קלוב (היהלע, יאָסל קאָטלערס באַקאַנטע, דאָס מיידל, וואָס האָט געלאַכט צווישן די ביימער, איז אויך געווען אַ מיטגלידערין אין קולטור=קלוב, און געלאַכט האָט זי אין קולטור=קלוב אויך). מען האָט אַראָפּגעבראַכט אין קלוב פֿון ניו=יאָרק לעקטאָרן, שרייבער, אַקטיאָרן, זינגער און שפּילער. מען האָט אויסגעשריבן זשורנאַלן, צייטונגען, ביכער, אַלץ אין יידיש. מיט גרשונען האָט זיך דער קלוב זייער דערפֿרייט. אַ יידישער שרייבער ה'עט וווינען ביי זיי אין שטאָט, וועט ער דאָך אָפּט האַלטן פֿאָרטראָגן, מאַכן ליטעראַרישע אָוונטן (איר זעט אַמאָל אין פּאַרק אין אָנהייב פֿרילינג, ווי אַ בוים איז אינגאַנצן אָפּגעשאָטן מיט ווייסן צוויט, אַזוי דעמלט דאָס יידישע קולטור=לעבן אין ספּרינגפֿילד. ס'איז געווען אינגאַנצן אָפּגעשאָטן מיט ווייסן צוויט)...

און ווי ווייט איז געווען האַרטפֿאָרד? האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אין האַרטפֿאָרד קומט פֿאָר אַן אָוונט מיט אַ באַרימטן יידישן שרייבער, האָט מען זיך געזעצט אין די אויטאָמאָבילן און מען האָט זיך געלאָזט קיין האַרטפֿאָרד. און אַז ס'איז פֿאָרגעקומען אין ספּרינגפֿילד אַ ליטעראַרישער אָוונט מיט אַ באַרימטן שרייבער, האָבן זיך די האַרטפֿאָרדער געלאָזט קיין ספּרינגפֿילד...

און די קינדער אין דער אַרבעטער=רינג=שול האָבן זיך אויך געפֿרייט מיט גרשונען. ער האָט דאָך געקאָנט פֿאַרזיסן דאָס טרוקענע לערנען מיט דערציילן שיינע מעשהלעך, און זיך שפּילן מיט זיי אין פֿאַרשיידענע שפּילן. אַ סך תּלמידים געווען אין שול אין געלערנט מיט זיי פֿינף מאָל אַ וואָך, פֿיר שעה אַ טאָג, און זונטיק זיך איבעראַנייס צונויפֿקומען צוגרייטן מיט די קינדער אַ שפּיל, וואָס דער לערער האָט אַליין פֿאַרפֿאַסט... און אין די פֿרייטיק=צונאַכטס זענען פֿאָרגעקומען גרויס=באַזוכטע מיטינגען פֿון עלטערן... רעכטס און לינקס האָבן דעמלט נאָך נישט געדאַוונט אין באַזונדערע שולעכלעך...

# אַ שבת אין קאַפע „איראָפּע"

וואָלט דאָך, הייסט דאָס, גרשונען געדאַרפט זיין גוט אין ספרינגפילד? אָבער... דער „אָבער" איז געווען, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך ניו יאָרק, נאָך קאַפע איראָפּע, נאָך די חברים שרייבער, נאָך מאָרים שוואַרצס און בן־עמים קונסט־טעאַטערס, נאָך די מאַסן־בעלער, מאַסן־אונטערנעמונגען. אָבער דער עיקר טאַקע נאָך די חברים שרייבער...

און דאָ האָט אים קאַמינסקי צוגעשיקט די ערשט־דערשי־נענע צוויי בענד קינדער־מעשהלעך, האָט גרשון זיך אַזש נישט געגלויבט זיין מזל... אַזאַ פּראַכט: די טאָוולען — גאָלד אויף רויט. יעדעס זייטל אַריינגענומען אין אַ ראָזעווער ראַם. יעדער ערשטער אות פון אַן אָנהייב־מעשה מיט אַ קינסטלעריש־פאַרטראַכטער צייכענונג. און די אויסגעמאָלענע ציגעלעך, מיט די הינער, מיט די הינטעלעך, מיט די שרהלעך און לייבעלעך. זיי טאַנצן ממש צווישן די מעשהלעך... און דאָ שרייבט אים אויך קאַמינסקי, אַז דעם און דעם שבת אָוונט, וועט אין אַ גרויסן זאַל, אין די בראָנקס, פאָרקומען אַ פייערונג לכבוד די מעשהלעך. חיים קאַטיליאַנסקי האָט צוגעזאָגט קומען און אויך דר. יעקב שאַצקי, וואָס וועט האַלטן אַ פאָרטראַג וועגן קינדער־ליטעראַטור, און ער, גרשון, מוז בלי שום תירוץ זיין אויף דעם אָוונט. ס'וועט דאָך נישט זיין שיין אָן דעם מחבר...

די רייזע פון ספרינגפילד קיין ניו־יאָרק מיט דער באַן, איז געווען דורך די ניו־ענגלענדער שטעט און וועלדער. ס'איז געווען אַ גאָלדענער האַרבסט־טאָג. און ווער ס'ווייסט, ווי די ניו־ענגלענ־דער וועלדער קוקן אויס אין אַ גאָלדענעם האַרבסט־טאָג, קאָן זיך שוין פאָרשטעלן... אַלע ביימער האָבן ממש געברענט פון די פאַנ־טאַסטישע קאָלירן אויף זייערע בלעטלעך, געברענט מיט שטיקער

געלן גאָלד און רויטן קופּער און מיט אַלע שאַטירונגען פון פײַ-
ער... ס'איז געווען, ווי אַלע ביימער האָבן זיך ספּעציעל אויסגעּ-
פּוצט, זיך געשטעלט פון ביידע זייטן פון וועג, ווו די באַן איז דורכ-
געלאָפן צו באַגריסן גרשונען אויף זיין גליקלעכער רייזע קיין
ניו-יאָרק...

און ווידעראַמאָל האָט זיך גרשון דערזען אין בערשאַד, ווי
ער טאַליאָפּקעט זיך אין דער טיפער בלאָטע, אין פּאַרדריפּעטע
שטיוול, אין אַ באַראַשקן קוטשמעלע אָנגערוקט איבער די אויערן,
אין אַ פּאַרלאַטעט וואַטאָווע גרין פּאַלטאָבל... און ווידער אַמאָל
האָט זיך אונדזער בחור אויסגעדאַכט, אַז ס'איז אַ חלום. אָדער
דאָס לעבן אין בערשאַד איז געווען אַ חלום, אָדער ס'לעבן אין
אַמעריקע איז אַ חלום...

* * *

און פּאַרפאָרן איז אונדזער גרשון אין קאַפּע אייראָפּע. קיין
היים האָט ער דאָך איצט נישט אין ניו-יאָרק... גלייך פון דער
באַן — אין קאַפּע אייראָפּע. ס'איז געווען שבת, און שבת איז
קאַפּע אייראָפּע איבערגעפּאַקט, און דער מידער, אויסגעבלאַסטער
ווייטער, באַדינענדיק די טישלעך, פאַלט ממש פון די פיס... אין
אין קאַפּע אייראָפּע האָט אויף אים שוין געוואַרט זיין שוועסטער
רחל. גרשון האָט איר געשריבן אַ בריוו פון ספּרינגפילד זי זאָל
אים דאָ באַגעגענען. די שוועסטער רחל האָט זיך אַוודאי געפרייט
מיט איר קליין ברודערל, אָבער זי האָט זיך נישט איבעריקס גע-
פרייט מיט זיינע צוויי בענד קינדער-מעשהלעך. וואָס גאָר קינ-
דער-מעשהלעך? קעצעלע-שמעצעלע, ס'איז געמאַכט זיך נאַריש!
אויב יאָ אַ שרייבער, וואָלט זי געוואָלט ער זאָל שרייבן ראָמאַנען,
ווי די וואָס דרוקן זיך אין „פאָרווערטס" מיט פאָרזעצונגען, וועל-
כע זי לייענט יעדן טאָג און קאָן זיך קוים דערוואַרטן אויף מאָרגן.
פון איר אייגן לעבן וואָלט מען אויך געקאָנט שרייבן אַ ראָמאַן,
האָט זי געזאָגט טרויעריק, אַ גרויסן ראָמאַן. וואָס זי פרייט זיך
אָבער איז, וואָס איר קליין ברודערל איז אַזוי שיין אויסגעפּוצט
און שוין נישט אַזוי מאָגער. מסתמא האָט ער אַ גוטע באַלע-
באָסטע אין ספּרינגפילד, וואָס גיט אויף אים גוט אַכטונג. ס'איז

איר אויך געפעלן, וואָס ס'קומט צו צו זיין טיש אַלעמאָל אַן אַנדער שרייבער און גריסט זיך מיט איר ברודערל.

— האָסט דאָך אַזוי פיל פריינד — איז זי גליקלעך — די בעסטע זאַך, מיין ברודערל, איז צו האָבן פריינד, אַ סך פריינד. ס'איז פריילעכער צו לעבן.

אַט טאַקע פון קאַפע אייראָפּע גייט זי אויף קלינטאָן סטריט צו אַ פריינדין, אַ נייע פריינדין. זיך באַקענט מיט איר אין שאַפּ, גאָסיע הייסט זי, אַ פינישערין, אַזאַ טייער מיידל. יאָ, זי גייט צו איר פריינדין.

גרשונען איז געוואָרן טרויעריק, ווען זיין שוועסטער האָט אים פאַרלאָזט. שטענדיק, ווען ער זעט זיך מיט איר, ווערט ער טרויעריק. אַלע אירע אַלטע פריינדינס האָבן שוין חתונה געהאַט און זיי זענען מאַמעס פון קינדער... און וואָס פאַר אַ געטרייע זיין שוועסטער רחל וואָלט געווען...

און אויב ס'איז גרשונען נאָך נישט גענוג טרויעריק צוליב זיין שוועסטער רחל, קומט צו הערמאַן גאָלד צו זיין טיש און מאַכט פון זיינע מעשהלעך אויסצודרייען. קודם כל געפעלט אים נישט דער איינבונד, ס'איז צו אויפרייסנדיק רייך, זאָגט ער. דער־נאָכדעם נעמט ער זיך צו די מעשהלעך גופא. די מעשהלעך גע־פעלן אים נישט — לחלוטין גאַרנישט. ס'איז נישט יידישלעך. אַזוי שרייבט מען ביי די „גוים“, זאָגט ער. סיי די טעמעס, סיי דער סטיל זענען „גוייש“. אַ יידיש מעשהלע דאַרף זיין אַזוי טראַדיציאָנעל־יידיש, ווי למשל אַ חנוכה־לעמפל. אַ מעשהלע אין יידיש פאַר קינדער דאַרף שמעקן אַזוי יידישלעך, ווי למשל דער טראַדיציאָנעלער בשמים־בעכער... און גראַדע איצט שפּילט נישט הערמאַן גאָלד דעם לץ, ווי זיין טבע. גרשון האָט אים נאָך קיינ־מאָל נישט געזען אַזוי ערנסט... די גאַנצע פרייד האָט דער דאָ־זיקער הערמאַן גאָלד צוגענומען ביי אונדזער בחור...

און ווי שוין דערמאָנט פריער — ס'איז געווען אין אַ שבת, און די קאַפע אייראָפּע איז פול מיט שבתדיקע שרייבער. דאָס הייסט מיט אַזעלכע, וואָס קומען אהער נישט אַ גאַנצע וואָך, בלויז אין אַ שבת. צווישן זיי אַ סך, וואָס אַרבעטן אין די שעפּער און קאָנען זיך אַרויסרייסן בלויז אין אַ שבת, און דאָס אין אַ שבת

פאַרנאַכט צו זיצן צווישן חברים־שרייבער; צווישן זיי אויך איי־
ניקע, וואָס וווינען אין די נאָענטסטע שטעט, און קומען פון פאַ־
סעיק, פּעטערסאָן, נוארק, און אַפילו פון פילאַדעלפיע... און די
שאפּ־ארבעטער זענען מערסטנס צווישן די גאָר יונגינקע און קו־
מען אַהערצו אויסגעוואַשענע, אָפּגעראַזירטע, אויסגעפּוצטע. און
מען איז העכסט גליקלעך, ווען עלטערע שרייבער צווישן די אָנער־
קענטע, רופן צו צו זייערע טישלעך, פאַרבעטן זיך זעצן. מען איז
העכסט גליקלעך, ווען עלטערע שרייבער צווישן די אָנערקענטע,
רופן אַפילו נישט צו צו זייערע טישלעך און פאַרבעטן זיך זעצן,
נאָר געבן זיי בלויז אַ שמייכל פונדערווייטנס און באַגריסן זיי...
און אין אַ שבת טוט אַברהם רייזען קיינמאָל דאָ נישט פעלן.
אברהם רייזען וועט נישט פאַרלאָזן קאַפע אייראָפּע, ביז ס'וועלן
זיך נישט ווייזן די ערשטע שטערנדלעך. און אַז ס'וועלן זיך ווייזן
די ערשטע שטערנדלעך, וועט אַריינלויפן אַ יינגל מיט אַ פּאַק
מאָרגנדיקע צייטונגען, דאָס הייסט, זונטיקדיקע, ערשט פון די
פרעס־מאַשינען אַראָפּ... און דאָס יינגל מיט די צייטונגען וועט
דער ערשטער צולויפן צו אברהם רייזענען און אים דערלאַנגען
אַ „פרייהייט“ (רייזען האָט דעמלט מיטגעאַרבעט אין דער „פריי־
הייט“) און אברהם רייזען, אַ צערודערטער, וועט גלייך צעוויקלען
די צייטונג, כאַפּן אַ קוק, ווי אַזוי זעט אויס זיין ליד אַ געדרוקטע.
גרשון האָט חושד געווען אברהם רייזענען, אַז נישט קוקנדיק, וואָס
ער איז אַזאַ גרויסער אָנערקענטער שרייבער, און האָט זיך שוין
געדרוקט אפשר טויזנטער מאָל, פונדעסטוועגן אַלעמאָל ווען ער
דערזעט זיין זאַך אַן ערשט־געדרוקטע, לעבט ער איבער באַנייעס
דעם געוויסן פריידיקן ציטער...

אַ סך שרייבער וועלן נישט פאַרלאָזן קאַפע אייראָפּע ביז
פאַרנאַכט, ווען דאָס יינגל וועט אַריינלויפן מיט אַ פּאַק פרישע
מאָרגנדיקע צייטונגען. אַלע וואַרטן אויף די צייטונגען, צי אויף
אַ „טאָג“, צי אויף אַ „פאָרווערטס“, צי אויף אַ „טאַגעבלאַט“.
איינער וועט געפינען זיינע אַ דערציילונג, וואָס ווערט געדרוקט
בלויז אין אַ זונטיקדיקן נומער. איינער וועט זוכן זיינס אַ ליד,
וואָס דער רעדאַקטאָר האָט אים צוגעזאָגט דרוקן אין זונטיקדיקן
נומער... און אין אַ זונטיקדיקן נומער איז דאָ אַ ליטעראַטור־
זייט, און דאָרטן שרייבט מען רעצענזיעס וועגן דערשינענע בי־

כער און זשורנאַלן. איז וואָס זשע זאָגט טאַקע דער און דער קריטיקער וועגן דעם און דעם?...

כמעט אַלע האָבן געקויפט צייטונגען, און אַלע האָבן אַריינגעגראָבן זייערע אויגן אויף דער ליטעראַרישער זייט. גרשון האָט אויך געקויפט א צייטונג, אַ „פרייהייט“ האָט ער געקויפט, און ס׳טוט גלייך אַ שלאָג אים אין די אויגן אַ גרויסער ברייטער קאַלום אויף דער לעצטער זייט, און דער גרויסער ברייטער קאָלום רעדט אינגאַנצן וועגן זיינע מעשהלעך. און ווער רעדט דאָס אַזוי? משה כץ אַליין! און וואָס אַזוינס רעדט ער? כלו טוב (גאָלע גוטס) רעדט ער. ער פאַרגלייכט גרשונען צו די גרויסע וועלטשרייבער פון קינדער־מעשיות...

און אינדרויסן האָט גאָר אָנגעהויבן מאַראַקן אַ קאַלט רעגנדל. און גרשון האָט זיך געשפּאַנט אין רעגנדל מיט דער „פרייהייט“ אין בוזעם־קעשענע. דאָס רעגנדל האָט אים גענעצט דאָס צעהיצטע פּנים. ס׳איז גוט וואָס עס האָט געמאַראַקעט אַ קאַלט רעגנדל. ער דאַרף עס איצט האָבן, מחמת ס׳איז אים צו הייס, הייס פון דער גרויסער פרייד...

# גרשון זוכט אַ צימער...

אין ספּרינגפילד האָט גרשון געזען, אַז ער קאָן גאָרנישט לעבן אָן ניו־יאָרק. אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויך אַזוי, ווען ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן אויף דער פּראָווינץ, גאָרנישט געקאָנט אויסהאַלטן. נאָך שפּעטער, ווען ער האָט זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס, איז שוין שטענדיק געבליבן די גרויסע בענקשאַפט נאָך ניו יאָרק... און אין דער פּראָווינץ האָט ער קיינמאָל נישט געוווסט פון קיין דאגת פּרנסה, אין ניו יאָרק — יאָ, אָבער שטענדיק מוחל געווען די פּרנסה אבי אין ניו יאָרק.

און אין ניו יאָרק איז דער צענטער פון גראוויטאַציע, דער צענטער פון כוח המושך (כוח וואָס ציט), פאַר גרשונען, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזט ספּרינגפילד, געווען די געגנט, וואָס הויבט זיך אָן מיט יוניאָן סקווער, לויפט איבער פערצנטער גאַס און פאַרדרייט זיך אויף צווייטער עוועניו. און דען נאָר פאַר גרשונען? פאַר טויזנטער און טויזנטער יידישע מענטשן!

און ווען אונדזער בחור איז געוואָרן אויס לערער אין ספּרינגפילד און זיך אומגעקערט קיין ניו יאָרק, האָט ער געטראָפן אַ גרויסע ענדערונג. קאַפע אייראָפּע איז שוין מער נישט געווען אויף איסט־בראָדוועי, נאָר זיך איבערגעצויגן אויף דרייצנטער גאַס לעבן צווייטער עוועניו. די „פרייהייט“ איז שוין אויך נישט געווען אויף „איסט־בראָדוועי“ אין דער געביידע פון דער געוועזענער „וואַרהייט“, נאָר איז אַריבערגעצויגן אויף יוניאָן סקווער, דער היסטאָרישער יוניאָן סקווער פון פילע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס און נאַציאָנאַלע מאַסן־פייערונגען.

און צו דער דאָזיקער געגנט איז אַזוי לייכט צוצוקומען פון אַלע עקן פון גרוים ניו יאָרק: פון בראָנקס, פון בראָנזוויל, פון באָראָ־פּאַרק, פון בראַיטאָן, פון קוני איילאַנד, און פון נאָך און

גאַנג, מיט די אונטער־באַנען, מיט די טראַמוויען, מיט די באַסעס.
איז שוין גרשון אָנשטאָט צו לויפן פון בראָנזוויל קיין איסט־בראָדוועי, געלאָפן איצט צו צווייטער עוועניו. געהלומט זיך אי־בערצוקלייבן עפּעס אין אַ לייטישן צימער ערגעץ אויף אַ זייטי־קער גאַס, אין דער געגנט פון צווייטער עוועניו און ווינגען סאַמע אין קאָך פון דעם דאָזיקן אָנרעגנדיקן סטימולירנדיקן לעבן, וווּ מען באַגעגנט כמעט אַלע שעהן פון טאָג אין די קאַפעטעריעס, אין די רעסטאָראַנען און אויף די טראָטואַרן, שרייבער, מאָלער, אַקטיאָרן, מוזיקער און גלאַט אַזוי באָהעמער...
יאָ, ער וויל זיך, גרשון, אַריבערציען אין דער דאָזיקער געגנט. ער וואָלט אַזוי געוואָלט א צימער ערגעץ ביי אַ יידישער באַלע־באָסטע, אַ בריה. איז אָבער זייער טייער אין אַזוינע וווינונגען, מען וויל צוואַנציק דאָלאַר אַ חודש, וואָס גרשון קאָן צאָלן איז צוועלף ביז פופצן דאָלאַר א חודש. אין בראָנזוויל האָט ער אַלע יאָרן געצאָלט צוועלף דאָלאַר אַ חודש. אויף צווייטער עוועניו איז אַפילו צוואַנציק דאָלאַר א חודש ווייניק. מען הייסט זיך געבן פינף און צוואַנציק און אַפילו דרייסיק. אָבער ס'האָט די ווערט, אַזוינע גראַמע צימערן און ליכטיקע און ביי יידישע משפּחות, און כ'שמעקט מיט די ריחות פון יידישע מאכלים און אין געוויסע היי־זער האָט ער אויך געזען שאַפעס מיט יידישע ביכער... און בכלל — גייסטו אַרויס אין דרויסן, ביסטו סאַמע אינמיטן... נישט ווייט איז קאַפע ראָיאַל, תיכף דערביי איטשע בידערמאַנס בוך־געשעפט, אַנטקעגן האַלט מען אין בויען אַ טעאַטער פאַר מאָרים שוואַרצן. ווייטער אַ ביסל אויף דער אַכטער גאַס — אַ ביבליאָטעק מיט אַ רייכער אָפּטיילונג פון יידישע ביכער, גאָך ווייטער — אַ באָד, וווּ מען קאָן זיך גוט אויסשמייסן און אויספּאַרען. נישט ווייט פון דער באָד — גאַנצע דריי יידישע טעאַטערס. אָבער דער עיקר וואָס אויף דער דאָזיקער גאַס און אין די זייטיקע גאַסן נאָענט דערביי וווינען יידישע שרייבער, ווי יאָסל קאָטלער, אַלעף כץ און אנדערע...
ווּ מען קאָן יאָ קריגן א צימער צווישן צוועלף און פופצן דאָלאַר אין דער געגנט, איז אין די „פּוירנישן רומס“ (מעבלירטע צימערן) אויף פופצנטער, זעכצנטער, זיבעצנטער, צווישן פערטער און ערשטער עוועניו — גאַנצע בלאָקס אַזוינע ברוין־ציגלדיקע הייזער מיט „פּוירנישד רומס“, און יעדעס הויז איז ענלעך צו דעם

אַנדערן, ווי אַ טראָפּן וואַסער, און הויבט זיך אָן מיט אַן אַרויפגאַנג פון עטלעכע טרעפּלעך, און כמעט לעבן יעדן הויז דאָס זעלביקע שילדל: „פּוירנישד רום טו לעט“ (אַ מעבלירטער צימער צו פאַרדינגען). און כמעט ביי יעדן הויז איז דאָ אַ הינטערשטער גאָרן, ווי אַ מין קעלער, וווּ די אויפזעערין וווינט, און כמעט אַלע אייפזעערינס אומעטום זענען דייטשקעס, זייער אויסגעבלאַסטע דייטשקעס, און כמעט יעדעס הויז אינעווייניק הויבט זיך אָן מיט אַ שטיקל לאָבי (פאָדער־צימער), דער דיל באַשלאָגן מיט אַ רויטלעכן אָדער אַ גרינלעכן אָפּגעגריזשעטן קאַרפּעט. און אין יעדער לאָבי טוט אַ שלאָג צו די נאָז־לעכער אַ באַזונדערער ריח, וואָס מען קאָן נאָר אָנרופן „פּוירנישר רומס־ריח“. אַ ריח פון שטיקנדיקן שטויב, שימל, טוכלעקייט; א ריח פון יאָרן און יאָרן קאַליע געוואָרענע לופט; אַ ריח, ווי פון אַ קאַסטן, וווּ מען האַלט כסדר קוימיקע וועש.

און אין יעדער לאָבי הויבן זיך אָן די טרעפּ צו די אויבערשטע שטאָקן, געווײנלעך צוויי אָדער דריי שטאָק, און אומעטום זענען די טרעפּ באַשלאָגן מיט די זעלביקע גרינלעכע אָדער רויטלעכע, אָפּגעריבענע, אָפּגעגריזשעטע שטיקלעך געוואַנט; און אויף יעדן גאָרן קוקן אויס די טירן פון צימערן כמעט די זעלבע, נאָר די נומערן זענען אַנדערע...

און כמעט אין יעדן צימער פאַר צוועלף אָדער פופצן דאָלאַר אַ חודש, אַ קלייגער, אַ שמאָלער, באַגעגנט דיך די אומעטיקייט פון אַלע עלנטע קוואַרטיראַנטן, וואָס האָבן דאָרט געוווינט ביז אַהער... דאָס ביסל זון, וואָס זיפּט זיך אַריין, ליגט בלויז אויף אַ קליין שטיקל פּלאַץ אויפן דיל, ניש ווייט פון הויכן שמאָלן פענצטער. טיפער אין צימער קאָן דאָס נישט דערגיין. דער קווייטנדיקער שפּאַליר אויף די ווענט איז באַדעקט אין פילע ערטער מיט א מין געלקייט, ווי פון פייכטקייט... און אומעטום דאָס זעלביקע בעט מיט די גיקלדיקע שטאַנגען ביים צוקאָפּנס, און אומעטום אויפן בעט די זעלביקע דינע קאָלדרע, כמעט פון זעלביקן קאָליר... און אויף דער וואַנט לעבן בעט א פאַרגעלטע ליטאָגראַף, אָדער פון אַ שוואַן, וואָס שווימט איבער א טייך, אָדער פון אַ פּאַלאַץ פאַרחלומט אין אַ ביינאַכט אין אַ גאָרטן... און אויף דער סטעליע — אַ נאַקעט עלעקטריש גלעזל, אויפן עלעקטריש גלעזל הענגט אַראָפּ אַ דין לאַנג

שטריקל גלייך אין בעט אַריין. גיב אַ צי און צינד דאָס אָן, גיב אַ צי און לעש דאָס אויס...

און מען קאָן אָנגיין נאָך און נאָך מיט „דאָס זעלבע, דאָס זעלבע"... שפּעטער מיט יאָרן אין זיין פאַרצווייפלטער נויט, איז גרשונען יאָ אויסגעקומען צו וווינען אין אַזאַ דריי־דאָלאַר אַ וואָך צימער. איז איינמאָל ביי אים געווען צוגאַסט מאיר, דער באַרימ־טער מאיר פון די שנאָרער, האָט ער זיך אָנגערופן מיט זיין כאַ־ראַקטעריסטישן מאירשן געלעכטערל: „אין אַזאַ צימער איז גוט צו באַגיין זעלבסטמאָרד"... און מען איז טאַקע באַגאַנגען זעלבסט־מאָרדן אין אַזוינע צימערן. נישט איינמאָל האָט גרשון געזען, ווי ס'יאָגט אָן אַן אמבולאַנס אין דער דאָזיקער געגנט, קומט צו צו אַ הויז פון „פּוירנישד רומס", וווּ אַן עלנטער, פאַרצווייפלטער מענטש האָט זיך גענומען ס'לעבן...

מאיר פון די שנאָרערס, וואָס האָט יאָרן און יאָרן געוווינט אין אַזאַ דריי־דאָלאַר אַ וואָך צימער אין אַ הויז פון „פּוירנישד רומס", האָט זיך אויך גענומען ס'לעבן, אָבער נישט ביי זיך אין צימער, נאָר גאָר אין סאָבווײ, אַרונטערשפּרינגענדיק אונטער די רעדער פון אַן אָנלויפנדיקער באַן. ביי זיך אין צימער האָט ער געהאַט א סך יידישע ביכער, אפשר האָט ער נישט געוואָלט אָנטאָן קיין אומכבוד די יידישע ביכער, וואָס ער האָט אַזוי געליבט און פאַרהייליקט...

דער באַרימטער אַמעריקאַנער שרייבער אָ'הענרי, האָט ווייזט אויס אויך געוווינט אין אַזאַ צימער, מחמת ער האָט אַזוי פיל מעשיות וועגן די דאָזיקע עלנטע אין די פּוירנישד־רומס־היי־זער. אין איינער פון זיינע מעשיות דערציילט ער טאַקע וועגן אַ מיידל, וואָס איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין איר צימער...

יאָ, גרשון איז געגאַנגען זוכן אַ צימער אין יענער געגנט, וואָס ס'זאָל אים קאָסטן נישט מער פון צוועלף דאָלאַר און העכסטנס פופצן דאָלאַר אַ חודש. און זיין מזל האָט אים צוגעשפּילט, און ער האָט אויסגעמיטן דעמלט אַריינצופאַלן אין דער וויסטער עלנטקייט פון אַזאַ „פּוירנישד־רום".

שפּאַנענדיק אויף דער זעכצנטער גאַס צווישן דריטער און ער־שטער עוועניו און אַלץ זוכנדיק אַ לייטישן צימער דערזעט גרשון אויף אַ טיר נישט פון קיין פּוירנישד־הויז, נאָר אַן אַפּאַרטמענט־

הויז, אַ שילד: „אַ צימער צו פאַרדינגען“. ער קומט אַרויף אויפן צווייטן שטאָק, קלינגט אָן און ס׳באַגעגנט אים גאָר דאָס שמייכלנדיקע פּנים פון זיינעם אַ פריינד, דער שיינער בחור און דער וווּנדערלעכער זינגער ב. אַלטערמאַן, וואָס האָט געוווינט דאָרטן מיט זיין ערשט התונה־געהאַטער פרוי. און דאָס צימער צו פאַרדינגען איז טאַקע קוים, קוים געווען אַ צימער, אָבער אַזוי ציכטיק, אַזוי ליב, און דאָס פענצטער איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ שטילן הויף מיטביימער פון עפּעס א קלויסטער. דער עיקר אָבער גישט אַזוי דער צימער, ווי די היימישקייט, די חברישקייט... עס איז געווען אַ צימער מיט געזאַנג, מחמת ב. אַלטערמאַן האָט אויף זיין לירישן טענאָר אויסגעזונגען גרשונען, אין די אָוונטן, א סך פאַרכאַפנדיקע לידער פון זיין רעפּערטואַר...

# גרשונס פּערצנטע גאַס

יאָרן און יאָרן כּל זמן גרשון האָט געוווינט אין ניו יאָרק איז די פּערצנטע גאַס שוין געווען זיין גאַס. נישט וואָס ער האָט דאָרטן געוווינט, געוווינט האָט ער גאָר אויף דער פופצנטער, אויף דער זעכצנטער, זיבעצנטער, אויף דער דרייצנטער, שפּעטער אויף דער צווייטער עוועניו, נאָכדעם ווידער אויף דער דרייצנטער, אָבער די פּערצנטע גאַס איז געווען די גאַס פון טרעפן זיך, צונויפקומען זיך מיט חברים גאַנץ פרי, בייטאָג און ביינאַכט... און פּערצנטע גאַס האָט געמיינט פאַר גרשונען בלויז דער טייל, וואָס הויבט זיך אָן ביי פינפטער עוועניו און לויפט אַוועק ביז צווייטער עוועניו... ער זאָל פאַרמאַכן די אויגן, וואָלט ער געקאָנט אָנרופן יעדע געביידע אין דעם דאָזיקן טייל, יעדע קראָם, יעדן רעסטאָראַן, יעדע מוווי=הויז. ער ווייסט נישט צי איצטער געפינט זיך אויך דאָס קליינע מוווי=הויז מערב פון פערטער עוועניו, ווו דאָרטן האָט מען געשפּילט בלויז אויסלענדישע מוווים און אויך יידישע, ווי למשל „מאָטל פּייסי דעם חזנס" מיט יעקב גלאַטשטיינס דיאַלאָג. ער ווייסט נישט צי איצט געפינען זיך אויך אָרבאַכס גרויסער דעפּאַרטמענט=סטאָר, און לערנערס, און קליינס גרויסע דעפּאַרטמענט=סטאָרס, ווו אויף די טראָטואַרן האָט מען ממש נישט געקאָנט דורכגיין, באַזונדערס אין די שבתים און ערב די ימים=טובים, צוליב זיך שטופּנדיקע געדיכטע מאַסן מענטשן, מערסטנס פרויען פון נישט פאַרמעגלעכן שטאַנד, וואָס זענען געקומען אַהין פון אַלע בּאָראָס, ווייל מען האָט דאָרטן בלומרשט געקאָנט איינהאַנדלען מציאות... ער ווייסט נישט, גרשון, צי אויך איצט האַלט זיך אין איין שטופּן דורך די געדיכטע גאַסן, וואָס פליצן צו די טירן פון די דעפּאַרטמענט=סטאָרס, די גרוי=האָריקע ביינערדיקע, הויכע נעגערטע און האַלט אין איין שרייען אויף איר הויכער שטאַרקער

געמבע: „ריפּענט, ריפּענט". ס'הייסט „טוט תשובה, טוט תשובה"...
ער ווייסט נישט, גרשון, צי אויך איצט גייט ארום דאָרטן דער הויכער, בלינדער מאַן, מיטן שטאַרקן און געשטופּלטן פּנים, שפּילט אויף אַ גרויסער האַרמאָניע, און ס'פירט אים זיין פרוי, וואָס זעט אויך אויס, ווי זי וואָלט געווען בלינד, האַלטנדיק אין האַנט אַ קווערטל, מען זאָל אריינוואַרפן נדבות.
און גרשון וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן איינמאָל אַ ווינטער־טאָג לעבן קליינעם דעפּאַרטאַמענט־סטאָר, ווי איינע א פרוי אין אַן אָפּגעטראָגענעם מאַנטל איז געלאָפן מיט איר זעקס־יאָריק טעכ־טערל, און נאָך זיי האָט זיך געיאָגט אַ דעטעקטיוו, וואָס האָט זיי גלייך געפּאַקט און געשלעפּט דער מאַמען צוריק אין קראָם, מחמת ז' האָט געגנבעט דאָרטן אַ קלייד. ער וועט נישט פאַרגעסן, גרשון, דאָס פון שרעק צעקרימטע פּנימל פון מיידעלע, און דעם ווייטן פּחד און די גרויס צעלאָפּענע צעוואָסערטע שוואַרצע אויגן פון דער מאַמען...
ער ווייסט נישט, גרשון, צי ס'שטייען איצט אויך שטענדיק אינדערפרי, סיי ביי טאָג, סיי ביינאַכט, סיי אינדערוואָכן, סיי אין די זונטיקס אויפן טראָטואַר פון בלאָק צווישן פערטער און דרי־טער עוועניו פאַרוואָרלאָזטע מענטשן, עלנטע מענטשן, געפאַלענע מענטשן, רעזיגנירטע מענטשן, וואָס האָבן נישט וווהין זיך אַהינ־צוטאָן. שטייען און קוקן אויף די פאַרבייגייער, שטייען און קוקן אויף די אַנטקעגנדיקע גרויסע האַט־דאָג און האַמבורגער עס־פּלעצער. און אין די גרויסע האַט־דאָג און האַמבורגער עס־פּלע־צער זענען נישטאָ נישט קיין בענקלעך, נישט קיין טישן, נאָר מען דאַרף עסן שטייענדיקערהייט.
גרשון שפּאַצירט איצט אין זיין זכרון איבער פערצנטער גאַס פון יענע יאָרן און דערהערט יידיש געזאַנג, וואָס קומט פון אַ געוויסער געביידע. דאָרטן שטודירט איין יעקב שייפער מיט זיין גרויסן „פרייהייט־כאָר" זיין אָראַטאָריע „צווייברידער" פון י. ל. פּרץ... נאָענט דערביי איז דער יידישער אַרבעטער־אוניווער־סיטעט, אַן אָפּגעקראָכענע גרויע געביידע פון אַ פיר שטאָק, צו וועלכער עס קומען אין די פאַרנאַכטן זיך לערנען בחורים און מיידלעך, וואָס האָבן זייער שווער געהאָרעוועט אַ גאַנצן טאָג איז די שעפּער... און פּונקט אַנטקעגן דעם יידישן ארבעטער־אוניווער־

סיטעט איז דער „אויטאָמאַט“=רעסטאָראַן און די דריי=טיר פון „אויטאָמאַט“ הערט זיך גאָרנישט אויף צו דרייען, בלייבט נישט רואיק קיין מינוט פון טאָג, מענטשן — אַריין און אַרויס... און צווישן דער געדיכטער באַוועגונג פון מענטשן אויפן טראָטואַר פאַרן „אויטאָמאַט“ דערזעט גרשון שפּאַנען אויף ריזיקע שטאָלצן דאָס פאַרגרימירטע קליינגעוויקסיק מענטשעלע מיט א גרויסן שוואַרצן צילינדער אויפן קאָפּ און אַ פּלאַקאַט אויף זיין ברוסט און אַ פּלאַקאַט אויף זיין רוקן, וואָס רופט צום בורלעסק=טעאַטער אויף אוירווינג פּלעיס נאָענט דערביי.

און צוליבן „אויטאָמאַט“ האָט גרשון דער באָהעמער, וואָס האָט זיך געלייגט שלאָפן זייער שפּעט אין דער נאַכט, אפשר אַרום צוויי אָדער דריי אַזייגער, געמוזט זיך געבער אויפכאַפּן זייער פרי. און זייער פרי האָט ביי אים געהייסן אַרום אַכט, האַלב נאָך אַכט. די מעשה איז געווען, וואָס אין „אויטאָמאַט“ אויף דער פערצנטער גאַס, ביז אַ באַשטימטער שעה, דאַכט זיך ביז ניין אינדערפרי, האָט מען געקאָנט קריגן א פרישטיק פאַר פינף און צוואַנציק סענט, וואָס אַ פּאָר מינוט נאָך ניין האָט דער זעלביקער פרישטיק שוין געקאָסט פופציק אָדער זעכציק סענט. דער ספּעציעלער „אויטאָמאַט פרישטיק“ איז באַשטאַנען פון צוויי אייער, לויזע אָדער געפּרעגלטע, א היפּשע פּאָרציע קאַשע, מיט אַ קליין קריגעלע מילך=פעטס, אַ גלעזעלע מאַראַנצן=זאַפט, אַ טעפּעלע קאַווע מיט אַ פריש בולקעלע און נאָך אַ שטיקעלע פּוטער דערצו און אַלץ פאַר פינף און צוואַנציק סענט... און ווי פריער דערמאָנט, האָט זיך גרשון די נאַכט פריער זיך געלייגט אין בעט זייער שפּעט, און ס'האָט זיך געוואָלט שלאָפן א ביסל לענגער, אָבער מען קאָן דאָך פאַרשפּעטיקן דעם ספּעציעלן פרישטיק אין „אויטאָמאַט“, האָט מען זיך מיט געוואלט אויפגעכאַפּט און מען איז געלאָפן... אברהם טאַבאַטשניק, וואָס האָט אויך געוווינט אַרום דער פערצנטער גאַס איז אויך געלאָפן אהין יעדן אינדערפרי, און אויך צוליבן זעלבן טעם, וואָס גרשון...

וויפל אַזוינע אויטאָמאַט פרישטיקס אין משך פון עטלעכע יאָר איז גרשונען אויסגעקומען צו עסן אין שרייבערישער חברשאַפט מיט אברהם טאַבאַטשניקן און אויב מען האָט זיך מיט אַ

נאַכט פריער צעקריגט אין קאַפע „ראָיאַל“, און אמאָל זיך שלעכט צעקריגט אויך, האָט מען אין אויטאָמאַט ביים פרישטיק זיך געמוזט איבערבעטן, נאָר צוליב דעם מען זאָל קאָנען עסן דעם דאָזיקן מאָלצייט אין שרייבערישער חברשאַפט. מען וואָלט גאָרנישט געקאָנט הנאה האָבן פון עסן, ווען גרשון זיצט אָן אָנגעבלאָזענער ביי איין טישל, און טאַבאַטשניק ביי א צווייט טישל... מען האָט געזאָגט אין בערשאַד: „אַ פיסנע שטיקל ברויט“, דאָס האָט געמיינט אַ נאַקעט שטיקל ברויט, אָן גאָרנישט. צו עסן דעם פרישטיק אין אויטאָמאַט, איינער אליין אָן אַ חבר שרייבער, וואָלט געמיינט אַ „פיסנער פרישטיק“, אַ נאַקעטער פרישטיק. ריכטיק הנאה האָבן פון עסן האָט מען ערשט געקאָנט, ווען מען האָט גערעדט ביי יעדן ביס וועגן שרייבן און ארום שרייבן...

דער אויטאָמאַט אויף דער פערצנטער גאַס איז פאַראייביקט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור דורך אהרן קורץ אין זיינער אַ גרויסער און שטאַרקער פאָעמע. אין דער דאָזיקער פאָעמע הערט מען דעם געקלאַנג פון ניקלס אין יעדער שורה (אין אויטאָמאַט קויפט מען דאָך יעדע זאַך בלויז פאַר ניקלס, וואָס מען וואַרפט אַריין אין שפּאַלטן פון די פאַרשלאָסענע באַגלאָזטע שפּייז־קעסטעלעך, און דעריבער הערט זיך שטענדיק דער טעמפּער קלאַנג פון ניקלס).

יאָ, גרשון שפּאַנט איצט אין זיין זכרון אויף דער פערצנטער גאַס פון יענע יאָרן. ער שטעלט זיך אָפּ לעבן אַ מוווי־הויז, ווו דאָרטן איז פאַר אַ פּאָר יאָר געווען מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער און דער טייערער לעאָן האָפּמאַן, דער פּרעסע־אַגענט, האָט גרשונען שטענדיק אַריינגעלאָזט פריי אָן געלט... די שענסטע פאָרשטעלונגען אין מאָריס שוואַרצס רעפּערטואַר האָט ער דאָרטן געזען: „קאָנקורענטן“ פון יונה ראָזענפעלד מיט דעם יינגעלע לואי בראַנד, אַלס מאָטעלע. איז דער דאָזיקער לואי בראַנד שוין נישט קיין יינגעלע, נאָר אַליין אַ טאַטע פון אַ יינגעלע, איז איצט אַ באַרימטער רעזשיסער אין לאָס אַנדזשעלעס. געזען האָט דאָרטן גרשון י. ד. בערקאָוויטשעס „מאָטקע הזיר“ און „סטעמפּעניו“ פון שלום עליכם, און גאָלדפאַדענס „כישופמאַכערין“ מיט יאָסל קאָטלערס און זוני מאָודס וווּנדערלעכע דעקאָראַציעס.

גרשון אין זיין זכרון־שפּאַציר אויף פּערצנטער גאַס, שטעלט זיך אָפּ לעבן אַ שטויביק־רויטלעכער פיר־שטאָקיקער געביידע. דאָרטן האָבן געוווינט גאָלע מאָלער און סקולפּטאָרן. דאָרטן האָט געוווינט דער יונגער היים גראָס, איצט אַ באַרימטער סקולפּטאָר; דאָרט האָט אויך געוווינט זיינער גאָר אַ נאָענטער חבר און גאָר אַ נאָענטע חברטע, נעט וורנער, דער סקולפּטאָר מיט זיין פרוי, דזשערי, די מאָלערין...

גרשון שטעלט זיך אָפּ אין זיין שפּאַציר לעבן לעיבאָר־טעמפּל. אין דעם דאָזיקן לעיבאָר־טעמפּל זענען פאָרגעקומען אין די שבת־צו־נאַכטסן אַזויפיל אינטערעסאַנטע שרייבער־אָוונטן, דורכגעפירט פון י. ל. פּרץ שרייבער־פאַריין. באַזונדערס געדענקט זיך אַן אָוונט מיט דעם פּאָעט און עסייאיסט י. ב. ביאַלאָסטאָצקי, אַלס רעדנער. פאַרוואָס גראָד מיט ביאַלאָסטאָצקין? נאָר עפּעס האָט זיך איינ־געקריצט אין זכרון דער יונגער ביאַלאָסטאָצקי אויף דער בינע פון לעיבאָר־טעמפּל, מיט זיין ברענענדיקער שעוועליורע שוואַרצע האָר, מיט זיינע שמייכלענדיקע ווייסע ציין און מיט זיין וויל־געפעלן קול...

אין דעם דאָזיקן לעיבאָר־טעמפּל אויף איינעם פון די שריי־בער־אָוונטן האָט ער איינמאָל געטראָפן מרימען, דעם שוסטערס מיידל פון כאַשטשעוואַטע, דעם טרוים פון זיינע בחורשע יאָרן...

* * *

און צו דער פּערצנטער גאַס וועט זיך גרשון אומקערן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, מחמת זי איז דאָך געווען זיין גאַס פאַר אַזוי פיל יאָרן...

# גרשון און לאַמעד שאַפּיראָ

לאַמעד שאַפּיראָ איז דאָך שוין אַזוי פיל יאָרן אויפן עולם האמת, אָבער גרשון היט זיך נאָך אַלץ פאַר אים. היט זיך פאַר אים אין זיין שרייבן, ס'זאָל זיך נישט אַרײַנכאַפּן אַזוינס, וואָס קאָן נאָך נישט געפעלן לאַמעד שאַפּיראָן.

ער קומט אָפט, לאַמעד שאַפּיראָ, צו גרשונען און נישט גראָד צו חלום, נאָר גאָר אינמיטן דערינען אין אַ בייטאָג. אין זיין אַלטן אָפּגעניצעוועט ברוין פאַלטאָכל קומט ער, אין זיין צעקנייטשטן געלן קאַפּעליושל קומט ער... גרשון פילט ממש זיין פיזישע אָנוועזנהייט... בלויז אויף אַ סעקונדע קומט ער. טוט אַ קוק אויף אונדזער בחור מיט זיינע קלוגע און זייער שטרענגע ברוינע אויגן און ווערט נישט...

אַזוי פיל יאָרן האָט גרשון פאַרבראַכט מיט אים אין די אַלטע צימערלעך, וו לאַמעד שאַפּיראָ האָט געוווינט אין לאָס אַנדזשעלעס, אַז ער פילט נאָך אַלץ דעם ריח פון די דאָזיקע צימערלעך. דער ריח פון זויערן וויין געמישט מיטן ריח פון פאַפּיראָסן... „פעל-מעל" האָט ער עפּעס שטענדיק גערויכערט...

ס'האָט גרשונען געצויגן צו לאַמעד שאַפּיראָן פון זינט ער האָט אים דאָס ערשטע מאָל דערזען אין קאַפע אייראָפּע. ווי נאָר ס'האָט זיך געעפנט די טיר און לאַמעד שאַפּיראָ איז אַרײַנגעקומען; און איידער ער האָט נאָך געוווּסט, אַז דאָס איז לאַמעד שאַפּיראָ, האָט דאָס אַ ציִ געטאָן צו אים... קומט אַריין אַ מענטשעלע, אַ מאָגערס, אַ נישטיקס לויטן גוף, אָבער דערזעסט דעם קוק פון זיינע אויגן — און שוין ביסטו אַ פאַרצויגענער. און אויב נאָך נישט קיין פאַרצויגענער, איז אַ פאַראינטערעסירטער. ווילסטו וויסן געוואַלדיק, ווער איז דער דאָזיקער מענטש... און איידער דו ווייסט

נאָך ווער איז דער דאָזיקער מענטש, דאַכט זיך דיר אויס, אַז אַט ד ע ר ווייסט דאָס קלוגע, וואָס קאָן פאַרשטיין דאָס לעבן מיט אַלע פאַרדרייעענישן און פאַרפלאָנטערנישן.

ס'האָט זיך דיר אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז ער דער אייביקער וואַנדערער פון דער לעגענדע, אַז ער האָט שוין אויסגעשפאַנט וווּ די וועלט האָט אַן עק, און אַז ער איז שוין געווען אומעטום, אין די דזשאָנגלס און אין מדבריות, און אין אַלע פאָרט־שטעט און געזוכט דעם זינען פון לעבן...

איידער מען דערזעט זיינע אויגן מיינט מען, אַז ער איז אַן אָרעמאַן, און וועט אייך באַלד בעטן אַ נדבה. דערזעט מען זיינע אויגן דאַכט זיך, קליינע ברוינע שפּעלטעלעך פון אויגן דורך דיקע גלעזער, אָבער ווי זיי לויכטן! לויכטן ווי ביי אַ גאון, לויכטן מיט טיפן רעיון (געדאַנק), לויכטן מיט צער אויף דער וועלט, לויכטן מיט תלמיד־חכמדיקער שטרענגקייט, לויכטן אויך מיט רחמים און טרייסט. ס'פּנים דאַכט זיך אַ נאַקעטס, אַן אָפּגעצופּטס, כמעט אָן ברעמען. אָבער ס'פאַלט אויף דעם דער אָפּשיין פון זיין לויכטנ־דיקייט...

און גרשון האָט נאָך נישט געלייענט זיינע ווערק, ווען יענער איז צום ערשטן מאָל אַריינגעקומען אין קאַפע אייראָפּע. גלייך פּ ן לאָס אַנדזשעלעס איז ער אַריינגעקומען אין קאַפע אייראָפּע. ־האָט זיך טאַקע אַזוי אויסגעדאַכט, אַז אָט ערשט איז ער אַראָפּ־געשטיגן פון באַן און גלייך אַוועק צו קאַפע אייראָפּע, זיך אויפ־געעפנט די טיר באַגלייך, ווי גאָרנישט, אַקוראַט ווי ערשט נעכטן איז ער דאָ געווען, און דערוואַרט גאָרנישט, אַז מענטשן וועלן אויפשפּרינגען פון די טישלעך און זיך לאָזן צו אים...

יאָ, מען איז אויפגעשפּרונגען פון די טישלעך און זיך גע־לאָזט צו אים, און ער ווידער באַגלייך ווי גאָרנישט, איז גאָרנישט נתפּעל געוואָרן... מען האָט געמאַכט פון עטלעכע טישלעך איין טיש לכבוד אים און זיך אויסגעזעצט, און ער גאָרנישט, קוקט אין די ווינקעלעך, שמייכלט צו דער פרוי גאָלוביצקי, צום וועיטער... דערזעט אַ יונגן בחור וואָס זיצט אין אַ ווינקל און שעמט זיך, און דאָס איז געווען גרשון, מאַכט ער:

— און ווער איז דער יונגערמאַן?

זאָגט מען אים, רופט ער זיך אָן צו גרשונען: — „טאָ קומט צו און זעצט זיך מיט אַלעמען...“

גרשון איז נאָכדעם אינגיכן אַוועקגעפאָרן קיין ספּרינגפילד. אָפּגעווען עטלעכע חדשים, געקומען צוריק. ווי איינמאָל אַ בייטאָג. אייף פּערצנטער גאַס צווישן צווייטער און דריטער עוועניוס — ער שפּאַנט זיך, לאַמעד שאַפּיראָ, דער אויסגעמאָגערטער, קוים־קוים גוף פון לאַמעד שאַפּיראָ אין אַן אָפּגעטראָגן גרין־געלבלעך פּאַלטאָכל, אין אַ צעקנייטשטן ברוינלעכן קאַפּעליוש שפּאַנט ער זיך. ער קוקט נישט רעכטס, נישט לינקס און נישט פאָרויס, ער קוקט אין זיך — און ער שפּאַנט. אַלע איילנדיקע פאַרבייגייער ווייסן דאָך נישט ווער ער איז. אָבער גרשון ווייסט יאָ... ער וועט אים נאָכגיין...

ווי לאַנג וועט אים גרשון נאָכגיין? אַזוי לאַנג ביז לאַמעד שאַ־פּיראָ וועט אָנקומען צו דער קאָאָפּעראַטיווער קאַפעטעריע אויף יוניאָן סקווער. ביי דער קאָאָפּעראַטיווער קאַפעטעריע וועט אים גרשון אויף נישט אָפּלאָזן. לאַמעד שאַפּיראָ וועט אַריינגיין אינע־ווייניק. גרשון וועט אויך אַריינגיין אינעווייניק. ער וועט זיך הייסן אָנגיסן אַ טעפּעלע קאַווע. ער וועט טראָגן דאָס טעפּעלע קאַווע צו אַ ליידיק טישל. גרשון וועט אויך טראָגן דאָס טעפּעלע קאַווע צום זעלביקן ליידיקן טישל. ער וועט זיך דאָרטן אַנידערזעצן, גרשון אייך. סוף־כל־סוף וועט דאָך לאַמעד שאַפּיראָ אים דערזען, אַ לאַך טאָן צו אים און אַ זאָג טאָן שפּאַסיק:

— איר זענט אויך דאָ?

ער האָט אים געדענקט, גרשונען, לאַמעד שאַפּיראָ. אַזאַ איי־זערנער זכרון. אים געזען דאָך בלויז איינמאָל מיט חדשים צוריק אין קאַפע אייראָפּע!

איז פון וואָס־זשע מאַכט גרשון אַ לעבן? — וויל ער וויסן. און ווי אַזוי איז זיין געזונט? ווייל לויט דעם זייער מאָגערן אויסזען גרשונס, פאַרשטייט ער, אַז מסתמא איז עפּעס מיט אים דער מער... און וועגן זיין שרייבן, גרשונס? יאָ, ער לייענט אים. גע־לייענט אין דער „פרייהייט“, געלייענט אין „האַמער“...

אָבער נישט לאַנג האָט מען געקאָנט זיצן מיט לאַמעד שאַפּיראָן זאַלבעצווייט ביי אַ טישל אין דער קאָאָפּעראַטיווער קאַפּעטעריע. באַלד איז דאָס געוואָרן באַזעצט פון אַ סך יונגע שרייבער, וואָס זענען דערנאָך געוואָרן באַקאַנט אַלס „פּראָלעטפּעניקעס“. ווי נאָר מען האָט אים דערזען, זענען זיי געלאָפן צו זיין טישל: דער זייער קליינינקער און זייער הנעוודיקער לייבל סאָברין; דער זייער הויכער און זייער מאָגערער יוסף גרינשפּאַן מיט זיין געלייםטער האַנט, און נאָך און נאָך... און ער האָט אויך לייבל סאָברינען געלייענט אין דער „פרייהייט“ און אין „האַמער“, און אויך יוסף גרינשפּאַנען... כמעט אַלעמען פון די יונגע פּראָלעטפּעניקעס געלייענט און זיך אָנגערופן וועגן זייערע שאַפונגען בלויז מיט צוויי אָדער דריי ווערטער. און די דאָזיקע צוויי אָדער דריי ווערטער האָבן שאַרף אַ בליץ געטאָן מיט אמת און מיט חכמה און אָנגערעגט צו אַ גאַנצער קייט פון געדאַנקען...

מען האָט אים אָפט געזען אין דער דאָזיקער קאַפּע, און ווי באַלד ער איז אריינגעקומען, איז זיין טישל גלייך באַזעצט געוואָרן מיט די יונגע „פּראָלעטפּעניקעס“... און די קאָאָפּעראַטיווע קאַפּעטעריע, די ריזיקע קאַפּעטעריע, איז געווען ווי אַ וואָקזאַל. די דריי-טיר האָט זיך געהאַלטן אין איין דרייען. מען איז אַריינגעקומען און אַרויסגעגאַנגען. ס׳האָט געצויגן אַהין אָרעמע, אָבער פריילעכע קינסטלער פון גרעניטש-ווילעדזש, און יונגע יידישע פּאָעטן און דערציילער, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין דער „פרייהייט“, אין „האַמער“ און אין שפּעטערדיקן „סיגנאַל“; און סטודענטן פון נאָענטן „סיטי קאָלעדזש“ און טוער פון פאַרשיידענע ראַדיקאַלע באַוועגונגען און גלאַט אַזוי עלנטע און איינזאַמע מענטשן, וואָס באַצאָלנדיק אַ ניקל פאַר אַ טעפּעלע קאַווע, קאָן מען זיצן ביי אַ טישל אַ פּאָר שטונדן און זיך צוהערן ווי קלוגע מענטשן רעדן.. ס׳האָבן זיך אַהין געצויגן אויך אַנדערע פאַרשוינען, וואָס האָבן פאַרמאָגט לעפּקע פינגער. מען האָט ביי גרשונען צוגעגנבעט זיין כמעט נייעם מאַנטל. ער איז געגאַנגען צום בופעט באַשטעלן זיך עפּעס עסן, געקומען צוריק — נישטאָ דער מאַנטל, וואָס ער האָט אים אַריבערגעלייגט איבער אַ בענקל...

און אָט אין דער דאָזיקער טומלדיקער, אָנגערייכערטער ריזיקער קאַפּעטעריע, האָט לאַמעד שאַפּיראָ אויף אַלע יאָרן צוגע-

קניפּט צו זיך גרשונען. מיט אַזאַ געדרנקייט איז גרשון שטענדיק געגאַנגען צו אים, ווי מען גייט צו אַ רבין, וואָס מען ווייסט, אַז ער האַלט פון דיר. אָפּטמאָל איז אַפילו אַ ביסל דערגאַנגען די יאָרן, ווען ס'איז געווען באַזונדערס אָנגעזאָליעט אויפן האַרצן, אָבער ער האָט געוווסט, אַז דער רבי, וואָס פאַרשטייט אַזוי גוט די מענטש־לעכע שוואַכקייטן, וואָס ער אַליין איז געווען פול מיט זיי, וועט אים נישט אָפּשטויסן...

# דער פאָעט פון דער פערצנטער גאַס

גרשון קאָן אים אַנדערש נישט זען, אין זיין זכרון, ווי נאָר אויף דער פערצנטער גאַס. דאָרטן האָט ער געהונגערט, דאָרטן האָט ער געשטורעמט, דאָרטן האָט ער זיך אַרומגעבלאָנקעט אָפטמאָל אַ היימלאָזער, דאָרטן האָט ער אויסגעהאמערט זיינע צאָרנדיקע לענגערע פאָעמעס.

אַ הויכער, אַ מאָגערער, אַ ביינערדיקער, מיט קוטשעראַווע העל=ברוינלעכע האָר, מיט גרינלעכע צאָרנדיקע אויגן, מיט אַ בלאַסן לענגלעכן פנים, מיט בלויע דינע ליפן. געהאַט האָט ער איין האַנט אַ נאָרמאַלע, די צווייטע איז געווען אַ פאַראַליזירטע, אַ פאַרוועלקטע. די נאָרמאַלע האַנט, אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרקע, האָט אָבער געקאָנט דערלאַנגען אַ שטאַרקן קלאַפ, און דערלאַנגט טאַקע אויך אין זיין גרויסן צאָרן.

ער איז געווען דער אָרעמסטער און וואָרלאָזסטער צווישן דער גרופע שרייבער, וואָס איז דעמאָלט געווען באַקאַנט אַלס דער „פראָלעטפען“. זעלטן געהאַט דירה=געלט אויף אַ צימער, גענעכטיקט, ווו ס'האָט זיך געלאָזט, אָפטמאָל אויף אַ הוילן האַרטן טיש אין אַרבעטער=אוניווערסיטעט, וואָס איז געווען אויף דער פערצנער גאַס.

פערצנטע גאַס איז געלעגן אין זיינע ביינער. ער האָט זי געקענט דורך און ער האָט אָנגעשריבן אַ לאַנגע, לאַנגע פאָעמע, וואָס האָט טאַקע געהייסן „פערצנטע גאַס“. ס'איז אַ פאָעמע וועגן דער גאַנצער פערצנטער גאַס פון איסט ריווער ביז צום האָדסאָן. ס'איז אַ פאָעמע וואָס מען האָט זי געקאָנט אָנשרייבן נאָר אין יענער צייט פון האָפנונגסלאָזער אַרבעטלאָזיקייט אין אַמעריקע, פון פאַרלוירנקייט און צעטומלטקייט, פון פאַרביטערטקייט, הפקרדיקייט. ס'איז אַ פאָעמע פון זיין אייגענער וואָרלאָזי=

קייט, אָרעמקייט, פֿאַרביטערטקייט, ס'איז אַ פּאָעמע אין דער מאָדע פֿון יענער צייט, ווען מען האָט געוואַגט זיך צו באַנוצן אין דער פּאָעזיע מיט „גראָבע“ רייד און אַפֿילו מיט ניבול־פּה. ס'איז אַ פּאָעמע, וווּ דער צאָרן שרייט פֿון יעדער שורה.

און כאָטש ער איז שטענדיק געווען אַזאַ אָנגעכמורעטער, אַן אומפֿריינדלעכער; און כאָטש ער האָט אומברחמנותדיק קריטיקירט די שאַפֿונגען פֿון אַ סך זיינע חברים שרייבער; און כאָטש ער האָט געקאָנט נישט מיר, נישט דיר אָן אַן אויבנאויפֿיקער סיבה אייך טאָן אַ זידל אָפּ אַזוי ביטער, ס'זאָל אייך פֿאַרגיין אין דער נאָז אַריין, פֿונדעסטוועגן האָבן זיך אַ סך פּראָלעטפּעניקעס געצויגן צו אים. שפּעטער האָט מען שוין פֿאַרשטאַנען פֿאַרוואָס ער ווערט אַזוי אויפֿגעקאָכט כמעט אָן אַ מינדסטער פּראָוואָקאַציע: ס'האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין מאָגן אַ שרעקלעכע אומהיילבאַרע קראַנקהייט, און ס'האָט אים בייז געמאַכט אַלע בלוטן...

און געצויגן האָט מען זיך צו אים, ווייל מען האָט דערזען אין אים דעם גאָר־קרעפֿטיקן פּאָעט, וואָס האָט געקאָנט אַזוי טאַלאַנטפֿול צאָרענען אויף דער אומגערעכטיקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט. ער האָט אַ צייט געטרעמפּעוועט אין די דרום־שטאַטן און האָט זיך דאָרטן גענוג אָנגעזען מיט אומגערעכטיקייט און געשאַפֿן אַ צאָל לידער, קורצע, דווקא, אָבער זיי האָבן שטאַרק געברענט, געזידט.

גרשונען האָט ער נישט איינמאָל געטאָן אַ זידל אָפּ נישט מיר, נישט דיר, אָבער ס'זענען אויך געווען מאָמענטן פֿון נאָענטקייט. איינער אַזאַ מאָמענט איז געווען, ווען דער פּאָעט יוסף גרינשפּאַן האָט אים פֿאָרגעלייענט זיינע אַ נייע פּאָעמע אין מאַנוסקריפּט. צווישן גרויסן אַרומיקן טומל אין דער קאָאָפּעראַטיווער קאַפֿעטעריע האָט ער אים פֿאָרגעלייענט די פּאָעמע. אין יענע יאָרן האָט מען זיך אַזוי גוט געקאָנט קאָנצענטרירן, אַז מען האָט גאָרנישט נישט געהערט דעם אַרומיקן טומל. מען האָט זיך צוגעבויגן איינער צום אַנדערן ביים טישל, אויסגעשלאָסן יעדן זייטיקן קלאַנג און בלויז געהערט דאָס פֿאָרגעלייענטע ליד אָדער דערציילונג. גרינשפּאַנס פּאָעמע איז געווען וועגן אַן אַלטן פֿאַרלאָזן פֿארם־הויז. גרשונען איז זייער געפֿעלן געוואָרן דאָס ליד און ער

האָט געוואָלט אויסדריקן צו גרינשפּאַנען זיין הנאה דורך עפּעס אַ ממשותדיקן טאַט.

— האָסט אַמאָל געקראָגן האָנאָראַר פאַר דיינס אַ ליד? — האָט אים גרשון געפרעגט.

— האָנאָראַר האָב איך געקראָגן? — האָט יענער אויף אים אויסגעשטעלט אַ פּאָר שטוינענדיקע אויגן — אַ כאָליערע האָב איך געקראָגן.

— טאָ לאָמיך זיין דער ערשטער דיר צו געבן האָנאָראַר — האָט גרשון געענטפערט אי שפּילעוודיק אי ערנסט, — ס'איז באמת בלויז אַ האַלבער דאָלאַר, ווייל מער האָב איך נישט, אָבער דאָס איז אמתער האָנאָראַר פאַר דיין וווּנדערלעכער פּאָעמע...

(מאַרטין בירנבוימען האָט גרשון אויך איינמאָל געגעבן האָנאָראַר פאַר אַ ליד, וואָס יענער האָט אים פאָרגעלייענט. דאָס איז געווען אין „קרוסעידער" קאַפעטעריע. ס'איז נישט געווען קיין געלט, נאָר אַ שיינער פּילפּאַרביקער קראַוואַט. דער אַמעריקאַנער פּאָעט מאַקסוועל באָדענהיים, וואָס איז צוריק מיט אַ פּאָר יאָר אַזוי טראַגיש אומגעקומען, האָט גרשון אויך איינמאָל געגעבן האָנאָראַר. און באָדענהיים איז געווען נאָך אָרעמער פון גרינשפּאַנען. ער פלעגט אויפהענגען זיינע האַנט־געשריבענע פּאָעמעס אויף אַ פּלויט אַנטקעגן וואַשינגטאָן סקווער אין גריניטש ווילעדזש. דאָס איז געווען אויף צו פאַרקויפן. אַ דאָלאַר אָדער אַ דאָלאַר פופציק האָט ער זיך געהייסן געבן. גרשון האָט מער נישט געהאַט ביי זיך ווי אַ קוואָדער, אָבער ער צו אים געזאָגט:

— קיין דאָלאַר צו קויפן האָב איך נישט, אָבער נאַ דיר אַ קוואָדער און לאָז מיך בלויז איבערלייענען.

האָט דער זייער פאַרכמאַרעטער געלהאָריקער מאַקסוועל באָדענהיים אַ האַלבן שמייכל געטאָן, צוגענומען ביי אים דעם קוואָדער און אים געלאָזט איבערלייענען איינע פון זיינע פּאָעמעס אויסגעהאָנגען אויף דעם פּלויט אַנטקעגן וואַשינגטאָן סקווער. דאָס איז געווען אַ פּאָעמע פון אַ שאַפּ־מיידל, וואָס קוקט אין אַ שויפענצטער פון אַ רייכער קליידער־קראָם... גרשון האָט אָפט געטראַכט אין יענע יאָרן, ווען ער איז פאַרמעגלעך, וואָלט ער אין די ליטעראַרישע קאַפייען צעטיילט אַלע טאַלאַנטפולע פּאָעטן האָ־

נאָראַר, בלויז פאַרן איבערלייענען. און נישט דאָרטן אַ האַלבן דאָלאַר צי אַ קוואָדער, נאָר גאַנצע פינפערלעך און צענערלעך.

און זיך אומקערנדיק צוריק צו גרינשפאַנען: ער האָט אין אָנהייב נישט געוואָלט נעמען דעם האַלבן דאָלאַר, געקוקט אויף גרשונען מיט פאַרדאַכט, צי מאַכט נאָר יענער נישט חוזק פון אים. און ווי וואָלט געווען גרשונען, ווען דער סופּער־סענסיטיווער גרינשפאַן נעמט דאָס טאַקע אָן פאַר חוזק. ער וואָלט אים געזידלט מיט דעם גאַנצן גיפט פון זיין פאַרביטערטקייט אויפן לעבן. ניין, ער האָט דאָס נישט אָנגענומען פאַר חוזק, ער האָט דאָס אָנגענומען טאַקע אַזוי, ווי ס'איז געמיינט געווען, גענומען דעם האַלבן דאָלאַר, זיך גלייך באַשטעלט אַ געווירציק הייסן גוליאַש, מיט אַ סך שטיקלעך פלייש, מיט קאַרטאָפליעס, מיט מייערלעך, געגעסן און געשמייכלט, אַזאַ שמייכלדיקן האָט מען אים נאָר געזען ווען ער איז געווען מיט זיין חבר לייבעלע סאָברין...

און איינמאָל אין אַ שטורמישער גאָר רעגנדיקער נאַכט, האָט אים גרשון געזען לויפן אויף דער פערצנטער גאַס אַ פאַרנעצטן דורך און דורך. גרשון איז אויך געווען אַ פאַרנעצטער דורך און דורך, אָבער ער איז געלאָפן כאָטש אין זיין צימער, צו זיין בעט. אַז יוסף גרינשפאַן האָט נישט קיין צימער, נישט קיין בעט האָט גרשון בשעת מעשה נישט געוווסט און ער האָט אים אַ פרעגעטאָן:

— גרינשפאַן, וווהין לויפסטו?

— וואָס איז דיין טאַטנס עסק — האָט ער אַ בליץ געטאָן צו אים מיט גיפטיקע גרינלעכע אויגן.

אַז ער האָט גאָר אין יענער גאָר־רעגנדיקער נאַכט נישט געהאַט וווּ צו שלאָפן... די טיר פון אַרבעטער־אוניווערסיטעט איז געווען פאַרשלאָסן מיט אַ שטאַרקן נייעם שלאָס. ער האָט זיך סוף כל סוף אַריינגעכאַפּט אין דער דרוקעריי פון דער „פרייהייט“, וואָס איז דעמלט געווען אויף יוניאָן־סקווער, און דאָרטן איבערגענעכטיקט יענע נאַכט — האָט זיך גרשון שפּעטער דערוווסט...

יאָ, מינוטן פון ליבלעכקייט האָט זייער ווייניק געוווסט דער פּראָלעטאַרישער פּאָעט יוסף גרינשפאַן. און ווען ס'האָט אים נאָך פאַרכאַפּט די שווידערלעכע קראַנקהייט, אַ ראַק אין מאָגן, איז ער

געוועז גאָלע האס, גאָלע ביטערקייט. ווי ער זאָגט וועגן זיך אַליין אין אַ ליד:

ווי אַ שונאס ווּסטער הייל
דורך אַ בליענדיקן גאָרטן,
האָבן דורך מיין קינדהייט זיך געטראָגן
מיינע יאָרן.
איז מיין יוגנט
הויל,
און הארט,
און שטעכעדיק פאַרבליבן.
בלאָנקע איך זיך אום אַצינד
און באָט מיין בייזקייט אָן צו מענטשן,
ווי עס פלאָנטערט זיינע נעגל
צווישן צאַרטע פלאַנצן
אַ פון ווינט פאַרשניטענער אַ וואָגלענדיקער דאָרן...

# ס׳ברודערל לייבעלע

אַמאָל איז געווען אַ לייבעלע סאָברין... וויפל יאָרן, אַז ער איז שוין נישטאָ? אַרום אַ צוועלף יאָר און אפשר מערער, אָבער גרשון הערט נאָך אַלץ זיין קוועלנדיק געלעכטערל...

די נאַטור האָט אים נישט געבענטשט מיט קיין היפּשן גוף, אָבער דערפאַר האָט זי אים געבענטשט מיט גרויסן שרייבערישן טאַלאַנט און מיט ווילגעפעלנקייט ביי מענטשן. צו 12 אָדער 14 יאָר אויף דער אוקראַינע, אין די הונגער־יאָרן פון בירגער־קריג און פּאָגראָמען, האָט ער אַפּנים אויפגעהערט צו וואַקסן אין זיין גוף. זיין עלטערער ברודער, מענדל, איז געווען העכער פון אים און אַ סך ברייטער פון אים. געבוירן געוואָרן איז זיין ברודער מענדל מסתמא אין אַ ביסל זאַטערע יאָרן... דער עלטערער ברודער מענדל איז נאָכגעגאַנגען זיין יינגערן ברודער, לייבל — דעם שרייבער, אומעטום. אַ נו, זאָל נאָר עמעצער וואַגן צו פאַרטשעפּען מיט אַ חוזק־וואָרט זיין קליינגעוויקסיקן ברודערל... יענער האָט גוט געהאַלטן אַן אויג און איז געווען גרייט צו דורס זיין דעם יעניקן... נישט איין יינגל אין זייער היים־שטעטל האָט מסתמא געכאַפּט אַ הייסן פּלעם פון אָט־דעם מענדלען פאַר זאַטשעפּען זיין ברודערל...

און אַ ברודערל איז לייבל געווען ביי יעדן איינעם פון די שרייבער פון „פּראָלעטפּען“, אַ גוט ברודערל. שטענדיק מיט אַ קוועלנדיק געלעכטערל, מיט פינקלדיקע קלוגע ברוינע אייגעלעך, מיט אַ פריילעך וויצעלע, מיט אַ געקרייזלטן קאָפּ ברוינע האָר, ווי ביי אַ שעפּסעלע... דער בעסטער חבר זיינער איז געווען דער שטענדיק פאַרכמורעטער, פאַרצאָרנטער יוסף גרינשפּאַן. נאָר מיט לייבעלען האָט מען אים געזען שמייכלען. דאָס חנעוודיקע לייבעלע האָט אים אויסגעלייזט פון זיין בייזקייט. פונדעסטוועגן האָט אויך דאָס ליי=

בעלע, אויב זיין ברודער מענדל איז נישט געווען דערביי, אָפּט גע־כאַפּט פון דעם פאַרביטערטן גרינשפּאַנען אַ זידל־אָפּ אָן שום אויבנאויפיקער סיבה. אָבער לייבעלע האָט זיך געלאָזט זידלען אַבי ס'זאָל זיין חבר זיין צו געזונט...

זיי האָבן ביידע, ער און גרינשפּאַן, אַרויסגעגעבן בשותפות אַ ביכל לידער. „ערב צייט" האָט דאָס געהייסן. גרינשפּאַן האָט פאַרנומען די ערשטע העלפט, לייבל די צווייטע העלפט. ווו האָבן זיי גענומען געלט? מסתמא האָבן יוסף גרינשפּאַנס פריינד אַרויס־געהאָלפן, און דער ברודער מענדל האָט מסתמא אויך נישט גע־שוויגן... מען האָט געזען אין דעם ברודער מענדל, אַז ער קאָן זיין אַן אויפטוער. ער איז אויך נישט געווען קיין באַזונדרעס ווערקסיקער. אָבער מיט פלינקע שטאַרקע פּלייצעס און מיט אַן אָנגעשלאָסענעם קוק אין זיינע ברוינע, זייער וואַכע און קלוגע אָבסערווירנדיקע אויגן.

געווען אַ צייט, ווען לייבלען איז גאָרנישט אומעטיק געוואָרן. ס'איז געווען די צייט ווען כמעט אַלע טאָג האָט מען זיך צונויפגע־נומען אין דער „קאָאָפּעראַטיווער קאַפעטעריע" אויף יוניאָן סקווער און שפּעטער אין קאַפעטעריע „קרוסעידער" און „ווילאָ" אויף פערצנטער גאַס. ס'איז געווען די צייט, ווען דער „פּראָלעטפּען" האָט זיך געהאַלטן אין פאָרמירן: היציקע מיטינגען, ליידנשאַפט־לעכע דיסקוסיעס מיט מ. אָלגינען און אַנדערע פירער פון דער פּראָלעטאַרישער איינשטעלונג. יוסף גרינשפּאַן האָט געשטורעמט, נישט געוואָלט אָננעמען די פּראָלעטאַרישע איינשטעלונג, ווי זי שטייט און גייט, און זיין חברל לייבל האָט אים אַרויסגעהאָלפן... מען האָט זיך אָפּט צונויפגענומען אין געוויסע הייזער און געפּראַ־וועט שמחהלעך, און ביי אַ גלעזל „פּראָהיבישאָן"־וויין, האָט מען ווידעראַמאָל דיסקוטירט ענינים פון פּאָעזיע, געקאָכט זיך ביז אין ווייסן טאָג אַריין און געגלייבט באמונה שלימה, אַז זיי זע־נען די אמתע פּאָעטן פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן...

און פאַרוואָס האָט לייבל סאָברין פּלוצלונג אויפגעהערט שרייבן לידער און זיך אָפּגעגעבן אויסשליסלעך מיט פּראָזע? ווייסט נישט גרשון. אים דאַכט זיך, אַז ווען דאָס לעבן פון זיין חבר יוסף גרינשפּאַן האָט זיך אויסגעלאָשן, איז ביי לייבלען אויך אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס ליכטל פון פּאָעזיע... דער טויט פון זיין

זייער נאָענטן חבר האָט אים דערשראָקן. כמעט יעדן טאָג איבער־געלעגן ביי דעם שוועך־קראַנקן גרינשפּאַנען אין משך פון אַ פינף, זעקס הדשים און צוגעזען די שווידערלעכע מאַטערנישן פון זיין חבר. און ס'האָט אים צעבראָכן... ער האָט זיך איינגערעדט, אַז אויך ער וועט שטאַרבן יונג...

און אַלס דערציילער איז ער אינגיכן אַרויסגעהויבן געוואָרן צווישן אַלע יונגע פון זיין דור. מבינים האָבן געזאָגט, אַז דאָס וואַקסט אַ נייער דוד בערגעלסאָן. און דוד בערגעלסאָן אַליין, האָט מען זיך דערציילט, האָט געזאָגט אין מאָסקווע צו אַ גאַסט פון אַמעריקע: „ס'וואַקסט ביי אייך אַ שרייבער מיט ע פּ ע ס, לייבל סאָברין איז זיין נאָמען"... ס'האָבן אים געשטאַרקט און געמונטערט אַלע פון פּראָלעטפּען. ער איז געוואָרן דער „בן־יקיר־לי", דאָס געראָטענע זונדעלע ביי יעדן איינעם.

ער האָט זיך צוגעטוליעט צו מ. א. סולן, אַן אויפגייענדיקן שטערן אין דער יידישער דיכטונג, און מען האָט זיי שוין אָפּטביידע געזען רק צוזאַמען. סול איז געווען פּונקט דער היפּוך פון דעם צאָרגדיקן פאַרביטערטן גרינשפּאַנען, אַ לעבנס־לוסטיקער, אַ וויצלענדיקער, און איז געווען צו לייבלען אַ פרייִלעכער חבר. און אַז מען האָט זיך אָפּט נישט געקאָנט טרעפן, האָט מען זיך אָפּגע־רופן דורכן טעלעפאָן און שעהן זיך געהאַלטן איינער דעם אַנדערן אויפן טעלעפאָן און געלאַכט... אין האָטעל בראָדוועי סענטראַל האָט סול אַמאָל געוווינט און גרשון האָט אויך אַ קורצע צייט דאָרטן געוווינט, האָט ער זיך שוין צוגעקוקט, ווי די דאָזיקע ביידע צעאַרבעטן.

לייבל האָט בכלל ליב געהאַט זיך צו טוליען צו חברים שריי־בער... ער האָט זיי געזוכט... אין די פריערדיקע יאָרן האָט מען זיי לאַנג נישט געדאַרפט זוכן. מען האָט נאָר געדאַרפט אַראָפּקומען אויף דער פערצנטער גאַס, אַריינגעגאַנגען אין „קרוסעידער" אַפילו אינדערפרי, און מען האָט שוין געטראָפן עמעצן פון די שרייבער... דער „קרוסעידער" איז אָבער געוואָרן אויס, די קאָאָפּעראַטיווע קאַ־פעטעריע אויף יוניאָן סקווער איז שוין לאַנג נישט געווען. די קאַפּע־טעריע אויף דער דרייצנטער גאַס אין דער „מאָרגן־פרייהייט"־גע־ביידע, האָט זיך אויך פאַרמאַכט. אַ סך חברים שרייבער האָבן חתונה געהאַט, געוואָרן אויס „פרייע פייגל" און ערנסט זיך איינ־

געשפּאַנט אין יאָך פֿון מאַכן אַ לעבן. מען איז זיך שוין זייער זעלטן צונויפֿגעקומען אין די קאַפֿייען, און אונדזער ליבעלע איז טאַקע געווען, ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעט שעפּעלע אין דעם גרויסן קאָכיקן ניו־יאָרק. אין דער מיטאָג־שעה האָט ער זיך אָפּט אַריינגעכאַפּט אַ פֿאַרבענקטער אין „אויטאָמאַט“ אויף דער פֿערצנטער גאַס, אפֿשר וועט מען עמעצן אָנטרעפֿן — און נישט שטענדיק האָט מען דאָרטן געקאָנט עמעצן אָנטרעפֿן, דאָס הייסט, אַ חבר שרייבער (ער אַליין האָט געאַרבעט אַ שטיק צייט נישט ווייט פֿון דער פֿערצנטער גאַס). און אַז ער האָט דאָרטן עמעצן יאָ אָנגעטראָפֿן, האָט ער געגעבן אַ ציטער אויף פֿון פֿרייד, ווי איינער וואָס קומט אַריין פֿון זייער אַ קאַלטן אינדרויסן אין אַ וואַרעמער שטוב אַריין, זיך געלאָזט מיט זיין ווילגעפֿעלנדיק, קוועלנדיק געלעכטערל צום חבר שרייבער און אָנגעהויבן חנעוודיק צו שפּילן מיט זיינע צעשיינטע ברוינע אייגעלעך...

* * *

און פֿאַרוואָס די מורא פֿאַרן טויט? זיינע גאָר נאָענטע חברים האָבן געוווסט, אַז ער טראָגט זיך אָפּט אַרום מיט דער מורא פֿאַרן טויט. מיר וועלן אפֿשר געפֿינען אַן אָנדייטונג אין זיין ליד „מיין טאַטנס טויט“:

ס׳האָט זיך מיר אין חלום באַוויזן מיין טויטער טאַטע,
איינגעהילט אין ווייסן איז ער געשטאַנען לעבן מיין בעט;
מיט קאַלטע ליפּן האָט ער מיר געקושט דעם שטערן,
און מיט אַ געלער האַנט די קרויזלענדיקע האָר מיינע געגלעט.

שווערע ווערטער, ווי פֿון בליי געגאָסן,
האָבן זיך געקייקלט פֿון זיין מויל און מיר דערציילט:
אַז ערגעץ ווו אויף עלען סטריט אין אַ פֿייכטן קעלער,
האָט ער קאָלדרעס פֿליושענע און זיידענע גענייט...

און איינמאָל, ווען ער האָט געוואָלט אַריבעריאָגן די נאָדל
פֿון דער מאַשין,

האָט אים אָנגעהויבן בייסן אַרום זיין האַלדז די הויט,
פון זיין מויל האָט בלוט אַ פּאַרב געטאָן אַ בלויאינק קינדערש
קאָלדערבל אויף רויט,
און ס'האָט אים אויפן דיל אַוועקגעלייגט דער טויט...

. . . . . . . . . . . . . . . . .

איצטער האָב איך מורא אין די פרימאָרגנס, ווען ס'רעווען
אוים פאַבריקן זייער רוף,
ערגעץ ווייס איך ליגט דער טויט פאַרשטיקט צווישן
די מאַשינען,
און לויערט ווי אַ הונגעריקע חיה אויף מיין גוף...

* * *

לייבל סאָברין איז געשטאָרבן אַזוי יונג...

# איינמאָל אַ נאַכט אין קאַפע „איראָפּע"

מיר וועלן אָנהייבן פון צוועלף אַזייגער בייטאָג.. ביז צוועלף אַזייגער בייטאָג איז קאַפע איראָפּע געווען ליידיק. צוועלף אַזייגער בייטאָג האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן שרייבער. נישט די שרייבער, וואָס האָבן געאַרבעט אין די רעדאַקציעס אויף איסט־בראָדוועי; געווען ווייטלעך זיך אַראָפּכאַפּן אויף מיטאָג פון איסט־בראָדוועי אויף דרייצנטער גאַס און צווייטער עוועניו.

באַוויזן האָט זיך כמעט דער ערשטער ב. ריווקין, דער קיי־לעכדיקער, דער שווערער, דער צעכראַסטעטער ב. ריווקין. אַ קול האָט ער געהאַט ווי מען וואָלט געפירט מיט אַ זעג איבער אַ פּאַר־עקשנט שטיק האָלץ. און אַ מין מאָדנע גרויע אויגן וואָס האָבן ממש געשראָקן, פולע אויגן, אַרויסשטאַרטשענדיקע אויגן און מיט אַ שאַרפער גרוי־בלוילעכער ליכטיקייט, כמעט מיט אַ בייזער ליכ־טיקייט דורך די דיקע גלעזלעך... דער קאָפּ זיינער — ווי ביי אַ קאַר־דינאַל. דאָס הייסט, אינמיטן נאַקעט און ביי די זוימען בינטלעך גרויע האָר... געווען בייז, ב. ריווקין, אָבער נישט צו יונגינקע שרייבער, ארויסגעקוקט אויף זיי זיי זאָלן שוין אַריינקומען, וועט ער זיך זעצן ביי זייער טישל. און זיינע פולע קיילעכדיקע, שאַרפע אויגן וועלן שוין שמייכלען... בייז איז ער דעמלט געווען אויפן י. ל. פּרץ שרייבער־פאַריין. פאַרוואָס, געדענקט שוין נישט גרשון...

באַוויזן האָט זיך דער פּאָעט אברהם משה דילאָן מיט זיין רענצל זיסלמאַנס קינסטלערישע שניפּסן אויף צו פאַרקויפן. אברהם משה דילאָן האָט זיך ליב געהאַט חברן מיט די יונגינקע שרייבער, באַזונדערס מיט שטאָלצנבערגן, שטיקערן, טאַבאַטשניקן. ער האָט דערשמעקט, אַז די דאָזיקע האַלטן פון אים אַלס פּאָעט, און האַלטן אויך פון אַלע זיינע חברים פּאָעטן, ווי זישא לאַנדוי, מאני לייב, ראובן אייזלאַנד, יוסף ראָלניק. אויב עמעצער האָט נישט געהאַלטן

פון מאני לייבן, אָדער פון זישא לאַנדוין האָט שוין אברהם משה מיט אַזאַ איינעם נישט געקאָנט זיין חבר. פון אַזאַ איינעם האָט ער שוין געוויכט... ביי אים אַ פּאָעט פון דעם שניט, ווי מאני לייב, איז געווען די גרעסטע דערגרייכונג, וואָס אַ מענטש קאָן נאָר דערגרייכן אין לעבן. ביי אים איז מאני לייב געווען דער קעניג פון די יידישע פּאָעטן, און ער — דער פּרינץ... ער האָט זיך טייער געהאַלטן אַלס פּאָעט, געוווסט זיין אייגענעם ווערט... מען דערציילט ווי אייגמאָל האָט ער זיך עפּעס צעקריגט מיט בערטאַ קלינגס שוועסטער, גראָד אַ וונדערלעכע, שיינע פּערזענלעכקייט. איז אברהם משה געלאָפן אַהיים און זיך אָנגערופן צו זיין ברודער:

— אַז איך וועל שטאַרבן, זאָלסטו נישט לאָזן בערטאָ קלינגס שוועסטער גיין נאָך מיין לוויה.

דאָס איינציקע מיט וואָס ער האָט איר געקאָנט אָפּטאָן... קיין אַנדערע רייכטימער דאָך נישט פאַרמאָגט...

געקומען זענען נאָך שרייבער, וואָס האָבן זיך נישט געהאַט וווהין אַהינצוטאָן. ס'רוב פון די עלנטע אומפאַרהייראטע, נישט־באַשעפטיקטע, אייניקע טאַקע גאַנץ אָרעמע. געקומען זענען זיי אָפּזיצן דעם גאַנצן טאָג און אויך אַ שטיק אין דער נאַכט...

געקומען זענען אויך יידישע אַקטיאָרן, וואָס האָבן זיך ליב געהאַט צו חברן מיט שרייבער, אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשטרעבט צו שפּילן אַ רעפּערטואַר פון אַ העכערער קינסטלערישער מדרגה, ווי נח נאַכבוש, שלום טאניין, משה פעדער, מרדכי יחסן, ראָזע זשע־ליאַזאָ, בעלאַ בעלאַרינאַ און נאָך...

און אַז ס'איז געקומען דער אָוונט נאָך וועטשערע איז גע־וואָרן ליידיקלעך. געבליבן איז אַזאַ גרשון, אַזאַ ב. ריווקין, אַזאַ לאַמעד שאַפּיראָ, אַזאַ אברהם משה דילאָן, אַזאַ טאַבאַטשניק, אַזאַ יוסף גרינשפּאַן.... איז איינמאָל אַ נאַכט — ווי מען האָט געמאַכט אַ האָלד־אָפּ אויף קאַפּע אייראָפּע... דאָס זענען געווען זיי־ער נאַרישע האָלד־אָפּניקעס. אויסגעקליבן דאָס ריכטיקסטע פּלאַץ צו מאַכן אַ האָלד־אָפּ...

גרשון איז דעמלט געזעסן ביי אַ טישל מיט דר. זלאטקין און געשפּילט אין שאָך... ביי אַנדערע טישלעך זענען געזעסן אַנדערע שרייבער, און ווי זייער שטייגער גערעדט. אין הינטערשטן צימער זענען געזעסן אַ פיר־פינף חברה און געשפּילט אין קאָרטן... און

דאָ שטעלן זיך אַריין צוויי פּאַרשוינען און מען טוט אַ געשריי: „האַלד־אַפּ"..... האָט מען זיך צעלאַכט. סאיז עפּעס אַזוי געווען אומגלויבלעך, אַז אין קאַפע איירעפּע זאָל מען מאַכן אַ האַלד־אַפּ, אַז מען האָט זיך צעלאַכט, געמיינט, אַז סאיז עפּעס אַ שפּאַס... איז דאָס נישט געפעלן געוואָרן די צוויי פּאַרשוינען, און איינער פון זיי, אַ פּעטלעכער, אין אַ צעבראָסטעטן מאַנטל, און טיט צוויי זייער גרויסע אויערן, וואָס האָבן געפלאַמט זייער רויט, האָט זיך אַ לאָז געטאָן איבערן רעסטאָראַן צווישן די טישלעך, געפּאָכעט מיט אַ שוואַרצן רעוואָלווער און געשריגן מיט אַ הייזעריק קול: „ס'איז נישט קיין שפּאַס, מיר מיינען ביזנעס, הויבט די הענט!" האָט מען געהויבן הענט, אַ ברירה האָט מען געהאַט? יוסף גרינשפּאַן האָט נאָר געקאָנט אויפהייבן איין האַנט, די צווייטע איז ביי אים געווען אַ פּאַראַליזירטע, איז ער געשטאַנען אין טויט שרעק...

און דער ערשטער קרבן איז געווען גרשון. ער האָט זיך נעבעך געשעמט פאַר דעם פעטלעכן האַלד־אַפּניק (דער צווייטער איז געשטאַנען ביי דער טיר, אויך מיט אַ רעוואָלווער און געהאַלטן אַן אויג אויף אַלעמען). גרשון האָט געהאַט אין קעשענע בלויז צוויי ניקלס, און דער האַלד־אַפּניק האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַזאַ פּאַרניכטיקנדיקן בליק, אַז ס'האָט אַזש אונדזער בחור געשמאַרצט דאָס לייב פון בושה.

אברהם טאַבאַטשניק האָט נישט געוואַרט ביז דער האַלד־אַפּניק וועט צוקומען צו אים, נאָר ער איז צוגעקומען צום האַלד־אַפּניק, מיט אַ דאָלאַר אין האַנט איז ער צוגעקומען און זיך אָנגערופן אַ לייטישער: „איך האָב מערער נישט, ווי איין דאָלאַר, נאַט אייך אים". האָט דער האַלד־אַפּניק אַ קוק געטאָן אויך אויף טאַבאַטשניקן מיט אַ פּאַרניכטנדיקן בליק...

און דאָ האָט יוסף גרינשפּאַן מיט דער איינער געזונטער האַנט אָנגעהויבן צו לויפן צו דער הינטערשטער טיר, און נאָך אים אברהם משה דילאָן, און נאָך אברהם משה דילאָן אַ סך אַנדערע.

— מען טאָר נישט אַנטלויפן! — האָט דער פעטלעכער געשריגן מיט אַ פאַרוואורף — איך קאָן נאָכשיסן.

ער האָט אָבער נישט נאָכגעשאָסן, ער איז אַליין אויך אַנטלאָפן מיט זיין שותף. אָבער איידער ער איז אַנטלאָפן האָט ער אַרויסגעכאַפּט פון דער קאַסע דריי דאָלאַר מיט פערציק סענט...

איז די גאַנצע רויב זייערע באַשטאַנען פון פיר דאָלאַר מיט פופ־ציק סענט...

זוגי מאוד מיט אַ טויט ערנסט פּנים האָט נאָכדעם באַדויערט די יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, וואָס טויג זיך נישט אַפילו פאַר האָלד־אָפּניקעס. מענטשן שטעלן דיר איין דאָס לעבן און מיט וואָס גייען זיי אַוועק? מיט גאָרנישט. ווו ערגעץ אַ האָלד־אָפּניק אין אַמעריקע, וועט דאָך איצט וויינען פון דער יידישער ליטעראַטור! זיי וועלן זאָגן: קבצנים, האָלעדריגעס, באַנדאַרדעגעס — טפו!...

# גרשונס פרנסות...

האָט זיך גרשון נישט געשעמט, וואָס ער מאַכט נישט קיין לעבן? ניין, ער האָט זיך נישט געשעמט. אין קאַפע „אייראָפּע“ איז דאָס גאָרנישט געווען קיין חסרון... אַז מען זאָל דערציילן די געשיכטע פון אַ סך יידישע שרייבער, וועט מען זיך דערוויסן, אַז כמעט יעדער איינער פון זיי האָט געהונגערט אין די יונגע יאָרן... מען איז איינער אַליין, נישטאָ קיין עול פון ווייב און קינד... יאָ, מען האָט געהונגערט און שפּעטער מיט יאָרן האָט מען דאָס דער־ציילט אין פריידן...

לאָמעד שאַפּיראָ האָט זייער שטאַרק געהונגערט אין די יונגע יאָרן, ער האָט עס דערציילט גרשונען, און נישט כדי זיך צו באַ־רימען, נאָר כדי אים אָנצושרעקן, ווייל ער האָט געזען, אַז גרשון פאַרנעמט זיך איצט אויפן זעלביקן דרך (מען האָט גרשונען גע־וואָלט געבן אַ לערער־שטעלע אין דער ווייטער פּראָווינץ, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט, נישט געקאָנט זיך צעשיידן פון ניו־יאָרק). „און אַז מען לערנט זיך אויס הונגערן — האָט לאָמעד שאַפּיראָ געזאָגט — לערנט מען זיך אויס אַ סך אַנדערע מידות, גאָרנישט קיין גע־הויבענע, און איינע פון די דאָזיקע מידות איז אָפּט צו נעמען הלוואהלעך ביי פריינד, וואָס זענען נישט קיין הלוואהלעך, נאָר פּשוטע נדבות, און „נעווער מאינד“ — האָט ער צוגעגעבן שטרענג (ער האָט טאַקע אַזוי געזאָגט, „נעווער מאינד“, ליב געהאַט אָפּט צו באַנוצן ענגלישע ווערטער, וואָס לאָזן זיך נישט איבערזעצן אין יידיש און זיי זענען זייער קרעפּטיק און בילדלעך), און „נעווער מאינד“, וואָס דו ביסט שטאָלץ מיט זיך אַלס קינסטלער, ס'איז צו פאַררעדן די ציין זיך אַליין“...

גרשון איז אָבער געווען זיכער, אַז ער וועט זיך נישט אויס־לערנען די מידה פון נעמען צו אָפּט הלוואהלעך. זיך פּשוט גע־

שעמט, און דער פרוי גאָלוביצקי — מיטן ערשטן פּאַרדינסטל, האָט ער איר גלייך געגומען אויסצאָלן. גרשון איז כמעט זיכער, אַז אין איר בוך פון חובות פון שרייבער, וואָס די פרוי גאָלוביצקי האָט נאָך אפשר ביי זיך פון די אַמאָליקע יאָרן אַלס באַלעבאָסטע פון קאַפע „אייראָפּע", איז נישטאָ, אַז ס'קומט נאָך פון אים אַזוי פיל און אַזוי פיל... און אפשר זאָל ער נישט זיין אַזוי זיכער?... אפשר טאַקע איז ער עפּעס געבליבן שולדיק, ווען קאַפע „אייראָפּע" האָט זיך פאַרמאַכט?... און פאַרמאַכט האָט זי זיך טאַקע צוליב צופיל חובות פון שרייבער...

יענעם ווינטער האָט גרשון ווידעראַמאָל געשאַרט שניי אויף די גאַסן. און אַ שניי־שאַרער איז ער דאָך געווען שוין אַ דערפאַרענער פון די בראָנזווילער צייטן. אָבער וויפל אַזוינע טעג, אומ־שטיינסגעזאָגט, פאַלן אוים אין ניו־יאָרק וואָס פאַלט אַ געדיכטער שניי, אַז די שטאָט דאַרף דינגען מענטשן צו שארן? האָט גרשון אויך פאַרקויפט עפּל אויפן ראָג פון פערצנטער גאַס און צווייטער עוועניו. אָבער בלויז איין טאָג איז גרשון געווען אַ פאַרקויפער פון עפּל, בעסער געזאָגט נישט קיין פאַרקויפער, זייער ווינציק עפּל פאַרקויפט, צוליב דעם וואָס ער איז נישט געווען דער אייגציקער אויף ראָג פערצנטער גאַס און צווייטער עוועניו, געווען אַ סך עפּל־פאַרקויפער... גרשון האָט פּשוט דערלייגט צו די עפּל... נאָך דעם דירכפאַל אַלס אַ סוחר פון עפּל, איז גרשון געוואָרן אַ סוחר פון קראַוואַטן, די באַרימטע זיסלמאַנס קינסטלערישע קראַוואַטן. נאַ־ראַיעט האָט גרשונען דעם דאָזיקן דזשאָב דער פּאָעט פון די „יונ־גע", אברהם משה דילאָן.

געווען אַ יידישער פּאָעט זיסלמאַן, געדרוקט זיך אין דער „פע־דער", דערנאָכדעם אין „אויפקום". אַ פּאָעט, אַן עסטעט אין זיין קליידונג, אין זיינע מאַניערן, אין זיינע רייד, אַפילו ביי אַ טישל אין קאַפע „אייראָפּע" איז ער געזעסן עסטעטיש און געגעסן עס־טעטיש. אַ ליבער מענטש מיט פּייכטלעכע גלאַנציקע שוואַרצע אויגן. מיט געקרייזלטע שוואַרצע האָר, דאַכט זיך געטראָגן אַ שטעקן אויך, מיט אַ שיינער גאַלקע. האָט דער דאָזיקער יידישער פּאָעט זיסלמאַן פּראָדוצירט האַנט־געמאָלענע עסטעטישע קראַ־וואַטן. ער האָט זיך דאַכט טאַקע אַזוי „אַדווערטאַיזט": „זיסל־מאַנס עסטעטישע קראַוואַטן".

און גראָד איז גרשונען גוט געגאַנגען מיט די דאָזיקע קראַוואַטן. דעם ערשטן טאָג האָט ער פאַרקויפט גאַנצע צען שטיק און פאַרדינט ביי זיי זעקס דאָלאַר. און די אַלע צען שטיק האָט ער פאַרקויפט אין איין פּלאַץ, אין סאלינס רעסטאָראַן, אויף דער פערצנטער גאַס צווישן דריטער און צווייטער עוועניו.

אין סאלינס רעסטאָראַן אויף דער פערצנטער גאַס איז אויך געווען אַן אָרט פאַר קולטור. דאָרטן האָבן אָפט זיך געטראָפן איטשע ליבמאַן, דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל „די וואָך“ מיט אַלע זיינע מיטאַרבעטער; דאָרטן האָבן געגעסן זייערע מאָלצייטן אַ סך מיטגלידער פון דער באַרימטער טעאַטער-גרופּע „אַרטעף“. דאָרטן איז פאָרגעקומען דער באַנקעט פאַר דוד בערגעלסאָנען, אויף וועלכן דער פּאָעט מנחם האָט אים געווידמעט אַ ליד, און בערגעלסאָן האָט זיך מיט כעס אָפּגעזאָגט פון דער ווידמונג, און גרשון געדענקט שוין נישט צוליב אַ וועלכער סיבה. דאָרטן איז פאָרגעקומען אַ גרויסער באַנקעט פאַר דעם שריפטשטעלער אייזיק ראַבאָי, און גרשון האָט זיך דעמלט באַקאַנט מיט ראבאָים זעקס אָדער זיבן ברידער. דאָרטן האָט אויך דער פּראָלעטפּען געפּראַוועט ליטעראַרישע שמחהלעך...

אָבער געלייזט האָט גרשון פאַר זיינע קראַוואַטן נישט פון „פּראָלעטפּעניקעס“ און נישט פון „אַרטעפניקעס“, נאָר פון אַרבעטער, וואָס פלעגן אַלע פאַרנאַכט דאָרטן עסן וועטשערע, פון די זייער גוטע בעלי-מלאכות...

יאָ, גאַנצע זעקס דאָלאַר האָט גרשון פאַרדינט דעם ערשטן טאָג, און ער האָט שוין גערעכנט, אַז דאָ האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין זייער אַ גוטער פּרנסה. אַלע טאָג זעקס דאָלאַר, און בלויז אין איין שעה. דאָס הייסט פאַרנאַכט ווען מען האָט געגעסן וועטשערע אין די רעסטאָראַנען. זעקס דאָלאַר אַ שעה — נישט שלעכט! דעם צווייטן, דעם דריטן, דעם פערטן און אַזוי ווייטער אין משך פון צען טעג האָט ער אַלץ געמאַכט זייער גוטע געשעפטן מיט זיסלמאַנס קראַוואַטן, און אַלץ אין רעסטאָראַן אויף דער פערצנטער גאַס. אָבער נאָך צען טעג — ווי ס'האָט זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט. נישט געקאָנט פאַרקויפן קיין איין קראַוואַט... און די סיבה איז געווען, וואָס ס'איז שוין נישט געווען ווער ס'זאָל ביי אים קויפן. ס'האָבן זיך אויסגעלאָזט אַלע מעגלעכע קויפער, דאָס הייסט

זיינע גוטע באַקאַנטע, און אַזוינע, וואָס האָבן אים געקענט אַלס שרייבער, פרעמדע זענען נישט געווען אַזוי להוט צו קויפן ביי אים אַ קראַוואַט פאַר אַזויפיל געלט, ווי צוויי דאָלאַר אָדער צוויי מיט פופציק...

הכלל, גרשון איז געוואָרן אויס סוחר מיט קראַוואַטן, אָבער גאָט האָט אים געהאָלפן, און ער איז געוואָרן אַן אָפּערע־שפּילער — וואָס דאָס וועט דערציילט ווערן אין דער קומענדיקער מעשה...

# גרשון — אַ רוימישער סענאַטאָר

איז הייסט דאָס גרשון געוואָרן אַ שפּילער אין דער אָפּערע, אין מאַנהעטן אָפּערע הויז... לאַכט איר מסתמא?... גרשון האָט אויך געלאַכט... דאָס האָט ווידעראַמאָל אברהם משה דילאָן אים גאַראַיעט דעם דזשאָב... און ווי קומט אברהם משה צו דער אָפּערע? דאַכט זיך געהאַט אַ ברודער, וואָס איז דאָרטן געווען באַשעפטיקט צי אַלס זינגער, צי אַלס טעכניקער...

אברהם משה פלעגט באַקומען אַ קאַרטל פון מאַנהעטן אָפּערע הויז אָנטיילצונעמען דאָרטן אַלס סטאַטיסט, ווען נאָר מען האָט געדאַרפט סטאַטיסטן. און סטאַטיסטן האָט מען כמעט אין יעדער אָפּערע געדאַרפט. האָט ער דאָס קאַרטל אויסגעליען גרשונען פון צייט צו צייט...

איז געווען אַ ווינטער פאַרנאַכט. דער שומר ביי דער טיר האָט אים אַריינגעלאָזט, ווי נאָר גרשון האָט אים געוויזן דאָס סטאַטיסטן־קאַרטל... און גרשונען האָט דאָך שטענדיק געצויגן צום טעאַטער, נישט גראָד אַליין צו שפּילן, נאָר צו זיין דאָרטן, ווו טעאַטער ווערט געשאַפן, צו זען, ווי אַזוי טעאַטער ווערט געשאַפן... איז ער אַריינגעטראָטן אין די הינטער־קוליסן פון מאַנהעטן אָפּערע הויז מיט אַ ציטער פון ערנפורכט, געוואָלט זיך לאָזן און באַטראַכטן אַלע ווינקעלעך. אָבער מען האָט אים נישט געלאָזט. אַ צווייטער שומר האָט אים גלייך אַראָפּגעשטופּט אין קעלער אַריין. דאָס גאַרדעראָב־צימער פאַר די סטאַטיסטן איז געווען אין קעלער. דאָרטן זענען געווען שאַפעס מיט פאַרשיידענע היסטאָרישע קליידער, און פּאַרצייטיקע שווערדן, און פייל־בויגנס, און שטאָלענע פּאַנצערס פון די ריטערס אין מיטלאַלטער... דאָרטן האָבן די סטאַטיסטן זיך מאַקע איבערגעטאָן אין רוימישע לעגיאָנערן, אָדער אין עגיפּטישע פּריסטער, אָדער אין רוסישע קאָזאַקן...

גרשון געדענקט עפּעס נישט דעם נאָמען פון דער ערשטער אָפּערע אין וועלכער ער האָט געשפּילט. וואָס ער געדענקט יאָ איז, אַז ער האָט געדאַרפט זיין אַ רוימישער לעגיאָנער... און די רוימישע לעגיאָנערן זענען דאָך באַקאַנט אַלס הויכע, ברייטע, שטאַרקע יונגען, איז וואָס פאַר אַ קאָסטיום דער גאַרדעראָב־מאַן, אַן עלטערער איירישער מאַן מיט אַ רויט, אַפּאָפּלעקטיש פּנים, מיט אַ נאָכהענגענדיקן גוידער, האָט אים געגעבן, איז געווען צו לויז. אונדזער מאָגערער גרשון איז פּשוט אַרויסגעפאַלן פון זיי. דער גאַרדעראָב־מאַן איז געווען זייער בייז: „ווי שיקט מען דאָס אים אַזאַ דאַרן בראָנדיע?“. די איבעריקע סטאַטיסטן, אַ צוואַנציק אין צאָל, זענען שוין פון לאַנג געווען אָנגעטאָן אַלס רוימישע לעגיאָנערן. און די „רוימישע לעגיאָנערן“ איידער די אָפּערע הייבט זיך אָן, שפּילן דערווייל אין פּויקער, אַ פּעני דאָס העכסטע. דער מאַן פון דער גאַרדעראָב וואָלט אויך געשפּילט מיט זיי אין פּויקער, ווען נישט גרשון. ער האָט זיך נעבעך מיט אים געמוטשעט, לאַנג געמוטשעט, ביז ער האָט סוף־כל־סוף פאַרצווייפלט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַ זאָג געטאָן מיט פאַרדרוס:

— פון דיר קיין רוימישן לעגיאָנער וועל איך שוין נישט מאַכן, איז ווער זשע אַ סענאַטאָר...

איז גרשון געוואָרן אַ סענאַטאָר, אַ רוימישער סענאַטאָר. אַזאַ מין פאַרוק פון געקרויזלטע שוואַרצע האָר, האָט ער אַרויפגעטאָן אויף זיין קאָפּ, אַ שמיר געטאָן דאָ אויף זיין פּנים, אַ שמיר געטאָן דאָרטן, אים אַריינגעפּאַקט אין אַזאַ מין ווייסן לויזן ברייטן העמד מיט באַפּוצונגען אויף די אַרבל, כלומרשט אַ טאָגע, אַ סענאַטאָרישע טאָגע, אַרויפגעצויגן אויף זיינע באָרוועסע פיס אַ פּאָר סאַנדאַלן מיט לעדערנע רימענס פון פאַרצייטיקן רוימישן שניט — און גרשון איז געוואָרן אַן עכטער רוימישער סענאַטאָר.

וואָס ער האָט געדאַרפט טאָן אויף דער בינע איז זיך לאָזן מיט אַ גרופּע אַנדערע רוימישע סענאַטאָרן אַנטקעגן דעם העלד פון דער שפּיל, וואָס איז אַרויפגעפאָרן אויף דער בינע אין אַ רייטוואָגן, געשפּאַנט צו צוויי פערד... און די צוויי פערד האָט גרשון באַמערקט איידער ער איז אַרויס אויף דער בינע שטייען זיך אַזוינע שטילינקע הינטער די קוליסן צונויפגעשפּאַנט צום רייטוואָגן, אַזוינע פאַרשטענדיקע און טוען נישט אָפּ חס וחלילה קיין שום פערדישע

שטיק... שטיל זענען געווען די פּערד, פּונקט ווי להבדיל אַלע אַנדערע אַקטיאָרן און סטאַטיסטן, וואָס זענען געשטאַנען הינטער די קוליסן און געוואַרט אויף זייער אַרויסטריט... און די זעלביקע פּערד, וואָס זענען געשטאַנען אַזוי שטיל הינטער די קוליסן, האָבן געגעבן שפּעטער אַ פּאָר אַרויף אויף דער בינע מיט אַזאַ שטאָלצקייט און פֿאַררייסנקייט און געמאַכט דעם איינדרוק פֿון ביסטרע מלחמה־פּערד, דאָס האָבן זיי אויך געשפּילט אַ ראָל, און זייער גוט געשפּילט...

ביים הויפּט־אַקטיאָר פֿון דער דאָזיקער אָפּערע האָט זיכער אַזוי שטאַרק נישט געטיאָכקעט דאָס האַרץ ווי ביי גרשונען. ער האָט געכאַפּט אַ זייטיקן בליק צו דעם פּיגצטערן אודיטאָריום און ס'איז אים פֿאַרשטאָרבן געוואָרן דאָס האַרץ: ס'האָט זיך אים אויסגעדאכט, אַז פֿון זאַל אונטן, און פֿון די לאָזשעס און פֿון די באַלקאָנען, די אַלע טויזנטער אויגן קוקן נאָר אויף אים. אויף קיינעם קוקט מען נישט, נאָר אויף אים, גרשונען... און די געוויסע באַקאַנטע זיינע און אַלע עלטערע בהורים, גרויסע חסידים פֿון דער אָפּערע, וואָס געפֿינען זיך איצט צווישן עולם, קוקן אַוודאי נאָר אויף אים, גרשונען...

און דאָ פּלוצלונג האָט ער דערפֿילט, אַז ס'ווערט אים לוי: אַ רימען פֿון סאַנדאַל אויפֿן רעכטן פֿוס. זיך אָנגעבויגן און אים צורעכט מאַכן, וועט ער דאָך נישט וואגן, אַז אַזויפֿיל אויגן קוקן אויף אים... איז ער געשטאַנען פֿאַרגליווערט און מורא געהאַט זיך אַ ריר צו טאָן מיטן רעכטן פֿוס... ווען מען קאָן כאָטש אַזוי שטיין ביז דער פֿאָרהאַנג וועט זיך אַראָפּלאָזן. ניין, דאַרף מען זיך רירן, מען דאַרף זיך לאָזן צו אַ געוויסן אַרויסגאַנג... און דאָ איז שוין דער רימען אינגאַנצן לויז געוואָרן און דער סאַנדאַל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון זיין פֿוס, און אַנדערע סטאַטיסטן, וואָס שפּאַנען נאָך גרשונען פֿאַרשאַרן דעם סאַנדאַל אין אַ זייט... אָט באַלד וועלן די טויזנטער מענטשן אין אודיטאָריום אויסשיסן אין אַ גרויסן שפּאָטישן געלעכטער...

אָבער דאַנקען גאָט, די טאַצן האָבן אַ פּויק געטאָן, די טרובעס האָבן זיך צעשפּילט, די אַקטיאָרן און דער כאָר אויף דער בינע האָבן זיך צעזונגען, און פֿונעם גרויסן טומל וועלן אפֿשר די מענטשן אין אודיטאָריום נישט זען דעם מכשול, וואָס האָט זיך

געטראָפֿן מיט גרשונען... וואָס ער האָט איצט מורא איז, אַז דער אײרישער גאַרדעראָב־מאַן שטייט זיכער דאָרטן בײַ אַ שפּאַלט און קוקט אַרײַן צו זען, צי זײַנע סטאַטיסטן פֿירן זיך אויף ווי עס דאַרף צו זײַן, און ער האָט אוודאי באַמערקט, וואָס ס'האָט געטראָפֿן מיט גרשונען, און ווי באַלד גרשון וועט אַראָפּ פֿון דער בינע וועט ער אים צערײַסן ווי אַ הערינג... איז ווידעראַמאָל דאַנקען גאָט. דער גאַרדעראָב־מאַן האָט אַפֿילו נישט קיין קרום געטאָן מיט קיין אויג, פֿאַרקערט, אים דערלאַנגט, נאָכדעם ווי גרשון האָט זיך איבערגעטאָן, אַ גרין קאַרטל, און דאָס גרינע קאַרטל האָט גרשון אָפּגעגעבן בײַם אַרויסגאַנג צו אײנעם אַ שטאַרקן הויכן מאַן, און יענער האָט אים דערלאַנג אַ זילבערנעם דאָלאַר...

יאָ, אַ זילבערנער דאָלאַר גרשונען פֿאַר שפּילן אָפּערע...

# אין גערויש פון דער פערצנטער גאַס

אַז גרשון וויל זיך דערמאָנען אין אַמאָליקן „פּראָלעטפּען“ הייבט אָן רוישן און ברומען אין זיינע אויערן דער גערויש און געברום פון פערצנטער גאַס. די פערצנטע גאַס צווישן צווייטער און פערטער עוועניו... און פערצנטע גאַס האָט גערוישט און געברומט ביז שפּעט אין דער נאַכט, און שפּעט אין דער נאַכט אויך גישט אויפגעהערט...

און אַז גרשון דערמאָנט זיך אין גערויש און אין געברום פון פערצנטער גאַס, דערזעט ער גלייך ווי מענטשן אויף די טראָטואַרן האַלטן אין איין שטראָמען... אַזוי פיל סאַבוועי-אַריינגאַנגען לעבן דער פערטער עוועניו און אויף יוניאָן סקווער — מען שטראָמט צו די סאָבוועי-אַריינגאַנגען און אַנדערע גלייכצייטיק שטראָמען אַרויס... פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט אַזוי...

און אַז גרשון דערמאָנט זיך אין די כסדר שטראָמענדיקע אויף די טראָטואַרן פון דער פערצנטער גאַס, דערזעט ער אויך די כסדר שטייענדיקע אויף די טראָטואַרן פון דער פערצנטער גאַס... אַ סך מענטשן נאָר זיי שטייען, ווי מען וואַרט אויף עפּעס, ווי מען ריכט זיך אויף עפּעס... שטייען שטייט מען אויף דער זייט גאַס, וווּ ס'געפינען זיך די מווי-הייזער און די אָפּענע „האָט דאָג“ און האַמבורגער פלעצער, צווישן דריטער און פערטער עוועניו... שטייען, שטייען דאָרטן די וואָרלאָזע, די אַרבעטלאָזע מיט הונגעריקע אויגן און עלנטע הערצער (דאָס איז געווען אין די יאָרן פון גרויסער אַרבעטלאָזיקייט — און אפשר שטייט מען איצט אויך). און גראָד דאָרטן לעבן די ביליקע „האָט דאָג“ און האַמבורגער פלעצער געפינט זיך דער באַרימטער לוטשאוס רעסטאָראַן, וווהין רייכע קומען עסן אין גרויסע לימוזינען געטריבן פון אוניפאָרמירטע שאָפערס...

און אַז גרשון דערמאָנט זיך אין די כסדר־שטראָמענדיקע און די כסדר־שטייענדיקע אויף די טראָטואַרן פון דער פערצנטער גאַס, דערהערט ער גלייך די פאָנאָגראַף־רעקאָרדס, וואָס האָבן געהאַלטן כסדר, בייטאָג און ביינאַכט אַרויסשפּילן פון די מוזיק־קראָמען צו דער גאַס אַרויס, כדי צו ציען קונים... געווען אַ האַרבסט אויף דער פערצנטער גאַס, וואָס פון אַ מוזיק־געשעפט האָט אַ פאָנאָגראַף־רעקאָרד וואָכן נאָכאַנאַנד געהאַלטן אין איין אויסזינגען צו דער גאַס אַרויס דאָס קלאָגנדיקע ליד נאָכן טויט פון דעם באַרימטן מוווי־אַקטיאָר רודאָלף וואַלענטינאָ... געווען אַ ווינטער אויף דער פערצנטער גאַס, וואָס וואָכן כסדר האָט פון אַ מוזיק־געשעפט געהאַלטן אין איין אַרויסזינגען אין יידיש פון אַ פאָנאָגראַף־רעקאָרד דאָס קול פון ליוסי גערמאַן וועגן דער אומגליקלעכער מאַמען... איבער אַ גאַנצן בלאָק איז נאָכגעגאַנגען גערמאַנס וויינענדיק קול... מאלי פּיקאָנס אַ רעקאָרד, „וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב דיך ליב“, האָט זיך אויך געהערט בייטאָג און ביינאַכט וואָכן כסדר אויף דער זעלביקער גאַס... און שלום סעקונדאַס לידל: „ביי מיר ביסטו שיין“ האָבן שטענדיק אַרויסגעזונגען בייטאָג און ביינאַכט פון די מוזיק־קראָמען צו דער גאַס אַרויס, די לעצטע שלאַגערס („היטס“) סיי אין ענגליש, סיי אין יידיש...

אויך לידער פון קאַמף און האָפענונג זענען אַרויסגעזונגען געוואָרן אויף דער זעלביקער גאַס פון אַ געוויסער געביידע. דאָרטן האָט יעקב שייפער אין די אָוונטן מיט זיין גרויסן כאָר איינגעשטודירט אברהם רייזענס „אך, וואָס קלינגט איר קירכן־גלאָקן“, און פּרצס „צוויי ברידער“, און יאָסל קאָטלערס „אוי געוואַלד אַ גנבֿ! כאַפּט אים און קלאַפּט אים און זעצט אים איין“... און פון אַן אונטערשטן שטאָק אין דער זעלבער געביידע פון דער מוזיק־שול, האָבן זיך אַרויסגעטראָגן אָפּגעריסענע שטיקער שפּילן פון קלאַרנעטן, פידלען, און פלייטן... און ווייטער אַ ביסל אין אַ צווייטער געביידע פון די פענצטער פון פערטן שטאָק, האָט זיך אַרויסגעטראָגן צו דער גאַס צו ווילדע און הפקרדיקע טאַנץ־דזשעז־מוזיק. דאָרטן האָט אַ מאַן געקאָנט פאַר אַ ניקל טאַנצן אַ פאָר מינוט מיט אַ שיין מיידל.

און אויף ביידע זייטן טראָטואַרן נאָך מען שטראָמט... פאַרנאַכט שטראָמען בחורים און מיידלעך, נאָך אַ טאָג אין שאַפּ, צו

דער געביידע פון אַרבעטער־אוניווערסיטעט, זיך לערנען וויסנשאַפט און חכמות, און אויך פשוט זיך לערנען שרייבן און לייענען יידיש, וואָס זיי האָבן דאָס נישט געקאָנט דערגרייכן פון יענער זייט ים אין די אָרעמע היימען...

ס'שטראָמען בהורים און מיידלעך צו די מוווי־הייזער מיט די העל־באַלויכטענע אַריינגאַנגען... ס'שטראָמען יידישע מענטשן צו די יוניאָנס, לאַנדסמאַנשאַפטן, פּאַרטיי־מיטינגען, וואָס ווערן אָפּגע־האַלטן אין די פאַרשיידענע זאַלן אויף און אַרום דער פערצנטער גאַס...

ס'שלייכן זיך דורך צווישן די שטראָמענדיקע שיכורע ברודיקע טרעמפּס, וואָס שילטן גאָט און דעם טייוול... ס'שלייכן זיך אויך דורך צווישן די שטראָמענדיקע אָט יענע פרויען, פאַרשמינקטע און פאַרפאַרבטע, וואָס וויגן מיט אַ באַזונדער וויגעניש זייער אונ־טערשטן טייל קערפּער און ווינקען מיט אַ באַזונדערן ווונק, מיט זייערע געדיכט־אונטערגעשמירטע אויגן... און אויפן ראָג פון אוויר־ווינג־פּלעיס פון אימפּראָוויזירטע פּלאַטפאָרמעס שרייען איבער דעם גרויסן געבערום און גערויש רעדנער און אַגיטאַטאָרס, „אי דאַבליו דאַבליוניקעס", אַנאַרכיסטן, סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן...

און אַז גרשון הערט שפּילן דזשאַרזש גווירשווינס באַרימטע „רעפּסאָדי אין בליו" מיינט ער, אַז יענער האָט דאָס געשאַפן פון דעם גערויש און געברום און געקלאַנג אויף דער פערצנטער גאַס אין אַ ביינאַכט... אין גרשונס זכרון, די פערצנטע גאַס איז אַ ביי־נאַכט, ווי זי שפּילט אוים אויף קלאַרנעטן, אויף געדיכטע טרובעס, אויף צימבלען און אויף פּויקן, און אויך אויף פליימן, די בענק־שאַפטן, די האָפענונג, דעם צער, דעם עלנט, דעם דראַנג, דעם באַ־גער, אויך די הפקרדיקע פרייעלעכקייט און צעלאָזנקייט פון די אַלע מענטשן אויף די טראָטואַרן, סיי פון די וואָס האַלטן אין איין שטראָמען, סיי פון די וואָס האַלטן אין איין שטיין, צווישן דעם גרויסן טומל און געפּילדער, פון די פאַרבייפאָרנדיקע טרובענדיקע אויטאָמאָבילן, בריאזגענדיקע דורכלויפנדיקע הויך־באַנען אויף דער דריטער עוועניו, ברומענדיקע סאָבוועי־צוגן טיף, טיף אין די איינ־געווייטן, אונטער דער ערד...

אויף דער דאָזיקער גאַס איז דאָס געווען די „סטעמפּינג גראַונדס" (דאָס טרעפונג־אָרט) פון דעם אַמאָליקן „פּראָלעטפּען",

אָדער די וואָס האָבן זיך אָריענטירט אויף דער אידעאָלאָגישער איינשטעלונג פון פּראָלעטפּען. דיכטער פון „פּראָלעטפּען“ האָבן מאַקע געשריבן לאַנגע פּאָעמעס וועגן פּערצנטער גאַס, יוניאָן סקווער, די באוערי, וואָס זענען גלייך באַלד לעבן דער פּערצנטער גאַס...

יאָ, ווען גרשון וויל זיך דערמאָנען אין „פּראָלעטפּען“, קומט גלייך ארויף די פּערצנטע גאַס... ער זעט זיי, די שרייבער אומעטום אויף פּערצנטער גאַס, אויף יוניאָן סקווער... ער זעט זיי לעבן אַר־בעטער־אוניווערסיטעט, און לעבן „אויטאָמאַט“, און לעבן דער קאַפּעטעריע „קרוסעידער“, און אויף אורווינג פּלעיס...

## יעמוד!...

יעמוד:

דער יונגער דיכטער אייזיק פּלאַטנער מיט דעם געדיכטן גרויען קאָפּ האָר, נישט אינגאַנצן גרוי, גרוי געמישט מיט ברוין... זיינע פּערלמוטערנע גרינלעכע אויגן זענען שטענדיק אי טרויעריק, אי פריילעך. אויף די באַקן פון זיין רונדן פּנים איז איינגעגלידערט אַ שטענדיק שמייכעלע. אייביק שמייכלענדיקע באַקן און אייביק טרויעריק־פריילעכע אויגן.

חברים שרייבער האָבן אים ליב געהאַט. די קינדער אין שול, זיינע תלמידים און תלמידות האָבן אים ליב, די עלטערן פון די קינ־דער האָבן אים ליב... אַ בחורל פון פּוילן, פון זייער אָרעמע על־טערן... גייט איבער די ניו־יאָרקער גאַסן און ס'שפּאַנט אים נאָך דאָס אָרעמע בחורל פון פּוילן... און ער האָט גאָר געקאָנט מאַכן מענטשן פריילעך. געווען דער פּאַרוואַלטונגס־דירעקטאָר אין קעמפּ „קינדערלאַנד" אַ געוויסן זומער. געשריבן הומאָריסטישע זאַכן און זיי פאָרגעלייענט ביי די קעמפּ־פייערן און מענטשן האָבן געלאַכט און געלאַכט...

יעמוד: דער יונגער אהרן קורץ מיט דעם שיינעם קאָפּ אש־גרויע האָר. זיי כוואַליען זיך זיינע האָר מיט אַ היפּשן געקרייזלטן שטענדיק שטייענדיקן לאָק פון פאָרנט איבער זיין שטערן. טראָגט אַ גרינלעכן פילצענעם הוט און שמייכלט מיט אַ חן־גריבעלע. און אפשר איז דאָס נישט קיין חן־גריבעלע, אָבער בלויז אַ קנייטש אַזאַ אין דעם ווינקל פון זיין באַק, וואָס קוקט אויס ווי אַ חן־גרי־בעלע. אהרן קורץ מיט די גרינלעכע קלוגע און וואַרעמע אויגן, און מיט דער מוזיקאַלישער שטימע. גרשון האָט אים ליב צו הערן רעדן. זיין קול גלעט. אויך זיינע אויגן... עלעגאַנט אין זיין גאַנג, גע־שמאַקפול אין זיין אָנטאָן. די שענסטע קינסטלערישע שניפּסן טראָגט

ער... ער איז שוין אַ פּאָעט מיט אַ רעפּוטאַציע, נאָך פון דער גרופּע דיכטער „אינזיכיסטן". ער האָט ליב צו רעדן וועגן פּאָעזיע און גרשון האָט אים ליב צו הערן און הערן. שרייבט לאַנגע, לאַנגע, פּאָעמעס מיט ברייטע, ברייטע שורות געמישט מיט זייער קורצע שורות, אָפטמאָל איז די שורה בלויז איין וואָרט... אַז ער לייענט פאַר פאַר אַן עולם זיינע לידער מיט זיין מוזיקאַלישער שטימע, איז דאָס געזאַנג... אַ מאַגנעטישער פּאַרלייענער.

יונגע שרייבער ליגן איבער ביי אים אין הויז, גרשון אויך... און זיינע לידער — דער אימפּעטיקער ריטם פון ניו־יאָרק... זיינע ברייטע, ברייטע שורות זענען ווי די פאַרפּלייצטע גאַסן אין ניו־יאָרק. זיין ליד אַליין איז אַ ניו יאָרקער וואָלקן־קראַצער, מיט שטאָק אויף שטאָק, אַזש ס'פאַרכאַפּט דעם אָטעם...

יעמוד:

י. א. ראָנטש, יצחק אלחנן ראָנטש. גרשון ציט זיך צו אים שטענדיק... ער איז פול מיט כוח. דווקא נישט קיין היפשער אין וווקס. אָבער עפּעס אַזאַ קראַפט און זיכערקייט אָטעמט פון זיינע ברייטלעכע פּלייצעס, פון זיינע גרווילעכע אויגן, פון זיין שטאַרקער פאַרעקשנטער גאָמבע, פון זיין רואיק סטאַקאַטאָ־קול פול מיט זי־בערקייט... פון זיינע שאַרפע ציין... אויך ער איז מיט אַ דיכטערי־שער רעפּוטאַציע, ער איז באַקאַנט פון פריער, אייגער פון דער גרו־פּע „יונג־שיקאַגאָ"... זיינע לידער זינגען די כאָרן איבערן גאַנצן לאַנד... ער איז איינער פון די גאָר־גוטע לערער, אויפגעצויגן אַ גאַנצן דור תלמידים און תלמידות, וואָס שרייבן זיך מיט אים איבער, וואָס טרעפן זיך מיט אים, אפילו נאָכדעם ווי זיי האָבן שוין חתונה גע־האַט. פון זיינע נישט געוואָלדיקע שכירות אַלס לערער, האָט ער אַרויסגערופן אַ קאָנטעסט אין דער „פרייהייט" און געגעבן געלט־פּרייזן פאַר דעם בעסטן ליד און פאַר דער בעסטער דערציילונג... אַ נאָענטער חבר פון יעקב שייפּערן און אַ בן־בית ביי קלמן מרמר... און אַז ראָנטש רעדט צו מענטשן, מאַכט ער חשוב דעם מענטשן. און אַז ער רעדט צו זיינע תלמידים און תלמידות, מאַכט ער חשוב זיינע תלמידים און תלמידות... ער איז פאַרכאַפּט פון ניו יאָרק. שטענדיק ווען ער דערזעט גרשונען שלעפּט ער אים שפּאַצירן אי־בער ניו יאָרק, איבער די גאַסן און געסלעך פון ניו יאָרק... ער

האָט מאַקע אָנגעשריבן אַ בוך וועגן ניו יאָרק, וואָס האָט זיך גע־רופן „שאָטנס פון ניו יאָרק“...

יעמוד:

סעם ליפּצין. און אַז מען דערזעט סעם ליפּצינען מוז מען זיך צעשמייכלען, מחמת ער אַליין איז גאָלע שמייכל. זיינע גרויסע ברייט צעעפנטע גרוילעכע בלויע אויגן דורך די ברילן זענען גאָלע שמייכל, זיין מאַסיוו פּנים מיט די פּריילעכע באַקן זענען גאָלע שמייכל, זיי־נע שטאַרקע ציין — גאָלע שמייכל; זיין הויך הילכיק קול — אויך גאָלע שמייכל... ער איז אַ שניידער פון פאַך. ער קאָן אייך דערציילן די ביאָגראַפיע פון דעם שניידער־פאַך אין ניו יאָרק נאָך פון די צייטן פון די ענגע סוועט־שעפּער, נאָך פון די צייטן ,ווען מען איז אַרויסגעגאַנגען אויף אַ נייעם דזשאָב, האָט מען געטראָגן אויף די פּלייצעס דעם קאָפּ פון אַ ניי־מאַשין... ער קאָן אייך דער־ציילן וועגן יענע יאָרן, ווען דאָס שניידער־פאַך האָט זיך אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אין אַ יוניאָן... פריילעך קאָן ער דערציילן אפילו וועגן עפּיזאָדן, ווו מען האָט געשפּאָלטן קעפּ פון די סטרייקערס.

ער האָט מאַקע אָנגעשריבן אַ בוך וועגן די שניידער־שעפּער פון יענע יאָרן... אַ סך מעשהלעך אין דעם דאָזיקן בוך זענען ווי די הערשל אָסטראָפּאָליער־מעשהלעך...

און ווען חברה פּאָ פּאַכו, דאָס הייסט, שניידער, דערזעען סעם ליפּצינען אויף פּערצנטער גאַס רינגלען זיי אים גלייך אַרום און מען שמייכלט, איידער ער זאָגט נאָך עפּעס... שטענדיק האָט ער שוין אַ ווערטל, אַ פריילעך מעשהלע... און אַז חברה יונגע שריי־בער דערזעען אים, רינגלט מען אים אויך אַרום, און מען שמייכלט אויך. אויך פאַר זיי האָט ער אַ גלייכווערטל, אַ פריילעך מעשהלע... ער שרייבט לידער, מעשהלעך און עפּיגראַמען... אַנקל סעם איז זיין שרייבערישער נאָמען, קומט טאַקע צו די לייענער ווי אַ פריי־לעכער אָנקל, און דערציילט לאַכנדיקע מעשהלעך מיט אַ מוסר השכל, מיט אַ פּראָלעטאַרישן מוסר השכל...

יעמוד:

דער דערציילער חיים מאַרגאָלים דאַווידזאָן. ער האָט מיט יאָרן צוריק דורכגעמאַכט אַ ביטערע טראַגעדיע: ער האָט פאַר־לוירן אַ פוס . דער צווייטער פוס איז אויך ביי אים אין סכנה פאַר־לוירן צו גיין, אָבער ער איז שטענדיק דאָ, פאַרפעלט נישט קיין

איין שרייבערישן מיטינג, קיין איין שרייבערישע אונטערנעמונג... זיינע ברוינע אויגן געלבלעך און שטענדיק גליען זיי, ווי ער וואָלט געהאַט היץ... זיינע קרייזלענדיקע שוואַרצע האָר, שטענדיק פייכטלעך... ער שוויצט טאַקע שטענדיק... ס'איז אַ געוואַלדיקע האָרעוואַניע צו גיין אויפן הילצערנעם פוס, אָבער ער גייט. ער מוז זיין דאָרטן, ווו אַלע זענען. ער איז אַ פיבערישער, אַן אימפּעטיקער.

די דאָקטוירים האָבן אים פאַרבאָטן רויכערן, מחמת טאַקע צוליב רויכערן איז פאַרהאַלטן געוואָרן די בלוט־צירקולאַציע פון זיין פוס, און מען האָט אים געמוזט אַראָפּנעמען... אָבער ער רויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן און פאַרציט זיך מיט אַזאַ ליידנשאַפט... אַן עקשן אַ גרויסער... און אַז ער האָט שפּעטער מיט יאָרן אויך אויפן צווייטן פוס נישט געקאָנט גיין, איז ער געלעגן אין בעט מיטן טאַיפּראַיטער און געשריבן ביכער.. אַ פּאָר ביכער אַרויסגעגעבן און מיט זיינע אייגענע הענט געזיצט, דאָס הייסט ,ער האָט אויפן „טאַיפּראַיטער" אָפּגעקלאַפּט די בלעטלעך און זיי פאָטאָגראַפירט, און געבונדן די פאָטאָגראַפירטע בלעטלעך צווישן טאָוולען...

# ס'לויכט אויף...

אין גרשונס זכרון לויכט אויף באַזונדער דער דיכטער ל. מי־לער. גרשון האָט געהאַט אַ פעטער אין קעשעניעוו, דער פעטער רפאל, און ס. מילער דערמאָנט אים אַזוי שטאַרק אין פעטער רפאל מיט די בלויע מילדע און וואַרעמע אויגן, מיט דעם גוט־ברויתדיקן קול, מיט די בלוי־גרויע האָר, מיט פראָמינענטע באַקן־ביינער, מיט די קרעפטיקע פלייצעס, אפילו מיטן גאַנג, אפילו אין באַגריסן מענטשן. דער פעטער רפאל האָט באַגריסט יעדן מענטשן, אפילו דעם פאַרגרעבטן משא־טרעגער מיט כבוד און השיבות...

אין מ. באַסינס רייכער אַנטאָלאָגיע וועגן יידישע דיכטער האָט גרשון געזען ל. מילערס בילד און געלייענט זיינע לידער צום ערשטן מאָל... דאָרטן זאָגט זיך אין אַריינפיר פון מ. באַסין: „ל. מילער איז איינער פון די באַדייטנסטע יונגע דיכטער, וואָס האָט זיין אייגענעם טאָן און פאָרם". די אַנטאָלאָגיע איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יאָר 1917.

ווען גרשון איז גאָר־וואָס געקומען קיין אַמעריקע האָט ער געהערט, ווי מען דערציילט אין קאַפע „אייראָפע" וועגן איינעם אַ דיכטער ל. מילער. אַן אוהב־שרייבער, אַ ליבהאָבער פון שריי־בער. ער האָט גאָר געקאָנט זיין זייער אַ פאַרמעגלעכער מענטש, און איז טאַקע אַ צייט געווען זייער פאַרמעגלעך, אָבער אַז ער האָט גאָר ליב צו זיין מיט שרייבער, אַרויסגעבן ליטעראַרישע זשורנאַלן, גרינדן שרייבערשע קרייזן.. און אַז ער איז געווען אַ צייט פאַרמעגלעך, האָט מען דערציילט, האָט ער אויסגעהאַלטן געוויסע אָרעמע יידישע שרייבער און זיי אַריינגעבראַכט באַשטימ־טע וועכנטלעכע סומעס.

אָבער וואָס גרשונען איז שטאַרק געפעלן וועגן אים, איז וואָס ער איז געווען אַ פאַרקאָכטער טענים־שפילער, טאַקע אָנגעשריבן

אַ סעריע לידער וועגן טענים... גרשון איז אויך געווען פאַרקאָכט אין ספאָרט — אין סאקער אָדער פוטבאָל, ווי מען רופט דאָס אין רוסלאַנד. אין בערשאַד נאָך געשפילט. געקאָנט גוט לויפן איבערן פעלד מיט זיינע לאַנגע דאַרע פיס און זיך טאַקע זייער שיין אויסגעוויכנעט דעם ‏רעכטן קני־ביין, און ער האָט געקאָנט בלייבן אַ קאַליקע אויף זיין גאַנץ לעבן. דאָס איז געווען איז קעמפ „גימנעדאַיגעט"...

ער האָט ליב ,ל. מילער, צו אָטעמען אין דער לופט פון שרייבער. האָט ליב, אַז שרייבער זאָלן טאָן, שאַפן, אַרויסגעבן ליטעראַרישע זשורנאַלן. און ווי נאָר ער קומט אַריין אין אַ שרייבער־אָרגאַניזאַציע הייבט זיך טאַקע אָן צו טאָן, און מען גיט טאַקע אַרויס ליטעראַרישע זשורנאַלן, מען פראַוועט ליטעראַרישע אָוונטן... אין זיינע לידער זינגט ער אַ לויב צום לעבן, צו די גוטע כוחות פון לעבן... זיין לערער איז וואָלט וויטמאַן. ער האָט אים טאַקע איבערגעזעצט. וואָלט וויטמאַנען, אין יידיש. אַ גאַנץ בוך לידער איבערגעזעצט אין יידיש...

גרשונען בענקט זיך איצטער אין לאָס אַנדזשעלעס נאָך יענע אָוונטן ביי ל. מילערן אין הויז, ווען שרייבער האָבן זיך צונויפגעזאַמלט און געפּלאַנעוועט גרויסע פּלענער וועגן אַ חודש־זשורנאַל. און מען איז געווען זיכער, אַז מען וועט מרעיש זיין די וועלט. באַזונדערס בענקט זיך אים נאָך אַ געוויסן אָוונט אין אַ גרויסן פּראָסט אין ניו־יאָרק. ס'האָט ממש געצויפט דאָס לייב, און ביי ל. מילערן אין הויז איז געווען אַ מחיה וואַרעם, וואַרעם פון דער גוטסקייט און פריינדלעכקייט...

און אָט לויכט אויף באַזונדערס אין גרשונס זכרון דער פּאָעט דוד סעלצער, גרשונס חבר פון די בראָנזווילער יאָרן זיינע. שטענדיק קוקט ער אויס, ווי ער וואָלט ערשט געקומען פון בעסאַראַביע... ער אַרבעט אין אַ דרוקעריי אין שטויב און אין עסיקייט פון בליי, אָבער זיין מאָסיווו געקנאָטן פנים איז שטענדיק רויט מיט בעסאַראַביע. זיינע הייס ברוינע אויגן פינקלען שטענדיק מיט דעם יינגל פון בעסאַראַביע... זיינע קרעפטיקע פּלייצעס אָנגעלאָדן מיט דעם כוח פון בעסאַראַביע... ער אַליין האָט טאַקע געשריבן אַ סך לידער וועגן בעסאַראַביע און וועגן דער בעסאַראַבישער „דוינע" ער האָט אַ נאָמען געגעבן זיין מיידעלע, זיין ערשט געבוירן קינד

„דוינע“: „שפּיל זשע מיר אַ „דוינע“ הייסט דאָכט זיך זיינס אַ ליד.

און וואָס אַזוינס איז אַ דוינעלע? דאָס איז אַ ניגון אויפן פייפע־לע פון בעסאַראַביער פּאַסטעך. און דעם בעסאַראַביער פּאַסטעך קומט אויס צו פּאַשען זיינע שעפעלעך מערסטנס אין די אומענד־לעכע סטעפּעס. און ער בענקט צוזאַמען מיט זיינע שעפעלעך, דער בעסאַראַבישער פּאַסטעך. אין די אומענדלעכע סטעפּעס איז די בענ־קעניש אויך אומענדלעך. אַ סך חסידישע ניגונים זענען פאַרפלאָכטן אין דעם מאָטיוו פון דער בעסאַראַבער דוינע...

דעם דיכטער בער גרין, שטענדיק מיט עפּעס אַזוינע געלעכ־טערלעך, שעמעוודיקע געלעכטערלעך אין די שפּיצן פון זיינע אויגן־אַפּלען, געדענקט עפּעס גרשון בלויז ביי דער אַרבעט, דאָס הייסט, ער געדענקט אים בלויז אין דער „פרייהייט“־רעדאַקציע, מיטן הענטל־פען אין דער האַנט, אַן אָנגעבויגענעם צו די בלעטלעך פּאַ־פּיר פאַר זיך אויפן טיש, און נאָר ער שרייבט, און נאָר ער שרייבט... גרשון קאָן אים גאָר אַנדערש נישט זען... נייעסן פון טאָג דאַרף ער שרייבן פאַר דער צייטונג... אַרטיקלען וועגן ברענענדיקע טאָג־פראַגן דאַרף ער שרייבן פאַר דער צייטונג... אָבער בער גרין איז דאָך אויך אַ ליטעראַטור־פאָרשער, אַ ליטעראַטור־קריטיקער, שרייבט עסייען אין דער „יידישער קולטור“ און אין די „זאַמלונגען“, זעצט איבער לי־דער פון אַנדערע שפּראַכן, און דער עיקר שאַפט ער אייגענע לידער...

אַ גרויסער מתמיד אַ בחור, און דאָס נעמט זיך אפשר נאָך פון דער אַלטער היים אין דער אוקראַינע, ווען ער האָט עקסטערני־טשאַיעט (געלערנט אויסער דער גימנאַזיע) אויף צו „קאַנטשען“ (ענדיקן) קלאַסן, און שפּעטער אין אַמעריקע ווידער געזוברעוועט (געחזרט) אין קאָלעדזש אין ברוקלין אויף צו ווערן אַ לאָיער... איצ־טער שטודירט ער די יידישע ליטעראַטור און די ליטעראַטור פון דער וועלט. אַן אייביקער סטודענט.

גרשון געדענקט אים נאָך פון יענע יאָרן, ווען ער האָט גע־דרוקט לידער אין דער „פעדער“ און זיך גערופן א. פּרינץ — אַ שמעוודיקער פּרינץ געווען... און אפשר איז ער אויך איצט אַ שעמעוודיקער...

ש. דייקסעל איז הויך, זייער הויך, העכער מיט אַ קאָפּ פון אַלע הויכע. גרשון איז דאָך אויך הויך, אָבער ווי קומט ער צו אים?

ש. דייקסעל איז אַקראָבאַטיש געבויט און קוקט אויס, ווי אַ טענצער. זיין זון איז טאַקע אַ פּראָפעסיאָנעלער טענצער, געשפּילט אויך אין מוווים. ער איז אויך אַזוי הויך, ווי דער טאַטע און אפשר נאָך העכער... ש. דייקסעל קוקט אויס ווי עפּעס אַן אינדיאַנער, מיט דער קאָליר פון זיין הויט, מיט דעם שניט פון זיינע ליכטיקע ברוינע אויגן, טרויעריקע און גוטע, מיט דער גאָבלקייט פון זיינע היפּשן געוועלבטן שטערן, אפילו מיט דער האַרטקייט פון זיינע שוואַרצע האָר... ווען מען טוט אָן אויף אים אַ קרוין פון פעדערן, וואָלט ער אויסגעקוקט ווי אַן אינדיאַנער טשיף...

ס'האָט אים שטענדיק געצויגן צו אינדיאַנער, געווען אין זייערע רעזערוואַציעס, געגעסן מיט זיי, געשלאָפן מיט זיי, צוגעקוקט זיך צו זייער אַרט לעבן און געשריבן וועגן זיי פאַרכאַפּנדיקע דערציילונגען...

און שרה באַרקאַן די דיכטערין פון נואַרק. זי איז געוואָרן אַ דיכטערין, ווען זי איז שוין דאַכט זיך געווען באַלד אַ באָבע. איר דיכטונג איז געווען אַזוי פּשוט פרום און האַרציק, ווי „גאָט פון אברהם יצחק און יעקב, דער ליבער שבת קודש גייט אַוועק“. אין ווען זי זאָל געווען לעבן אין דער צייט פון די נאָמענלאָזע דיכטערינס, וואָס האָבן פאַרפאַסט תחינות, וואָלט זי מסתמא געווען איינע פון זיי...

און דבורה טאַראַנט וויל גרשון אויך אַריינגעמען צווישן די דיכטערינס, כאָטש זי האָט נישט געשריבן קיין לידער און נישט קיין דערציילונגען, נאָר עסייען וועגן קינדער־ליטעראַטור. זי איז אָבער געווען אַ דיכטערין בעל־פּה. גערעדט ווי אַנדערע וואָלטן געשריבן לידער, אַ זילבערן קול פאַרמאָגט און גערעדט מיט דער הויך פון פּאָעזיע. אַ בלאָנד־האָריקע, אַ בלוי־אויגיקע מיט דעם פּנים פון אַ שוועסטער, אַ בלאַסע שוועסטער, אַז זי האָט אָנגעהויבן רעדן מיט איר קול פון וואַרעמען זילבער, האָט מען אין איר דערפילט די ליבע גוטע שוועסטער...

גינאַ מעדעם וויל גרשון אויך אַריינגעמען צווישן די דיכטערינס, און זי אַוועקשטעלן אַלס די גרעסטע דיכטערין צווישן אַלע דיכטערינס, כאָטש זי האָט נישט געשריבן קיין לידער. גינאַ מעדעם — דאָס איז עפּעס אַ טייער געשאַנק צו אונדזער דור... וועגן איר דאַרף מען גאָר אָנשרייבן אַ גאַנצן בוך...

# אין דעם גאָלד פון פרילינג

גרשון וואָלט איצט געדאַרפט זיין אין ניו יאָרק, זיך טרעפן מיט שרייבער און רעדן וועגן די אַמאָליקע יאָרן, וואָלטן זיי אים דערמאָנט זאַכן, וואָס ער האָט שוין לאַנג פאַרגעסן.

און אפשר איז גאָר גוט, וואָס ער איז נישט אין ניו יאָרק און זעט זיי נישט, ווי זיי קוקן אויס איצט, נאָר ער זעט זיי, ווי אין די ערשטע יאָרן. גרוי-האָריקע וואָלט ער זיי איצט מסתמא געטראָפן מיט פנימער צעאַקערטע פון קנייטשן.

ער זעט זיי אַלעמען אין זייער יונגן כוח. ער זעט זיך אַליין אין יונגן כוח. ער זעט זיי צו אַן ערשטער מאַי-דעמאָנסטראַציע אין דעם גאָלד פון דער פרילינג-זון. ליכטיקע, גלוויביקע, קרעפטיקע, לאַכנדיקע, זעט ער זיי... שטאַלטנע בחורים געווען, אַ סך פון די יונגע שרייבער, און צווישן אַלע שטאַלטנע — דער שטאַלטנסטער, מאַרטין בירנבוים. גרשון האָט אים ס׳ערשטע מאָל געזען אין קעמפ „יוניטי“. ווי אַלט איז ער דעמלט געווען, מאַרטין בירנבוים, אין קעמפ „יוניטי“? אין די אָנהייב צוואַנציקער מסתמא. און אַז אַ מאָלער וואָלט געוועזן מאָלן אַ בילד וואָס זאָל הייסן „דער יונגער בחור“, וואָלט ער געדאַרפט מאָלן מאַרטין בירנבוים אין קעמפ „יוניטי“: זיינע האָר — שוואַרצער סאַמעט, לעבעדיקער שוואַרצער סאַמעט. זיינע אויגן — ברוינער סאַמעט, לאַכנדיקער ברוינער סאַמעט. דער קערפער — הויביק, קרעפטיק, אַקראָבאַטיש. טאַקע געווען אַן אַקראָבאַט. בעט אים זיך שטעלן אויף די פיס אַרויף, — ער וועט דאָס גלייך טאָן. גרשון אַליין איז געווען אַקראָבאַטיש (לאַכט נישט, מחמת איר קענט אים זייער אַ מאָגערן). ווי ער האָט מיט אים צעאַרבעט אין קעמפ „יוניטי“! מען האָט זיך געבאָרעט (געראַנגלט). מען האָט זיך געבראָכן, זיך פאַרמאָסטן אין לויפענישן... דעמלט אין קעמפ

האָט זיך מאַרטין בירנבוים פאַרטרויט פאַר גרשונען, אַז ער שרייבט לידער אין דייטש. גרשון האָט נישט געלייענט זיינע לידער אין דייטש, נאָר דערפאַר האָט ער אינגיכן געלייענט זיינע לידער אין יידיש, און ס'האָט נישט גענומען לאַנג און ער איז געוואָרן אַ יידישער דיכטער מיט אַ נאָמען.

און גלייך נאָך מאַרטין בירנבוים באַווייזט זיך דער גאָר יונגינקער דיכטער מ. א. סול, אָדער יורי סול, ווי ער איז איצט באַקאַנט. גרשון האָט צו אים ליבלעך געשמייכלט, אַלע האָבן צו אים ליבלעך געשמייכלט. ער איז געווען דאָס מעזיניקל. אַזוי טאַקע האָט מען אים פאָרגעשטעלט אויף אונטערנעמונגען. און ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין זייער אַ גראָטענער מעזיניק.

גרשון געדענקט איינמאָל אין „קינדערלאַנד" (ל. מילער איז דעמאָלט געווען דער קולטור־דירעקטאָר פון קעמפּ), האָט מען דורכגעפירט אַ ליטעראַרישן אָוונט. ס'האָבן דעמאָלט פאָרגעלייענט: בצלאל פרידמאַן, נחום וויסמאַן, א. מייזעל, ל. מילער, גרשון און אויך מ. א. סול. גרשון געדענקט נישט וואָס פאַר אַ פּאָעמע סול האָט דעמאָלט פאָרגעלייענט, אָבער וואָס ער געדענקט יאָ איז דעם באַגייסטערטן דונער פון אַפּלאָדיסמענטן. ער האָט שטענדיק אויסגענומען ביים עולם מיט זיין פאָרלייענען. קרעפטיק און קלאָר איז זיין קול. קרעפטיק איז זיין מיטלוווקסיקער קערפּער. ער האָט אומיסטנע געמאַכט אַ סך איבונגען אין זיין יוגנט, כדי צו אַנטוויקלען קרעפטיקייט אין זיין קערפּער. ער האָט אויך אַנטוויקלט אַן אַגרעסיווקייט צום לעבן, זיך נישט געלאָזט צעדריקן פון אָרעמקייט, קראַנקהייטן. געראַנגלט זיך און געווונען. אַ פריילעכער צווישן חברים. לאַכט מיט אַ געלעכטער וואָס שטעקט אָן. געפעלט מענטשן, שיסט אויף זיי מיט הייסע שטראַלן פון זיינע פערלמוטערנע בלוילעכע אויגן... גרשונען איז געווען אינטערעסאַנט צו לייענען יורי סולס צוויי ביכער אין ענגליש. דאָרטן קאָן מען זען דעם יונגן עמיגראַנטישן בחור סולן אין זיינע ראַנגלענישן. ער האָט געדאַרפט איינעמען יעדן טריט פון זיין נייעם לעבן אין אַמעריקע מיט געוואַגטקייט, מיט כוח, מיט געדולדיקייט, מיט זעלבסטדיסציפּלין און איבערקומען אַ מאַסע שטערונגען און שטרויכלונגען. און אַזעלכער איז ער פאַרבליבן. אַ געוואַגטער, אַ כוחדיקער, אַ געדולדיקער,

אַ זעלבסטדיסציפּלינירטער. סול, פּונקט ווי זיין חבר מאַרטין בירנ־בוים, שטאַמט פון גאַליציע.

זייערער אַ לאַנדסמאַן איז אויך געווען ב. מאָזער, אַ הויפּ־שער אַ פעסט־געבויטער מיט אַ מאַסיוו אויסגעקנאָטן, שטאַרק פּנים, מיט דער האַלטונג און גאַנג פון אַ מיליטער־מאַן. ער איז טאַקע געווען אַן אָפיציר אין דער עסטרייכישער אַרמיי. ער האָט אַמאָל געוויזן גרשונען אַ פאָטאָגראַפיע פון זיין טאַטן. קוקט דער טאַטע אויס, מיט די לאַנגע געקרייזלטע פּיאות, מיט דער מאָגער־קייט און איידלקייט ווי אַ גאַליציאַנער חסיד. ער איז טאַקע געווען אַ חסיד, דער טאַטע זיינער, א טשאָרטקאָווער חסיד, און דער זון, ב. מאָזער מיט זיין קרעפּטיקן אויסזען, מיט זיינע שטאַרקע גלייבע פּלייצעס — ווי ער וואָלט געוואַקסן אויף אַן אַנדער ערד... און ב. מאָ־זער, דער עסטרייכישער אָפיציר, איז, קומענדיק קיין אַמעריקע, געוואָרן אַ יידישער לערער. זייער אַ גוטער יידישער לערער. קינ־דער האָבן אים ליב געהאַט. וואָס דאַרפט איר מערער, גרשונס טעכ־טערל פריידעלע, האָט זיך אויך ביי אים געלערנט און שטאַרק אָנגעקוואָלן פון איר לערער... ב. מאָזער האָט געשריבן דערציי־לונגען און אויך אַרויסגעגעבן אַ בוך פון אַמעריקאַנער קינדער־לעבן אונטערן נאָמען בעני...

און דאָס הייבט זיך אָן גרשון צו וואונדערן, וואָס גאַליציע האָט אַרויסגעגעבן אַזוי פיל פּאָעטן, און דערציילער — קוים אויף די פינגער איבערציילן. וואָס איז די סיבה? גרשון לאָזט דאָס צו די ליטעראַטור־פאָרשער, וואָס וועלן זיך וועלן פאַרטראַכטן וועגן דער דאָזיקער דערשיינונג.

גאַליציאַנער פּאָעטן קאָן גרשון אויסרעכענען:

בערל בראָדער, וועלוול זבאַרזשער, נפתלי הערץ אימבער, דער מחבר פון דער „התקוה", ברוך שאַפּיר, מיכל ווירט, משה לייב האַלפּערין, ש. י. אימבער, ראובן אייזלאַנד, פראדל שטאָק, מלכה לי, דוד קעניגסבערג, מלך ראַוויטש, מלך כמעלניצקי, י. אדלער, משה נאַדיר, אורי צבי גרינבערג, אבא שטאָלצענבערג, מאיר שטי־קער, נפתלי גראָס, קלמן הייזלער, ירמיהו העשעלעס, י. ל. טעלער, יעקב מעסטל, בעריש ווייגשטיין, מאַרטין בירנבוים, מ. א. סול (און מסתמא זענען דאָ נאָך פּאָעטן, וואָס גרשון ווייסט נישט צי זיי שטאַמען אויך פון גאַליציע).

# צבי הירשקאָן

אין דער „מאָרגן־פֿרייהייט“־רעדאַקציע געפֿינט זיך אַ צימערל, אַ פֿינצטער צימערל אָן אַ פֿענצטער, און עס שמעקט דאָרטן מיט פֿאַרלעגערטער לופֿט און מיט פּאַפּיר־שטויב. מע׳ דאַרף אַ צי טאָן אַ שטריקל און עס צינדט זיך אָן אַ נאַקעט עלעקטריש לעמפּל און באַלויכט הילצערנע פּאָליצעס מיט ריזיקע און זייער דיקע בענד געבונדן אין שוואַרצע אָפּגעקראָכענע בלויע טאָוולען. און אַז מען הייבט אויף אַזאַ ריזיקן און דיקן באַנד, הייבט מען אויף אַ גאַנצן אָדער אַ האַלבן יאָרגאַנג „מאָרגן־פֿרייהייט“.

ווען גרשון איז געווען אין ניו יאָרק מיט העכער צען יאָר צוריק, זענען דאָרטן אויף די פּאָליצעס געווען בענדער פֿון פֿינף און צוואַנציק יאָרגאַנגען. איצטער זענען דאָרטן דאָ מסתמא אויף די פּאָליצעס ניין און דרייסיק יאָרגאַנגען און אפֿשר מער. און אַז גרשון האָט געמישט די אַלטע פֿאַרגעלטע בלעטער פֿון די דאָזיקע בענדער, האָט ער געמישט זיינע אייגענע שרייבערישע יאָרן און די שרייבערישע יאָרן פֿון זיינע מיטצייטלער, און דאָס גאַנצע קאָלירפֿולע און שטורמישע לעבן פֿון יענער צייט... מיט העכער צען יאָר צוריק זענען שוין אַ סך בלעטער געווען אָפּגעצופּט, ס׳האָבן געפֿעלט גאַנצע שטיקער. זיי צעשטויבן זיך, ווי נאָר מען רירט זיך צו צו זיי מיט אַ פֿינגער און ס׳ צעקריכט זיך דאָס אַלטע פֿאַרגעלטע צייטונגס־פּאַפּיר. ס׳זאָל זיך כאָטש אינגאַנצן נישט צעשטויבן. מען וואָלט זיי געדאַרפֿט פֿאָטאָגראַפֿירן אויף זייער שטאַרק פּאַפּיר...

וויפֿל ראָמאַנען, דערציילונגען, מעשיות און געריכט־בילדער האָט גרשון אָפּגעדרוקט אין דער „פֿרייהייט“ און דערנאָכדעם אין

דער „מאָרגן־פרייהייט“ די אַלע יאָרן! ווער ווייסט וויפל ביכער מען וואָלט געקאָנט פון זיי אַרויסגעבן, אויסקלייבנדיק בלויז דאָס, וואָס ס׳האָט אַ ווערט אַריינצוגיין אין ביכער. אפשר אַ פינף און צוואַנציק בענדער אָדער מער. און וויפל ראָמאַנען, דערציילונגען, פאָעמעס און עסייען האָבן אַלע אַנדערע שרייבער פון גרשונס דור דאָרטן אָפּגעדרוקט אין משך פון די אַלע יאָרן?... די צוקונפטיקע היסטאָריקער, ווען זיי וועלן זיך נעמען פאָרשן דאָס יידישע לעבן פון אונדזער צייט, זאָלן זיי כאָטש אונדז נישט שעלטן, וואָס מיר האָבן נישט אָפּגעהיט די דאָזיקע יאָרגאַנגען און זיי געלאָזט זיך צעפאַלן אין שטויב...

און ווען פון די גרויסע מייסטערס פון דער יידישער ליטעראַטור וועלן מיר דען נישט געפינען צווישן די אַלטע פאַרגעלטע בלעטער, וואָס צעקריכן זיך שוין צווישן די פינגער! אַ שלום אַש, אַן אברהם רייזען, אַ משה נאַדיר, אַ דוד בערגעלסאָן, אַ לאַמעד שאַפּיראָ, אַ לעאָן קאָברין, אַן אייזיק ראַבאָי, אַ צבי הירשקאָן, און נאָך און נאָך...

און מיט צבי הירשקאָן איז גרשון נאָענט געווען ערשט אין יענעמס לעצטע פאָר יאָר פון זיין לעבן, און ער איז געווען פאַר גרשונען אַ העל ברענענדיק ליכט, צו וועלכן גרשון האָט געקאָנט צוטראָגן זיין אייגן ליכטל און דאָס אָנצינדן... בלויז געציילטע שרייבער פון די גרויסע מייסטער, וואָס האָבן געלאָזט גרשונען אָנצינדן זיין ליכט אין זייער פלאַם...

אונדזער בחור האָט אים ס׳ערשטע מאָל באַגעגנט אין קאַפע אייראָפּע, ווען זי איז שוין געווען אויף דער דרייצנטער גאַס לעבן צווייטער עוועניו. מיט לאַמעד שאַפּיראָ ביי אַ טישל איז ער געזעסן פאַרטיפט אין אַ שמועס, און פאַרשטייט זיך, אַז גרשון האָט שוין נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון דעם דאָזיקן צבי הירשקאָן. ער האָט אים געלייענט פריער אין פאַרשידענע צייטן, און זיך שטענדיק געוווּנדערט וועגן אים. פון זיין אופן פון באַמאָלן אַ מענטשן האָט ער זיך געוווּנדערט. בעסער געזאָגט פון זיין אויסקלעפּן דעם מענטשן, האָט ער זיך געוווּנדערט... זיינע מענטשן ווי שטיקער סקולפּטור, מען האָט זיי געקאָנט אָנטאַפּן פון אַלע זייטן אַרום און אַרום. ער האָט געשריבן, ווי נישט מיט קיין פּען, און ווי נישט

אויף פּאַפּיר, נאָר ווי מיט אַ דלאָטע אין שטיין. ער האָט זיי אויסגעהאַקט זיינע מענטשן...

און צוגיין צו זיין טישל דעמלט אין קאַפע „אייראָפּע“ האָט דער יונגער גרשון עפּעס ווי מורא געהאַט, אַזאַ שטרענגער אויסגעקוקט מיט זיינע זייער געדיכטע כמורנע שוואַרצע ברעמען, מיט זיינע שמאָל־געשניטענע און זייער שאַרפע דורכנעמענדיקע און בליצנדיקע שוואַרצע אויגן... אַ ייִנגלשע עלאַסטישע פיגור מיט אַ שפּיציקן מערסטנס נאַקעטן קאָפּ, מיט די שווערע געדיכטע שוואַרצע ברעמען, מיט פּראָמינענטע באַקן־ביינער, אַן אָליוו־הויטיקער, ווי איינער פון די מזרח־ייִדן, שטענדיק אַ זויבערער, אַ ציכטיקער, אין זיין גוט־געפּאַסטער קליידונג מיט אָפּגעהיטע טיש־מאַניערן...

ביי לאַמעד שאַפּיראָס טיש האָט אים גרשון אָפט געזען מיט זיין פרוי ראַשעל. און ווי ער איז געווען אַ שטרענגער, אַ שפּיציקער, אַ כמורנער, אַ טונקל־הויטיקער, אַזוי איז זיין פרוי ראַשעל געווען אַ וואַרעמע, אַ ליכטיקע, אַ גאָלדענע קאָן מען זאָגן מיט אירע רייכע געדיכטע בלאָנדע האָר, מיט איר זוניקער הויט, מיט איר זאַפטיקן ווייבלעכן קערפּער...

יאָ, גרשון איז טאַקע נישט צוגעגאַנגען צו אים. אַזוי די גאַנצע צייט, וואָס ער איז אַריינגעקומען אין קאַפע אייראָפּע, נאָר געקוקט אויף אים, אויך אויף זיין שיינער פרוי און געווען פאַראינטריגירט פון זיי ביידן. ערשט ווען צבי הירשקאָן האָט אָנגעהויבן צו שרייבן אין דער „מאָרגן־פרייהייט“, האָט גרשון זיך באַקענט מיט אים. ס'האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זיין שטרענגקייט, זיין כמורנעקייט איז בלויז געווען ווי עפּעס אַ מין אָנשטעל. אָבער אין אמתן איז ער גאָר געווען אַ צוגעלאָזטער, אויב נאָר ער האָט זיך צו עמעצן געוואָלט צולאָזן, און צו גרשונען אפּנים האָט ער זיך געוואָלט צולאָזן, און צו זוני מאודן. ער האָט אָפט זיי ביידן, דאָס הייסט גרשונען מיט זונין, איינגעלאַדן צו כאַפּן אַ ביים אין קאַפע „קרוסעידער“ אויף דער פערצנטער גאַס. זיך געזעצט ביי אַ טישל און אָנגעקוואָלן פון די זוני מאודישע הכמות, אויך אָנגעקוואָלן פון דעם יונגן קאָלעגע זיינעם, גרשונען, כאָטשבי גרשון האָט מערסטנס געשוויגן.

גרשון האָט שוין געזען, אַז צבי הירשקאָן האָט אָנגעקוואָלן פון אים, געזען פון זיינעם אַ שאַרפן, אָבער וואַרעמען בליק, וואָס ער האָט פון צייט צו צייט צוגעוואָרפן אויף אים, אויך פון זיין קול. זיין קול, וואָס האָט געוויינלעך געקאָנט זיין האַרט און שטרענג, האָט צו גרשונען גערעדט מיט אַ מין ווייכקייט... און גראַדע האָט צבי הירשקאָן נישט געהאַלטן פון גרשונס ראָמאַנען, געהאַלטן האָט ער נאָר פון גרשונס געריכט־בילדער. גרשון האָט גראַדע דעמלט געדרוקט זיין ראָמאַן „קלינטאָן־סטריט" אין דער „מאָרגן־פרייהייט", אָבער הירשקאָן האָט קיינמאָל נישט דערמאָנט זיין ראָמאַן „קלינטאָן־סטריט", דערמאָנט די געריכט־בילדער. „די געריכט־בילדער — האָט ער געזאָגט גרשונען — דאָס איז דער ראָמאַן פון ניו יאָרק".

און אָפט ווען צבי הירשקאָן איז געקומען אין דער רעדאַקציע פון דער „מאָרגן־פרייהייט", געבן אָלגינען זיינע בלעטלעך פאַפיר געשריבן מיט זייער לאַנגע און שפּיצעכיקע אותיות, האָט שוין גרשון געטשאַטעוועט אויף אים, און דערנאָכדעם זענען זיי ביידע געגאַנגען כאַפּן אַ ביים ערגעץ אין אַ רעסטאָראַן געגענט הערבי, מערסטנס אין „קרוסעיידער". און הלוואי וואָלט גרשון פאַרצייכנט די אַלע רייד וועגן דער קונסט פון שרייבן, וואָס צבי הירשקאָן האָט גערעדט צו אים. הלוואי וואָלט ער פאַרצייכנט אויף פאַפּיר אַלע רייד וועגן דער קונסט פון שרייבן, וואָס לאָמער שאַפּיראָ האָט גערעדט צו אים אין ניו יאָרק און שפּעטער אין לאָס אַנדזשעלעס. געווען געדאַרפט פאַרצייכענען אויף פאַפיר תיכף נאָך אַזעלכע שמועסן נישט נאָר מיט זיי ביידן, נאָר מיט אַ סך סטימולירנדיקע אינספּירירנדיקע שרייבער, וואָס ער האָט באַגעגנט אין זיין לעבן...

ער האָט גרשונען איינמאָל איינגעלאַדן צו זיך אין הויז, און גרשון האָט זיך אוודאי אָנגעכאַפּט. דאַכט זיך אין אַ פאָרשטאָט אַזאַ, וואָס האָט זיך גערופן „סאָני סאיד" האָט ער געוווינט, און גרשון, וואָס האָט געוווינט אין האַלב־טונקעלע גרויע בחורישע צימערן, האָט אים מקנא געווען מיט זיין וווינונג. גראַדע אַ געוויינלעכע וווינונג, אָבער ס'האָט געשמעקט פון יעדן ווינקעלע מיט וואַרעמקייט, בריהשאַפט און געטריישאַפט פון זיין שיינער פרוי.

דער מאָלצייט איז גראַדע געווען נישט קיין רייכער, מחמת די פרוי זיינע האָט זיך זיכער נישט געריכט, אַז איר מאַן וועט מיטברענגען אַן אורח. אָבער גרשון געדענקט גאָרנישט, ווען ער האָט געגעסן מיט אַזאַ טעם יעדן ביסן...

אַזוי יונג אַוועק פון דער וועלט, דער דאָזיקער מייסטער דערציילער, גרשון געדענקט שוין נישט ווי אַלט הירשקאָן איז געווען ווען ער האָט זיך אָפּגעטאָן, אָבער אַזאַ יונגטלעכער, עלאַסטישער האָט ער שטענדיק אויסגעקוקט...

# אַ קדיש נאָך דריי חברים שרייבער...

מען קאָן דאָס נישט זאָגן אויף קיין שום ליטעראַטור צווישן די אומות העולם, ווי נאָר אויף דער יידישער, אַז כמעט אַלע איר'ע שאַפער האָבן אָנגעהויבן אַלס קנעלער מיט קינדער, צי פּריוואַט צי אין די שולן. צוקונפטיקע פאָרשער פון דער יידישער ליטעראַטור וועלן מסתמא נישט אויסלאָזן אָט־די באַזונדערקייט. זיי וועלן קאָנען אַ סך אַרויסדרינגען פון דעם.

ווער פון די יידישע פּאָעטן, דערציילער, עסייאיסטן איז דען נישט געווען קיין לערער?

מענדעלע, שלום עליכם, אברהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג, הלל צייטלין, מ. י. באַרדיטשעווסקי, י. אָפּאַטאָשו, ברוך גלאָזמאַן, י. טי־גאַל, י. י. שוואַרץ, יעקב גלאַטשטיין, ז. וויינפּער, נפתלי גראָס, משה שיפּרים, א. טאַבאַטשניק, ש. מילער, מלכה טוזמאַן, דאָרע טייטלבוים. ש. ד. זינגער, עזריאל נאַקס, ב. ביאַלאָסטאָצקי, ש. דייקסעל, אייזיק פּלאַטנער, שלום שטערן, מ. א. סול, מאַרטין בירנבוים, בער גרין, ב. מעצקער, יוסף גרינשפּאַן, חיים שוואַרץ, י. א. ראָנטש, נ. ב. מינקאָף, מענקע קאַץ, און נאָך, און נאָך וואָס גרשון געדענקט גראָד איצט נישט זייערע נעמען.

לאַמעד שאַפּיראָ איז אויך געווען אַ לערער, אָבער פאַר אַ קורצער צייט. ס'איז געווען אין וואַרשע. ער האָט געגעבן שטונדן. איינמאָל איז ער אין כעס געוואָרן אויף אַ תלמיד, זיך פאַרגעסן און אים אַ פּאַטש געטאָן. גלייך נאָכדעם האָט ער אויפגעגעבן לערעריי. אויב ער האָט געקאָנט טאָן אַזאַ זאַך, האָט ער געזאָגט, איז ער פּשוט נישט ראוי צו זיין אַ לערער...

יאָ, מען קאָן דאָס זאָגן ממש אויף אַלע יידישע שרייבער סיי אין אייראָפּע, סיי אין אַמעריקע, אויב נישט אַ לערער איז

אַ דאָרף, אָדער אין אַ מאָדערנער שול, איז שטונדן אין פּריוואַטע הייזער.

און דאָ קומען מיר צו צו דריי יידישע שרייבער אין אַמעריקע, וואָס זענען שוין כמעט פאַרגעסן, וואָס זענען שוין אויף דער וועלט נישטאָ און גרשון וויל אָנצינדן אַ יאָרצייט־ליכטל צו יעדן איינעם פון זיי. גרשון וויל זאָגן קדיש נאָך זיי. זיי זענען געווען זיינע חברים...

און די אַלע דריי זענען געשטאָרבן לערער און איבערגעלאָזט הונדערטער תלמידים, וואָס זענען שוין איצט טאַטעס און מאַמעס און וועלן זיך דערמאָנען מיט בענקשאַפט יענע יאָרן, ווען זיי האָבן געלערנט אין דער יידישער שול.

א. מייזעל, בצלאל פרידמאַן און נחום ווייסמאַן, אַלע דריי זענען געווען לערער פון די אַרבעטער־רינג־שולן, שפּעטער פון די אומפּאַרטייאישע, נאָך שפּעטער פון די אָרדן־שולן. אַלע דריי זענען געווען פאָעטן פון דער גרופּע באַקאַנט אַלס „פּראָלעטפּעז‟ אַלע דריי האָבן געשריבן אויך פאַר קינדער. אַלע דריי זענען געשטאָרבן יונג. אַלע דריי זענען געווען פון די גאָר גוטע לערער און האָבן שטענדיק אָנגעהאַלטן שולן מיט אַ גרויסער צאָל קינדער, און אַלע דריי האָט מען זעלטן געזען אין די ליטעראַרישע קאַפייען. זיי האָבן פּשוט נישט געהאַט קיין צייט. זייער גאַנצן כוח אָפּגעגעבן דעם לערנען און דעם שרייבן. אַלע דריי פון דעם קליינעם שטעטל אויף יענער זייט ים. א. מייזעל פון ווייסרוסלאַנד, בצלאל פרידמאַן פון פּוילן, נחום ווייסמאַן פון רומעניע.

א. מייזעל, עטוואָס העכער פון מיטל־וווּקס, אַ מאָגערער, מיט איינגעפאַלענע באַקן, מיט האָר פון זאַמד־קאָליר, שוין שיטערלעך. מיט ווייכע, אָפּגעוואַשענע בלויע אויגן, מיט אַ וואַרעמען שמייכל אויף זיינע אויסגעבלאַסטע ליפּן. אָט־דעם וואַרעמען שמייכל אויף זיינע אויסגעבלאַסטע ליפּן געדענקען מסתמא די הונדערטער תלמידים און תלמידות, וואָס ער האָט געלאָזט נאָך זיך און זיי זענען שוין איצט מסתמא טאַטעס און מאַמעס, און אפשר אויך זיידעס און באָבעס. צוליב דעם וואַרעמען שמייכל אויף זיינע אויסגעבלאַסטע ליפּן איז אים מסתמא נישט אָנגעקומען שווער צו האַלטן דיסציפּלין אין קלאַס.

אין לאָם אַנדזשעלעס האָט גרשון באַגעגנט אַ פרוי פון אַ יאָר פערציק, איינע פון א. מייזעלס תלמידות. זי שיקט איצט אויך איר יינגסט טעכטערל אין אַ יידישער שול, אָבער זי זאָגט, אַז דאָס האַרץ ווערט איר פאַרקלעמט, זעענדיק דעם חילוק פון אַ יידישער שול איצט און די יידישע שול אַמאָל, ווו זי האָט זיך געלערנט... אוי, אַמאָל... און זי לאָזט זיך אַריין אין איר אַמאָל ווען אירע קינדער־יאָרן אין דער יידישער שול, פונקט ווי גרשון וואָלט זיך אַריינגעלאָזט אין זיין אַמאָל ווען זיינע קינדער־יאָרן אין חדר... און דער נאָמען פון איר לערער א. מייזעל איז ביי איר אַ הייליקער נאָמען. ווען ס'איז נישט לאַנג אַרויס פון איקוף אַ זאַמלונג דערציילונגען פון א. מייזעל האָט זי געקויפט אַ בוך און האַלט אים זייער טייער.

און בצלאל פרידמאַנען זעט שטענדיק גרשון אַ פאַרהאָרעוועטן, מיט זיינע איינגעפאַלענע באַקן און שטענדיק טרוקענע ליפן. דאָס קול איז אים אָפט געווען טרוקן, מסתמא פון צופיל קנעלן מיט קינדער. אַ שמאָלינקער געווען, אַן אָפּגעצערטער, אָבער זייער אַ רירעווודיקער, מיט זייער לעבעדיקע פייערלעך אין זיינע ברוינע אויגן. אויך ער האָט פאַרמאָגט אַ וואַרעמען ליבן שמייכל.

גרשון מוז זיך מודה זיין, אַז ער האָט נישט שטאַרק געהאַלטן פון זיינע לידער צוליב דער נאַקעטער פראָפּאַגאַנדע אין פילע פון זיי. גרשון האָט געמיינט, אַז בצלאל פרידמאַנס לידער האָבן נישט קיין דויערהאַפטן ווערט, אָבער איבערקוקנדיק דאָ נישט לאַנג אייניקע פון זיינע לידער, האָט גרשון געפילט, אַז זיי לעבן נאָך אַלץ, טאַקע אין זכות פון דער נאַקעטער פראָפּאַגאַנדע. זיי זענען אַ דערמאָנונג אין אַ געוויסן פעריאָד, דער פעריאָד פון די שטורמישע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס, לוין־סטרייקס און הונגער־מאַרשן אין אָנהייב דרייסיקער פון אונדזער היינטיקן יאָרהונדערט. ס'איז אויך זיי אָנגעוואַקסן אַ שיכט אַזאַ, וואָס שמעקט מיט דער פאַרגאַנגענהייט...

אַזוי אויך נחום וויסמאַן מיט זיינע „ראַדיאָס צו דער וועלט“. ווו אַ וויכטיקע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציע און ער איז אין דעם זעלביקן טאָג אַרויס מיט אַ ליד, וואָס ער האָט גערופן „אַ ראַדיאָ צו דער וועלט“. לייענענדיק איצט נאָך אַזוי פיל יאָרן זיינע „ראַ=

דיאָס צו דער וועלט“, שווימט אַרויף די גאַנצע אַמאָליקע שטורמישע, ברוינזנדיקע צייט, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף יוניאָן סקווער דורך ריזיקע דעמאָנסטראַציעס. ס'איז טאַקע אַרויסגעגאַנגען אַ זאַמלונג מיטן נאָמען „יוניאָן סקווער“, וו ס'האָבן זיך באַטייליקט אַלע שרייבער פון „פראָלעטפען“.

און נחום וויסמאַן, אויך נישט באַזונדערס קיין לייביקער, אין ברילן, דאָס פּנים מאַט־בלאַס, מיט געדיכטע שאַטענעווע האָר און מיט דעם באַזונדערן קול פון אַ לערער, דאָס הייסט פון איינעם, וואָס קנעלט כל ימיו מיט קינדער, און דאָס קול זיינס איז אַקוראַט ווי ער רעדט צו קינדער, איז געווען אויך איינער פון די גאָר גוטע לערער. ער האָט אַריינגעלייגט אַ סך האַרץ אין זיין לערנען, מיט פלייסיקייט און פרומקייט זיך געגרייט צו די קלאַסן, אויסגערעכנט אין פאָראויס, וואָס ער וועט מאָן יעדע מינוט פון דער לערן־צייט, באַצירט די ווענט פון קלאַס־צימער מיט שיינע קאָלירטע בילדער, אָפטמאָל מיט בילדער פון זיין אייגענעם פענדזל. ער האָט אויך געמאָלן, אַ סך געמאָלן. ער האָט אויך אַ סך געשריבן. מען וואָלט געקאָנט אַרויסגעבן עטלעכע בענד בלויז פון זיינע צאָלרייכע לידער פאַר קינדער. געשריבן לידער אויך אין רומעניש. אָבער אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט איז געווען, אַז די קינדער־באָנגאַלאָו אין קעמפּ „קינדערלאַנד“, וו ער איז זומער נאָך זומער און משך פון אַ סך זומערס געווען אַ קאונסילאָר, זאָל מען נאָך זיין טויט אָנרופן „די נחום וויסמאַן באָנגאַלאָו“. צי מען האָט טאַקע אָנגערופן די דאָזיקע באָנגאַלאָו נאָך זיין טויט „די נחום וויסמאַן באָנגאַלאָו“ ווייסט נישט גרשון.

און די דאָזיקע באָנגאַלאָו זומער נאָך זומער אין משך פון אַ סך זומערס, איז געווען די מוסטערהאַפטע באָנגאַלאָו אין „קינדערלאַנד“. די בעטלעך אַזוי אָרדנונגספול פאַרבעט מיט ציכטיקייט און זויבערקייט, די ווענט אָן אַ שטויבעלע. באַהאָנגען מיט קאָלירטע בילדער. עלטערן האָבן זיך געפרייט, ווען מען האָט זיי געזאָגט ,אַז זייערע קינדער וועלן זיין אין נחום וויסמאַנס באָנגאַלאָו. און נחום וויסמאַן אַליין ,גאָר ווי אַ געטרייער פאַסטעך שטענדיק צווישן זיינע קינדער מיט דער גרעסטער וואַכזאַמקייט צו זייערע באַדערפענישן. קיין בענדל איז נישט געווען לויז אויף

זייערע שיך, קיין קנעפּל האָט נישט געפעלט אויף זייערע הויזן, צי אויף זייער רעקל. זיך אויפגעכאַפּט עטלעכע מאָל בייינאַכט צו זען, אויב אַ קאָלדרע איז נישט אַראָפּגעפאַלן פון אַ קינדערש בעטל, צי אַ קישן האָט זיך נישט אַראָפּגערוקט פון אַ קינדערשן געלעגער.

איז יתגדל ויתקדש — זאָל דער אָנדענק פון א. מייזעל, בצלאל פרידמאַן, נחום וויסמאַן פאַרבונדן ווערן מיט דעם אָנדענק פון אַלע די, וואָס האָבן אויפגעשטעלט דעם בנין פון יידיש אין אַמעריקע.

# אייזיק ראַבאָי

זאָל שוין דאָס וואָס גרשון שרייבט איצט זיין געשיכטע? סטייטש, ערשט נעכטן, דאַכט זיך, האָט ער געזען דעם און יענעם יידישן שרייבער... ערשט נעכטן, דאַכט זיך, האָט ער געזען אַ אייזיק ראַבאָי אויף אַ פּראָלעטפּען־מיטינג, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דער פערצנטער גאַס...

יאָ, ס׳איז שוין געשיכטע. צי ס׳איז בלויז פופצן יאָר, וואָס ער איז אַוועק פון אונדז, צי פופציק, אָדער הונדערט יאָר — און ער קוקט שוין צו אונדז מיט אויגן פון דער פאַרגאַנגענהייט אַרויס. ער קוקט שוין צו אונדז אַראָפּ פון אַ בילד אויף דער וואַנט... אַזוי פיל יידישע שרייבער, וואָס האָבן געלעבט אין אונדזער דור, קוקן שוין אַראָפּ צו אונדז פון בילדער אויף די ווענט... אַלע „יונגע“ זענען שוין בלויז בילדער אויף די ווענט...

אייזיק ראַבאָי איז טאַקע געווען פון די „יונגע“. ער איז אָבער אויך געווען די לעצטע יאָרן זיינע צווישן „פּראָלעטפּען“... זעלטן געקומען צו אַ מיטינג פון „פּראָלעטפּען“ זעלטן געקומען אין קאַפע „אייראָפּע“. זעלטן געקומען אין קאַפע „ראָיאַל“. זעלטן אין אַנדערע ליטעראַרישע קאַפייען. ער האָט נישט געהאַט קיין צייט. אָדער ער האָט געאַרבעט אין שאַפּ, אָדער ער איז געזעסן אין דער היים און געשריבן. געוויינלעך האָט ער ליב געהאַט צו זיצן אין קיך ביים טיש און שרייבן, ווייסט גרשון פון לייענען ראַבאָיס אויטאָביאָגראַפיע, וואָס דער „איקוף“ האָט אַרויסגעגעבן... און גרשון פאַרשטייט גאַנץ גוט פאַרוואָס אייזיק ראַבאָי האָט ליב געהאַט צו שרייבן אין קיך, נישט נאָר מסתמא דערפאַר, וואָס ס׳איז דאָרטן געווען ליכטיקער, ווי אין אַנדערע צימערן, נאָר ווייל דאָרטן האָט זיך אָפטער געפונען זיין פרוי. אַזאַ צוגעבונדנקייט צו זיין פרוי אַלע יאָרן, און זי צו אים. זיין פרוי מיט

די ברוינע שבת־קודשדיקע אויגן, און מיט מאַמעשן האַרציקן קול, איז מסתמא אויך געזעסן ביים קיך־טיש געטאָן עפּעס נאָדל־אַרבעט, בשעת איר מאַן איז געזעסן און געשריבן זיינע וווּנדערלעכע ווערק...

און אויף די מיטינגען פון „פּראָלעטפּען" איז שטענדיק געווען טומלדיק. יונג בלוט — האָט מען זיך געקאָכט, זיך געקריגט, געקלאַפּט אין טיש. אָבער אַלץ לשם שמים, צוליב דעם כבוד פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור. נישט אַלע האָבן געקאָנט אָננעמען די צו שטרענגע תורה פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, ווי זי שטייט און גייט... האָט מען זיך געשפּאַרט, געהיצט. אייניקע האָבן טאַקע נישט אָנגענומען און אַוועק. אַנדערע האָבן אָנגענומען בלויז דעם יאָדער, און די שאָלעכץ אַוועקגעוואָרפן. אין דער יאָדער האָט געמיינט: אין דין שרייבן זיי — מוסטער, דערהויב, אינספּיריר די גוטע שאַפֿנדיקע כוחות אין מענטשן. די שאָלעכץ, וואָס האָט געמיינט שרייען: „ובא לציון גואל" מיט יעדער שורה, איז במילא מיט דער צייט אָפּגעפאַלן. און די, וואָס זיי האָבן געשריגן: ובא לציון גואל מיט יעדער שורה, האָבן קיין טיפן איינדרוק נישט איבערגעלאָזט, און זיי זענען אויך מיט דער צייט אָפּגעפאַלן...

יאָ, מען האָט זיך געקאָכט ,געהיצט און געקוקט אויף אייזיק ראַבאָי: וואָס וועט דער גרויסער שרייבער זאָגן? מיט וועלכן צד האַלט ער? אָבער אייזיק ראַבאָי מיט דער ליולקע צווישן די ליפּן האָט שטענדיק געשוויגן, געשמייכלט און געשוויגן. ליב געהאַט זיך זעצן לעבן דעם קליינגעוואוקסיקן לייבעלע סאָברין, וואָס האָט אויסגעזען דער ייִנגסטער צווישן אַלע און ווי געוואָלט אים צוטוליען צו זיך... ס'איז עפּעס געווען סימבאָליש. ס'איז אויסגעקומען, ווי אייזיק ראַבאָי זיצט מיט זיין יורש. לייבעלע סאָברין וועט אים ירשענען... לייבעלע סאָברין האָט אים נישט געירשנט. אַוועק פון דער וועלט אַ יאָר אָדער צוויי נאָך ראַבאָיס אַוועקגיין...

צו גרשונען האָט זיך אייזיק ראַבאָי נישט דערנענטערט, ווי ער וואָלט נישט געהאַלטן פון גרשונס שרייבן. און גרשון, פאַרשטייט זיך, האָט זייער געוואָלט, אַז ראַבאָי זאָל האַלטן פון זיין שרייבן, מחמת ראַבאָי ביי גרשונען אַלס שרייבער איז געווען ווי ווייַנטרויבן, די היימישע בעסאַראַביער ווייַנטרויבן... ערעשט שפּע־

טער, אין לאָס אַנדזשעלעס פֿאַר זיין טויט, האָט ער זיך יאָ דערנעענטערט צו גרשונען, יאָ געהאַלטן פֿון זיין שרייבן... (און וועגן אייזיק ראַבאָיען אין לאָס אַנדזשעלעס, וועט מסתמא דערציילט ווערן שפּעטער, ווען גרשון וועט קומען צו זיינע קאַליפֿאָרניער יאָרן).

אַ גרויסן אָוונט האָט מען געפּראַוועט לכּבוד ראַבאָיס זעכציקיאָריקן (און אפֿשר איז דאָס נאָך געווען צו זיין פֿופֿציק־יאָריקן) געבורטסטאָג. ס'איז געווען אַ פֿאָלקס־יום־טוב. דער ריזיקער מעקאַ־טעמפּל איז געווען געפּאַקט פֿון פֿאָלק. כ'איז געווען אין האַרבסט פֿון אַ שבת פֿאַרנאַכט. ס'האָט גערעגנט. גרשון האָט געמיינט, אַז צוליבן רעגן וועט זיין שיטערלעך דער מעקאַ־טעמפּל. קומענדיק אַהין איז אָבער דער גאַנצער בלאָק געווען פֿאַרפּלייצט פֿון פֿאָלק. פֿון די סאָבוועי־אַרויסגאַנגען נישט ווייט האָבן געהאַלטן אין איין שטראָמען זיינע לייענער פֿון בראָנקס, פֿון בראָנזוויל, פֿון בראַיטאָן ביטש און פֿון אַלע עקן פֿון גרויס ניו־יאָרק.

פֿון דעם גאַנצן אָוונט איז אין גרשונס זכּרון געבליבן איין מאָמענט. און דאָס איז געווען, ווען ראַבאָיס מאַמע, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צייט אויף דער בינע לעבן איר אייזיקלען, האָט זיך אויפֿגעשטעלט פֿאַרן עולם און העכער דריי טויזנט מענטשן האָבן איר געקלאַפּט בראַוואָ, וואָס זי האָט געבוירן אַזאַ. אָבער ס'איז גאָרנישט געווען קיין פֿרייד אויף איר פּנים. אַן אויסגעזוינגענע מאַמע געווען, אַן איינגעדאַרטע, איינגעקוואַרטע אַלטיטשקע, אַ מאַמע פֿון גיין בנים און די פֿרוי פֿון אַ קאַפּריזגעם מאַן. אַ מאַמע, וואָס האָט אויסגעשקראָבעט אירע הענט פֿון וואַשן, קאָכן, באַקן, צירעווען און לאַטען... און אַז די העכער דריי טויזנט מענטשן האָבן איר געקלאַפּט בראַוואָ, האָט זי זיך גאָר דערשראָקן. אַ גליק, וואָס איר אייזיקל איז געשטאַנען לעבן איר, און דאָס אייזיקל האָט אויך געקוקט אַן אויסגעזויגענער. דער שאַפּ האָט פֿון אים אַרויסגעזויגן די עצמות. זיין האַלדז האָט ער נישט געקאָנט האַלטן גלייך. די לונגען זענען שוין נישט געווען, ווי עס דאַרף צו זיין. מיט אַ קרומען האַלדז איז ער געשטאַנען פֿאַרן ריזיקן עולם און געשמייכלט צו זיי מיט זיינע גרויסע ציין.

און שפּעטער, אין דעם זעלביקן אָוונט איז פֿאָרגעקומען אַ באַנקעט לכּבוד דעם יובילאַר אין סאַלינס רעסטאָראַן אויף דער פּערצ־

טער גאַס. ס׳איז שוין נישט געווען ווו צו זיצן. הונדערטער זעגען געגאַנגען צוריק. אָבער פון גאַנצן באַנקעט האָט זיך אין זכרונס זכרון ווידער אָפּגעהיט בלויז איין מאָמענט. און דאָס איז געווען, ווען אייזיק ראַבאָי, וואָס איז די גאַנצע צייט, סיי אויפן אָוונט אין מעקא־טעמפּל און סיי אין סאַלינס רעסטאָראַן געזעסן די גאַנצע צייט אַ שעמעוודיקער, האָט זיך פּלוצעם צעטאַנצט. ער אַליין האָט נישט געוווסט, אז ער טאַנצט. ס׳איז געווען פון אַן איבערגעפולט האַרץ. אַז ער האָט געזען ווי דאָס פאָלק האָט אים ליב און מען איז געקומען אין די מאַסן אין אַ רעגנדיקער האַרבסטיקער נאַכט, און מען האָט געהאַלטן אין איין אים קלאַפּן בראַוואָ, סיי אין מעקאַ־טעמפּל און סיי אין סאַלינס רעסטאָראַן, איז אויפן סוף, ווער דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן צו צעגיין, האָט ער געטאַנצט...

דעם אמת געזאָגט, איז דאָס נישט געווען קיין טאַנצן, נאָר אַ האָפּקען אַזאַ. בלויז אַ פּאָר סעקונדן האָט ער געהאָפּקעט מיט זיין קרומען האַלדז, מיט זיינע לאַכנדיקע צייגער...

# באַנקעטן

אין שטורעם און אין דער וועלט-צעטרייסלונג איז געבוירן געוואָרן דער „פּראָלעטפּען". אין די ריזיקע און צאָרנדיקע סאַקאָ און וואַנזעטי און אַרבעטלאָזע דעמאָנסטראַציעס איז געבוירן געוואָרן דער „פּראָלעטפּען". אין דער גרויסער צעבליונג פון די יידישע אַרבעטער-אָרדנס און שולן, כאָרן, טעאַטער, ליטעראַטור, זומער-קעמפּס, איז געבוירן געוואָרן דער „פּראָלעטפּען". דער יחוס האָט זיך געצויגן פון מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוושאָווער, מאָריס ראָזענפעלד. זיי זענען געווען די אבות פון „פּראָלעטפּען". דער גרויסער אַמעריקאַנער דיכטער וואָלט וויטמאַן איז אויך געווען אַ טאַטע.

די שרייבער פון „פּראָלעטפּען" זענען געגאַנגען מיט זייערע שאַפונגען גלייך צו די לייענער. וו אַ שמחהלע, אַן אונטערנעמונג. אַ באַנקעט, אַ קאָנצערט פון אַן אַרבעטער-קלוב, אָרדן-צווייג, זומער-קעמפּ, שיף-עקסקורסיע, פּאַרק-פּיקניק, האָבן זיי, די שרייבער פון „פּראָלעטפּען", פאָרגעלייענט זייערע לידער און דערציילונגען. זיי האָבן באַרייכערט די טעקסט-ביכער פאַר די יידישע שולן מיט וווּנדערלעכע מעשיות און פּאָעמען. זיי האָבן געשאַפן אַ ליאַלקע-טעאַטער פאַר די קינדער-שולן, ווי יאָסל קאָטלערס און זוני מאודס „מאָדיקאָט". זיי האָבן געשריבן שפּילן פאַר די קינדער-שולן, אויך דראַמאַטיזירט פאַר די קינדער-שולן די קלאַסיקער, ווי שלום-עליכם, פּרץ, מענדעלע מוכר-ספרים, אברהם גאָלדפאַדען. זיי האָבן געשריבן טעקסטן צו גרויסע אָראַטאָריעס, צו וועלכע יעקב שייפער, מאַקס העלפמאַן, נעיטן סאַמאַראָף און אַנדערע קאָמפּאָזיטאָרן האָבן געשאַפן מוזיק, און זיי זענען געזונגען געוואָרן פון די כאָרן איבערן גאַנצן לאַנד... האָבן דראַמאַטיזירט יידישע פאָלקס-לידער און געשאַפן פון זיי אָפּערעטעס, וואָס זענען געשפּילט געוואָרן נאָכאַמאָל

און נאָכאַמאָל אויף די ביגעס פון גרויסע אודיטאָריומס, — און זיי וועלן ערשט געשפּילט ווערן...

און גרשון אַליין, אַז איר וועט אים פרעגן, וועט ער אייך זאָגן: וואָס ווייסט איר, וואָס ווייסט איר! ס'זענען דאָך געווען אַזוינע ברכהדיקע שרייבערישע יאָרן, אַזוינע שפעדיקע שרייבערישע יאָרן. מען האָט געשריבן מעשיות, דערציילונגען, בילדער, ראָמאַנען, איינאַקטערס, דראַמען, קאָמעדיעס און אפילו ש. ביגער אין זיינער אַ גרויסער אַרבעט, אין דער ענציקלאָפעדיע וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, האָט קיינעם נישט פון „פּראָלעטפען" אַריינגענומען, אָבער ווער קאָן אויסמעקן די דאָזיקע ברכהדיקע שרייבערישע יאָרן, די דאָזיקע שפעדיקע שרייבערישע יאָרן?

יאָ, מען איז געגאַנגען צום עולם אויף שמחהלעך און אויף קאָנצערטן, און אויף באַנקעטן, און מען האָט פאָרגעלייענט פּאָעמעס, דערציילונגען, וואָס מען האָט כמעט ערשט נעכטן אָנגעשריבן, און אַזאַ דערמוטיקונג, מען האָט זיך מיט דיר ממש אַרומגעטראָגן...

און דאָ וויל גרשון דערציילן וועגן אַ געווויסער שמחהלע אין אַ שול, אין דער בראָנקס, וואָס ס'האָט זיך אויסגעלאָזט נישט אַזוי שמחהדיק פאַר גרשונען און יאָסל קאָטלערן. אָבער פריער וועט גרשון רעדן אַ ביסל וועגן באַנקעטן. מען וואָלט גאָר געדאַרפט אָנשרייבן אַ גאַנצן בוך וועגן באַנקעטן, מחמת זיי וועלן אַריינגיין אין דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור אין אַמעריקע. אויף באַנקעטן זענען געבוירן געוואָרן די יידישע שולן אין אַמעריקע, און די זומער-קעמפּס, און די כאָרן, און געוויסע טעגלעכע צייטונגען, און ליטעראַרישע וואָכן- און חודש-זשורנאַלן, און דער בעסערער טעאַטער, און קונסט-צענטערן, און ביבליאָטעקן...

דאָס צוגרייטן די באַנקעטן אַליין איז געווען אַן ענין פון קולטור. מען מיינט די קולטור פון עסן, פון יידישע מאכלים. מען רעדט דאָ נישט וועגן די באַנקעטן, וואָס ווערן געפּראַוועט אין די רעסטאָראַנען, ווו אַלץ ווערט צוגעגרייט פון פּראָפעסיאָנעלע הענט. מען רעדט דאָ וועגן די באַנקעטן, וואָס זענען געפּראַוועט געוואָרן, לאָמיר זאָגן פון אַ שול אין די בראָנקס, ווו די מאַמעס אַליין האָבן צוגעגרייט די געריכטן: די היימיש-געבאַקענע קעזעלעך, די געפילטע פיש, די ראָסל-פליישן, די באָרשטן, די געבעקסן און צימעסן

אַלערליי, זינגער און אַקטיאָרן פֿאַרשעלטן גראַדע אַזוינע באַנקעטן, ווייל ס'איז נישט געווען שטיל בשעת זיי טרעטן אַרויס; מחמת עס שטערט זיי דער געקלאַנג פֿון לעפֿל און גאָפּל בשעת זיי טרעטן אַרויס; מחמת מען האַלט אין איין טראָגן פֿון קיך די טעלער מיט די געריכטן...

גרשון און יאָסל קאַטלער האָבן אָבער געבענטשט אַזוינע באַנקעטן, טאַקע צוליב די דאָזיקע היימישע קוגעלער, געפֿילטע פֿייטן, ראָסל-פֿליישן, באָרשטן און צימעסן אַלערליי, וואָס מאַמעס האָבן אַריינגעטראָגן זייער קענטעניש געירשנט פֿון דורות יידישער קאָך-און-געבעק-קולטור...

הכלל, יאָסל קאַטלער און גרשון פֿרייען זיך. מען האָט יענעם שבת געכאַפּט בלויז אַ לייכטן ביים אין „אויטאָמאַט" אויף דער פּערצענטער גאַס (ס'איז געווען אין דער צייט, ווען קיין געלט איז נישט געווען און דאָס לעבן איז געווען צוקער-זיס). הכלל, פֿאַר-נאַכט-צו זעצן זיך אונדזערע צוויי פֿאַרשוינען אין בראָנקס-עקס-פּרעס. וויפֿל נעמט דען אַהין צו דער שול אין די בראָנקס? אַרום פֿינף און צוואַנציק מינוט, קיין פֿינף און צוואַנציק מינוט אויך נישט. וועלן זיי אָנקומען פּונקט ווען מען הייבט אָן דערלאַנגען די טייערע היימישע מאכלים, וואָס גרשון און יאָסל האָבן אַרויסגעקוקט אױ; אויף די קוגעלער, לאָקשן-קוגעלער, געווען דאָרט איינע אַ מאַמע, שרה-באַשע, האָט מען זי גערופֿן, וואָס האָט געבאַקן לאָקשענע קוגעלער, אַז דער קיסר האָט זיי געמעגט עסן. די זעלביקע שרה-באַשע האָט געקאָכט אַ צימעס פֿון פֿאַסאָליעס, וואָס דער פּרעזי-דענט פֿון אַמעריקע האָט זיי געמעגט עסן.

יאָ, זעצן זיי זיך ביידע אין בראָנקס-עקספּרעס. גרשון פֿאַר-מאַכט די אויגן און הזרט זיך די זאַך וואָס ער האַרף האָרטן פֿאָרלייענען. ס'איז ווידער אַ מעשה אין גראַמען יאָסל, ווידער, שרייבט גאָר אַ ניי ליד, וואָס ער וועט דאָרטן פֿאָרלייענען, און דאָס נייע ליד איז געווען: „אוי, געוואַלד, אַ גנב, ער האָט דאָך ביי מיר צוגעגנבעט דאָס לעצטע פֿון דער שטוב, כאַפּט אים און קלאַפּט אים און זעצט אים איין"... (יעקב שייפֿער האָט שפּעטער פֿאַרפֿאַסט מוזיק צו דעם דאָזיקן ליד און עס ווערט געזונגען פֿון די כאָרן איבערן גאַנצן לאַנד).

הכלל, און דער צוג גייט דערווייל ווי עס דאַרף צו זיין. דער בראָנקס־עקספּרעס לויפט, שטעלט זיך אָפּ, לויפט ווידער... און אָט איז מען שוין ביי דער הונדערט און ניין און פערציקסטער גאַס לעבן דריטער עוועניו, און באַלד וועט די באַן אַרויסלויפן פון דער פינצטערניש צו דער ליכטיקייט אַרויס. שטענדיק ביי אָט דער אונטערערדישער סטאַציע אין די בראָנקס, און ביי יוטיקאַ עוועניו אין בראָנזוויל, כאַפּט אָן גרשונען אַ ציטער פון פרייד, וואָס מען וועט באַלד אויסגעלייזט ווערן פון דער פינצטערניש צו דער ליכטיקייט... און איר שטעלט זיך מסתמא פאָר, אַז נישט גרשון און נישט יאָסל קאָטלער זענען אַזוי גיך אויסגעלייזט געוואָרן פון דער פינצטערניש צו ליכטיקייט. עפּעס איז קאַליע געוואָרן די עלעקטריציטעט. ס'האָבן זיך אויסגעלאָשן אַלע ליכט און די באַן איז געבליבן שטיין. אַ פּאַניק איז באַפאַלן אַלע פּאַסאַזשירן...

אַזאַ פאַרדראָס, אַזאַ פאַרדראָס! אַזוי פיל יאָר געפאָרן מיט אונטערערדישע באַנען אין ניו יאָרק, דאַרף זיך עס גראַדע טרעפן איצטער און אונדזערע ביידע פאַרשוינען האָבן געלייגט אַזוי פיל האָפענונגען אויף די לאָקשענע קוגעלעך און אַנדערע גוטע מאכלים, וואָס צוליב זיי האָט מען געהונגערט כמעט אַ גאַנצן טאָג...

עפּעס העכער אַ שעה מיט אַ האַלב האָט זיך פאַרהאַלטן די באַן, און מען איז שוין נישט אויסגעלייזט געוואָרן פון פינצטערניש צו ליכטיקייט, נאָר צוריק צו דער פינצטערניש, מחמת ווען די באַן איז אַרויס פון טונעל איז אין די בראָנקס שוין געווען נאַכט. און ווען מען איז שוין סוף כל סוף געקומען צו דער שול, זענען שוין אַלע לאָקשענע קוגעלעך געווען אויפגעגעסן, און אַלע אַנדערע פּאָטראַוועס, און מען האָט נאָך געהאַט טענות צו די ביידע פאַרשוינען אונדזערע פאַרוואָס זיי זענען געקומען שפּעט...

# אָן אַ ניקל אין קעשענע

גרשון איז געוואָרן אַ לערער אין די בראָנקס. ער האָט שוין פון לאַנג אַרויסגעקוקט אויף אַ שול אין סאַמע ניו יאָרק. אין דער פּראָווינץ האָט ער קיינמאָל זיך לאַנג נישט געהאַלטן, שטאַרק געבענקט נאָך אַ שרייבערישער סביבה. איז אים טאַקע גוט געווען, מחמת ער האָט געקאָנט טיילן זיין טאָג אי צווישן אַ שרייבערישער סביבה, אי אין דער שול צווישן די קינדער.

און אַז מען רעדט שוין וועגן לערעריי, גיבן אַ לייכט אויף אין זכרון דריי נעמען — טאַטעס פון דער יידישער שול אין אַמעריקע: ה. נאָוואַק, ש. בערקאָוויטש, א. בראָמבערג. אַזוינע לערער זענען קיין סך נישטאָ. אַזוינע לערער לאָזן איבער אין זייערע תלמידים אַ ליכטיקייט אויף אַלע זייערע ווייטערדיקע יאָרן. נאָך אַזוינע לערער בענקט מען אפילו ווען מען איז שוין אַליין אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע... גרשון געדענקט גוט, ווי ה. נאָוואַק איז געקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס אין די אינטערעסן פון דער „צוקונפט“, איז אין זיין צייטווייליקן „אָפיס“ ביי דעם גוטן גאָרעליק אין בוך־געשעפט, האָט דער טעלעפאָן נישט אויפגעהערט צו קלינגען. דאָס האָבן געקלונגען זיינע אַמאָליקע תלמידים און תלמידות. אים אַזוי שטאַרק געוואָלט זען.

גרשון געדענקט אויך זייער גוט, ווען ה. נאָוואַק איז געווען דער אָנפירער פון דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט, איז אין זיין אָפיס געקומען זיינע אַן אַמאָליקע תלמידה זיך האַלטן אַן עצה מיט אים וועגן אירע שוועריקייטן אין איר פאַמיליע־לעבן.

און ה. נאָוואַקן האָט געמוזט יעדער איינער ליב האָבן, צוליב זיין וואַרעמען שמייכל, צוליב זיין פריילעך קול, צוליב זיין גוטמוטיקן ווערטלען זיך, צוליב דאָס גוטע, מענטשלעכע אין אים. נישט אַזאַ הויכער, אַ קערפּערדיקער, פעטלעך קאָן מען זאָגן, מיט גע=

דיכטע קומשערשװע שאַטנגעװע האָר, מיט ליכטיק־ברוינע לאַנג־דיקע אויגן דורך די ברילן. אָבער דער עיקר די װאַרעמקייט, װאָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון אים און די ליבשאַפט צו יידיש...

גרשון איז איינמאָל געװען ביי נאָװאַקן אין קלאַס. האָבן אַלע קינדערשע פּנימער געשיינט. ס'איז פריילעך מיט אַזאַ לערער, װאָס שמייכלט אַזוי װאַרעם, װאָס שפּאַסט אַזוי גוטמוטיק, און װאָס מאַכט אַזוי ליב זיי די שפּראַך פון זייערע טאַטעס און מאַמעס.

א. בראָמבערג, אויך אַ קערפּערדיקער און פעטלעכער קאָן מען זאָגן, אויך אין ברילן, שאַרפע ברילן, אויך מיט אַ געדיכטן קאָפּ האָר, אָבער שטאַרק שװאַרצע, פּונקט װי זיינע אויגן שטאַרק שװאַר־צע, גרויסע, פולע, פינקלדיקע, װאַרעמע, זיין קול אַ טיפס, אין אַ טאַטעש, געראַרט צו יעדן יינגל מיט אַזאַ קול, װי ער װאָלט געװען זיין זון, און צו יעדער מיידל, װי זי װאָלט געװען זיין טאָכ־טער. און אַז ער האָט זיך געבייזערט, איז דאָס אויך געװען װי אַ טאַטע אָבער נישט קיין כעסדיקער טאַטע. גרשון איז אויך איינ־מאָל געװען אין זיין קלאַס און אַריינגעכאַפּט געװאָרן אין דער װאַרעמקייט פון זיין פּערזענלעכקייט פּונקט װי אַלע קינדער.

שלמה בערקאָװיטש האָט גאָר אויסגעזען, װי אַן אַטלעט. אַזאַ היפשער, אַזאַ מאַסיװ־געקנאָטענער מיט אַ פעסטן שטערן, װאָס האָט זיך געקנייטשט װען ער האָט געשמייכלט, מיט גאָר אַ שיינעם קאָפּ האָר, אַ קאָפּ װי ביי אַ גריכישן גאָט, אַ ליכטיק שאַטנגעװער געקרייזלטער קאָפּ האָר, כמעט בלאָנדלעך מיט װייך־שטראַלנדיקע גרוילעך־בלױלעכע אויגן. דער שמייכל, װאָס האָט זיך אויסגעלייגט אין עפּעס שעמעװדיקע קנייטשעלעך סיי אויף זיינע מאַסיװ־געקנאָ־טענע באַקן, סיי אויף זיין הויכן פעסטן שטערן איז ממש געװען מאַגנעטיש. אָבער דער עיקר זיין האַרציק קול, װאָס האָט זיך צע־שאָטן אין פילע לאַשטשענדיקע קלאַנגען.

ס'זענען געװען און ס'זענען נאָך דאָ, טאַקע נישט קיין סך צװישן אַלע טיפּן יידישע שולן, פּונקט אַזױנע װוּנדערלעכע לערער, װי די דאָזיקע דריי, אָבער ה. נאָװאַק, א. בראָמבערג, ש. בערקאָ־װיטש, זענען האַכט זיך די קדמונים, די קלאַסיקער. נאָר אויב גרשון מאַכט אַ טעות, זאָל עמעצער קומען און פאַרריכטן.

אָבער לאָמיר זיך צוריק אומקערן צו דער מעשה, ווי גרשון איז געוואָרן אַ לערער אין די בראָנקס און ס'איז אים געווען גוט, ווייל ער האָט געקאָנט טיילן זיין טאָג צווישן חברים שרייבער און צווישן זיינע תּלמידים... און די חברים שרייבער, מערסטנס לערער אין די יידישע שולן, זענען זיך אָפּט צונויפגעקומען בייטאָג אין קאַפע „קרוסעידער" אויף דער פערצנטער גאַס צווישן אורווינג פּלעיס און פערטער עוועניו. איידער מען נעמט די סאָבוועי אויף דער פערצנטער גאַס צי אויף יוניאָן־סקווער צו פאָרן אין דער שול. וואָס איז אָדער אין וויליאַמסבורג, אָדער אין בראָנזוויל, אָדער אין בראַיטאָן, אָדער אין די בראָנקס, אָדער ערגעץ אַנדערש אין גרויס ניו יאָרק, כאַפּט מען זיך דערווייל אַריין אין קאַפע „קרוסעידער" אָפּעסן אַ מאָלצייט, און רעדן וועגן און אַרום ליטעראַטור. ס'איז געווען ווי אַן אָפּמאַך כאָטש מען האָט זיך נישט צונויפגערעדט, אַז צווישן איינס און דריי בייטאָג זאָל מען זיך אַהערצו פאַרקלייבן. פאַרשטייט זיך, אַז ס'זענען געקומען אַהין אויך שרייבער אין די דאָזיקע שעהן, וואָס זענען נישט געווען קיין לערער (דאָס איז שוין געווען נאָכדעם, וואָס די קאַפע „אייראָפּע" אויף דער דרייצנטער גאַס האָט זיך אויפגעלייזט).

און גרשון האָט איינמאָל אין אַ געוויסן טאָג געהאַט איינזינען אויסצוגעבן אויף זיין מאָלצייט בלויז אַזוי פיל און אַזוי פיל און זיך איבערלאָזן צען סענט אויף באַן־הוצאות צו די בראָנקס און צוריק צו דער פערצנטער גאַס. האָט ער זיך אָבער פאַרגעסן און איבערגעכאַפּט מיט אַ ניקל מערער. געטראַכט לייען ביי אַ חבר שרייבער אַ ניקל, אָבער ווידער אַמאָל זיך פאַרגעסן צוליב דעם זייער אינטערעסאַנטן שמועס וואָס האָט זיך אַנטוויקלט ביים טיש... ס'איז געווען אַזוי פיל פון וואָס צו רעדן... נישט באַמערקט ווי די צייט לויפט.. .שטענדיק זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן ביז אין דער לעצטער מינוט און אָפּט אַריבער דער לעצטער מינוט... מען האָט זיך אויך געלייענט איינער דעם אַנדערן לידער, כמעט ערשט פון דער פען אַרויס... ס' האָט זיך אַזוי נישט געוואָלט לויפן צו די גרויע וואָכיקע שולן, וואָס האָבן זיך מערסטנס געפונען אין געוועזענע קראָמען מיט פאַרלייגטער לופט, מיט ווייניק ליכטיקייט, וו מען האָט געדאַרפט אָנצינדן די עלעקטריק אפילו ווען די זון האָט נאָך

געשיינט אינדרויסן... אָבער מען האָט זיך אָנגעטאָן אַ כּוח און מען איז געלאָפן...

יאָ, ביי גרשונען איז געבליבן איין ניקל אין קעשענע, און דערמאָנט האָט ער זיך ערשט אין דער לויפנדיקער באַן. אָבער ווי וועט נישט אַריינפאַלן קיין געלט אין שול? אַ קינד וועט ברענגען שכר־לימוד, אָדער עמעצער וועט קויפן אַ שול־העפט באַזונדערס אַרויסגעגעבן פאַר די יידישע שולן מיט שלום־עליכמס אָדער פּרצעס, אָדער מענדעלעס בילד אויפן ערשטן בלעטל, און מיטן יידישן אלף־בית, סיי דעם געדרוקטן, סיי דעם געשריבענעם.

גרשונען האָבן די קינדער ליב געהאַט, נישט אַזוי אפשר צוליב זיין לערנען, ווי צוליב זיין דערציילן די מעשהלעך. זענען די קינדער געוואָרן אומרואיק און זיך אָנגעהויבן לאַנגווייליקן מיטן לערנען, אַזוי גלייך — מיט אַ מעשהלע... יענעם טאָג האָט גרשון דערציילט זיי אַ מעשהלע וועגן זיינע איבערלעבונגען בשעת דער רוסישער רעוואָלוציע, און ער האָט שוין געזען, אַז ער זאָל אַרויסקומען אין די אויגן פון די קינדער ווי אַ גרויסער העלד, און די קינדער מיט גרויסע צעלאָפענע אויגן האָבן טאַקע געקוקט אויף זייער לערער, ווי אויף אַ גרויסן העלד... און דער לערער, דער גרויסער העלד, האָט גאָר קיין ניקל נישט אויף צו פאָרן אַהיים מחמת קיין שכר־לימוד האָט קיינער עפּעס נישט געבראַכט יענעם טאָג, און אויך האָט עפּעס קיינער נישט געדאַרפט קויפן קיין יידישן העפט... אין צו לייען אַ ניקל פון אַ קינד פּאַסט דאָך נישט פאַר אַ לערער און נאָך אַ גרויסן העלד דערצו... און ס׳זענען גראַדע געווען אַזוינע קינדער, וואָס ס׳האָט געקלונגען ביי זיי אין די קעשענעס זילבער...

האָט שוין גרשון געמוזט פאַרנאַכט זיך לאָזן נאָכן לערנען צופוס צו דער פערצנטער גאַס, אַרום אַ צוויי הונדערט בלאָק. אָבער מען איז געווען יונג און מיט געוואַלדיקער שרייבערישער נייגעריקייט. ס׳האָט זיך געוואָלט אַריינקוקן אין אַלע באַלויכטענע פענצטער צו זען, ווי אַזוי ס׳קומט פאָר דאָס לעבן... ער איז פאַרבייגעגאַנגען ווייכע אַפּאַרטמענט־הייזער, און אָפּגעקראָכענע טענעמענט־הייזער. און גאָר אָרעמע איינשטאָקיקע הילצערנע הייזקעס... ער איז אַריין אין אַזוינע בלאָקס, וואָס דער פינצטערער אַרום האָט געשראָקן. נישטאָ קיין מענטשן אויף די טראָטואַרן, סטראַשענדיקע ריזיקע קוימענס האָבן געסטראַשעט פון הויכע געביידעס, אַרומגערינגלט

מיט בלינדע ציגלדיקע פּאַרקנס... און וויפל באַלויכטענע קענדי=סטאָרס ער איז פאַרבייגעגאַנגען... און וויפל גאָר באַלויכטענע מווי=הייזער און וויפל שולן, און וויפל, להבדיל, קלויסטערס... און וויפל רוישיקע בלאָקס, און וויפל גאָר שטילע בלאָקס...

אויף דער בריק פון דער 125=טער גאַס האָט גרשון געזען די גאונות פון דער מענטשהייט. ער האָט געזען, ווי אַ שטיק פון דער ריזיקער בריק האָט זיך אָפּגעטיילט און אָנגעהויבן זיך פאַרקערעווען אין דער ברייט. דאָס האָט מען געדאַרפט דורכלאָזן אַ שיף מיט הויכע קוימענס אויפן האַרלעמער טייך, און געמאַכט, אַז די דאָזיקע שטיק ריזיקייט זאָל זיך אָנהייבן צו אָפּטיילן, האָט בלויז איין מענטש אין אַ מין בודקעלע, האָט גרשון געזען, און דער מענטש האָרטן אין בודקעלע איז געווען גאָר אַ קליינגעוואוקסיקער...

שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָר, ווען גרשון האָט געשריבן זיין ראָמאַן „בראָנזוויל“, וואָס האָט זיך געדרוקט אין דער „פרייהייט“ אין פאָרזעצונגען, האָט ער באַשריבן אַזאַ קאַפּיטל פון אַ ריזיקן שטיק בריק, וואָס הייבט זיך אָן צו קערעווען, און דער וואָס מאַכט דאָס קערעווען איז דער קליינגעוואוקסיקער שימעלע, אַ געוועזענער קינדער=הייזקעס אָפּערעיטאָר...

* * *

אַך, ניו יאָרק, ניו יאָרק. גרשון קאָן גאָרנישט פאַרגעסן דאָס ניו יאָרק... דאָ אין לאָס אַנדזשעלעס, ווו אַ בוך אין ביבליאָטעק וועגן ניו יאָרק, ווי ער כאַפּט זיך צו אים...

# אַ שול אין די בראָנקס

די קינדער-שול אין די בראָנקס איז געווען אַ געוועזענע קראָם, וווּ מען האָט פֿריער פֿאַרקויפֿט גרינסן און פֿרוכטן. דער טוכליער ריח פֿון די אַמאָליקע גרינסן און פֿרוכטן האָט זיך גאָר קיינמאָל נישט אויסגעוועפּט... אין דער קינדער-שול אין די בראָנקס, אום ווינטער האָבן די קינדער געמוזט זיצן אין זייערע מאַנטלען ביים לערנען, כאָטשבי ס'האָט זיך געהייצט דאָס אייזערנע אייוועלע, פֿון וועלכן ס'האָט זיך געצויגן אַ שוואַרצע בלעכענע רער ביז צו דער סטעליע... אין דער קינדער-שול אין די בראָנקס האָט מען געדאַרפֿט אָנצינדן די עלעקטריק אפֿילו ביי טאָג, כאָטשבי ס'איז דאָרטן געווען פֿון פֿאָרנט לעבן דער טיר אַ פֿענצטער, אָבער די טאָג-ליכטיקייט האָט דורך דעם פֿענצטער נישט געקאָנט דערגרייכן ביז צו די שול-בענקלעך און צו דעם שוואַרצן טאָוול, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער טיף... דערפֿאַר האָבן באַשיינט די ווענט די קלוגע פּנימער פֿון שלום עליכם, פּרץ, מענדעלע און פֿון די גרויסע סאָציאַליסטישע פֿירער און דענקער... דערפֿאַר האָבן דאָרטן אָפֿט געקלונגען פֿריי-לעכע געלעכטערס פֿון בראָנקסער יידישע קינדער... דערפֿאַר האָבן דאָרטן געלויכטן פּנימער פֿון טאַטעס און מאַמעס, ווען זייערע קינדער האָבן יאַנקעלעך אויף די שול-שמחהלעך דעקלאַמירט יידישע פּאָעמעס און געזונגען יידישע לידער...

יאָ, ס'איז דאָרטן אויך געווען אַ פּיאַנאָ, אַן אָפּגעקראָכענע שוואַרצע פּיאַנאָ. אַ צוויי-דריי קלאַווישן אינגאַנצן שטומע, אָבער פֿאַר רחלען איז דאָס גאָר געווען אַן אוצר, די בלוט-אָרעמע רחלע, שטענדיק מיט אַ פֿאַרקילט נעזל און אין נישט-צו-וואַרעמע קליי-דער, אַ פֿאַרפֿרוירענע, פֿלעגט זי קומען אין דער יידישער שול מיט אירע גרויסע לאַכנדיקע קאַרשן-אויגן, מיט דעם בלאַסן חן-גריבעלע אין איר רעכטער באַק. זי האָט ליב געהאַט צו קומען פֿאַר אַלעמען,

זיך זעצן ביי דער פּיאַנאָ און אויסשפּילן און אויסזינגען אַלע ייִדישע לידער, וואָס זי האָט זיך אויסגעלערנט אין דער שול. קיינער האָט זי נישט געלערנט שפּילן פּיאַנאָ, אָבער אירע מאָגערע פינגערלעך האָבן שוין געפונען די ריכטיקע טענער...

איר הויכער סוטולעוואַטער טאַטע, אַ שטעפּער פון פּרויען־קליידער, אין זיינע אַרבעטסלאָזע טעג, איז אויך געקומען אין שול. זיך נישט געהאַט וווּ צו זעצן איז ער געשטאַנען לעבן אייוועלע און מיט גרויס דרך ארץ זיך צוגעהערט, ווי דער לערער לערנט מיט די קינדער. און אַז דער לערער האָט אַרויסגערופן זיין רחלען צו דעם שוואַרצן טאָוול, און זי האָט אויסגעקריצט מיטן קרייד: „טאַטע, מאַמע, זיידע, שאַפּ“, האָט ער אַזש איינגעהאַלטן דעם אָטעם...

יאַנקעלע איז אויך געקומען פאַר אַלעמען אין שול. יאַנקעלע דווקא מיט רויטע בעקעלעך און מיט פינקלדיקע שוואַרצע אייגעלעך האָט זיך געלערנט אויף אויסנווייניק אַ גרויסע פּאָעמע פון מאַני לייב, איז ער געקומען פאַרפרי, דער לערער זאָל אים אויסהערן, אַזוי קלאָר און פאַרביק, און מיט געפיל אַרויסגערעדט יעדעס וואָרט:

בלימעלעך, קרענצעלעך, מאָלט אויף די שויבן דער פראָסט,
און דער ווינט אַזוי וואָיענדיק בלאָזט...

ער איז געווען אַ בן־יחיד, און זיין טאַטע דער פרעסער פון מאַנטלען, מיט משונהדיקע ברייטע פּלייצעס, מיט אַ קרומען דיקן האַלדז, מיט אַ פליישיקער נאָז, וואָס איז געווען שטענדיק פאַרלייגט, איז אים אָפט געקומען אָפּנעמען פון שול. און איינמאָל אַ פאַרנאַכט האָט ער אַוועקגערופן גרשונען אין אַ זייט, און זייער אַ שטאַמלדיקער, און זייער אַ שעמעוודיקער, זיך מודה געווען, אַז ער קאָן נישט שרייבן קיין יידיש, לייענען יאָ, דעריבער אויב דער לערער וויל אים לערנען שרייבן אין די אָוונטן... ער וועט אים באַצאָלן...

און מאיר, פון עלטערן קלאַס, אַ בחור מיט געלע האָר, געדיכטע זומער־שפּרענקלעך אויפן פּנים, מיט זייער אַ ברייט מויל, האָט כמעט אַלע פאַרנאַכט אָפּגעפירט דעם לערער צום עלעוועיטאָר. ער איז גראַדע געווען אַ שטומפּיקער אין לערנען, אָבער דערפאַר איז ער געווען אַ גרויסער וועלער. זיין טרוים איז געווען זיך אויך אויסלערנען עפּעס אַ פּאָעמע אויף אויסנווייניק און זי

דעקלאַמירן אויף אַ שול־שׂמחהלע. אָבער ער האָט דאָס, געבעד, קיינמאָל נישט געקאָנט באַווייזן... יאָ, ער האָט אַלע פאַרגאַבט אָפּגעפירט גרשונען צום באַן, אים געזאָגט:

— אַ גוטע נאַכט, לערער...

וואָס איז געוואָרן פון רחלען, פון יאַנקלען און פון מאירן אין די שפּעטערדיקע יאָרן? וואָס איז געוואָרן פון אַלע זיינע תּלמידים און תּלמידות פון זיין שול אין די בראָנקס אין די שפּע־טערדיקע יאָרן? וואָס איז געוואָרן אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון די טויזנטער און טויזנטער תּלמידים און תּלמידות, וואָס האָבן זיך דעמאָלט געלערנט אין אַלע טיפּן שולן, ווי אַרבעטער־רינג, שלום־עליכם, נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד, אומפּאַרטייאישע, און אַנדערע? און דעמאָלט אין בראָנקס, אין האַרלעם, אין וויל־יאַמסבורג, בראָנזוויל, באָראָ פּאַרק, קוני איילאַנד, בראַיטאָן, אויף יעדע אַכט אָדער צען בלאָקס אַ שילד מיט יידישע אותיות, אָדער: אַרבעטער־רינג שול, אָדער שלום־עליכם שול, אָדער אומפּאַרטיי־אישע, און אַזוי ווייטער און ווייטער...

ס׳וואָלט זיך איצט געוואָלט טרעפן מיט אָט די רחלעך, יאַנ־קעלעך און מאירלעך און זיך דערוויסן וואָס האָט געטראָפן מיט זיי אין לעבן? ס׳וואָלט זיך אויך איצט געוואָלט טרעפן מיט די יידן פון דער פאַרוואַלטונג אין דער שול אין די בראָנקס. אייניקע זענען שוין מסתּמא לאַנג נישטאָ מערער צווישן די לעבעדיקע...

איינמאָל אַ וואָך אַרום אַכט אַזייגער אין אָוונט האָבן זיך אַ צוועלף—פערצן עלטערן צונויפגעזאַמלט. אין דער שול אין די בראָנקס איז געווען וואַרעם, מחמת דאָס אייזערן אייוועלע האָט נאָך געברענט פון בייטאָג אָן... מען האָט אַרויפגעשטעלט אויפן אייוועלע אַ גרויסן טשאַיניק מיט וואַסער פאַר טיי, און יעדער איינער פון דער פאַרוואַלטונג האָט נאָכדעם באַצאָלט אַ ניקל פאַר אַ גלאָז טיי... געזעסן איז מען אויף די קינדערשע שול־בענקלעך. דער פאָרזיצער איז געווען אַ סטאָליאַר, אַ שלאַנקער, בייגעוודיקער מיטליאָריקער מאַן, מיט פאַרהאַרטעוועטע הענט; מיט זייער וואַכע בלויע אויגן. דער פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר איז געווען אַ שניידער מיט אַ בייכל מיט אַ פול פּנים, בלאָס פון ווייניק זיין אויף דער לופט, מיט סוטולעוואַטע פּלייצעס, און מיט ברוינע טרערנדיקע אויגן. די פינאַנץ־סעקרעטאַרין איז געווען אַ פּאַרסטריגערין, זייער

אַ מאָגערע, זייער אַ קורצזיכטיקע, מיט זייער דיקע אויגן=גלעזלעך. די איבעריקע פּאַרוואַלטער, אויך אַרבעטער, ווער ביי פרויען=קליידער, ווער ביי מענער=קליידער. ס'איז דעמלט געווען דער אָנהייב פון גרויסן קריזיס. שכר=לימוד איז זייער ווינציק אַריינגעפאַלן דורך דער וואָך און ביי יעדן מיטינג איז געווען אַ פּראָבלעם פון רענט און שכירות פאַרן לערער... די עצה איז געווען אַ שול=שמחהלע, אויף וועלכן מען קאָן דערוואַרטן אַ פופציק—זעכציק מענטשן און מאַכן אַ זאַמלונג. אָבער ביזן שול=שמחהלע דאַרף מען דאָך עפּעס געבן דעם לערער, איז ביי יעדן מיטינג האָבן זיך די פּאַרוואַלטער בייגעשטייערט יעדער מיט פופציק סענט... צוזאַמען מיטן ביסל שכר=לימוד, וואָס איז יאָ אַריינגעפאַלן, האָט קיים אויסגעמאַכט אַכט, אָדער צען דאָלאַר שכירות...

און אויף דער לאַנג=געפּלאַנעוועטער שול=שמחה, אויף וועלכער אַלע האָפענונגען פאַר רענט און שכירות זענען אַריינגעלייגט געוואָרן, אַ שבת אָונט, האָבן טאַטעס געבראַכט טישן, זיי פאַרשפּרייט מיט ווייסע טישטעכער, מאַמעס האָבן אָפּגעקאָכט פיש און אָפּגעבאַקן קוגלען, און פון ערגעץ=ווו האָבן זיך געיאַוועט אַ פּאָר פלעשער זויערן פּראָהיבישאָן=וויין. און פון אַרטעף אַלם פּאַרווײלער האָט מען געשיקט דזשוליום דאַסין און דוד אָפּאַטאָשו (דזשוליום דאַסין איז איצטער אַן אינטערנאַציאָנאַל באַרימטער מוווי=רעזשיסאָר), און ביידע חברים אַרטעפניקעס אָן ווערטער, בלויז אין פּאַנטאָמימע, האָבן פאַרגעשטעלט סצענקעס און יידן האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער... און נאָך די אַלע געלט=זאַמלונגען, איז מען געבליבן שולדיק גרשונען נאָכן לערערסעזאָן אַרום אַכט הונדערט דאָלאַר...

איצטער=אָ נאָך אַזוי פיל יאָרן, קומען אויס די דאָזיקע בראָנקסער יידן אין גרשונס געדאַנק, ווי פּיקסירטע היסטאָרישע פיגורן אין אַ מאָלעריי וועגן אַ געווויסן פּעריאָד. און די מאָלעריי וועט נישט אויסלאָזן דאָס אייזערנע אייוועלע מיט דער שוואַרצער רער, וואָס ציט זיך ביז צו דער סטעליע; און דעם קאָכנדיקן גרויסן גרינעם טשאַיניק, און דעם שוואַרצן טאָוול, מיט קרייד=געשריבענע ווערטער געבליבן נאָך פון בייטאָג, ווי „טאַטע, מאַמע, זיידע, שאַף“; און די קלוגע פּנימער פון שלום=עליכם, פּרץ, מענדעלע אויף די ווענט; און דעם פייערלעכן פּאָרזיצער, דעם ביינער

דיקן סטאָליער מיט פאַרהאַרטעוועטע ידים; און דעם בייכלדיקן
שניידער, דעם פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר, וואָס לייענט דעם פּראָטאָ־
קאָל מיט פרומע ליפּן; און די זייער מאָגערע און זייער קורצזיכ־
טיקע פאַרסטריגערין, די פינאַנץ־סעקרעטאַרין, וואָס שרייבט אויס
מיט אַ ציטערדיקער האַנט קבלות פאַר די פופציק סענט שטיק,
וואָס יעדער איינער האָט זיך בייגעשטייערט; און די איבעריקע
שול־פאַרוואַלטער, וואָס זיצן אויף נידעריקע שול־בענקלעך מיט
פנימער וואַזשנע און ערנסטע ווי ביי מיניסטאָרן אין אַ רעגירונגס־
קאַבינעט...
יאָ, אַ יידישע קינדער־שול אין די בראָנקס...

# אין קעמפ „קינדערלאַנד“

ווען קומט אַ טייך אום זומער צום לעבן? ערשט ווען אַ סך קינדער באָדן זיך אין אים. ווען קאָן מען גוט באַנעמען דעם טייטש פון „זומער־פרייד“? ערשט ווען די קינדער אין אַ טייך שפּאַלטן ממש דעם הימל מיט קולי־קולות קווימשערייען פון פיין און פון תענוג.

אויף דער קינדערישער זייט אין קעמפ „קינדערלאַנד“ טראָגן זיך כוואַליעס שמעקנדיקע ריחות פון טרוקענער נאָדל־ביימער־לופט. דעמלט, אין יענע יאָרן, האָט דאָרטן געוואַקסן כמעט אַ גאַנץ וועלדל פון אָט־דעם מין...

מיט וויפל זומערס צוריק איז דאָס געווען, ווען גרשון איז צום ערשטן מאָל געקומען אין קעמפ „קינדערלאַנד“? אפשר מיט העכער 3 צענדליק זומערס. דעמלט זענען נאָך די דירעקטאָרן נישט געווען איטשע גאָלדבערג און גדליה סאַנדלער, אָדער ווי מען האָט זיי גערופן אין שפּאַס: „איטשע־גדליה“, דעמלט איז דער דירעק־טאָר געווען יעקב לעווין... און יעקב לעווין האָט עפּעס נישט גע־האַלטן פון גרשונס קינדער־מעשהלעך. ער האָט אים איינמאָל טאַקע אַזוי געזאָגט „איך האַלט נישט פון אייערע מעשהלעך“. און ביי גרשונען איז דאָס געווען אַ קלאַפּ, מחמת ער האָט יאָ געהאַלטן פון יעקב לעווינען, שטאַרק געהאַלטן. ביי גרשונען איז ער געווען דער גרויסער פּעדאַגאָג, איינער פון די טאַטעס פון די יידישע שולן אין אַמעריקע, דער מחבר פון אַ סך לערן־ביכער, וואָס זענען זיך צעגאַנגען אין גאָר אַ סך אויפלאַגעס...

יאָ, יעקב לעווין האָט נישט געהאַלטן פון גרשונען, און דאָ קומט נאָך גרשונען אוים צו זיין אַ „קאָונסילאָר“ אין קעמפ „קינ־דערלאַנד“ און יעקב לעווין, דער דירעקטאָר, האָט אים געגעבן די אויפזיכט אויף אַ באָנגאַלאָו מיט די יינגסטע קינדער. צו זיי האָט

מען געדארפט זיין א ניאנקע פיר און צוואנציק שעה א מעת-לעת, גרשון האט טאקע ליב קינדער, פרייט זיך מיט קינדער, קאן דערציילן שיינע מעשהלעך צו קינדער, אבער זען, אז זיי זאלן נישט באנעצן די בעטן אין שלאף, איז א ביסעלע געווען נישט אזוי ליב...

גרשון האט ליב קינדער. אבער פוצן חברה-לייט מיטאמאל? זען זיי זאלן זיך אנטאן, זען זיי זאלן זייט גוט צוגעדעקט ביינאכט, זען זיי זאלן זיך אויסבערשטלען די ציין, זען זיי זאלן זיך וואשן די אויערן, זען און אויספלאנטערן די קנופן פון שטארק-פארפלאנטערטע שיך-בענדלעך...

כמעט יעדע נאכט האט זיך געמאכט, אז א קינד האט זיך אויפגעכאפט אין גרויס שרעק און געוויינט: מאמע, מאמע. א שלעכטן חלום געזען, האט ער מורא און ציטערט און וויל זיין מאמען. האט גרשון געטאן, וואס זיין מאמע וואלט געטאן, אים געגלעט, גערעדט צו אים מיט א גוט קול און אים געבראכט צוריק צום שלאף... נאכדעם האט שוין גרשון נישט געקאנט צוריק איינשלאפן. געווען צערודערט. ער האט זיך גאר אליין געניטיקט אין א מאמען, וואס זאל רעדן צו אים מיט א גוט קול...

דאס פארבעטן די בעטן איז געווען כקריעת ים-סוף, און ביי יעקב לעווין, דעם דירעקטאר, האט יעדער בעט געמוזט זיין פארבעט לויט אייזערנע רעגולאציעס... אדעלע, אפאטאשוס פרוי, וואס איז אויך געווען דעמלט א קאונסיליארין, האט זיך מרחם געווען אויף אונדזער בחור און אלע אינדערפרי געקומען העלפן גרשונען מיט די בעטן לויט די אייזערנע רעגולאציעס... דער פאעט אייזיק פלאטנער האט אים געהאלפן מיט די בעטן. אייזיקן איז געווען גוט, ער האט געהאט אויפזיכט איבער א באנגאלאו מיט עלטערע יינגלעך, און ער האט זיי נישט געדארפט אפווישן די נעזלעך, נישט געדארפט האלטן אן אויג צי זיי האבן פארגעס: צו טאן זייערע נאטירלעכע באדערפענישן...

יא, גאר קליינע קינדער האט גרשון געהאט, און ווי קליין זיי זענען געווען אזוי גרויס האבן זיי געקאמאנדעוועט... און מען וואלט געקאנט מיינען, אז נאכדעם וואס זיי האבן זיך אנגעקאמאנדעוועט, אנגעהוליעט א גאנצן טאג אין דער גוטער לופט, איז אז ס'וועט קומען די נאכט וועט זיי דער שלאף גלייך איינכאפן? ניין, ערשט

ווען ס׳איז געקומען די נאַכט און זיי האָבן זיך געלייגט אין בעט, האָט זיך דאָס ערשט אָנגעהויבן. אַ טעאַטער אַזאַ האָבן זיי געשפּילט מיט גרשונען נאָכן אויסלעשן אַלע ליכט אין באָנגאַלאָו: ס׳איז געוואָרן שאַ, שטיל, קיינער האָט קיין פּיפּס נישט געטאָן. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז זיי זענען אַלע שוין איינגעשלאָפן. אָבער אין אמתן האָבן זיי זיך שטאַרק צוגעהערט אין דער פּינצטער, וואָס טוט אַזוינס זייער קאָנסיליאָר דערווייל. דאָס הייסט, איז ער נאָך אַלץ אין באָנגאַלאָו און וואַרט ביז זיי זענען שוין טיף איינגעשלאָפן, אָדער ער איז שוין נישטאָ, מיינענדיק אַז זיי זענען שוין טיף איינגעשלאָפן. און ווי אַזוי האָבן זיי געווּסט, אַז ער איז שוין נישטאָ, אַז גרשון האָט גאָר מיט די לייכטסטע טריט ווי אַ גיטער גנב, זיך אַרויסגעגנבעט פון באָנגאַלאָו? און ווי אַזוי האָבן זיי געווּסט, אַז נאָכדעם, וואָס גרשון האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון באָנגאַלאָו, שטייט ער אונטער אַ פּענצטער און הערט זיך צו צי שלאָפן זיי טאַקע באמת, צי זיי האָבן אים בלויז אָפּגענאַרט? זיי האָבן געווּסט, געווּסט ווען ער האָט זיך אַרויסגעגנבעט, געווּסט ווען ער איז געשטאַנען אונטערן פּענצטער, געווּסט ווען ער האָט זיך דערווייטערט פון דער באָנגאַלאָו, און מען מעג שוין. וואָס מעג מען שוין? מען מעג שוין לאַכן: וואָלט זיך דאָס אויסגעלאָזט נאָר צום לאַכן, זענען זיי אָבער געשפּרונגען פון איין בעט צום אַנדערן, זיך געוואָרפן מיט די קישעלעך, און בכלל איבערגעקערט די באָנגאַלאָו. האָט שוין גרשון געמוזט לויפן צוריק, זיי איינשטילן און וואַרטן ביז ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז זיי זענען שוין באמת טיף אין שלאָף...

און יעקב לעווין האָט עפּעס פאַרמאָגט אַ זעקסטן חוש צו דערשפּירן, ווען ביי גרשונען אין באָנגאַלאָו איז נישט אַלץ כשורה און אויסגעוואָקסן ווי פון אונטער דער ערד, און געמוסרט. שטאַרק געמוסרט אונדזער גרשונען, און אונדזער גרשון האָט זייער נישט געוואָלט ליידן... און נישט גראָד אין אָוונט בשעת ס׳האָט זיך דאָרטן געטאָן הושך, נאָר אפילו בייטאָג איז יעקב לעווין אויסגעוואָקסן, ווי פון אונטער דער ערד, און פּונקט דעמלט ווען אין באָנגאַלאָו איז אַלץ נישט געווען אין אָרדענונג... גרשון וואָלט זיך באַדאַרפט איינהאַלטן און אים נישט אָפּענטפערן אויף צוריק, אמת טאַקע, ער איז געווען צו שטרענג, איבערשטרענג, אָט דער יעקב לעווין,

אָבער פאָרט אַ דירעקטאָר און געטראָגן די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און זיך באמת געזאָרגט וועגן וווילזיין פון יעדן קינד.

יאָ, גרשון וואָלט אים גישט באַדאַרפט אָפּענטפערן אויף צוריק און נאָך צו שאַרף אויך. און וואָס דער סוף איז געווען קאָנט איר זיך שוין אַליין אָנשטויסן...

ס'האָט זיך זייער נישט געוואָלט פאַרלאָזן דעם קעמפ אינמיטן זומער. ס'האָט זיך זייער נישט געוואָלט פאַרלאָזן די קינדער פון זיין באָנגאַלאָו, וואָס נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי האָבן אים אויסגעמאַטערט, אָבער אַז ס'איז געקומען ביינאַכט און זיי זענען שוין באמת געשלאָפן, האָבן זיך אויפגעעפנט ביי גרשונען אַלע שערי רחמים ושערי אהבה, אַלע טויערן פון רחמים און אַלע טויערן פון ליבע צו די דאָזיקע פופצן חברה־לייט...

יאָ, גרשון האָט אַזוי נישט געוואָלט פאַרלאָזן קעמפ „קינדערלאַנד“. ס'איז געווען, ווי אַרויסגעטריבן פון גן־עדן. אָבער אַ דאַנק כאָטש פאַר די פיר־פינף וואָכן וואָס ער האָט פאַרבראַכט דאָרטן יענעם זומער... און פון יענעם זומער טוען אַ לויכט אויף אין זכרון געוויסע פאַרנאַכטן, בשמימדיקע פאַרנאַכטן, און אַלע קינדער פון קעמפ, אַרום אַ צוויי הונדערט אין צאָל, פאַרזאַמלט אַרום אַ גרויסן פייער לעבן טייך... גרשון הערט נאָך איצטער דאָס פרייליכע קנאַקן פון די פלאַקערנדיקע צווייגן און הערט נאָך אַ געוויס לידעלע, וואָס אַ גרופּע קינדער אָנגעטאָן אין קאָלדרעס און מיט געפאַרבטע פּנימער האָבן אויסגעזונגען און אויסגעטאַנצט אַרום פייער:

צען קליינע, ניין קליינע<br>
אינדיאַנערלעך...<br>
אַכט קליינע, זיבן קליינע<br>
אינדיאַנערלעך...<br>
און אַזוי ווייטער און ווייטער...

גרשון זעט נאָך איצטער די באַלויכטענע פּנימער פון די קינדער אין גרויסן קנאַקנדיקן פייער: אָט איז דאָס פּנים פון גיטלרעדי אין דער אָפּשפּיגלונג פון פייער, מיט די לוסטיקע גרויסע קאַרשן־אויגן, און מיט די ציגיינערשע שוואַרצע האָר, זי איז שפּעטער געוואָרן אַ טאַלאַנטפולע פּיאַניסטין און אַ פּאַרפאַסערין פון מוזיקאַלישע ווערק... און אָט איז דאָס באַלויכטן קלוג פּנים פון באַסיע קופּערמאַן מיט אירע פאַרחלומטע שיינע העזל־אויגן, מיט

איר פילבארן הויכן שטערן. זי איז שפּעטער געוואָרן באַקאַנט אַלס א דיכטערין אין יידיש, און אָט שיינט אויף דער קליינער דודל אָפּאַטאָשו מיט דעם געשניצטן זייער פילבארן פּנימל און מיט די סאַמעטענע שוואַרצע אייגעלעך. ער איז שפּעטער געוואָרן אַ יידישער שרייבער און אויך אַ טאַלאַנטפולער אַקטיאָר... אַזוי פיל פּנימער פון קינדער לויכטן אין דעם אָפּשיין פון פייער, וואָס אַ סך פון זיי זענען שפּעטער מיט יאָרן געוואָרן אינזשיניערן, דאָקטוירים, שריי־בער און פירער פון באַוועגונגען...

און ביי דעם גרויסן פייער האָט גרשון דערציילט פאַר די קינ־דער אַ מעשהלע וועגן „זיידן און דער באָבע פריידע". און ס'איז געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט נאָר געהערט דאָס קנאַקן פון די פלאַקערנדיקע צווייגן און דעם ווייטן געזאַנג פון אַ ליד ערגעץ אי־בערן גרויסן טייך סילווען. אַלע קינדער האָבן גוט פאַרשטאַנען יידיש און ס'איז געווען אַזוי גוט גרשונען צו דערציילן אַ מעשה פאַר קינדער, וואָס פאַרשטייען גוט יידיש.

אָבער ביי דעם זעלבן קעמפּ־פייער איז אַרויסגעטראָטן אַ צוויי־טער מעשה־דערציילער, וואָס האָט אינגאַנצן פאַרטונקלט גרשונען, און דאָס איז געווען אַן אַכט־יאָריק יינגעלע, טאַקע דער פריער דער־מאָנטער דודל אָפּאַטאָשו. מאַגנעטיש איז געווען זיין קולכל, וואָס האָט אַזוי קלאָר און פריידיק־קלינגענדיק אַרויסגערעדט יעדעס וואָרט.. ער האָט דערציילט זיין טאַטנס אַ מעשה...

און אָט זעט גרשון אויך אין אָפּשיין פון פייער טאַקע דאָס פּנים פון זיין טאַטן, יוסף אָפּאַטאָשו... געקומען צו גאַסט אין קעמפּ באַזוכן זיין פרוי די שיינע אַדעלע אָפּאַטאָשו און זיין בן־יקיר'ל, דודל. און בשעת דודל האָט דערציילט דאָס מעשהלע האָט גרשון נישט אַראָפּגענומען זיין אויג פון זיין טאַטן דעם גרויסן שרייבער. אַזוי פיל באַוווּנדערונג געווען אין זיין טאַטנס קלוגע שוואַרצע אויגן, אַזוי פיל טאַטעשע פרייד אין זיינע קלוגע שוואַרצע אויגן...

גרשון האָט אויך נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון דודלס מאַ־מען, די גאָלדן־האָריקע, בלוי־אויגיקע, הירשן־אַרטיקע, אַדעלע אָפּאַ־טאָשו, וואָס האָט געקוקט אויף איר זונדעלע מיט באַגערנדיקע פיינ־לעך־פריידיקע ליפּן...

און ס'לויכט אויף ביי גרשונען אין זכרון דער הויכער, דער פעסטגעבויטער, דער טאַקטישער און געלאַסענער אברהם רעדי,

מיט די קלוגע גליענדיקע, שוואַרצע אויגן, מיט די הגעוודיקע שוואַרצע סאַמעט־וואָנצעס און מיט זיינע בלישטשענדיקע לאַכנדיקע געטאָקטע ציין. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין אַ בוים און זיך געפרייט. געפרייט זיך מיטן קעמפּ־פייער, מיט די קינדער. ער האָט דאָך אים געהאָלפן גרינדן, דעם קעמפּ „קינדערלאַנד". אין די וויטערדיקע יאָרן קאָן מען זיך גאָרנישט דערמאָנען אין קעמפּ „קינדערלאַנד" אָן א. רעדין. מען קאָן זיך אויך נישט דערמאָנען אין די יידישע שולן אָן א. רעדין...

סמוט אויך אַ לויכט אויף אין גרשונס זכרון דער הייסער, דער אימפּעטיקער הירשקע האַלפּערן, אַ געפּאַקטער, אַ הויכער, מיט אַ געזונטן רויטן קאָליר פּנים. ער פרייט זיך אויך מיטן קעמפּ־פייער, מיט די קינדער. ער איז אויך איינער פון די גרינדער. מען קאָן זיך נישט דערמאָנען אין קעמפּ „קינדערלאַנד" און אין די יידישע שולן אָן הירשקע האַלפּערן...

ס'טוט אויך אַ לויכט אויף אין זכרון דער פולבלעכער, דער קלוגער, דער זייער וואַכזאַמער א. דאָראָשקין.

# דער צווייטער גן־עדן

אַז מען האָט גרשונען פֿאַרטריבן פֿון איין זומער=גן=עדן, האָט ער זיך אַרייַנגעקליבן אין אַ צווייטן זומער=גן=עדן. דער ערשטער גן=עדן האָט געשמעקט מיטן טייערן ריח פֿון נאָדל=ביימער; דער צווייטער גן=עדן האָט געשמעקט מיטן טייערן ריח פֿון געטריקנטן היי. פֿאַרוואָס פֿון געטריקנטן היי? אין געטריקנטן היי, אין צווייטן גן=עדן, האָט ער זיך געקושט מיט אַ שיין מיידל, און נאָך אַ פֿידל=שפּילערין דערצו. אָבער דאָס וועט דערציילט ווערן אַ ביסל שפּעטער.

און דער צווייטער גן=עדן, וואָס דאָס איז נישט קיין אַנדערער, ווי קעמפּ „נישטגעדאַיגעט", איז יענעם זומער געווען אַזוי געפּאַקט, אַז ס'איז שוין נישט געווען קיין אָרט, ווי אַהינצוטאָן די נייע געסט, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין קומען. און געקומען איז מען מיט די ווייסע שיפֿן איבערן האָדסאָן, און מיט לאַנגע באַנען פֿון ניו יאָרק סענטראַל, און אייניקע אפֿילו צופֿוס.

גרשון איז געקומען צופֿוס. דאָס הייסט, נישט אינגאַנצן צופֿוס, אין יענע יאָרן און אפֿשר איז הייַנטיקע אויך, אויף די הויפּטוועגן, שטרעקסטו אויס אַ האַנט צו די פֿאַרבייַיאָגנדיקע אויטאָמאָבילן און איינער פֿון צען , צי פֿון צוואַנציק וועט זיך אָפּשטעלן און דיך אַרויפֿנעמען... און אָט טאַקע אַזוי איז גרשון אָנגעקומען אין קעמפּ אַ ביסעלע צופֿוס און מערסטנס אין אויטאָמאָבילן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר אונדזער בחור, אַ ווילד=פֿרעמדן, און אים אַרויפֿגענומען און אים אונטערגעפֿירט לאַנגע שטרעקעס... אַ טייער לאַנד אַמעריקע...

יאָ, מען האָט געהאַלטן אין איין קומען אין קעמפּ „נישטגעדאַיגעט", וואָס איז דעמלט געוואָרן זייער באַרימט. און אַ סך פֿון די ניי=אָנגעקומענע האָט גרשון באַמערקט, ווי באַלד זיי ביימן

איבער די שטאָטישע אויף קעמפּ־קליידער, נעמען זיי און צעלייגן זיך אין גראָז, און קאַטשען זיך ווי קליינע קינדער און שעמען זיך גאָרנישט, וואָס נאָך זאָל מען טאָן פון פרייד? שרייט מען טאַקע, מען טוט אַ לאָז אַרויס אַ ווילדן געשריי און מען שעמט זיך ווידער נישט! וואָס נאָך? צעלויפן זיך? צעלויפט מען זיך טאַקע, באַרגאַראָפּ צעלויפט מען זיך און מען שרייט ווידער. ווי לאַנג איז מען דעמלט געווען אָפּגעשיידט פון די קינדער־יאָרן? אַ צען אָדער צוועלף יאָר... אַלע דעמלט אין קעמפּ „נישטגעדאַיגעט" זיינען דעמלט געווען אַזוי יונג, אַז איצטער גלויבט מען זיך גאָרנישט.

געקומען זענען אין קעמפּ „נישטגעדאַיגעט" מערסטנס אַרבעטער־בחורים און מיידלעך, ווייל וו טאַקע נאָך, ווי נאָר אין „נישטגעדאַיגעט", איז געווען מעגלעך פאַר אַ וואָסער פופצן אָדער זעכצן דאָלאַר אַ וואָך הנאה האָבן פון אַ וואָך זומער־רו, און זומער־פרייד? געקומען זענען אויך פאַרמעגלעכע, מערסטנס מיטליאָריקע, וואָס האָבן געוואָלט זיין צווישן אַ יונגן פריילעכן עולם. געקומען זענען אויך יידישע שרייבער פון אַלע ריכטונגען, ווייל דאָרטן זענען געווען זייערע לייענער, יונגע ענטוזיאַסטישע לייענער.

יענעם זומער איז געווען אין קעמפּ „נישטגעדאַיגעט" דער באַרימטער זאַמלער פון יידישע פאָלקס־לידער, י. ל. כהן, און געקומען איז ער נישט נאָר צוליב זומער־רו, נאָר דער עיקר צו באַרייכערן זיין זאַמלונג. און ווו נאָך, ווי אין קעמפּ „נישטגעדאַיגעט", קאָן מען טרעפן אַזוי פיל בחורים און מיידלעך, וואָס קומען טאַקע סאַמע פון פאָלק, פון די טיפענישן פון פאָלק, אין רוסלאַנד, פוילן, גאַליציע, בעסאַראַביע, רומעניע, און ווו נאָך ווי אין קעמפּ „נישטגעדאַיגעט", קאָן מען טרעפן טאַקע אָט יענע, וואָס האָבן אַליין געזונגען אין דער אַלטער היים אָט די פאָלקס־לידלעך, וואָס י. ל. כהן זוכט?...

גרשון געדענקט אים אַזוי קלאָר, דעם נישט איבעריק וווּקסיקן י. ל. כהן מיט די שמייכלענדיקע שוואַרצע, קורץ־געשוירענע וואָנצעס, מיט די גליענדיקע בעקעלעך, מיט די לאַשטשענדיקע סאַמעט־שוואַרצע אויגן, אָנגעטאָן אין ווייסע ניקערס, אין גרינגלעך־געקעסטלטע גאָלף־זאָקן, מיט אַ העפט אין דער האַנט זוכנדיק אַ „קרבן". און אַז ער האָט געפונען דעם „קרבן", מערסטנס אַ מיידל, האָט ער מיט איר זיך אַנידערגעזעצט אין גראָז און

איר אָנגעהויבן איינצורעדן זי זאָל אים עפּעס פֿאָרזינגען אַ ליד, וואָס זי געדענקט פֿון דער אַלטער היים, און כּדי צוגעבן חשק, האָט ער איר פֿריער אַליין געזונגען אַ ליד צי צוויי. און די „קרבנות“ זיינע האָט ער מערסטנס געפּאַקט נאָך די מאָלצייטן לעבן דעם גרויסן עס־צימער. מיט אַ סך פֿאָלקס־לידער, און מיט אַ סך ווערטיעס איז זיין זאַמלונג אין קעמפּ „נישטגעדאַיגעט“ באַריי־בערט געוואָרן.

גרשון געדענקט אויך יענעם זומער דעם פּאָעט ראובן אייזלאַנד, אויך נאָך אַ מאָלצייט אין גראָז, נישט ווייט פֿון גרויסן עס־צימער, אַרומגערינגלט פֿון אַ פרייליכער גרופּע יונגע מיידלעך, וואָס האָבן רק געוואָלט ער זאָל פֿאָרלייענען פֿאַר זיי זיינע לידער. און ראובן אייזלאַנד האָט זיך גערויטלט, געשוויצט, געשעמט זיך. אָבער ווי קאָן מען ביישטיין אַזוינע פריילעכע יונגע מיידלעך?

יאָ, גרשון האָט זיך געקושט מיט אַ שיין מיידל און נאָך אַ פידל־שפּילערין דערצו אין אויסגעטריקנטן שמעקנדיקן היי לעבן קלויסטער. אַן אַלטער קלויסטער געווען נישט ווייט פֿון קעמפּ. און אונטערן אַלטן קלויסטער אין שמעקנדיקן היי, איז מען געווען פֿאַרבאַהאַלטן פֿון דער גאַנצער וועלט. און מיט אַ פּאָר שעה פֿריער האָט די דאָזיקע שיינהייט אָפּגעגעבן קאָנצערט פֿאַר אַן אַכט הונדערט־קעפּיקן עולם, און מען האָט זי נאָרנישט געלאָזט אויפהערן שפּילן! אַזאַ פילבאַרער מוזיקער, ווי יעקב שייפער איז גאָר געווען באַגייסטערט פֿון איר, און גרשון האָט זי געקושט אי פֿאַר איר זיס־מיידלשקייט, אי פֿאַר איר גרויסן טאַלאַנט. אָבער וואָס פּלוצלונג אינמיטן דער גלעטעניש און קושעניש, זאָל אַרויפֿקומען אויפֿן זכרון דאָס בעסאַראַביער יינגעלע שלמהלע?

און ווער איז דאָס שלמהלע? אויב איר האָט געלייענט דאָס בוך „גרשון מאיר דעם בלינדנס“, דאַרטן באַשרייבט זיך, ווי גרשון פֿאַרבייפֿאָרנדיק דעם דניעסטער לעבן שטעטל ראַשקאָוו, האָט ער דאָרטן געזען אַ יינגעלע אין אַ גרוים היטל שטיין ביים ברעג, און אַריבערשרייען איבערן ברייטן טייך: „מ־אַ־מ־ע!“ ווען די רומענער האָבן פֿאַרכאַפּט בעסאַראַביע איז שלמהלעס מאַמע פֿאַרבליבן אויף דער בעסאַראַביער זייט, און זיך נישט געקאָנט אומקערן צוריק...

יאָ, וואָס זשע פּלוצלינג טאַקע זאָל אַרויפקומען דאָס דאָזיקע שלמהלע אין זכרון בשעתן קושן זיך מיט זינאַן? און דאָס בעסאַראַביער בחורל לאָזט שוין גרשונען נישט אָפּ. ס'האָט זיך באַזעצט אין אים און וויל שוין נישט אַוועק... און זינאַ, די פידל־שפּילעריז, וואָס האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט אַ פיינעם בחור, לעבט זיך גליקלעך ביז היינט צו טאָג און איז שוין אַ באָבע פון אייניקלעך. אויב זי דערמאָנט זיך אַמאָל אין יענער זומער־נאַכט לעבן קלויסטער, וווּנדערט זי זיך מסתמא וועגן דעם מאָדנעם גרשונען, וואָס האָט זי פריער אַזוי הייס געקושט, און פּלוצלינג פאַרטראַכט ער זיך און ער זעט זי שוין נישט... פירט זי אָפּ צו אירביידל און נאָך אַליין אַ פאַרטראַכטער... באַגעגנט זי מאָרגן אינדערפרי לעבן עסצימער, גריסט זיך דווקא צו איר, קוקט דווקא אויף איר, אָבער ער זעט זי נישט. ער איז מיילן און ווייט פון איר...

פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט זיך אָפּגעקערט פון גרשונען; אַז זי האָט אים שוין נישט געוואָלט קענען; אַז זי איז אַוועקגעפאָרן פון „נישט־געדאַיגעט" און אפילו זיך מיט אים נישט געזעגנט... אָבער ווי זאָל זי געווען ווּיסן, אַז גרשון איז געוואָרן, ווי אַ פרוי וואָס טראָגט און טראַכט נאָר פון דעם נפש, וואָס האַלט אין איין ווערן אין איר איינגעווייד...

יאָ, גרשון איז געוואָרן „טראָגעוודיק" און האָט נאָר געטראַכט פון דעם נפש אין געוועב פון זיין מאַרך, וואָס איז דערנאָכדעם געוואָרן אַ בוך, וואָס האָט געהייסן „פון יענער זייט טייך"... ער האָט זיך טאַקע גלייך אין קעמפּ „נישטגעדאַיגעט" גענומען שרייבן, געקומען קיין ניו יאָרק און ווייטער געשריבן... אַזוי האָט דאָס גענומען עטלעכע חדשים... און גרשון האָט געהאַט מזל, מחמת דאָס בוך „פון יענער זייט טייך" איז געוואָרן זייער אָנגענומען ביי די קינדער פון די שולן און זיי האָבן נישט גערופן דאָס בוך: „פון יענער זייט טייך", נאָר „שלמהלע", וואָס איז געווען דער נאָמען פון בעסאַראַביער ייִנגעלע, וואָס האָט געשריגן: „מ־אַ־מ־ע".

# לאַמער שאַפּיראָ קריטיקירט

אין ענגליש איז דאָ אַ וואָרט „פּאָסעסד“, אין יידיש מיינט דאָס מסתמא: „ווי אַ שד וואָלט זיך אין דיר אַריינגעכאַפּט“.

ס'האָט זיך אין גרשונען אַריינגעכאַפּט אַ שד, אַ שרייבערישער שד, וואָס האָט אים געמאַטערט, וואָס האָט אים אָפּגעצערט, וואָס האָט אים נישט געלאָזט אָפּכאַפּן דעם אָטעם ביז ער וועט נישט אויספירן זיין פּראָיעקט אָנצושרייבן די מעשה וועגן יינגעלע פון יענער זייט טייך פון אָנהויב ביזן סוף...

אַז ס'האָט פריער אָנגעכאַפּט גרשונען צו שרייבן אַ מעשה האָט ער דאָס געטאָן אין אַ טאָג, אָדער צוויי און פאַרטיק. איצטער איז דאָס שוין נישט געווען קיין מעשה אויף זעקס־זיבן זייטלעך. איצטער מיינט דאָס צוויי הונדערט, אָדער מערער זייטלעך... און ער האָט זיך דערמלט נאָך נישט אויסגעלערנט איבעררייסן דעם טרייבנדיקן אימפּעט פון שרייבן אויף עטלעכע טעג, זיך אָפּרוען און מיט פרישע כוחות זיך ווידער נעמען דערצו. ער האָט געמוזט האַלטן אין איין שרייבן, טאַקע ווי אַ שד וואָלט אים געיאָגט. געווינלעך האָט אונדזער בחור ליב צו שלאָפן לאַנג, אָבער איצטער האָט אים שלמהלע, דאָס יינגעלע „פון יענער זייט טייך“ נישט געלאָזט, אים אויפגעריסן פון בעט פאַרטאָג... די וואָס זענען דערמלט געווען אין קעמפּ „נישטגעדאַיגעט“ האָבן מסתמא געמיינט, אַז גרשון איז חס וחלילה צעחושט, ענטפערט נישט אויף קיין באַגריסונג, קוקט נישט אויף קיינעם, מען זעט אים גאָר קיינמאָל נישט אָן, באַווייזט זיך נאָר צו די מאָלצייטן, אַן אָפּגעצערטער, אַ נישט אָפּגעגאָלטער, און אַ געוואַלדיק פאַרטראַכטער...

אין די דריי וואָכן און אפשר נאָך וויניקער מיט אַ טאָג, האָט ער אָנגעוואָרפן די גאַנצע מעשה. אָבער דאָס מיינט נאָך גאָרנישט, איצטער הויבט זיך אָן דאָס איבערשרייבן, און דאָס איבערשרייב-

מוז שוין געדויערן אַ סך לענגער. מיטן איבערשרייבן האָט זיך גאָר געביטן די גאַנצע מעשה. דאָס וואָס ער האָט פריער געמיינט, אַז ס'איז געוואַלדיק שטאַרק, האָט גאָר אויסגעקוקט ביים איבערשרייבן געוואַלדיק שוואַך. ווי אייגער וואָס פאַרזייט תבואה, און ס'איז אויסגעוואָקסן אַרום יעדן זאַנג אַ סך ווילד־גראָזן. ער האָט געמוזט אויסמעקן און צושרייבן, און דאָס צוגעשריבענע ווידער אויסמעקן...

און דאָ איז ער שוין געווען צוריק אין ניו יאָרק און אָן אַ שטעלע. דאָס וואָס מען האָט אים אָפגעזאָגט אַלס „קאַונסילאָר" אין קעמפ „קינדערלאַנד" אינמיטן זומער, איז געווען אַ פליעק אויף זיין קאַריערע אַלס לערער. און מען האָט זיך גישט געאיילט אים אָנפאַרטרויען אַ שול. ער האָט געמוזט ווידער אָנקומען צו פריוואַטע שטונדן, אָבער די פאַרדינסטן האָבן געקלעקט בלויז פאַר אַ דאַך איבערן קאָפ און פאַר פרישטיק. ווען ער זאָל זיין באַזאָרגט כאָטש נאָך מיט איין מאָלצייט אַ טאָג, וואָלט אים שוין געווען גוט ווי די וועלט, וואָלט ער געזעסן און געשריבן... איז ווידער אַמאָל די גוטע פרוי גאָלוביצקאַ, אַ לעבן אויף איר קאָפ. זי וועט אים באָרגן, ער וועט האָבן, וועט ער איר אָפגעבן. זאָל זיך גרשון גאָרנישט זאָרגן... וואָס זשע מכוח אַ דריטן מאָלצייט? ער האָט אים איבערגעהיפערט. אין דעם בוך „פון יענער זייט טייך" ווערט באַשריבן מיט גרויס אַפעטיט אין אַ געוויסן קאַפיטל, ווי שלמהלעס באָבע באַקט קנישעקלעך פון קעז, דאָס דאָזיקע קאַפיטל האָט ער מסתמא געשריבן אין דער צייט פון טאָג, ווען ער האָט איבערגעהיפערט דעם דריטן מאָלצייט.

פאַרנאַכט איז געווען אַ גרויסער נסיון צו זיין הונגעריק, מחמת פאַרנאַכט האָבן זיך געטראָגן ריחות פון געשמאַקע מאכלים פון אַלע ווינקלען אין דעם הויז, וו גרשון האָט געוווינט. פאַרנאַכט האָט גאַנץ ניו יאָרק געגעסן וועטשערע, און ווייל גרשון האָט געוווּסט, אַז גאַנץ ניו יאָרק עסט איצט וועטשערע, איז זיין הונגער געווען נאָך שטאַרקער. האָט ער דאָך געקאָנט מאַכן מיט פרוי גאָלוביצקאַ, אַז אָנשטאָט ביימאָג זאָל ער עסן פאַרנאַכט דעם געבאָרגטן מאָלצייט? האַרף מען נעמען אין אַכט, אַז אין קאַפע „אייראָפע" האָט גרשון ביים ביימאָגיקן מאָלצייט געקאָנט טרעפן אַ סך פון זיינע נאָענטע חברים — שרייבער און דאָס רעדן ביים עסן וועגן און אַרום דער ליטעראַטור איז געווען דער כריין, דער בראָנפן, וואָס

האָט באַווירצט יעדן ביס, יעדן שלונג... איז אויב גרשון זאָל שוין יאָ הנאה האָבן פון איין סאָלידן מאָלצייט, טאָ זאָל דאָס שוין זיין מיט די באַווירצנדיקע זייער סטימולירנדיקע שמועסן...

שפּעטער מיט יאָרן, אין לאָס אַנדזשעלעס, האָט גרשון שטאַרק געבענקט נאָך אָט די דאָזיקע מאָלצייטן אין ליטעראַרישע קאַפּייען. ס'האָט זיך קיינמאָל גאָר נישט געגעסן אין לאָס אַנדזשעלעס מיט אַלע הונגעריקע זאַפטן, ווי אין קאַפּע „אייראָפּע“, אָדער אין קאַפּע „ראָיאַל“. שוין געמיינט, ווער ווייסט, פאַרלוירן בכלל דעם אַפּעטיט, ערשט ווען ער איז געקומען אויף אַ באַזוך קיין ניו יאָרק, זיך געזעצט מיט חברים שרייבער צו אַ מאָלצייט, ווי ווידער אַמאָל: אַזאַ טעם, אַזאַ פרייד פון עסן...

קאַפּע „אייראָפּע“, וואָס האָט זיך איבערגעקליבן אויף דער דרייצנטער גאַס לעבן צווייטער עוועניו, איז געווען אַ לאַנגער צימער מיט אַ גרויס ברייט פענצטער פון פאָרנט. טאָקע דאָס איינציקע פענצטער און אָפטמאָל האָט מען אפילו בייטאָג געדאַרפט אָנצינדן די עלעקטריק. אַ פופצן־צוואַנציק טישלעך זענען דאָרטן געווען און ביי די אָט פופצן־צוואַנציק טישלעך איז געזעסן די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע... ביי די דאָזיקע טישלעך איז געזעסן די גרויסע בליענדיקע עפּאָכע פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע...

אַן אָפטער באַזוכער איז דאָרטן געווען לאַמעד שאַפּיראָ. און ס'האָט אים געצויגן גראָדע צו די טישלעך פון די גאָר יונגינקע שרייבער. און וויסן זאָל מען וויסן, אַז ס'איז געווען אַ געוויסע גדלות, אָדער טאָקע סנאָביזם ביי געוויסע שרייבער. אַז אָנערקענטער שרייבער וועט אַריינקומענדיק אין קאַפּע „אייראָפּע“ נישט גיין צו אַ טישל, וואָס ס'זיצן דאָרטן נאָך נישט אָנערקענטע שרייבער. ער וועט זיך באַדאַי זעצן איינער אַליין ביי אַ טישל, אויב ס'איז קיינער נישטאָ פון זיין גלייכן, פון זיין סטאַזש. אַ יונגינקער שרייבער וועט וועלן צוגיין צו זיין טישל, וועט ער אים איצט נישט אָפּשטויסן, פאַרקערט, אַדרבא ואדרבא...

די קריטיק דאָ אין קאַפּע „אייראָפּע“ איז געווען שאַרף ווי אַ חלף, האָט הייסט, קאָלעגן שרייבער, אַז זיי האָבן אַנאַליזירט דיינע אַ שאַפונג איז נישט געווען אפילו מיט קיין איין טראָפּעלע רחמים... לאַמעד שאַפּיראָ האָט קיינמאָל נישט געריסן קיין פּאַסן.

אויב פון אַ ווערק האָט מען געדאַרפט רייסן פּאַסן, האָט ער גאָר איינגאַנצן געשוויגן. האָט שוין אַ שרייבער געוווסט, אַז אויב לאַמעד שאַפּיראָ רופט זיך נישט אָפּ אויף זיין נאָר וואָס געדרוקטער זאַך, איז אַ סימן, אַז זי געפעלט אים נישט...

און אָט נאָך פילע וואָכן אויף געבאָרגטע מאָלצייטן, האָט גרשונס ווערק „פון יענער זייט טייך" זיך אָנגעהויבן צו דרוקן אין דער „פרייהייט" טעגלעך אין פאָרזעצונגען... האָבן חברה שרייבער געריסן פּאַסנווייז. מען האָט צעטרייבערט יעדע פאָרזעצונג, מען האָט געשניטן ביז בלוט. און אברהם טאַבאַטשניק, וואָס האָט גרשינען כמעט שטענדיק געגעבן סמיכה, איז גראַדע דעמלט נישט געווען אין ניו יאָרק און לאַמעד שאַפּיראָ האָט געשוויגן, ווי אומיסטנע געשוויגן. דווקא באַגריסט גרשונען זייער פריינדלעך, אָבער אַ־נײַ, זאָל ער זיך אָנרופן וועגן זיין „פון יענער זייט טייך" אפילו מיט אַ האַלב וואָרט... איז דאָך אַ סימן, אַז ס'געפעלט אים נישט, און ס'איז גרשונען זייער ביטער, ער האָט שוין נישט הנאה, וואָס ב. ריווקין האָט זיך יאָ אָפּגערופן מיט אַ גוט וואָרט... און געשוויגן האָט לאַמעד שאַפּיראָ ביזן סוף. דאָס הייסט ביז דער לעצטער פאָרזעצונג, און אַז ס'איז געקומען די לעצטע פאָרזעצונג האָט ער זיך אָנגערופן:

— געלייענט פון אָנהייב ביזן סוף... מען טאָר זיך נישט נאָכגעבן דעם יצר הרע פון דרוקן זיך וואָס גיכער.

און אַז גרשון האָט אים געפרעגט, וואָס ער מיינט דערמיט, האָט ער זיך אָנגערופן, אַז מען האָט דאָס געדאַרפט אַוועקלייגן, דאָס לאָזן זיך אויסשטיין...

און לאַמעד שאַפּיראָס פאָר ווערטער זענען געווען גרשינען צום געזונט, מחמת ווען ער האָט דאָס געהאַלטן אַרויסגעבן אין אַ בוך, האָט גרשון גוט געהאָרעוועט, דורכגעזיפּט יעדעם וואָרט...

# גרשון האָט מזל...

גרשון האָט ווידער געהאַט מזל. זיין לענגערע מעשה וועגן שלמהלען ביים דניעסטער, וואָס איז אָפּגעשניטן געוואָרן פון זיין מאַמען, ווען די רומענער האָבן פאַרכאַפּט בעסאַראַביע, איז אַרויס אין אַ בוך־פאָרם אונטערן נאָמען „פון יענער זייט טייך"... און וואָס פאַראַ פאַרלאַג האָט דאָס אַרויסגעגעבן? אַרויסגעגעבן האָט אים דער גאָר גרויסער פאַרלאַג. וואָס גיט אַרויס ביז היינט צו טאָג ס'רוב ביכער פון יידישע שרייבער...

דער גאָר גרויסער פאַרלאַג הייסט „בוך־קאָמיטעט". ס'נעמען זיך צונויף גוטע פריינט און געטרייע לייענער פון אַ געוויסן שרייבער, מען רופט זיך „בוך־קאָמיטעט" אַזוי און אַזוי, מען זאַמלט אַבאָנענטן, מען טוט נאָך אַנדערע זאַכן און מען דערשלאָגט זיך צו אַ געוויסן סכום, וואָס ס'דאַרף קאָסטן אַרויסגעבן דעם בוך. און אַז מען דערשלאָגט זיך נישט צו דער גאַנצער סומע, ווערט דער דרוקער סיי ווי סיי נעמען דרוקן דעם בוך, און דער איינבינדער בינדן דעם בוך. זיי וועלן דאָס טאָן אויף באָרג. אַ משכון איז געווען דאָס בוך אַליין. דאָס הייסט, מען וועט אַרויסגעבן דעם מחבר בלויז אַ הונדערט אָדער צוויי הונדערט ביכער, און די איבעריקע וועלן ליגן אין דער בינדעריי ביז וואַנעט מען וועט זיי אויסלייזן. און וויפל ביכער זענען געבליבן ליגן אין דער בינדעריי אין אַ געוויסער געביידע אויף קאַנאַל סטריט, און דער מחבר האָט זיי קיינמאָל נישט אויסגעלייזט, ווייל ער האָט נאָך די ערשטע צוויי הונדערט נישט פאַרקויפט?... (דער באַלעבאָס פון דער דאָזיקער בינדעריי איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען זלמן). אַזוי איז אויך געווען מיט גרשונס „פון יענער זייט טייך". זלמן האָט אַרויסגעגעבן בלויז אַ צוויי הונדערט ביכער און די איבעריקע זענען געלעגן און געלעגן, און געלעגן... יאָרן און יאָרן געלעגן...

גרשון האָט אויך געהאַט מזל צום זעצער. געזעצט האָט זיין בוך דער זייער גוטער זעצער, י. בוראַקאָף. דער דאָזיקער בוראַקאָף — ביי אים איז געווען אַ שמחה צו זעצן אַ יידיש בוך, נישט נאָר צוליב פרנסה, נאָר אויך צוליב דער פרייד, וואָס ער באַרמערט די יידישע ליטעראַטור. זיין גרויסער שרייבער איז געווען לאַמעד שאַפיראָ, און ווען ער האָט איינמאָל געזעצט זיינעם אַ בוך, האָט ער געלאָזט אָפדרוקן אויף דער צווייטער זייט פון שער־בלאַט: „געזעצט פון י. בוראַקאָף". ס'איז ביי אים געווען אַ זכות.

גרשון קאָן נאָך אַנדערע זעצער פון יענע יאָרן אין דעם שניט פון י. בוראַקאָף, ווי למשל מאיר קאַסטאָף, וואָס ווען ער האָט געזעצט די ווערק פון זיינע באַליבטסטע שרייבער, האָט ער זייערע מאַנוסקריפטן באַהאַלטן ביי זיך אין הויז, ווי מען באַהאַלט אַן אבן טוב. דער זעלביקער קאַסטאָף האָט איינמאָל געוויזן גרשונען דעם גאַנצן כתב־יד פון שלום־עליכמס „מאָטל פייסי דעם חזנס"...

הייסט דאָס, האָט אים שוין גאָט געהאָלפן, גרשונען, און מען האָט אים אַרויסגעגעבן נאָך אַ בוך. און ווען ער וועט קומען אין דער ביבליאָטעק אויף איסט־בראָדוויי וועט גרשון טרעפן אויף אַ פאָליצע צוויי ביכער זיינע: די צוויי בענד קינדער־מעשהלעך, וואָס דער שלום־עליכם פאָלקס־אינסטיטוט האָט אַרויסגעגעבן, און דאָס בוך „פון יענער זייט טייך", וואָס דער אויבנדערמאָנטער גאָר באַרימטער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן. דעם אמת געזאָגט איז גרשונען געווען אַ סך פרייליכער, ווען ער האָט אין דער ביבליאָטעק אויף איסט־בראָדוויי נישט געטראָפן אויף די פאָליצעס קיין איינעם פון די דריי בענד. אַז ער האָט זיי נישט געטראָפן האָט ער געמיינט, אַז מען לייענט זיי איצט, דאָס הייסט, אַז לייענער האָבן זיי אַרויסגענומען צו זיך אַהיים. האָט ער זיי אָבער יאָ געטראָפן אויף דער פאָליצע, איז אים געוואָרן אומעטיק. ס'האָט געמיינט, אַז מען פרעגט זיך נישט אַזוי שטאַרק נאָך זיי.

אברהם טאַבאַטשניק האָט אומיסטנע איינמאָל דורכגעפירט אַ שטיקל סטאַטיסטיק אין דער ביבליאָטעק אויף איסט־בראָדוויי. איר ווייסט דאָך, אויף יעדן ביבליאָטעק־בוך איז צוגעקלעפט אַ קעשענע, און אין דער קעשענע שטעקט אַ קאַרטל, און אויף דעם קאַרטל שטעמפלט די ביבליאָטעקאַרין דעם דאַטום ווען דאָס בוך

איז אַרויסגעגעבן געוואָרן. האָט טאַבאַטשניק געציילט די דאַטומס אויף געוויסע קאַרטלעך און זיך דערוווּסט וויפל לייענער האָבן אַרויסגענומען דעם און דעם יידישן בוך. אַזוי אַרום האָט ער געקאָנט זאָגן, אַז זישאַ לאַנדוין, למשל, אָדער מאַני לייבן, אָדער אַפילו גרשונען, האָבן געלייענט אַזוי פיל און אַזוי פיל מענטשן. זיין סטאַטיסטיק האָט אָבער באַוויזן, אַז וואָס אַ יאָר לייענט מען דעם בוך אַלץ ווייניקער און ווייניקער...

אויך אין איטשע בידערמאַנס בוך־געשעפט איז גרשון אָפט געגאַנגען זען אויב ס׳פאַרקויפט זיך זיין בוך. איטשע בידערמאַן האָט ביי אים גענומען צוואַנציק קאָפּיעס און זיי אַריינגעשטעלט אויף איינער פון די פּאָליצעס. אונדזער מחבר, וואָס איז געקומען כמעט יעדן טאָג אין בוך־געשעפט, האָט עפּעס נישט געפּאַסט צו פרעגן בידערמאַנען צי ער האָט שוין עפּעס פאַרקויפט. די בעסטע זאַך איז געווען אַ קוק צו טאָן אויף דער געוויסער פּאָליצע און איבערציילן זיינע ביכער. האָבן געפעלט אַ פּאָר איז געווען אַ פרייד. האָט גאָרנישט געפעלט, איז געווען אַן אומעט... וויפל מחברים אַריינקומענדיק צו בידערמאַנען האָבן דען נישט געטאָן דאָס זעלביקע וואָס גרשון? — דאָס הייסט, די ערשטע זאַך געוואָרפן אַן אויג אויף אַ געוויסער פּאָליצע און געציילט אין זייער געדאַנק זייערע ביכער... דער גיהאַריקער איטשע בידערמאַן האָט גוט געוווּסט, אַז מען ציילט אים אויף די פּאָליצעס, אָבער ער האָט זיך געמאַכט נישט וויסנדיק, געזעסן זיך ווי אַ בודאַ אין זיין, מיט שוואַרצן לעדער אויסגעבעטער, שטול, צווישן די פולע ליפּן זיינע דער שטענדיקער ציגאַר און פילאָזאָפיש געהאַלטן אין איין ציען פון אים, צי ער איז יאָ געווען אָנגעצונדן, צי נישט.

גוט איז געווען פאַר דעם דאָזיקן בוך־געשעפט, וואָס עטלעכע בלאָק ווייטער, אויף דער צווייטער עוועניו, האָט זיך געפונען דער גרויסער יידישער שפּיטאָל, בית ישראל. וואָס איז אַזוי גוט געווען? די אַמעריקאַנער געבוירענע יידישע טעכטער האָבן אָפט געקויפט אַ יידיש בוך ביי בידערמאַנען און אים געטראָגן אַלס מתנה צו אַ יוראָפּישער מאַמען אָדער טאַטן, אַ חולה אין דעם דאָזיקן האָספּיטאַל. פאַרוואָס גראָדע אַ טאָכטער, און נישט קיין זון? ווייסט נישט גרשון, נאָר ער האָט עפּעס געזען אין דעם דאָזיקן בוך־גע=

שעפּט נאָר טעכטער קויפן אַ יידיש בוך, אָנטאָן אַ נחת רוח דער קראַנקער מאַמען אָדער טאַטן...

יאָ, די דאָזיקע אַמעריקאַנער געבוירענע יידישע טעכטער, וואָס זענען געגאַנגען באַזוכן אַ קראַנקן טאַטן אָדער מאַמען אין שפּיטאָל, האָבן אַ ביסל אונטערגעהאַלטן דאָס יידישע בוך. גרשון האָט אַפילו אָנגעשריבן אַ מעשה וועגן אַזאַ בוך, געקויפט פאַר אַ חולה אין שפּיטאָל. ער דערציילט אין דער מעשה, ווי אַ געוויסער יהושע, אַ יידישער פּאָעט, שפּאָרנדיק לאַנגע יאָרן פון זיינע מאָגערע פאַר־דינסטן, האָט אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון זיינע לידער אין אַ בוך־פאָרם. בידערמאַן האָט ביי אים גענומען צען קאָפּיעס. יהושע איז כמעט אַלע טאָג געגאַנגען אין בוך־געשעפט און, פאַרשטייט זיך, געציילט זיינע ביכער אויף דער פּאָליצע, און שטענדיק איבער־געציילט צען. דאָס הייסט קיין איין בוך איז נישט פאַרקויפט גע־וואָרן... איינמאָל אַ טאָג, ער קומט אַריין און ציילט און — ס'איז ניין... פרייט ער זיך אוודאי... מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, אָבער, ער קומט אַריין און ציילט, און ס'איז צוריק צען. ווי קומט עס? בושה אין אַ זייט. ער מוז פרעגן בידערמאַנען, און בידערמאַן האָט אים דערציילט, ווי אַ יונגע פרוי גייענדיק אויף אַ באַזוך צו איר קראַנקער מאַמען אין האָספּיטאַל, האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף אַ יידישן בוך פּאָעזיע. האָט איר בידערמאַן רעקאָמענדירט יהושעס בוך. און דאָס איז די סיבה, וואָס ער האָט איין טאָג געזען בלויז ניין... מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, ווי ס'קומט אַריין אַ מיטליאָרי־קע פרוי מיט יהושעס בוך אין אירע הענט, געזאָגט, אַז זי איז אַ נויורס (קראַנקן־שוועסטער) אין דעם דאָזיקן יידישן שפּיטאָל און איינע אַ פּאַציענטקע, אַן עלטערע פרוי איז געשטאָרבן און איבער־געלאָזט אָט דאָס דאָזיקע בוך. וואָס זשע וועט עס זיך וואַלגערן אין שפּיטאָל, אַן עבירה, יידישע אותיות... און דעריבער איז שוין ווידער צען...

* * *

דער זעלביקער יהושע פון גרשונס מעשה, וואָס איז אַן אויס־געטראַכטער נאָמען, אָבער ס'איז געווען אַזעלכער, האָט שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָר אַרויסגעגעבן נאָך אַ בוך... און כל זמן יהושע

וועט לעבן און כל זמן ס׳וועט זיך נישט אָפּטאָן פון אים זיין שאַפונגס־קראַפט, וועט ער האַלטן אין איין אַרויסגעבן ביכער... זאָלן אפילו בלויז צען, צוועלף יידן לייענען... זאָל אפילו עמעצער נאָך זיין טויט, וואָס וועט זיך פאַראינטערעסירן מיט זיינע לידער לייענען... זאָל דער צוקונפטיקער היסטאָריקער אפילו ציטירן בלויז איין שורה פון זיינע לידער...

# אַמאָל, אַמאָל אויף דער צווייטער עווענין...

איצטער זאָגט מען שוין: „אַמאָל, אַמאָל אויף דער צווייטער עווענין!“ און ווי אַמאָל איז דער אַמאָל? גאָרנישט קיין ווייטער אַמאָל, אפילו נישט קיין גאַנצע צענדליק יאָר.

ווען גרשון וועט קומען צוגאַסט קיין ניו יאָרק, וועט ער מאַכן אַ שפּאַציר איבער דער האָזיקער גאַס און ס'וועט מסתמא זיין, ווי מען קומט נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן אויף אַ באַזוך אין היים-שטעטל: דער איז נישטאָ, יענער איז שוין נישטאָ... די זעלביקע הייזער, אָבער פרעמדע פּנימער קוקן אַרויס דורך די פענצטער... זיין פריילעכן חבר יאָסל קאָטלער וועט ער שוין זיכער נישט טרעפן אויף צווייטער עווענין, און אַ צווייטן חבר, דעם קלוגן און אומעטיק-זוני מאָוד, וועט ער שוין אויך זיכער נישט טרעפן אויף צווייטער עווענין... און אויך נישט אַ דריטן חבר, מאיר פון די שנאָרער, דער געטרייסטער לייענער און דער גרויסער בקי אין דער יידישער ליטעראַטור; און נישטאָ איז אַ פערטער חבר, איזראַעל שלייען, דער טאַלאַנטפולער פּיאַניסט און דער געוואַלדיקער ליבהאָבער פון מוזיק און טאַנץ; און נישטאָ שוין אויף צווייטער עווענין גלאַט אַזוי פריינד, ווי דער היפשער אָבער קינדערשער שלום טאַגין, דער טאַלאַנטפולער אַקטיאָר פון דער ווילנער טרופּע. וואָס האָט יאָרן און יאָרן נישט געשפּילט קיין יידיש טעאַטער, נאָכדעם ווי די ווילנער טרופּע איז אונטערגעגאַנגען, נאָר געבענקט נאָך איר, נאָר גערעדט פון איר; נישטאָ שוין אויך אַן אַנדער פיינער אַקטיאָר פון דער ווילנער טרופּע, — דער וואַרעמער, צוגעלאָזטער משה פעדער, מיטן זילבערנעם קאָפּ האָר, מיט דער ברוסטיקער שטימע און מיטן אָפענעם, ליכטיקן שמייכל... נישטאָ שוין איסאַק גלאַדשטיין, דער שיינער בחור און דער שיינער זינגער; נישטאָ שוין דער געפּאַקטער, לייביקער לעאָן האָפּמאַן, דער ראש פון אַלע

טעאַטער-אימפּרעסאַריאָס, דער גרויסער נאַש-בראַט, וואָס אַראַנק אים זענען די מערסטע יידישע שרייבער געגאַנגען אומזיסט אין מאָרים שוואַרצס קונסט-טעאַטער... נישטאָ שוין איטשע בידערמאַן, דער ניהאָדיקער און גוטמוטיקער מוכר-ספרימניק... נישטאָ שוין נאָך און נאָך חברים שרייבער און אַקטיאָרן, און די וואָס זענען נאָך דאָ, זיי צו לאַנגע יאָרן, וועט שוין גרשון אויך נישט זען אויף צווייטער עוועניו.

מען זאָגט, אַז קאַפּע „ראָיאַל" איז שוין נישטאָ. ס'איז גאָר דאָרטן געוואָרן אַ קליניגנ-סטאָר. און אַז קאַפּע „ראָיאַל" איז שוין נישטאָ איז פּנה הודה, פּנה זיווה, האָט זיך אָפּגעטאָן די פּראַכט, האָט זיך אָפּגעטאָן די לויטערקייט פון צווייטער עוועניו. און די חברים שרייבער און אַקטיאָרן גייען שוין נישט אַהינצו. אפשר וועט נאָך גרשון טרעפן אַ פּאָר פאַרבלאָנדזשעטע נשמות אין געוועזענעם בוך-געשעפט פון איטשע בידערמאַן...

אָבער דערווייל פאָרט נאָך נישט גרשון קיין ניו יאָרק, דערווייל זעט ער די צווייטע עוועניו, ווי ער האָט זי געזען אַמאָל. ער דאַרף נאָר אַ קוועטש טאָן אַ קנעפּל אין זיין זכרון, און זי וועט אַ לויכט טאָן צו אים מיט אַלע לויכטונגען, און ער מיינט טאַקע ממש, אַ לויכט טאָן, ווייל צווייטע עוועניו איז געווען די גאַס פון פילע ליכט אין אָוונט, העלע ליכט ביי די אַריינגאַנגען פון אַלע פיר יידישע טעאַטערס דאָרטן. און יידן פון אַלע געגנטן פון גרויסן ניו-יאָרק און אומגעגנט האָבן זיך אַלע אָוונט געצויגן אין די מאַכן אויף צווייטער עוועניו צו די פיר יידישע טעאַטערס מיט די העל-באַלויכטנדיקע אַריינגאַנגען און די העל-באַלויכטענע בילדער פון די גרויסע שטערן, ווי לודוויג זאַץ, מאַלי פּיקאָן, מאָרים שוואַרץ, אהרן לעבעדיעוו, מנשה סקולניק און נאָך און נאָך...

וויפל יידישע טעאַטערס זענען דעמלט געווען אין גרויסן ניו יאָרק? מערער פון אַ צענדליק: פיר אויף צווייטער עוועניו. אייגענער אויף דער באַוערי, וואָס דאָרטן האָט געקיניגט מאָקס געביל, אייגענע אין אוירווינג פּלעיס, וווּ דאָרטן האָבן ביידע יעקבס, דאָס הייסט יעקב בן עמי און יעקב מעסטל געפּרוווט איינשטעלן אַ היים פון נאָך אַ יידיש טעאַטער.

און גרשון, וואָס האָט פון קליינערהייט ליב געהאַט דעם יידישן טעאַטער, און וואָס אַלס ייִנגל האָט נישט איין מאָל גע-

כאַפּט פּייערדיקע פּעטש צוליבן יידישן טעאַטער אי פון זיין טאַטן, אי פון אַ געוויסן בייזן גאָראָדאָוואָי, און וואָס אַלס בהורל האָט גאָר אַליין געהאָלפן גרינדן אַ יידישן טעאַטער אין בערשאַד, האָט איצט געגעסן יידיש טעאַטער מיט אַ גרויסן לעפל. ער האָט נישט געדאַרפט קויפן קיין בילעט. יאָסל קאָטלער האָט אים מיטגענומען, און נישט יאָסל קאָטלער האָט באַצאָלט, און נישט זיין אורח, גרשון. מען האָט יאָסלען קאָטלער אַריינגעלאָזט אומזיסט אומעטום. און נאָך מיט אַ ברייטן שמייכל...

און אַז גרשון דערמאָנט זיך איצט אין לודוויג זאַץ, וואָס האָט פאַרמאָגט עפּעס ווי אַ פידעלע אין מויל, אָדער ווי אַ מין גאַרמאָשקע, אין יעדן וואָרט וואָס ער האָט אַרויסגערעדט איז געווען רייִנע — מוזיק; און אַז גרשון דערמאָנט זיך איצט אין בינאַ אַבראַמאָוויטש, די מאַמע פון אַלע יידישע מאַמעס אויף דער יידישער בינע; און אַז גרשון דערמאָנט זיך איצט אין דעם דעמלטיקן מוני ווייזנפרייד, וואָס רופט זיך איצט פּאָול מוני. און וואָס פאַר אַ ראָל ער האָט נישט געשפּילט, האָט ער מיטגעריסן, פאַרטראָגן, געהאַלטן דעם עולם געשמידט, אים נישט געלאָזט אָפּכאַפּן דעם אָטעם; און אַז גרשון דערמאָנט זיך איצט אין מאָריס שוואַרץ פון יענע יאָרן אין זיינע שלום־עליכם־ראָלן; און אַז גרשון דערמאָנט זיך איצט אין רודאָלף שילדקרויט אין דימאָווס „בראָנקס־עקספּרעס“, און אַז גרשון דערמאָנט זיך אין נאָך און נאָך... די גאָלדענע עפּאָכע פון יידישן טעאַטער אין אַמעריקע...

יאָ, גרשון דאַרף בלויז אַ קוועטש טאָן אַ קנעפּל אין זיין זכרון, ווי צווייטע עוועניו לויכט אויף מיט אירע פיר יידישע טעאַטערס און ער זעט, ווי יידן פון בראָנקס, און פון וויליאַמסבורג, און פון בראָנזוויל, און פון איסט ניו יאָרק, און פון קוני אײַלאַנד, און פון בראַיטאָן, ציען זיך יום־טובדיקע מיט זייערע פרויען און קינדער גאָכן עונג יידיש־טעאַטער.

יאָ. אַ סך יידן געדענקען אַלע פיר יידישע טעאַטערס אויף צווייטער עוועניו. אָבער נישט קיין סך מסתמא געדענקען דעם פינפטן יידישן טעאַטער אויף צווייטער עוועניו. נישט קיין סך עלעקטרישע ליכט האָבן געשיינט אינדרויסן פאַרן אַריינגאַנג פון דעם דאָזיקן פינפטן יידישן טעאַטער. ס'האָבן גאָר אינגאַנצן נישט געברענט קיין ליכט ביים אַריינגאַנג. ס'איז בכלל נישט געווען קיין

געבײדע פּאַר אַ טעאַטער. ס'איז געווען אַ פּשוט רויט-ציגלדיק הויז פון אַ דריי אָדער פיר שטאָק, מיט דירות אויף די אונטערשטע שטאָקן, בלויז אויפן אויבערשטן, אַז מען איז אַריינגעגאַנגען אין אַ מין זאַל מיט בענקלעך פאַר אַ הונדערט אָדער הונדערט און פופציק מענטשן, האָט מען געזען אַ קליין בינעלע, טאַקע נאָר אַ פּיצעלע בינעלע, אַ בינעלע ווי פאַר ליאַלקעס. ס'איז טאַקע געווען אַ ליאַלקע-טעאַטער, אַ ייִדיש ליאַלקע-טעאַטער. דער איינציקער פון דעם מין אין אַמעריקע ביי ייִדן, אָנגעפירט פון זוני מאוד און יאָסל קאָטלער, און דעריבער טאַקע געהייסן: מאָדיקאָט-טעאַטער, דאָס הייסט, מאָוד און קאָטלער...

מבינים פון מאַריאָנעטן-טעאַטער האָבן געזאָגט, אַז „די מאָדיקאָטלעך" האָבן צו זיך גאָרנישט קיין גלייכן. סיי די פאָרם און סיי דאָס מאַטעריאַל, וואָס זיי שפּילן, איז גאָר אינגאַנצן אַנדערש פון די אַלע מאַריאָנעטן-טעאַטערס אין פאַרשיידענע לענדער איבער דער גאַנצער וועלט. יעדער מאָדיקאָטל איז געווען אַ קונסטווערק אין געבוי...

און אָט די דאָזיקע „מאָדיקאָטלעך" זענען דאָס געווען דער פינפטער ייִדישער טעאַטער אויף דער צווייטער עוועניו. אַ פּאָר ווינטערס האָבן זיי געשפּילט אין אַ באַשטימטער געבײדע, דערנאָכדעם האָבן זוני מאָוד און יאָסל קאָטלער זיך מישב געווען, אַז אייגנטלעך דאַרפן זיי גאָרנישט קיין טעאַטער-געבײדע, נאָר קאָנען קומען מיט זייערע מענטשעלעך אויף פאַרשיידענע אונטערנעמונגען, אימפּראָוויזירן אַ פּיצעלע בינע און שפּילן טעאַטער... און זיי זענען געקומען אויף די שמחהלעך, ווו אַרבעטער און פאָלקס-מענטשן האָבן געפּראַוועט און אויף שמחהלעך פון די קינדער-שולן אוודאי און אוודאי געקומען. ערשט דאָרטן האָט מען זיי אויפגענומען מיט דער גרעסטער פרייד...

# איטשע בידערמאַנס בוך־געשעפט

פונקט לעבן קאַפע „ראָיאַל“, די דריטע טיר איז געווען איטשע בידערמאַנס קראָם פון ייִדישע ביכער. און איטשע בידערמאַנס קראָם פון ייִדישע ביכער איז, „דאַנקען גאָט“ שטענדיק געווען פול, און נישט חס וחלילה מיט קונים, נאָר מיט ייִדישע שרייבער. לצים האָבן געזאָגט, אַז איטשע בידערמאַן, אַליין אַ ייִדישער שרייבער, האָט אומיסטנע אויפגעעפנט זיין בוך־געשעפט לעבן קאַפע „ראָיאַל“, כדי ס'זאָל אים כאָטש נישט זיין אומעטיק. במעט יעדער ייִדישער שרייבער גייענדיק אין קאַפע „ראָיאַל“, האָט געמוזט זיך אַריינכאַפּן פריער אין זיין קראָם, אַ קוק טאָן, וואָס ס'טוט זיך דאָרטן. ווען נישט די שרייבער, וואָלט אים טאַקע געווען זייער אומעטיק. דער קונה פון ייִדישן בוך איז זעלטן געקומען. בידערמאַן האָט באַדאַי אויך אַריינגענומען ענגלישע ביכער, אַז די ענגלישע ביכער זאָלן אים העלפן אויסהאַלטן די ייִדישע ביכער. האָבן זיי טאַקע אַ ביסל אויסגעהאַלטן...

אָפטמאָל האָט זיך גרשונען אויסגעדאַכט, אַז די ייִדישע שרייבער זענען אים געקומען העלפן וואַרטן אויפן קונה פון ייִדישן בוך. אַז אַזאַ קונה איז יאָ געקומען האָט די זעלביקע דערוואַרטונג: „אפשר וועט ער קויפן“, וואָס האָט זיך באַוויזן אין בידערמאַנס אויגן, זיך אויך באַוויזן אין די אויגן פון די ייִדישע שרייבער. ווי פאַרטיפט די שרייבער זענען צווישן זיך פריער נישט געווען אין אַ געשפּרעך, ווי היים מען זאָל זיך פריער נישט געווען זיך אַמפּערן, אַז ס'איז אַריינגעקומען דער דאָזיקער מעגלעכער קונה איז מיטאַמאָל געוואָרן שטיל. אַלע האָבן אים נאָכגעקוקט. אַלע האָבן זיך אונטערגעהערט אויף וועלכן ייִדישן בוך דער קונה פרעגט זיך נאָך. אַלע זענען געווען בלוטיק פאַראינטערעסירט, ער זאָל טאַקע עפּעס געבן צו לייזן..

פֿאַר ביכער פֿון פּאָעזיע איז זעלטן געווען אַ קונה. און אַז ס'האָט זיך איינמאָל אין אַ שמיטה אַזאַ קונה יאָ באַוויזן, האָט מען אים חושד געווען, אַז ער איז אַ דעקלאַמאַטאָר. דאָס הייסט אַזעלכער, וואָס האָט ליב אויפֿצוטרעטן פֿאַר זיין קלוב. צי פֿאַר זיין אָרדן-צווייג און דעקלאַמירן אַ ליד. נאָכגעפֿרעגט האָט זיך אַזאַ קונה געוויינלעך אויף מאָרים ראָזענפֿעלדס צו באָוושאָווערס לידער. ס'פֿלעגן זיך אויך אַריינכאַפּן יידישע אַקטיאָרן און גענישטערט צווישן די ביכער פֿון פּאָעזיע. פֿאַר אַ יידישן אַקטיאָר עפּעס אַ גוט ליד האָט געמיינט פּרנסה.

יוסף בולאָוו, פֿון דער ווילנער טרופּע, דער וווּנדערלעכער פֿאָרלייענער, איז יאָרן און יאָרן אויפֿגעטראָטן מיט גרויס דערפֿאָלג אין א. לוצקים אַ פּאָעמע „אויפֿן באַן", האָט זי, דאַכט זיך, געהייסן. און נח נאַכבוש, אויך פֿון דער ווילנער טרופּע, איז יאָרן און יאָרן אויפֿגעטראָטן אין יעקב גלאַטשטיינס אַ פּאָעמע „יאָסל לאָקש פֿון כעלם" (און אפֿשר האָט זי געהייסן אַנדערש. אָבער ס'האָט געהאַט צו טאָן מיט כעלם). נאַכבוש האָט אַליין געשאַפֿן אַ ספּעציעלן ניגון צו דעם און די פּאָעמע האָט געוואַלדיק אויסגענומען. גרשון האָט זי געהערט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און שטענדיק געווען פֿאַרכאַפּט...

געווען זענען אין איטשע בידערמאַנס בוך-געשעפֿט צוויי אָפּגעקראָכענע, מיט שוואַרצן לעדער באַשלאָגענע שטולן. אויף איינער איז געזעסן דער באַבייכלטער קיילעכדיקער בידערמאַן אַליין פֿאַר זיין ביוראָ-טיש; אויף דער צווייטער — ווער ס'האָט דער ערשטער פֿאַרכאַפּט. בידערמאַן וואָלט מסתמא אַנידערגעשטעלט נאָך שטולן, אָבער ס'איז נישט געווען ווו אין דער שמאָלער, לענגלעכער, ענגער קראָם און מען האָט געמוזט שטיין. ס'איז אַ ביסל געווען שווער צו שטיין, אָבער מען איז געשטאַנען, אָנגעשפּאַרט אין די פּאָליצעס ביכער, אָנגעשפּאַרט אין ביוראָ-טיש, אָנגעשפּאַרט אין גרויכן טיש, ווו ס'זענען געווען צעלייגט די פֿאַרשיידענע ליטעראַרישע, וועכנטלעכע, מאָנאַטלעכע און דריי-מאָנאַטלעכע זשורנאַלן.

משה פֿאַריזשער, כאָטש ער איז נישט געווען קיין שרייבער, איז אויך האָרטן איבערגעלעגן. די יידישע שרייבער האָבן איבער אים געציטערט, ווי אַ מאַמע איבער איר בן-יחיד. ער איז טאַקע געווען אַ בן-יחיד, דאָס הייסט, כמעט דער איינציקער און שטענדי-

קער קונה פון אַבסאָלוט יעדן יידישן בוך, וואָס איז נאָר אַרויס. גאָרנישט קיין פאַרמעגלעכער, אַ שאַפ־אַרבעטער, דאַכט זיך אָבער רופט נאָר אָן אַ וועלכן יידישן בוך איר ווילט, וועט איר אים געפינען אין זיין פריוואַטער ביבליאָטעק. און זיין פריוואַטע ביבליאָטעק אין זיין נישט גאָר געראַמער דירה ערגעץ אין די בראָנקס, האָט זיך געצײלט אין די הי‏פשע ציפערן, צעטיילט אין באַזונדערע סעקציעס: פּאָעזיע באַזונדער, פּראָזע באַזונדער. קינדער־ליטעראַטור באַזונדער און אַזוי ווייטער און ווייטער.

ווי ער האָט דאָס ליב געהאַט דאָס יידישע בוך! ווי אַ פאַרליבטער נעמט אָן די האַנט פון זיין געליבטער, אַזוי ער — אַ נײַ יידיש בוך...

גרשון האָט געטראָפן אָפט ביי בידערמאַנען נאָך אַ צוויי דריי אַזוינע פאַרליבטע, אָבער ער געדענקט נישט נענוי זייערע נעמען. איינער אויך אַ שאַפ־אַרבעטער, ראַפּאַלאָווסקי האָט ער, דאַכט זיך, געהייסן, און איינעם אַ איפּשקע פון ניו העיווען, מיט מגושמדיקע שווערע אַרבעטער־הענט, אַ צעבראָסטעטער, אַ גישט־אָפּגעהיטער אין זיין קליידונג, שטענדיק בלומרשט אַ בייזער, ער האָט ליב געהאַט צו קויפן מערסטנס ביכער פון פּאָעזיע... און איינעם אַ ייד אין אַ חסידישן קאַפּעליוש, מיט געדיכטע ברענענדיקע שוואַרצע פּיאות און אַ געדיכטער ברענענדיקער שוואַרצער באָרד מיט אַ וואַרעם יום־טובדיק קול. האָט גרשון אויך דאָרטן אָפט געטראָפן זיך נאָכפרעגן אויף נייע יידישע ביכער... דאָס איז געווען אַ ליובאוויטשער חסיד...

(און מסתמא זענען נאָך געווען אַ דריי פיר שטענדיקע קונים, און אויב עמעצער ווייסט זייערע נעמען, זאָל מען זיי אָנגעבן).

יאָ, אין דער פאַרשטיקטער, ענגער לופט, אין דער שמאָלער לענגלעכער קראָם צווישן פּאָליצעס מיט פאַרשטויבטע ביכער זענען יידישע שרייבער געדולדיק געשטאַנען. דאָס איז געווען דאָס איינציקע שטיקל אייגן לאַנד פון יידישע שרייבער. קאַפע „ראָיאַל" איז געווען דאָס לאַנד פון יידישע אַקטיאָרן, און דער יידישער שרייבער איז געווען ביי זיי אַ שכן, אַ קוואַרטיראַנט בלויז... יאָ, אָן אייגענע טערימאָריע מיט אַ כנסת און מיט היציקע דעבאַטן, איז געווען בידערמאַנס בוך־געשעפט... די היציקע דעבאַטן זענען אָנגעגאַנגען טאָג און נאַכט. זענען דאָרטן געווען בלויז צוויי יידי־

שע שרייבער, האָט זיך גלייך געעפנט די כּנסת און גלייך האָבן זיך אָנגעהויבן די דעבאַטן. איז געקומען אַ דריטער, האָט ער אויך גענומען ס׳וואָרט. איז געקומען אַ פערטער. און אַזוי ווייטער...

בידערמאַן אַליין, דער בייבלדיקער, בלאַסער מיט דעם לבנה=פנים, מיט דעם שטענדיקן ציגאַר צווישן זיינע פולבלעכע ליפן, איז טיף געזעסן אין זיין לעדער=באַשלאָגענער שטול און רואיק געשוויגן, פילאָזאָפיש געשוויגן. יעדער צד האָט געזוכט ביי אים רעכט. אָבער ער האָט געשוויגן...

פונדעסטוועגן זענען געווען אין קראָם אַזוינע יידישע ביכער, וואָס האָבן זיך פאַרקויפט, און גוט פאַרקויפט. דאָס זענען געווען מערסטנס טעקסט=ביכער פאַר די יידישע שולן, צווישן איינס און דריי ביטאָג האָט מען דאָרט אָפט געקאָנט טרעפן יידישע לערער, וואָס זענען געקומען אַהין כאַפן אַ שמועס און אויך קויפן טעקסט=ביכער און ספעציעלע שול=העפטן מיט דעם יידישן אלף=בית, געדרוקטן און געשריבענעם; מיט שלום=עליכמס, מענדעלעס און פרצעס פנימער אויפן ערשטן זייטל...

דער גרויסער שלום אַש האָט זיך אויך פון צייט צו צייט אַריינגעכאַפט אין בידערמאַנס בוך=געשעפט, אָבער ער איז גאָרנישט געווען וואַרעם צו די יונגע שרייבער. ער האָט אויסגעמיטן צו קוקן אויף זיי, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר זיי. גרשונען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער האָט זיך נעבעך יאָ געוואָלט דערנענטערן צו די יונגע שרייבער, אָבער נישט געוווסט ווי אַזוי. דעריבער האָט ער אויסגעקוקט בייז. אַן אומרואיקער איז ער געווען, שלום אַש, אין בידערמאַנס בוך=געשעפט. לאַנג דאָרטן זיך נישט פאַרהאַלטן, געקויפט אַ פאָר זשורנאַלן און אַרויס...

דאָרטן טאַקע האָט שלום אַש דערלאַנגט דעם באַרימטן פאַטש חיים ליבערמאַנען, וואָס איז אים דערגאַנגען די יאָרן מיט זיינע אַרטיקלען אין „פאָרווערטס“. גרשון איז גראָד נישט געווען בשעתן פאַטש, אָבער אויפן צווייטן טאָג האָבן חברה שרייבער איבערגעשפילט דעם גאַנצן אינצידענט: ווי אַזוי חיים ליבערמאַן איז געשטאַנען ביים טיש און גענישטערט צווישן די זשורנאַלן, ווי אַזוי שלום אַש איז אַריינגעקומען, און ווי אַזוי, און ווי אַזוי...

# דער טשיקאַווער באַנקעט

פלוצלונג שווימט אַרויס אין גרשונס זכרון די „ק אַ פּ ע א י נ ט ר אָ“. ער וואָלט זי געוועזן אײַנגאַנצן פאַרגעסן, ווען ער זאָל זיך נישט געוועזן דערמאָנען אין דעם דיכטער אַלעף כץ, און אין דעם באַנקעט וואָס ער האָט דורכגעפירט לכבוד גרשונס בוך „פון יענער זייט טייך“. ס'איז געווען אַזאַ טשיקאַווע באַנקעט, מסתמא דער איין און אײנציקער פון זיין מין אין דער געשיכטע פון ליטעראַרישע באַנקעטן.

אינטראָ מיינט האַכט זיך: „אינזיך“. טאַקע אַ דיכטער פון דער גרופּע „אינזיכיסטן“ האָט געעפנט די דאָזיקע קאַפע. און אַז מען דערמאָנט זיך אין דער גרופּע „אינזיכיסטן“, קומען אויך אַזוינע נעמען ווי יעקב גלאַטשטיין, א. לעיעלעס, נ. ב. מינקאָוו, ב. אַלקוויט, ראובן לודוויג, מיכל ליכט, כאַסיע קופּערמאַן, י. סטאָדאָלסקי... י. סטאָדאָלסקי איז טאַקע געווען דער יעניקער, וואָס האָט געעפנט די קאַפע „אינטראָ“. סטאָדאָלסקי, א. בלאָנדלעכער, א. ליבשמייכלענדיקער, מיט פאַרחלומטע בלויע אויגן, אַ שטילער בטבע, אַן אָנגענעמער, אַ העפלעכער,—אָבער אַז מען האָט אָנגערירט דעם „אינזיכיזם“ איז ער געוואָרן גאָלע פייער, גאָלע קאָכעדיקייט, איבערגעזאָטן די ברעגעס, זיך אַזש פאַרקייכט...

(גרשון האָט געלייענט, אַז דער זעלביקער סטאָדאָלסקי האָט איצט איבערגענומען נאָך איטשע בידערמאַנס טויט דאָס בוך־געשעפט אויף צווייטער עוועניו, ווינטשעוועט אים גרשון דערפאָלג, און האָפט, אַז ס'וועט זיך פירן דאָרטן ווי אין איטשע בידערמאַנס צייטן, דאָס הייסט, אַ נייטראַלע זאָנע פאַר די יידישע שרייבער פון אַלע ריכטונגען...).

די „אינטראָ“, אַ ליטעראַרישע קאַפע פאַר יידישע שרייבער, איז געווען אויף דער צוועלפטער גאַס נישט ווייט פון דער צוויי־

טער עוועניו. מען האָט דעמאָלט געמיינט, אַז די יידישע ליטעראַטור איז שוין אַזוי רייך, אַז זי קאָן שוין אויסהאַלטן מער ווי איין שרייבערישע קאַפע, אַט אומגעפער אין יענע צייטן אויף דער זיבעטער נאָס די באַרימטע משה נאַדירס קאַפע, וואָס האָט קיין לאַנג לעבן נישט געהאַט... און אין דער בראָנקס איז ווידער געווען „דאָס היימישע ווינקל“, וואָס האָט אויך קיין אַריכות ימים נישט געהאַט, און די באַלעבאָסטע איז געווען די דיכטערין און די זינגערין, די האַרציקע בערטאַ קלינג. די דאָזיקע קאַפע האָט געלעבט כל=זמן דער קליינער בראָנקסער קונסט=טעאַטער האָט געלעבט. און אַז מען דערמאָנט זיך אין דעם קליינעם בראָנקסער קונסט=טעאַטער, טוט אַ ליכט אויף רודאָלף שילדקרויט״ אין אָסיפּ דימאָווס „בראָנקס=עקספּרעס“, טוט אויך אַ ליכט אויף די ווילנער טרופּע אין ווונדערלעכע פאַרשטעלונגען. ס׳גיבן אויך אַ ליכט אויף אַזוינע נעמען, ווי מענדל עלקין, דוד פּינסקי, פּרץ הירשביין, ב. אַראָנסאָן, די גרינדער פון דעם דאָזיקן קליינעם קונסט=טעאַטער... ס׳גיבן אויך אַ ליכט אויף אַ גרופּע זייער יונגינקע שוישפּילער, וואָס האָבן דערנאָך פאַרנומען זייער אַ חשובן פּלאַץ אין פּראָפעסיאָנעלן יידישן טעאַטער ווי: וואָלף באַרזעל יהודה בלייך, יעקב בלייפער, יעקב בער גרין, יוסף גרינבערג, וויקטאָר פּעקער,שמעון רוסקין, יצחק רויטבלום...

און אַז גרשון דערמאָנט זיך אין דער בראָנקסער ליטעראַרישער קאַפע „דאָס היימישע ווינקל“, דערמאָנט ער זיך שוין אויך, ווי ער איז איינמאָל דאָרטן געווען און אַז מען איז זיך צעגאַנגען איז שוין געווען אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, און זיך שלעפּן מיט דער לאַנגזאַמער אונטערערדישער באַן צוריק קיין מאַנהעטן וועט נעמען שעהן און שעהן, האָט אים ה. לייוויק, וואָס האָט דעמאָלט געוווינט נישט ווייט פון דער קאַפע אים געגעבן נאַכטלעגער ביי זיך אין הויז. די משפּחה זיינע איז גראָד דעמאָלט געווען אָפּגעפאָרן. ער האָט אַליין אויסגעבעט דעם געלעגער אין אַ געראַם בעט פאַר זיין אורח, דערנאָך אַרויסגענומען ערגעץ פון אַ שאַפע אַ וואָלענע בלוילעך=ראָזעווע קאָלדרע, וואָס האָט געשמעקט מיט נאַפטאַלין און געגעבן גרשונען ס׳זאָל אים זיין וואַרעם צו שלאָפן. אַליין איז ער אַוועק אין אַ צווייטן צימער, וו ס׳איז געשטאַנען זיין שרייבטיש און זיך פאַרמאַכט. לאַנג, לאַנג האָט זיך דורכגעשלאָגן פון

די טיר־שפּאַלטן אַ ליכט. ער איז מסתמא דאָרטן געזעסן און גע־שריבן. ס'איז דעמלט נאָך געווען די צייט פון ברידערלעכקייט...

יאָ, זיך אומקערן צו קאַפע „אינטראָ", אין אינטערשטן שטאָק איז זי געווען. מען האָט זיך געדאַרפט אַראָפּלאָזן פון דער גאַס מיט טרעפּלעך. די ווענט געווען באַמאָלן מיט קאָלירטע מאָדערנע געמעלן (גרשון געדענקט שוין נישט דעם נאָמען פון מאָלער. זאָלן דאָס געווען זיין יאָסל קאָטלער מיט זוני מאוד? זיי זענען געווען גרויסע בעלנים צו מאָלן אויף ווענט, אויף פענצטער. אין „מאָודס זומעריי", אין עס־צימער פאַר קינדער, דאָרטן אויף אַלע ווענט האָבן זיי זיך געלאָזט וווילגיין מיט אַזאַ שמחה... גרשון האָט נישט פאַרגעסן אין „מאָודס זומעריי" אַ מאָלעריי אויף איין וואַנט, ווי מען גיט אַ קינד אַ קאַנע. דאָס האָט כלומרשט געזאָלט זיין אַ וואָ־רענונג פאַר דער יוגנט, זיי זאָלן זיך נישט אָנעסן מיט גרינע עפּעלער).

מיט גרויס פאַראַר האָט זיך געעפנט די דאָזיקע קאַפע. סטאָ־דאָלסקי איז געווען פול מיט האָפענונגען. ס'וועט זיין אַן אָרט פאַרן יינגערן דור שרייבער, אַקטיאָרן, מאָלער און מוזיקער. גרשו־נען האָט טאַקע געצויגן אַהין צוליב דעם. אַ קאַפע פון גאָלע יונגע קינסטלער. אָפטע געסט זענען דאָרטן געווען: גלאַטשטיין, לעיעלעס, מינקאָף, אַלעף כץ, יאָסל קאָטלער, זוני מאוד און, פאַרשטייט זיך, דער צעשויבערטער הערמאַן גאָלד... אָפטע געסט זענען דאָרטן גע־ווען די אַקטיאָרן פון דער ווילנער טרופּע, און אַקטיאָרן פון דער ווילנער טרופּע האָבן אַריינגעטראָגן אַ פריילעכע ראַשיקייט. ס'איז זיי דעמלט געגאַנגען מיט פּרנסה, פון חנא גאָטעספעלדס פּיעסע, וואָס האָט טאַקע געהייסן „פּרנסה"... דאָרטן האָט מען אויך גע־פּראַוועט אַ באַנקעט לכבוד דעם באַרימטן העברעישן דיכטער שאול טשערניכאָווסקי, וואָס איז דעמלט געווען צוגאַסט אין ניו־יאָרק. ס'איז געווען אַ ספּאָנטאַנער באַנקעט, אברהם משה דילאָן האָט טשערניכאָווסקין איינמאָל געבראַכט אין דער „אינטראָ", און גלייך פון אַלע טישלעך איז געוואָרן איין טיש, און דעם באַרימטן דיכטער האָט מען באַזעצט אויבנאָן, און געזעסן איז ער אויבנאָן אַ שעמעוודיקער... און די פאַרערונג פון אַלע יידישע יונגע שריי־בער צו אים אין קאַפע „אינטראָ" איז געווען אין לשער. מען האָט נישט געהאַלטן קיין רעדעס, נאָר געקוקט אויף אים מיט וווּנדער.

דערפֿאַר הפּנים האָט ער זיך געשעמט, וואָס אַלע האַלטן אין אייקוקן אויף אים...

דאָרטן האָט מען אויך געפּראַוועט דעם משיקאַוון באַנקעט, דעם איינאונאיינציקן פֿון דעם מין לכּבוד גרשונס בוך „פֿון יענער זייט טייך“. דעם אמת געזאָגט האָט גרשון יענעם אָוונט, ווען ער איז אַריינגעקומען אין דער „אינטראָ“ זיך גאָרנישט געריכט, אַז מען וועט אים מאַכן אַ באַנקעט. ס׳איז גאָר געווען לײדיקלעך דאָס פּלאַץ. אַ פּאָר מענטשן בלויז, און צווישן זיי דער שלאַנקער אַלעף בּץ מיט די שוואַרצע היים־פֿינקלדיקע דיכטערישע אויגן. רופֿט ער זיך אָן צו גרשונען אַ שמייכלענדיקער:

— געלייענט דיין „פֿון יענער זייט טייך“ און ס׳קומט דיר פּראַוועו אַ באַנקעט, מען האָט דאָך דיר, האַכט זיך, נאָך קיינמאָל נישט געפּראַוועט קיין באַנקעט?

גרשון האָט געלאַכט, מחמת ס׳איז אין אָנהייב געווען, ווי אויף צוכלומרשטן, אָבער דערנאָכדעם איז דאָס געווען גאַנץ ערנסט. גאַנץ פֿייערלעך. דער עולם אויפֿן באַנקעט, אַחוץ דעם מחבר, איז באַשטאַנען פֿון איין מענטשן. אַלעף בּץ איז געווען דער עולם, דער פּאָרזיצער, דער הרשה־האַלטער. ער האָט זיך אויפֿגעשטעלט און געהאַלטן אַ דרשה לכּבוד דעם בוך. ס׳איז געווען זייער אַ וואַרעמע, חבֿרשע רעדע... נאָכדעם האָט דער מחבר און דער „עולם“ געגעסן זייער אַ געשמאַקן מאָלצייט, וואָס אַלעף בּץ האָט באַשטעלט. ס׳איז אויך געווען ווײַן אויף דעם דאָזיקן באַנקעט און דער „עולם“ האָט געטרונקען לחיים צום מחבר און געווינטשעוועט אים, ער זאָל אַרויסגעבן נאָך און נאָך ביכער...

שפּעטער מיט יאָרן אין לאָס אַנדזשעלעס האָט לאַמעד שאַפּיראָ אויך אַזוי געטאָן צו גרשונען לכּבוד זיין נאָר וואָס דערשינענעם בוך: „די צען לאַנדסלייט“. אין לאַמעד שאַפּיראָס קליין צימערל איז דאָס געווען. לאַמעד שאַפּיראָ איז געווען דער עולם, דער פּאָרזיצער, דער טאָסט־מייסטער, גערעדט וועגן בוך און צוגעווונטשן... און אַזוי ווייטער און ווייטער...

# דוד בערגעלסאָן אויף צווייטער עוועניו

מענטשן קאָנען דיר געבן מאָדנע פֿאַרגלײַכן. גרשון, למשל, פֿאַרגלײַכט דעם אַראָמאַט, וואָס גייט אויף פֿון דוד בערגעלסאָנס ווערק צום אַראָמאַט פֿון „וויסשעוואָ סאָרטאַ דיובעק“ (דעם העכסטן סאָרט דיובעק).

וואָס אַזוינס איז דיובעק? אַזאַ מין גאָר טײַערער טאַבאַק אין אַמאָליקן רוסלאַנד פֿון דער פֿירמע מעסאַקסודיע, און אויסגעקוקט האָט ער ווי דינע פֿעדעמלעך גאָלד. דעם דאָזיקן גאָר טײַערן טאַבאַק האָבן נאָר די נגידים גערויכערט. גרשון האָט אויך אַ פּאָר מאָל פֿאַרזוכט פֿון דעם דאָזיקן העכסטן סאָרט דיובעק, איז וואָסזשע זאָל ער אײַך זאָגן?...

טאַקע אין קאַפֿע „אינטראָ“ האָט גרשון ס׳ערשטע מאָל באַגעגנט דוד בערגעלסאָנען אין בלוט און אין פֿלייש... און דוד בערגעלסאָן אין בלוט און אין פֿלייש האָט גאָרנישט אויסגעקוקט ווי די גרויסע שרײַבערישע פּערזענלעכקייט. ער האָט גיכער אויסגעקוקט, ווי איינער פֿון זײַנע סוחרימלעך אין זײַן באַרימטן בוך „אַרום וואָקזאַל“, סײַדן — זײַנע אויגן, די ברוינלעך־גרינלעכע, אין זיי איז געווען די ליכטיקייט, די שטראַלנדיקייט, די קלוגע וואַכזאַמקייט, די קלוגע אָבסערווירישקייט, די קלוגע דורכדרינגלעכקייט פֿון דעם גרויסן שעפֿער.

און אין דער קאַפֿע „אינטראָ“ איז יעדער איינער אַ צעפֿלאַמטער, אַ צעציטערטער געלאָפֿן מיט שלום־עליכמס צו דעם דאָזיקן מיטלוווקסיקן, עטוואָס סוטולעוואַטן, גאָרנישט אימפּאָנירנדיקער פּערזאָן, לויטן ערשטן קוק וואָס עס איז דער גרויסער דוד בערגעלסאָן. גרשון האָט אים אויך דערלאַנגט שלום עליכם, און געפֿילט דערבײַ, ווי ער רירט אָן די אומשטערבלעכקייט אַליין... האָט זיך אים אַמאָל געחלומט אַלס יינגל, ווען ער איז געזעסן אויף די קלע־

צער פֿאַר זיין טאַטנס הויז און געלייענט בערגעלסאָנען, אַז ס'וועט אַמאָל קומען אַ צייט און... (מיט נאָמבערגן האָט זיך גרשון אויך געטראָפֿן, אָבער דאָס קומט אין אַן אַנדער מעשׂה).

ביי בערגעלסאָנס טיש האָט זיך אַוודאי יעדער איינער געוואָלט זעצן, אָבער ס'איז געווען פּלאַץ בלויז פֿאַר פֿיר (און צוגעפּרוקן אַלע טישלעך צוזאַמען, איז גאָר עפּעס קיינעם נישט איינגעפֿאַלן). און די פֿיר זענען געווען: דער גרויסער גאַסט, ז. ווײַנפּער, א. לוצקי און גרשון. די מעשׂה איז, וואָס בערגעלסאָן אַליין האָט איינגעלאַדן גרשונען צו זיין טיש. צוליב וואָס פֿאַר אַ זכות? מחמת גרשון איז אַ בערשאַדער, און בערגעלסאָן האָט זיך נעענטער געוואָלט באַקענען מיט אַ בערשאַדער ייִד. זיך אַזוי פֿיל אָנגעהערט וועגן זיי — אי גרויסע ענווים — (אַניוויִם — באַשיידענע מענטשן), אי גרויסע גיבורים — נישט געלאָזט אויף זיך מאַכן קיין פּאָגראָמען.

— אַ גרויסער עניו (אָנאָוו) דאַכט זיך ביסטו, אָבער ווייט פֿון אַ גיבור — האָט ער קאָמיש אַ קנייטש געטאָן די נאָז און אַ שטראַל געטאָן מיט זיינע קלוגע אויגן.

אָבער דוד בערגעלסאָן האָט מיט גרשונען קיין סך נישט געקאָנט רעדן וועגן בערשאַד, ווייל דאָרטן וווּ לוצקי זיצט, מוז מען שוין רעדן נאָר וועגן לוצקין. אַ באַזונדערע פֿעיִקייט האָט פֿאַרמאָגט דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער און גרויס טאַלאַנטפֿולער פּאָעט א. לוצקי, אָנרעגן די מענטשן ביי אַ טיש צו רעדן נאָר וועגן זיין שרייבן... און דוד בערגעלסאָן האָט גערן גערעדט וועגן לוצקיס שרייבן. ער האָט אים געלייענט, האָט ער געזאָגט, און ס'געפֿעלט אים זייער זיין שרייבן. פֿוילט זיך נישט א. לוצקי און רוקט אים אונטער גלייך זיין ספֿרל לידער אַ מתּנה... (ס'האָט טאַקע אויסגעקוקט ווי עפּעס אַ ספֿרל. א. לוצקי, וואָס האָט געוויגן און געמאָסטן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל יעדע זילבע ביים שרייבן אַ ליד, האָט אויך געוויגן און געמאָסטן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל יעדן קער, וואָס ער האָט געמאַכט אין אַרויסגעבן זיינעם אַ ביכל לידער. ער האָט ממש פֿאַרמאַטערט סיי דעם דרוקער, סיי דעם בוכבינדער ביים אויסקלייבן דאָס פּאַפּיר, דעם פֿאָרמאַט פֿון בוך, דעם לייוונט פֿאַר די טאָוולען, דעם קאָליר פֿון דעם לייוונט...). דערמאָנט אים דוד בערגעלסאָן, אַז ער האָט

געהערט מענטשן זאָגן, אַז לוצקי אַלס פֿאָרלייענער פֿון זײַנע אייגענע לידער איז אַזוינס און אַזעלכעס. פֿילט זיך נישט דער בחור און לייענט פֿאָר אַ ליד פֿון זײַן ספֿרל, נאָר ווי לוצקי קאָן. פֿילט זיך אויך נישט דוד בערגעלסאָן, מישט אויף אין ספֿרל און לייענט פֿאָר אַ צווייט ליד, און אַלע ביים טיש עפֿענען גרויסע אויגן מיט וווּנדער. דאָס איז עפּעס געווען אַ מייסטער פֿאָרלייענער.

ער וואָלט אפֿשר געקאָנט זײַן אַ גרויסער אַקטיאָר, ווען ער וואָלט זיך געווען אָפּגעגעבן מיט דעם. דאָס האָט ערשט גרשון געזען אויף דעם שמחהלע, וואָס די פּראָלעטפּעניקעס האָבן געמאַכט לכּבֿוד בערגעלסאָנען אין ברוקלין. גרשון געדענקט שוין נישט ביי וועמען אין הויז. ס'האָט געזאָלט הייסן, אַז דוד בערגעלסאָן וועט רעדן וועגן דעם, ווי אַזוי ער שרײַבט זײַנע ווערק. אַזוי האָט דער פֿאָרזיצער געזאָגט, ווען ער האָט פֿאָרגעשטעלט דעם גאַסט. און דער גאַסט האָט טאַקע אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם, אָבער ער האָט דאָס געמאַכט בקיצור. גאָר בקיצור. ער האָט געוואָלט בעסער מען זאָל פֿאַרברענגען. ער האָט אָנגעהויבן זינגען אַ ליד, וואָס ער האָט גערופֿן די „בערדיטשעווער מאַרסעליעזע". אַ שאָד וואָס גרשון געדענקט נישט די ווערטער, וואָס ער געדענקט יאָ איז דער רעפֿרען, דעם צוזינג נאָך יעדן קופּלעט און דער צוזינג איז געווען. „פּוצער, פּוץ מיר אָפּ די שיך"... ווי דער הויך־געקרוינטער שרײַבער האָט זיך געגעבן אַ שטעל וויליונגעריש מיט די הענט און די קעשענעס, מיט אַ פּנים פֿון אַ לעב־יונג... וואָס גרשון האָט געוואַרט, איז אויפֿן רעפֿרען: „פּוצער, פּוץ מיר אָפּ די שיך". ס'האָט פֿאַרמאָגט טויזנטער חנען... ער האָט נאָך לידער געזונגען, פֿריילעכע לידער. די פּראָלעטפּעניקעס האָבן זיך געקאַטשעט פֿון געלעכטער... ער האָט גאָרנישט געוואָלט זײַן דער שרײַבער, בעסער געוואָלט זײַן דער פֿאַרווײַלער, אַ קאָמיקער־פֿאַרווײַלער.

* * *

אין בייטאָג איז גרשונען אויסגעקומען שפּאַצירן מיט דוד בערגעלסאָנען איבער צווייטער עוועניו ביז צו אָרטשאַרד־סטריט. ביי יעדן ייִדישן טעאַטער אויף צווייטער עוועניו האָט בערגעלסאָן זיך אָפּגעשטעלט, געלייענט די אַפֿישן, באַטראַכט די ריזיקע פֿאָ־

טאָגראַפּיעס פון די גרויסע „שטערן“. זיך אויך אָפּגעשטעלט בײַ יעדן ייִדישן רעסטאָראַן, און ייִדישע רעסטאָראַנען אויף צווייטער עווענױ זענען יענע יאָרן געווען אַ סך. ער האָט זיי געציילט אַלע ייִדישע רעסטאָראַנען און דעליקאַטעסן־סטאָרס פון משיקאַוועסט וועגן. ס'זענען געווען רעסטאָראַנען אין קעלערס און אויפן ערשטן שטאָק, און אויפן צווייטן שטאָק. גרויסע, קליינע און קלענערע, פליישיקע, מילכיקע און שטרענג וועגעטאַרישע. און אַלע כּשרע. גרשון געדענקט שוין נישט וויפל ער האָט אָפּגעציילט, אָבער ס'איז געווען אַ גרויסע צאָל...

העכער אויף צווייטער עווענױ, שוין כּמעט לעבן האָוסטאָן־סטריט, איז געווען אַ מיסיאָנערן־אָפיס און אין פענצטער זענען געווען אויסגעשטעלט מיסיאָנערישע געדרוקטע שריפטן אין העברעי־שע אותיות. בערגעלסאָן איז געווען זייער נייגעריק צו כאַפּן אַ שמו־עס מיט דעם ייִדן, דעם מיסיאָנער, וואָס פירט אָן מיט דעם דאָזיקן אָרט, אָבער די טיר איז געווען געשלאָסן.

— מסתמא — האָט ער אַ קנייטש געטאָן אָפּלאַכעריש מיט דער נאָז — איז ער אַריינגעלאָפן נאָענט דערבײַ אין אַ כּשרן רעסטאָראַן איבערכאַפּן דאָס האַרץ...

אויף אָרטשאַרד־סטריט, די גאַס פון גאָלע פּושקאַרטס אין טויזנטער און טויזנטער זיך־שטופּנדיקע מענטשן, ס'רוב ייִדן, אי־בער די טראָטוארן, איז בערגעלסאָן צעטומלט געוואָרן, נישט גע־וווסט וווהין פריער צו קוקן. אויף דער דאָזיקער גאַס האָט ער זיך זייער לאַנג פאַרהאַלטן. זיך אָפּגעשטעלט בײַ באַרשידענע פּוש־קאַרטס און זיך צוגעקוקט צום גאַנצן פּראָצעס, ווי פּעדלער פאַר־קויפן צו זייערע קונים די סחורה. אַליין אויך געקויפט בײַ אַ פּוש־קאַרט געטריקנטע פלוימען און דערבײַ פאַרפירט אַ שמועס מיטן פּעדלער, וואָס האָט געהאַט געפרוירענע רויטע הענט, אָנגעטאָן אין איין וואַטאָווען רעקל אויפן צווייטן און איבער די אויערן שוואַרצע לאַפּן.

— מען מאַכט עפּעס אַ לעבן, פעטער? — האָט בערגעל־סאָן געפרעגט מיט אַ וואַרעם קול.

— אויף ראַקפעלערן געזאָגט געוואָרן — האָט יענער גע־ענטפערט מיט אַ פאַרלייגטער נאָז.

לאַנג האָט אים דוד בערגעלסאָן אויסגעפרעגט, כמעט זיין גאַנצע ביאָגראַפיע זיך דערוווסט. גרשון איז עפּעס געווען זיכער, אַז פון דעם דאָזיקן שפּאַציר איבער דער איסט-סאַיד וועט אַרויס פון בערגעלסאָנס פען איינע פון זיינע מייסטערישע דערציילונגען. ווי ווייט אָבער גרשון ווייסט, האָט דוד בערגעלסאָן אָנגעשריבן איין דערציילונג וועגן אַמעריקאַנער לעבן, און דאָס איז געווען וועגן אַ קראַנק איטאַליעניש מיידעלע.

# ה. ד. נאָמבערג אין מאָסקאָוויטשעס קאַפע...

ווען גרשון דערמאָנט זיך אין מאָסקאָוויטשעס קאַפע אויף צווייטער עווניו, מוז ער זיך שוין אויך דערמאָנען אין אברהם רייזענען. מען האָט אים דאָרטן אָפט געזען. אַ באַהעמער געווען, אברהם רייזען. און קיינמאָל איז ער נישט געגאַנגען אַהין אָן אַ סוויטע, און אין דער סוויטע זענען כמעט שטענדיק געווען בלויז יונגע שרייבער. און גרשון איז אויך נישט איינמאָל געווען צווישן זיין סוויטע.

און מאָסקאָוויטש אַליין, דער רומענער ייד — אים האָט מען שטענדיק געטראָפן אויף אַ מין פּלאַטפאָרמע שפּילנדיק אויף אַ צימבל. ווי ער האָט דאָס געשפּילט!... אַ הויכער, אַ שלאַנקער, אַן עלעגאַנטער, מיט אַ בלאַסן פּנים, מיט אַ ראָזעווען נאַקעטן קאָפּ און מיט פאַרדרייטע בלאָנדלעכע וואָנצעס, האָט ער אויסגעכישופט אויף זיין אינסטרומענט די פאָלקס־ניגונים פון רומעניע. און אין זיין קאַפע האָט מען געטרונקען וויין, אפילו אין די צייטן, ווען מען האָט נישט געטאָרט, דאָס הייסט, אין די צייטן פון „פּראָהיבישאָן“. און אין זיין קאַפע האָט מען געגעסן די רומענישע קארנאצלעך, געדיכטע שטיקלעך פלייש, וואָס דאָס בלוט האָט נאָך געשפּעט פון פייער, סערווירט אויף קלעצעלעך פון האָלץ. גרויסע טעלער מיט געקאָכטע נאהיט זענען געשטאַנען אויף די טישן און די וויין־טרינקער האָבן פאַרביסן מיט נאַהיט...

אברהם רייזען איז דען געווען אַ וויין־טרינקער? איין גלאָז דעם גאַנצן אָוונט איז געווען גענוג. געזופּט פון צייט צו צייט פון דער גלאָז און געווען פריילעך פונקט ווי איינער פון אַ סך גלעזער. און אַז אברהם רייזען איז געווען פריילעך, האָבן די איינגעפאַלענע באַקן ביי אים זיך צערויטלט, און די שפּיצן פון די

וואָנצעס האָבן זיך ביי אים אויפגעשטעלט, און זיינע שוואַרצע שמאָלע אויגן האָבן זיך צעשפּריצט מיט פייערלעך און זיין קול איז ביי אים געוואָרן ווי אויף אַ חתונה, מיט יום־טוב גערעדט צו מענטשן...

און דער קלוגער מאָסקאָוויטש האָט שוין געזען, אַז אַלע זאָלן וויסן, וואָס פאַר אַ חשובער גאַסט ס'געפינט זיך ביי אים אין דער קאַפע. ווי נאָר רייזען איז אַריינגעגאַנגען, מיט זיין סוויטע און פאַרנומען אַ טיש, האָט יענער זיך אויפגעשטעלט און פייערלעך געלאָזט וויסן דעם עולם, אַז: „מיר האָבן דעם כבוד צו האָבן צווישן זיך דעם גרויסן יידישן שרייבער אברהם רייזען, און צוליב דער גליקלעכער געלעגנהייט וועלן מיר געבן זיינע אַ באַרימטע ליד: „מאי קא משמע לן“. און געגעבן האָט ער דאָס ליד, מאָסקאָוויטש, נישט נאָר ער אַליין אויף זיין צימבל, נאָר אויך דער שטענדיקער זינגער פון דער קאַפע, וואָס האָט אָנגעהויבן צו זינגען מיט פיל האַרץ און פייער „מאי קא משמע לן“ (וואָס לאָזט ער אונדז צו הערן). און אַלע דאָרט האָבן געקוקט צו אברהם רייזענס טיש, און יעדער איינער פון זיין סוויטע האָט זיך געפילט דערהויבן און חשוב ביי זיך, און אברהם רייזען אַליין — גאָלע קוועלנדיקייט. גראָד געוואָלט פאַרבאָרגן די קעוולנדיקייט, אָבער האָט זיך געשפּאַרט פון זיין יעדן אבר...

און ביי גרשונען האָט זיך געדרייט דער קאָפּ — און נישט פון צופיל וויין. ס'האָט זיך געדרייט דער קאָפּ פון דעם, וואָס ער לעבט אַ באָהעמיש לעבן. טרינקט לחיים מיט דעם גרעסטן שרייבער ביי יידן, עסט קאַרנאַצלעך, און זאָרגט זיך שוין נישט.

אין דער זעלביקער מאָסקאָוויטשעס קאַפע האָט גרשון געהאַט דאָס מזל זיך טרעפן מיט ה. ד. נאָמבערגן, אויך זיצן מיט אים ביי איין טישל, טרינקען לחיים צו אים און רויכערן זיינע טייערע פּאַפּיראָסן... די טייערסטע פּאַפּיראָסן, וואָס מען האָט נאָר געקאָנט קריגן אין אַמעריקע האָט נאָמבערג גערויכערט, מילאַקרימאָ האָבן זיי געהייסן מיט אַ סך גאָלדענע אָדלערס אויבן דעקל פון שאַכטל... און געווען איז ער אַ דזשענטלמאַן, נישט אַריינגעלייגט דאָס שאַכטל צוריק אין קעשענע, ווען ער האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיראָס פאַר זיך, נאָר דאָס איבערגעלאָזט

אויפֿן טישל, אפֿילו דאָס אַ שאַר געטאָן צו די מיטזיצער, ווי איינער זאָגט: „זייט זיך מכבד“...

י. ל. פּרץ וועט שוין גרשון קיינמאָל נישט טרעפֿן אין בלוט און פֿלייש, אָבער זיינע נאָענטסטע חברים און גרויסע תלמידים — יאָ. זיי זאָלן לעבן און געזונט זיין... און אויף גאָמבערגן האָט מען טאַקע געדאַרפֿט זאָגן, ער זאָל לעבן און געזונט זיין, מחמת ער איז געווען ווי אַ סקעלעט, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע צוגאַסט, ממש נאָר הויט און ביינער. און דאָ איז ער נאָך געווען אַ קלייןגעוווקסיקער. אַ קלייןגעוווקסיקער, אין אַ שווערן ווינטער־מאַנטל מיט אַ היפּשן פּוזענעם קאָלנער, ווי מען טראָגט אין פּוילן. ס'איז געווען זייער קאַלט דעם אויסגעדאַרטן גוף, און דעריבער איז ער געזעסן אין מאַנטל אפֿילו אינעווייניק אין דער קאַפֿע, און געהוסט. געראויכערט איין פּאַפּיראָס נאָכן צווייטן און געהוסט, און געהוסט...

און פּונקט ווי אברהם רייזען, איז אויך הערש־דוד גאָמבערג געווען אַ לעגענדע פֿאַר גרשונען. דאָרטן אין בערשאַד, אין זיינע יינגל־יאָרן, אים געלייענט ביי נחום באָגאָמאָלני אין ביבליאָטעק סיי אין יידיש, סיי אין העברעיש, און אָפֿט געזונגען זיין ליד: „ס'לויפֿן, ס'יאָגן שוואַרצע וואָלקן“. גרשונס שוועסטער, חנה־רבקה, און פּוליעס שוועסטער, גיטל, האָבן אויך אָפֿט געזונגען זיין ליד:

„ס'לויפֿן, ס'יאָגן שוואַרצע וואָלקן,
ס'פּייפֿט און ברומט דער ווינט, —
פֿון סיביריען שיקט דיין טאַטע
דיר אַ גרוס, מיין קינד.

נאָר דער ווינט, ער ברענגט אונדז גרוסן
פֿון דעם קאַלטן לאַנד;
דאָרטן שטייט ער, אַ לאָפּעטע
האַלט ער אין דער האַנט,

און ער גראָבט אַלץ טיפֿער, טיפֿער,
וואַרפֿט די ערד אַרויס.

נישט געזאָרגט דאָך! פֿאַרן שקר
גראָבט ער קברים אוים.

נישט דער ערשטער, נישט דער לעצטער,
פֿאַלט ער אויפֿן פֿעלד!
זאָרג נישט, קינד מיינס, דיך געבאָרן
האָט אַ גרויסער העלד.

און אַ העלד וועסטו אויסוואַקסן.
שלאָף, שלאָף־זשע אַצינד;
זאַמל כוחות פֿאַר דער צוקונפֿט,
זאַמל, איינציק קינד...

מאַסקאָוויטש אויף זיין צימבל האָט אויך געשפּילט דאָס דאָזיקע ליד און דער זינגער און אַלע אין קאַפּע האָבן געקוקט מיט חידוש אויף דעם חלושדיקן נאָמבערגן.

די גרויסע צוויי יידישע שרייבער, רייזען און נאָמבערג, זענען אוודאי געווען אויף „דו". אָבער זיך נישט גערופֿן ביי די ערשטע נעמען. ער אים — „רייזען" און דער יענעם — „נאָמבערג". גרשון איז געווען גאַלע אויערן. ער האָט דערוואַרט, אַז די דאָזיקע צוויי וועלן זיך צערעדן ביים טישל וועגן זייערע יאָרן אין וואַרשע, און וועגן י. ל. פּרצן, וואָס איז געווען צו זיי נענטער, ווי צו אַלע יידישע שרייבער. און ס׳וואָלט געווען גאָר כדאי צו הערן. זיי האָבן אָבער נישט גערעדט וועגן זייערע יונגע יאָרן אין וואַרשע, און וועגן דעם גרויסן י. ל. פּרץ. זיי האָבן בבלל ווינציק גערעדט צווישן זיך. נאָר פֿון צייט צו צייט געקוקט איינער אויפֿן אַנדערן, און אין קוקן איינער אויפֿן אַנדערן איז געווען, ווי מען וואָלט געזען איינער דעם אַנדערן אין יענער צייט אין וואַרשע, ווען מען האָט געוווינט צוזאַמען אין איין צימער, געהונגערט צוזאַמען, געחלומט צוזאַמען, געגאַנגעןביידע צוזאַמען צו פּרצן אין הויז אַריין...

און אַז דער דאָזיקער אויסגעהאַרטער הוסטנדיקער נאָמבערג מיט די דינע פּיסלעך, וועט זיך גאָר נעמען טאַנצן ביי מאַסקאָוויטשן אין וויין־קעלער, און נאָך מיט אַ יונגער, שיינער, הויבער

דאַמע, האָט זיך גרשון אוודאי נישט געריכט. יאָ, ער האָט גע־טאַנצט, און נאָך שיין געטאַנצט אויך, געפירט זיין יונגע הויכע שיינע דאַמע אין אַזאַ שיינעם ריטם. אַ פאָקס־טראָט געטאַנצט מיט איר. פון דערווייטנס וואָלט זיך אפשר אויסגעוויזן, ווי אַ קליין ברודערל טאַנצט מיט זיין עלטערער שוועסטער. פון דער נאָענט האָט זיך אויסגעוויזן, ווי איינער, וואָס איז אַראָפּ פון קראַנקן בעט און זיך איינגעעקשנט הווקא טאַנצן מיט אַ הויכער, יונגער, שיינער דאַמע.

— אַך טי, באָזשע מאָי, טאַטע זיסער און הארציקער — האָט זוגי מאָוד מיט די גרויסע טרויעריקע גאַפנדיקע שוואַרצע אויגן אַ מאַך געטאָן...

# אַ בריוו פֿון פֿילאַדעלפֿיע

גרשונס אַדרעס איז געווען אין קאַפּע „אייראָפּע“. וואָס וועט ער אָנגעבן דעם אַדרעס פֿון זיין וווינונג, אַז ס'קאָן זיך טרעפֿן, אַז אין אַ חודש אַרום וווינט ער שוין דאָרטן נישט מער. און ס'האָט זיך טאַקע אַזוי אָפּט געטראָפֿן. נישט געהאַט צו צאָלן קיין רענט, האָט מען אים אַרויסגעשטעלט מיט די „וויעשטשעם“ (זאַכן). ווו־זשע האָט ער געהאַט רענט פֿאַר אַ נייער דירה? האָט ער טאַקע נישט געהאַט און דערווייל גענעכטיקט ביי חברים.

הכלל, דער זיכערסטער אַדרעס איז געווען קאַפּע „אייראָפּע“. אויף דעם דאָזיקן אַדרעס האָט ער באַקומען בריוו יאָרן און יאָרן פֿון זיין טאַטע־מאַמע אין בערשאַד, און פֿון זיין שוועסטער זיסל אין וואַשינגטאָן און פֿון גלאַט אַזוי פֿריינד. די שוועסטער רחל, וואָס האָט שוין געוווינט דעמלט אין יוניאָן סיטי, נוי דזשוירזי, אַז זי איז געקומען קיין ניו יאָרק און זיך געוואָלט זען מיט איר „קליין ברודערל“, איז זי טאַקע גלייך אַוועק אין קאַפּע „אייראָפּע“...

יאָ, גרשונס שטענדיקער אַדרעס איז געווען אין קאַפּע „אייראָפּע“ און דאָרטן האָט ער טאַקע באַקומען דעם בריוו פֿון פֿילאַדעלפֿיע. און דער בריוו פֿון פֿילאַדעלפֿיע איז געווען נישט פֿון משפּחה און נישט פֿון נאָענטע פֿריינד. ער איז גאָר געווען פֿון אומבאַקאַנטע לייענער. און וואָס ווילן די אומבאַקאַנטע לייענער? זיי ווילן, אַז ער זאָל קומען צו זיי קיין פֿילאַדעלפֿיע אויף אַ אָוונט. מען וועט אים געבן פֿינף און צוואַנציק דאָלאַר אַחוץ הוצאות. און וואָס זאָל ער טאָן אויף דעם דאָזיקן אָוונט? פֿאָרלייענען זיי קינדער־מעשהלעך... און דער דאָזיקער בריוו פֿון פֿי־

לאַדעלפּיע איז געווען דער סאַמע ערשטער בריוו פון דעם מין
אין גרשונס לעבן אַלס שרייבער...

אָבער ער וואָלט זיך געווען געדאַרפט אַ ביסל אויספּוצן:
כאָטש לייען ביי אַ חבר אַן אָנשטענדיקן מאַנטל. און זיין מאַנטל
אַ געלבלעך=גרינלעכן, שוין זייער היפּש אויסגעטראָגן, האָט ער
געקויפט מיט אַ יאָר צוריק פאַר צען דאָלאַר אין דער קראָם, ווו
אַ סך יידישע שרייבער האָבן זיך געקויפט קליידער. ס'איז געווען
אַזאַ אָרט אויף נאָרפאָלק, צי אויף סאַפאָלק=סטריט, אויפן צווייטן
גאָרן. דער באַלעבאָס האָט דאַכט זיך געהייסן קליין, אַ קליינינ=
קער, אַ געלבלעכער, אַ פרייליכער, און ער האָט זייער ליב גע=
האַט צו פאַרקויפן קליידער צו יידישע שרייבער. כמעט האַלב אומ=
זיסט האָט ער פאַרקויפט. געווען אַ הייסער חסיד פון דער יידי=
שער ליטעראַטור...

און ס'וואָלט שוין נישט אַזוי אויסגעמאַכט דער אָפּגעטראָ=
גענער מאַנטל, ווען ער זאָל געווען מיטנעמען קיין פילאַדעלפיע
אַ שטעקן מיט אַ שיינער גאַלקע. אַ שטעקן מיט אַ שיינער גאַלקע
קאָן עדות זאָגן, אַז מען איז אַ שרייבער. ס'איז נישט אַזוי דער
שטעקן אַליין, ווי דער אופן ווי מען טראָגט אים. געווען נאָך
דעמלט אַ סך יידישע שרייבער וואָס האָבן געטראָגן שטעקנס, און
געוווסט, ווי אַזוי זיי צו טראָגן...

גלייך פון דער באַן, לויט אַן אָנגעגעבענעם אַדרעס, איז
אונדזער בחור פאַרפאָרן צום זאַל, וווּ אינדרויסן אויף דער טיר
האָט געהאָנגען אַ „פּאָוסטער“ און מיט גרויסע קאָלירטע אותיות
איז געווען אויסגעמאָלן גרשונס ליטעראַרישער נאָמען. האָט זיך
גרשון אַוודאי געפרייט... געעפנט די טיר און אַריין אין אַזאַ
קליינער לאַבי, וווּ ביים פענצטער איז געזעסן אַ יונגע פרוי
און פאַרקויפט בילעטן. ביים אַריינגאַנג צום זאַל איז געשטאַנען
אַ יונגערמאַן און צוגענומען די בילעטן. גרשון דאַרף דאָך נישט
קויפן קיין בילעט, ער איז דאָך דער בעל=חבר אַליין... אָבער צי=
ריקגערעדט, יענער ביי דער טיר קאָן דאָך אים נישט... און ווי
דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, דער ביי דער טיר, אַ קוק=טוענדיק
אויף זיין הולד און אויף זיין גאָרנישט שרייבערשן אויסקוק,
האָט אים טאַקע נישט אַריינגעלאָזט. ער האָט אים נישט גע=
גלייבט, ווען אונדזער בחור האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז ער

טאַקע דער שרייבער, וועלכן מען דערוואַרט. נײַן. ער האָט אים נישט געגלייבט, אים נאָך אַ שטורכע געטאָן מיטן עלנבויגן און אַ מאַך געטאָן צו אים פּלוטעוואַטע:

— און איך בין שלום=עליכם...

און אַזוי ווי אונדזער „גרויסער גאַסט“ שטייט ביי דער טיר אַזאַ פאַרלוירענער, ווי אויגן אין ברילן קוקן אויף אים. און די אויגן אין די ברילן זענען גרשונען עפּעס אַזוי באַקאַנט. ווו האָט ער געזען ערגעץ אָט די האָזיקע אויגן אין ברילן? אָ, שוין יאָרן און יאָרן. אָבער מיט יאָרן און יאָרן זענען זיי, דאַכט זיך, געווען פון אַ קליין ייִנגעלע פון אַ יאָר צען. איצט שטייט אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן אָדער צוואַנציק... הכלל דאָס איז געווען ישראליק. ווער איז ישראליק? ישראליק איז דאָס ייִנגעלע אין ברילן פון בערשאַד. ישראליק, ווען ער איז געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר נײַן אָדער צען איז אייגמאָל צוגעגאַנגען צו גרשונען, טאַקע אין בערשאַד, און זיך אָנגערופן צו אים מיט אַ קלינגענדיק קולכל אין העברעיש:

— אדוני, אייגבינדער, חפץ אני לדבר עם כבודו אודות ענין רב הערך (מיין האַר, אייגבינדער, איך וויל רעדן מיט זיין כבוד וועגן אַן ענין פון גרויס וויכטיקייט).

און וואָס איז געווען דער ענין פון גרויס וויכטיקייט? ער, מיט זיינע חברים, האָבן געוואָלט העלפן די יתומים פון טעפּליקער פּאָגראָם (דאָס איז געווען בימי פּעטלוראַ, אין די צייטן פון פּעטלוראַס פּאָגראָמען אויף די ייִדן אין אוקראַינע. און טעפּליק איז געווען אַ שטעטל נישט ווייט פון בערשאַד, ווו ס'איז פאָרגעקומען אַ גרויסע שחיטה). צוליב דעם ווילן די בערשאַדער ייִנגלעך שטעלן עפּעס אַ טעאַטער=שפּיל און מיט דעם געלט, וואָס וועט אַריינפאַלן פון די בילעטן העלפן די טעפּליקער יתומים, און אַזוי ווי גרשון איז האָט אַ „באַרימטער“ טעאַטראַל (ער איז אינגאַנצן אַלט געווען דעמלט אַרום אַכצן אָדער נײַנצן יאָר און זיך מתעסק געווען מיט שטעלן ליוביטעלסקי ספּעקטאַקלען, אַמאַטאָרישע ספּעקטאַקלען), זאָל ער מיט דער חברה ייִנגלעך אויך עפּעס שטעלן אַ ליוביטעלסקי ספּעקטאַקל... האָט ער מיט זיי געשטעלט. און דאָס האָט גורם געווען, אַז גרשון זאָל אָנשרייבן זיין ערשטע קינדער=שפּיל אין זיין לעבן...

איצט, אין פילאַדעלפיע, אין דער לאָבי פון דעם זאַל, ווו ס'איז פאָרגעקומען אַן אָוונט פאַר גרשונען, און גרשונען אַליין האָט דער ביי דער טיר נישט געוואָלט אַריינלאָזן, איז געשטאַנען דער נעמלעכער ישראליק, שוין אַ בחור פון אַ יאָר ניינצן, צוואַנציק און אין זיינע באַברילטע שוואַרצע אויגן אַזוי פיל וואַרעמקייט צו גרשונען...

מען האָט זיך איצט געטוליעט ביידע לאַנדסלייטלעך איינער צום אַנדערן און ס'האָט פאַרשמעקט מיט אַלע גוטע ריחות פון בערשאַד.. ס'האָט אויך פאַרשמעקט מיט דעם פריילעכן בערשאַדער יידיש, וואָס איז אַ סך שלום-עליכמדיק (און זאָל קיינער נישט חושד זיין די שרייבער וואָס שטאַמען פון בערשאַד, אַז זיי מאַכן נאָך שלום-עליכמען. אָט אַזוי רעדט מען טאַקע ביי זיי און נישט אומזיסט האָט איינמאָל געזאָגט אברהם טאַבאַטשניק, אַז גרשון, דאָס איז אייגנטלעך שלום-עליכמס „מאָטל פייסי דעם חזנס“, וואָס איז געוואָרן אַ יידישער שרייבער אין אַמעריקע...). און וואָס טוט ישראליק אין פילאַדעלפיע? וואָס הייסט וואָס ער טוט דאָרטן? גאַנץ בערשאַד כמעט וווינט אין פילאַדעלפיע. די סאַמע ערשטע אויסוואַנדערער פון בערשאַד האָבן זיך עפּעס נאָך געצויגן אַהין...

ס'רוב בערשאַדער דעמלט אין פילאַדעלפיע זענען געווען פענצטער-וואַשער. פאַרוואָס גראָד פענצטער-וואַשער? ווייסט ווידער נישט גרשון... אפשר דער ערשטער בערשאַדער ייד, וואָס האָט זיך באַזעצט אין פילאַדעלפיע איז צופעליק אַריין אין פאַך פון פענצטער-וואַשן און דערנאָך איז דאָס איבערגעגאַנגען פון לאַנדסמאַן צו לאַנדסמאַן...

אָבער מיר זענען פאַרקראָכן אין אַ זייט. און דאָ דאַרפן מיר גאָר דערציילן וועגן... אָבער מיר וועלן דאָס שוין טאָן אין דער קומענדיקער מעשה.

# אויפן אָוונט אין פילאַדעלפיע

מען האָט גרשונען סוף כל סוף יאָ אַריינגעלאָזט אינעווייניק. די פישמאַנס זענען געקומען און מען האָט גרשונען אַריינגעפירט אינעווייניק אין זאַל מיט גרויס כבוד, און דער שומר ביי דער טיר האָט זיך נעבעך זייער געשעמט און געבעטן ביי גרשונען טויזנט מאָל מחילה...

און ווער זענען די פישמאַנס? באַוווסטע חסידים און טוער פון יידיש אין פילאַדעלפיע (זיי זענען טאַקע געווען די. וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט דעם אָוונט פאַר גרשונען). זייערע נעמען זענען פאַרבונדן מיט אַ סך אַקציעס פאַר יידיש אין אַמעריקע, אָבער די שענסטע אַקציע פאַר יידיש, דאָס זענען זייערע צוויי קינדער אַליין, שיקע און רחל. ביידע קינדער האָבן די עלטערן געזויגן מיט יידיש כמעט פון וויגעלע אָן. און איצט איז שיקע איינער פון די יונגע געלערנטע אין יידיש ביי דער „ייוואָ“ און רחל איז אַ דיכטערין אין יידיש און גראָד אין ישראל, און באַטייליקט זיך אין די יידישע אויסגאַבן פון דער גרופּע שרייבער, וואָס איז באַקאַנט אַלס „יונג ישראל“. און אָט איז איינס אַ ליד אירס, וואָס הייסט „קטיף“, וואָס דאָס מיינט אַראָפּרייסן די צייטיקע פרוכט פון די ביימער אין די פּרדסים (גערטנער) אין ישראל. חברה שטייען אויף לייטערס אָנגעשפּאַרט אין די ביימער און מען רייסט פרוכטן. דאָס דאָזיקע ליד איז אַרויסגענומען פון זשורנאַל „יונג ישראל“, 1957.

הייַנטיקס יאָר<br>
האָט דער ערשטער כאַמסין<br>
אונדז געפּאַקט ביים לעצטן קטיף.<br>
איר הייסער גענעץ<br>
באַגלייט דעם שלום.

ס'בייסט זיך אַריין אין די אויגן גלי פון צעהיצטן פּרדס.
קעסטלעך געל־פּאַרסאָפּעט פּרוכט,
ביימער וויגן זיך עטוואָס שיכורלעך.

שוין שווער די הענט פון אַזוי פיל פּערפעקטע פּרוכטן רייסן,
און איבערזעט דאָס אויג מיט איבער־שפע.
די פּיאַטעס פון מיינע פיס חלומען ביינאַכט,
ווי עס הריקט זיי דאָס לייטער־טרעפּל.
דער לייטער ציט זיך צווישן צווייגן געדיכטע מיט פּרוכט.
איך וויג זיך מיטן לייטער,
זאַק אויפן אַקסל.
איך וויג זיך אין שלאָף
און עס חלומען מיינע פּיאַטעס נאָר פון לייטערס.

דאָס געמיט איז פול און שווער מיט דערפאָלג.
שטיל און באַשיידן האָט מען געוואַרט אויפן קטיף.
נאָר ס'האָט זיך היים געגלוסט — שפע!
איז פון מי און מאַטער
פעטעווירקלעכקייט געוואָרן,
און די מאָס איז איבערפול.
שוין שווער די הענט פון אַזויפיל פּערפעקטע פּרוכטן רייסן.
און איבערזאַט דאָס אויג מיט איבער־שפע.
שוין סוף סעזאָן פון די גרעיפּ־פּרוכטן.

די דאָזיקע רחל לאָזט הערן איר קול פון ישראל אין דעם לשון פון איר מאַמען און טאַטן און פון מיליאָנען יידן איבער־גאָר דער וועלט. און גרשון פילט זיך דערהויבן, וואָס די סאַמע ערשטע מעשהלעך אין יידיש, וואָס זי האָט געלייענט, זענען גע־ווען פון זיינע צוויי בענד, וואָס דער שלום־עליכם פאָלקס־אינסטי־טוט האָט אַרויסגעגעבן...

און וועגן רחלס ברודער שיקען. גרשון איז שפּעטער מיט אַ סך יאָרן געווען אויף זיין התונה אין לאָס אַנדזשעלעס (די על־טערן האָבן דעמלט אַ קורצע צייט געוווינט אין לאָס אַנדזשעלעס). און די חתונה איז געווען די איין און איינציקע, דאַכט זיך, פון איר מין צווישן אַלע חתונות ביי יידן. אין לאָס אַנדזשעלעסער

יידישן קולטור=קלוב, ווי אויף אַלע וועגט העגגען די בילדער פון אַלע גרויסע יידישע שרייבער, איז די דאָזיקע אייגנאַרטיקע חתונה געפּראַוועט געוואָרן. די מחותנים זענען געווען לערער פון יידישע שולן, טוער פון יידישע שולן און פון „ייוואָ“. אויך יידישע דיכטער און דיכטערינס, וואָס וווינען אין לאָס אַנדזשעלעס. די חתונה=צערעמאָניע איז געפּראַוועט געוואָרן גאָלע אין יידיש. און דערנאָך האָט דער חתן געהאַלטן אַ דרשה, די איין און איינציקע פון איר מין צווישן אַלע חתן=דרשות ביי יידן. אַ טיפזיניקע דרשה וועגן דער באַדייטונג פון יידיש, וועגן קיום פון יידיש, און פון די וועגט האָבן אַראָפּגעקוקט אויף אים י. ל. פּרץ, מענדעלע מוכר=ספרים, שלום=עליכם, חיים זשיטלאָווסקי און אַלע אַנדערע גרויסע שאַפער פון יידיש און פון דער יידישער ליטעראַטור.

אַ סך הסידים פון יידיש האָט זיך מסתם דעמלט אויסגעדאַכט, אַז די פּנימער פון די יידישע שרייבער אויף די וועגט האָבן זיך צעשייגט. די כלה, אַ יידישע לערערין פון אַ שלים=עליכם=שול אין ניו=יאָרק, האָט אויך געהאַלטן אַ דרשה. און דאָס איז מסתמא געווען די ערשטע כלה=דרשה ביי יידן אויף חתונות (געווען געהאַרפּט אַראָפּכאַפּן אויף פּאַפּיר ביידע דרשות)... נאָכדעם האָבן די חתונה=געסט ביי די טישן געזונגען יידישע פאָלקס=לידער, געטאַנצט און זיך געפרייט מיט זייער נחת...

* * *

אָבער אויפן אָוונט אין פילאַדעלפיע איז נאָך נישט געווען קיין שיקע, ס'איז נאָך אויך נישט געווען קיין רחל. זיי זענען ערשט געקומען מיט יאָרן שפּעטער. ס'זענען בלויז געווען טאַטע=מאַמע פישמאַנס, וואָס האָבן זיך געפרייט מיט יידיש און מיט דעם יונגן יידישן שרייבער גרשונען.. און דער יונגער יידישער שרייבער גרשון איז געשטאַנען אויף דער בינע און געווען זייער פאַרלוירן. דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן אַלס שרייבער האָט ער אַליין געדאַרפט טראָגן דעם גאַנצן אָוונט. קיין אַנדערע קרעפטן אחוץ אים זענען נישט געווען... האָט ער פאָרגעלייענט זיינע מעשהלעך און געקוקט בלויז אויף ישראַליקן צווישן עולם, זיין לאַנדסמאַן ישראַליק. און דאָס קוקן אויף ישראַליקן איז גע=

ווען אַ מין סגולה קעגן גרשונס פֿאַרלוירנקייט... די מעשה איז, וואָס אַ סך פֿון עולם האָבן געקוקט אויף גרשונען מיט אומעטיקע פּנימער. גרשון האָט מסתּמא גישט פֿאַרגעלייגט גוט, אָדער די מעשׂיות זיינע האָבן זיי גישט גענומען... און אַז מען קוקט פֿון עולם אויף דיר אַזוי, ווערט ישוואַך דאָס קול. ס'פֿאַלט דער גאַנציער מוט. דעריבער האָט ער געקוקט נאָר אויף ישׂראליקן די גאַנצע צייט. יענער האָט אים געגעבן מוט מיט זיין וואַרעמען שמייכל, מיט דער ליבלעכקייט אין זיינע שאַרפֿע, שוואַרצע באַברילטע אויגן... ס'האָט געקוקט אויף גרשונען סיי דאָס יינגעלע ישׂראליק פֿון בערשאַד, ניין אָדער צען יאָר אַלט, סיי דער בחור ישׂראליק פֿון פֿילאַדעלפֿיע, וואָס איז איז שוין אַלט געווען אַ יאָר ניינצן צי צוואַנציק...

און די לייענער שטויסן זיך מסתּמא אָן, אַז ישׂראליק מיינט גרשון, י. פֿריד, דער איצטיקער פֿאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פֿון דער „מאָרגן־פֿרייהייט“...

# די נייע גערעטעניש...

גרשון וואָלט שוין געוואָלט אַוועקגיין פון קאַפע „אייראָפּע“ דאָס הייסט, זיך געזעגענען באַשרייבן „קאַפע ראָיאַל“, „בידערמאַנס בוד־געשעפט“, דעם „פּראָלעטפּען“ און אַנדערע. אָבער אַלע מאָל ווען ער האָט שוין בײַם אַוועקגיין, כאַפּט ער זיך, אַז ער האָט נאָך עפּעס אויסגעלאָזט. וויפל ער זאָל נישט שרייבן וועגן קאַפע „אייראָפּע“, וועט ער סוף כל סוף עפּעס אויסלאָזן... און אויך־געלאָזט האָט ער די נייע גערעטעניש פון די יונגינקע שרייבער, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין קאַפע „אייראָפּע“, און דאָס זענען זייערע נעמען: ש. ד. זינגער, זעליק דאָרפמאַן, י. מעציקער, וואָלף יונין, בעריש ווײַנשטיין, שאול מאַלץ און י. ל. טעלער.

איז יעמוד ש. ד. זינגער, דער ליטעראַטור־קענער און דער עסעיסט. געווען אַ לערער אין אַן אַרבעטער־רינג־שול אין פּעטער־סאָן, האַלט זיך, באַוויזן האָט ער זיך בלויז אין די שבתים, אַ פּאַר־בענקטער נאָך אַ שרײַבערישער סביבה. אַ קליינגעוויקסיקער מיט ראָזעווע פּולע באַקן, מיט אַ ווײַל־געפּעלן געלעכטערל, מיט עטוואָס גרויס־געסט־אַרטשעטע ליב־פינקלדיקע ברוינע אויגן און מיט אַ קול, ווי ס׳וואָלט געלערנט גמרא. די פּולע באַקן האָבן זיך בײַ אים צערויטלט מיט יום־טוב, דערזעענדיק בײַ די טישלעך נאָענטע חברים שרײַבער, וו מען קאָן זיך צוזעצן לעבן זיי און הנאה האָבן פון דברי ליטעראַטור... אַ גאַנצע וואָך אין פּעטערסאָן האָט זיך מסתמא געבענקט נאָך אָט די געהויבענע שעהן אין אַ ליטעראַרי־שער סביבה... און אַז ס׳איז געקומען דער אָוונט, די חברים שרײַ־בער זענען זיך צעגאַנגען, איז בײַ אים מסתמא געווען: גאָט פון אברהם, יצחק און יעקב, דער ליבער שבת קודש גייט אַוועק, און מען דאַרף זיך אומקערן צוריק קיין פּעטערסאָן צו דער גרויער

וואָך... און אפשר איז די וואָך נישט געווען אַזוי גרוי. געווען אַ גוטער לערער, קינדער האָבן אים ליב געהאַט...

מיט דעם פּאָעט זעליק דאָרפמאַן, דער בחור פון פּוילן, מיט די העלע, כמעט בלאָנדע האָר, מיט די קינדערשע זייער ליכטיקע, פינקלדיקע ברויגע אויגן, מיט דעם מאַסיוון היפּשן פּנים, מיט די געזונטע ווייסע ציין, און מיט די דינינקע פּאַסעקלעך־וואָנצעלעך, האָט זיך גרשון אָפט געחברט. גערעדט האָט ער מיטן קול פון אַ ייִנגל, אַ נאַיִוו קול, אַ האָפּערדיק קול, און געלאַכט האָט ער אויך מיטן קול פון אַ ייִנגל... ער האָט דערציילט גרשונען וועגן זיין שווערער קינדהייט אין פּוילן אין צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע. ער האָט געהונגערט, זעליק דאָרפמאַן סאַמע אין די יאָרן, ווען ער האָט געדאַרפט אויסוואַקסן. פונדעסטוועגן איז ער אויסגעוואָקסן אַ ליכטיקער געזונטער בחור מיט שטאַרקע ביינער. זיינס אַ ליד: „די מאַמע“ — האָט גרשונען געוואַלדיק גערירט.

און דער דערציילער י. מעצקער האָט געהאַט מזל צו קאַפּע „אייראָפּע“, אָפּגעדרוקט בלויז איין דערציילונג צי צוויי וועגן דאָרפישן לעבן אין גאַליציע און גלייך האָט מען אים אַריינגענומען אין דער מיט, און גלייך האָט מען נביאות געזאָגט, אַז דאָ וואַקסט אַ קרעפּטיקער שרייבער. אברהם טאַבאַטשניק איז גאָר שטאַרק געווען באַגייסטערט פון אים. און די נאַטור האָט געבענטשט דעם מעצקערן מיט אַ געדיכטן שויבער שטאַרקע שטאָלענע האָר, מיט אַ הויכן פעסטן שטערן, מיט פינקלדיקע פלוימען־אויגן און מיט אַ באַשיידן, ליב קול.

דער פּאָעט וואָלף יונין איז געווען אַ צוגעלאָזענער בחור. אַן אַקראָבאַטישער, אַ טאַנצנדיקער. געווען, דאַכט זיך, אַ מאַטראָס אויף די שיפן. גרשון האָט אים ליב געהאַט הערן רעדן וועגן יידישן פאָלקלאָר, אַ זאַמלער אַ גרויסער פון יידישע פאָלקס־לידער. אַ סך פון זיינע אייגענע לידער זענען געשריבן אין דעם היימישן וואַרעמען פאָלקס־טאָן.

וועגן פּאָעט בעריש וויינשטיין, מוז גרשון זיך מודה זיין, אַז ער איז ווינציק־וואָס געקומען מיט אים אין באַרירונג, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט געזעסן מיט אים ביי איין טיש. ס'איז עפּעס נישט אויסגעקומען, און גרשון האָט שטאַרק געהאַלטן פון אים, באַזונ־

דערם פון זײַנע לידער װעגן אַמעריקע. אַ מאָגערער בחור מיט פּאַר־טראָגענע שװאַרצע פּײערלעך אין די שפּיציקע אױגן. די פּײערלעך אין די שפּיציקע אױגן, װי דער פֿלאַם פֿון אַ ליכט, װאָס ברענט אין װינט... גלײַך פֿון זײַנע ערשטע טריט אין דער יידישער פּאָעזיע האָבן אים די ליטעראַטור־קריטיקער אַרױסגעהױבן. דער טאַטעשער דוד איגנאַטאָװ האָט אים שטאַרק מקרב געװען.

שאול מאַלצן האָט גרשון אױך נישט געקענט צו־נאָענט. אַ שײנער, העל־האָריקער בחור, פּלעגט זיך זעלטן באַװײַזן אין די ליטעראַרישע קאַפּײען אין גרשונס צײַטן, און אַז ער האָט זיך באַװיזן, איז מיט אַ מין צוריקגעהאַלטנקײט, סטאַטעטשנעקײט. געקומען פֿון פּױלן אַ בחורל פֿון אַ יאָר פֿופֿצן, זיך אַרױפֿגעװאָרפֿן אױף דער ענגלישער שפּראַך, זיך דערשלאָגן צו קאָלעדזש, אָבער נישט געװאָרן קײן פּאָעט אין ענגליש. ס'האָט אים געצױגן צום װאָרצל.

און אהרון, אהרון חביב, דער גאָר יונגער פּאָעט יהודה־לײב טעלער, ער איז טאַקע געװען בײַ גרשונען הביב, ליב געהאַט זיך צו טרעפֿן מיט אים. ליב געהאַט אים הערן רעדן, ליב געהאַט אַפֿילו אים הערן שװײַגן. אַ סטימולירנדיקער בחור. ער האָט גרשונען דערמאָנט זײַן זײער נאָענטן חבר, בנימטשיק אין בערשאַד. יענער אױך מיט אַן אײַנגעהאַלטענער װאַרעמקײט צו מענטשן, מיט אַן אײַנגעהאַלטענער חשיבות צו מענטשן... ער איז געװען אַ געזונטער שפּראָץ אין דער נײער גערעטעניש פֿון דער יידישער פּאָעזיע אין אַמעריקע אין סוף פֿון די צװאַנציקער יאָרן.. גרשון הערט איצט מער נישט פֿון אים אַלס יידישן פּאָעט.

* * *

געװען שײן אין די הברשאַפֿט צװישן געװיכע שרײַבער. גיי־װען שרײַבער. װאָס האָבן זיך שטענדיק געהאַלטן אײנצװײען, נישט נאָר צװישן די יונגע, די אָנפֿאַנגער, נאָר אױך צװישן די עלטערע, און צװישן די גאָר באַרימטע...

װי אַזױ האָט זיך אָנגעהױבן דאָס חברן צװישן די אָנפֿאַנגער און דאָס װערן צװײטלעך, װײסט נישט גרשון. זײ האָבן זיך אפֿשר ס'ערשטע מאָל געטראָפֿן אין קאַפֿע „אײראָפּע", בײדע

יונגינקע,ביידע פאַרלוירענע צווישן די שוין אָנערקענטע שרייבער, האָט מען געשמייכלט איינער צום אַנדערן, האָט מען זיך צוגעזעצט ביידע ביי איין טיש, האָט מען זיך צעשמועסט, און אפשר אויך פאָרגעלייענט איינער פאַרן אַנדערן אַ ליד, אָדער אַ דערציילונג און זיך געגעבן מוט איינער דעם אַנדערן, אָנערקענונג איינער דעם אַנדערן.

אינצווייען האָט מען שטענדיק געזען חיים פעט און לאזאר לאמפל. ביידע דערציילער, מ'האָט זיך אפילו געשריבן בריוולעך איינער דעם אַנדערן, ווען עמעצער פון זיי איז אָפּגעפאָרן פון ניו יאָרק.

אינצווייען האָט מען שטענדיק געזען מאיר שטיקער און אבא שטאָלצנבערג. זיי האָבן געהאַלטן איינער פון צווייטנס טאַלאַנט, זיך געלייענט איינער פאַרן אַנדערן די ערשט־אָנגעשריבענע לידער, זיך קריטיקירט, געלויבט און געזוכט כוח איינער אין אַנדערן. פון די האָזיקע צוויי איז דערנאָכדעם געוואָרן דריי: שטיקער, שטאָלצנבערג און אברהם טאַבאַטשניק. זיי האָבן אַרויסגעגעבן צוזאַמען אַ פּאָר נומערן פון אַ חודשלעכן זשורנאַל „פּיילן“, וווּ זיי האָבן זיך פאַרמאָסטן מיט זייער יונגן כוח...

אַ צייט האָבן זיך געחברט דער פּאָעט הענעך אַקערמאַן מיטן עסעיסט משה שטאַרקמאַן. שפּעטער: הענעך אַקערמאַן מיטן דערציילער י. מעצקער. מען האָט גאָרנישט געטאָרט זאָגן אַ שלעכט וואָרט אויף מעצקערס טאַלאַנט. אַקערמאַן וואָלט יענעם דורס געווען.

אינצווייען האָבן זיך געהאַלטן לייבעלע כאָברין און יוסף גרינשפּאַן. מאַרטין בירנבוים און מ. א. סול. מענקע קאַץ און וויליאַם אייבראַמס... און נאָך, און נאָך... מען האָט זיך געהאָלפן איינער דעם אַנדערן נישט נאָר אין זיך געבן מוט איינער דעם אַנדערן אַלס שרייבער, נאָר אויך אין אַ געלט־נויט, אין אַ קראַנקהייט...

אַזוי אויך צווישן די גאָר אָנערקענטע שרייבער, ווי לייוויק און אָפּאַטאָשו, זישאַ לאַנדוי און ראובן אייזלאַנד, גלאַטשטיין און לעיעלעס, מוקדוני און דער לעבעדיקער, קאַזאַנסקי און שעלובסקי, און נאָך, און נאָך...

און וועגן זוגי מאוד און יאָסל קאָטלער שמועסט מען דאָך נישט. זיי זענען דאָך געווען איינס בייטאָג און ביינאַכט, זומער און ווינטער, און אַז זיי זענען זיך ביידע צעגאַנגען צוליב געווסע פּאַרדריסלעכע אומשטענדן, איז אונטערגעגאַנגען נישט נאָר אַ שיינע חברשאַפט, נאָר אויך דער אײנציקער יידישער מאַריאָנעטן-טעאַטער אין אַמעריקע. די באַרימטע פרייליכע „מאָדי-קאָטן“, וואָס זיי האָבן ביידע געשאַפן — און געקומען מיט זיי סיי צו די קינדער אין יידישע שולן, סיי צו זייערע טאַטעס און מאַמעס און סיי אפילו צו נישט-יידן, קינסטלער פון „גרעניטש ווילעדזש“, וואָס האָבן געזאָגט, אַז קיין שום אַנדער מאַריאָנעט-טעאַטער קאָן זיך גאָרנישט פאַרגלייכן אין הויך-קינסטלערשאַפט מיט די יידישע „מאָדיקאָטן“...

# די מאָדיקאָטלעך

ווהין זענען אַהינגעקומען די אַלע „מאָדיקאָטלעך“ נאָך זיני מאָודם מויט? אויב זיי זענען נאָך ערגעץ דאָ, וואָלט מען זיי געדאַרפט אַריינגעבן אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און זיי אָפּהיטן ווי לאַנג מען קאָן אָפּהיטן אַזוינע אַנטיקן... מען וואָלט אויך געדאַרפט באַשרייבן וועגן יעדן „מאָדיקאָטל“ זיין לעבנסגעשיכטע, אַזוי צו זאָגן. דאָס הייסט, די פונקציעס וואָס ס'האָט געדינט, די ראָל וואָס ס'האָט געשפּילט און אין וועלכע שפּילן אָנטייל גענומען... און גרשון איז דאָך ביי־געווען ביי דער מעשה בראשית, דאָס הייסט, סאַמע דעמלט, ווען זוני מאוד און יאָסלקאָטלער האָבן פאַרטראַכט די „מאָדיקאָטלעך“; ווען זיי האָבן אָנגעהויבן צו מייסטרעווען די „מאָדיקאָטלעך“; ווען זיי האָבן אָנגעהויבן צו שרייבן טעקסטן פאַר די „מאָדיקאָטלעך“.

די וואָס האָבן געזען די „מאָדיקאָטלעך“, געדענקען מסתמא אוודאי דאָס מענטשלעע מיט דעם הויכן פילאָזאָפישן שטערן, מיט דער שופּרדיקער נאָז, מיט די קלוג־אומעטיקע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אויסגעפירט די פונקציע פון אַ קאָנפעראַנסיע... אויף דעם פּנים פון דעם דאָזיקן קאָנפעראַנסיע האָט זוני לאַנגע חדשים געאַרבעט. דאָס פּנים פון דעם דאָזיקן „מאָדיקאָטל“, אַז מען וועט זיך גוט צוקוקן, איז גאָר זוני מאָודם פּנים אַליין, ער האָט אים געשאַפן מיט געוויסע איבערטרייבונגען אין זיין געשטאַלט, אַזוי אַז ווען זוני האָט מאַניפּולירט דאָס דאָזיקע מענטשעלע און גערעדט צום עולם, האָט מען זיך גאָרנישט געקאָנט באַפרייען פון דער אילוזיע, אַז דאָס איז גאָר ער אַליין... דאָס דאָזיקע „מאָדיקאָטל“ האָט זוני געוואָלט באַשאַפן מיט אַ געוויסן כאַראַקטעריסטישן שמייכל, דער שמייכל פון אַ יידן אין די מיטעלע יאָרן, וואָס האָט ביי־געוווינט אַזויפיל חתונות, בריתן און אַנדערע

שמחהלעך, אָבער אויך לוויות און אַנדערע אומגליקן, און דער שמייכל זיינער דאַרף זיין אַ פילאָזאָפישער, קלוג-אומעטיקער, ווילגעפעלענער שמייכל... אַזוי פיל וואָכן האָט זונין גענומען, ביז וואַנעט ער האָט דערגרייכט אין זיין מענטשעלע פונקט דעם שמייכל וואָס ער האָט געוואָלט. גרשון געדענקט, ווי אין אַ געווּסן טאָג, און ס'איז סוף כל סוף אַרויסגעקומען דאָס וואָס ער האָט געוואָלט, האָט זיך זונים פנים צעשיינט פונקט ווי ביי אַ מאַמען, וואָס דערזעט אויף איר פּיצעלע דעם סאַמע ערשטן שמייכל... „קוק דאָס נאָר אָן דעם כאַנדאַרדעגע" — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט וווּנדער און מיט שטאָלץ צו גרשונען — „ס'שמייכלט".

געוואָלט האָט זוני אויך, אַז דער דאָזיקער קאָנפעראַנסיע זאָל קנייטשן מיט זיין הויכן פילאָזאָפישן שטערן, און ער האָט געמאַכט פאַרשידענע עקספּערימענטן ביז וואַנעט ער האָט זיך דערשלאָגן צו אַזאַ גוט מיטל, וואָס דער הויכער שטערן ביים מענטשעלע האָט זיך אָנגעהויבן צו קנייטשן, — ווען נאָר זיין באַשאַפער האָט געוואָלט... „אַ, וואָס"? — האָט זיך דאָס דאָזיקע מענטשעלע אַ בויג געטאָן צו דער אוידיענץ און פאַרקנייטשט שטוינענדיק זיין שטערן. „עמיצער האָט עפּעס געזאָגט?"... די אויפגאַבע פון דעם דאָזיקן „מאַדיקאַטל" איז געווען זיך דורכצושמועסן מיטן עולם, אים מאַכן פריילעך, אים צוגרייטן צו די קומענדיקע נומערן... דעם דאָזיקן קאָנפעראַנסיע האָט זיך געקאָנט פאַרגלוסטן נישט מיר, נישט דיר פלוצלונג אַ פרעג טאָן דעם עולם: „דער און דער איז דאָ דאָ?" אויסקלייבנדיק אַ באַקאַנטע פערזענלעכקייט צווישן דער אוידיענץ, און אַז מען האָט מיט געלעכטער אים געענטפערט פון דער אוידיענץ. „יאָ", האָט ער אַ מאַך געטאָן גלייכגילטיק: „טאָ זאָל ער זיין"...

און דאָס דאָזיקע מענטשעלע, דער קאָנפעראַנסיע, האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין גרשונס לעבן שפּעטער מיט יאָרן. מען קאָן זאָגן, אַז דער קאָנפעראַנסיע איז געווען דער שדכן, וואָס האָט געפירט צו גרשונס התונה האָבן... שפּעטער מיט יאָרן, דאָס איז געווען אין מיאַמי, ערגעץ אויף אַן אונטערנעמונג אין אַ הויז, איז זוני אַרויסגעטראָטן מיט זיין מענטשעלע, דעם קאָנפעראַנסיע, און דאָס מענטשעלע האָט פלוצלונג נישט מיר, נישט

דיר אַ פֿרעג געטאָן ביים עולם: „גרשון איז דאָ דאָ?“ און אַז מען האָט געענטפֿערט „דאָ“, האָט ער אַ מאָל געטאָן ווי געוויינלעך: „טאָ זאָל ער זיין“... אָבער מיט דעם האָט זיך דאָס נישט געענדיקט: מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, ווי דער קאָנפֿעראַנסיע קנייטשט ווידער דעם שטערן און פֿרעגט ווידער: „גרשון איז דאָ דאָ?“ ענטפֿערט מען אים ווידער מיט געלעכטער: „יאָ, ער איז דאָ“. „אויב ער איז דאָ“ — מאַכט איצט דאָס מענטשעלע מיט ערנסט — „טאָ זאָל ער אַ קוק טאָן אין יענעם ווינקל, דאָרטן זיצט אַ שיינע יידישע טאָכטער, אַזאַ וואָס קאָן אים געפֿעלן“... די דאָזיקע יידישע טאָכטער, וואָס גרשון האָט צום ערשטן מאָל געזען אין יענעם הויז איז טאַקע אים געפֿעלן, און איז טאַקע געווען די, וואָס איז אים דערנאָך געוואָרן זיין ווונדערלעכע לעבנסבאַגלייטערין... (גענוי וועגן דעם, וועט גרשון מסתמא דערציילן, ווען ער וועט האַלטן ביי די שפּעטערדיקע יאָרן).

ווי אַזוי יאָסל קאָפּלער האָט געמייסטערעוועט זיינע מענטשעלעך; געדענקט עפּעס נישט גרשון, כאָטש ער איז מיט יאָסלען געווען אַ סך געענטער, ווי מיט זוגין. ערשט נאָך יאָסלס טראַגישן טויט איז גרשון געוואָרן רעכט חבר מיט זוגין. דערפֿאַר אָבער געדענקט גרשון זייער גוט, ווי יאָסל האָט געשפּילט מיט די מענטשעלעך... זיין „בלעכענע כלה“ קאָן זיך גאָרנישט פֿאַרגעסן, זיין „שמש“ וואָס רעדט צו דעם בעל דרשן צו בלייבן אויף שבת, קאָן זיך אויך גאָרנישט פֿאַרגעסן... יאָסל און זוני זענען געווען אַזאַ פֿולשטענדיקע דערגאַנצונג אין זייער שפּילן מיט די „מאַדיקאַבן“, אַקוראַט ווי פֿון דער נאַטור אַליין געפּלאַנעוועט. זוני, אַ האַרבאַטיקער, מיט זייער אַ געדיכטער וויברירנדיקער שטימע, שטענדיק כלומרשט טויט ערנסט, אַפֿילו ווען ער האָט זיך געוויצלט. יאָסל — אַ פֿרילינגדיקער, מיט אַ פֿריילעך קול, אַ ייִנגליש קול, אַ קוועלנדיק קול... זיי ביידע, יאָסל און זוני, זענען געווען פֿון גאָט אַ פּאָר... ער געדענקט זייער שפּילן „אחשורוש“. (געשפּילט פֿון זוגין), ווייזט זיך אין דער שפּיל, ווי זיין שלאָף ווערט פֿאַרהאָגלט, און דאָ פּלוצלונג זיין באַדינער בגתן (געשפּילט פֿון יאָסלען) ליגט אויף דער ערד און הייבט אָן צו כראָפּען, מיינט אחשורוש, אַז ער אַליין כראָפּעט און ער מאַכט צו זיך: „אַ, אַ מחיה, איך כראָפּע שוין, אַ סימן, אַז איך שלאָף שוין“...

און ווער געדענקט משה נאַדירס אַ שטיק „אויף יענער וועלט", ווי ס'הערט זיך גאָטס קול (געשפּילט פון יאָסלען): „ווער איז גרויס"? ענטפערט אים מלאך גבריאל (געשפּילט פון זונין): „דו". „ווער איז שטאַרק?" — פרעגט ווידער גאָט. „דו" — ענטפערט אים מלאך גבריאל. „ווער איז אייביק"? „דו". „פונוואַנעט וויסטו"? — פרעגט גאָט מיט פאַרדאַכט. „וואָס הייסט, האָסט דאָך מיר אַליין געזאָגט" — ענטפערט מלאך גבריאל מיט אַ געוויסן פאַרדראָס אין זיין קול...

אַ חורבן געוואָרן, ווען זוני מאוד מיט יאָסל קאָטלער, צוליב פאַרדריסלעכע אומשטענדן, זענען זיך צעגאַנגען, און פון דעם דאָזיקן זעלטענעם טעאַטער איז געוואָרן אויס... נישט אויס, אינגאַנצן, זוני מיט זיינע מענטשעלעך האָט זיך געפּראַוועט שבת באַזונדער, און יאָסל מיט זיינע מענטשעלעך האָט זיך געפּראַוועט שבת באַזונדער. אָבער ס'איז שוין נישט געווען דאָס, וואָס פריער. ס'איז שוין נישט קיין גאַנצע זאַך...

וויפל טויזנטער אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן זיי האָבן ביידע צוזאַמען דערפרייט... וויפל טויזנטער קינדער פון די יידישע פאָלקס־שולן זיי האָבן דערפרייט... און נישט נאָר אין ניו יאָרק און אין אַלע אַנדערע גרויסע שטעט איבער אַמעריקע, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער. זיי זענען געקומען מיט זייערע „מאָדיקאָטלעך" אויך קיין פּוילן און קיין סאָוויעטנפאַרבאַנד...

ווען מען זאָל מישן צייטונגען פון יענע יאָרן, ווען יאָסל און זוני זענען אַרויסגעטראָטן אין יענע לענדער, וועט מען לייענען די פילע רעצענזיעס, ווו מען בענטשט זיי פשוט...

# די גרינע קאַטשקע

די גליקלעכע, וואָס האָבן זוכה געווען צו זען די „מאָדיקאָטלער“, געדענקען מסתמא דעם טאַנץ פון בגתן מיט תרוש אין „אחשורוש“ (אפשר האָבן זיי געהייסן אַנדערש). דאָס זענען געווען צוויי חברה=לייט, באַדינער פון אחשורושן, וואָס האָבן זיך אַנידערגעשטעלט טאַנצן אַ טאַנץ מיט זייערע קרומע פיסלעך מיט אַזוי פיל שקאָצישער שפּילעוודיקייט, הנעוודיקייט, אָבער דער עיקר מיט אַזאַ וואונדערלעכן ריטם, אַז פּראָפעסיאָנעלע טענצער אין דער אוידיענץ זענען ממש פאַרגאַפט געוואָרן.

די צוויי מענטשעלעך זענען געווען אינגאַנצן יאָסלס אַרבעט: סיי דאָס אויסמייסטרעווען זיי, סיי דער צונויפשטעל פון טאַנץ און סיי דאָס מאַניפּולירן זיי צום טאַנץ... יאָסל האָט צוגעגעבן צום „מאָדיקאָט“=טעאַטער זיין וואונדערלעכן חוש פאַר ריטם, פאַר שפּילעוודיקייט, פאַר יאָסל קאָטלערישע פרייִלעכקייט...

ביי גרשונען איז דער „מאָדיקאָט“=טעאַטער געווען באַלד אַזוי באַליבט, ווי טשאַרלי טשאַפּלין. און אפשר נאָך מערער, ווייל ס'איז געווען אין ייִדיש. ס'איז נאָך געווען אַ זאַך: גרשון אַלס ייִנגל, איינמאָל גייענדיק פון חדר, האָט געזען ווי מענטשן לויפן צום מאַרק צו, איז ער אויך געלאָפן. אויפן מאַרק האָט ער דערזען אַן עולם פּויערים און ייִדן. יונג און אַלט שטופּן זיך אַרום אַ קאָלירט בודקעלע, ערשט אויפגעשטעלט, און אויבן איבערן בודקעלע האָבן מענטשעלעך=ליאַלקעס געטאַנצט, געשפּרונגען, געבאָרעט זיך, געזונגען אוקראַינישע לידלעך... דאָס איז געווען דער ערשטער עונג=(פּאַרגעניגן) טעאַטער אין גרשונס לעבן...

יאָסל קאָטלערס ערשטער עונג=טעאַטער אין זיין לעבן, האָט אויך געטראָפן ווען ער איז געווען אַ חדר=ייִנגל, און ממש פּונקט

ווי מיט גרשונען. ס'איז געווען אַ זונטיק בייטאָג, ער איז געגאַנגען אויפֿן יאַריד, און אינמיטן יאַריד האָט ער דערזען דעם דאָזיקן וווּנדער. ס'איז אויך געווען אַ שמאָל בודקעלע. און איבערן שמאָלן בודקעלע האָט ער געזען ווי אַ ליאַלקע־פּויערל אין פּאַסטילעם טאַנצט אַ האָפּקע און זינגט: טשאָביטי ראָביטי, ראָביטי, נאַראָבילי קלאָפּאָטי, קלאָפּאָטי...

פֿאַרוואָס זענען זיך יאָכל קאָטלער און זוני מאוד צעגאַנגען? גרשון געדענקט נישט די אַלע סיבות. דער עיקר אָבער האָט ער געטראַכט, וואָס געוויסע מענטשן, גראָד ווילע מענטשן, גוטע פֿריינד יאָסלס וואָס האָבן געמיינט, אַז דאָס נעמען זיי זיך אָן פֿאַר אים, האָבן אים געשטופּט צום ברוגז.

ווי זוני האָט נאָכדעם געבענקט נאָך יאָסלען!! ממש קיין אָרט זיך נישט געקאָנט געפֿינען... איז פֿאַרוואָס־זשע האָט ער אים נישט איבערגעבעטן? דאַרף מען קענען זוניו. זוני, אַ מרה־שחורהדיקער, אַ רעזיגנירנדיקער, אַן אָפּגעלאָזענער, שטענדיק מיט אַן אומעט אין זיינע גרויסע שוואַרצע אויגן אַפּילו ווען ער איז אַרויסגעטראָטן פֿאַר אַן עולם און אים געמאַכט לאַכן, האָט זיך דער אומעט נישט אָפּגעטאָן פֿון זיינע אויגן... ס'האָט אים עפּעס גאָרנישט געאַרט ווען זיך. ווען נישט זיין זייער לעבעדיקע און זייער ברייהשע שוועגערין בעסי, וואָלט ער אומגעגאַנגען קרוע־ובלוע. זי האָט שוין געזען, אַז ער זאָל פֿון צייט צו צייט זיך באַנייען אין אָנשטענדיקע בגדים. ער איז אַפּילו געווען אָפּגעלאָזן אין עסן. זומער, פֿאַרשטייט זיך, איז זוני געווען אין זיין ברודערס זומערפּלאַץ, די באַרימטע „מאָודס זומעריי“, אָנגעפֿירט זייער טיכטיק פֿון זיין זייער פּראַקטישער שוועגערין בעסי. ער איז דאָרטן געווען דער פֿאַרווייַלער. אַ פֿאַרווייַלער מיט אַ טרויעריק פּנים, אָבער מען האָט געלאַכט, אַ זעלטענער מימיקער געווען... געקאָנט אַרויסגיין אויף דער בינע אין אַ פֿראַק און אין אַ צילינדער און בלויז געקוקט אויפֿן עולם מיט זיינע גרויסע אומעטיקע אויגן, און מען לאַכט... און וואָס מער ער קוקט, מער לאַכט מען... ווינטער אין ניו יאָרק האָט ער שוין נישט געהאַט וווהין אַהינצוטאָן זיך און זיך אַרומגעדרייט ווי אַ יתום, באַזונדערס נאָך זיין צעגיין זיך מיט יאָסלען... מיט יאָסלען זענען זיי ביידע ווינטער אין ניו יאָרק כמעט שטענדיק

געוועז פֿאַרנומעז מיט אַז אַרבעט: אָדער זיי זענעז אַרויסגעטראָטן מיט זייערע מענטשעלעך, אָדער מ'האָט געפּלאַנעוועט אַ נייעם פּראָגראַם „מאָדיקאָטן", אָדער ס'האָט זיך זיי אונטערגערוקט אַז אַרבעט, ווי צו מאָלן דעקאָראַציעס (זיינע דעקאָראַציעס צו מאָריס שוואַרצס אויפֿפֿירונג פֿון גאָלדפֿאַדענס „כישופֿמאַכערין" זענען געווען געוואַלדיק פּאַרכאַפּנדיק...).

זוני האָט אויך געשריבן לידער און געשאַפֿן צו זיי מוזיק. איינס זיינס אַ ליד: „די גרינע קאַטשקע" האָט מען געזונגען אומעטום:

גייט אַ גרינע קאַטשקע
מיט אַ ברייטער נאָז,
וואָלט זי שמעקן טאַבאַק,
האָט זי נישט מיט וואָס....

קאַטשקע גרין,
ברייטע נאָז,
קיינער ווייסט נישט
וואָס איז דאָס...

גייט די גרינע קאַטשקע,
גייט אַרום און קייט;
וואָלט זי בראָקן לאָקשן,
האָט זי נישט קיין צייט.

קאַטשקע גרין,
ברייטע נאָז,
קיינער ווייסט נישט
וואָס איז דאָס...

דרייט זיך אום די קאַטשקע,
דרייט זיך אום אָן אַ זין;
וואָלט זי גיין שפּאַצירן,
האָט זי נישט וווהין.

קאַטשקע גרין,
ברייטע נאָז,
קיינער ווייסט נישט
וואָס איז דאָס...

די גרינע קאַטשקע — דאָס איז זוני אַליין.

ווינטער אין ניו יאָרק האָט ער נישט געהאַט וואָס צו טאָן, צי זאָל ער זיך אַריינכאַפּן אין דער „מאָרגן־פרייהייט", זיצן אַ ביסל שמועסן מיט חברים, צי אפשר גאָר אין קאַפע „קרוסעי־דער", צי אפשר גאָר אין אַ שאַך־קלוב, צי אפשר גאָר גלאַט אַזוי זיך שפּאַנען איבער דער פערצנטער גאַס, צי איבער צווייטער עוועניו... אין זיין לאַנגן כמעט איבער־די־פּיאַטעס טונקל־גרינלעכן מאַנטל אָן אַ היטל און שטענדיק מיט אַ מעסערל און העלצל אין די הענט האָט מען אים אָפט געזען שפּאַנען אויף דער פערצנטער גאַס, אָדער איבער צווייטער עוועניו פּאַרטאָן אין שניצן מיט זיין מעסערל דאָס שטיקל האָלץ, און אויסגעשניצט אַזוינע אומעטיקע מענטשעלעך און חיות ווי ער אַליין... זיינע טיפע קעשענעס אין מאַנטל זענען שטענדיק געווען פול מיט אָט די אויסגעשניצטע פון האָלץ מענטשעלעך און פיגורקעס... און אויב ער האָט נישט געשניצט, האָט ער געפלאָכטן, ער האָט געקאָנט נעמען אַ פּשוט שטעקעלע און דאָס שיילן מיט זיין מעסערל אין אַזוינע רינגעלעך, און די רינגעלעך געפלאָכטן איינס אָן אַנדערן, איינס אָן אַנדערן, אַזוי אָן אַן עק און אָן אַ סוף... ער האָט שטענדיק געהאַלטן אין איין שניצן, אָדער פלעכטן. סיי ביי די טישלעך אין די קאַפייען, סיי ווען ער האָט געשפּאַנט איבער די גאַסן...

נאָך יאָסלס טראַגישן טויט, האָט זוני זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ שולדיקייט־געפיל... ס'איז ביי אים אויסגעקומען, אַז ווען ס'זאָל נישט געווען זיין דער ברוגז, וואָלט נאָך יאָסל געלעבט. ער וואָלט דאָך געפאָרן אין „מאָודס זומערייי" אין די קעטסקילס, פּונקט ווי יעדן סעזאָן, אין משך פון אַ סך יאָרן (ווי ס'איז באַקאַנט איז יאָסל דערהרגעט געוואָרן פון אַ טראָק אויף זיין וועג קיין קאַליפאָר־ניע, פּונקט אין דער צייט, וואָס געוויינלעך פלעגט ער אָרויספאָרן אין „מאָודס זומערייי"...).

יענעם זומער ווען ס׳האָט געטראָפֿן דער אומגליק מיט יאָסעלען, איז גרשונען אויסגעקומען אָפּצוזיין אין מאָודם רעזאָרט עטלעכע וואָכן. זוני האָט אין די נעכט גאָרנישט געלאָזט גרשונען גיין שלאָפֿן, נאָר געוואָלט מען זאָל ארומשפּאַצירן אָדער זיצן צוזאַמען אויפֿן גאַניק פֿון עס־צימער. ער האָט מורא געהאַט צו גיין שלאָפֿן... ער האָט נישט געקאָנט שלאָפֿן... ער האָט נאָר געטראַכט פֿון יאָסלען...

# די לעצטע וועטשערע אין קאַפּע „אייראָפּע“

ס׳איז געווען די לעצטע וועטשערע. מאָרגן וועט שוין זיין אוים. מאָרגן וועט שוין מער נישט זיין קיין קאַפּע „אייראָפּע“.

פאַר גרשונען איז דאָס געווען אַ היים און אַן אַדרעס. פאַר אַ סך שרייבער איז דאָס געווען אַ היים און אַן אַדרעס. און טאַקע צוליב דעם האָט זי זיך געדאַרפט פאַרמאַכן, מחמת די אַלע שרייבער זענען געווען פון די אָפּטע באָרגער, און דאָס הייסט פּשוט אויפגעגעסן די קאַפּע „אייראָפּע“... די נישט־באָרגער, די וואָס האָבן געקאָנט צאָלן מיט מזומן, זיי זענען בעסער געגאַנגען אין קאַפּע „ראָיאַל“. דאָרטן האָט מען די טישלעך געדעקט מיט שניי=ווייסע אויסגעפּרעסטע טישטעכער פאַר יעדן נייעם עסער. דאָרטן איז טאַקע דאָס זילבער געווען זילבער, דאָס הייסט, די לעפל מיט די גאָפּל מיט די מעסערס. דאָרטן האָבן באַדינט די בעסטע און דערפאַרנסטע וועיטערס פון פאַך, שטענדיק אָנגעטאָן אין געפּרעסטע שוואַרצע רעקלעך און שניי=ווייסע זיידענע העמדער און אין שוואַרצע קאָמעץ=שניפּסלעך. דאָרטן איז דער קעכער געווען אַ קינסטלער אין זיין פאַך. דאָרטן זענען געווען אַ סך פענצטער, גרויסע, רהבותדיקע... אַהין זענען געקומען פון צייט צו צייט אַפילו ענגלישע שרייבער און בראָדוועיער טעאַטראַלן. און אין קאַפּע „אייראָפּע“ איז נישט געווען אַזוי ליכטיק, נישט געווען אַזוי זויבער און פינקלדיק, און די טישטעכער האָט מען נישט געביטן אַזוי אָפט. מען האָט נאָר פאַרדעקט די פאַרפלעקטע ערטער מיט נעפּקינס, דאָס הייסט, מיט קליינע ווייסע סערוועטלעך. אין קאַפּע „אייראָפּע“ איז נישט געווען קיין ספּעציעלער קעכער. די פרוי גאָלוביצקאַ האָט אַליין געקאָכט אויף איר היימישן שטייגער.. דערפאַר אָבער איז מען אין קאַפּע „אייראָפּע“ נישט געקומען, ווי אין אַ רעסטאָראַן, נאָר ווי צו דער מאַמען אָפּעסן.

קינדער, ווען זיי וואַקסן אויס, הייבן אָן גוט צו פאַרדינען, האַלטן זיי זיך אויך נישט ביי דער מאַמען. רייסן זיך אין דער אָנרעגנדיקער פרעמד. אַ סך שרייבער, וואָס זענען פריער אומגעגאַנגען שלינג און שלאַנג און האָבן לעצטנס אָנגעהויבן צו פאַרדינען, האָבן זיך אַוועקגעריסן פון קאַפּע „אייראָפּע". געבליבן זענען די קליינע פאַרדינער און די באַרגער. און פון די דאָזיקע איז ביי דער פרוי גאָלוביצקאַ געבליבן אַ דיקער העפט פאַרשריבן מיט חובות...

יאָ, די לעצטע וועטשערע האָט גרשון געגעסן אין קאַפּע „אייראָפּע". אַ סך טישלעך זענען שוין געשטאַנען אָפּגערוקטע. די ווענט זענען געווען חושכדיק און אומעטיק. ווער נאָך פון די שרייבער ס'איז דעמלט געווען, געדענקט שוין נישט גרשון. דאַכט זיך, אַז ס'איז דעמלט געווען דער דערציילער ע. פערשלייסער, דער לעצטער פון די יונגינקע. דאָס הייסט, דאָס לעצטע נייע פּנים פון אַן אָנפאַנגער שרייבער, וואָס האָט זיך באַוויזן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין קאַפּע „אייראָפּע". מערער קיין נייע פּנימער פון אָנפאַנגער שרייבער האָבן זיך שוין נישט באַוויזן נאָך אים. גאָר שפּעטער, ווען קאַפּע „אייראָפּע" איז שוין פון לאַנג נישט געווען, האָבן זיך באַוויזן דריי נייע פּנימער: דער דיכטער מאיר סעגאַל, דער דערציילער ש. אַפּטער, דער דיכטער ירמיהו הערשעלעס. זיי האָבן שוין אַזאַ ליטעראַרישע היים, ווי קאַפּע „אייראָפּע" נישט געהאַט... זיי האָבן שוין דעמלט איינגאַנצן נישט געהאַט קיין וואַרעמע ליטעראַרישע היים. באַגעגנט האָט זיי גרשון צום ערשטן מאָל ביי בידערמאַנען אין בוך־געשעפט. מאיר סעגאַל און ש. אַפּטער זענען געקומען פון קאַנאַדע, וווּ זיי האָבן דאָרטן געוווינט אַ שטיקל צייט.

יאָ, ס'דאַכט זיך אויך געווען ביי דער לעצטער וועטשערע דער דערציילער ע. פערשלייסער, מיט שמאָלע פּלייצעס, מיט אַ בלאָנדליכער קודלע האָר, וואָס האָבן געוואַקסן אויף הפקר. זעלטן אונטערגעשוירן. מיט ליכטיקע בלויע אויגן דורך פינקלדיקע ברילן, מיט אַ לענגלעך דין פּנים פּילבאַר ביז גאָר, וואָס האָט געקאָנט זיך אַנהויבן צו רויטלען אַפילו בלויז ווען ער האָט זיך באַגריסט מיט עמעצן. ער איז געווען אַ סטודענט אין אַ ווינער אוניווערסיטעט; זיך גוט געמאַטערט אויף אויסצוהאַלטן זיך דאָרטן אין ווין, זיך גוט געמאַטערט אויסצוהאַלטן זיך דאָ אין ניו יאָרק. ער האָט דאַכט

זיך געגעבן אין ברוקלין פּריוואַטע לעקציעס אין העברעיש, און גע־שריבן דערציילונגען וועגן דעם לעבן פון יידן אין אַ דאָרף אין גאַ־ליציע, וועגן דער ערשטער מלחמה, וועגן וואַלד, וועגן פעלד. און ס'איז געווען אַזאַ מין טעם אין זיין שרייבן, ווי אין אַזוינע האַרבס־טיקע פרוכטן, וואָס זענען אי ווייניק, אי ביטערלעך...

גרשון האָט ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט איס ביי אַ טישל. כאָטש ער האָט קיין סך נישט גערעדט. דערפאַר האָט זיין פּנים זיך געטוויטלט אי מיט אַ מין שעמעוודיקייט, אי מיט אַ מין הנאה, די הנאה פון חברשאַפט... און ווען ער האָט שוין יאָ גערעדט, איז מיט אַ שטיל קול, אָנגעגעטס־העפלעך...

די פרוי גאָלוביצקאַ איז געזעסן ביי גרשונס טישל אַן אויס־געהאָרעוועטע, אַן אויסגעמאַטערטע. איר טונקל־הויטיק פּנים אויס־געבלאַסט פון ווינציק לופט, פון שטיין שטענדיק אין קיך ביי די טעפּ. אירע ליפּן פאַרטריקנט, אירע שוואַרצע האָר עטוואָס צע־פאַטלט פון פאָרנט איבער איר שטערן, און אירע שוואַרצע, קלוגע און טרויעריקע אויגן, ווי ביי זיין מאַמען, ווען גרשון האָט זיך מיט איר געזעגנט, ווען ער האָט זיך געלאָזט אין דער ווייטער וועלט.

די פרוי גאָלוביצקאַ האָט צו איס גערעדט פון אירע יאָרן אין קאַפע „אייראָפּע“, דערמאָנט זיך אין די אַלע גרויסע יידישע שרייבער, וואָס האָבן געגעסן ביי איר אין קאַפע. דערמאָנט זיך אין די אַלע יונגינקע שרייבער, וואָס האָבן זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל אין קאַפע „אייראָפּע“, צעטומלטע, פאַרלוירענע, שעמעוודיקע אָנ־פאַנגער און איצט זענען אייניקע פון זיי גרויס געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור...

זי דערמאָנט זיך אויך, ווי גרשון אַליין האָט זיך באַוויזן צום ערשטן מאָל אין קאַפע „אייראָפּע“, און זי לאַכט איצט פון איס. אַזאַ צעשראָקענער גרשון געווען. געקוקט מיט אַזוינע שרעקעוו־דיקע אויגן, אַקוראַט ווי ער האָט זיך געריכט, אַז מען וועט נעמען און איס באַלד אַרויסוואַרפן...

זי האָט גוט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס ס'איז איצט געקומען דער סוף. און נישט אַזוי צוליב די באָרגער, האָט זי געזאָגט גרשונען, נאָר ווייל ס'האָבן זיך מערער נישט באַוויזן קיין נייע פּנימער מיטן שליסן די טויערן פאַר יידישער עמיגראַציע. ווען ס'זאָלן זיך געווען

באַווייזן נייע פּנימער, וואָלט שוין אויך געקלעקט פֿאַר די באַרנער, און די באַרגער וואָלטן דאָך נישט געווען אײביקע באַרגער...

אַ גרויסע פֿרייד ביי איר געווען, ווען ס'האָט זיך אויפֿגעעפֿנט די טיר פֿון איר קאַפֿע „אייראָפּע“ און ס'האָט זיך באַוויזן אַ ניי יונג פּנים פֿון אַ צעטומלטן, שעמעוודיקן און שרעקעוודיקן אָנפֿאַנגער־שרייבער... ס'האָט איר שוין נישט געהאָלפֿן, וואָס זי האָט אַריינגענומען אַזאַ שפּיל־קאַסטן מיט רעקאָרדס, וואָס גיבן זיך אַ זעץ אַרויף אויטאָמאַטיש און הייבן אָן צו שפּילן, ווען מען וואַרפֿט אַריין אַ ניקל... אפשר — ס'וועט זיין מוזיק, וועט מען קומען.

זי האָט אויך גערעדט צו גרשונען אויף דער לעצטער ווע־טשערע וועגן אירע אייגענע צוויי קינדער, וואָס זי האָט דערצויגן און אויסגעהאָדעוועט אין קאַפֿע „אייראָפּע“. און איצט זענען זיי אויסגעוואַקסן און אַוועק פֿון דער מאַמען... געדענקט טאַקע גרשון ס'בחורל אירם משה, אַ קלוג, פֿעיק בחורל, און איר טעכטערל רייזל, דאַכט זיך, אַ בלאַסינקע, אַ שמייכלענדיקע. זיי זענען אָפֿט געזעסן ביים לעצטן טישל איבער זייערע ביכער און העפֿטן און געמאַכט זייער היים־אַרבעט...

## ווען קיין געלט איז נישט געווען

יאָ, ווו ביסטו געווען ווען קיין געלט איז נ י ש ט געווען, נאָר דאָס לעבן איז געווען צוקער זיס?...

יאָסל קאָטלער האָט נישט געהאַט קיין געלט און גרשון אַוודאי אין אוודאי נישט. אָבער דאָס לעבן האָט זיי געוואַלדיק געטאָן הנאה.

קאַפע „אייראָפּע" האָט זיך פאַרמאַכט און דאָ נאָך האָט מען גרשונען אַרויסגעשטעלט פון זיין דירה, האָט אים יאָסל קאָטלער דערווייל אַריינגענומען צו זיך אין זיין צימער אויף צווייטער עוועניו.

יענע נאַכט ביי יאָסל קאָטלערן אין צימער!... מען איז דען געשלאָפן? מען האָט גערעדט און גערעדט, און נאָכאַמאָל גערעדט... וועגן וואָס האָט מען גערעדט? וועגן שרייבן, וועגן מאָלן און וועגן ליבעס. וועגן אַלע זיינע ליבעס האָט אים יאָסל דערציילט. גרשון האָט זיך פשוט געשעמט, וואָס ער האָט אַזוי ווינציק צו דערציילן וועגן זיינע אייגענע פאָר ליבעס... געווען אַ הייסער ליבהאָבער אָט דער יאָסל, זיך גאָרנישט געקאָנט קיין אָרט געפינען, ווען ער איז געבליבן אויף אַ ווײַלע אָן אַ פיצעלע ליבע. איז וואָס זשע וועגן חתונה האָבן? ער האָט מורא געהאַט חתונה צו האָבן. אַז ס'האָט זיך אים געחלומט אין שלאָף, אַז ער איז שוין אַ חתונה־געהאַטער, איז אים באַפאַלן אַזאַ שרעק, זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף אין אַ קאַלטן שווייס און געציטערט ווי אין אַ קדחת... ער האָט סוף כל סוף יאָ חתונה געהאַט. דאָס איז געווען מיט אַ סך יאָרן שפּע־טער, אָבער זייער קורץ איז געווען זיין פאַרהייראַט לעבן. אומזיניק דערהרגעט געוואָרן פון אַ טראָק אויף זיין וועג קיין קאַליפאָרניע...

גרשון האָט שטענדיק ליב געהאַט אַ חבר מיט וועמען מען קאָן לאַכן. און מיט יאָסל קאָטלערן האָט ער געלאַכט אומעטום:

אויף לודלאָו סטריט, אויף אָרטשאַרד סטריט, אויף צווייטער עוועניו און אויף פערצנטער גאַס און אין גרעניטש ווילעדזש... ערגעץ אויף לודלאָו סטריט, צי ס'איז גאָר געווען אויף סאַפאָלק סטריט, האָט געוווינט יאָסלס אַ מומע. זייער אַן אַלטיטשקע, אָבער מיט לוסטיקייט אין אירע פאַרנעפּלטע גרויע אויגן, און זי האָט זיך שטאַרק געפרייט מיט יאָסלען און מיט זיינע חברים. יאָסל האָט ליב געהאַט ברענגען צו איר זיינע חברים צוליב דעם פאַרגעניגן פון הערן זי רעדן. זי האָט גערעדט יידיש מיט שלום־עליכמס מויל, אָדער בעסער געזאָגט, שלום־עליכם האָט גערעדט מיט איר מויל, און יאָסל מיט גרשונען האָבן פריילעך געלאַכט.

— זע נאָר ווי מען לאַכט — האָט זי געקאָנט אַ זאָג טאָן — איר וועט זיך נאָך אָנרייסן אַ לאַכער אויפן פּופּיק.

און אויף אָרטשארד סטריט האָט יאָסל געפונען אַ פעדלער פון געזייערטע אוגערקעס און פּאָמידאָרן, אַ דאַרינקער, אַ קליין־געוויקסיקער. דער דאָזיקער פעדלער האָט ליב געהאַט זיך צו וויצלען, אָבער קיינער האָט נישט געלאַכט פון זיינע וויצן, דאָס הייסט, נישט די אָרומיקע פעדלערס, און נישט די קונים, האָט יאָסל מקיים געווען אַ מצווה און געלאַכט פון זיינע וויצן, אָנגעזאָגט גרשונען, ער זאָל אויך לאַכן, וועט ער דערפרייען אַ מענטשן. יאָסל און גרשון האָבן אים טאַקע דערפרייט... יאָסל האָט זיך גאָר געסטאַרעט לאַכן, זיך געהאַלטן ביים בויך... דעם פעדלערס צעאַקערט פאַרפרוירן פּנים האָט געשיינט, ווי ביי אַ קינד, און ער האָט געהאַקט איין וויץ נאָכן אַנדערן. זיינע וויצן זענען געווען אין גראַמען ווי יאָסל מיטן ראָסל, אָדער יאָסל־טאַרנאָסל, האָב נישט קיין פאַרדראָסל... און אין גרעניטש ווילעדזש איז גאָר געווען אַ מחיה מיט יאָסלען. אַלע האָבן אים דאָרטן געקענט. נישט „דזשאָו“ האָבן זיי אים גערופן די ענגליש־שפּרעכנדיקע קינסטלער, נאָר טאַקע „יאָסל“ און ווו מען איז געגאַנגען — אין גרעניטש ווילעדזש, צי איבער די גאַסן, צי אין דאָרטיקע קאַפעטעריעס, ווי מען שטעלט אים אָפּ:

— העלאָו, יאָסל, האַוואריו, יאָסל — און מען לאַכט.

יאָסל, דער היפּשער, דער מוסקולערער, מיט דעם מאַסיוו־געקנאָטענעם פּנים, וואָס איז פריידיק־אָפן צו דער גאַנצער וועלט און שמייכלט מיט דעם שמייכל פון אַ קינד, אי פון אַ סאַטיר, האָט

גלייך אַרויסגערופן אַ נאָענטקייט, אַ וואַרעמקייט צו אים ביי דער חברה פון גרעניטש ווילעדזש... און איינמאָל ערגעץ אין קעלער־קאַפע אויף מעקדונאַל סטריט, וו די פּאָעטן פון גרעניטש ווילעדזש האָבן פאַרגעלייענט זייערע לידער, צווישן זיי אויך דער באַרימטער און דער טראַגיש־אומגעקומענער מאַקסוועל באָדענהיים, האָט מען אויך יאָסלען אַרויסגערופן, מען האָט געוווסט, אַז יאָסל וועט פאַרלייענען אין יידיש און ס'רוב האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין יידיש, אָבער מען האָט אים אַרויסגערופן... און יאָסל האָט זיך גאָר נישט געלאָזט בעטן, זיך אויפגעשטעלט און אַזוי נאַטירלעך פּונקט, ווי אַלע וואָלטן דאָ פאַרשטאַנען יידיש, אָנגעהויבן זיין באַרימט ליד „נישקא". שיינענדיקע פּנימער האָבן געקוקט אויף אים.

מען האָט זיך אַפילו נישט צוגעהערט צום קלאַנג פון וואָרט, מען האָט נאָר געקוקט אויף אים און זיך געפרייט. די מאָלער צווישן די פאַרזאַמלטע האָבן גיך, גיך אַראָפּגעכאַפּט אויף פּאַפּיר זיין געשטאַלט, מיט זיינע שמייכלענדיקע הויכע באַקן־ביינער, מיט זיין אייגנאַרטיקן שטערן, וואָס איז אינדערמיטן הויך, און ביי די ווינקלען שמאָל, און וואָס קנייטשט זיך מיט פיל הנעוודיקע קנייטשן; זיינע גרויע אויגן, וואָס לויפן אין דער שמאָל און שטראַלן מיט שטיפערישקייט, מיט קלוגשאַפט און מיט ליבלעכקייט... אַ נחת געווען אויף גרשונען צו הערן דעם ליכטיקן פריילעכן יאָסלס יידיש אין אַזאַ פּלאַץ...

יאָ, קיין געלט איז טאַקע נישט געווען, אָבער דאָס לעבן איז געווען צוקער־זיס. יאָסל האָט אויך נישט געהאַט דעמלט קיין געלט, אָבער מען האָט שוין נישט געהונגערט, נישט יאָסל און נישט גרשון... און נישט געהונגערט האָט מען, ווייל יאָסל האָט געהאַט אַ ברודער אַ קצב, אָבער דער ברודער דער קצב האָט אים קיינמאָל נישט געוואָלט אַרויסהעלפן מיט מזומן, נאָר מיט פלייש, זעט איר, יאָ... פלייש וויפל נאָר ער וויל, און פון די בעסטע שטי־קער...

אָבער וואָס טוט מען מיט רוי פלייש? איז צו דעם דאָ אַן עצה, און די עצה איז דער פּאָעט אַלעף כ״ץ... און אַז גרשון דער־מאָנט זיך אָן אַלעף כ״ץ, פאַרבענקט נאָך די חברשאַפט צווישן שרייבער אין יענע יאָרן. ס'איז געווען דעמלט אַזוי לייכט זיך צו פאַרברידערן מיט אַ חבר־שרייבער, וואָס איז דיר צום האַרצן.

און אַלעף כּץ האָט דיר געקאָנט זיין צום האַרצן, מחמת זיין אויסערגעוויינלעכער פּילבאַרקייט און דעליקאַטקייט צו מענטשן. די נאַטור האָט אים אויסגעשניצט אַ שמאָלן, אַ שלאַנקן מיט אַ לענגלעך אַסקעטיש פּנים, מיט אַ סאַמעט שוואַרצער פּאַטליע האָר, מיט אַ ליכטיקן שטערן און מיט ברענענדיקע וויל־שמייכלענדיקע שוואַרצע אויגן... זיין דירה איז געווען פּונקט דאָרטן, ווו מען באַדאַרף. אונדזערע יידישע שרייבער, באַזונדערס די פּאַמיליען־לייט האָבן געוווינט דער אין די בראָנקס, דער אין ברוקלין, דער אין בראַוטאָן, אָדער אין סי גייט, אַלעף כּץ — סאַמע לעבן דער קאַפּע „ראָיאַל“ אויף דער צוועלפטער גאַס לעבן צווייטער עווענץ...

און זיך אומקערן צו יאָסלען מיטן פּעקל פלייש פון זיין ברודער, דעם קצב. אַזוי ווי אַלעף כּצס פרוי, די גוטמוטיקע, די לאַכנדיקע מיט די ווילע הן־גריבלעך איז אַ טייערע קעכין, און אַזוי ווי אַלעף כּץ האָט ליב חברים־שרייבער ביי זיך אין הויז, דאַרף מען אַהין ברענגען דאָס פלייש... און דאָרטן האָבן יאָסל מיט גרשונען געגעסן וועטשערע מיט אַלעף כּץ און זיין משפּחה... און געגעסן אין פרייִלעכקייט און אין חברשאַפט... און עס אי־ געווען דערביי אַזאַ ט־ע־ם, ווי האָט געזונגען זוני מאָוד, אַז קיין שום מתנגד פילט דאָס אוודאי נישט...

# אין קאפע „ראיאל“

מילא, אין קאפע „אייראפע“ האט די באלעבאסטע, די פרוי גאלוביצקא, געבארגט אפילו ווען מען איז איר שוין געווען שולדיק פאר ווער ווייסט וויפל מאלצייטן. און אז מען האט נישט געוואלט עסן, האט מען דארטן געקאנט זיצן און זיך צוהערן צו די שמועסן פון די שרייבער אפילו א גאנצן טאג און קיינער, פארשטייט זיך, האט דיר נישט געזאגט: „דו זיצסט שוין צו לאנג און דו האסט גארנישט באשטעלט“.

אין קאפע „ראיאל“, אויף דער צווייטער עוועניו און צוועלפטע גאס, איז שוין געווען גאר אנדערש. דארטן האט די באלעבאסטע נישט געבארגט, אפילו ווען דו האסט געחלשט פון הונגער. דארטן זיצן ביי א טישל און נישט באשטעלן, האט מען זיך געפילט, ווי א נישט־פארבעטענער גאסט. דארטן האט די באלעבאסטע, אויך אן אלמנה פון אן אסימילירטער אונגאריש־יידישער משפחה, נישט געהאט קיין שום ליבשאפט צו יידיש, געקוקט פון אויבן אראפ אויף יידיש, כאטש איר שפעדיקע פרנסה איז געקומען נאר פון יידיש־רעדנדיקע מענטשן. דארטן האבן די קעלנערס, מערסטנס אונגארישע, גערעדט דייטש צו די יידישע שרייבער און צו די יידישע אקטיארן. דארטן איז מען אריינגעגאנגען דורך זיך־דרייענדיקע טירן. דארטן, סאמע ביים אריינגאנג איז געשטאנען דאס גארדעראב־מיידל, געוויינלעך זייער א רייצנדיקע, און גענומען פון אייך אייער מאנטל אדער דאס היטל אויף אויפצוהענגען, און איר האט איר באצאלט צען אדער פופצן סענט. דארטן האט מען געדעקט די טישן מיט פרישע, שניי־ווייסע סערוועטן און מיט פינקלדיק זילבער־געשיר פאר יעדן בייעם עסער. דארטן האט מען זומער־צייט ארויסגעטראגן עטלעכע טישלעך אינדרויסן און איר האט געקאנט עסן אונטערן פרייען

הימל, ווי אין פּאַריז למשל... דאָרטן האָט מען דעם וועיטער געדאַרפֿט איבערלאָזן אַ ממשותדיקן „טיפּ“. דאָרטן האָט מען דעם „באָס־באָי“, אַ געוויסער הערמאַן, אַ מיטליאָריקער, מיט פֿלאַכע פֿיס, מיט סוטולעוואַטע פּלייצעס, און מיט אַן אויסגעקראָכענעם קאָפּ בלאָנדלעכע האָר, אויך געדאַרפֿט איבערלאָזן אַ „טיפּ“ פֿאַר אָנטאָן דעם מאַנטל (אויפֿן דאָזיקן הערמאַנען האָט מען געזאָגט, אַז ער איז אַ מיליאָנער מיט אַ סך הייזער אין ניו יאָרק. און נישט פֿון די „טיפּס“ איז ער רייך געוואָרן, נאָר פֿון לייען געלט אויף שווערע פּראָצענטער צו די אַקטיאָרן).

דאָרטן, אַחוץ אַלע „טיפּס“, האָט אַ מאָלצייט געקאָסט זייער טייער, כמעט צוויי מאָל אַזויפֿיל, ווי אין אַן אַנדערן רעסטאָראַן אויף דער זעלביקער צווייטער עוועניו. דערפֿאַר אָבער האָט מען אין ערגעץ נישט געקאָנט עסן אַזאַ געשמאַקן ווינער־שניצל, ווי אין קאַפֿע „ראָיאַל“, אָדער אַזאַ אַפּעטיט־רייצנדיקן אונגאַרישן „גולאַש“, ווי אין קאַפֿע „ראָיאַל“, אָדער אַ געבראָטן פּוטער־פֿישל, אָדער אַ געדיכטע צעמישעכץ פֿון צעריבענע לינזן, וואָס האָט געהאַט טויזנט טעמים.

אָבער נישט צוליב די זעלטענע געשמאַקע מאכלים און די שניי־ווייסע טישטעכלעך און זילבער־פֿינקלדיקן זילבער־געשיר, איז קאַפֿע „ראָיאַל“ געווען אַזוי באַרימט. באַרימט האָבן זי געמאַכט די אָפּטע אַריינגייער דאָרטן, די באַרימטע יידישע אַקטיאָרן, מוזיקער און שרייבער...

און אין קיין שום אָרט האָט מען נישט געקאָנט טרעפֿן אַזוינע אינטערעסאַנטע פּנימער, ווי אין קאַפֿע „ראָיאַל“; אין קיין שום אָרט האָט מען נישט געקאָנט הערן דאָס יידישע לשון אַרויסגערעדט פֿון אַזוינע וווּנדערלעכע שטימען. דווקא רכילותן, קריגערייען, נישט פֿאַרגינערישע רייד, אָבער מיט דער רייכער מוזיקאַלישקייט, באַטאָנונג, וויברירנדיקייט פֿון מענטשן אַזוינע, וואָס זייער קול איז געווען זייער אינסטרומענט, זייער טאַלאַנט. אַז אַ בינא אַבראַמאָוויטש האָט גערעדט ביי אַ טישל, און דווקא פּשוטע וואָכנדיקע רייד, איז עס געווען מיטן קול פֿון אַלע יידישע מחותנתטעס אויף התונות, ווען מען ווינטשעוועט זיך ישועות און נחמות.

יאָסל קאָטלער האָט גרשונען ס׳ערשטע מאָל אַריינגעפירט אין קאַפע „ראָיאַל“ איינמאָל אַ ביינאַכט. אָבער איידער ער האָט אים אַריינגעפירט, האָט ער פריער אַריינגעקוקט דורך דעם העל־באַלויכטענעם פענצטער, אויב ס׳וואָלט דאָרטן נישט געזעסן ער־געץ ביי אַ טיש אַ יידישער שרייבער, וואָלט יאָסל קאָטלער נישט אַריינגעגאַנגען. געווען דאָרטן שפּעט אין די אָוונטן זענען מערסטנס אַקטיאָרן. און אַ יידישן שרייבער האָט קיינמאָל נישט געצויגן דאָרטן צו אַן אַקטיאָרס טיש.

יאָ, אברהם רייזען איז דאָרטן געווען אינעווייניק, און יאָסל קאָטלער מיט גרשונען זענען אריינגעקומען און זיך געזעצט לעבן זיין טיש, און אברהם רייזען האָט זייער ליב געהאַט, אַז יונגע שרייבער זעצן זיך ביי זיין טיש. און זיינע איינגעפאַלענע באַקן האָבן זיך צערויטלט און זיינע שמאָלע שוואַרצע אויגן האָבן זיך צעפינקלט.

און גרשון, ס׳ערשטע מאָל אין זיין לעבן אין קאַפע „ראָיאַל“, האָט זיך געהאַלטן אין איין אַרומקוקן. ער האָט געזען דאָרטן די גאָר גרויסע טאַלאַנטן פון דער יידישער בינע. ס׳איז דעמלט גע־ווען אַרום צוועלף אַזייגער ביינאַכט און אַלע מינוט האָט זיך דורך די זיך־דרייענדיקע טירן אַריינגעכאַפּט אַ נייער בינע־טאַלאַנט...

אין קאַפע „אייראָפּע“ און דערנאָך קאַפע „ראָיאַל“ איז פאַר גרשונען געווען דער בית המדרש לגבוה ללימוד השרייבן, דער העכסטער בית המדרש אויף אויסצולערנען זיך שרייבן. און גרשון האָט פאַרמאָגט אַ מעלה אַריינצונעמען דעם עיקר און שנעל פאַר־געסן דעם טפל, דאָס נישט וויכטיקע. און אַ סך דברים טפלים זענען געזאָגט געוואָרן ביי די דאָזיקע טישלעך, אָבער אויך דברי עיקר, וויכטיקע רייד. האָט זיי גרשון אַריינגעזאַפּט אין זיך די וויכטיקע רייד. דאָרטן ביי די טישלעך האָבן יידישע שרייבער גע־דרשנט ליטעראַטור און געזאָגט אַ סך חידושים... דאָרטן ביי די טישלעך האָט גרשון ס׳ערשטע מאָל געהערט וועגן די שרייבער דזשעימס דזשאָיס און מאַרסעל פּרוסט (משה דוכאַווני איז גע־ווען אַ חסיד פון מאַרסעל פּרוסט), און וועגן דייטשישן פּאָעט רילקע (מאיר שטיקער איז געווען אַ חסיד פון רילקען), און אַפילו וועגן נחמן בראַצלאַווער. נישט וואָס גרשון האָט קיינמאָל נישט געהערט וועגן נחמן בראַצלאַווער. ער האָט יאָ געהערט, אָבער

אַלס צדיק, דאָ אין קאַפּע „ראָיאַל" האָט מען אים אַריינגענומען צווישן די יידישע שרייבער... דאָרטן ביי די טישלעך האָט אים א. טאַבאַטשניק פאַרגעלייענט אויף אויסנווייניק גאַנצע שטיקער פון האָמער און פון היינריך היינע...

אָבער אין קאַפּע „ראָיאַל" האָט מען נישט אַזוי לייכט געקאָנט אַריינגיין. דאָס הייסט, ס'איז גאָרנישט שווער געווען אַריינצוגיין, ווען מען האָט פאַרדינט נישט שלעכט. ווי איז אָבער דער דין, אַז מען האָט אינגאַנצן נישט געהאַט קיין געלט, אָדער ס'איז געווען אַ שאָד צו באַצאָלן פאַר אַ מאָלצייט אַזאַ מטמון מיט געלט? פאַר זעקס אָדער אַכט ניקלס האָט מען געקאָנט אָפּעסן אַ צופרידנשטעלנדיקן מאָלצייט אין אויטאָמאַט אויף פערצנטער גאַס... האָט גרשון שטענדיק פריער געכאַפּט אַ קוק דורכן גרויסן באַלויכטענעם פענצטער פון קאַפּע „ראָיאַל" צו זען אויב ס'זיצט עמעצער אַ יידישער שרייבער ביי אַ טישל און עסט. אויב יאָ, איז ער אַריין, ווייל אויב עמעצער אַ יידישער שרייבער ביי אַ טישל האָט יאָ באַשטעלט פאַר זיך, האָט שוין איינער וואָס האָט גאָרנישט באַשטעלט זיך געקאָנט צוזעצן.

אַזוי אין משך פון יאָרן איז גרשון נישט אַריינגעגאַנגען גלייך אין קאַפּע „ראָיאַל", נאָר פריער גוט אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער אויב ס'זיצט נישט ביי אַ טישל און עסט אַ יעקב גלאַטשטיין, אַן אברהם טאַבאַטשניק, אַן אַלעף כ"ץ, אַן אליעזר גרינבערג און טאַקע אַן אברהם רייזען, אַן א. לוצקי...

און גאָר שפּעטער, ווען גרשון האָט שוין פאַרדינט גענוג געלט און געזעסן כמעט אַלע פאַרנאַכט אין קאַפּע „ראָיאַל", איז אָבער די געוווינהייט אַ קוק טאָן פריער דורכן פענצטער ביי אים שטענדיק פאַרבליבן...

# פנימער אין קאַפע „ראָיאַל“

אַ יידישער שרייבער איז זעלטן געזעסן ביי אַ טישל פון אַ יידישן אַקטיאָר אין קאַפע „ראָיאַל“. אַ יידישער אַקטיאָר — זעלטן ביי אַ טישל פון אַ יידישן שרייבער. די שרייבער — ז יי ע ר ע אינטערעסן, די אַקטיאָרן — ז יי ע ר ע אינטערעסן. מען האָט זיך נישט געמישט. צוויי באַזונדערע וועלטן.

די יידישע שרייבער זענען געזעסן אויסשליסלעך ביי טישלעך אין דער זייט ווו די פענצטער זענען אַרויסגעגאַנגען צו דער צוועלפטער גאַס. די אַקטיאָרן — אין דער זייט, ווו ס'זענען געווען די טעלעפאָן־ביידלעך. פאַרוואָס גראַד די — אין דער זייט, יענע — אין יענער זייט, ווייסט נישט גרשון. די אַקטיאָרן זענען געווען דאָרטן דאָס הערשנדיקע פאָלק, דאָס הייסט, די גרויסע מערהייט. די שרייבער — די מינאָריטעט, זייער א קליינע מינאָריטעט. ביי איין טישל אָדער צוויי — די גאַנצע שרייבער־משפחה דאָרטן.

אין דער ערשטער צייט, ווען גרשון האָט ערשט אָנגעהויבן אַריינצוקומען אין קאַפע „ראָיאַל“, האָט ער זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּרייסן פון דער צווייטער זייט, דאָרטן, ווו ס'זענען געזעסן די יידישע אַקטיאָרן. אַזוי פיל אינטערעסאַנטע פּנימער זעלטן ווו אין איין פּלאַץ. פאַרוואָס האָט דאָס נישט פאַראינטערע־סירט די מאָלער, זיי זאָלן קומען מאָלן די דאָזיקע גאָר אינטערע־סאַנטע פּנימער? רעמבראַנדט וואָלט זיכער איבערגעלעגן דאָרטן און נאָך געמאָלן פּנימער... נעמען אַזאַ פּנים ווי פון בינאַ אבראַ־מאָוויטש, און אירע פילע קנייטשן אויפן פּנים, און אין יעדן קנייטש איז געלעגן מאַמע, מאַמעשע ליבשאַפט, מאַמעשע זאָרג. איר קול שמועסט מען נישט — איר קול האָט גערעדט מיט מאַמע פון אַלע דורות... נעמען אַזאַ פּנים, ווי פון חנה אפּעל, איר צו לענגערע יאָר, דאָס פּנים פון דער יידישער פרוי, וואָס איז געווען דער שטאַרקער

כיח אין דער היים, וואָס איז קיינמאָל נישט אריינגעפאלן אין א פּאַניק אין צייט פון א קריזיס, וואָס האָט שטענדיק געראַטעוועט די משפּחה אין צייט פון א צרה. גרינלעכע שטראַלנדיקע אויגן האָט זי פאַרמאָגט פול מיט פרויענשער קלוגשאַפט און אויך פרויענשער שפּילעוודיקייט. אַ הויכע, אַ היפּשע, אַ שטאַלטנע, מיט זיכערקייט אין גאַנג און אין שטעל...

ס'זענען געזעסן דאָרטן פרויען, אַלטע אַקטריסעס, אַזעלכע וואָס האָבן נאָך געשפּילט מיט יעקב אַדלער, מיט באָרים טאָמאַשעווסקין, מיט דוד קעסלערן, מיט מאָגולעסקאָן, די פּנימער פון אָט די דאָזיקע נאָך אלטע אַקטריסעס — ווי פאַרגליווערטע טעאַטער־מאַסקעס. טויזנטער מאָל האָבן זיי געשפּילט טעאַטער. טויזנטער מאָל זיך גרימירט אין פאַרשיידענע כאַראַקטערן, און אויף דער עלטער זענען זייערע פּנימער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טעאַטראַלישע מאַסקעס מיט די שטריכן פון אלע זייערע ראָלן, וואָס זיי האָבן געשפּילט אין זייער לעבן.

נעמען אַזאַ פּנים פון באָרים טאָמאַשעווסקין אליין, גרשון האָט אים נאָך פאַרכאַפּט אין קאַפע „ראָיאַל“, אַזאַ פּנים האָט מען געדאַרפט לאַנג מאָלן, א פּנים פון דעם מענטשן אין לעבן, וואָס איז אַלט געוואָרן, אָבער ער גיט זיך נישט אונטער, האַלט זיך טורעמדיק, באַהערשנדיק, און די מאַנסבילשע שיינקייט פון אַמאָל קוקט נאָך ארויס אפילו פון זיין לויז געוואָרענער הויט, פון זיינע שוינמידע אָבער נאָך אַלץ צוציענדיקע גרויסע, קיילעכדיקע אויגן. גרשון געדענקט שוין נישט דעם קאָליר פון די דאָזיקע אויגן. דאַכט זיך בלוילעכע. דער קאָפּ האָר נאָך אַלץ געדיכט, ווי די גריווע ביי א לייב. צוגעפאַרבט זענען געווען די האָר, פאַרפודערט, איינגעמאַסאַזשירט איז געווען דאָס פּנים. אָבער אַז ער האָט זיך אויפגעשטעלט, איז נאָך אַלץ געווען די מאַיעסטעטישע פיגור, וואָס האָט געשפּילט אויף דער בינע די ראָלן פון פּרינצן, קעניגן, יידישע גיבורים און פּאַטריאַרכן.

נעמען א לודוויק זאַץ, גראָד נישט קיין אימפּאָזאַנטע פיגור, אָבער זיינע אויגן, זיינע בלויע אויגן, פון זיי האָט זיך געגאָסן אַזאַ שאַרפע, לויטערע ליכטיקייט, מיט שטראַלן זיך געגאָסן, אַזאַ ליכטיקייט קאָן שטראַלן נאָר פון א גרויסער שעפערישער פערזענלעכקייט.

די אויגן ביי מאָרים שוואַרץ, ווי עפּעס ביי אַן אַטאַמאַן פון אין די וועלדער... זיינע אויגן, ווי פייער־שייטערס, וואָס ברענען אין דער נאַכט מיט זייער שטאַרקע פלאַמען...

און מאַלי פּיקאָנס פּנים, דאָס איז דאָס פּילבאַרע הנעוודיק פּנים פון דעם פרומען יונגן שוועסטערל, אַזוינע פרום־שמייכלענ־דיקע, אומשולדיק־ליכטיקע ברוינע אויגן, אַזוינע פרום־שמייכלענ־דיקע באַקן, און איר מויל איז אויך פרום און זיס, און איר ווייסער האַלדז אייביק מיידלש, פרום־מיידלש, און איר קול דאָס האַרציקע, ליכטיקע קול פון דער באַליבטער יונגער שוועסטער. שלום אַש האָט געמאָלן אַזאַ שוועסטערל, אַ יידיש שוועסטערל, וואָס קאָן גלייך ווערן אַ מאַמעלע ווען די מאַמע שטאַרבט און אַכטונג געבן אויף אַלע ברידער און אפילו דעם טאַטן, און שטראָפן די עלטערע ברידער ווען מען באַדאַרף, און אפילו דעם טאַטן...

און פּונקט ווי אַ ליבהאָבער פון מאָלערייען, ווען ער פאַלט אַריין אין אַ רייכער קונסט־גאַלעריי, אַזוי איז אויך גרשון אין קאַ־פע „ראָיאַל“ ממש שיכור געוואָרן פון די אינטערעסאַנטע פּנימער... ער האָט ליב געהאַט צו קוקן אויף מנחם רובינס פּנים, מיט דעם געקרייזלטן רויטלעכן קאָפּ האָר, אַ פּנים פון עפּעס אַ גריכישן גאָט, וואָס לאַכט שטענדיק מיט סאַטירישקייט. זיינע עטוואָס אַרויס־סטאַרטשענדיקע אויגן — פּליסיקע שטיקער ברוינער פייער, קוקן אייפן מענטשן סאַטיריש און בריען אָפּ מיט די פּליסיקע שטיקער פייער.

גרשון האָט ליב געהאַט צו קוקן אויפן פּנים פון נח נאַכבוש, דאָס מאָגערע געקנייטשטע פּנים מיט די הויכע באַקן־ביינער, מיט דעם משונהדיקן שפּיציקן נאַקעטן קאָפּ, ווי אַ געגדזן איי, מיט די פּילבאַרע ליפּן, וואָס קאָנען זיך אויסלייגן אין דעם ליבלעכסטן שמייכל, מיט קליינע, פינקלדיקע, פריילעכע שוואַרצע אויגן פון דעם גוטן פריילעכן פעטער, וואָס קוקט שבת אויף קידוש, און מיט אַ קול, ווי מען מאַכט קידוש... ווען ער האָט זיך געזעצט ביי אַ טישל, און ער האָט גראָד ליב געהאַט זיך צוזעצן צו די שריי־בערשע טישלעך, איז אויך ווי דער גוטער פריילעכער פעטער, מיט דעם „סברי מרנן־ורבותי־קול“.

און דאָס פּנים פון מנשה סקולניק, כלומרשט טאַמעוואַטע, כלומרשט אַ שלים־מזל, אָבער זיינע שמאָל געשניטענע ברענענדיק־

שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן דיר נישט געקוקט גלייך אין פּנים, נאָך אין אַ זייט, האָבן עדות געזאָגט, אַז דאָס איז אַ וואַכזאַמער און קלוגער קינסטלער.

און וואָס פאַר אינטערעסאַנטע פּנימער ביי די גאָר יונגע שוי־שפּילער, וואָס זענען געווען באַקאַנט אַלס צו־לאַר־עסניקעס... דאָס פּנים פון אַ ישראל מאַנדעל, וועמען מען האָט גערופן „מענדל". ביי אים דאָס פּנים פון דעם אייביקן גוטן־ברודער, וואָס וואָלט דיר געוואָלט שענקען מתנות, אָבער אַזוי ווי ער איז נעבעך אַ קבצן, באַשענקט ער דיך מיט גוטע בליקן פון זיינע שוואַרצע פּליסיקע אויגן, מיט דער גוטסקייט פון זיין האַרציק קול, מיט דעם ליבן שמייכל פון זיינע לייטישע ליפּן. ס'איז שטענדיק געווען גוט מיט אים צו זיצן. און אַז דו האָסט גערעדט, האָט ער אַזוי אויפמערק־זאַם דיך אויסגעהערט, און אַז דו האָסט זיך געקלאָגט פאַר אים, האָט אַזוי פיל וואַרעמקייט געשטראָמט פון זיינע אויגן...

דאָס פּנים פון אַ יהודה בלייך, אַ וואָלף באַרזועל, אַ יעקב בער גרין, אַ מיכל ראָזענבערג, אַ שמעון דוסקין, אַ משה ראַוך, אַ ליליען שאַפּיראָ, אַ לעאָן האָפּמאַן. מען דאַרף אָנשרייבן אַ גאַנץ בוך: „פּני־מער אין קאַפּע „ראָיאַל"...

# טשאַרלס יאַפּע

אייגנטלעך גערעדט זענען געווען צוויי קאַפּע „ראָיאַלס“. איינע, די פאָדערשטע; די צווייטע, די הינטערשטע. אין דער פאָדערשטע איז מען אריינגעקומען דורכן הויפּט־אריינגאנג אויף צווייטער עוועניו. אין דער הינטערשטער האָט מען געקאָנט אריינגיין דורך א זייטיקער טיר אויף צוועלפטער גאס. אין דער פאָדערשטער זענען געזעסן שיין־פארפוצטע מענטשן ביי טישלעך מיט זויבער ווייסע טישטעכלעך; אין דער הינטערשטער — אין צעקנייטשטע, צעבראַסטעטע בגדים, ביי נאַקעטע טישלעך. אין דער פאָדערשטער איז געווען לופטיק, גראָם און מיט אַ סך פענצטער; אין דער הינטערשטער — שמאָל, שטיקנדיק און אינגאנצן נישט קיין פענצטער. דער עיקר אָנגערויבערט, מען האָט געקאָנט שניידן דעם רויך מיט א מעסער. ביי טאָג און ביינאכט האָבן געברענט אונטער דער סטעליע אַ פּאָר נאַקעטע עלעקטרישע לעמפּלעך.

אין דער פאָדערשטער איז מען געזעסן און געשמועסט וועגן טעאטער, וועגן ליטעראטור; אין דער הינטערשטער האָט מען גאָר אינגאנצן נישט געשמועסט, נאָר מען האָט געריבן א „געימקע“, דאָס הייסט, געשפּילט אין קאָרטן, און ווי נאָך געשפּילט, אָפּט גאַנצע מעת־לעתן, אָן איבעררייס.

מען דערציילט וועגן איינעם אן אייגנטימער פון א יידישן טעאַטער אויף צווייטער עוועניו, א קליינגעוואוקסיקער, א מאָגערער איז געזעסן העכער א מעת־לעת דאָרטן און רק געריבן א פינאָקל. מיט א נאסן האנטעך ארום זיין שטערן איז ער געזעסן און געהאקט אָן איבעררייס א געים נאָך א געים. די איינציקע שפּייז איז געווען קאָפּע, וואָס דער וועיטער האָט אים פון צייט צו צייט אונטערגעטראָגן. זיין פרוי, זעענדיק אז ער איז שוין העכער א מעת־לעת נישטאָ אין הויז, איז אים געלאָפן זוכן, און פארשטייט זיך, אים גע־

פונען אין דער הינטערשטער קאַפּע „ראָיאַל“. אז זי האָט אים געוואָלט נעמען אהיים, האָט ער געמאכט צו איר מיט א ווייַנענדיקער שטימע:

— וואָס ווילסטו פון מיר, טאָמער ענדזשאָיע זיך א ביסל... דאָס הייסט: „טאָמער פאַרווייַל איך זיך א ביסל“.

אין פאָדערשטן טייל פון קאַפּע „ראָיאַל“ זענען געזעסן גרויסע מייסטערס, מייסטערס אין דער וועלט פון טעאַטער, מוזיק און ליטעראַטור; אין דער הינטערשער זענען געזעסן אויך גרויסע מייסטערס, מייסטערס אין דער וועלט פון קאָרטן. מען האָט גרשונען אָנגעוויזן אויף אייַנעם אזא מייסטער אין פינאָקל, וואָס מען האָט געזאָגט, אז ער טוט גאָרנישט, גיט זיך אָפּ בלויז מיט קאָרטן, מאַכט זייער א שיין לעבן פון קאָרטן און האַלט אויס בשפע א ווייַב מיט קינדער אין א טייערן אַפּאַרטמענט. מען האָט אויך געזאָגט אויף דעם דאָזיקן מייסטער, אז ער איז אַזאַ קינסטלער פון פינאָקל, אז ער שפּילט מיט אויפגעדעקטע קאָרטן און געווינט...

גרשון האָט גאָר די ערשטע צייַט נישט געוווסט פון דעם דאָזיקן קאָרטן־צימער. העכער א יאָר, אז ער איז געגאַנגען אין קאַפּע „ראָיאַל“ און האָט נישט געוווסט. צופעליק אים אַנטדעקט. און ס׳איז געווען ווי אַרייַנגעפאַלן אין א צעל אונטער דער ערד מיט האַלב־טונקלקייט און שטיקנדיקייט. און די מענטשן דאָרטן אויך ווי אונטערערדישע מענטשן, צעכראַסטעטע, צעקנייטשטע, נישט־געגאָלטע מיט פיבערדיקע אויגן, אויגן וואָס קוקן נישט רעכטס, נישט לינקס, נישט אַרום זיך. זיי קוקן נאָר אין די קאָרטן.

אין דער האַלב־טונקעלער צעל ווייסט מען אפילו נישט צי ס׳איז נאָך טאָג, צי ס׳איז שוין נאַכט. אין דרויסן איז א שיינע זון פאַרגאַנגען... אין דרויסן — געלעכטער, שטיקער געזאַנג. דאָ אין דער מוטנער ליכט, אין דער אָנגערויכערטער שטיקנדיקער לופט — געוואַלדיק קאָנצענטרירטע פּנימער, געוואַלדיק ערנסטע פּנימער, עפּעס ווי דער קיום פון דער וועלט וואָלט דאָ געשטאַנען אין קאָן... און רויכערן, רויכערט מען איין פּאַפּיראָס נאָכן אַנדערן. דער קאָרטן־שפּילער פאַרגעסט זיך, אז ער האָט ערשט אָנגעצונדן א פּאַפּיראָס און האָט אים אוועקגעלייגט אין אַשטעצל, און ער פאַררויכערט שוין א צווייטן. און שפּילן, שפּילן

נישט נאָר די, וואָס זיצן ביים טישל מיט קאָרטן אין די הענט. ס'שפּילן אויך די קיבעצערס, דאָס הייסט די, וואָס שטייען ארום דעם טישל און קוקן צו מיט קלאַפּנדיקע הערצער. דאָס האָבן זיך די קיבעצערס געוועט איינער מיטן אנדערן אין געלט. ווען איינער פון די קאָרטן־שפּילער געווינט דעם קאָן, געווינען אויך א טייל פון די שטייענדיקע, וואָס האָבן זיך געוועט אויף אים. דער באַרימטער מאיר פון די שנאָרערס פלעגט זיך אויך פון צייט צו צייט אריינכאַפּן אהער און וועטן זיין אָרעמען דאָלאַר, און אָפטמאָל געווינען. ער האָט גוט געקענט די גרויסע מייסטערס פון פינאָקל און געוואוסט אויף וועמען זיך צו וועטן.

טשארלס יאָפע האָט זיך אויך אָפט אריינגעכאַפּט. טאַקע צוליב אים איז גרשון געווען אָנגערעגט צו דערציילן די מעשה פון דעם דאָזיקן קאָרטן־צימער. די לייענער פון די יידישע צייטונגען אין יענע יאָרן האָבן אים גוט געקענט, פלעגט אָנפירן קאָלומס וועגן שאך־פּראָבלעמען אין די יידישע צייטונגען... אין דער „מאָרגן־פרייהייט" האָט ער אויך א צייט אָנגעפירט אזא קאָלום. זיין ליידנשאַפט איז געווען שאך און צו פארשפּרייטן די תורה פון שאך צווישן די יידישע מאַסן. אפילו ארויסגעגעבן א ביכל וועגן שאך אין יידיש. ער האָט זיך אפילו ארומגעטראָגן מיט א פּלאַן איינצופירן קלאַסן פון שאך אין די יידישע וועלט־לעכע שולן.. פון זיינע שאך־קאָלומס אין די יידישע צייטונגען האָט ער מסתמא אריינגעקראָגן א פינפערל א וואָך. פון וואָס זשע האָט ער געלעבט? ווייסט נישט גרשון. גרשון האָט אים אלע יאָרן געזען אין זעלביקן שווארצן רעקל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי א מין סורדוט. ער האָט דאָס געטראָגן יאָרן און יאָרן, אָבער קיינמאָל נישט געווען צעקנייטשט, קיינמאָל נישט אָפּגעטראָגן, שטענדיק פריש. פריש האָט אויך אויסגעקוקט זיין שטענדיק ווייס העמד מיטן „קמץ"־שניפּסל. א מיטלוואוקסיקער מיט גוטער פּראָפּאָרציע אין זיין מאָגערן גוף, א טונקל־הויטיקער עפּעס, ווי אַן אראבער, מיט שווארצע פינקלדיקע קלוגע אויגן, מיט אַן אָנ־געגנעם קול, א ביסל הייזעריקלעך. שטענדיק איז ער געלאָפן פון קאַפע צו קאַפע, ווו מען האָט געשפּילט שאך. דאָ האָט ער זיך אריינגעכאַפּט אין קאַפע „אייראָפּע", ווו מען האָט געשפּילט שאך, דאָ אין א שאך־קלוב אויף פערצנטער גאַס, דאָ אין א שאך־קלוב

אויף יוניאָן־סקווער. נאָכדעם ווי ער איז שוין אויסגעווען אַלע שאַך־פּלעצער, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט שפּעט אין דער נאַכט אין קאַפּע „ראָיאַל“, אָדער זיך צוגעקוקט ווי מען שפּילט אין קאָרטן און געשמייכלט, אָדער גאָר איינגעדרימלט אויפן בענקל, און שטענדיק ווען גרשון האָט אים געזען דרעמלען שפּעט אין דער נאַכט אין דעם דאָזיקן קאָרטן־צימער, איז אים דאָס האַרץ אויסגעגאַנגען פאַר אים. מסתּמא האָט ער נישט קיין דירה, האָט גרשון געטראַכט. גרשון האָט אים קיינמאָל נישט געזען באַשטעלן אַ מאָלצייט, אָבער ער האָט קיינמאָל נישט אויסגעקוקט ווי ער הונגערט, פאַרקערט, שטענדיק מיט אַ וואַרעמען שמייכל...

אין זיינע יונגע יאָרן, האָט מען געזאָגט, איז ער געווען שאַך־טשעמפּיאָן פון אַמעריקע. ווען גרשון האָט אים געקענט, זענען שוין געווען אַנדערע שאַך־טשעמפּיאָנען. איינמאָל אַן אָוונט אין הינטערשטן צימער פון קאַפּע „אייראָפּע“ האָט ער געשפּילט שאַך מיט קאַשדאַנען, דעם יונגן אויפגייענדיקן שטערן אין דער שאַך־וועלט. יאָפּע האָט נעבעך געשוויצט און רק געטראַכט, שטאַרק געטראַכט. דער יונגער קאַשדאַן האָט גאָר קיין סך נישט געטראַכט אויף צו מאַכן אַ צוג. געמאַכט דעם איינדרוק, ווי ער לאַנגווײלט זיך נאָך בשעת יאָפּע טראַכט וועגן אַ צוג, און ער האָט זיך מיט אַ פּיילעכל מאַניקירט די נעגל. גרשון האָט אַזוי געוואָלט, אַז יאָפּע זאָל געווינען. געוווּנען האָט קאַשדאַן...

און איינמאָל, שפּעט אין דער נאַכט — יאָפּע לויפט אַריין אין קאַפּע „ראָיאַל“ פון זיינע וואַנדערונגען איבער די שאַך־פּלעצער, זעצט זיך אַנידער אויף אַ בענקל, סיי די קאָרטן־שפּי־לער, סיי די קיבעצער האָבן אַפילו נישט באַמערקט, אַז ער דרעמלט...

ערשט גאָר פאַרטאָג, ווי איינער פון די קיבעצער האָט באַ־מערקט, אַז יאָפּע, עפּעס, עפּעס... עפּעס וואָס? פּשוט זיך אָפּ־געטאָן פון דער וועלט, אַזוי זיצנדיק אויפן בענקל, אין עלנטער, אַ היימלאָזער אין שטאַרק אָנגערויכערטן הינטערשטן צימער פון קאַפּע „ראָיאַל“...

# געוויסע פרייטיק־צונאַכטסן

אַז מען רעדט שוין וועגן קאַפע „ראָיאַל“, ווערט מען זיך דערמאָנען אין געוויסע פרייטיק־צונאַכטסן אויף צווייטער עוועניו. די שרייבער, וואָס לעבן נאָך, צו לאַנגע יאָרן, און אַנטיילגענומען אין די פרייטיק־צונאַכטסן, האָבן מסתמא שוין פארגעסן. גרשון האָט נישט פארגעסן. זיי זענען געבליבן אין זיין זכרון אָפּגעהיט ווי אַ טייערע איבערלעבונג פון די יונגע שרייבערישע יאָרן...

ווי אַזוי זענען זיי געבוירן געוואָרן די דאָזיקע פרייטיק־צונאַכטסן? זיצנדיק אין קאַפע „ראָיאַל“ איז עמעצן איינגעפאַלן, אפשר יעקב גלאַטשטיינען, און אפשר יוסף קאָטלערן, און אפשר גאָר גרשונען אַליין, אַז מען זאָל זיך צונויפנעמען ערגעץ אין אַ פריוואַט הויז און פארברענגען אויף אַ שעפערישן אופן. און ווי אַזוי זאָל זיך אויסדריקן דער שעפערישער אופן? אַלע צוזאַמען זאָלן זיך זעצן ביי אַ טיש, נעמען די פענען אָדער די בלייפעדערס אין די הענט און יעדער איינער זאָל אָנשרייבן אַ ליד אויף אַ געוויסער טעמע, וואָס מען וועט אָנגעבן. דערנאָכדעם זאָל יעדער איינער פאָרלייענען זיין ערשט געשאַפן ווערק און די וואָס וועט אַמבעסטן געפעלן ווערן, קריגט אַ פרייז, אַ געלט־פרייז (דאָס איז נאָך געווען יאָרן און יאָרן פריער, איידער ס'איז געשאַפן געוואָרן דער לואיס לאַמעד פאָנד און אַנדערע פאָנדן צו געבן פרייזן פאַר די בעסטע יידישע ווערק). און ווו וועט מען נעמען געלט צו געבן דעם פרייז? ביי די אָנטיילנעמער אַליין. איידער מען זעצט זיך שרייבן זאָל יעדער איינער געבן אַ קוואָדער און אַלע קוואָדערס צוזאַמען וועלן זיין דער פרייז. און ביי וועמען אין הויז זיך צונויפקומען? איז ווו נאָך אַ בעסער אָרט ווי ביי יאָסל קאָטלער און זוני מאודן אין דער סטודיע, טאַקע דאָ נישט ווייט פון קאַפע „ראָיאַל“?

קאפע „ראַיאַל“, וועו אונדזערע שרייבער האָבן זיך ארומ־געלאָזט צו זייער ערשטן פרייטיק־צונאכטס, איז געבליבן כמעט ליידיקלער. אין די אָוונטן צווישן אכט און צוועלף, ווען נישט די יידישע שרייבער, וואָלט קאפע „ראַיאַל“ שטענדיק געווען כמעט ליידיקלער. אין די אָוונטן צווישן אכט און צוועלף זענען דאָרטן כמעט נישט געווען קיין אקטיאָרן, זיי זענען אוועק שפּילן טעאַ־טער. אין יענע יאָרן זענען געווען זייער ווייניק אומבאשעפטיקטע אקטיאָרן, אלע כמעט האָבן אלע געשפּילט טעאַטער... אויף צווייַ־טער עוועניו אליין פיר טעאַטערס, און אויף דער בויערי אויך אַ טעאַטער. היינט ווו איז וויליאַמסבורג, בראָנזוויל, בראָנקס און אין נוארק...

און אין דרויסן אויף ביידע זייטן טראָטואַר פון צווייטער עוועניו — אזוי פיל יידן... שבתדיקע יידן... פון דער פערצנטער גאַס קומען זיי אָן... צו דער פערצנטער גאַס האָט זיי געבראַכט פון האַרלעם, בראָנקס, ברוקלין און אפילו פון יוניאָן סיטי, ניו דזשוירזי, פון נוארק און אפילו פון פּעטערסאָן און פּאסיעק. באַ־נען אונטער דער ערד און איבער דער ערד, און טראַמווייען און באָסעס... זיי שטראָמען, די שבתדיקע יידן, אין די טעאַטערס און אויף די מיטינגען פון אָרדנס, לאַנדסמאַנשאַפטן, קלובן...

ארום צוועלף אזייגער ביינאכט וועט קאפע „ראַיאַל“ און מאָסקאָוויטשעס קאפע און א סך רומענישע און אונגארישע רע־סטאָראַנען און וויין־קעלערן אויף דער עוועניו און אין די זייטיקע גאַסן ווערן געפּאַקט טאקע פון די זעלביקע שבתדיקע יידן... און צווישן דעם שטראָם שבתדיקע יידן לאָזן זיך אויך איצטער א צען אָדער צוועלף יידישע שרייבער, גאָר יונגע, נאָך נישט זייער באַ־קאַנטע, אָבער אַ פּאָר פון זיי וועלן שפּעטער מיט יאָרן זיין זייער באַקאַנט און אפילו באַרימט.

און יאָסל קאָטלערס און זוני מאודס סטודיע איז געווען אין א טענעמענט הויז אויף צווייטער עוועניו, באַלד ביים ראָג פון פערצנטער גאַס, באַלד נאָכן דראָג־סטאָר אויף פערצנטער גאַס. אויפן דריטן שטאָק איז דאָס געווען, צוויי צימערן מיט א קיך. א פּשוטע דירה, אָבער יאָסל מיט זונין האָבן מיט זייערע באַ־מאָלונגען געזען, אז ס'זאָל אויסקוקן ווי א סטודיע. זייער אייגנ־אַרטיקע קאָמישע באמאָלונגען זענען דאָס געווען. מען האָט זיך

געמוזט גלייך צעלאכן. זוני, למשל, האָט אויף א בענקל אויס־געמאָלן צוויי לאַדאָניעס (פלאכן) פון צוויי הענט. דאָס האָט גע־מיינט, אז די צוויי זייער סוגעסטיווע לאַדאָניעס זענען גרייט אונ־טערצוהאַלטן דעם אונטן פון די זיצנדיקע (מיידלעך האָבן זיך געשעמט זעצן אויף דעם דאָזיקן בענקל).

גרשון געדענקט עפּעס נישט די נעמען פון אלע צען אָדער צוועלף שרייבער אָנטיילנעמער אין די דאָזיקע אייגנאַרטיקע פּריי־טיק־צונאַכטס. ווּעמען ער געדענקט יאָ איז: יעקב גלאַטשטיין, זוני מאָוד, יאָסל קאָטלער, איטשע ליבמאַן און דאַכט זיך אויך אליעזר גרינבערג, אָבער וואָס ער געדענקט יאָ זייער קלאָר, ווי חברה זענען געזעסן ביים טיש פּאַרטיפט אין שרייבן און אויף זייערע שטערנס די ליכטיקייט פון שיינער שעפערישער פאַר־טראַכטקייט...

צייט האָט מען געגעבן בלויז איין שעה, און ס'מוז דווקא נישט זיין קיין ליד, ס'מעג אויך זיין א קורצע דערציילונג... און גרשון איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט געשריבן יענעם אָוונט א דערציילונג, ס'איז זיכער געווען א בילד, ווי א דערציי־לונג... די טעמע איז יענעם אָוונט געווען „דאָס טעפּעלע כריין“. פאַרוואָס אַזאַ טעמע? מסתמא ס'איז פרייטיק־צונאַכטס, און אין כמעט יעדן יידישן הויז אויפן שבתדיקן געדעקטן טיש שטייט א טעפּעלע מיט כריין... א שאָד, וואָס ביי גרשונען איז נישט פאַרבליבן די דערציילונג, וואָס ער האָט געשריבן יענעם אָוונט. א שאָד, וואָס ס'זענען נישט פאַרבליבן די עקספּראָמטע שאַפונ־גען פון די אנדערע אָנטיילנעמער.

דעם פּרייז יענעם אָוונט האָט געווונען יעקב גלאַטשטיין. ווער זענען געווען די ריכטער? אלע זענען געווען די ריכטער. יעדער איינער האָט געקאָנט אָפּגעבן צוויי שטימען, און יעדער איינער האָט אוודאי די ערשטע שטימע אָפּגעגעבן פאַר זיין אייגענער שאַפונג, און די צווייטע שטימע פאַר עמעצן אנדערש א שאַפונג. און אפשר איז דאָס אָפּשטימען נישט אזוי פאָרגעקומען. אפשר האָט מען גאָר אויסגעקליבן דריי ריכטער פון דער גרופּע, אויב אזוי האָבן די דריי ריכטער זיך נישט געטאָרט באַטייליקן אין קאָנטעסט. אָבער דאָס איז נישט דער עיקר. דער עיקר די דאָזיקע

שעה פון שרייבן, דאָס זיצן ארום איין טיש פון די צען אָדער צוועלף יונגע דיכטער אין דערהויבענער שפּעררישקייט.

דעם צווייטן פרייטיק־צונאַכטס האָט זוני מאָוד געוווּנען דעם פּרייז. און וואָס איז געווען די טעמע פון יענעם אָוונט, געדענקט שוין נישט גרשון. און ווער ס'האָט געוווּנען דעם פּרייז אויף דעם דריטן פרייטיק־צונאַכטס, געדענקט ווידער נישט גרשון — אויב ס'איז נישט געווען יאָסל קאָטלער. חברה האָבן זיך געוואַלדיק געפרייט מיט די דאָזיקע קאָנטעסטן. מען האָט געשמועסט זיי אָנגעהאַלטן אויף שטענדיק און צוציען נאָך שרייבער, און ארויסגעבן א ספּעציעלן זשורנאַל, ווו מען זאָל אפּדרוקן אַלע שאַפונגען פון די דאָזיקע קאָנטעסטן, און דער זשורנאַל זאָל הייסן: „דאָס טעפּעלע ברוין"....

און ווען די דאָזיקע פרייטיק־צונאַכטן וואָלטן טאַקע אָנגעהאַלטן, וואָלטן זיי דאָך געווען אַ שם־דבר און ס'וואָלט דאָך געווען אַ ברכה פאַר אַ סך יונגע שרייבער. ס'וואָלט געווען ווי אַ מין אַקאַדעמיע. אָבער מערער ווי דריי פרייטיקס האָט דאָס נישט אָנגעהאַלטן. ס'איז געוואָרן אויס פון זיך אַליין...

יאָ, ס'איז געווען אויף צווייטער עוועניו אין יאָסל קאָטלערס און זוני מאָודס סטודיע... אין דעם טענעמענט־הויז לעבן דראָגסטאָר. דאָס דאָזיקע טענעמענט־הויז איז יאָרן און יאָרן געווען פאַר גרשונען א היים. א לאַנגע צייט געוווינט ביי עמילי באַבאַדס מוטער אין א צימער, ווען ער האָט שוין געהאַט אויף צו צאָלן רענט... און אין דעם דאָזיקן צימער געשריבן זיין ראָמאַן „קליינמאַן סטריט". ס'איז געווען כמעט א בלינדער צימער. די זון איז דירכן פענצטער, וואָס האָט ארויסגעקוקט אין א קליינעם הויף און פארשטעלט מיט הויכע ווענט, קיינמאָל נישט אריינגעגאַנגען. דערפאַר האָט צו אים געשיינט די זון פון עקזאַלטירנדער שעפּערישקייט...

# פּאָעט־אימפּעראַטאָר

אזא גייגעריקייט שטענדיק געווען ביי גרשונען צו סעמועל בורשטיין, וואָס מען האָט גערופן „פּאָעט־אימפּעראַטאָר“.

פאַרוואָס אימפּעראַטאָר? די מאַיעסטעטישע האַלטונג זיינע. איר האָט אים געזען אויף דער גאַס, האָט איר געמיינט עס איז א קיסר. איר האָט אים געזען צווישן די שרייבער, האָט איר געמיינט, אַז ער איז דער גרעסטער. קיינער האָט אזוי הויך נישט געקאָנט האַלטן דעם קאָפּ מיט גרויס זעלבסטווירדיקייט. און געקאָנט האָט ער האַלטן הויך דעם קאָפּ שעהן און שעהן.

גרשון האָט אים איינמאָל געזען א פאַרנאַכט אין קאַפע „ראָיאַל“, אַרויסגעגאַנגען, און מיט פּאָר שעה שפּעטער זיך אומגעקערט, ווידער אַרויס און ווידער מיט א פּאָר שעה שפּעטער זיך אומגעקערט, און יענער אין דער זעלביקער אימפּעראַטאָרישער פּאָזע ווי פריער. א רעזשיסער וואָלט מסתמא געראַטן זיין אַקטיאָר, וואָס דאַרף שפּילן די ראָל פון א געקרוינטער פּערזענלעכקייט און האַלטן הויך און מיט זעלבסטווירדע דעם קאָפּ צווישן מענטשן, אַז ער זאָל קוקן אויף סעמועל בורשטיין און זיך לערנען פון אים. און סעמועל בורשטיין אליין איז גאָר געווען א שוסטער פון פאך אלע זיינע יאָרן, און א גוטער שוסטער אויך. און אַז מען האָט אים געפרעגט: „וואָס איז אייער פאך, הער בורשטיין“? האָט ער געענטפערט מיט גרויס ווירדע: „די זעלביקע ספּעציפיקאַציאָן וואָס מאַני לייב“ (דער דיכטער מאַני לייב, ווי באַוווּסט, האָט געאַרבעט ביי שיך).

און פאַרמאָגט האָט סעמועל בורשטיין טאַקע עפּעס א קאָפּ פון א וויכטיקער פּערזענלעכקייט: א מאַסיוון, א היפּשן מיט א הויכן בלאַסן גלאַנציקן שטערן. מיט דער צייט זענען ביי אים די האָר אויסגעקראָכן, איז שוין דער גאַנצער קאָפּ געווען ווי

בלויז שטערן, מיט א קרענצל שווארצע האָר ביי די זייטן. ער האָט געשריבן פּאָעמען. געשריבן עסעיען, געשריבן דראמען, און קיין שום צייטונג אָדער זשורנאל האָט זיי נישט געוואָלט דרוקן. דערפאר האָט ער ארויסגעגעבן ביכער. ביי א זעקס ביכער ארויסגעגעבן: „אין גאָרטן פון טרוים", „פעלזן־קלאנגען", „דער טוּ־רעם פון בלויער בענקשאפט", „דער ספּעקטאקל פון די פּיראַ־מידן", „אויף די רעלסן פון אידעאַלן", „דער גאָלדענער טרי־אומף". און אפשר האָט ער ביז אהער ארויסגעגעבן נאָך ביכער. ער פאָרט ארום איבערן לאנד, קומט אָן אין א שטאָט מיט אַ יידישן ישוב, גייט פון איין יידישער קראָם צו דער צווייטער און פארקויפט זיינע ביכער. ער איז דאכט זיך אויך געווען אין מעק־סיקע. יידן, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געקויפט קיין יידיש בוך, קויפן ביי אים יאָ. מחמת זיין אימפּאזאנטער האלטונג. אָט איז א מוסטער פון זיינעם א געדיכט:

אינדיווידיום, פערזאָן, מענטש —
געדאנק און גייסט אויפגעהעלט.
ס'הערט זיך קראך פון אלץ וואָס שלעכט,
פלאם פארברענט דאָס פאלש געזיכט —
העלדן גייסט פון ווארהייט רעכט,
פעסט איז שוין דאָס וועלט געריכט.

אָט איז א מוסטער פון א צווייט ליד, וואָס הייסט:
דאָס געבורט פון לירישן גייסט.

לעבן, פריינדשאפט, ליבע, גליק,
קונסט, שיינהייט, מוזיק און לוסט.
לויטער מענטש דיין אויגן־בליק —
אויף א מענטש — מיט הערץ און ברוסט...
רוף אוים מיט דונער שטים — איך בענטש —
גייסט געקרוינטע שיינע וועלט....

ער טוט זיך א זאָג אין זיינער אן עסעי:

„דער פּאָעט אימפּעראַטאָר מאניפעסטירט זיך אין דער פּאָ־עזיע, אין דער קונסט, אין דער זעלע, און נעמט אויף דעם

מזרח, מערב, דרום, צפון — באשרייבט די העכסטע אידעאַלן פון לעבן און בארופט די מענטשהייט צום ציל און צוועק און פראָפּאַגאַנדירט דאָס הימלישע און אידעאַלע צו באשאפן אין אונדזער ווירקלעכער וועלט..."

גרשונען האָט געוווּנדערט, וואָס קיינער האָט נישט געקאָנט פון דעם פּאָעט־אימפּעראַטאָר חוזק מאכן. דאָס הייסט נישט אַיי־נער האָט זיך גענומען צו אים מיט אָפּשפּעטעריי, אָבער ס'איז גע־ווען ארויסגעוואָרפן — אז ער האָט זיך גאָרנישט באלייריקט. גע־בליבן רואיק אין זיין אָלימפּישער פּאָזע. בלויז זיינע דינע אויס־געבלאָסטע ליפּן האָבן זיך צוגעוויפּגעלייגט אין אַ מאָדנעם שמייכל. גרשון האָט קיינמאָל נישט געקאָנט אויסטייטשן דעם דאָזיקן שמייכל. צי ס'איז געווען א שמייכל פון אנטוואָפענען זיינע אָפּ־שפּעטער, צי ס'איז געווען אַ שמייכל, ווי ער וואָלט זיך גאָר אַמוזירט צוזאמען מיט זיינע אָפּשפּעטער. אויך זיינע גרויסע ברוינע אויגן־אַפּלען, ווי ארומגעשווומען אין א מין גלאנציקער פאר־שטאַרטער פליסיקייט, האָבן אויך געשמייכלט מיט דעם זעל־ביקן שמייכל.

ווען ס'איז איינגעפאלן צו פראווען א באַנקעט דעם פּאָ־עט־אימפּעראַטאָר, געדענקט נישט גרשון. וואָס ער געדענקט יאָ, איז אז ס'זענען אין קאפע „אינטרא" געווען א סך שרייבער און זוני מאָוד איז געווען דער טאָסט־מייסטער. מען האָט געהאלטן שפּאַטישע דרשות מיט הויך באַפליגלטע ווערטער אין סטיל פון דעם פּאָעט־אימפּעראַטאָר, דעם בעל שמחה. און חברה האָבן גע־לאכט. און דער בעל שמחה איז געזעסן פון אויבן אָן, געהאלטן זיין קאָפּ אינדערהויך, און זיינע דינע נאָז־פליגלען שטאָלץ צע־פּאָכעט און יעדן איינעם שפּעטנדיקן דרשה־האלטער געדריקט די האנט מיט גרויס ווירדע. דאָס הייסט באדאנקט פאר דער דרשה.

נייז, מען האָ נישט געקאָנט אָפּשפּעטן פון אים. ער האָט זיך געזען ווי א געזאלבטן פּאָעט, און אלע זיינע יאָרן געטאָן אלצ־דינג, וואָס ער האָט געקאָנט צו לעבן דאָס לעבן פון א געזאלבטן פּאָ־עט: געטראָגן א שטעקן מיט אַ קינסטלערישער גאַלקע, און א שוואַרץ באַנטיקל קינסטלעריש פארבונדן אונטערן קאָלנער פון זיין זיידן ווייס אויבער־העמד, און אָפּט געפאָרן קיין פּאַריז אויף א יאָר

אָדער צוויי. פאַרוואָס גאָר קיין פאַריז? דאָרטן איז דאָך דער מעקא פון קינסטלער פון גאָר דער וועלט. דאָרטן איז דאָך דער פאַרנאַס אַליין. און ווו האָט ער גענומען אויף הוצאות? אָפּגעאַרבעט עטלעכע יאָר ביי שוסטעריי, אָפּגעשפּאָרט געגנוג געלט און זיך אוועקגעפאָרן קיין פאַריז. און וואָס האָט ער געטאָן אין פאַריז? געגאַנגען אַלע טאָג אויפן מאָנטפּאַרנאַס, זיך געזעצט ביי א טישל אין איינער פון די קינסטלער־קאַפּייען, געהאַלטן הויך זיין גלאַנצנדיקן נאַקעטן קאָפּ און געצויגן רויך פון זיין סיגאַרעט, אַריינגעשטעקט אין אַ לאַנגן קינסטלערישן מויל־שטיק (מונדשטוק), זייער אַ פּאַרטראַכטער, ווי איינער אין טיפע מעדיטאַציעס, און אויסגעקוקט, ווי א גרויסער פּאָעט א דענקער.... מענטשן וואָס זענען דאָרטן געווען אין פאַריז האָבן אזוי דערציילט. דערציילט, אז זיין גאַנצע עובדא איז פאַריז איז צו זיצן שעהן און שעהן אין די קינסטלערישע קאַפּ״עז, האַלטן מאַיעסטעטיש זיין קאָפּ און ציען רויך פון א פּאַפּיראָס אריינגעזעצט אין א לאַנגן, לאַנגן מונדשטוק, א פאַרטראַכטער, ווי איינער אין טיפע מעדיטאַציעס.

און אין קאַפע „ראָיאַל“ און אין די קאַפעטעריעס אין גריניטש ווילעדזש איז אויך זיין איינציקע עובדא געווען אָט אזוי האַלטן הויך דעם קאָפּ, זיצן פאַרטראַכט, ווי איינער אין טיפע טראַכטונגען... גרשון האָט זיך אָפט צוגעזעצט צו אים, געוואָלט מיט אים זיך צעשמועסן. אָבער ער האָט זיך קיינמאָל נישט געלאָזט אריינציען. ער איז גאָר געווען אומצופרידן, וואָס מען שטערט אים, וואָס מען לאָזט אים נישט זיצן אָט ווי ער זיצט אין דער פּאָזע פון א גרויסן פּאָעט, א דענקער, וואָס שוועבט גאָר אין די הויכע ספערן פון זיין „לירישן גייסט“.

זוני מאָוד האָט געזאָגט, אז ווען די יידישע ליטעראַטור פאַרמאָגט נישט קיין סעמועל בורשטיין, וואָלט מיט איר עפּעס געווען דער מער, מחמת יעדע ליטעראַטור פאַרמאָגט א סעמועל בורשיין און מער ווי איינעם.... לאַמעד שאַפּיראָ האָט געזאָגט, אז יעדער איינער פון אונדז שרייבער האָט אין זיך א צוואַנציק אָדער דרייסיק פּראָצענט סעמועל בורשטיין....

# די שטענדיקע אין קאַפע „ראָיאַל“

גרשון שטעלט זיך פאָר, אז ווען קאפע „ראָיאל“ האָט זיך געשלאָסן און געוואָרן אוים, האָבן א סך מענטשן חדשים־לאנג קיין אָרט זיך נישט געקאָנט געפינען. ס'איז ביי זיי חרוב געוואָרן א לעבנס־שטייגער, איינגעשטעלט זיך פאר יאָרן און יאָרן. מען איז געוואָרן היימלאָז. גרשון שטעלט זיך אויך פאָר, אז א סך פון אזויפיל יאָרן גיין אהין טאָג איין טאָג אוים, האָבן זייערע פים שוין נישט געקאָנט זיך פארקערעווען ערגעץ אנדערש, און זיי האָבן נאָך זיך געלאָזט אהין אפילו ווען ס'איז שוין געווען גע־שלאָסן....

גרשון, אין זיינע גיו יאָרקער יאָרן, ווייסט פון אזוינע, וואָס בוכשטעבלעך אלע אָוונט האָט מען זיי דאָרטן געזען, און אז עס האָט זיך געמאכט אן אָוונט, און מען האָט עמעצן פון די שטענ־דיקע נישט געזען, איז א סימן, אז מען איז געווען קראנק, און אז ס'זענען אוועק עטלעכע אָוונטן און מען האָט דעם עמעצן נישט געזען, איז געווען א סימן, אז ס'האלט מיט אים גאָר שמאָל... און אפשר איז ער שוין גאָר געשטאָרבן.

אייניקע האָבן געהאט זייערע שטענדיקע טישלעך, נאָר ביי זייער שטענדיקן טיש האָבן זיי געקאָנט עסן זייער מאָלצייט, און אויב ס'איז געווען פארנומען דאָס טיש האָט מען גאָרנישט געקאָנט עסן ערגעץ אנדערש. מען האָט שוין געוווסט, אז מען וועט אריינגיין פארנאכט אין קאפע „ראָיאל“ וועט מען טרעפן אין דער לינקער זייט ביים פענצטער דעם דאָקטאָר איסר גינז־בורג ביי זיין שטענדיקן טיש און מיט אים זיין פרוי חיהלע. די פרוויאיש־קלוגע ליב־שמייכלענדיקע און צוציענדיקע חיהלע, עסן וועטשערע. און ווען שלום אַש איז אָנגעקומען פון אייראָפּע און

איז געגאַנגען אין קאַפע „ראָיאַל“, האָט מען שוין געוווסט, אַז ער וועט זיך זעצן ביי דר. איסר גינזבורגס טישל...

און ווען שלום אַש איז אַריינגעקומען אין קאַפע „ראָיאַל“ האָט מען פון אַלע טישלעך געקוקט אויף אים. און אַז מען האָט נישט געוווסט, אַז דאָס איז שלום אַש, האָט מען מסתמא סיי ווי געטראַכט, אַז ער איז גאָר פון די געהויבענע פערזענלעכקייטן. די גאַטור האָט אים געבענטשט מיט א געשטאַלט פון א דערהויבענעם...

דעם דאָקטאָר גיומאַן האָט מען אויך אַלע אָוונט געקאָנט טרעפן ביי א געוויס טישל לעבן דער וואַנט. א ייד מיט א ברייטער, געדיכטער גרויליכער באָרד פאַרפּאָראָשעט מיט דעם אַש פון ציגאַר וואָס ער האָט גאָרנישט אַרויסגעלאָזט פון מויל. גאַנצע נעכט איז ער דאָרטן געזעסן. און וואָס האָט ער געטאָן דאָרטן גאַנצע נעכט? אפשר געשמועסט מיט מענטשן? ניין. ער האָט אַריינגעקוקט אין א ספר. קיין אַנדער אָרט שוין נישט געפונען, וו צו לייענען, נאָר אין קאַפע „ראָיאַל“ צווישן געטומל. און וואָס האָט ער געלייענט? געטען האָט ער געלייענט אין דייטש. ער אַליין האָט אויך געערדט דייטשמעריש. אַלע לאַנגע יאָרן, ווי גרשון געדענקט אים לייענען נאָר געטען... און אַז הערמאַן גאָלד האָט זיך צו אים געטשעפּעט, האָט ער אויפגעהויבן זיין גראָבן שטעקן צו אים און אויך זיין שרייענדיק זעגנדיק קול....

און הערמאַן גאָלד אַליין, וויפל צענדליקער יאָרן האָט מען אים אין די אָוונטן געקאָנט טרעפן נאָר אין קאַפע „ראָיאַל“, און אַלע די צענדליקער יאָרן, וואָס ער איז געגאַנגען אין קאַפע „ראָיאַל“ איז זיין באַשטעלונג ביים וועיטער געווען שטענדיק בלויז קאַפע, און אין א גלאָז און מיט הויט... ער האָט אויך ליב געהאט די לאַטקעלעך, וואָס קאַפע „ראָיאַל“ איז געווען מיט זיי באַרימט, אָבער לאַטקעלעך האָט ער שוין געכאַפּט פון די טעלער ביי אַנדערע. זיין טישל איז געווען אומעטום, דאָס הייסט, ווו גאָר א שרייבער, פון די וואָס האָבן אים מקרב געווען, איז געזעסן. געוויינלעך האָט ער ליב געהאט צו זיצן ביי אברהם רייזענס אָדער ביי לאַמעד שאַפּיראָס, אָדער ביי יעקב גלאַטשטיינס אָדער ביי אַלעף כצס טישל... בלויז איין נאַכט, געדענקט גרשון, וואָס מען האָט געמיינט, אַז הערמאַן גאָלד וועט זיך שוין נישט באַווייזן,

דאָס איז געווען אין אַ גרויסן שניי־שטורעם... אָבער זייער שפּעט, כמעט ביים שליסן — אהא, דער בחור באַווייזט זיך מיט אַ הוילן קאָפּ, אײַנגאַנצן באַשנייט, מיט זיין געדיכטער פאַרפּלאָנטערטער באָרד, אויך אײַנגאַנצן באַשנייט, און אָן אַ מאַנטל. פאַרוואָס איז ער געקומען אַזוי שפּעט? עפּעס האָט געטראָפן אויף ברוקלינער בריק, טאַקע צוליבן שניי־שטורעם און זיין באַן האָט זיך פאַר־האַלטן אויף אַ פּאָר שעה....

פון די שטענדיקע באַזוכער איז געווען דער אַלטער, אָבער הויכער און פולער גרשון באַדער. צו זיין טיש האָבן זיך שריי־בער געצויגן מיט קשיות וועגן חכמת היהדות. ער איז געווען, גרשון באַדער, אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע פון יידישן וויסן... עס האָט אים הנאה געטאָן, וואָס מען קומט צו אים מיט קשיות און ער האָט גערן געענטפערט.... די נאַטור האָט אים נישט געבענטשט מיט אַזאַ אָנציִענדיקער געשטאַלט. זיין אונטערשטע ליפּ איז גע־ווען אַ רוי אַראָפּהענגענדיקע מאַסע, און אויף איין אויג איז ביי אים געווען אַ גרויסע בעלמע. אָבער די דאָזיקע נישט אָנציִענדיקע כּלי האָט אין זיך אַנטהאַלטן גאָר טייערן וויין פון יידישן וויסן, חכמה און הומאָר. מען דערציילט פון אים, ווען ער איז שוין גע־ווען אַן אַכציקער און ער מיט זיינעם אַ ידיד, אויך אַן אַכציקער, זענען געווען אויף דער לוויה פון אַ יידישן שרייבער אין די זעכציקער, האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיין ידיד מיט אַ פריילעכן וווּנק: „שרעק זיך נישט, אַלטער, ס'האַלט נאָך נישט ביי אונדז, ס'האַלט ערשט ביי די זעכציקער"...

און איינער אַ מיליאָנער איז אויך געווען אַ שטענדיקער באַ־זוכער מיט אַ שטענדיק טיש. פאַרוואָס ער האָט גראָד אַזוי ליב געהאַט קאַפע „ראָיאַל", ווו נאָר קינסטלער זענען זיך צונויפגע־קומען, ווייסט נישט גרשון. ער האָט אפנים ליב געהאַט קינסט־לער, באַזונדערס יידישע שרייבער. אַז שלום אַש איז געקומען איז ביי אים געווען אַ יום־טוב, האָט ער אים געפּאָיעט מיט שאַמ־פּאַניער און אים באַוואָרפן מיט מתנות. און ער אַליין — פיזיש האָט אויסגעקוקט, ווי די נאַטור וואָלט אים געוואָלט אָפּ־שפּעטן. דאָס איז עפּעס געווען ווי אַ נידעריק פעסל אָנגעשטאָפּט מיט פעטן גוף. אפילו די נאַקעטע ליסינע אויף זיין קאָפּ האָט זיך געפּאַלדעוועט פון פעטס. קיין האַלדז און נאַקן נישט געווען. און

אזוינע תאווהדיקע ליפּן, דיקלעכע און געקרייזלטע. די גרויע אייגעלעך, זייער קלייניקע און זייער וואכע... אָבער ער האָט ליב געהאט יידישע שרייבער, א סך געהאָלפן ארויסגעבן זייערע ביכער, געהאָלפן אויך דעם קינסטלערישן טעאטער. ער האָט אויך ליב געהאט שטאלצנע, עלעגאנטע פרויען, און אָפט איז ער ביי זיין טישל געזעסן מיט א שטאלצנער, עלעגאנטער, יונגער שיינהייט, און ס'איז געווען ווי עפּעס א שפּאָס, ווי עפּעס א צו־להכעיס דער נאטור. ער איז שוין געווען אין די זעכציקער.

און פון די שטענדיקע באזוכער איז אויך געווען גרשון אליין. ס'איז גאָרנישט געווען קיין אָוונט ער זאָל דאָרטן נישט זיין. סיידן אין די זומערס ווען ער איז געווען אין די קעמפּס. און געקומען אהינצו איז ער נישט נאָר צוליב די שרייבער, אויך צוליב די אקטיאָרן. ער האָט ליב געהאט צו זיצן ביי די טישלעך מיט די יידישע אקטיאָרן. גרשון האָט זייער געוואָלט דערגרייכן דעם טעאטער, דאָס הייסט, שרייבן פאַרן טעאטער, און זיצן מיט אַקטיאָרן האָט ער א סך געלערנט וועגן טעאטער. זיי, די אַקטיאָרן, ווען זיי האָבן גערעדט וועגן פּיעסן, וועגן ראָלן, דערציילט מעשהלעך און אנעקדאָטן וועגן אקטיאָרן אויף דער בינע, וואָס זענען געשטרויכלט געוואָרן צוליב געוויסע דיאלאָגן, האָבן אפילו נישט געוווסט, אז דאָס לערנען זיי גרשונען ווי אזוי צו שרייבן פאַרן טעאטער, אָדער בעסער געזאָגט, ווי אזוי נישט צו שרייבן.

גרשון האָט איינגעזאַפּט אין זיך, געזאַמלט טעאַטער־חכמה... אָבער ווען גרשון איז שוין רייף געוואָרן אלס טעאטער־שרייבער, האָט דער טעאטער, דער יידישער טעאטער, אָנגעהויבן צו וועלקן, איינדאַרן. און גרשון איז געבליבן מיט אַ סך קיינמאָל־נישט־אויפגעפירטע שפּילן אין זיין שופלאָד...

# טיפן פון קאַפע „ראָיאַל“...

יאָ, קאַפע „ראָיאַל“ האָט גערעדט. א גאנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאכט גערעדט, אין אָוונט אוודאי און אוודאי געווען דאָרטן מענטשן, וואָס זייער גאנצער טאלאנט איז געווען בלויז אין רעדן. קיין וואָרט נישט געקאָנט אָדער נישט געוואָלט אָנשרייבן אויפן פּאַפּיר, אָבער גערעדט, ווי זייער קלוגע עסייאיסטן, גערעדט מיט שארפע עפּיגראמען, דערציילט ראפינירטע אויס־געלאסענע וויצן, פארהוזקט דאָס משפּחה־לעבן, דעם טאָג־טעגלעכן שפּאַן, און אז עמעצער פון זייערע שטענדיקע מיטשמועסער האָט חתונה געהאט, האָבן זיי אים באטראכט פאר א שוואכלינג...

גרשון וויל דאָ דערציילן וועגן איינעם אזא, וואָס האָט געהאט א שלעכטן סוף. ער איז שטארק געפעלן געוואָרן מענטשן, דער דאָזיקער, נישט נאָר מיט זיין רעדן, נאָר אויך מיט זיין האלטן זיך, מיט זיינע דזשענטעלמענישע מאניערן, און מיט זיינע זייער שיינע קאָלירטע קראוואטן, קינסטלערישע קראוואַטן, זיינער א קראוואט האָט געקאָסט מערער אפילו פון א זיידן העמד. אזא זויבערער אין קליידונג. וואָנצעלעך אויך פארמאָגט, בלאָנדע פיין צוגעשוירענע וואָנצעלעך. קיין סך האָר אויפן קאָפּ גראָד נישט פארמאָגט.... ליב געהאט צו דערציילן וויצן. א סך פון זיי אַליין אויסגעטראַכט. קלוגע, אייגנאַרטיקע וויצן דערציילט. ס'איז אויסגעקומען, אז זיין גאנצע עובדא אין לעבן איז זיך יאָגן נאָכן קלוגן און אייגנאַרטיקן וויץ... זעענדיק אים ביי א טישל, ווי ער דערציילט פרייליכע וויצן און מענטשן לאכן, האָט גרשון זיך געוווּנדערט, וואָס אָפּט אין זיינע זייער לעבעדיקע פינקלדיקע, בלויע אויגן, לויפט דורך פון צייט צו צייט א וויסטע פארצווייפלונג, ווי פון איינעם ערב זעלבסטמאָרד. בלויז א סעקונדע אָדער צוויי האָט דאָס אָנגעהאלטן...

און ער איז טאַקע באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אַרײַנגעאָטעמט גאַז אין זײַן בחורשן אַפּאַרטמענט, איבערגעלאָזט זײַן פֿאַרמעגן צו זײַנע שוועסטער. אויסגערעכנט פּינקטלעך און גענוי, וואָס ער לאָזט איבער פֿאַר דער שוועסטער און פֿאַר יענער שוועסטער און אויפֿן סוף פֿון דער צוואה צוגעגעבן פֿאָלגנדעס: „יאָ, לאָזט מיר וויסן, וואָס איז געוואָרן מיט לינדבערגס בעיבי“ (ס׳האָט זיך דעמאָלט געקאָכט מיט דעם געקידנעפּטן קינד פֿון באַרימטן פֿליִער לינדבערג). ער איז געווען זיכער, דער זעלבסטמערדער, אַז דער לעצטער וויץ זײַנער וועט דערגרייכן קאַפּע „ראָיאַל“...

און וועגן אַ צווייטן כוח-הפּהניק, דאָס הייסט אַ גרויסן טאַלאַנט צו רעדן, וויל דאָ גרשון דערציילן, און וועגן זײַן זון פֿון די בראָנקס. זײַן זון פֿון די בראָנקס, וואָס איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר, האָט קיינמאָל נישט געזען זײַן טאַטן. ווו איז געווען זײַן טאַטע? אַוועקגעפֿאָרן אפֿשר אין אַ ווייטער שטאָט? ניין, דער טאַטע האָט געוווינט אין קאַפּע „ראָיאַל“, דאָס הייסט, איבערגעלעגן דאָרטן, און אין די בראָנקס איז ער קיינמאָל נישט געפֿאָרן... אַ מאַגנעטישע פּערזענלעכקייט געווען. געפֿעלן מענטשן איינס און צוויי, סיי מיט זײַן כוח הפּה (כוח פֿון מויל), סיי מיט זײַן אויסקוק: אַ גאָבעלע נאָז, אַ הויכער שיין געוועלבטער שטערן, געדיכטע כוואַליענדיקע אַש-ברוינע האָר, בלויליך-גרינלעכע אויגן ערלעכע אַזוינע, און אַ קול — גאָלע מוזיק, אַ וויברירנדיקער באַריטאָן אַזאַ, וואָס האָט ממש געגלעט די מענטשן, זיי אײַנגערעדט...

פֿון וואָס האָט ער געלעבט? אָדער פֿון שפּילן אין קאָרטן (אַ מײַסטער פּינאָקל-שפּילער געווען), אָדער פֿון דעם, וואָס מענטשן האָבן אים געגעבן. צוליב זײַן רעדן אַזוי שיין, אַזוי קלוג, אַזוי פּאָעטיש האָבן אים מענטשן געגעבן... ער האָט באַצויבערט מענטשן מיט זײַן רעדן, געווען אַן אָנגעלייענטער אין דער וועלט-ליטעראַטור. אָפּטמאָל זיך אַרײַנגעכאַפּט אין דער שטאָט-ביבליאָטעק אויף דער צווייאונפֿערציקסטער גאַס און זיך גוט אָנגעלייענט. איז, פֿאָרן אין דער ביבליאָטעק אויף דער צווייאונפֿערציקסטער גאַס — יאָ, אָבער צו פֿאָרן אין די בראָנקס זען זײַן זון — ניין. ער האָט אַמאָל אין זײַנע יונגע יאָרן חתונה געהאַט, אָפּגעלעבט עטלעכע חדשים מיט זײַן פֿרוי און די בראָנקס און איז

אַוועק פון איר. געוווינט אין א מעבלירטן צימער פאר דריי דאָלאַר א וואָך. ערגעץ אויף זעכצנטער גאס, און איבערגעלעגן אָדער אין קאפע „ראָיאל“, אָדער אין די סאלונען אויף דער פערצנטער גאס און אויף צווייטער עוועניו. ליב געהאט דעם טרינק. דורכן טאָג האָט ער זיך ארומגעדרייט אזא אומעטיקער, אן אויסגעלאָשענער, אן אומרואיקער. אין ליכטיקייט פון טאָג האָט ער נישט געטרונקען. געזאָגט גרשונען, אז ער שעמט זיך צו טרינקען אין ליכטיקייט פון טאָג. דערפאר אָבער, אז די זון זעצט זיך, די עלעקטרישע ליכט אויף דער פערצנטער גאס צינדן זיך אָן, און ער איז שוין אַן אָנגעטרונקענער. ווו האָט ער געקריגן געלט? אין די סאלונען אויף דער פערצנטער גאס און צווייטער עוועניו זענען געווען א סך גוטע ברידער פארמעגלעכע, וואָס האָבן מיט פארגעניגן געצאָלט פאר זיין טרינקען צוליב דעם, וואָס ער האָט אזוי שיין גערעדט. מיט אינספיראציע, מיט עקזאלטאציע האָט ער גערעדט (פארשטייט זיך, ווען ער איז געווען אָנגעטרונקען). יעדן מיטטרינקער זיינעם האָט ער דערהויבן מיט זיין רעדן צו דער מדרגה פון א פרינץ, א קעניג. יעדן שוואכלינג, וואָס איז אים אין לעבן נישט גוט געגאנגען, און ער איז געווען זיין מיטטרינקער, האָט ער שטארק געמאכט, אים געמאכט פילן, אז ער איז אַן אויסערגעוויינלעכער מענטש. אַי, די וועלט אָנערקענט אים נישט, איז ווייל די וועלט אָנערקענט קיינמאָל נישט די באמת שיינע נשמות, האָט ער זיי איינגעשמועסט. אזוי האָט ער פשוט רואינירט א יונגן מאָלער, וואָס איז באלד, באלד געוואָרן א נאָמען אין דער קונסט פון מאָלעריי. דער דאָזיקער מאָלער האָט געליטן פון א געוואלדיקן מינדערוויכטיקייט=קאָמפלעקס. אָפט אריינגעפאַלן אין אַ מרה שחורה, און ער, דער דאָזיקער מיט דעם כוח הפה, האָט אים אַריינגעבלאָזן כוח און א געפיל פון אייבערשטקייט. דער דאָזיקער מאָלער האָט אים פשוט געדארפט האָבן יעדן טאָג, יענער זאָל אים געבן כוח, קוראזש צום לעבן. אין די סאלונען ביים טרינקען איין גלעזל נאָכן אנדערן, האָט ער אים געגעבן כוח און קוראזש צום לעבן און אים געמאכט פאר א כראָנישן אַלקאָהאָליקער.

האָט דער דאָזיקער שיין=רעדנער אמאָל געטראכט וועגן זיין זון אין די בראָנקס, וואָס האָט זיכער אָפט געפרעגט זיין מאַמען,

ווו איז זיין טאטע, און די מאמע האָט אים מסתמא געענטפערט, אז ער איז פארפאלן געוואָרן און ווייסט נישט ווו ער איז? זי האָט גוט געוווסט, אז זיין טאטן קאָן מען זייער לייכט געפינען אין קאַפע „ראָיאַל“, אָדער אין די סאַלונען אויף צווייטער עוועניו, אָדער פערצנטער גאס... סוף כל סוף ווען דער זון איז עלטער געוואָרן, האָט זי אים דערציילט פון זיין טאטן, אז מען קאָן אים געפינען אין קאַפע „ראָיאַל“. און דער זון איז טאַקע אַוועק אין קאפע „ראָיאל“. דער טאטע איז געווען פארנומען דעמלט אין אונטערשטן צימער בייא פינאָקל־שפיל, ווי ס׳קומט צו אים דער הויטער און זאָגט אים, אז זיין זון פרעגט זיך נאָך אויף אים. יאָ, זיין זון פרעגט זיך נאָך אויף אים, א הויכער דארער בחור מיט צעשראָקענע גרינלעך־בלוילעכע אויגן, מיט א נאָבעלער נאָז פונקט ווי ביי זיין טאטן... זעצן זיי זיך ביידע ביי א טישל, און עס זענען נאָך קיינמאָל נישט געזעסן אזוי צוויי פרעמדע מענטשן ביי אַ טישל... און דער טאטע — ווי ער האָט געקאָנט ארויסווייזן אזוי פיל ווארעמקייט און הארציקייט צו זיינע מיטטרינקער, האָט ער דעם זון קיין פונק ווארעמקייט נישט געקאָנט ארויסווייזן. עפעס ווי א צעשראָקענער פויגל איז ער געזעסן, דער טאטע, געקיקט אויפן זון און נישט געוווסט, וואָס אים צו זאָגן. דער זון האָט אויך נישט געוווסט, וואָס אים צו זאָגן..

דער זון איז אָבער שוין קיינמאָל נישט געקומען זען זיין טאטן... און דער טאטע דעם זעלביקן אויפדערנאכט נאָך דער זעאונג, האָט גערעדט אַן אינספירירטער, אַן עקזאַלטירטער צו זיין מיטטרינקער דעם מאָלער ערגעץ אין א סאלון אויף דער פערצנטער גאס... אזא הארציקייט און ווארעמקייט האָט זיך געגאָסן פון אים צו זיין מיטטרינקער....

## מען עסט און מען רעדט אין קאַפע „ראָיאַל״...

קאַפע „ראָיאַל״ האָט גערעדט. א גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט גערעדט. פאַרנאַכט, צום אָוונט־מאָלצייט — אוודאי און אוודאי. דעמלט איז דאָס אָרט געווען געפּאַקט. אַלע זויבער וויים־געדעקטע טישלעך פאַרנומען, מ׳עסט און מ׳רעדט. און די זיך דרייענדיקע טיר האַלט אין איין גיין הקפות און מענטשן קומען, קומען... און נישט נאָר שרייבער, אַקטיאָרן, מוזיקער, נאָר אויך אַזוינע, וואָס האָבן גאָרנישט קיין שום שייכות נישט צום שרייבן, נישט צו טעאַטער. און קומען, קומען זיי אויך אַהער רעדן, עסן און רעדן... ס׳קומען אָבער אויך אַזוינע נאָר הערן — עסן און הערן. און הערן האָט מען דאָ געקאָנט רייד פון שייגער חכמה און טיפן שאַרפזין, וואָס האָבן דערהויבן דעם מענטשן. און הערן האָט מען אויך דאָ געקאָנט רייד פון אַן אַנדער מין חכ־מה, אַן אַנדערן מין שאַרפזין, וואָס האָבן אַראָפּגעוואָרפן דעם מענטשן, אים מיאוס געמאַכט. אַזויפיל ציניקער, מבטל־מאַכער אין קאַפע „ראָיאַל״, קלוגע ציניקער, שאַרפזיניקע ציניקער, און אַלץ אַזוינע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין שום שייכות נישט מיט שרייבן און נישט מיט טעאַטער.

גרשון האָט אָבער חושד געווען, אַז זיי האָבן ערגעץ יאָ גע־האַט אַ שייכות, אַז זיי האָבן אפשר אַמאָל געחלומט צו ווערן שרייבער אָדער אַקטיאָרן און זיי זענען דאָס קיינמאָל נישט גע־וואָרן. און אפשר האָבן זיי יאָ אַמאָל אין די יונגע יאָרן ערגעץ אָפּגעדרוקט אַ ליד, אָדער אַן עסיי. און דער קוואַל פון שעפערייש־קייט איז ביי זיי פאַרשטאָפּט געוואָרן....

און ווי גרויס זיי האָבן זיך געהאַלטן די מבטל־מאַכער און די אָפּלאַכער, און געקוקט אויף דיר מיט אַזאַ טריפהנעם שמייכל, אַ שמייכל, אָט באַלד וועט ער פון דיר אָפּלאַכן, דיר צוניסט

מאַכן. גרשון האָט מורא געהאט פאר אזוינע חברה. אויסגעמיטן צו זיצן מיט זיי ביי איין טיש... און פאר וועלכע מעשים טובים אזא גאווה אין זיי? אמת, זיי האָבן געטראָגן זייער שיינע קינסטלערישע שניפּסן, און דיר געקאָנט אויסרעכענען אַלע אָפּערעס, און דיר געקאָנט ציטירן שאָפּענהאוערן און ניטשען, און געגעסן מיט שיינע מאַניערן... און כמעט אלע די דאָזיקע מבטל־מאכער און ציניקער זענען געווען און פארבליבן אלטע בחורים. און אפשר זענען אייניקע געווען אמאָל פארהייראט און זיך צעגאנגען...

געווען אין קאפע „ראָיאל" א מיטליאָריקער וועיטער, פעיטשע האָט מען אים גערופן. אַן אונגארישער א הויכער, א בייגערדיקער מיט א לענגלעך פּנים, מיט הויכע באַקן־ביינער, מיט ערלעכע און וואַכע גרויע אויגן, מיט א ווארעם מענערש קול, און אַלע האָבן געוואָלט עסן נאָר ביי די טישלעך, וו ער האָט באדינט. סיי די מבטל־מאַכער, סיי די ציניקער, סיי אנדערע. ער האָט קיינעם נישט געחנפעט, בכלל ווייניק גערעדט. ס'האָט געשטראָמט פון אים מיט זויבערקייט, פריינדלעכקייט, ווילקייט. מען האָט געפילט, אַז עס טוט אים הנאה, וואָס מ'עסט געשמאַק דאָס מאַכל, וואָס ער האָט דערלאנגט. ס'האָט זיך טאָקע געגעסן געשמאַק ווען ער האָט דערלאנגט. ווי האָט געזאָגט לאמעד שאפּיראָ אויף אים: „א טאַטע". טאַקע פארמאָגט א טאטעש קול אזא, און טאטעשע אויגן. און אויב נישט א מאמע זאָל דערלאנגען דאָס עסן, איז כאָטש א טאטע. און ס'זענען געווען דאָרטן א סך אזוינע, באזונדערס צווישן די עלטערע בחורים, וואָס האָבן נישט געקאָנט עסן זייער מאָלצייט, סיידן אין קאפע „ראָיאל", און סיידן פעיטשע זאָל זיי באַדינען. גרשון איז אליין געווען אייגער פון די...

יאָ, קאפע „ראָיאל" האָט גערעדט, א גאנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאכט — נאָר גערעדט, געגעסן און גערעדט און גערעדט... אָבער ס'זענען אויך געווען אזוינע, וואָס זענען געקומען הערן. און גרשון וויל טאקע דאָ דערציילן וועגן איינעם, אזא, וואָס איז אהערצו געקומען הערן. ער האָט זיך זעלטן אָנגערופן מיט א וואָרט, אָבער זיינע ערלעכע, פערלמוטערנע גרויע אויגן האָבן זיך אָנגערופן. דאָס הייסט זיי זענען זיך צעלאָפן, געוואָרן גרויס מיט חידוש פון א קלוג וואָרט, וואָס איז ארויסגעזאָגט געוואָרן פון עמעצן א שרייבער.

גרשון געדענקט נישט זיין נאָמען. וואָס ער געדענקט יאָ איז, אז ער האָט שטענדיק געהאַלטן דעם קאָפּ אין א זייט, ווי דער האַלדז וואָלט אים געווען קרום. גרשון געדענקט אויך, אַז ער האָט פאַרמאָגט פילבארע ליפּן, און זיי האָבן געקאָנט זייער אומעטיק ווערן, ווען ביי דעם טישל, וו ער איז געזעסן האָט מען זיך גע־קריגט און זיך אראָפּגעריסן איינער דעם אנדערן...

געוויינט האָט ער אין דער ווייטער בראָנקס, געארבעט אין א שאפּ, ביי וואָס, געדענקט ווידער נישט גרשון. אָבער אלע פאַר־נאַכט נאָך דער ארבעט, ווי ער איז דאָ. אלע פארנאכט, אלע פאַר־נאכט... ער האָט פון א סך שרייבער געהאַלטן, דאָס הייסט פון זייערע ווערק, און פון א סך שרייבער נישט געהאַלטן, אָבער ער האָט זיך קיינמאָל נישט ארויסגעזאָגט. מ'האָט שוין אָבער דער־קענט אין זיינע אויגן, אָדער זיי האָבן געקוקט מיט ליכטיקייט אויף א געווויסן שרייבער, אָדער זיי האָבן אינגאנצן נישט געקוקט. וואָס דאָס איז געווען אַ סימן, אַז ער איז גלייכגילטיק צו יענעמס ווערק... אָנגעהויבן צו קומען צווישן שרייבער, זיך זעצן ביי זיי־ערע טישלעך און הערן, האָט ער נאָך אין קאפע „אייראָפּע" און אז קאפע „אייראָפּע" האָט זיך פארמאכט, איז ער איבערגעגאנ־גען אין קאפע „ראָיאל"...

מיט אמאָל, און דער דאָזיגער שוויַיגער, אָדער זייער גוטער הערער, איז נישטאָ. ס'גייט אוועק א צייט און ער איז נישטאָ. האָט מען זיך שוין געזאָרגט, אפשר קראַנק. ער איז דאָך געקו־מען אלע פארנאכט, אָבער דאנקען גאָט, ער איז נישט קראַנק. ער האָט גאָר חתונה געהאט האָט מען זיך דערוווסט... חתונה געהאט מיינט שוין, אז קאפע „ראָיאל" האָט אים פארלוירן, סיידן אמאָל, אמאָל וועט ער זיך ארייניאַוועו פארבענקענדיק זיך נאָך זיינע בחורשע יאָרן. סיידן ער וועט נישט זיין גליקלעך אין זיין פארהייראטן לעבן, זיך צעגיין און ווידער ווערן א שטענדיקער ארייננגייער אין קאפע „ראָיאל"... און דער דאָזיקער האָט פשוט אויסגעפעלט. קיינער האָט נישט געקאָנט אזוי שיין און קלוג הערן, ווי ער. די שרייבער פון וועלכע ער האָט געהאַלטן און געקוקט אויף זיי מיט ליכטיקייט, האָט ער אוודאי און אוודאי אויסגעפעלט....

אָבער איינמאָל א פארנאכט — און ער האָט זיך ווידער באַוויזן, און נישט איינער אליין, נאָר מיט זיין יונג ווייבל. ער האָט זי אויך געמאכט פאר א הערערין, און זייער א גוטע הערערין. האלטנדיק זיך פארליבט ביי די הענט זענען זיי ביידע געזעסן ביי א טישל און זיך צוגעהערט צו די קלוגע רייד פון די שרייבער, וואָס האָבן מיט נאָך מערער דערהויבנקייט גערעדט. א פולבלעכע איז זי געווען, א זאפטיקע מיט באַגערנדיקע פארנעפלטע שוואַרצע אויגן...

יאָ, ביי די הענט האָבן זיי זיך געהאלטן און זיך אָפט איבערגעקוקט איינער מיטן אנדערן מיט געטריישאפט און מיט כוד... זיי האָבן נישט געגעסן אין קאפע „ראָיאל“. אָפגעגעסן הפּנים פריער אין דער היים, און נאָכדעם געקומען אין קאפע „ראָיאל“ נאָך זייער גייסטיקער שפייז... א היפשע צייט געדענקט גרשון, איז דאָס דאָזיקע פארליבטע פאָרל געקומען אין קאפע „ראָיאל“ און דערנאָך האָבן זיי אויפגעהערט. טאקע אינגאנצן אויפגעהערט... מען האָט זיך דערוווסט, אז זי האָט אים געבוירן א צווילינג, און קומען אלע פיר, דאָס הייסט מיטן צווילינג, איז שוין נישט אזוי באַקוועם.....

# אויפֿן דנאָ

ס'איז געווען אויף צווייטער עווענו אן אנדערע קאפע, וואָס מען האָט גערופֿן „דעם אָרעמאַנס קאפע „ראַיאל“, אָדער, ווי אַנ־דערע האָבן דאָס גערופֿן „נא דניע“ — אויפֿן דנאָ.

ס'איז געווען א ביסל איבערגעטריבן. ס'איז נישט געווען דאָרטן ביי די יידישע שרייבער און אַקטיאָרן, די אָפּטע אריינ־גייער אַהין, די ווייסטע פאַרצווייפלונג און די האָפענונגסלאָזיקייט, ווי ביי די העלדן אין מאקסים גאָרקים דראמע „נאַ דניע“, אָבער אין פארגלייך מיט דער עלעגאַנץ, ליכטיקייט און ערשט־קלאַסישער אויסשטאטונג אין קאַפע „ראַיאל“, איז דאָס געווען, ווי אראָפּ־לאָזן זיך אין אַ קעלער. ס'איז טאקע געווען ווי אין א קעלער, מען האָט געדארפט אראָפּנידערן אהין פון דער גאס מיט עטלעכע טרעפלעך.

אויף דער צווייטער עווענו, איין בלאָק פון 14־טער גאַס האָט זיך געפונען דאָס דאָזיקע פלאַץ און די באַלעבאַטים זענען געווען צוויי ברידער. איינער האָט געהייסן משה, א נידעריקער, מיט פלוטעוואַטע, גרויע, וואַכע אויגן און דער גאנצער גרויסער קאָפּ זיינער אָן א האָרעלע, גלאַט ווי ביי אַן איי. און א בויך האָט ער געהאַט, ווי ביי א פרוי אין די הויכע חדשים. א טרעל־בויך וואָלט מען אים גערופן אין בערשאַד. און ווי שווער און אָנגעפּאַקט ער איז געווען, האָט ער געקאָנט באַווייזן א קונץ זיך פלינק א שטעל טאָן אויפן קאָפּ און שאָקלען אין דער הויך מיט זיינע קלעצלדיקע פיס.

דעם נאָמען פון צווייטן ברודער געדענקט נישט גרשון. אויך נישט קיין באַזונדערס הויכער, אויך נישט קיין מאָגערער, מיט א ברענענדיק־שווארצער געדיכטער שעוועליורע האָר, מיט טיף־ברוי־נע מאַנדל־אויגן, מיט א געדיכטער רייך מאָדולירטער. שטימע. יידי־

שע אַקטיאָרן וואָס שפּילן אויף דער בינע ראָלן פון גוטן „פאַטער"
אָדער דעם ווילטעטיקן אָנקל, רעדן מיט אַזוינע שטימען. ער איז
אפשר טאקע אַמאָל געווען א יידישער אקטיאָר, געזען אז ער
מאַכט נישט קיין לעבן פון דעם, האָט ער זיך געעפנט מיטן ברו=
דער אַ רעסטאָראַנדל. צי איז ער אַמאָל געווען אַן אַקטיאָר, צי
נישט — אָבער ביי אים איז געווען דאָס לעבן צו רעדן וועגן
יידישן טעאטער. געווען געוואלדיק פארקאָכט אין יידישן טעאטער.
דער יינגערער ברודער, משה, איז געווען פארקאָכט אין בעיסבאָל.
ביי אים איז געווען דאָס לעבן צו רעדן וועגן בעיסבאָל. ער האָט
אָבער נישט געהאט קיין סך מענטשן אין דעם דאָזיקן רעסטאָ=
ראַנדל צו רעדן וועגן „בעיסבאָל", אחוץ דעם יידישן בריוו=טרע=
גער, אַ יונגער שיינער בחור, און נאָך איינעם אַ יוגנט=חבר זיי=
נער, וואָס פלעגן אָפט אריינקומען אין דעם דאָזיקן פלאַץ.

דער עלטערער ברודער האָט שוין יאָ געהאט מיט וועמען
צו רעדן וועגן יידישן טעאטער. יידישע אקטיאָרן זענען דאָ אי=
בערגעלעגן טאָג און נאַכט, פאַרשטייט זיך, נישט אַ לעבעדיעוו,
נישט א מיכאָלעסקאָ, נישט א דזשעיקאָבסאָן, און נישט א מאָ=
ריס שווארץ. אריינגעגאנגען אהין זענען די געקריוודעטע, די גע=
פאלענע, די דערשלאָגענע — סיי אקטיאָרן און סיי שרייבער. דער
עלטערער ברודער מיט דער גלעטנדיקער רייך=מאָדולירטער שטי=
מע איז געווען א טאטע צו אלע געקריוודעטע, געפאלענע און גע=
שלאָגענע. אחוץ זיי באָרגן מאָלצייטן האָט ער אויך געקאָנט זייער
שיין רעדן צו זיי, טרייסטן זיי און דערמוטיקן. ער האָט אויך גע=
קאָנט זייער שיין זיי אויסהערן, און אויסהערן זיי איז א סך געווען
וויכטיקער, ווי רעדן צו זיי.

ס'זענען אויך אריינגעקומען אהין געוועזענע, דאָס הייסט
אַזוינע, וואָס זענען אמאָל געווען זייער פּאָפּולערע אקטיאָרן, אָבער
איצט — אלט, שוואך, הייזעריק, שוין נישט געקאָנט א טאנץ טאָ=
פּארן עולם מיט ברען; שוין נישט געקאָנט א זינג טאָן פארן עולם
מיט פייער. די דאָזיקע האָבן געזוכט וויליקע אויערן צו דערציילן
וועגן זייער אמאָליקער גרויסקייט, און אין עלטערן ברודער האָבן
זיי שטענדיק געפונען אויערן. צו די דאָזיקע איז ער געווען וואַ=
רעמער, ווי צו די אנדערע, מחמת ער האָט זיי נישט איינמאָל גע=
זען שפּילן אין די אמאָליקע יאָרן... צוליב די דאָזיקע, די געווע=

זענען האָט ער אָפּטמאָל אינמיטן טאָג געמוזט אוועקגיין פון זיין רעסטאָראַנדל אויף א פּאָר שעה. דאָס איז ער געגאַנגען מבקר־חולה זיין איינעם פון די דאָזיגע געוועזענע אין זייער אָפּגעקראָכע־נעם וויסטן עלנטן צימער ערגעץ אין א פינפט־קלאַסיקן האָטעל, צי גאָר א צרקה־האָספּיטאָל. די געוועזענע האָבן אָפט געקרענקט. צווישן די געוועזענע זענען אויך געווען אָפטע לוויות, און ער איז אויף זייערע לוויות אויך געגאַנגען און זיך אומגעקערט צו זיין רעסטאָראַנדל און זיך געוואַשן די הענט, ווי דער מנהג איז, ווען מען קערט זיך אום פון א לוויה...

און האָס דאָזיקע רעסטאָראַנדל איז גאָר גיכער געווען א שפּייז־קראָם, א גראָסערי, מען האָט דאָרטן פאַרקויפט אלצדינג, וואָס מען פאַרקויפט אין א שפּייז־קראָם, אָבער ביי די פיר־פינף טישלעך, נאַקעטע, מאַרמאָרענע טישלעך האָט מען געקאָנט זיך אנידערזעצן און עסן א זופּ, אָדער א פּאָר געקאָכטע אייער און פּאַרטרינקען מיט קאַפע. אין די פריטיק־צונאַכטס האָט מען דאָרטן געקאָנט קריגן געקאָכטן קאַרפּ. משה מיטן גרויסן בויך איז דאָס געווען דער קוכער. א סך פעפער אריינגעטאָן אין דעם דאָזיקן געקאָכטן קאַרפּ, און ס'האָט שטענדיק אויסגענומען ביי די שטענדיקע אריינגייער...

גרשון האָט אָנגעהויבן אהינצו אָפּטער צו קומען, ווען ער זיך אויך דערפילט געפאַלן און געשלאָגן. און געפאַלן און געשלאָגן האָט ער זיך דערפילט, ווען ס'האָט פּלוצלינג זיך אָפּגעטאָן פון אים דער כוח פון שרייבן. אזא פּרוכטבאַרער שטענדיק געווען. ער האָט זיך נאָר געהאַרפּט אנידערזעצן ביים טיש און דערזען ווייס פּאַפּיר, ווי ס'האָט זיך געשריבן. און דאָ מיטאמאָל האָט ער זיך דערפילט אויסגעטריקנט, נישט נאָר א טאָג, אָדער צוויי, אָדער א וואָך, גאָר פשוט חדשים זענען אוועקגעגאַנגען... און אָן שרייבן איז שוין נישטאָ ביי אים די פרייד פון לעבן... האָט ער זיך דעמלט שאַרק דערשראָקן, אז ס'האָט ביי אים אויסגעטריקנט איינגאַנצן דער קוואַל... דעמלט האָט ער זיך פשוט געשעמט אריינצוגיין אין קאַפע „ראָיאַל“, אָדער אין אַנדערע ערטער, וווּ ס'האָבן זיך צו־נויפגענומען אקטיוו שעפערישע מענטשן. אים איז שוין געווען ג'האַר צווישן די געפאַלענע, געשלאָגענע און געקריוודעטע...

ער האָט גאָר אָנגעהויבן צו געמבלען, גרשון. די לעצטע ניקלס פֿארשפּילט אויף דער מאשין. ס'איז דאָרטן געשטאנען אין רע־סטאָראנדל א מאשין, וואָס ווען מען טוט א צי אזא הענטל, הייבט אָן צו לויפֿן א מעטאלן קייקעלע איבער א ברעט מיט נומערן, וואָס צינדן זיך אין קאָלירטע ליכט. אויב דאָס קייקעלע טרעפֿט אין זיי. פֿאר א ניקל קאָן מען שפּילן מיט פֿינף קייקעלעך און אז מען טרעפֿט מיט זיי אין אזוי פֿיל און אזוי פֿיל נומערן קאָן מען געווי־נען צען אָדער צוואנציק סענט און אמאָל גאנצע צוויי דאָלאר. געווונען האָט אָבער שטענדיק די מאַשין און נישט גרשון. ער האָט אזש דאָס לעצטע, וואָס ער האָט פֿארמאָגט פֿארשפּילט אויף דער דאָ־זיקער מאשין.... מענטשן, וואָס זענען ארייננגעגאנגען יענע צייטן אין דער דאָזיקער קאפֿע. געדענקען מסתמא, ווי זיי האָבן שטענ־דיק געטראָפֿן גרשונען ביי דער מאשין, ווי עפּעס א מאניאק... איינמאָל א שבת, געדענקט גרשון, איז ער אָפּגעשטאנען פֿאר דער דאָזיקער ביטרע־געמאכטער און זייער פֿינקלעך־מאטעמאטיש אויסגערעכנטער שפּיל־מאשין, גאנצע אכט שטונדן...

אויסגעניכטערט האָט אים לאמעד שאפּיראָ, ער, וואָס האָט קיינמאָל נישט ארייננגעשמעקט אין דעם דאָזיקן פּלאַץ, האָט זיך פּלוצלונג געיאווועט, פּונקט דעמלט, ווען גרשון איינגאנצן א פֿאר־טאָגענער, האָט געמוטשעט די מאשין, אָדער בעסער געזאָגט, די מאשין האָט אים געמוטשעט. גרשון איז חושד, אז עמעצער פֿון די שרייבער האָט דערציילט לאמעד שאפּיראָן וועגן אים, ווי ער ברענט זיך אויס נאריש. ער האָט גאָרנישט געזאָגט, לאמער שאַ־פּיראָ, נאָר א קוק געטאָן אויף אונדזער בחור מיט זיינע זייער שארפֿע קלוגע אויגן; נאָר א שאָקל געטאָן מיט באדויערן זיין קאָפּ און אונדזער געמבלער האָט זיך פֿארשעמט, און אויפֿגע־הערט צו שפּילן. און אויפֿגעהערט אויף שטענדיק...

# אין אַ רעגנדיקער נאַכט

פאַרוואָס האָט זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין גרשונס זכרון דאָס דאָזיקע פּלאַץ „גאַ הניע“, ווי מען האָט דאָס גערופֿן גראָד אין אַ רעגנדיקן פֿאַרנאַכט?

ס'האָט געגאָסן ווי מיט צעבערס אויף צווייטער עווענין. דורך די צוויי פֿענצטער האָט מען געזען, ווי ס'איילן זיך אַ סך פֿיס מיט דורכגענעצטע הויזן. מער ווי פֿיס האָט מען טאַקע נישט געזען, ווייל ס'איז געווען ווי דערמאָנט אין אַ פֿריערדיקן קאַפּיטל, ווי אין אַ קעלער. און אינעווייניק אין דעם סאָרט קעלער חצי-רעסטאָראַנדל, חצי-גראָסערי, ביי די פֿיר אָדער פֿינף נאַקעטע מאַרמאָרענע טישלעך זענען געזעסן די שטענדיקע אַריינגייער און געגעסן וועטשערע. און די שטענדיקע אַריינגייער, ס'רוב יידישע אַקטיאָרן, וואָלטן ליבערשט געזעסן אין דער גרעסערער ליכטיקער קאַפֿע „ראָיאַל“ מיט די זויבער ווייסע באַדעקטע טישלעך, אָבער דאָרטן קאָסט צו טייער אַ מאָלצייט, און דאָרטן וועט מען אויף זיי, נישט-דערגאַנגענע, קוקן פֿון אויבן אַראָפּ. דאָ איז מען אָח לצרה, פֿילט מען זיך היימיש איינער מיטן אַנדערן. און זיי זיצן ביי די טישלעך און עסן וועטשערע, ווער — אַ שטיקל הערינג מיט ציבעלע, מיט אַ פּאָר רעפּטלעך טאָמעיטאָ, אַ פּאָר שוואַרצע אָליווס; ווער — נאָר פּאָמפּערניקל-ברויט מיט פּוטער, פֿאַרטרינקען מיט זיסער טיי; און ווער — אַ טעלער זופּ אַרויסגענומען פֿון אַ קענדל און דערוואַרעמט אויפֿן אייוועלע, פֿון דעם קורצן פֿליכעוואַטן משהן אין אַ ווייסן פֿאַרטעך איבער זיין זייער דיקן בויך.

אָט האָט זיך געעפֿנט די טיר און פֿון רעגן האָט זיך אַריינגעכאַפּט דער אויסגעדאַרטער, לונגען-קראַנקער רוסישער אַקטיאָר, וואָס האָט זיך גלייך צוגעכאַפּט צו דער געמבלינג-מאַשין, האַלט

אין איין וואַרפן ניקלס און האַלט אין איין הוסטן. דער רוסישער אַקטיאָר איז גראָד א ייד. ער האָט אמאָל געשפילט טעאַטער אין אַמעריקע אין א רוסישער טרופּע. יאָרן און יאָרן אז ער שפּילט שוין נישט. ווי אזוי=זשע לעבט ער? איינמאָל א יאָר מאַכט ער זיך א בענעפיס און ס׳טרעטן ארויס אויף זיין אָוונט אלע רוסישע אַקטיאָרן פון די אמאָליקע, וואָס געפינען זיך אין ניו=יאָרק, אויך רוסישע זינגער, גיטאַרע= און באַלאַלאַיקע=שפּילער און עפּעס בלייבט שוין איבער פּרנסה...

און אָט האָט זיך אריינגעכאַפּט אינגאַנצן א פאַרנעצטער מאַיר פון די שנאָרערס מיט א לאַכנדיק פּנים. און מאַיר פון די שנאָרערס האָט מען גערן ביי יעדן טיש. ס׳איז פריילעך מיט מאַירן ביי א טיש. און מאַיר כאַפּט זיך אהער אריין זייער אָפּט. אויף זיין וועג צו קאַפע „ראָיאַל“ כאַפּט ער זיך אריין. עסט אָפּ א מאָלצייט וואָס איז דאָ זייער ביליק און ערשט דערנאָכדעם לאָזט ער זיך אין קאַפע „ראָיאַל“. לאַכט דער גאַנצער טיש, ווו מאַיר פון די שנאָרערס זיצט, עסט געמאַרינירטן הערינג און זאָגט וויצן...

און די זייער טאַלאַנטפולע אַרטעף=שוישפּילערין, די בלאָנדהאָריקע ליובא אייזענבערג איז אויך דאָ דאָ. זי וווינט טאַקע נישט וויַיט. באַלד באַלד אויף דרייצנטער גאַס.. קומט זי שוין אהער זייער אָפּט. אלע האָבן זי דאָ ליב, מחמת זי איז אי א גוטע, אי א פריילעכע. זי פאַרמאָגט ליכטיק=בלויע אויגן און א לאַשטשענדיקע מאַמעשע שטימע, און האָט שטענדיק ליב צו זיצן דאָ אין קעלער גראָד ביים טישל פון די פרויען=האַסער. און די פרויען=האַסער האָבן אויך ליב צו זיצן מיט איר.

א גרופּע פון א פינף עלטערע בחורים האָבן זיך אהערצו פאַרנאַדזשעט און געוואָרן פון די שטענדיקע אריינגייער. אלע זענען שוין וויַיט אריבער די דרייסיקער. זיי זענען גראָד נישט פון די אַקטיאָרן. זיי זענען שאַפּ=אַרבעטער און האָבן געשווירן אײנער פאַרן אנדערן קיינמאָל נישט חתונה האָבן. דער וואָרטזאָגער זייערער איז א האָרבאַטער, אָבער א קרעפּטיקער אזא מיט בייזע גרויע אויגן און פרויען זענען ביי אים וואָס אין דער קאָרט, אָבער גראָד דער דאָזיקער האָרבאַטער האָט מיט א פּאָר יאָר שפּעטער

דער ערשטער פאראטן זיין קלוב פון פרויען־האסער, און חתונה געהאט און פאר א שיינער פרוי חתונה געהאט.

„באָטשיקלער“, רופט זיי ליובא אייזענבערג די דאָזיקע פרויען־האַסער און האָט ליב זיי צו קיבעצן און זיי לאָזן זיך גערן קיבעצן פון איר.

דער הויפט־אינטערעס פון די דאָזיקע „באָטשיקעס“ איז מוזיק. גייען אלע אָפט צוזאמען אויף קאָנצערטן אין קארנעגי־האָל, אין טאון האָל, אין לואיסאָן סטאדיום און אין די רעגנדיקע נעכט ברענגען זיי אין קעלער א ראדיאָ, שטעלן אָן א מוזיק־סטאציע און מען הערט זיך איין צו דער מוזיק. אין דעם גרויסן טומל און טאראראם ארום....

און אָט קומט אריין מיט א נאסן שירעם און אין קאַלאָשן, דער גאָר־גאָר טאלאנטפולער אַקטיאָר עליע מינץ.

עליע מינץ, א לייבלעכער ברודער פון לודוויג זאץ, איז יענע יאָרן געווען פון די געקריוודעטע. אפילו אין דער יידישער אַקטיאָרן־יוניאָן האָט מען אים דעמלט נישט געוואָלט אריינעמען. און זיין בארימטער ברודער האָט גאָרנישט געטאָן אין דער יוניאָן. פארוואָס? האָט גרשון פארגעסן דעם אמתן ריכטיקן פארוואָס. וואָס גרשון ווייסט יאָ, אז אפילו זיינע אייגענע קינדער האָט לודוויג אויך נישט דערלאָזט צו א בינע־קאריערע.

גרשון האָט ליב געהאט צו פארברענגען מיט עליע מינץ. א מאגנעטיש קול פארמאָגט פונקט ווי ביי זיין גרויסן ברודער, און א מאגנעטישן שמייכל אויף זיינע רויטע, פילבארע ליפּן. און א מאגנעטישן בליק אין זיינע ליכטיקע תמימותדיקע ברוינע אויגן. געווען א בלאָנדלעכער מיט ברוינע אויגן. זיך אָפט ארומגעטראָגן מיט שלום־עליכמס א בוך און גראָד צווישן גרויסן טומל דאָ, זיך געקאָנט אוועקזעצן מיט גרשונען און אים פאָרלייענען א קאפּיטל פון „מאָטל פייסי דעם חזנס“. און דאָס איז געווען א זעלטענער כּיבוד פאר גרשונען. אזא וווּנדערבארן פאָרלייענען מאָטל פייסי דעם חזנס האָט גרשון נאָך ביז היינט צו טאָג נישט געהערט... שפּעטער מיט יאָרן האָט אים גרשון געזען שפּילן „סענדערל די יידענע“ פון מענדעלע מוכר־ספרימס „מסעות בנימין השלישי“, איז דאָס געווען א סענדערל — אן אוניווערסאלער סענדערל, „סענדערל די יידענע“ ביי יעדן פאָלק.

און דאָ אויפן סאמע דנאָ, דאכט זיך אלע גרויסע שלימזלניקעס, אָבער עס געפינט זיך צווישן זיי נאָך א גרעסערער שלימזלניק און אלע שפעטן אָפּ פון אים. דער גרעסטער שלימזלניק איז דאָ א בחור פון א יאָר דרייסיק מיט א קרומען האלדז, מיט גרויסע ארויסשטארטשענדיקע גרויע אויגן, און שטענדיק בייזע, און בייזע זענען זיי, ווייל אלע לאכן אָפּ פון אים. דער דאָזיקער שפילט זעלטן אויף דער בינע, און ווען ער שפילט יאָ, איז עס די ראָל פון א דינער מיט צען אָדער צוועלף ווערטער, און כדי צו שטיין לענגער אויף דער בינע, ציט ער אויס יעדעס וואָרט... מאכן זיי אים נאָך די אקטיאָרן, ווי ער ציט אויס די ווערטער. מאכן נאָך זיין קול, וואָס איז זייער מאָדנע, ווי ער וואָלט דאָס געדארפט דורכרייסן דורך א פול מויל מיט שטיינער... מען פארשפעט אים דאָ אויף טויט. און ער גלויבט גאָר, אז ער איז א גרויסער טאלאנט. שפּאָרנדיק שוין יאָרן א פעני צו א פעני, כדי צו דינגען פאר זיין אייגן געלט א טעאטער, כאָטש אויף איין נאכט, דינגען א טרופּע, און ער וועט שפּילן די הויפּטראָל אין גאָרדינס „גאָט, מענטש און טייוול“. אוריאל מזיק וויל ער שפּילן, דעמלט וועט די וועלט זען, וואָס פאר א גרויסער טאַלאַנט ער איז.....

און ער האָט טאקע שפּעטער געדונגען א טעאטער אויף איין נאַכט, און האָט טאקע צונויפגעשטעלט א טרופּע און פאָרויס באַצאָלט יעדן איינעם אקטיאָר, און דער טעאטער איז געווען דריי פערטל ליידיק, אָבער ער האָט געשפּילט אוריאל מזיק און פאר חדשים און חדשים האָבן די חברה לצים דאָ אין רעסטאָראנדל אים נאָכגעמאַכט, ווי ער האָט געשפּילט אוריאל מזיק...

דאָס לעצטע מאָל, אומגעפער מיט א צען יאָר צוריק, ווען גרשון איז געווען אויף א באזוך אין ניו יאָרק, איז שוין פון דעם דאָזיקן אָרט קיין זכר נישט געווען....

# קאַפע „ראָיאַל“ אינדרויסן

און אז איר וואָלט געוואָלט געפינען גרשונען יענע יאָרן אין ניו יאָרק אמאָל אין א פארנאכט, זוכט אים נישט אין זיין צימער, זוכט אים אויף די טראָטואַרן פון דער צווייטער עוועניו. און אז איר וועט אים נישט געפינען אויף די טראָטוארן פון דער צווייטער עוועניו, קוקט אריין דורך די פענצטער אין קאפע „ראָיאַל“, וועט איר אים זיכער דאָרטן טרעפן ביי א טישל מיט יידישע שרייבער... און אז איר וועט אים נישט געפינען אין קאפע „ראָיאַל“, זוכט אים אויף די טראָטואַרן פון דער פערצנטער גאס. און איז איר וועט אים נישט געפינען אויף די טראטוארן פון דער פערצנטער גאס, קוקט אריין דורך די פענצטער פון קאפע „קרוסעידער“, וועט איר אים זיכער זען זיצן ביי א טישל אויך מיט א יידישן שרייבער, נאָר פון אַן אַנדער ריכטונג, דער פראָלעטפּענישער ריכטונג... גרשון האָט געלערנט פון די שרייבער פון ביידע ריכטונגען. פון די אויף צווייטער עוועניו — דעם כוח פון וואָרט אין שרייבן; פון די אויף דער פערצנטער גאס — דעם כוח פון דער אידייע אין שרייבן...

איצט בענקט גרשון נאָך יענע יאָרן אויף צווייטער עוועניו און אויף פערצנטער גאס, ווי ער בענקט נאָך זיינע יאָרן אין זיין גע־בורטס־שטעטל אין בערשאד...

אין די הייסע זומער־פארנאכטן האָט קאפע „ראָיאַל“ געשאפן די אילוזיע פון א מין גאָרטן־רעסטאָראנדל: מען האָט אָפּגעצוימט א שטיק טראָטואַר מיט גרין־געפארבטע הילצערנע געפלאָכטענע דינע ווענטלעך; מען האָט אנידערגעשטעלט ביי די זייטן גרין־גע־פארבטע האלב־פעסלעך אזוינע אָנגעפילט מיט שווארצער ערד, פון וועלכע ס'האָבן ארויסגעוואקסן געדיכטע קוסטעס אזוינע; מען האָט ארויסגעטראָגן טישלעך אין דעם דאָזיקן גערטנדל, פארדעקט זיי מיט זויבער־ווייסע טישטעכער; איז מען געזעסן ביי די זויבער־

ווייסע געדעקטע טישלעך אונטערן פרייען הימל און געגעסן רעפטעלעך רויטע זאפטיקע קאווענע (וואָטער מעלאָן), אָדער געזופּט דורך לאנגע שטרויען פון גלעזער קאָפע מיט אייז... און אויב עס זענען אָנגעקומען קילע ווינטלעך האָבן זיי געבלאָזן גלייך אויף די פּנימער... און אויב מען האָט אויפגעהויבן די אויגן צו דער הויך, האָט מען געזען א שטיק שטערנדיקן גרינעם הימל...

א סך יידישע שרייבער, וואָס פלעגן זיצן ביי די דרויסנדיקע טישלעך פון קאפע „ראָיאל“ אין די זומער־פארנאכטן, זענען שוין נישטאָ. גרשונען אָבער, דאָ אין לאָס אנדזשעלעס, ווייזט זיך אויס, אז ער דארף נאָר קומען קיין ניו יאָרק אין א זומער־פארנאכט, וועט ער נאָך אלץ טרעפן דאָרטן ביי די דרויסנדיקע טישלעך, די אלע, וואָס מען זאָגט, אז זיי זענען שוין איצט נישטאָ אין לעבן. ער וועט טרעפן א משה לייב האלפערין, א לאמעד שאפּיראָ, א ראובן אייזלאַנד און א סך אנדערע..

יאָ, גרשון וועט קומען קיין ניו יאָרק אין א זומער־פארנאכט און גיין צו קאפע „ראָיאל“, וועט ער נאָך אלץ זען דאָס אינדרויסנדיקע רעסטאָראנדל, ס׳וועט נאָך אלץ זיצן דאָרטן ביי אַ טישל זישא לאַנדוי, אַרומגערינגלט מיט די נאָר־יונגינקע דיכטער, ווי מאיר שטיקער, אבא שטאָלצנבערג, אברהם טאַבאַטשניק.... זישא לאנדוי וועט זיצן ווי א גוטער ייד, וואָס זאָגט פאר זיינע חסידים תורה; ער וועט האלטן האלב־פארמאכט זיינע אויגן, זיך לייכט אונטערשאָקלען און שעפטשען רייד וועגן דיכטונג, און די נאָר־יונגינקע דיכטער מיט דעם ציטער פון יראת־הכבוד, וועלן זיצן צוגעבויגן מיט אָפענע אויערן... און פונקט ווי א גוטער ייד ווען ער זאָגט תורה, רעדט ער מיט אָפגעריסענע פראזן, מיט רמזים, אזוי אויך זישא לאנדוי — וועגן דיכטונג....

און פון יענער זייט, פון דער אָפצוימונג פון די גרינע ווענטלעך, וועט רוישן דאָס נאקעט־פּראָזאישע לעבן פון דער צווייטער עוועניו... נאקעט און פּראָזאיש וועלן זיך אָנצינדן די ליכט אויף דער עוועניו, און די איטאליענישע קינדערלעך פון דער צוועלפטער גאס וועלן אָנלויפן מיט אמאָל און אריינשרייען דורך די שפאלטן פון די ווענטלעך און וועלן זיך גלייך איבערשרעקן פון זייער געוואגטקייט און זיך אָפטראָגן מיט שטיפערישע געלעכטערס... מיטליאָריקע און עלטערע יידן וועלן פארבייגיין

דאָס דאָזיקע דרויסנדיקע רעסטאָראַנדל און וועלן גאָרנישט וויסן, אז דאָ זיצן אזוינע, וואָס מאַכן גרוים די יידישע קולטור, און אז שפּעטער מיט יאָרן וועט מען רעדן פון זיי, ווי מען רעדט איצ־טער פון איבן גבירול, יהודה הלוי און איבן עזרא.... ס'וועלן אויך פארבייגיין דאָס דאָזיקע דרויסנדיקע רעסטאָראַנדל יידן פון ייִנגן דור, פון דעם אמעריקאַנער געבוירענעם דור און הערן, אז מען רעדט דאָ יידיש און זיי וועט א שלאָג טאָן ס'האַרץ און ס'וועט זיי פארשמעקן מיט דער שפּראַך פון זייערע גרינע טאַטע־מאַמע...

און דאָ וועלן די שטערנדלעך ארוים אין הימל און גרשון וועט אויפהייבן זיינע אויגן צו דער הויך און וועט זיך פאַר־טראַכטן, זיך פארגעסן, ער וועט מיינען, אז ער איז נאָך א ייִנגל אין בערשאַד, וואָס זיצט אויף דעם הויפן קלעצער פאר זיין טאַטנס הויז אין א זומער פארנאַכט און חלומט פון צו זיין א שרייבער ביי יידן....

יאָ, ער זיצט אויפן הויפן קלעצער, אָדער גאָר ער ליגט אויפן הויפן קלעצער, ליב געהאַט זיך אויסציען אויף זיי מיטן פּנים צום הימל, און ס'האָט געשמעקט דאָס האָלץ מיט וואַלד און עס האָט געשמעקט די נאַכט מיט די גוטע ריחות וואָס די ווינטעלעך האָבן געבראַכט פון די פּויערישע גערטנער און פעלדער... זיי האָבן אויך געגלעט, די ווינטעלעך, גרשונס פּנים, און האָבן אים אריינגע־פליסטערט אין אויער: יאָ, וועסט אויסוואַקסן, וועסטו זיין אַ שרייבער ביי יידן, ווייל קיין גרעסערער יחוס איז גאָר נישטאָ אויף דער וועלט... און די טויזנטער שטערן אין הימל האָבן גע־ווונקען צו אים און האָבן אים אויך צוגעזאָגט, אז ווען ער וועט אויסוואַקסן, וועט ער זיין א שרייבער ביי יידן....

יענע זומער־פארנאַכטן אויף צווייטער עוועניו, ווען מ'איז נאָך געווען אזוי יונג, מ'האָט נאָך נישט געליטן פון אלסערס און פון העי־פיווער; מען האָט נאָך נישט געהאַט דעם „עקסידענט", ווען א טראָק האָט גרשונען א שליידער געטאָן צו די שטיינער פון דער גאַס, מען איז געווען אָן פּרנסה, אָבער גרשון האָט געמיינט, אז ס'דאַרף זיין אזוי, אז מען ווייל זיין א שרייבער ביי יידן, עסט מען נישט שטענדיק צו דער זאַט, און מ'איז קיינמאָל נישט זי־כער, ווו מ'וועט נעמען אויף צו צאָלן רענט, און מ'וועט גיין מיט אָפּגעטראָגענע קליידער... דער עיקר אָבער, וואָס ס'קוועלט אין

דיר אינעווייניק א קוואל אזא, מ'שרייבט מעשהלעך און ראָמאַנען, און מען חלומט אויך וועגן שרייבן דראַמען....

און יאָסל קאָטלער פארשטייט עפּעס שטענדיק גרשונען אויפן וווּנק, ווען יענער איז הונגעריק, און לייזט אים אויס... און יאָסל קאָטלער, ווען גרשון איז נישט הונגעריק, נאָר אומעטיק, לייזט ער אים שטענדיק אויך אויס פון אומעט, ער דאַרף נאָר עפּעס א זאָג טאָן.... און איינמאָל א פארנאַכט אין דעם דרויסנדיקן רעסטאָראַנדל, קומט ער צו גרשונען מיט א בשורה:

— ווערסט שוין האָבן פּאָפּע (ברויט) אויף א גאַנצן זומער.

ווי אַזוי? וואָס? ווען? מ'האָט געעפנט א נייעם זומער־קעמפּ לעבן ווינגריעל, ניו־יאָרק, און מ'דאַרף האָבן אַ פּראָוויילונגס־דירעקטאָר, און מ'האָט געוואָלט, אז יאָסל זאָל זיין דער פּראָוויילונגס־דירעקטאָר, אָבער אַזוי ווי ער איז פארנומען יעדן סעזאָן אין מאָודס זומעריי, האָט ער רעקאָמענדירט גרשונען. האָט מען אים געזאָגט: ס'טייטש, גרשון זעט דאָך אויס שטענדיק אַזאַ אומעטיקער?

האָט ער זיי געזאָגט: „גיט אים גוט אָפּעסן וועט ער ווערן פריילעך“, און לאַכן. האָט מען אים געזאָגט: ס'איז נאָך נישט גענוג, וואָס ער וועט אליין לאַכן, ער דאַרף קאָנען מאַכן לאַכן אַנדערע מענטשן אויך. האָט ער זיי געזאָגט: „א גרויסע מעציאָע מאַכן מענטשן לאַכן אין א זומער־קעמפּ! אין א זומער־קעמפּ אויף דער גוטער לופט, און אלע זענען זאַט און אויסגערוט, ווייזט זיי נאָר א פינגער וועט מען לאַכן“.

הכלל, יאָסל האָט זיי איינגערעדט, אז גרשון איז די פּערזאָן, וואָס וועט קאָנען מענטשן מאַכן לאַכן א גאַנצן זומער אין קעמפּ יוניטי. אָבער גרשון איז פון יאָסלס בשורה געוואָרן זייער אומעטיק, ער האָט זיך פּשוט דערשראָקן: וואָס הייסט מאַכן מענטשן לאַכן א גאַנצן זומער? ער קאָן מענטשן מאַכן לאַכן אויף פינף מינוט, אויף צען מינוט, אָבער א גאַנצן זומער?!!!

# גרשון — אַ לאַך־דירעקטאָר

עפּעס אַזאַ תּאווה צו בויען בנינים פאַר יידיש יענע יאָרן. וואָס אַ טאָג — און מען הערט שוין פון אַ נייעם בנין. אַט הערט מען וועגן אויפקומען פון יידישע כאָרן. אַט הערט מען וועגן דעם אויפקומען פון אַ טעאַטער־געזעלשאַפט „אַרטעף“. אַט הערט מען פון אויפקומען פון קעמפּ „ניטגעדאַיגעט“, קעמפּ „קינדער־לאַנד“, קעמפּ „גן־עדן“, „אונדזער קעמפּ“, „בויבעריק“, „אַרבע־טער־רינג קינדער־קעמפּ“ און איצט „יוניטי“.

און די אַלע קעמפּס סיי פאַר דערוואַקסענע, סיי פאַר קינדער, זענען דאָך אויך געמיינט געוואָרן פאַר יידיש. דאָס נישט־פאַר־מעגלעכע פאָלק, ס׳רוב שאַפּ־אַרבעטער און קליינע געשעפטס־לייט וועלן קומען אין די קעמפּס. פאַר צוועלף אָדער דרייצן דאָלאַר אַ וואָך וועט מען קומען, עסן גוטע שפּייז, שמעקן די פרישע לופט און זיך פאַרווײַלן בלויז אין יידיש. מען וועט אײַנלאַדן אַלס געסט יידישע שרייבער, יידישע אַקטיאָרן, יידישע זינגער...

דאָ אין די קעמפּס וועט מען וועגבירן קינדער פאַר די יידי־שע שולן, זינגער פאַר די יידישע כאָרן, צושויער פאַרן יידישן טעאַטער... לייענער פאַר יידישע ביכער... גרשון זעט איצט אויף קולטור־אונטערנעמונגען גרוי־האָריקע קעפּ, מאַן און פרוי, און דערקענט אין זיי געוועזענע זומער־געסט אין קעמפּ „ניטגעדאַי־געט“, צי אין קעמפּ „קינדערלאַנד“, צי אין קעמפּ „יוניטי“. זיי זענען דעמלט אין די קעמפּס נאָך נישט געווען מאַן און פרוי, און אפילו נישט חתן־כּלה. דער בחור אַ שאַפּ־אַרבעטער, דאָס מיידל אַ שאַפּ־אַרבעטערין און אויף די גרינע לאָנקעס פון די יידישע זו־מער־קעמפּס אויסגעשפּילט זייערע ליבעס.

יאָ אַזאַ תּאווה צו בויען בנינים פאַר יידיש יענע יאָרן. און מיינט איר ס׳איז געווען שווער צו בויען? די גרינגסטע זאַך. עס

האָבן זיך גאָר געדאַרפט צונויפנעמען און אכט, צען טוער און זאָגן איינער דעם אַנדערן: „הערט, אין די קעטסקיל־בערג איז צו טייער דער זומער־רו. אחוץ דעם שפילט מען דאָרטן אין קאָרטן: מען רעדט גיבול־פה און מען פאַרוולגאַריזירט די יידישע שפראַך. לאָמיר אויפבויען א זומער־פּלאַץ, וואָס זאָל קאָסטן נישט טייער, וועלן קומען די גרויסע יידישע מאסן, און מען וועט שוין נישט רעדן ניבול־פה, און וולגאַריזירן די יידישע שפּראַך. מיר וועלן געבן פּאָרוויילערישע פּראָגראַמען די שענסטע און די דערהויבנ־סטע פון אונדזער קולטור".

יאָ, אַלצדינג איז שיין, אָבער ווו נעמט מען געלט? איז געלט א קלייניקייט, אַבי ס'זאָלן זיין די ערשטע טויזנט אָדער צוויי טויזנט דאָלאַר אַלס איינצאָלונג... זענען שוין געוואָרן די ערשטע טויזנט אָדער צוויי טויזנט דאָלאַר אַלס איינצאָלונג. מען האָט זיך צונויפגעלייגט, דער — א פופציקער; דער — א פינף און צוואַנציקער און דער — א פינפערל.

* *
*

און אז גרשון דער לאַד־דירעקטאָר איז אָנגעקומען אין קעמפּ „יוניטי", האָט מען אים גלייך געגעבן אין דער האַנט אריין א — גראָב־אייזן, ער זאָל פאַרשיטן די בלאָטע מיט שטיינדלעך. כמעט א גאַנצע וואָך האָט ער געאַרבעט מיטן גראָב־אייזן צוזאַמען מיט א גאַנצער גרופּע חברה... די מעשה איז, וואָס מען האָט נישט גע־קאָנט צופאָרן צום קעמפּ מיט קיין אויטאָמאָביל צוליב דעם בלאָ־טיקן וועג ארום א מייל די לענג...

אויב איר קענט דעם קעמפּ „יוניטי" איצט, מיינט איר, אז ס'איז מסתמא אזוי געווען דעם ערשטן זומער, ווען מען האָט אים נאָר געקויפט. איצט, זאָגט מען, קוקט ער אויס „ווי א מיליאָן דאָלאַר", מיט געפלאַסטערטע וועגן, מיט שיינע באָנגאַלאָס, מיט א ריזיקן עס־צימער, מיט וועראַנדעס, מיט א פּראַכטפולער קאַסי־נאָ, מיט גרויסע וואַש־צימערן, און מיט נאָך און נאָך... דעמלט, אָבער, דעם ערשטן זומער, וואָס גרשון איז אריינגעפאַלן אהינצו אַלס לאַד־דירעקטאָר, איז דאָס געווען א חרוב פאַרם־הויז, מיט

עטלעכע צענדליק פּאַרלאָזטע אַקער־לאַנד, מיט שטיינער, מיט בלאָטעס מיט ווילד־גראָזן... און אַז די זומערניקעס זענען געקו־מען פון ניו יאָרק, זענען זיי געוואָרן בויער, זיי האָבן געהאָלפן פאַרשיטן די בלאָטעס, אויפשטעלן ביידלעך, מאַכן אַ שטיקל קאָ־סינאָ לעבן טייך... און גרשון האָט זיי גאָרנישט געדאַרפט מאַכן לאַכן, זיי האָבן געלאַכט פון זיך אַליין... מען האָט אפילו נישט געהאַט דעמלט וווּ זיך צו וואַשן אין די פרימאָרגנס, דאָס הייסט קיין וואַש־צימערן נישט געווען. דערפאַר אָבער איז געווען אַ ריטש־קעלע, וואָס איז געפלאָסן צווישן שטיינער. איז מען געגאַנגען אין די פרימאָרגנס מיט האַנטעכער צום ריטשקעלע, זיך געוואַשן און געלאַכט....

און גרשון האָט זיך גאָר געשראָקן. געמיינט, אַז ס'וועט אים זיין שווער צו מאַכן לאַכן דאָרטן די מענטשן. ס'איז טאַקע געווען, ווי יאָסל קאָטלער האָט געזאָגט: „ווייז זיי נאָר אַ פינגער, וועלן זיי לאַכן"..... ס'איז געווען געלעכטער פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט... ס'איז אויך געווען געזאַנג פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט.... מ'האָט געזונגען ביי די טישן צום עסן; מען האָט געזונגען, ווען מען האָט זיך געבאָדן אין טייך; מען האָט געזונגען, ווען מען האָט זיך געשיפט; מען האָט געזונגען, ווען מען האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ גרויסן שפּאַציר אויסער דעם קעמפּ; מען האָט געזונגען ביי די פלאַקערנדיקע קעמפּ־פייערן...

מען האָט ליב באַקומען אַמעריקע צוליב די קעמפּס און זו־מער; מען האָט ליב באַקומען די וועלדער פון אַמעריקע, די שמעקנדיקע יונגע ווינטעלעך אין אַמעריקע (און אפשר" דערפאַר, ווייל מען איז אַליין געווען יונג, דאַכט זיך איצט אויס, אַז די ווינ־טעלעך זענען אויך דעמלט געווען יונג)... ס'האָט געשמעקט די שיינע אַמעריקע אין קעמפּ „יוניטי" מיט בשמימדיקע זאַפטיקע ריחות... זי האָט געשיינט, די שיינע אַמעריקע, אין קעמפּ „יוני־טי" מיט די רויט־פלאַקערדיקע פאַרנאַכטן, מיט לויטער־גאָלדענע פאַרטאָגן... מען האָט זיך נאָר געווונטשן אַ ביסל פּרנסה, וועט מען שוין קאָנען לעבן אַ פריילעך לעבן...

דעם ערשטן באַס פון קעמפּ „יוניטי" געדענקט איר? מען האָט געוואָלט האָבן אַן אייגענעם באַס, האָט מען אים אָפּגעקויפט אַ גענוצטן פון לאַנגע יאָרן. געקאָנט האָט ער אַריינעמען אַ דריי־

כיק פּאסאזשירן. מען האָט אים גערופן „דער שלימזל“. אויף יע־דער נסיעה כמעט פון ניו יאָרק צום קעמפּ, איז ער קאַליע גע־וואָרן אינמיטן וועג, און מען האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן אויף א פּאָר שעה אים פארריכטן. דערפאר אָבער, אז ער איז סוף כל כּוף אָנגעקומען, האָבן אלע קעמפּערס אים באַגעגנט מיט א גרויסן הו־ר־רא....

און די שפּאצירן צו די שטיין־האקערייען, א פּאָר מייל אוועק, געדענקט איר? און די שפּאצירן צום בית־עולם, ווו דאָרטן גע־פינט זיך דער קבר פון אן אינדיאנער פּרינצעסין... און די ליטע־ראַרישע אָוונטן מיט די גאָר יונגינקע שרייבער, ווי מארטין בירנ־בוים, לעאָן יורמאַן, לאַזאַר לאַמפּל געדענקט איר?... און די לבנה־נעכט אויפן טייך „יוניטי“, געדענקט איר אוודאי, ווען מען האָט זיך ארויסגעלאָזט אלע אויף שיפלעך, זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן טייך און גרשון האָט דערציילט מעשיות, און איינע א רויטהאָרי־קע מיידל, ליובא, דאכט זיך האָט זי געהייסן, האָט געזונגען אין רוסיש און אין יידיש בענקענדיקע לידער וועגן ליבע און וועגן דער נאַטור...

וואָס לאכט מען דאָרטן שטענדיק אזוי? — האָט מען זיך געוואונדערט אין שכנהשן קעמפּ אנטקעגן איבערן טייך... אנטקעגן איבערן טייך איז אויך געווען א קעמפּ, נאָר פארמעגלעכע מענטשן האָבן זיך געקאָנט פארגינען דאָרטן צו זומערן... פופציק דאָלאר א וואָך האָט דאָרטן געקאָסט... האָבן די קעמפּערס פון יענער זייט טייך טאָג און נאכט געהערט נאָר געזאנג און געלעכטער קומען פון דער קבצנישער „יוניטי“... און פרייטיק ביינאכט, ווען דער גרויסער קעמפּ־פייער האָט געפלאַטערט — אוודאי געזאנג און געלעכטער...

# משה דער פרײלעכער

איז גרשונען געװען גוט אין קעמפּ „יוניטי"!!! אויף זײן לעבן נאָך נישט געלעבט אַזאַ גוט לעבן. פאַר עסן און שלאָפן דאַרף ער זיך שוין נישט זאָרגן... און אַ פּאָר דאָלאַר אין קעשענע יעדע װאָך, גיט מען אויך. און שײנע מײדלעך קומען אין קעמפּ אויך! און װי ער געדענקט, גרשון, די בגדים, װאָס ער האָט דאָרטן געטראָגן: ברוינלעך־גרינלעכע געקעסטלטע ניקערס, בלױלעך־רויטלעכע לאַנגע זאָקן אויף די דאַרע פיס און אַן אָראַנזש־סװעטער, און איבערן אָראַנזש־סװעטער האָט אַראָפּגעהאָנגען אויף אַ שטריקל פון האַלדז דאָס פײפל...

מיט אָט דעם פײפל האָט ער אַלעמען אײנגעשטילט אין עס־צימער װען ער האָט געדאַרפט מעלדן מעלדונגען װעגן די געפּלאַנטע פאַרװײלונגען... מיט אָט דעם פײפל האָט ער מיט יאָס־לען דעם שװאַרצן אויפגעװעקט די קעמפּערס אַלע פרימאָרגן מאַכן פיזישע איבונגען...

יאָ, פיזישע איבונגען אין די פרימאָרגנס, און די שטאַרקנ־דיקע פרישע קילע פרימאָרגנס, װען די גראָזן זענען נאָך געװען באַפּערלט מיט טױ... קעמפּערס האָבן נישט געװאָלט אויפשטײן אַזױ פרי, אָבער גרשון מיט זײן פײפל, און יאָסל דער שװאַרצער מיט זײן פײפל, איז זײ דערגאַנגען די יאָרן. גרשון האָט אויסגע־לערנט יאָסלען זינגען:

> אָ, שטײט אויף, שטײט אויף
> לעבודת הבורא.
> דער האָן האָט שוין געקרײט...

און אַז די פאַרשלאָפענע חברה אין די בײדלעך האָבן גע־הערט אַזאַ הײמישן ײדישן געזאַנג ארויסקומען פון יאָסל דעם

שוואַרצן, וואָס האָט אַ ביסל צעקאַליעטשעט די יידישע ווערטער, האָט מען געלאַכט, און פון דעם לאַכן געוואָרן מונטער, און מונטערהייט געלאָפן צום ספּאָרט־פעלד מאַכן די גימנאַסטיקס...

און אַז חברה האָבן נאָך די איבונגען נאָך געוואָלט שפּרינגען אין די קאַלטע וואַסערן פון טייך... און מען איז געשפּרונגען... מען איז דאָך געווען אַזוי יונג, איז מען געשפּרונגען און גרשון אַוודאי אויך.... און אין די באַגילדעטע שטאַרק־קאַלטע וואַסערן האָט מען געשריען פון עקסטאַז...

און ס׳געדענקט זיך גרשונען איינער אַ בחור, משה, אַן אָפּערעיטאָר ביי פּרויען־קליידער. געקומען אין קעמפּ איז ער אַ בלאַסער, ווי אַ פרישע צווייג, וואָס מען שיילט פון איר די קאָרע, און ער האָט נאָך געהאַט זייער אַ שלעכטן הוסט... פיר וואָכן איז ער אָפּגעווען אין קעמפּ. צום סוף פון דער ערשטער וואָך איז ער שוין געווען איינגאַנצן ברוין פון דער זון. צום סוף פון דער צווייטער וואָך האָט ער שוין נישט געהוסט, און איז געוואָרן זייער פריילעך. ס׳איז גאָרנישט געווען קיין מער פריילעכער פון אים. מען האָט אים טאַקע גערופן: „משה דער פריילעכער“... און דער דאָזיקער משה דער פריילעכער האָט אין די פרימאָרגנדיקע באַגילדעטע שטאַרק־קאַלטע וואַסערן פון טייך געשריגן בקולי קולות פון עקסטאַז:

— געוואַלד, יידן, ס׳איז גוט צו לעבן אין אַמעריקע, געוואַ־אַל־ד!

דאַרפט איר שוין זיך אַליין פאָרשטעלן, אַז דעם פרישטיק נאָכן אויסבאָדן זיך אין די אייז־שניידנדיקע וואַסערן האָט מען איינגעשלונגען ווי די וועלף... און וואָס איז געווען דער פרישטיק? פאָמפּערניקל־ברויט מיט פוטער, מיט אייער, מיט מילך... משה דער פריילעכער האָט געשמירט גרויסע שטיקער פאָמפּערניקל־ברויט מיט פוטער און זיך אויך געהייסן דערלאַנגען אַ ציבעלע און ויאוכלו, מאַכט רש״י, מיט אַלע באַקן, מיט אַלע ציינער, און אפילו מיט די אויגן, ער האָט אויך געקאָנט זייער שיין זינגען, און אַז ער איז געוואָרן זאַט האָט ער אַ מאַך געטאָן:

— נו, און איצט וועלן מיר זינגען זמירות, איז חברה, בים באם, און בים באם — און ס׳גייט אוועק א חסידיש ליד ביי אלע טישן.

און גרשון איז פרייליך, מחמת מען וועט זאָגן, אז ער איז זייער א גוטער פאַרוויילונגס־דירעקטאָר, א סימן: מען זינגט ביי אים ביי די טישן צו יעדן מאָלצייט...

נאָכן פרישטיק האָט גרשון און יאָסל דער שווארצער פאַר־נומען אלע מאנצבילן צווישן די ביימער אונטער די ביידלעך, זיך אויסגעטאָן אדם נאַקעט און זיך געפּרעגלט אין דער זון (די פרויען האָבן זיך געהאט א באזונדער אָרט פאר באָדן זיך אין דער זון, זייער ווייט פון די ביידלעך). דעמלט האָט געהערשט אין דער צייטונג „די פרייהייט" דאָקטאָר בן ציון ליבער, וואָס האָט געשריבן אַרטיקלען וועגן געזונט און געשיקט אלעמען צו דער זון. ביי אים, אבי נאָר די זון, דאַרף מען שוין נישט קיין דאָקטאָר...

און אויף די דאָזיקע זון־בעדער, האָט משה דער פריילעכער צע־אַרבעט מעשים, נאָכגעמאכט ווי א ייד ליגט אין באָר אויף דער אייבערשטער באנק, שוויצט און צעגייט זיך פון תענוג... שטענ־דיק ליב געהאט צו זאָגן:

איי גוט, איי וויל, איי כאָראָשאָ, אמעריטשקע גנב...

דאָס „אמעריטשקע גנב" איז געווען נישט קיין שעלטן נאָר א בענטשן... ביז אהער האָט משה נישט געוווסט, אז די זון קאָן אים געבן געזונט, פארקערט, ביי אים אין שטעטל אין דער אַל־טער היים, איז מען נאָר אנטלאָפן פון דער זון. די מיידלעך, שמו־עסט מען נישט. א פארברענט פנים איז גאָר נישט געווען קיין מעלה פאר א שידוך.

— און ווען א מיידל ביי אונדז אין שטעטל — לאַדיזשען זאָל געווען זיך אומיסטנע זעצן און ברענגען זיך אין דער זון — האָט משה געלאכט צו גרשונען — וואָלט מען געזאָגט, אז זי איז א פּרידורקעוואטע...

„פּרידורקעוואטע" איז א פאריידישטער סלאוויזם, וואָס מיינט חסר דעה. משה דער פּריילעכער, ערשט א פּאָר יאָר אין אמעריקע, האָט נאָך געדערט מיט אלע חנען פון דעם פּאָדאָליער יידיש. ביי משהן, אז א בחור מיט א מיידל האָבן געפלירטעוועט, האָט דאָס ביי אים געהייסן „מען גערזיעט זיך". און „גערזיען

זיך" ווייסט שוין נישט גרשון פון א וועלכער שפּראך (אפשר ווייסט עמעצער אנדערש?).

גרשון האָט משהן געמאַכט פאַרן שר (סאַר) פון א קעמפּ־פּייער, דאָס הייסט, דער האר פון „קעמפּ־פּייער". אַלע פּרייטיק אָוונט זענען פאָרגעקומען קעמפּ־פּייערן, און גרשון האָט פאָרגע־לייענט א הומאָריסטישע צייטונג. משה האָט א גאַנצן טאָג גע־קליבן טרוקענע צווייגן און שטיקער האָלץ.. און אז ס'איז גע־קומען די מינוט און גרשון האָט אים געגעבן דעם ווונק, האָט ער מיט געוואַלדיקער זעלבסטווּכטיקייט אָנגעצונדן א שוועבעלע, אַ־ייַנגעוואָרפן אין א הויפן שטרוי צווישן די צווייגן און שטיקער האָלץ, און באַלד האָט א שפּרונג געטאָן א פלאַם און זיך צעלאָפן; זיך צעשפּרונגען, זיך צעשפּרייט, און באַרויטלט אַלע פּנימער פון די זיצנדיקע מענטשן אין קרייז ארום... שטענדיק האָט זיך אָנ־געהויבן דער פייער מיט אברהם גאָלדפאַדענס ליד: „פלאַקער, פלאַקער פייער"... נאָכדעם האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לייענען פון דער הומאָריסטישער צייטונג. צי גרשון איז טאַקע געווען אזא גרויסער הומאָריסט? נאָר סיי־ווי: מען האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער. און משה מערער פון אַלעמען און אַלע מאָל אויס־געשריען:

— אוי, יידן, האַלט מיך צו, איך פּלאַץ פאַר געלעכטער...

די דאָזיקע קעמפּ־פּייערן זענען געווען זייער באַליבט. חברה, וואָס זענען ארויסגעפאָרן פון ניו יאָרק צום קעמפּ אין פרייטיק, האָבן שוין געזען, אז מען זאָל אָנקומען אין צייט צום קעמפּ־פּייער. גאַנץ „יוניטי" איז פרייטיק אָוונט פינצטער, בלויז אויפן בערגל — א פלאַקערנדיקע, זיך רויבערנדיקע רויטקייט, און היל־כיקע געלעכטערס, און משה דעם פרייעלעכנס געלעכטער העכער פון אַלעמען....

משה דער פרייעלעכער איז געוואָרן אזוי טרויעריק, ווען עס האָבן זיך פאַרענדיקט זיינע פיר וואָכן און ער האָט געדאַרפט זיך אומקערן אין די בראָנקס....

— מען קאָן דען איצטער דערבען (אָטעמען) אין די בראָנקס? — האָט ער זיך נעבעך געקלאָגט פאַר גרשונען בײַם געזעגענען זיך — ס'איז דאָרטן אזוי פאַרנג, ווי אין דער לאַדריזש־נער באָד א פרייטיק אויף דער אייבערשטער באַנק...

# ווידער אַמאָל מרים

ביינאכט, נאָכדעם ווי גרשון האָט אָפּגעטאָן זיין פליכט אלס ייד-דירעקטאָר, איז מען געגאַנגען שפּאַצירן איבערן וועג ווייט פֿון קעמפּ. אין דער שווייגנדיקער, שמעקנדיקער פינצטערניש אונטער אַן אויסגעשטערנטן הימל איז מען אזוי געגאַנגען. און עס זענען זיי נאָכגעגאַנגען די אמאָליקע יאָרן פון זייער יוגנט אין קליינעם שטעטל.

אין איינער אזא נאכט האָט זיך אויסגעדאכט, אז זיי זענען ביידע גאָר קיינמאָל נישט אוועקגעפאָרן קיין אמעריקע; אז א סך יאָרן זענען גאָרנישט אוועק; אז מען איז נאָך אלץ דאָרטן אין קליינעם שטעטל; און אז מען איז נאָך אַלץ חתן-כלה, און דער חתן קושט זיין כלה אונטערן אויסגעשטערנטן הימל, און די כלה שמעקט מיט אלע ריחות פון דער בשמימדיקער נאכט, פונקט ווי אמאָל אין איר היים-שטעטל, כאשטשעוואטע, ווען מען האָט זיך געשווירן אייביקע ליבע...

און אז מען האָט זיך זייער שפּעט אומגעקערט צוריק אין קעמפּ און ער האָט זי צוגעפירט צו איר ביידל, האָט דאָרטן אינעווייניק אין ביידל געוויינט אזוי פארלוירן איר אכטיאָריקער סימאָר. ער האָט זיך אויפגעכאפּט פון שלאָף אינמיטן דער נאכט, אָנגעהויבן צו רופן: מאַמע, מאמע, און אז די מאמע האָט נישט געענטפערט, האָט ער אָנגעהויבן ביטער צו וויינען אין דער פינצטער....

איז שוין מרים נישט געגאַנגען שפּאַצירן מיט גרשונען שפּעט ביינאַכט, נאָר מען איז ביידע געזעסן אויפן שוועל פון איר ביידל און געבענקט נאָך דער לאנג-פארגאנגענער יוגנט, ווען מען האָט זיך געשווירן אייביקע ליבע.

און דער צווייטער גרשון, איר מאַן דער סטאָליער, איז שוין געווען אַ גרויסער גביר, געבויט פילשטאָקיקע אַפּאַרטמענט-הייזער אין די בראָנקס, איז געווען דער באָס פון אַ סך אַרבעטער און פאַרמאָגט אַ רייכן אויטאָמאָביל... און אין זיין רייכן אויטאָמאָביל האָט ער אָפּגעפירט זיין פרוי מרימען מיט זיין זון סימאָרן אין קעמפּ „יוניטי“. אָפּגעשטאַנען אַ נאַכט און אינדערפרי צוריק אָפּגעפאָרן צו זיינע געשעפטן אין די בראָנקס. און אַז ער איז געקומען צוריק אויף שבת און זונטיק, האָט ער פאַרגעסן, אַז ער איז אַ גביר און אַ באָס פון אַ סך אַרבעטער, זיך אָנגעטאָן זיינע אַרבעטס-קליידער און געהאָלפן בויען די קאַסינאָ. געאַרבעט פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, פּונקט ווי מען וואָלט אים געדונגען.

און אין איינעם אַ שבת פאַרנאַכט זענען גרשון דער ערשטער און גרשון דער צווייטער און מרים געשטאַנען נישט ווייט פון ספּאָרט-פעלד און אַלע דריי האָבן געקוקט, ווי די זון זעצט זיך אין פלאַמען, און ס'האָט זיך ווידער אויסגעדאַכט, אַז זיי זענען אַלע דריי קיינמאָל נישט אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע; און אַז יאָרן זענען נישט פאַרגאַנגען; און אַז דאָס איז גאָר דער פאַרנאַכט אין בער-שאַד, ווען מרים איז געקומען מיטן צווייטן גרשונען און געזאָגט דעם ערשטן גרשונען, אַז יענער איז איר חתן און מיט אים פאָרט זי קיין אַמעריקע.

יאָ, דער צווייטער גרשון איז איצטער אַ גרויסער גביר. געווען אַ סטאָליער אין דערהיים, זייער אַ גוטער סטאָליער. דאָ אין אַמע-ריקע האָט ער אָנגעהויבן גוט צו פאַרדינען, זיך צונויפגעלייגט געלט, געפונען אַ רייכן שותף און אָנגעהויבן בויען די פילשטאָ-קיקע אַפּאַרטמענט-הייזער אויף גרענד-קאָנקאָרס אין די בראָנקס. דער ערשטער גביר, וואָס גרשון קען פון די בחורים, וואָס האָבן עמיגרירט קיין אַמעריקע אומגעפער אין דער זעלבער צייט, וואָס גרשון (און גרשון איז אויסגעקומען שפּעטער אַ פּאָר מאָל צו זיין אין געגנט פון גרענד קאָנקאָרס און געזען סאָלידע, פילשטאָ-קיקע אַפּאַרטמענט-הייזער און געוועזן שטאָלץ וואָס זיין כמעט לאַנדסמאַן האָט געהאָלפן בויען אַמעריקע).

און דער גרויסער גביר מיט זיין פרוי לייענען אָפט אין דער „פרייהייט“ גרשונס שאַפונגען. זי האָט אויך געקויפט גרשונס

צוויי בענד מעשהלעך, וואָס דער שלום־עליכם־אינסטיטוט האָט אַרויסגעגעבן. זי האָט אויך געקויפט גרשונס „פון יענער זייט טייך“, וואָס א גרופּע חברים האָבן אַרויסגעגעבן און לייענט דאָס פאַר איר ייִנגעלע פאַרן שלאָף, און דערציילט אים, אַז זי און זיין טאַטע קענען זייער גוט דעם דאָזיקן שרייבער, און אַז דער שריי־בער הייסט אויך גרשון.

און איצט אין קעמפּ „יוניטי“, אַז די מאַמע האָט אים אָנגע־וויזן אויף גרשונען, אַז ער איז דער שרייבער פון די מעשהלעך, האָט ער זיך זייער געפרייט, און זיך צוגעלאָזט צו אים. שפּעטער האָט ער זיך שוין גאָרנישט געפרייט. א בליק אַזאַ מסתמא אי־בערגעכאַפּט פון דער מאַמע צו גרשונען, און פון גרשונען צו דער מאַמען. קומט די נאַכט ווייל ער נישט איינשלאָפן, וויינט, האָט מורא, אַז אינמיטן דער נאַכט און ער וועט זיך אויפכאַפּן און די מאַמע וועט נישט זיין. און ער כאַפּט זיך טאַקע אויף שטענדיק אינמיטן דער נאַכט און רופט: מאַמע, און די מאַמע ענטפערט גלייך: „וואָס איז, זון“?.... זי גייט שוין נישט שפּאַצירן, נאָר זיצט מיט גרשונען אויף די טרעפּלעך פון איר ביידל.

יעדע מאַמע האָט דאָך שטאַרק ליב איר ייִנגעלע, און נאָך איר איין און איינציק ייִנגעלע. מרים האָט אים געוואַלדיק ליב, וואָס איז אי איר ייִנגעלע, אי איר ברודערל, קוקט אויס פּונקט, ווי איר שטום ברודערל, וואָס זי איז געווען צו אים אַלע יאָרן א מאַמע (די דעניקינצעס האָבן אים דערמאָרדעט). די זעלביקע שטאַרק־גייגעריקע און עטוואָס טרויערדיקע שוואַרצע אויגן, דאָס זעלביקע מויל, וואָס איז צונויפגעלייגט, ווי ס'וואָלט זיך שטענ־דיק געהאַלטן אין איין וווּנדערן.

און די מאַמע איז זייער שיין, שיין אין איר רייפקייט, און אין פרויענשער פולקייט, אין אירע שטאַרק פינקלדיקע און זייער וואַרעמע ברוינע פלוימען־אויגן, און זיי דערמאָנען איצטער גרשו־נען נאָך מערער אין די אויגן פון זיין שוועסטער חנה רבקה, וואָס האָט אים אָפט גענומען אין בעט צו זיך ווען גרשונען אַלס קליין ייִנגל האָט ווי געטאָן דער קאָפּ. און גרשונען אַלס קליין ייִנגל האָט אָפט ווי געטאָן זיין קאָפּ.

איצטער אין קעמפּ „יוניטי“ טוט אים נישט ווי דער קאָפּ, נאָר ס'טוט אים ווי דער פוס. ער האָט זיך אויסגעוויכנעט א פוס

ביים שפּילן בעיסבאָל, ווען די „יוניטי“־קעמפּער זענען געווען אויף א באַזוך אין קעמפּ „ניטגעדאַיגעט“ און געשפּילט קעגן די „ניטגעדאַיגעטער“. און גרשון האָט דאָך געוואָלט פאַרטיידיקן דעם כבוד פון „יוניטי“, האָט ער זיך שוין צופיל געסטאַרעט, זיך אויסגעגליטשט און זיך אויסגעדרייט דעם פוס. מרים גיט איצט אכ־טונג אויף אים, לייגט קאלטע קאָמפּרעסן צום פוס, ברענגט אים פון דער קיך מאָלצייטן דריי מאָל א טאָג, און ווען איר ייִנגעלע שלאָפט איין, זעצט זי זיך אויף די טרעפּ פון זייןביידל, וואָס איז באלד לעבן איר ביידל, און זי זיצט שעהן און שעהן, און אין דער פינצטער דאכט זיך אים אויס, אז דאָס איז טאקע זיין שוועס־טער חנה רבקה. אפילו אין איר גלעטנדיק, ברוסטיק קול, דאכט זיך אים אויס, אז דאָס איז זיין שוועסטער חנה רבקה...

און אינעווייניק אין זיין ביידל שמעקט מיט אלע גוטע רי־חות פון די ביימער, גראָזן, בלומען און היי, וואָס האָבן זיך דורכ־געזאַפּט דורכן לייוונט פון געצעלט... און א רו קומט אויף אים, און די רו וויגט אים איין און פארטראָגט אים צו זיין קינדהייט... און ווען ער כאפּט זיך אויף אינמיטן דער נאכט איז אַזוי שטיל, און ער רופט: „מרים, מרים“. מרים איז נישטאָ... און ער דער־שרעקט זיך, גרשון, פּונקט ווי איר ייִנגעלע סימאָר, ווען ער כאפּט זיך אויף אינמיטן דער נאכט און רופט: מאמע, מאמע, און די מאמע איז נישטאָ...

א ייִנגל געבליבן גרשון, און ער איז שוין באלד דרייסיק יאָר אלט... און וואָס וועט זיין דער תכלית?...

(סוף פון ערשטן באַנד)

## פאַרטייטש פון די ענגלישע ווערטער

### א

אַדווערטאַיזמענט — אַנאָנסירונג, רעקלאַמירונג
איסט — מזרח
איסט־סאַיד — מזרח־טייל פון שטאָט
אַפּטאַון — אייבערשטער טייל פון שטאָט
אַפּאַרטמענט — דירה
אַפּאַרטמענט־הויז — אַ הויז פון עטלעכע דירות

### ב

באָי — יינגל
באָיטשיק — קליין יינגל
באָל — גומענע פּילקע
באָנוס — געלט־באַלוינונג
באָס — באַלעבאָס, אייגנטימער, אויטאָבוס
באָס־באָי — שיק־יינגל
באַרבער — שערער, פריזירער
באָראָ — געגנט פון שטאָט, ניו־יאָרק איז איינגעטיילט אין פינף באָראָס
באָרדער — קוואַרטיראַנט אויף קעסט
בורלעסק — טעאַטער וווּ ס'שפּילן האַלב־נאַקעטע מיידלעך
ביזנעס — געשעפט, מסחר
ביטש — ברעג פון ים
בואק — אַ קוואַרטאַל אויף אַ גאַס
בעיס־באָל — די נאַציאָנאַלע אַמעריקאַנער שפּיל מיט אַ גומענער פּילקע

### ג

גענג — אַ כאָפּטע חברים, אַ שאַיקע
גראָסערי — אַ שפּייז־קראָם
גרעיפּס — ווייַנטרויבן
גרעיפּ־פרוכט — אַ פרוכט פון דער ציטרוס־משפּחה

## ד

דאַון־טאַון — הינטערשטער טייל פון שטאָט
דאַים — מטבע פון צען סענט
דוירב — אַ האַרטער קאַפעליוש, ווי אַ קעסעלע
דזשאָב — אַן אַרבעט, אַ באַשעפטיקונג, אַן אויפגאַבע
דראָג־סטאָר — אַפּטייק, קראָם פון רפואות
דרעס — קלייד

## ה

האָט־דאָגס — געפּרעגלטע פראַנקפורטלעך, קושקעלעך
האָלד־אָפּ — אַ רויבערישער איבערפאַל
האַמבורגער — געפּרעגלטע צעמאָלענע קאָטלעטן
העי־פיווער — די קראַנקהייט פון ניסן, וואָס קומט אין באַשטימטע צייטן פון יאָר

## וו

וועיטער — קעלנער
וועסט — מערב
וועסט־סאַיד — מערב־זייט פון שטאָט

## ט

טאַיפּראַיטער — אַ שרייב־מאַשינקע מיט געדרוקטע אותיות
טיפּ — אַ קליינע געלט־באַלוינונג צו די, וואָס באַדינען אייך
טענעמענט — אַ הויז מיט עטלעכע שטאָק, וו די קליינע פאַרדינער וווינען
טראָק — לאַסט־אויטאָמאָביל
טרעמפּ — אַ בראָדיאַגע

## מ

מאָווי — אַ שפּיל אויפן לייוונט, קינעמאַטאָגראַף
מילינערי־שאָפּ — אַ פאַבריק פון פרויען־היטלעך
מיסטער — הער
מיסיס — האַרנטע

## נ

ניקל — אַ פינף־סענטיקע מטבע
ניקערס — קורצע הויזן

## ס

סאָבוועי — אונטערערדישע באַן
סאַלון — אַ שענק
סטעיק — אַ געבראָטן אָדער געפּרעגלט שטיק פלייש
סטאָר — קראָם
סטאָר־קיפּער — אייגנטימער פון קראָם
סטריט — גאַס
סטופּ — די טרעפּ ביים אַריינגאַנג פון אַ הויז
סטיט — שטאַט
סיטי־קאָלעדזש — שטאַט־אוניווערסיטעט
סעילסמאַן — פאַרקויפער
סענט — דער הונדערטסטער טייל פון אַ דאָלאַר

## ע

עווענױ — ברייטע גאַס
עלעוועיטער — הויך־באַן
עלעוועיטאָר — אויפהויבער, מיינענדיק אַ מאַשין, וואָס הייבט אייך אויף צו די אייבערשטע שטאָקן

## פ

פאָוסטער — אַ רעקלאַמע, אַן אַפּיש אויף אַ גרויס שטיק קאַרטאָן
פּאַרטי — אַ שמחלע, אַ צוזאַמענטרעף, אַ וועטשערינקע
פּושקאַרט — שטופּ־וועגעלע
פּיקניק — אַ סעודה אויפן גראָז, אין אַ פּאַרק
פּעדלער — דער, וואָס טראָגט אַרום זיין סחורה צו פאַרקויפן אין אַ קאָשיקל אָדער אין שטופּ־וועגעלע
פּראָהיבישאָן — פאַרבאָט, מיינענדיק דאָ דעם פאַרבאָט צו פאַרקויפן אַלקאָהאָלישע געטראַנקען
פּוירנישד־רום — מעבלירטער צימער
פרענטש־פראַיעד — רעפטלעך קאַרטאָפליעס געפּרעגלט אין בוימל

## ק

קוואָדער — אַ פינף־און־צוואַנציק־סענטיקע מטבע
קלינינג־סטאָר — אַ קראָם, וו מען רייניקט קליידער
קענדי — צוקערקע, זיסוואַרג
קענדי־סטאָר — זיסוואַרג־קראָם
קענטעלאָפּ — פּרוכט פון דער מעלאָן־משפחה. אין רוסיש: „דיניאַ“.

# אינהאַלט


| | זייט |
|---|---|
| איז גרשון שוין טאַקע אין אַמעריקע? | 7 |
| ס'וועט אים נאָך זיין גוט אין אַמעריקע | 11 |
| דאָס האַרץ זאָל זיין ווילד און פריילעך... | 16 |
| זאָלסט שמייכלען, גרשון... | 20 |
| גאַנץ בראָנזוויל לויפט!... | 24 |
| ס'ערשטע מאָל אויף איסט בראָדוועי | 29 |
| ס'גייט נישט גרשונען אין אַמעריקע | 33 |
| דאָס גרויסע געווינס... | 38 |
| די אַמאָליקע „פאָרווערטס"=בעלער | 43 |
| דער בראָנזווילער וועקזייגער | 48 |
| וואשינגטאָן עווענין?... | 52 |
| העברעישע לערער... | 57 |
| נאָכאַמאָל מרים | 62 |
| גרשון שלאָפט אין סאָבוועי | 67 |
| אן אַנדערע אַמעריקע... | 72 |
| ס'איז דעמלט געווען פרילינג... | 77 |
| גרשון — אַ קעלנער אין די קעטסקילס | 81 |
| דער גרעסטער וווּנדער אויף דער וועלט... | 86 |
| בראָנזווילער פּיזזאַזשן | 91 |
| גרשון איז שיכור... | 95 |
| גרשון אין בויבעריק | 99 |
| שטרויענע קאַפּעליושן | 104 |
| דאָס מיידל מיט די בלויע אויגן | 109 |
| יום=כּיפּור אין בראָנזוויל | 114 |
| דער טייערסטער האָנאָראַר... | 119 |
| איוואַ פּאָרט אַוועק... | 124 |
| אַ זונטיק אין בראָנזוויל | 129 |
| דער גאַסן=פּויקער | 134 |
| ח ב ר ש אַ פ ט... | 139 |
| די „פּרייהייט"=בעלער... | 144 |
| די ערשטע „פּרייהייט"=שרייבער | 149 |
| ערשטער האָנאָראַר פון דער „פּרייהייט" | 154 |
| דער אַראָמאַט פון יידישן וואָרט... | 159 |

ס'ערשטע מאָל אין קאַפע „איוראָפע“ 164
די גאָר יונגינקע שרייבער... 169
פנימער אין קאַפע „איוראָפע“... 173
דאָס לאַנד פון די יידישע שרייבער... 178
ליטעראַטור און מאָלצייטן אין קאַפע „איוראָפע“... 182
גרשון שרייבט אין העברעיש... 187
גרשון און לאה קאָפּילאָוויטש 192
גיי פארשטיי הערמאַן גאָלדן... 196
גרשון איז הייגט פריילעך... 201
ק אָ ר ע נ ע ר ל ע ק ע ד 205
פרילינג אויף צווייטער עוועניו 210
ה ע ל אָ ן, י אָ ס ל!... 215
אָ ל מ ע ר פ אַ ר ק 220
א י ב ע ר ה א ד ס אָ ן 224
אין קעמפּ „ניטגעדאיגעט“ 229
דער ליבער יום־טוב קודש גייט אַוועק... 234
א יי נ ג ע מ אַ כ ץ 239
ד ו ד א י ג נ אַ ט אָ וו 244
איבער די שולן אין ניו־יאָרק 249
דאָס געבורט פון אַ יידישן בוך 254
ווי א בוים אין פעלד... 258
א שבת אין קאַפע „איוראָפע“ 262
גרשון זוכט א צימער... 267
גרשונס פערצנטע גאַס 272
גרשון און לאמעד שאַפּירא 277
דער פּאָעט פון דער פערצנטער גאַס 282
ס' ב ר ו ד ע ר ל יי ב ע ל ע 287
איינמאָל אַ נאַכט אין קאַפע „איוראָפע“ 292
ג ר ש ו נ ס פ ר נ ס ו ת... 296
גרשון — א רוימישער סענאַטאָר 300
אין גערויש פון דער פערצנטער גאַס 304
י ע מ ו ד!... 308
ס' ל ו י כ ט א ו י ף... 312
אין דעם גאָלד פון פרילינג 316
צ ב י ה י ר ש ק אָ ן 319
א קדיש נאָך דריי חברים שרייבער... 324
א יי ז י ק ר א ב אָ י 329
ב אַ נ ק ע ט ן 333
אָן א ניקל אין קעשענע 337
אַ שול אין די בראָנקס 342

| | |
|---|---|
| אין קעמפּ „קינדערלאַנד“ | 347 |
| דער צווייטער גן=עדן | 353 |
| לאַמעד שאַפּיראָ קריטיקירט | 357 |
| גרשון האָט מזל... | 361 |
| אמאָל, אמאָל אויף דער צווייטער עוועניו... | 366 |
| איטשע בידערמאַנס בוך=געשעפט | 370 |
| דער טשיקאַווער באַנקעט | 374 |
| דוד בערגעלסאָן אויף צווייטער עוועניו | 378 |
| ה. ד. נאַמבערג אין מאָסקאָוויטשעס קאפע... | 383 |
| א בריוו פון פילאדעלפיע | 388 |
| אויפן אָוונט אין פילאדעלפיע | 392 |
| די נייע גערעטעניש... | 396 |
| די מאָדיקאָטלעד | 401 |
| די גרינע קאַטשקע | 405 |
| די לעצטע וועטשערע אין קאַפע „אייראָפּע“ | 410 |
| ווען קיין געלט איז נישט געווען | 414 |
| אין קאפע „ראָיאל“ | 418 |
| פּנימער אין קאַפע „ראָיאל“ | 422 |
| טשארלס יאָפּע | 426 |
| געוויסע פּריוויט=צונאכטסן | 430 |
| פּאָעט=אימפּעראטאָר | 434 |
| די שטענדיקע אין קאפע „ראָיאל“ | 438 |
| טיפּן פון קאפע „ראָיאל“... | 442 |
| מען עסט און מען רעדט אין קאפע „ראָיאל“... | 446 |
| אויפן דנאָ | 450 |
| אין א רעגנדיקער נאַכט | 454 |
| קאפע „ראָיאל“ אינדרויסן | 458 |
| גרשון — א לאַד=דירעקטאָר | 462 |
| משה דער פּריילעכער | 466 |
| ווידער אמאָל מרים | 470 |
| פּאָרטרעטיש פון די ענגלישע ווערטער | 474 |